ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

## עת לעשות

חלק א׳

אידיש

**122**


הוצאת אמונה

ברוקלין נוא יארק,

שנת תשמ"א לפ"ק

ספר

# עת לעשות

אלה הדברים שאלות ותשובות "עת לעשות"

להורות לעם ד' דרך ילכו בה ומעשה אשר יעשון. חברתי בעזרת החונן לאדם דעת · ומאתו מענה לשון · אני הקטן

**הילל ל"ש** מילדי עיר **וועטש** במדינת **אונגארן**

רב פה **קאלאמיא** והגליל יע"א:

לעמבערג

שנת **תרלג** לפ"ק

צווייטע אויף לאגע

הרוצה להשיג ספה"ק זה נא ליפנות לר' פאוויש רויזענבערג נ"י האדרעסע כדלמטה — או אצל סוחרים מוכרי ספרי קודש בלבד

Z. ROSENBERG

219 Keap Street * Brooklyn 11, N. Y.

*Printed in U.S.A. by*

EDISON LITHOGRAPHING CORP.

בעזה"י

# הקדמה

ווייל איך דורך פילען אומגאנג און פערקעהר פון מעהרערע יארען מיט פערשידענע קלאסען פון יידישע קינדער האטע . און האבע זיא קענען געלערנט אז שטארק איבער צייגט בין דאס זעלבסט ביי דיא נידריגסטע קלאסע פון איהנען דיא אמונה און אהבה צו דען דת און דען בורא ב"ה ביי איהנען נאך פרייא און פעסט איז . און אויך אין היינטיגער צייט דער אודר אלטער נאמן אום אני חומה . חבוקה ודבוקה בך מיין פאר נעמן איז אין דיא יודישקייט מיך צו שטערקן אלס וויא איינע פעכטונגס מויער . איהנען פאסענד איזט . און זיא אין מאנכע הינזיכטען נאך לויבענס ווערטהער אלס דיא דורות ראשונים דיא פריריגע דורות זינד . און דיא גאנצע אורזאך דאס יענעס . אדער מאוכעס . און אין געוויסע געגענדען גאר פילעס פון דיא יידישקייט ביי איהנען געשוואכט . פערקלענערט . פערוועניגערט . און אין קליינען ווערהרט שטעהט . איז נור דיא אונוויסענהייט דאס זיא ליידער פון דיא פארשריפט דיא הייליגע תורה ניכט נור ערווייטערט . זאנדערן גאר פרעמד זינד . ווייל בעוה"ר דיא אמתדיגע טרייע פירער זעהר זעלטען זינד . און דאדורך זיא אין דיא ווירקליכקייט כצאן בלא רועה וויא שאף אהנע היטער זינד . און אין מאנכע שטעדט גאר וויא איין פעראירטעס שאף צו בעטראכטען זינד דורך איהרע פאלשע מנהיגים . דאריבער פינדע איך מיך שולדיג מקיים צו זיין דיא מצוה הפרו תורתך ווענן עת לעשות לד' . דאס ווענן מאן יידישע קינדער צו רעכט וויזען זאל מוס מאן זיך פון תורה לערנן מבטל זיין . דאס דיא ברענענדע קויל פון אברהם אבינו צו הש"י ביי זיינע קינדער אין דען דור אחרון לעצטען צייט אלטער ניכט גאנץ פערלאשן ווירד . דיזעס ספר צו מאכן (וואס דער אינהאלט דאפון איז . איינע לעבענס פערזיכערונג וויא אזו מאן זיך פיהרן זאל דאס דאדורך זיינע יאהר ניכט פערקירצט ווערדן . און ווען ער אויך שאהן גפעהלט האט וויא אזו ער זיך העלפן קאן צו אריכות ימים לאנגעס לעבן זוכה צו זיין . און דאס ער ניכט קראנק זיין זאל . און ווען ער אויך שאהן ערקראנקט איז . וויא אזו און אויף וועלכר ארט ער צו זיין געזונד קאמן קאגען זאל .

און וויא אזו ער פון זיינע קינדער נחת האבן זאל . און דאס ער ניכט גורם זיין זאל איהרע יונגע יאהר צו פרשניידען ח"ו .

וויא אויך דיא וועלט בעקאנט צו מאכען פיהלע הערץ שטערקענדע מיטעל . ווייל דאס הערץ דיא קוועלע פון דען לעבן איז - דאמיט פון יענע קראנקהייטען אב צו העלפן דיא דאס הערץ בעריהרן .

און פיר פרשידענע אויגען קראנקהייטען . שוואך . טריב . דונקעל . קורץ זיכטיג . ענטצינדונג . שטאהר . גאנץ בלינד . געוויסע היילמיטעל וויכען צו מאכען .

# הקדמה

און דאס איין יעדער וויסען זאל אום וועלכען גרונד און צוועק ער אויף די היינטיגע וועלט געקאמען איז . און דאדורך זיך געניי און זעהר גוט אכט געבען . נור אויף איינע זאלכע אַרט די היינטיגע וועלט מיט צו מאכען דאס דאדורך די קינסטיגע ניכט נור ניכט בשעדיגט זאנדערן אויף דען גרינגסטען ניכט בערירט ווירד --

מיט וועלכען גייסט און אייפער מאן די היינטיגע מצות מקיים זיין זאל -- מיט וועלכען פייער דאס מאן פיר דען אמת און דת שטרייטען זאל דאס מאן אויף אזו מדריגה קאמען קאן און קאמען זאל דאס מאן זעלבסט איינזעהט און פערשטעהט דאס קיין גרעסער נחת רוח איז פערגעניגען אויף דיזער וועלט פאַרהאנדען איז אלס ווען מאן די זכיה האט איין ערליכער אמתדיגער עובד ה׳ צו זיין אויף דען שלמה המלך זאגט מה יפית ומה נעמת אהבה וויא שעהן . וויא אנגענעהם איז די ליב צו השי״ת און צו זיין תורה) וועלכעס איין פערעיין פון פיהלע און מעהרערע פערשידענע אויפקלעהרונגען איז אום דאדורך בעווירקען צו קענען דאס איין יעדער צו איין רוהיגעס צופרידענעס . לוסטיגעס לעבען זוכה זיין ווירד אויף דיזע פיהלמער אויף יענע וועלט - -

מיין טייערעס ספר וואס מיך פיהל ביטול תורה און אונצעהליגע דמעות קאסט . איך שיקע דיך אין די וועלט איך טראגע דיר אויף דאס דו נימאנדען אומוויכען זאלסט . קיינע גראסע שטעדט . קיינע געמעהסינטע . קיינע פארטשרימס פארטייא . זעלבסט קאסינען . קאפע הייזר . ישיבות פון די מורכבים וויא מאן תורה לערנען מיט גוישע ביכער צוזאמען נימט . גיבט צוריק צו לאסען . דו זאלסט אבער ניכט זאגען וויא אויך ניכט דענקען . בייא די היינטיגע פרעגע . פרייע אונפערשעהמטע וועלט . ווער וויַרד מיך אנזעהן -- ווער ווירד מיר געהער געבען -- וואו ווערדע איך גוטס ווירקען קענען . איך קענע נאך איהנען גורם זיין להוסיף עבירות מעהר עבירות צו טוהן . ליצנות . ולעג שאננים . פיהלמער דא איך נור אין יידיש דייטשער שפראכע פערפאסט בין -- דען זעלבסט נאך דיינער מיינונג זאג איך דיר דאס דיינע טרחא און וועג ניכט אומזאנסט און אונניצליך זיין ווירד . דען ווירסט דו ניכט ווירקען בייא מענער . ווירסט דו ווירקען בייא ווייבער די ווייכהערציג זינד . ווירסט דו ניכט ווירקען בייא יונגע מענשען . ווירסט דו ווירקען בייא אלטע . ווירסט דו ניכט ווירקען בייא געזונדע ; ווירסט דו ווירקען בייא קראנקע . און בייא מדוכאים ביסורים . די וואס פון יסורים הערצהייס געזוכט און געפלאגט זינד . וויא אויך בייא זאלכע די פון פגעי זמן שלעכטע צופעלע צערפאלגט זינד . אבער נאך מיינער מיינונג ווירסט דו מצליח זיין אין אלע דיינע וועג -- פירכטע ניכט . זייא אונבעזאָרגט . שרעקע ניכט צוריק . ווייל פון יידישע קינדער איהר אוהר אלטער פאטער וואר אברהם אויף דען די תורה שרייבט והאט׳

# הקדמה

והאמין בה׳ דאס זיין גלויבן צו השי״ת וואר פעסט אונ טריא. זא איז יא בייא איהנן בתורת ירושה דיא אמונה איינגעווארצעלט אונ איהר נאמען מאמינים בני מאמינים פעראימער אונאופהערליך איז · דאריבער נאך מיינער איינזיכט ווירסט דיא זעהר פיהל ווירקן · פיהל יידישע קינדער ווערדן דיך קישן · אונ מעהרערע בייא דען דורך לעזען טרערין פרגיסען אונ זיען אוך מאנכע דיך צו דיא ערד ווירפען אונ מיט פיססען טרעטן · ווירד שאהן · ווידער קאמען איינע צייט · ווא זיא דיך אוף העבן אונ ליעב האבן ווערדן · דען דיא צייט איז שאהן גקאמן · אונ ריקט נעהער אונ נעהער דאס דיא מענשן איהרע אויגען עיני השכל דיא אויגען פון איהרען פערשטאנד עפענן זאהן · נור דען וואהרען ריינען אמת צו ערהיבן · (אזו וויא דאס ליכט אב עס גאנץ פערלאשן ווירד · ערהעבט עס זיך פריהער אין איין גרוסען פלאם · אב דער טאג לייכטעט ווירד דיא נאכט פינכשטער · דאריבער אין היינטיגער צייט ערייגענן זיך פיהלע הריסות פרצות דהורה אונ כפירה · גאנצע כופרים · רעפארם · גמעדסיגטע · דיזעס איז דער סימן דאס קרובה ישועה לבוא דאס דיא הילף גאנץ נאהע איז · אונ דאס דער אתא בוקר דער מארגן פון דיא ערלעזונג גאר ניכט ווייט איז דאס דאמאלס ווירד מקוים ווערדן רוח הטומאה אעביר מן הארץ דאס דער יצר הרע פון דיא וועלט גאנץ וועקגעשאפט ווירד · ומלאה הארץ דעה את ה׳ אונ דיא מענשען ווערדן נור ווינטשן דען וואהרען אמת צו ערקענן) אונ אלע זיך בשטרעבן ווערדן ור דיא היייגע תורה כתב ועל פה תנ״ך אונ דיא גמרא פינקטליך נאך צו פארגען אהנע שום ענדערונג וגרעון · עס זייא אוף וועלכע ארט אימער — ניכט וויא אין מאנכע מדינה וואס דאס פרעמדע געזינדל זאגן דאס איהרע צדיקים האבען דען כח דען ש״ע אום צו ענדערן · אונ צו צערברעכן) אונ ניע מעהר זיך צווינגען לאסען דורך פערשירענע מסיתים פרפיהרער צו אונטער יאכען צו זאלכע מנהיגים וואס איהר גאנצער תכלית נור איז להרבות כבוד ועושר · וויא דיא צו זיכערונג פון השי״ת איז באחרית הימים ומל ה׳ את לבבך עס ווירד קאמען איינע צייט דאס השי״ת ווירד בעשיידן דיין פארשטאקטעס הערץ · כי עד ארגיעה לשון שקר ושפת אמת תכון לעד דיא פאלשע צינג דויערט נור איין אויגען בליק · אבער דער אמת דויערט אימער · לכן מורא לא יעלה על ראשך — דאריבער זאלסט דוא גאר קיינע פורכט האבן · ירכב וצלח על דבר אמת אונ אין דיין פאהרנעהמן דען אמת צו פרברייטן זאלסט דיא בעגליקען ---

# דברי המחבר

## הערה

שאנו מחוייבים לדרוש בשלום המלך והמדינה, ז״ל קרי בי רב הוא. ירא את ה׳ בני ומלך · ועם שונים אל תתערב — אני פי מלך שמור . דרשו את שלום העיר — והיא אתת מהשבועות שהשביע הקב״ה את ישראל (כתובות דף קי״א ע״א) :

# מפתחות

## כלל א לדעת חכמה ומוסר ובו יג שו״ת

דף עמוד


שאלה א וועגן תורה לערנען אין טייערען ווערט שטעהט וויא פיעל טובות דער כלל ישראל דאדורך גענוסט : א א

שאלה ב וויא ווייט דאס תורה לערנען ווירקט אויף דיא יראת שמים : ב

שאלה ג אב תורה מיט יראת שמים פערבינדערט זינד אדער געטיילט ווערדען קאנען · ג ב

שאלה ד אב יעדעס תורה לערנען האט דען קראפט דען יצר הר״ע צו אונטער דריקען · אדער נאר זאלכע תורה דיא לשמה געלערנט וויךד · געמליך דאס דער גאנצער ציעל פון דעם לערנן נאר איזט יראת שמים צו ערדייכן : ד א

שאלה ה אב יעדע תורה איין (סם חיים) איז אדער נור זאלכע דיא מיט (יראת שמים) פערבינדן איז · אונ אב תורה אהנע (יראת שמים) שעדליך אונ געפערליך איז אדער ניכט · ה א

שאלה ו דורך וואס קאן איין מענש דאצו קאמען דאס ער צו אמתדיגע יראת שמים זוכה זיין זאל · ו א

שאלה ז וואס מאן אלעס שולדיג איז אן צו ווענדן אונ זיך צו בשטרעבן אום יראת שמים צו ערלאנגן · ז ב

שאלה ח וויא ווייט דיא (אהבת הש״ם) ביא איינעם ערליכען יידען זיין קאן ·

שאלה ט אויב תורה לערנן אודר מצות טאן קאן ביא דען מענשן פערא[ו]רזאכן ווערהענד מאן זיא מקיים איזט איין (נחת רוח) אונ פערגניגען אודר ניכט : ח א

שאלה י דער געמיינער מאן וואס קיין וויסענשאפט אין דיא תורה האט אב קיין וועג פערהאנדן איזט דאס ער זיך דאך דען זכות פון תורה לערנן איינען מאכן קאן · ט א

שאלה יא דיא מצוה דאס מאן זיך אן תלמידי חכמים בהעפטן זאל אונ זיא צו אונטער שטיצן אוב נאר דער טעם איזט דאס זיא דאדורך מעהר תורה קענן לערנן זאלן . אודר איזט נאך איין אנדערער גרינד דאביא · י א

שאלה יב ווען איין אשה זיך דען זכות פון תורה לערנן איינן מאכן זיל וויא זיא זיך צו פיהרן האט · יא א

שאלה יג דיא יידישקייט צו בעפעסטיגן וויא פיעל קענען נשים צדקניות דאצו ביא טראגען · יז א


שאלה

# מפתחות

## כלל ב המשפילי לראות ובו י״ב שו״ת


| | | דף עמוד |
|---|---|---|
| שאלה יד | וואס פיר איין שוטץ אונ חומה צו דיא יידישקייט האלטן דיא אמונה איזט . | יט א |
| שאלה טו | גיב מיר איין אויף הלעדרונג אויף דיא (בקשה) פערלאנגען פון יצחק דאס זיא ניכט זא ווילד אונ פרעמד אויפפאלענד זיין זאל . | ב |
| שאלה טז | אב יסורים אימער גוט אונ ניצליך זינד . אדר נור מאנכעס מאל | כב א |
| שאלה יז | אויף דען אלגעמיינען וואָרט דיא שלאנג בייסט ניכט, זאנדערן דער חטא . ווינשע איך איינע דייטליכע אויף קלערונג | ב |
| שאלה יח | אב יסורים זינד טייער אונ חשוב ביא יעדן מענשן . אדער נור ביא זאלכע דיא איין פעסטע אמונה האבן . | כד א |
| שאלה יט | צור וועלכער צייט איזט מאן שולדיג דאפעלט מיטליידונג צו האבן ווען יידישע קינדר פון צרות אונ אונגליקע פערפאלגט זינד רחמנא ליצלן : | כה א |
| שאלה כ | דער מענש דער וואס דורך יסורים דאך ניכט ערוואכט אב זיין עונש גרעסר איזט אודר ניכט . | כו ב |
| שאלה כא | ווען איינעם איין קליינער שאדן געטראפן האט אונ עס איז ביא איהם גלייכגילטיג זיך דאריבער צו בעקימערן . אב דיזעס קיין אונרעכט איז — וויא אויך דאס מאנכע ווען זיא איין אונגליק געטראפן האט . איזט נור איהר ווארט השי״ת האט געווים רעכט . אב זיא מיט דען יוצא זינד דיא מצוה פון צידוק הדין אודר ניכט . | כז ב |
| שאלה כב | וויא אזו קאן מאן זוכה זיין דאס מאן ביא דען גליקליכן אדער עלענדען שטאנד אימר דיא תורה אונ יראת שמים טריא בלייבען זאל : | כח א |
| שאלה כג | אב מאן אין דען גראסען רייכען שטאנד זיך עטוואס ערלויבן קאן פון דען וועג דער תורה אוים צו טרעטן אודר ניכט . | כט ב |
| שאלה כד | אויף וועלכע ארט דער קראנקער דען דאקטאר דאס צוטרויען שענקען זאל אונ זיך אויף איהם צו שטיצען דאס ער איהם היילען ווירד . | לא א |
| שאלה כה | דיא אשה וואס (קרובה ללדת) נאהע צום געבעהרן אודער ענטבינדן איזט . ווען זיא דיא העבאמע רופן . אונ וועלכע שטיצע דאס זיא אויף איהר האבן זאל . | לג א |


שאלה

# מפתחות

דף עמוד

## כלל ג והודעתם לבניך ובו יא שו"ת


שאלה כו אב איין יעדער פאטער בייא דיא (בר מצוה) פון זיין קינד ברוך שפטרני זאגן קאן אדר ניכט · לד א

שאלה כז איין קינד וואס מאן זעהט דאס ער ניכט פעהיג איז דאס ער אין תורה לערנען מצליח זיין ווירד אב מאן איהם באלד אין דיא יונגע יאהר צו איינעם בעל מלאכה האנד ווערקער. אדער צו איין געשעפט געבען זאל · אודר ניכט · לה ב

שאלה כח איין פאטער דער ארים איז אונ ווינשט זיינע קינדער איינמאל גליקליך צו זעהן אב איהם ערלויבט איז זיא פון דיא תורה וועק צו נעמען אום איהנען איינע מלאכה אודר פרעמדע קענטנים לערנען צו לאסען · לט א

שאלה כט אב עס איין יושר איז אום זיין זאהן פון מיליטערם פפליכט צו בעפרייען · איהם צו שטודירען לאסען · אודר ניכט - מב א

שאלה ל זאלכעס איזט מעגליך דאס איין מענש נאך זיין שטערבען דאך איין בעל עבירה זיין קאן אודר ניט · ב

שאלה לא אב מאנכעס מאהל פיר עלטערן ווינטשענס ווערט איז איהרע קינדער ווען זיא נאך קליין זינד צו בגראבען ר"ל · מה ב

שאלה לב דאס אלגעמיינע ווארט דאס דיא יעניגע דיא דיא תורה מיט חכמות חיצוניות פרעמדע קענטניסע מרכיב זיין ווילען צו זאמען נעמן ·דאס ניט מעגליך איזט דאס זיא דיא עיקרי אמונה טרייא זיין זאלען -- אב דיזעס נור איינע מוטמאסונג · אודר איין פעסטער גרונד זאטץ איז · מז א

שאלה לג ערקלערע מיר דען טעם ווארום מאן זיך ערווייטערן מוס זייגע קינדער ניכט אונטעררריכטען צו לאסען פון זאלכע מורים דיא ניט פעסט אין דיא אמונה זינד · מח ב

שאלה לד אויף וועלכע ארט דיא אהבה פון דען פאטער אויף זיין זאהן זיין זאל · נ א

שאלה לה אב איינע זאך פערהאנדען איז וויא מאן זיך ·אדורך פון יום הדין רעטן קאן · ב

שאלה לו אויף וועלכע ארט דיא קינדער אן איהרע עטערן נוהג בכוד זיין קענן ווען זיא אויך שאהן געשטארבן זינד · נב א


## כלל ד קדושים תהיו ובו ו שו"ת


שאלה לז וויא גראס דיא ערווייטערונג פון עריות זיין מוס · ווען ער קיין רוצח אוף זיינע קינדער זיין וויל · נב ב

שאלה לח אב עס איין יושר איז דאס מאן דיא זמן חתונה פערשפעטיגן זאל

# מפתחות


דף עמוד

זאל ביז מאן איין געלעהרנטער סוחר איז אודר ניכט · נד ב

שאלה לט פאן וועלכע דבורים רעד דער מענש זיך ערווייטערן מיט און וועלכע ער זיך איינגען מאכן זאל ·

נה א

שאלה מ וויא גראס דער חטא פון עון זרע לבטלה איז · און וויא אזו מאן עס מתקן אוים בעסערן קאן ·

נו א

שאלה מא וייל ביא איינען יעדען שידוך מעלות און חסרונות זינד וועלכעס איז ער שולדיג פאר צו ציהען · און וועלכעס צו אונטער לאסען ·

ב

שאלה מב וויא דיא פיהרונג צווישען מאן און וייב אין הינזיכט דת משה און דת יאהדות אום זעהן זאל ·

נח ב


# כלל ה בצדקה תכונני ובו ה שו״ת


שאלה מג וועלכער עושר פערדינט דאס מאן איהם וועגן זיין רייכטום מקנא זיין זאל ·

נט א

שאלה מד דא דאס שפריכווארט איז מלח ממון חסר דען געלד פעהלט זאלץ · איז מיין פערלאנגען דאס דוא מיר דען זין דאפון זאגען זאלסט ·

פ ב

שאלה מה וועון דער עושר דען תלמיד חכם אונטער שטיצט · אב ער איהם ווירקליך פון דען זייניגען גיבט אודר ניכט : סא א

שאלה מו ווען איינעם השי״ת עשירות צו געטיילט האטווען ער מיט חכמה ווירטשאפטן וויל · אוף וועלכע ארט ער זיך פיהרן זאל· · · ‡

שאלה מז אב בעסער איז ביא זיינען לעבן איין קמצן צו זיין און צו לעצט קרן קיימת צו מאכן : אודר ער זאל אימער פרייא געביג זיין ווע׳ אויך דאס דאדורך זיין פרמעגן ניכט הינרייכענר זיין וויירד קרן קיימת צו מאכן :

סב א


# כלל ו ושם דרך ובו ט שו״ת


שאלה מח דא דיא תורה פערבאטן האט איבער פליסיגע זאכן צו געניסן ווען זיא אויך היתר זינד · זאג מיר נאר דעם טעם פון דער מצוה :

סג א

שאלה מט דא איין מענש מלא טרדות איז פיעל צו טוהן האט · איז דיזעם פערארזאכט דאס זיין עבודה דינסט צו השי״ת ניכט מיט ריינע מחשבות איז · אוף וועלכע ארט קאן זאלבם ביא השי״ת דאך אין ווערט שטעהן :

סט א

שאלה נ וויא איז מעגליך דאס דער מענש השי״ת אונאויפהעהרליך דינען זאל ווען אויך דאס דיא טרדות אום צורכי עולם הזה צו ערלאנגן זעהר פיעל זינד ·

ע א

שאלה נא

# מפתחות


| | | דף עמוד |
|---|---|---|
| שאלה נא | וויא אזו זאל מאן געשעפטן פיהרן וואס מאן דאדורך זעלבסט אויף דען האנדל שכר ערוואוארטן קאן -- . | עב א |
| שאלה נב | דא דער געלד רייך גראם איז . דורך וואס קאן מאן זיך דאך צוריק האלטן פון חילול שבת ווען אויך דאס זיינע געשעפטן זעהר פיעל זינד . | עה א |
| שאלה נג | אב מאן וועגן פרנסה צו זוכען ניכט שולדיג איז פריא אונ אבענד אין שוהל צו געהן אונ קובע עתים לתורה צו זיין אודר ניכט -- . | עו ב |
| שאלה נד | ווען איינער פון השי"ת פרנסה פערלאנגט וואס ער פריער צו טוהן האט -- . | עז ב |
| שאלה נה | ווען ער פון השי"ת פרנסה פערלאנגט וויא אזו ער זאל מתפלל זיין -- | עח א |
| שאלה נו | ווארום דיא רשעים בעגליקן . אונ אב איהרע שלוה דען ווערט האט דאס מאן זיא דארום מקנא זיין זאל אודר ניכט -- | ב |


# כלל ז השיבו וחיו ובו י"ב שו"ת


| | | |
|---|---|---|
| שאלה נז | וועלכען וועג דאס מאן געהן זאל וויא מאן דאדורך דיא אמתדיגע יראת שמים ערלאנגן קאן -- | ס ב |
| שאלה נח | אויף וועלכע ארט אונ וועלכע צייט איז ער שולדיג זיך אויף שבת מכין צו זיין --- . | סד א |
| שאלה נט | אב תשובה ניצט צו יעדר צייט אודר ניכט . אונ דאס דאס איין מענש יראת שמים האבן מוס . איז שאן דיא שולדיגקייט אין דיא יונגע יאהרן אודר ערסט לעת זקנותו . | ב |
| שאלה ס | איז מעגליך דאס מאן זיך בעפרייען אונ אום לעזען קאן פון דעם עונש אויף דיא עבירות מיט צדקה אליין אודר ניכט . | סו א |
| שאלה סא | וויא אזו מאן זאל זיך נוהג זיין אין דיא סליחות טעג . | ב |
| שאלה סב | ערקלעהרע מיר דיא נאטווענדיגקייט וועגן וואס דאס איין מענש זיך בעשטרעבן זאל תוכחה צו הערן . | פז א |
| שאלה סג | איין מענש דער זיך מדות טובות איינען מאכן וויל אונ פון מדות רעות זיך ערווייטערן . וואס האט ער צו טוהן . | פז ב |
| שאלה סד | איין מענש דער גאנץ אונוויסענד איז אונ זעלטן איינע מצוה אודר תפלה פעהלער פרייא מקיים איז . אב זאלכעס בייא השי"ת דאך איין ווערט האט אודר ניכט . | פט א |
| שאלה סה | וואס איז דיא שולדיגקייט דאס איין מענש מוס מתפלל זיין - אב יעדע תפלה אנגענאמן ווירד אודר ניכט . וייל זיא דורך געוויסע עבירות צוריק געווארפן ווערדן קאן . | צ ב |


)(

שאלה סו

# מפתחות


דף עמוד

שאלה סו דיא מִצְוָה דאס מאן איינן אַלטן מְכַבֵּד זיין זאל . איז דאס איין כְּלַל מַסְפִּיק אָהנע אום נאמע אודר ניכט . צב א

שאלה סז אָב זאלכעס מעגליך איז . דאס מאנכער קינדר לאז איז ווען אוך דאס ער פילע קינדר האט . אונ איין אַנדערער ווען אוך דאס ער קינדר לאז איז . בֶּאֱמֶת דאך קינדר האט . צג ב

שאלה סח איין מענש דער איין עָקָר איז אונ זיך דאדורך עלענד זעהט . וויא אזו מאן איהם טרעסטן קאן . צד א

# כלל ח לוקח נפשות חכם ובו ט שו״ת

שאלה סט וויא גרוס דיא טוֹבָה פיר דען דור איז ווען זיא אֱמֶת׳דיגע מַנְהִיגִים האבן . צו א

שאלה ע אוף וועלכע ארט דער צַדִּיק זאל דיא מענשן אָב פערטיגען דיא צו איהם מיט בַּקָּשׁוֹת קאמן . צח ב

שאלה עא וואס איז דער טַעַם פון דיא מִצְוָה דאס מאן אפט צַדִּיקִים בעזוכן זאל . קא ב

שאלה עב ווארום איז דיא מִצְוָה דאס מאן פאר דען תַּלְמִיד חָכָם ערפורכט האבן זאל . אזו גראס אונ טייער . קו ב

שאלה עג איז דאס מעגליך דאס מאנכע מְקוֹמוֹת ניכט אָהנע מַנְהִיג זינד . זיא האבן אבער דאך קיין מַנְהִיג . קו ב

שאלה עד איין מַנְהִיג דער ניכט געהעריג מַדְרִיךְ אונ מוֹכִיחַ איז . איז זיין ווירקליכער נאמן רוֹצֵחַ . אודר ניכט . קז ב

שאלה עה ווארום דער עוֹנֶשׁ פון שלעכטע מַנְהִיגִים אזו פירכטבאר אונ שרעקליך איז . קט א

שאלה עו וויא אזו דאס מאנכע אוף איהרע שְׁגָגוֹת וויא אוף זְדוֹנוֹת געשטראפט ווערדן . ב

שאלה עז זאלכע דיא זיך ניכט צו דען יאך פון דיא תּוֹרָה אונ מִצְוֹת אונטער ווערפן ווילען . ווארום איז דאך אוף איהנען דיא שולדיגקייט דאס זיא נור איין מַנְהִיג אֱמֶת זעצן זאלן . קי ב

# כלל ט אום אני חומה ובו יג שו״ת

שאלה עח וועלכעס איז דער גרונד אונ דער עקשטיין וואס דאדורך דיא גאנצע יידישקייט בעפעסטיגט ווירד . קיב א

שאלה עט אָב מאן שולדיג איז כָּבוֹד אונ גְּדוּלָה פון עוֹלָם הַזֶּה ביא צו זייטיגן ווען דאדורך דיא יידישקייט געשטיצט ווערדן קאן . קיג א

שאלה פ דיא מִצְוָה דאס מיר פון יעדע אוּמָה אין שֵׁם . אונ לָשׁוֹן אונ מַלְבּוּשׁ . אום געצייכענט זיין זאלן . אָב דיזעס איין גרונדשטיין איז דיא גאנצע יידישקייט צו בעפעסטיגן אודר ניכט -- קיג ב

שאלה פא

# מפתחות


| | | | דף עמוד |
|---|---|---|---|
| שאלה | פא | אב די אזהרה בחוקותיהם לא תלכו דאס מאן ניכט געהן זאל אין די געברייכע אונ פיהרונג פון אנדערע פעלקר. פון די וויכטיגע לאוין פון די תורה זינד אודער ניכט: | קיד ב |
| שאלה | פב | אב עס אייגען יעדען ערלויבט איז נאך צו פארשטען אוף טעמים פון מצות. אונ תקנות. מנהגים. אודער ניכט. | קיז ב |
| שאלה | פג | אב דער שלום אונ הצלחה פון די וועלט אבהענגיג איז פון די שמירות התורה אודער ניכט. | קיח א |
| שאלה | פד | וועלכע מצוה האט דען כח צו פערזאכען דאס די גאנצע יידישקייט דורך איהר פעסט בלייבן זאל: | ב |
| שאלה | פה | אין דען לאנד ווא מיר מיט אנדרע פעלקר גלייכגעשטעלט זינד. אב מיר עס דארפען אלס פאטער לאנד בעטראכטען אודער ניכט: | קכ ב |
| שאלה | פו | אוף וועלכע ארט זאל דער דאנק זיין די מיר דען מלך אונ די שרים אוף די גלייכשטעלונג שולדיג זינד: | קכב א |
| שאלה | פז | אוף וועלכע ארט דער דאנק צו השי"ת אוף די גלייכשטעלונג זיין זאל | קכג ב |
| שאלה | פח | דען שרים צו מאכן זיך אין גראסע שטעדט צו בעזעצען אב עס לאנגזאמע איברלעגונג ערפאדערט אודער ניכט: | קכה ב |
| שאלה | פט | אב פיר די אמתדיגע ערליכע יידען (די גרויסן ווערדען ארטאדאקסישע פארטייא) געפערליכער איז די פארטשריטס פארטייא. אודער די געמעסיגטע פארטייא. | קכו ב |
| שאלה | צ | ווען מיר אונ אונזערע קינדער די יידישע אמונה אונ דת ביז אין די עוויגקייט טריא בלייבן ווילען. וועלכען וועג מיסען מיר אונז נעמן. | קכז ב |


## כלל י הצל לקוחים למות ובו יא שו"ת


| | | | |
|---|---|---|---|
| שאלה | צא | ווייל עס זינד פרשידענע וועג די איהר נאמן טוב ומועיל גוט אונ ניצליך. איז. ערב ונעים זיס אונ אנגענעם איז. ווינשע איך מיר זאלכעס אוף צו קלערען: | קל א |
| שאלה | צב | אב מאן דאס פאר הויז שענער פערצירן זאר אלס דאס שלאס. | קלא ב |


## איין אויף רוף

## פיר יידישע קינדר דאס זיא די זיבען פאלגענדע מצות גענויא אונ טרייא האלטן אונ היטען זאלן:

קלב ב

# מפתחות


| | | | |
|---|---|---|---|
| | | | ד עמוד |
| שאלה | צג | וָואס אִיז אַלֶעס פֶערְשְׁטַאנֶען אִין דִיא מִצְוָה הַצֵל יְקוּחִים לַמָוֶת רֶעטֶע זָאלְכֶע מֶענְשֶׁן דִיא מַאן הַארְגְנֶן טֶעטֶן וַוייל ... | קז א |
| שאלה | צד | וִויא וַוייט בַּייא אֵיינֶען יֶעדְן יְרֵא שָׁמַיִם דָאס שִׁפְלוּת הַדוֹר נִידֶערִיגֶן שְׁטַאנְד פוּן דֶען דוֹר אַיין טִיפֶען הֶערְצֶענְס דְוִויק בֶּעוִוירְקֶען זָאל : | קלח ב |
| שאלה | צה | אָבּ מַאן וֶועגֶען פֶערְטֵיידִיגוּנְג מַאנְכֶעס מָאל לַאנְג שְׁטוּרֶם מַאכֶן מוּס . | קלט ב |
| שאלה | צו | אוֹיף וֶועלְכֶע אַרְט דִיא קְרִיגְס פִיהְרֶער מִלְחָמוֹת הָאֻמֶת פִיהְרֶען זָאלֶן . אוּנ אֵיינֶע גֶענֶויע אוֹיף זִיכְט אוֹיף אִיהְרֶע אַרְמֶע הָאבְּן מִיסֶען . | קמ ב |
| שאלה | צז | וִויא אַזוֹ זִיךְ דִיא יִרְאֵי הַשֵׁם גֵייסְט אוּנ מוּהְט פֶרְשַׁאפֶן זָאלֶן גֶעגֶן דִיא מְהָרְסִים וָואס וִוינְשֶׁען עֶרְנֵייעְרוּנְגֶן מִלְחֲמוֹת ה׳ צוּ שְׁטְרַייטֶן . | קמא ב |
| שאלה | צח | וָואס אִיז מַאן אַלֶעס שׁוּלְדִיג כּוֹלֵל צוּ זַיין אִין דִיא תְּפִלָה פוּן רוֹמְמוּת קֶרֶן הַתּוֹרָה וְהַיִרְאָה . | קמד א |
| שאלה | צט | וֶוער זִינְד דִיא יֶענִיגֶע דִיא הַייטֶע צוּ טָאג יְרוּשָׁלַיִם מַחְרִיב זִינְד אוּנ דִיא יְרוּשָׁלַיִם עֶרְבּוֹיעֶן : | . . . |
| שאלה | ק | אוֹיף וָועלְכֶע אַרְט דַאס מִיר אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם טְרוֹיעֶרְן זָאל . אוּנ אוּם וֶועלְכֶע אוּהְרזַאךְ מִיר הָאבֶּן זִיא בַּאלְד עֶרְבּוֹיעט צוּ זֶעהֶן | קמז א |
| שאלה | קא | וֶועלְכֶעס זִינְד דִיא זַאכֶען וָואס מִיר זִיךְ טְרֶעסְטֶן קֶענֶן דוּרְךְ אִיהְנֶען דִיא גְאוּלָה שְׁלֵימָה בַּאלְד צוּ עֶרְלַאנְגֶן . | קנג ב |


---

# מודעה רבא

זאת אשר כבר נודע ומפורסם כי בכל מקום אשר נמצא בספרים שם עכו"ם גוים, או כותים. הכוונה על האומות אשר היו לפנים. את ה׳ לא ידעו. עבדו לכוכבים ולמזלות. הכחישו בבריאת עולם. לא הודו בהמופתים והנבואה. את פועל ד׳ לא ראו ואת מעשי ידיו לא הביטו. אמנם לא כן האומות אשר בצלם אנו חוסים. מחוייבים אנחנו להתפלל בשלום המלך והשרים וחיילותיו. ובשלום המדינה ויושביה. כי המה מטיבים עמנו. ונותנים לנו שם ושארית בארץ -- הטיבה ה׳ לטובים ומטיבים אכי"ר:

# כלל א לדעת חכמה ומוסר ובו יג שו"ת

**שאלה א** ווען תורה לערנען אין טייערען ווערט שטעהט וויא פיעל טובות דער כלל ישראל דאדורך גענימט :

## תשובה

אין יענע צייטען וויא דיא ישראל זיינד גוועזען אין גראסען ראנג אונ אין גליקליכען שטאנד דאס ירושלים איז גיוועזן דיא פרייד פון דיא גאנצע וועלט · דורך דען בנין בית המקדש · אונ מאן האט דארט קרבנות מקריב גיוועזען · האט דאס גאנצע הייליגע פאלק דריי גראסע טובות דורך דען גענאסען · ער שטענס בזכות הקרבנות האבן זיא זוכה גיוועזן צו (ברכה, והצלחה, ושפע) זעגען · אונ גליק · אונ פיהל פרנסה - צווייטענס · דורך דיא עבודת הקרבנות אין בית המקדש איז דיא האנד פון דיא שונאים אונ מציקי ישראל גשוואכט אונ גבראכען װארדען דאס זיא קיין מאכט מעהר האבן יודען צו דריקן - דריטענס. דאס אלע פעלקר האבן גזעהן אויגען שיינליך דיא גראסע ליעב פון השי"ת אויף יידישע קינדער · דאס ער לאסט שטעהן אלע הימלען אונ מאכט רוהען זיין שכינה ביא אונז - ליידער אבער דא מיר יעצט קיין בית המקדש אונ קיין קרבנות האבן אונ דאדורך דיזעם אלעס פרלארן איז · דאס מיר ניכט גאנץ טראסט לאז אונ פרצווייפעלט זיין זאלן . איז נאך איין מיטעל פרהאנדן דאס מיר דיא אלע דרייא טובות ערזעצט האבן ווערען. נעמליך ווען מיר זיך בשטרעבן מיט אלען מעגליכן דאס מיר אונז דען עמוד התורה (נעמליך ווען מיר זעהן צו טראכטן אונ צו זארגן דאס דאס תורה לערנן צו יעדער צייט אימער פרגרעסערט ווערדן זאל] איינען מאכן · דען אוף איין יעדן פלאץ ווי תורה גלערנט ווירד · איז השראת השכינה · וויא דיא משנה זאגט (שלשה שיושבין . עשרה שיושבין שכינה שרויה ביניהם) דרייא אדער צעהן אז"ו וואס זיצען אונ לערנין תורה איז איהר זכות גורם דאס דיא שכינה רוהט צווישן איהנן · אונ דאס דער זכות פון תורה לערנן בייא טראגען קאן ברכה אונ הצלחה אונ שפע. דאס איז יא איין מקרא מפורש " (אם בחוקותי תלכו אם אתם עמלים בתורה ונתתי גשמכם בעתו) ווען איהר איך מיט תורה לעהרנען בעמיהען ווירד ווערדע איך געבן אייערע רעגן אין דיא רעכטע צייט.

# כלל א שאלה א ב

און דאס דער זכות פון תורה לערנן אונז בעשיצט פון צוררים און שונאים · בעווייזען פיהלע פסוקים יעל כן יאמר בספר מלחמות ד׳) ווען איהר אייך בעפלייסט תורה צו לערנן זא ווירד השי״ת אייערע מלחמות פיר אייך שטרייטען · (עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים) אונזערע טרופפען האבן אין דיא מלחמה איהרן פלאמץ ערהאלטען אין דען זכות וואס מאן אין דיא בתי מדרשים פון ירושלים תורה געלערנט האט ·

נון דא תורה לערנן אזוי טייער אונ חשוב איז · - וויא פיהל איז שולדיג איין יעדער אלעם מעגליבע צו טוהן · הן דאס ער אליין לערנן זאל נאך זיין פערשטאנד און וויסענשאפט · הן דאס ער זיינע קינדער צו תורה לערנן ערציהען זאל · הן דאס ער זאל ארמע לומדי תורה אונטערשטיצונג געבן ·) און פיעלמעהר ווען עס אין זיין כח קראפט און פערמעגן שטעהט דאס ער זיינע טעכטער פיר לומדי תורה געבען זאל לנשים · אונ זיא מיט אלען מעגליכען צו אונטערשטיצן :

**שאלה ב** וויא ווייט דאס תורה לעהרנען ווירקט אויף דיא יראת שמים :

**תשובה** אויף דען זאג איך דיר דוא זאלסט וויסען דאס וואס יידישע קינדער האט (מימות עולם) אלטע צייטן איהרע הערצער געשטערקט דאס זיא דען היילינען דת טרייא בלייבן זאלען · איז נור דיא מצוה פון תורה לערנן וואס איהר ווערט איז אזוי גרויס דאס זיא איבער וועגט אלע מצות · נעמליך עס איז איין

שולדיגקייט

---

ד׳) ווען אויך דאס איין יעדער ערליכער ייד דען וואס השי״ת מיט פערמעגן בגינסטיגט האט · איז איין (נדיב לב) פרייאגעביג · און בעדינט זיך זיין געלד נאך דיא תורה איהר פאהרשריפט · (אבל אינו דומה מועטים עושים מצוה לרבים העושים מצוה) · דאס דער שכר ווייט גרעסער איז ווען דיא מצוה אום געפיהרט ווירד פון פילע מענשן צו זאמן אלס נור דורך איינצעלנע · נעהמליך איין יעדער פיר זיך - · דאריבער איז איין גראסער יושר און שולדיגקייט דאס אין איין יעדע קהילה קדושה זיך בילדען זאל איינע חברה מחזיקי תורה זוא איין יעדער זאל געבן נאך זיין כח וועכענטליך איין געוויסעס און פון דען זאל מאן דיא ארמע לומדי תורה אונטערשטיצן ווא זיא געוויסע שעות אין טאג מיסען צוזאמן קאמן תורה ברבים צו לערנן :

שולדיגקייט אויף איין יעדן יאר אָהנע אויסנאַהמע צו יעדר צייט דאַס ער יעדען טאָג תּוֹרָה לערנן זאָל וויא פיהל נור איהם דיא צייט ערלויבט איין יעדער נאָך זיין פערשטאַנד. קאַן איינר · גמרא. מאַנכר נור מדרש און ספרי מוסר · מאַנכער נור ספרי מוסר אויף יידיש טייטש · און ביים גרויסן יום הדין איז נור דיא ערשטע פראַג אויב ער אין יעדן טאָג האָט זיך מיט תּוֹרָה בשעפטיגט · און אין צייטען פון חרבן ירושלים. ווען גלייך דאַס זיא דאַמאָהלס פיעלע עבירות געטוהן האָבן. האָט דאָך נור מייסטענס פעראורזאַכט דאַס זיא האָבן אין גלות געמוזט געהן. און דאַס בית המקדש און ירושלים. פערשטעהרט און פערברענט וואָרדן איז. ווייל זייא האָבן פערנאַכלעסיגט דיא מצוה פון תּוֹרָה לערנן. דיא אורזאַך דאַפון וואַרום דאַס תּוֹרָה לערנן אַזוי איין גרוס חשיבות האָט. און אין טייערן ווערט שטעהט. איז · ווייל דער צוועק וועגן וואָס איין מענש ערשאַפען איז געוואָרדן איז נור דאַס ער יראת שמים האָבן זאָל [און דער מענש וועהרענד זיין גאַנצע לעבענסצייט מוס ער געגן זעהר פיעלע זאַכן שטרייטען דיא איהם פון יראת שמים און מעשים טובים הינדערן ווילען] און יראת שמים וויא זיך געבירט קאַן מאַן ניכט זוכה זיין ביז מאַן זיך ניכט אַן תּוֹרָה לערנן בעהעפטען טוהט . און וויא מעהר וויא גרעסער זיין וויסענשאַפט אין תּוֹרָה איז · אַזוי ווירד זיין יראה דאַדורך אויך פערגרעסערט · אַזוי וויא איינע זעהר גראָסע שטיב וואָס קיין פענסטער האָט און דאָרט זעהר פינסטער איז · און ווען מאַן איין קליין ליכט אַן צינד ווירד דיא גאַנצע שטיב בעלייכט · עס זאָל אָבער איינען ניכט וואונדערן וויא איז מעגליך דאַס איין קליינעם שטיקעל פלאַם זאָל דען קראַפט האָבן צו פערשטויסען איין פאַלע שטיב מיט פינסטער. איז דער טעם דאַפון ווייל באמת דער חושך איז יא קיין אַזוי זאַך וואָס מאַן דאַרויף זאָגן זאָל קאָנען דאַס עס עטוואַס איין ממש איז . עס איז נור איין (העדר האור) דאָס ליכט פעהלט. דאַריבער ווען איין ליכט שאָהן דאַ איז. איז קיין חושך מעהר צו זעהן · אַזו אויך אַזוי לאַנג דאַס זיך איין מענש פון דיא תּוֹרָה וואָס עס ווירד גרופען אמת ערווייטערט. אַזוי שיינט אירם און קאָמט איהם פאָהר דאָס פיהלע זאַכען פון עניני עוה״ז · געמליך רייכטום · כבוד · גדולה ·

# כלל א שאלה ב

דאס זיא איין קרן זינד אונ פרדיענן דאס מאן זיך וועגן איהנען פלאגען אונ בעמיהען זאל אום זיא זיך צו ערווערבן · אונ ווען מאן זיא ניכט ערלאנגען קאן זאל מאן אונמוטהיג זיין אונ זיך דאריבר מצער זיין · בעקימערן · ווען מאן זיך אבער אן תורה בהעפט אונ איבערהויפט אן ספרי יראה ומוסר דאן וועהט ער יעדן טאג מעהר איין דאס דיא אמתדיגע הצלחה איז נור ווען מאן זיך וועגן יראת שמים אונ מעשים טובים בעשטרעבן טוהט · אבער אנדערע הצלחות פון עולם הזה · ווען זיא נאך אזוי גרוס זינד · זינד אלע נור איין הבל גדף ושקר מוחלט לעהרע אונניצליכע זאכען · אונ זיא פרדיענען ניכט דאס מאן דיא טייערע צייט וואס מען העט זיך גיקענט בשעפטיגן וועגען דיא אמתדיגע הצלחה · וועגען איהנען צו פרשווענדען · אונ דאדורך וייל ער שאהן פרשטעהט דען שקר · זא ווירד פרלאשן אין זיין הערץ דיא אהבה אונ דיא לוסט צו עניני עולם הזה אונ קאמט זא ווייט דאס זעלבסט דיא שטונדן וואס איהם ניכט אנדערס מעגליך איזט אונ ער מוז זיא פרוועגדן וועגן פרנסה צו זיכען · איז ביי איהם איין (עבודה קשה ולעול ולמשא) צו לאסט · זא וייט געהט דער קראפט פון דיא תורה דאס דורך איהר דער מענש זיינע אויגן עפענט אונ דען אמת ערקענט אונ דאדורך זיך בעשטרעבט זיינע גאנצע לעבנסצייט נור צו פרמערן תורה אונ מעשים טובים · נאך ווייטער געהט דיא איינגעשאפט אונ דער קראפט פון דיא תורה דאס ווען אויך איין מענש שוין איינמאהל פערנארט געוועזן איז אזוי דאס איהם פיהלע יאהר פון זיין לעבן פרפלאסען זינד אונניצליכער ווייזע ווען ער זיך בהעפט אן תורה אונ ספרי מוסר · זא ווירקען זיא ביי איהם דאס ער ערוואכט פון זיין שלאף אונ פרלאסט דען שלעכטן וועג דען ער געגאנגן איז ·

ליידער לייעדער אבער פרדונקלט אונ פרפינסטערט איז אבער דער שטאנד פון אונזר היינטיג דור . ווען מאן זיך בעטראכטן וויל פיעלע געגענדן וואס גאנץ וויעסט אונ לעהר אונ פרעמד פון תורה זינד · אונ זעלבסט אין געגענדן אונ שטעדט וויא מאן זיך נאך כשר אונ יידישליך פיהרט · דענגאך פרפיהרט דער יצה״ר זעהר פיהלע · דיא ליעב צו תורה לערנען גאנץ צו פערלעשן אדער צו

שוואכן

שוואכן - . צו שוואכען נעמליך וויא אין דיא פריערינגע צייטן אלע בתי מדרשים זינד שוין אום דרייא אוהר פארטאג פאל געוועזן מיט יידן פון אלערהאנד קלאסען וואס עס זינד געקאמן תורה לערנן . אדער צו עבודת ד' . תהלים . חצות . אד"ג . הייטע איז בעוה"ר זעהר פרוועניגערט געווארדן דאס מאנכע בתי מדרשים גאנץ פערשלאסען בלייבן ביז דיא צייט פון דאווינן קאמט . אונ דיא איבריגע אין כמות אונ אין איכות פרוועניגערט געווארדן פערראשען . דאס פילע עלטערן אירע קינדער צו זאלכע מלמדים לעהרער געבן דיא אפיקורסים אונ כופרים זינד [דאס אירע רייד ווייט גפערליכער זינד אלס דער גיפט פון ברענענדע שלאנגן וואס פעראורזאכן טוהן ביי דען קינד צו פערלעשן אונ אויס צו ווארצלען דיא עיקרי אמונה] וויא דאס קינד ניכט נור ניכט אויף דיא שוים פון תורה אונ יראה ערצויגן ווירד [דאס מאן איהם איינשערפן זאל דאס איינע אויפזיכט עקזיסטירט אויף אלע מענשענס שריט אונ אויף אלע זיינע מעשים . אונ דאס איין דיין האמת פרהאנדן איז וואס בלאהנט אונ בעשטראפט . אונ דאס מאן איהם זאל אויך קלערן אונ איינפרעגן דיא ליעב צו השי"ת] דען ספרי מוסר אונ דינים פון חיי אדם מיט איהם צו לערנן לא יזכר ולא יפקד . זאנדערן מאן פערשווענדעט דיא צייט מיט (דברי שטות והיתול) אונניצליכע זאכן . וועלט בשרייבונג . נאטור לעהרע . דאס ער געניי וויסן זאל וויא זיך דם טהיר וואס עס ווירד גערופן טיגער איהר הויז נעבן דעם ים מיט חכמה בויט . אונ וויא פיהל ציין דער עלעפאנד יעדעם יאהר פרלירט . אונ וויא גרוס דיא גאז פון דעם עלעפאנד איזט *) . וואס עס ווירד גערופן ריסעל . אונ דאס זיא זאלן אין דיא לאנדקארטן קונדיג זיין . איבערהויפט דאס זיא וויסן זאלן אלע הויפט שטעדט פון דיא וועלט וויא זיא גרופען ווערן . אונ דער גלייכן . אונ דא דער (יצר לב האדם רע מנעוריו) דער טריעב פון דען מענשן פון יוגענד אויף שלעכט איז . אונ קיין גרונדשטיינר

פון

*) דען וויא קאן ער דען זוכה זיין צו חיי עולם הבא ווען ער ניכט פון דען אלען איינע גנויע וויסענשאפט האט -- דען דאס וואס דער פסוק שרייבט (אחרית רשעים נכרתה . רשעים בחשך ידמו . ימטר על רשעים פחים) דאס מיינט מאן נור זאלכע וואס קיינע בילדונג האבן ;

# כלל א שאלה ב ג

פון אַהֲבַת הַתּוֹרָה אונ אַהֲבַת הָאֱמֶת וְהַיִּרְאָה וואס איהם כח געבען זאלען שפעטער היען געגען די לײדענשאפטען צו שטרייטען. איז איהם נימאהלס געלעגט ווארדען. נון איז יא מיט זאלכע קינדער הערץ רייסענד מיטליידיג צו האבען ווען מאן פאהר אוים איהרע צוקונפט זעהען וויל אויף וועלכע ארט. מיט וועלכע שלעכטע מעשים זיא איהרע יאהר פערלעבען ווערדען. דא ווען מאן זיא גוט בעטראכטען וויל זינד זיא וויא איין קינד וואס צווישען פרעמדע פעלקער דיא איין אנדער גלויבען האבען געפאנגען ווארדען זינד. אונ ווען ער אויך שוין קאמט צו דיא יְמֵי יְרִידָה וְהַזִּקְנָה דיא אלטערס צייט וויא דיא כוחות ועפטען אב נעמען. וויא דאמאלס דאס פייער פון דיא לײדענשאפטען געשוואכט ווירד. אזו העטע ער שוין כח געהאט געגען זייא צו שטרייטען אונ צו בעפרייען אויף זיינע פירונג פון דיא ערשטע יאהרן. אבער עס איז אומזאנסט. דען וויא קאן מאן שטרייטען אהנע כְּלֵי מִלְחָמָה פערטיידיגונגס געוועהר. דא נור דיא תּוֹרָה איין כְּלִי זיין געגען דען יצה״ר אונ תַּאֲוַת עוֹלָם הַזֶּה צו שטרייטען איז. אונ ער פאן איהר זעהר ערוויטערט איז. אזו (אוי לו ואוי לנפשו) וועהע איהם אונ וועהע זיין נְשָׁמָה ער איז אויף עוויג פרלארן.

נון ווען מאן זיך זאלכע חרבות אונ הריסות צערשטעהרונגען פאן דיא תּוֹרָה פיר דיא אויגען נימט בלייבט אונז ניכט מעהר איבריג נור מֵעִמְקֵי הַלֵּב פאן דיא טיפונג דעם הערצען צו שרייען אונ וויינען האם תַּמְנוּ לִגְוֹעַ. ווערדען דען דיא עהרינסטע קינדער פון אַבְרָהָם אָבִינוּ אויף הערון אויף דיא וועלט צו עקסעסטירען. חָלִילָה. וְעַל מִי לָנוּ לְהִשָּׁעֵן עַל אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם. אויף וועם האבען מיר זיך צו שטיצען. נור אויף אונזער פאטער אין הימעל:

## שאלה ג

אב תּוֹרָה מיט יִרְאַת שָׁמַיִם פערבריידערט זינד אדר געטיילט ווערדען קאנען.

## תשובה

אזו וויא דיא יִרְאַת שָׁמַיִם איז פערבינדען מיט תּוֹרָה. דען ווען מאן פרעמד אונ ערוויטערט פאן תּוֹרָה איז ווייסט מאן יא ניכט גענוי וואס אָסוּר איז אונ וואס מוּתָּר איז. פיעלמעהר פון זאלכע זאכען דיא בייא מאנכע מענשען נַעֲשָׂה כְּהֶיתֵּר זינד. פיר

קיין

קיין עבירה בעטראכט ווירד. געהמליך לשון הרע. רכילות. מחלוקות. ביטול תורה. דברים בטלים. הסתכלות על עריות. צו זעהן אויף נשים. אונ זעלבסט דיא מצות וואס ער ווייסט וויא אזו מאן זאל זיא מקיים זיין. ווען ער אבער פון דיא תורה ערווייטערט איז. זא איז זיין יראת שמים וועהרענד ער דיא מצות טוהט אין איינען קליינען איכות קוואליטעהט. דען נור תורה לעהרנען האט דען קראפט יידישע הערצר זא וייט צו צינדען דאס איהר שמחה זעהר גראס איזט דאס זיא דיא זכיה האבען השי"ת צו דינען. אונ דאדורך איז איהר עבודה לוסטיג אונ ברענענד אונ פלאמענד. זא איז ווידער אויך תורה פערבינדען מיט יראה. דא דיא חכמות התורה קיין חכמות אנושיי מענשליכע וייזהייט איז. דארום ווען איין מענש נאך אזו געשייט איזט קאן ער זיא דאך ניכט בעגרייפן אונ ניט פערשטעהן. זאנדערן השי"ת העלפט דאצו. וויא דער פסוק זאגט יצפון לישרים תושיה השי"ת טוהט פערבערגן דיא תורה ביז עס קאמט איינער דער רעכטשאפן איז. דאריבער וויא מעהר ער איין ירא שמים איזט אונ וויא גרעסער ער איז אין דיא אמתדיגע אהבת ה'. פערמעהג דען איז ער זוכה דאס איהם השי"ת מעהר חכמה אונ שכל גיבט דאס ער ערלאנגט אונ פערשטעהן קענען זאל אין דיא תורה וואס איין אנדערער דער ניכט זאלכע יראת שמים האט. ניכט דאהין קאמען קאן.

**שאלה ד** אב יעדעם תורה לערנען האט דען קראפט דען יצר הרע צו אונטער דריקען. אדער נאר זאלכע תורה דיא לשמה געלערנט ווירד. געמליך דאס דער גאנצר ציעל פון דען לערנן נאר איזט יראת שמים צו ערייכן:

**תשובה** דא נ"ר דאס תורה לערנען איין כלי זיין איז געגן דען יצה"ר אונ דיא ליידענשאפטן צו שטרייטען אונ זיא צו בעזיגען. זא ברינגט דער ריינער פערשטאנד מיט. יע בעסער. יע פיינער. יע שטערקער דאס דאס כלי זיין איזט. זא קאן מאן דאדורך האפען איין וייט גרעסערן נצחון צו ערייכן ד) דען אין הינזיכט
תורה

---

ד) אויף דעם מאחז"ל דאס תורה איין תבלין ליצר הרע איזט. דאס הייסט ווער
תורה

# כלל א שאלה ד

תּוֹרָה לֶערְנֶען זִינְד פֶערְהַאנְדֶן פֶערְשִׁידֶענֶע קְלַאסֶען ·

דִיא עֶרְשְׁטֶע · גַאנְץ שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ · דָאס הֵייסְט דֶער צִיעל פוּן זַיין לֶערְנֶען אִיז נוּר דוּרְךְ אִיהְר צוּ עֶרְלַאנְגֶען כָּבוֹד· גְּדוּלָה· וְעוֹשֶׁר· אָבֶּער דַאס עֶר דוּרְךְ אִיהר מֶעהר פֶערְשְׁטֶעהֶן אוּנ אֵיינְזֶעהֶן זָאל וָואס יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז אוּנ וִויא אַזוֹ אוּנ אוֹיף וֶועלְכֶער אַרְט מַאן זָאל מִצְוֹת מְקַיֵּים זַיין · דָאס אִינְטֶערֶעסִירְט אִיהְם זֶעהְר וֶועניג · דֶען צוּם בֶּעוַויין דִיא מִצְוָה אוּנ דִיא יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס עֶר שָׁאהְן יֶעצְט וַוייסְט אוּנ פֶערְשְׁטֶעהְט אִיזְט בֵּייא אִיהְם אוֹיךְ גְלֵייכְגִילְטִיג אוּנ גְרִינְג גֶעשֶׁעצְט דַאס עֶר זִיךְ נוּר אַזוֹ פִיהְרֶען זָאל - ·

דִיא צְוֵוייטֶע שֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ וְלִשְׁמָהּ · דָאס הֵייסְט זַיין הוֹיפְּט צִיעל אִיז נוּר דוּרְךְ אִיהְר צוּ עֶרְלַאנְגֶען כָּבוֹד וּגְדוּלָה · עֶר וִוינְטְשְׁט אָבֶּער אוֹיךְ דוּרְךְ אִיהְר אֵיין וֶועניג יִרְאָה צוּ עֶרְרֵייכֶען ·

דִיא דְרִיטֶע לִשְׁמָהּ וְשֶׁלֹּא לִשְׁמָהּ · דָאס הֵייסְט זַיין הוֹיפְּט צִיעל אִיזְט · עֶר וִוינְטְשְׁט דוּרְךְ דֶען לֶערְנֶען זוֹכֶה צוּ זַיין דַאס עֶר אֵיין רֵיינֶעס הֶערְץ אוּנ אַהֲבַת ה׳ בֶּעקָאמֶען זָאל · עֶר וִוינְטְשְׁט אָבֶּער אוֹיךְ דַאבֵּייא כָּבוֹד אוּנ פַּרְנָסָה - ·

דִיא פִירְטֶע רַק לִשְׁמָהּ · זַיין גַאנְצֶער תַּכְלִית צְוֶועק אִיזְט נוּר קוֹדֶשׁ לַה׳ · הֵיילִיג צוּ הש״י · דַאס זַיין גַאנְצֶעס שְׁטְרֶעבֶּען תּוֹרָה צוּ לֶערְנֶען אִיז נוּר דַאס עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ אִיהְר אֵיין אֶמֶתְדִיגֶער עֶרְלִיכֶער יִיד צוּ זַיין

---

תּוֹרָה לֶערְנְט ווירְקְט זִיא בֵּייא אִיהְם דַאס עֶר מִתְגַבֵּר עַל יִצְרוֹ בַּהֶערְשְׁט זַיינֶע לֵיידֶענְשַׁאפְטֶען אוּנ אֵיין יְרֵא שָׁמַיִם זַיין זָאל · ווירְד יַא מַאנְכֶען ווילְד אוּנ פְרֶעמְד זַיין אוּנ אִיהְם זֶעהְר שְׁוֶוער פַאלֶען אֲמִיתִּיּוּת הַדָּבָר אוּב עֶס אַזוֹ אִין דִיא ווירְקְלִיכְקֵייט אִיזְט · דַא עֶר זֶעהְט פִילֶע מֶענְשֶׁן דִיא נִיכְט נָאר אֵיינֶע וויסֶענְשַׁאפְט אִין תּוֹרָה הָאבֶּן · זָאנְדֶערְן אוֹיךְ דֶען טִיטֶעל מוֹרֵינוּ פִיהְרֶען · אוּנ זִינְד גֶערֶעכֶענְט צְוִוישֶׁן בְּנֵי תּוֹרָה · וִויא אוֹיךְ מַאנְכֶע גָאר דֶען טִיטֶעל רַב פִיהְרֶען · אוּנ דָאךְ אִיזְט אִיהְר יִרְאַת שָׁמַיִם אוּנ פִיהְרוּנְג אִין אַלֶע הִינְזִיכְטֶען זֶעהְר גֶעמֵיין · דַא עֶר אָבֶּר הֶערְט דַאס עֶס גִיבְּט פֶערְשִׁידֶענֶע כֵּלִים זַיין · זָא ווירְד אִיהְם שָׁאהְן זָאלְכֶעס נִיכְט זָא אוֹיף פַאלֶענְד זַיין · דֶען וָואס קֶאן מַאן דֶען מִיט אֵיין זָאלְכֶעס שְׁוֶוערְט (וָואס זַיין שְׁטָאהְל גָאר גֶעמֵיין אַייזֶען אִיזְט אוּנד אִין קֵיין אָרְדֶענְטְלִיכֶע פַאבְּרִיק פַאבְּרִיצִירְט וָוארֶדען אִיזְט · זָאנְדֶערְן נוּר פָאן צִיגַיינֶער שְׁמִידְעֶן · אוּנ נִיכְט גֶעשְׁלִיפְֿן · זָאנְדֶערְן שְׁטוּמְפִּיג · אוּנ פֶערְרָאסְט אִיז) אוֹיסְרִיכְטֶען: (וְיִשְׁמַע חָכָם וְיוֹסִיף לֶקַח) --

זיין . אונ אונצעהליגע מאהל זאגט ער ווייגענד פון טיפונג דעם הערצן עפנע מיינע אויגען דאס איך זוכה זיין זאל איין ווייטעס אויג אין די תורה צו ערלאנגען . אונ דאדורך ווירד מיין הערץ פערבינדען אונ פערקניפט זיין דיינע הייליגע מצות מקיים צו זיין . אונ דאס פייער פון דיא אהבת ה' זאל אזו אמתדיג אונ שטארק זיין דס קיין פרעמדע גדאנקן פון אנדערע אינטרעססע זאל ניכט דאביא פערמישט זיין . זאנדערן נור כולה כליל לה' .

נון ווען דער תכלית פון זיין לערנען איז נור וועגן אהבת ה' דאס זיין הערץ גליסט אימער אונ בעטט צמאה לך נפשי [מאן האט געפרעגט איין חכם וויא איז השי"ת זא האט ער איהם תשובה געגעבן אין איין יעדעם טרייעס הערץ וואס איהם אמתדיג ווינשט אונ זוכען טוהט] דא השי"ת דיא הערצר פריפט זא ערפילט ער גווים זיין פערלאנגען. וויא דער תנא זאגט דער וואס עס לערענט תורה לשמה זא פערהעלפט איהם דיא תורה דאס ער איין ריינעס הערץ בעקאמט דאס ער זיך פון איין יעדן חטא ערווייטערט אונ זיך בעשטרעבן טוהט איין יעדע מצוה זיך אייגן צו מאכן אונ זיא מקיים צו זיין -

**שאלה ה** אב יעדע תורה איין (סם חיים) איז אדער נור זאלכע דיא מיט (יראת שמים) פערבינדן איז . אונ אב תורה אהנע (יראת שמים) שעדליך אונ געפערליך איז אדער ניכט .

**תשובה** וועלכע תורה האט דען קראפט דאס דער מענש הורך איהר דען יצה"ר אונ אלע ליידענשאפטן אונטערדריקן קאן . איז נור זאלכע תורה וואס מאן לערענט לשמה. דאס הייסט על מנת לעשות דאס דער אבזיכט פון דען גאנצן לערנען איז ביא איהם נור ער מעכטע גערן איין ערליכער ייד זיין . ער מעכטע גערן זיינע גאנצע לעבענסצייט נור זיך בעשטרעבן אימער דען ווילען פון השי"ת צו טוהן. דא אבר איין מענש אליין אונגעצעהמט אונ אונגוויסענד איזט . דאריבער האט ער גראס לוסט איינע וויסענשאפט צו האבן אין דיא תורה דאמיט דאס ער דאדורך זאל גענוי וויסען פון וועלכע זאכען ער זיך צוריק האלטן מוס . געהמליך דאס ער זאל אפט לערנען דיא דינים פון דיא מצות . וויא אויך ספרי מוסר זעהן . (דען נור

דורך

# כלל א שאלה ה

דורך איהגען ווערדן זיינע אויגן געעפענט ווערדן וויא מאן דינען זאל השי"ת. וועלכע אהבה דאס מאן האבן זאל ווען מאן איין מצוה טוהט. וויא גראס דיא שמחה אונ לוסט זיין זאל ווען מאן זיא מקיים איזט. אונ וויא מעהר דאס ער זיך בעשטרעבן ווירד ספרי מוסר צו זעהן. זא ווירד זיין יראה אונ אהבה צו השי"ת דאדורך פיעל פערגרעסערט ווערדן דאס איין מענש אזו ווייט דורך יראת שמים אונ מעשים טובים קאמן קאן דאס ער גרעסר זיין קאן אלס דיא מלאכי שרת ווען גלייך דאס ער פון זיינע ווארצל נור אויס ליים געפארמט איזט. קאן ער דאך זיך זא ווייט ערהעבן אונ מקדש ומטהר ומזכך זיין. היילגן. רייניגן. טעסטעליגן אלע זיינע אברים דורך דיא ערנסטע אונ פייעריגע עבודה פון דיא קיום המצות) דאס ער איין וואהנונג צו השי"ת זיין זאל אונ פערדינען שתשרה עליו השכינה. דאס איז דיא אמתדיגע בילדונג וואס איין מענש מוס זיך בעשטרעבן דאס ער צו איהר קאמן זאל.

אבער ניכט זאלכע בילדונג דיא נור ניצען קענען אבער ניכט ניצען טוהן פיר זאלכע זאכען דיא נור איין חיי שעה זינד אונ טוהן פערווארזאכען דאס ליכט אונ דען געשטאלט פון דיא נשמה צו פערפינסטערן. דארום מאכע איך אייך צו וויסן איין יעדער פאטער אונ מוטער דיא נאך יראת שמים האבן אונ ווינשען דאס איהרע קינדער תורה לערנן זאלן אונ בעשטרעבן זיך דאפיר דאס זיא גיט וויסען זאלן דאס נור זאלכע חכמות התורה איז טייער אונ חשוב בייא השי"ת ווען זיא מיט יראת שמים פרקניפט אונ פרבינדן איז. וויא אבער קיין יראה איז. איז דער מענש פיעל ווייט גליקליכר ווען ער קיין ידיעה אין תורה האט. דארום גיבט אייך אכט דאס אייערע קינדער נור בייא אזו מלמד לערנן זאלען דער איין ירא שמים איזט אונ מיט איהגען טעגליך ספרי מוסר לערנט. אונ זיא נור אויף זאלכע ישיבות שיקען וויא דער רב זיך בעשטרעבן טוהט צו לערנן מיט זיינע תלמידים תורה מיט ספרי מוסר. דען נור זיא קענן פראוהרזאכן דאס דיא יראת שמים אונ מידות טובות אין דען מענשענס הערץ איינגעווארצלט זיין זאלן. אבער תורה לערנן ווענן אנדערע אינטרעסע. ניכט נור דאס זיא ניכט ניצליך איזט. זאנדערן געפעהרליך. דען תורה לערנן דיא ניכט מיט יראה פרבינדן איזט. קאן דען מענשן פרפיהרן אויף זאלכע

שלעכטע

שלעכטע וועג וויא די נשמה צו מיתות עולם קאמן קאן (פיעל מעהר זינד זאלכע לומדי תורה איין שמערצענדר שרעקליכר דארן פיר דען גמיינן פאלק וואס נאך ווינשן יראת שמים. נור דא זיא קיין ידיעה אין תורה האבן. זא וויסן זיא ניכט צו אונטרשיידן צווישן אמתדיגע יראה אונ געפעלשטע. אדער גאר צבועים. אונ וויל זיא זעהן דאס דער. אדר יענר. אויך ת״ר לערנן קאן. אונ אויך איין מורינו איזט. אונ דעננאך איזט זיינע זיטטען. אונ מעשים. אונ זיין רעדן. אונ זיינע פיהרונג. בין אדם לחבירו צווישן איין מענש אונ דען אנדרן ובין אדם למקום צווישן דען מענשן אונ השי״ת זעהר ווייט פון דיא פיהרונג וואס דיא אמתדיגע צדיקים דארוף מוכיח ומדריך זינד שטראפן אונ אונטערריכטען. גלויבן זיא וויל ער אויך איין בן תורה איזט. פאלגן מיר ליבר נאך זיינע וועג צו געהן) ווען אבער דאס דער גרינד פון זיין וואנש תורה צו לערנן איז נור וועגן יראת שמים. זא איזט זיא איהם איין סם חיים. איין קרייטער פון לעבן. דען וויא מעהר ער לערנט אין דיא תורה וויא גרעסר דאס פייער צו אהבת ה׳ אין זיין הערץ שטייגן טוהט.

שאלה ו דורך וואס קאן איין מענש דאצו קאמן דאס ער צו אמתדיגע יראת שמים זוכה זיין זאל׳

תשובה ווייל איין יעדר מענש נור בלוט אונ פלייש אוז אונ פון דר געבורט אן אלע שלעכטע זיטען אייגן האט. לוסט צו געלד. צו כבוד. צו גדולה. אונ דערגלייכן. וויא ער דורך איין יעדע מדה רעה אליין צו זעהר פילע עבירות קאמען קאן. אונ דאצו דאך דיא נשמד בעפאר זיא אויף דיא וועלט קאמט מוס זיא שווערן צו זיין איין צדיק אונ קיין רשע. מוס יא זיין דאס ווען איין מענש וויל קאן ער באמת זיין איין צדיק. מיט וואס האט ער אבער כח דאס ער זיך פערפיינערן אונ לייטערן קאן פון זיינע מדות מגונות. איז דאס מיטעל דאצו תורה לערנן. וויא דיא משנה זאגט וויא קיין תורה איז׳ קאן קיין יראת שמים זיין ווייל דורך דיא וויסענשאפט פון דיא תורה פרשטעהט מאן וואס דען מענשענס וואהער תכלית איז. אונ דורך איהר ווירד דען מענשענס הערץ צו

אהבת

# כלל א שאלה ו

אהבת השם ויראתו ליב אונ פורכט צו השי"ת . זעהר אויך געפייערט בין עס קאמט אזו ווייט דאס דורך דען גראסן פייער פערלעשט אונ פערלירט זיך דאס קליינע פייער וואס דער מענש אין זיך האט פון דיא ליידענשאפטען פון דיזע וועלט . דאריבער זאגען חכמז"ל איין משל איינער איז געפאלען פון איין זעהר הויכע מויער אונ האט זיך פילע וואונדען אונ ביילען גמאכט . זא איז געצוואונגען דער רופא דער איהם העלפען וויל דאס ער אויף יעדע וואונד איין היילמיטל מאכען אונ אויף לעגען מוס . אבער דער מענש ווען ער פון דען וועג פון דען אמת אויס געטרעטען איז . אונ דאדורך פילע פון זיינע אברים רוחניים פון זיין נשמה דיא איין גייסטיגעס וועזן איז . פעראונרייניגט האט . זאגט השי"ת מיין קינד ווען דוא ווינשסט דם דוא געהאלפען ווערדען זאלסט . זא קאנסט דוא דורך איין גליד אלע דיינע בשמוצטע גלידער רייניגען . נעהמליך דאס דוא פון נון אן דיין אהר היילגען זאלסט דאס עס זאל אפט דברי תורה אונ מוסר הערן . זא ווירד דורך דען פלאמענד פייער פון דיא היילגע תורה אלע דיינע ליידענשאפטען וואס עס אהער קאמען פון דען פרעמדען פייער זיך פערלירען אונ אויף לעזען . אונ וויל דער יצר הרע זאלכעס גיט פערשטעהט אזו זעהט ער אלעס מעגליכע צו טוהן דיא רשעים דיא ער שאהן פערפיהרט האט זיא אב צו רעדן דאס זיא זאלן פון דיא תורה אונ תלמידי חכמים זיך ערווייטערן אונ נימאהלס איינע אמתדיגע אויפקלעהרונג הערן זאלן] דאס איז דער טעם דאס דיא מצוה פון תלמוד תורה איבער וועגט אלע מצות . וויל נור דורך איהר האט מאן כח געגן דען יצר הרע צו שטרייטען אונ מקיים אלע מצות צו זיין [דער בווייז דארויף איז . ווען מאן בעוה"ר טאג טעגליך פאר זיך זעהט פון זאלכע מענשן דיא אין איהר יוגענד קיין תורה גלערנט האבען . אדער תורה אהנע יראת שמים אונ ספרי מוסר צו לערנען אונ דאדורך זינד זיא ערוואקסן מיט אונגעצעהמטע מדות . צו וויא פיל עבירות דיא מדות רעות זיא ברינגען] דיזעס איז אויך דער טעם דאס ביים יום הדין דיא ערשטע פראג איז אב ער האט תורה גלערנט . דען ווען אויך דאס עס זינד נאך אנדערע גראסע מצות דיא זעהר אכטונגם ווערט אונ טייער זינד . מוס מאן דאך נור

ערשט

ערשט פרעגן אויף תורה . דען ווען מאן איהם ווירד ווייזען זיינע מעשים דאס ער פארשידענע עבירות געטוהן האט . זא ווירד ער זיך פארטיידיגן דאס דורך פילע צרשטרייאונגן פון געשעפטן . אונ וויל דען מענשענס טריעב פון יוגענד אן שלעכט איז , איז ער היעז געריסן װארדן , דאריבער פרעגט מאן איהם אב ער האט תורה געלערנט דען דאדורך בלייבט איהם שאהן גאר קיין איינווענדונג צוריק וויא ער זיך אויסרעדן אונ רעכטפערטיגן קאן . וויל דורך תורה לערנן ווירד דער יצר הרע געשוואכט אונ מאן זעהט מעהר אונ מעהר איין דאס אלע שעטצע אונ רייכטוהם נור איין הבל נדף זינד , אונ דיא אהבת האמת צו דיא עבודת הי ווירד אימער ביא איהם געשטערקט *) --

שאלה

---

*) דוא זאלסט מיך אבר נוט פרעגין דא מיר זעהן פאר אויגען פילע מענשען דיא איין ידיעה אין תורה האבן אונ דאך פון דיא לייכטזיניגע מענשן זינד (עיין לעיל בכלל זה שאלה ד בהג"ה) , נון וויא קאנסט דוא מיר זאגען דאס תורה לערנן איין תבלין מיטעל איז , אויף דען זאג איך דיר צוויא תירוצים . ערשטענס וויל זיא ניכט לשמה לערנן (נעמליך דאס דיא אבזיכט פון איהר לערנן נור זיין זאל דאס זיא דאדורך מעהר בעגריף פון יראת שמים האבען זאלן אים דיא מצות השם גענויער מקיים צו זיין) , צווייטענס נור דיא גאטונג תורה וואס עס ווירד אן גערופן מים דאס זינד דיא אגדות פון ש"ס אונ מדרש . אונ זוהר , דיא דער גרונד איז פון אלע ספרי מוסר נור דיא האבן דען כח אין דען מענשענס הערץ איין צו פ־ענן יראת שמים אונ ניכט נור געמיינע יראה . זאנדערן אוך פייעריגע פלאממענדע יראה אזו דאס דער יעניגער וואס קיין וויסענשאפט פון אגדות האט , קאן ניכט זוכה זיין צו דיא אמתדיגע יראת שמים . נור וויל השי"ת פרלאנגט נור פון איין יעדן מענשן ער זאל איהם דיענען נור מיט דען וואס אין זיין כח שטעהט , דען איין יעדר קאן ניכט איין גדול הדור זיין דאס ער ש"ס ופוסקים בעיון גלערנט האט . אי ז יעדר קאן ניכט איין למדן זיין דאס ער פרשטעהן זאל (שקלא וטריא והויות דאביי ורבא) אבער דאס ארטיקעל תורה וואס עס ווירד אן גערופן מים. דאס זינד דיא אגדות , מדרש. עין יעקב זוהר. צו לערנן , דאס קאן יא איין יעדר (אונ ווען ער אויך אלם ארים יתום ערצויגן װארדן איז דאס ער קיין לשון הקודש קאן , זא קאן ער יא זאלכעס לערנן ווען עס אויף יידיש טייטש איבערזעצט איז אונ דאדורך איין גרויסר ערליכער ייד ווערדן קאן) דאריבער איז דיא ערשטע פראג ביים יום

הדין

# כלל א שאלה ז

**שאלה ז** וָואס מַאן אַלֶעם שוּלְדִיג אִיז אַן צוּ וֶוענְדֶן אוּנ זִיךְ צוּ בַּשְׁטְרֶעבֶּן אוּם יִרְאַת שָׁמַיִם צוּ עֶרְלַאנְגֶן ׃

**תשובה** וֶוען דוּא ווִילְסְט ווִיסֶען דַאס חֲשִׁיבוּת אוּנ דֶען גְרָאסֶען טַייעֶרְן וֶוערְט פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם ׃ זָא קַאנְסְט דוּא עֶס זֶעהְן פוּן צְוַוייא זַאכֶן ׃ עֶרְשְׁטֶענְס דַא דֶער גַאנְצֶער צְוֶועק פוּן דִיא וֶועלְט עֶרְשַׁאפוּנְג אִיז נוּר וֶועגְן דִיא תּוֹרָה אוּנ דֶער גַאנְצֶער צְוֶועק פוּן דִיא תּוֹרָה לֶערְנְן אִיז נוּר דַאס מַאן דוּרְךְ אִיהְר יִרְאַת שָׁמַיִם עֶרְלַאנְגֶען זָאל ׃ ווִיא דִיא תּוֹרָה זָאגְט מָה ה׳ שׁוֹאֵל כִּי אִם לְיִרְאָה וָואס פַרְלַאנְגְט דֶען השי״ת פוּן דִיר ׃ נוּר דַאס דוּא עֶהְרְפוּרְכְט הָאבֶּן זָאלְסְט ׃ צְווַייטֶענְס דַא השי״ת הָאט עֶרְשַׁאפֶן אַלְפֵי אֲלָפִים רִבְבוֹת עוֹלָמוֹת פִילֶע מִילְיָאנֶן וֶועלְטֶן [ווייל אֵיין יֶעדֶר שְׁטֶערֶן אֵיינֶע בֶּעוָואהְנְטֶע וֶועלְט אִיז] אוּנ דֶענְנָאךְ זָאגְט דֶער פָּסוּק יִרְאַת ה׳ הִיא אוֹצָרוֹ ׃ ר׳ אֶלְעָזָר בַּר׳ שִׁמְעוֹן זָאגְט אֵין לוֹ להקב״ה בְּעוֹלָמוֹ אֶלָּא יִרְאַת שָׁמַיִם בִּלְבַד דַאס בַּייא השי״ת דִיא אֶמֶתְדִיגֶע יִרְאַת שָׁמַיִם אִין אֵיינֶן אַזוֹ גְרָאסֶען אוּנ טַייעֶרְן וֶועהְרְט שְׁטֶעהְט דַאס עֶר זִיא אִין זַיינֶע שַׁאץ קַאמֶער אוֹיף בֶּעוָואַרְט ׃

נוּן דַא אֵיין יֶעדֶער מֶענְשׁ אֵיין רֵייץ אוּנ לוּסְט צוּ רֵייכְטוּהְם אוּנ פַרְמֶעגְן הָאט ׃ אוּנ וֶוען עֶר קָאן עֶרְלַאנְגֶן זָאלְכֶע טַייעֶרֶע זַאכֶן וָואס זִיךְ מְלָכִים בַּשְׁטְרֶעבֶּן דַאס זִיא זָאלְכֶע אִין אִיהְרֶע שַׁאץ קַאמֶר הָאבֶּן זָאלְן אוּנ סְגוּלוֹת מְלָכִים גֶעגְנְט ווִירְד אַזוֹ שֶׁעצְט עֶר זִיךְ גְלִיקְלִיךְ ׃ נוּן פִיר וָואס זָאל זִיךְ אֵיין מֶענְשׁ נִיכְט בַּשְׁטְרֶעבֶּן אוּנ אַלֶעם מֶעגְלִיכֶע דַארוֹיף אַן צוּ וֶוענְדֶן אֵיין זָאלְכֶע סְגוּלָה צוּ עֶרְלַאנְגֶן וָואס דֶער מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הקב״ה אִין זַיינֶע שַׁאץ קַאמֶר לֶעגְט ׃ דַאס אִיז גֶעמֵיינְט דִיא יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס דֶער פָּסוּק אוֹיף אִיהְר זָאגְט יִרְאַת ה׳ הִיא אוֹצָרוֹ ׃ (ר׳ יוֹנָה) ׃

**שאלה ח** ווִיא וַוייט דִיא (אַהֲבַת הַשֵּׁם) בַּייא אֵיינֶעם עֶרְלִיכֶען יִידֶען זַיין קָאן ׃

תשובה

---

הַדִין פּוֹטֵר מַיִם ׃ ווייל נוּר דִיא תּוֹרָה וָואס עֶס ווִירְד מַיִם אָנְגֶערוּפֶען אִיז אֵיין גְרָאסֶער שְׁלִיסֶעל צוּ דִיא גַאנְצֶע יִידִישְׁקַייט ׃ אוּנ פוּן דִיא גַאטוּנְג תּוֹרָה זִינְד דִיא קְלֵי הַדַּעַת עֶרְווַייטֶערְט ׃

**תשובה** וען דוא ווילסט וויסן וען דיא אהבת ה׳ ואהבת התורה והמצות ביא דען עהרליכן יידען אמת איז . וויא וויט דאס זיא קאמן קאן [דאס דוא דאדורך איבערצייגט זיין זאלסט דאס דורך דיא גרויסע אהבה צו דיא יידישקייט מקיים צו זיין ווירד דער מענש אזו אויף געפייערט אונ בגייסטערט דאס דאדורך דיא קלענערע פרשידענע אללרלייא אהבות ניכט נור ניכט גדענקט זאנדרן אויך גאנץ פרלאשן ווערדן] זאלסט דוא דיר נעהמן איין מוסטער אינ בוויז פון אונזר פאטר יעקב . דא דיא גרעסטע אהבה פון דיא וועלט פון עניני עולם הזה . איז דיא ליב פון איין פאטער אויף זיין זאהן . פילמעהר וען דער זאהן איין בן חכם ויר׳א אלקים איז . גשייט אונ עהרפירכט פאר השי״ת האט . פילמעהר וען דיא גדולה אונ הצלחה פון זיין זאהן האט איהם אזוי וייט בגליקט דאס ער איין מלך גווארדן איז . פילמעהר וען איין פאטר זיין זאהן לאנגע פילע יאהרן ניכט גזעהן האט . פילמעהר וען ער איהם זעהט נאך לאנגע יאהרן וואו ער שאהן אין צווייפעל גוועזן איז אב ער לעבט . פיל מעהר וען זיך דיזעס אלעס אויף איינמאהל צוזאמען טרעפט . איין זאהן , דער איין חכם ויר׳א אלקים איז . אונ איז מלך גווארדען . אונ איהם איין לאנגע צייט ניכט גזעהן האט . אונ שאהן אין צווייפל גוועזן אב ער נאך לעבט . נון וען דיא צייט קאמט דאס דער פאטר קאן איין זאלכן זאהן זעהן . איזט דען איינע זאכע אין דער וועלט פרהאנדן וען זיא נאך אזו גרויס איז וואס איהם פון דיא אהבה דאס ער זיין זאהן זעהן זאל . צוריק האלטן קענן זאל . אונ דענאך ערצעהלט דיא תורה דאס וען יוסף איז איהם ענטגעגן גגאנגען איז יוסף געפאלן אויף זיין פאטערס האלז אונ געוויינט . אונ געקישט . אבער יעקב אויף יוסף האלז איז ניכט גפאלן . אונ ניכט געוויינט אונ ניכט געקישט . וויל ער דאמאלס דיא מצוה פון קריאת שמע מקיים גוועזן האט .

**שאלה ט** אויב תורה לערנן אודר מצות טאן קאן ביא דען מענשן פעראורזאכן ווערהענד מאן זיא מקיים איזט איין (נחת רוח) אונ פערגניגען אודר ניכט :

# כלל א שאלה ט

**תשובה** דוּא זָאלְסְט ווִיסֶן דֶער אֶמֶתְדִיגֶער יְרֵא שָׁמַיִם וֶוען עֶר זָאל אֵיינֶע מִצְוָה מְקַיֵים זַיין. אָדֶר תּוֹרָה לֶערְנֶן. זָא אִיז עֶר נִיכְט אִיבֶּרְאֵיילְט דַאצוּ. זָאנְדֶערְן עֶר גֶעהְט פְרִיהֶער אִין אֵיין עֶקְסְטֶערֶע צִימֶער וָוא עֶר דָארְט אוּנְגֶעהִינְדֶערְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין קָאן. גֶעהְמְלִיךְ זֵיינֶע אַלֶע גְדַאנְקֶן זִיךְ צוּ זַאמֶען נֶעהְמֶען אוּם זִיךְ צוּ אִיבֶּער לֶעגֶן דִיא גְדוּלָה. גְרֶעסֶע. אוּנְ דָאס רוֹמְמוּת עֶרְהוֹיבֶּענְהֵייט פוּן הַשי״ת דָאס נוּר זַיין מִיטֶעל אִיזְט לְךָ דוּמִיָה צוּ שְׁווַייגֶען. ווֵייל דֶער מֶענְשׁ נִיכְט אִין שְׁטַאנְד אִיז זֵיינֶע אוּנְצֶעהְלִיגֶע שְׁבָחִים. לוֹיב. צוּ זָאגֶען. ווִיא אוֹיךְ דֶען גְרָאסֶן וֶועהְרְט פוּן דִיא תּוֹרָה. אוּנְ דָאס הַשי״ת הָאט נוּר אוּנְז פוּן אַלֶע פֶעלְקֶר אוֹיס עֶרְוֶועהְלְט דַאס מִיר דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מְקַיֵים זַיין קֶענֶן. אוּנְ דַאדוּרְךְ זִינְד מִיר מֶעהְר עֶרְהָאבֶּען אַלְס דִיא מַלְאָכִים: דַאס דִיא מַלְאָכִים מִיסֶען ווַארְטֶן מִיט אִיהְר שִׁיר צוּ הַשי״ת בִּיז דִיא יִשְׂרָאֵל מִיט אִיהְרֶן קְרִיאַת שְׁמַע אוּנְ תְּפִלָּה פֶערְטִיג זִינְד. אוּנְ דִיא יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ דֶען וָואס זִיא מְקַיֵים זִינְד דִיא תּוֹרָה אוּנְ מִצְוֹת. דַאדוּרְךְ אִיז כָּל שַׁתָּה תַּחַת רַגְלָיו. זִינְד אִיהְנֶן אוּנְטֶערְגֶעבֶּן אַלֶע בְּרוּאִים מַעְלָה וּמַטָּה. נֶעהְמְלִיךְ דַאס דִיא מַלְאָכִים. דִיא זוּן. אוּנְ דִיא לְבָנָה. אוּנְ אַנְדֶערֶע מַזָּלוֹת. פְּלַאנֶעטֶן. מִיסֶען אִיהְנֶען גֶעהָארְזַאם זַיין. זָא ווַייט דַאס אֵיין אֶמֶתְדִיגֶער צַדִיק אִין זַיין כֹּחַ הָאט אַלֶערְלֵייא גְזֵירוֹת קָשׁוֹת צוּ פַרְהִינְדֶערְן. אוּנְ אוֹיךְ דִיא וֶועלְט טוֹבוֹת אוּנְ יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת צוּ בְּרִינְגֶען. נוּן וֶוען אֵיין מֶענְשׁ נִיכְט פַרְגֶעסְט דָאס עֶר נוּר אוֹיס לֵיים גֶעפָארְמְט אִיז. אוּנְ דָאךְ דוּרְךְ דִיא תּוֹרָה אוּנְ אִיהְרֶע הֵיילִיגֶע מִצְוֹת זָא ווַייט קָאמֶן קָאן. זָא וֶוען נוּר פְרִיהֶער אֵיינֶע פִינְק פוּן אַהֲבַת הַשֵּׁם אִין זֵיינֶען הֶערְצֶן גֶעגְלִימְט הָאט. זָא מוּס עֶס יָא דוּרְךְ זָאלְכֶע אִיבֶּערְלֶעגוּנְג אוּנְ נַאךְ דֶענְקֶען אוֹיף פְלַאמֶן בִּיז עֶס קָאמְט אִין זָאלְכֶען גְרַאד פוּן רִשְׁפֵּי אֵשׁ שַׁלְהֶבֶת יָהּ אֲשֶׁר מַיִם רַבִּים לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת אַהֲבָה פֵייעֶר פוּן דֶען הִימֶעל וָואס פוּן ווַאסֶער נִיכְט פַרְלָאשֶׁן ווִירְד. [אַזוֹ דַאס עֶר דַאמָאהל פַרְגֶעסְט אַלֶע זֵיינֶע צָרוֹת אוּנְ זָארְג פוּן עִנְיָנֵי עוֹלָם הַזֶה] דֶען דָאס אִיז בָּחוּן וּבָרוּר בָּדוּק וּמְנוּסֶה אוֹיף דֶען מַאן אֵיינֶע פֶעסְטֶע אִיבֶּערְצֵייגוּנְג הָאט. דַאס וֶוען אֵיין מֶענְשׁ זוֹכֶה אִיז צוּ אַזוֹ שָׁעָה דַאס עֶר נָאךְ דֶען הִתְבּוֹדְדוּת פִיהְלְט אוּנְ שְׁפִּיהְרְט אוּנְ זֶעלְבְּסְט אִיבֶּערְצֵייגְט אִיזְט פוּן דִיא זִיכוּנְג

פון

פון דָען קִיום הַמִצְוָה וְלִימוּד תּוֹרָה דַאס עָס בַּייא אִיהְם גוֹרֵם אִיז דַאס זַיינֶע אוֹיגֶען נִידֶערְן אוּנְצֶעהלִיגֶע טְרֶערֶן פַאר שִׂמְחָה. דַאמָאל ווירְד עֶר אַזוֹ בְּגַייסְטֶערְט אוּנ עֶר שְׁפִּיהְרְט אַיין אוֹיסֶער אָרְדֶענְטְלִיכֶע שִׂמְחָה אִין זַיין הֶערְץ. זָא וַוייט דַאס עָר מֶעכְטֶע זִיךְ לִיבֶּער ווִינְשֶׁן כָּל יְמֵי חַיָיו לַחֲזוֹר עַל פְּתָחִים וְרַגְלַיִךְ יָחֵף זַיינֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּענְסצַייט בְּלָאס פִּיסְסִיג בֶּעטְלֶען צוּ גֶעהְן. נוּר דַאס הַשֵּׁי״ת זָאל אִיהְם דִיא זְכִיָּה גֶעבֶּען טֶעגְלִיךְ מִיט אַזוֹ אַיין מַדְרֵיגָה, מִיט אַזוֹ שִׂמְחָה. מִיט אַזוֹ אַהֲבָה עַזָה גְרוֹיסֶע לִיבּ דַאס עָר מַרְגִישׁ זָאל זַיין נְעִימוּת מִצְוֹתָיו הַטְהוֹרִים דִיא אַנְגֶענֶעהְמֶע פַיינְהַייט פוּן דִיא רַיינֶע מִצְוֹת. דַאמַאלְס ווֶען עֶר מְקַיֵים דִיא מִצְוֹת אִיז. אַלְס עֶר זָאל מֶלֶךְ זַיין אוֹיף דִיא גַאנְצֶע ווֶעלְט. נוּר דִיא הַשָּׂגוֹת אַהֲבַת הַתּוֹרָה וּמִצְוֹתֶיהָ זָאל עֶר נִיכְט הָאבֶּען. אַזוֹ דַאס עָר שֶׁעצְט זִיךְ גְלִיקְלִיךְ יֶעדֶען טָאג פוּן זַיין לֶעבֶּען ווַייל עָר אַיין יִיד אִיזְט אוּנ קָאן עוֹבֵד ה׳ זַיין אוּנ מְקַיֵים מִצְוֹת זַיין. -

## שאלה י

דֶער גֶעמַיינֶער מַאן וואס קַיין ווִיסֶענְשַׁאפְט אִין דִיא תּוֹרָה הָאט אָבּ קַיין ווֶעג פֶערְהַאנְדֶען אִיזְט דַאס עָר זִיךְ דָאךְ דֶען זְכוּת פוּן תּוֹרָה לֶערְנֶען אַיינֶען מַאכֶן קָאן.

## תשובה

דַא דָאס תּוֹרָה לֶערְנֶען אַזוֹ טַייֶער אוּנ אַזוֹ חָשׁוּב אִיז דַאס זִיא אַיינְס פוּן דִיא עַמוּדֵי הָעוֹלָם אִיז, זַיילֶען. דִיא דִיא ווֶעלְט עֶרְהַאלְטֶען, אוּנ דִיא עֲבוֹדָה וואס דֶער אַנְדֶערֶער עַמוּד הָעוֹלָם אִיז. אִיז אוֹיךְ נִכְלָל מִיט פַרְשְׁטַאנֶען אִין תּוֹרָה. דֶען תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וואס עָס זִינְד עוֹסֵק אִין תּוֹרָה. אִיז בַּייא הַשֵּׁי״ת אַזוֹ חָשׁוּב אַלְס מַאן הֶעטֶע קָרְבָּנוֹת אוּנ קְטוֹרֶת מַקְרִיב גֶעוֶועזֶן. אוּנ ווִיא יִידֶען זִיצֶען צוּזַאמֶען אוּנ לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז שְׁכִינָה שְׁרוּיָה בֵּינֵיהֶם רוּהְט דִיא שְׁכִינָה צְווִישֶׁן זַייא, אוּנ אַזוֹ גְרוֹיס אִיז דֶער ווֶערְט פוּן תּוֹרָה לֶערְנֶען בַּייא הַשֵּׁי״ת דַאס אַזוֹ לַאנְג זִיא הָאבֶּען אִין דִיא צַייטֶען פוּן חוּרְבַּן יְרוּשָׁלַיִם תּוֹרָה לֶערְנֶען נִיכְט פְּרַאכְט. ווֶען גְלַייךְ דַאס זִיא הָאבֶּען גֶעזוּנְדִיגְט גְרוֹסֶע עֲבֵירוֹת הָאט דָאךְ הַשֵּׁי״ ווֶעגֶען תּוֹרָה מַאֲרִיךְ אַף לַאנְגמוּטְהִיג גֶעוֶועזֶן. אוּנ דִיא מִצְוָה פוּן תּוֹרָה הָאט דָאס גֶעווִיכְט גֶעגֶען אַלֶע מִצְוֹת.

# כלל א שאלה י

דאס זיך פילע פון דען המון עם הי׳ געמיינן פאלק · דיא קין
ווייסענשאפט אין דיא תורה האבן · ניכט בעקימערן זאלן · דאס
ווייל זיא קיין חלק אן תורה לערנן האבן דאס זיא דאדורך זעהר
פיעל צוריק געזעצט זינד פון אידרע אנדערע ברידער · דאריבער
מוס מאן זיא צו וויסן מאכן · אונ איהר הערץ צו שטערקן ·
אונ זיא צו טרייסטען · דאס דיא תורה וואס צוה לנו משה וואס
משה אונז בפאלן האט · איין ערבטייל איזט פיר איין יעדן יודן אהגע
אוים נאהמע · זעלבסט ביא זאלכע דיא ניכט לערנן קענן · דא
השי״ת וונשט דאס יידישע קינדר זאלן זיך קענן מזכה זיין · דאס
הייסט · דאס איין יעדער זאל האבן איין פרייען וועג זיך עולם הבא
צו קויפן דורך דיא תרי״ג מצות · דאריבר האט ער גזאגט בצל החכמה
ובצל הכסף · דאס דיא יעניגע וואס זיך בשטרעבן דורך איהר פרמעגן
דען גלאנץ אונ פראכט פון דיא תורה צו ערהעבן · צו אונטערשטיצן
תלמידי חכמים · איהנן פרנסה צו געבן · דאס זיא דורך איהרע אונטרשטיצונג
אונגעהינדערט רוהיג תורה לערנען קענען אונ ארימע קינדער
אונטערשטיצן מיט רבי געלד אונ קאסט אונ קליידונג · אד״ג · דאס
דיא יעניגע האבן צו ערווארטן דען שכר אוף דיא תורה אלס דער
תלמיד חכם זעלבסט · וויל דיא תורה איז איינס פון דיא קנינים
דיא נור דורך יסורים קענן גקויפט ווערדן · דען דער תלמיד חכם ווען
ער וויל זוכה זיין באמת צו דיא קראהן פון דיא תורה מיט וויפיל מיהע
אונ ארבייט מוס ער זיך פלאגן ווערענד זיינע גאנצע לעבענסצייט ·
וויפיל נעכט מוס ער זיין שלאף פרשטעהרן · וויא מוס ער זיין גוף
פייניגן · זיך צוריק צו האלטן פון אלע ליידענשאפטן · וויפיל גבעט
מיט טרערן מוס ער פרגיסן דאס איהם השי״ת זיין הערץ אונ אויגן
עפענן זאל אין השגות התורה דיא תורה צו בגרייפן · אונ דער עושר
קאן צו דען אלען זוכה זיין נור ווען ער איין פרייגעביגעס הערץ
האט ·

דאריבער איז מיטליידונג צו האבן אוף פילע עשירים אונ
קצינים דא זיא האבן אין איהר דאנד זיך חיי עולם הבא צו קויפען
דורך דען זכות פון תורה לערנן אונ האבן קיין פרשטאנד אונ קיין
פרגונפט דאצו ·

## שאלה יא

דיא מצוה דאס מאן זיך אן תלמידי חכמים בהעפטן זאל אונ זייא צו אונטער שטיצן. אוב נאר דער טעם איזט דאס זיא דאדורך מעהר תורה קעננ לערנן זאלן · אודר איזט נאך איין אנדערער גרינד דאבייא.

## תשובה

דוא זאלסט וויסן דיא מצוה וואס דיא תורה האט בפאהלן ולדבקה בו דוא זאלסט דיך בהעפטן אן דיא תלמידי חכמים. דוא זאלסט פיר איהם האנדל פירן. דוא זאלסט איהם פון דיין פערמעגן אונטערשטיצן. דו זאלסט איהם מיט אלען מעגליכען בדינונגען געבן. איז ניכט נור דער טעם דיא אורזאך פון דיא מצוה דאס דער תלמיד חכם פרנסה בריוח בבריט האבן זאל · איז דען דיא האנד פון השי"ת צו קורץ איהם אויף פערשידענע ארט צו שפייזן אהנע מענשענס אונטערשטיצונג. נור וויל דיא אמתדיגע הצלחה אונ דאס וואהרע רייכטוהם איז ווען מאן דיא זכיה האט דיא יידישקייט געטריי צו האלטן וויא זיך געבירהט. וויל דיא יידישקייט איז איין ערבטייל פיר איין יעדען יידען אונ השי"ת יידישע קינדער ליב האט. אונ וויננשט דאס קיינער פון דען אמת וועג צוריק געשטאסן זיין זאל. נון וואס זאל אזוי איינער טוהן וואס אין דיא וויסענשאפט דער תורה זעהר ארים אונ געמיין איזט דא איהם זיינע עלטערן זעהר פריא אב געשטארבן זינד. זא איזט ער אהנע אונטעריכט אויף געוואקסן. דאריבער גיבט השי"ת איהם עושר · אונ טראגט איהם אויף דאס ער שולדיג איזט דען תלמיד חכם וואס איין צדיק איזט צו אונטער שטיצען מיט אלען מעגליכען דאמיט ער דאדורך רוהיג אונ אונגעהינדערט תורה לערנען קענן זאל [אזוי וויא זבולון דאט זיך געפיהרט מיט יששכר] אונ וויל ער דאדורך צו איהם זעהר אפט איין איינגעהער זיין ווירד [איהם אימער מיט דיא נעהטיגע בעדירפניסע צו פערזארגן. האלץ. ליכט. געוואנט. (עניני אכילה ושתיה) לעבענס מיטעל] ווירד ער דאמיט געוויינען (הולך את חכמים יחכם) דער וואס אפט מיט חכמים צוזאמן קאמט ווירד ער אויך קלוג. דען ווען איינער געהט אין איין געוועלב פון פיינע בשמים געווירצע ווען ער אויך ניכט קויפען טוהט נימט ער מיט זיך דאך דען גוטען גראך. דען וויל ער שוין אין זיין הויז איין איינהיימישער איז זא ווירד ער זיך אומזעהן

אויף

# כלל א שאלה יא

אויף אלע זיינע יידישע פירונג. נעמליך וויא אזו ער איז מקיים דיא מצוה פון נטילת ידים צום עסן . וויא ער גענוי אכט גיבט אויף דען כלי דאס עס גאנץ ניכט אוים געבראכען אונ קיין שפרענג האבן זאל . אונ דאס דאס וואסר ריין אונ ניכט ווייניג זיין זאל . אויף וועלכע ארט ער זיינע קינדר ערציהט אונ אונטעריכטעט דאס זיא בושה אונ צניעות האבן זאלן . דאס זיא נור אמת רעדן זאלן . דאס זיא ניכט געניסן זאלן אהנע פאהר אונ נאך ברכה . דאס זיא זיך ניכט שבת קעמין זאלן . דאס זיא ניכט אין דיא האנד נעמן זאלן שבת זאלכע זאכן וואס מוקצה זינד . וויא אזו ער בענשט דאס ער זיך וועגן כבוד שמים דאס (מלבוש עליון) דעם אבער ראק אונ (כובע) הוט . מיצע . אנציגט [ניכט וויא מאנכע אין דיא העמד ערמעל] . וויא אזו ער תפילין לעגט . וויא אזוי מאן אכט גיבט אוף זאלכע פירות דיא מאן נאך זעהן מוס וועגן ווערמער אונ מילבן . דאס מאן זיך ניכט פרלאסען זאל דאמיט אויף דיא דיענסט - אונ זאלכע זאכן וואס דיא בדיקה שווער איז . נעמליך סאלאט אד"ג . ווירד גאר ניכט אין זיין הויז גענוצט אז"וו . אונ ווען דער תלמיד חכם זעהן ווירד דאס ער זיך צו איהם נעהערט אום תורה ויראה צו געווינן . זא ווירד ער איהם געוויס אונטרריכטען אין אלע הינזיכטן אויף דיא בעסטע ארט [אונ ווירד איהם אויך אונטערווייזען אויף וועלכע ארט אונ וויא אזו דאס ער אוים בעסרן זאל וואס ער אין דיא פריעריגע יאהר פרדארבן האט] דאס זיין האנדעל ערליך זיין זאל. קיין בעטרוג . קיין ריבית . פראצענט . קיין הסגות גבול . אונ דאס ער יעדן טאג זיך געוויסע צייטן בשטימן זאל לתורה מיט ספרי מוסר ווען אויך נור אויף יידיש טייטש . תהלים . אונ ווען ער איין ווייטע רייזע אונטרנימט זאל ער ניכט פלייש עסן ווען ער ניכט איבערצייגט איזט דאס דער רב מיט דיא שוחטים יראי שמים זינד . אונ דאס ער קיין פרבינדונג אונ נעהערונג מיט דיא אפיקורסים אונ מחדשים האבן זאל . ווען איהם אבער זיין האנדל אונ געשעפט דאצו ברינגט זא זאל ער ווייניגסטענס זיך אכט געבן דאס ער פון הינזיכט תורה אונ יידישע פירונג גאר ניכט מיט איהנען רעדן זאל אז"וו . דאס איז דער אינהאלט פון דיא מצוה פון ולדבקה בו :

שאלה

**שאלה יב** ווען איין אשה זיך דען זכות פון תורה לערנען איינען מאכען וויל וויא זיא זיך צו פיהרען האט ·

**תשובה** דיא מצוה פון תורה לערנען דיא האט דאס געוויכט געגען אללע מצות · אונ ווענן איהר איז דיא וועלט ערשאפען ווארדען · אונ זיא פראורזאכט לעבען דיא וואס זיך מיט איהר בעשעפטיגען אויף דיזע אונ יענע וועלט · אונ תורה לערנען איז אזו טייער געשעצט בייא השי״ת וויא דיא עבודה פון דיא קרבנות · דא דיא היינטיגע וועלט איז איין (יומא דשוקא) מארקט טאג איין (עולם העשייה) איין וועלט ווא מאן פרדינען קאן דאס מאן זיך דורך דען מקיים זיין מצות תרי״ג זיינע רמ״ח אברים ושס״ה גידים רוחניים מזכך ומטהר ריינינגען אונ טעמפעלירען קאן אונ זיין מוח - וזה כל האדם · אונ דאס איזט דער גאנצער צוועק פון דיא ערשאפונג · אונ דיא שולדיגקייט איז אזו גוט אויף איין ווייב וויא אוף איין מאן · דאס ווען זיא וויל יראת שמים האבען אונ איין צדיקת זיין · זא קאן זיא זיך אויף דיא קורצע פערגענגליכע וועלט אזו גוט פרדיענט מאכן דען אונענדליכען לאהן בעולם הבא וויא דער איש · דא אבער דיא מצוה פון תורה לערנען איז כנגד כולם האט דאס געוויכט געגען אללע מצות · אונ דיא אשה ניכט דארויף געבאטען איז · זא ווייגט איהר דאס הערץ פאר השי״ת מיט דען ווארט דא דוא איין אמתדיגר גאט אהנע אונרעכט ביזט וואס האבע איך פרשולדיגט . וואס האבע איך געזונדיגט דאס איך צוריק געזעצט בין אונ האבע ניכט דאס גליק מיין נשמה צו ציערען מיט דיא מצוה פון תורה לערנען וואס דיא גרעסטע אונ דיא אוים געצייכענטע איז - - זאגט הש״י (בתי) מיין טאכטער (מגעי קולך מבכי) האלט צוריק דיינע שטימע פון וויינען ווען גלייך דאס דוא אויף דיא גוף מצות לימוד התורה ניכט געבאטען ביזט · ווען דוא אבער אמתדיגע ליעב צו השי״ת אונ צו דיא תורה האסט דאס דוא שעצסט דיך גליקליך זיינע מצות מקיים צו זיין · זא איזט (יש תקוה לאחריתך) האסט דוא נאך גרויס האפענונג · אונ שטעהט דיר נאך איין וועג פרייא ווא דוא דיר קענסט דיא מצוה פון תורה לערנען אויך איינען מאכען אונ דען שכר חלק כחלק צו נעמען אוף צווייערלייא ארט ·

דיא ערשטע בחינה איזט · וויא דיא גמרא זאגט (הני נשי במה זכיין דנטרי לגברייהו עד דאתי מבי רבנן) דא דאס שפריכווארט איז איין גוט ווייב מאכט איין גוטען מאן · ווען זיא איהם גלעגענהייט גיבט אונ דאצו פרהעלפט דאס ער זאל תורה לערנן · דאדורך נימט זיא חלק פון דיא מצוה · דען אשת חיל עטרת בעלה וחכמות נשים בנתה ביתה · ומוציא אני מר ממות את האשה דא דיא טרדות עולם הזה דיא בעאונרוהיגונג פון דיזע וועלט איבערהויפט פרנסה צו זוכען איז זייער גרויס · דען איין יעדער מענש איז ניכט זוכה צו צווייא שולחנות דאס ער אויף דיזע וועלט גליקליך אונ רייכליך פרלעבען זאל · דא איז דער מאן מאנכעס מאהל פון פיהלע זארג אונמוטהיג אונ (שיכורת ולא מיין)

# כלל אשאלה יב

בערוישט · אבער ניכט פון ויין · אזוי דאס ביא איהם לייכט איז מבטל צו זיין צו פערהינדערן דיא גרוסע שטונדן דיא ער בעשטימט האט תורה צו לערנן · זא טוהט דיא אשה כשירה איהם איבר בעטען אונ טרייסט איהם מיט זיסע ווארטן אונ זאגט דא איך צו דיר נור איין אשה בין בדרך שאלה והעברה קיין איינגענער · נור איין אויס געליהענער נאהמען · דוא ארבייטעסט דאך מיר מיר אונ פיר דיינע קינדר גרעסטען טייל דעם טאג · פערגעסע ניכט אן דיא אמתדיגע אשה דיא גבירה · דיא תורה · וואס אשת חיל גענענט ווירד (והיא חברתך ואשת בריתך) דא דוא איהר צו געשוואָרן אונ בונד געשלאסן האסט טריא צו זיין · דאס דוא אין בית המדרש געהן זאלסט ווענינסטענס איין שעה יעדן טאג דיך מיט תורה צו בשעפטיגן וואס דוא קאנסט. גמרא · משניות · מספרי מוסר לה״ק יידיש טייטש · אונ ווען אויך פיר יעצט דיא גשעפטן ניכט אם בעסטען געהן · זאלסט דוא דאך ניכט דאריבער אונמוטהיג זיין · דאס דער טפל נעבן זאך זאל ניכט פעראורזאכן דיר פערליהן צו מאכן דען עיקר - תורה צו לערנן · אדער מתפלל ברבים צו זיין טעגליך אין שוהל צו געהן · אונ ניכט אב צו קירצן פון צדקה וגמ״ח - בעזאנדערס צו אונטערשטיצען לומדי תורה · איך וויים דאס פערמעג דיא ליעב וואס איך צו דיר אונ דוא צו מיר האסט · ווען איך מעכטע פערלאנגן פון דיר דאס דוא מיר איין קלייד אויף יום טוב מאכן זאלסט (וואס איך באמת בענעהטיגע) מעכסט דוא דיך גאר ניכט בערעכענן אוב יא יכולת אדר קיין יכולת איז · אונ מעכסט מיר עס שון מאכן · אבר איך ווינשע עס גאר ניכט · דא איך זעהע דאס דיא צייט גיענגט איז · אבער איך בין עס דיר נור מוחל אויף דען תנאי בעדינג. נור דאס דוא מיר קיין קלייד מאכן זאלסט אבער דיא סומא אונ דעם בעטראג דאפון בין איך דיר ניכט מוחל זאנדערן עס זאל בלייבן צו הילף אונ ביא שטייער דאס דיא בעדירפניסע פון דיא נשמה ניכט אב געקירצט ווערדן זאלן · דענקע נור פאהר איינגע יאהר וואר אונזר שטאנד זעהר געמיין אונ ארים אונ השי״ת האט געהאלפן · זא ווירד ער יעצט געוויס אויך ווייטר העלפן ; מיט זאלכן אר״ג רייד שטערקט זיא איהם דאס ער צו יעדר צייט איין ערליכר ייד זיין זאל אונ זיין מוט · אונ זיא לאסט צוריק פיעלע פרגעניגונגען פון דיזע וועלט (מותרות אכילה ושתיה ושאר צורכי בית) איבערפליסיגע הויז בראך · אונ זעהט אלעס אויף אלען מעגליכן צו פערקלענערן אום דאדורך צו געווינן דאס איהר מאן ניכט זא פיעל צרשטרייאונגען אונ טרדות עוה״ז האבן זאל · דאס ער דאדורך זיך געוויסע צייטן נעמן קענן זאל צו תורה אונ מצות · אזוי אויך איהרע תפילות אונ בקשות גבעהט אונ פרלאנגן זינד אימר צו השי״ת ער זאל איהר ביא שטעהן דאס זיא זאל קענן איהר מאן העלפען דאס ער זיין זאל פון דיא בית המדרש זיצער · אונ ווען אויך ניכט דען גאנצן טאג זיך מיט תורה צו בשעפטיגן (כי לאו כל אדם זוכה לזה) דאס איזט ניכט איין יעדר מענש זוכה · ווענינגסטענס דאס ער זאל פיהרע שטונדען קובע

זיין לתורה . דאס איז דיא ערשטע בחינה .. ווען זיא איז אבער איין אשה רעה (האומרת לארוניהם הביאה ונשתה) זוכע געלד אונ פרנסה דאס מיר וואול לעבן קענען . ניכט נור דאס זיא איז איהם ניכט בייהילפיג צו תורה . זאנדערן דא זיא איהם פערוואהרזאכט פיהלע טרדות אונ גראס פיזור נפש ווייל זיא נור ווינשט גראס הויז צו פיהרן מיט אלערלייא ענינים (צורכי הבית. אכילה שתיה . כלי הבית בכל מיני בגדים ובכל מיני תכשיטים) מעבעל , קליידונג . ציהרונג . אכילה ושתיה . אונ ווען ער אוך זיך שוין מאנכעס מאהל אליין ערזאנערט אן דיא אשת נעורים דיא תורה דאס ער זיא ניכט גאנץ פרלאסען וויל . איזט זיא איהם גורם זיין וועלט צו פערפינסטערן . מיט דען ווארט וואס האבע איך פון דיין לערנן, פון דיין תורה . פאר וואס זעהסט דוא ניכט מיר צו שאפען זאלכע בגדים אונד זאלכע ציהרונג וויא מיין שכינות האט פון איהר מאן .

נון (נשים שאננות בנות בוטחות) דא דיא גרויסע טייערע מצוה פון תורה לערנן דיא צו אנשים נור געקויפט ווערדן קאן דורך יסורים שמערצן אונ חיי צער כל ימי חייהם גדריקטעס געקוועהלטעס לעבן אונ איהר קאנט דאצו קאמן אונ זוכה זיין אויף איין לייכטע ארט . נור איהר זאלט דען (כבוד המדומה) . דער כבוד פון דיזע וועלט איז נור איינע פארשטעלונג, אבר ניכט אין דיא ווירקליכקייט וואס נור מעגליך איז ביי זייטיגן (אונ איהר זאלט זיין (חכם הרואה את הנולד) דיא צוקונפט פאר אויס צו זעהן דאס איהר פרשטעהן זאלט וואס איהר פערהאנדלט אונ וואס איהר אויף האנדלט . וואס איהר פערקויפט אונ וואס איהר איינקויפט דען איך מאכע אייך אויף צווייא זאכען אויף מערקזאם . ערשטענס איבר לעגט אייך ווען איהר שאהן זוכה זייט דאס איהר דיא אלע פיער אונ צוואנציג (בגדים תכשיטים) ציהרונג דיא אין ישעיה געצעהלט ווערן . אייגן האט . אונ דיא אלע זינד פון פיינסטען אויס געצייכנעטן זיידען שטאף . אונ דיא גאלד ציהרונג דאווף פון דען פיינסטען אויסגעצייכנעטן גאלד . אונ געשמיקט מיט דיא טייערסטען פיינסטען עדעלשטיין *) . צווייטענס . צו לעצט ווען אייער שטערב

טאג

---

*) געביירט עס זיך אונ פאכט עס זיך דאס דער חשוב אונ דער נכבד זאל זיך בעשטרעבן מיט זאלכע זאכן זיך צו ציהרן דיא פיהל נידריגר אונ אין קליינערן ווערט שטעהן פון איהם ' דא השי"ת האט ערשאפן אין דיא וועלט פירערלייא קלאסן . "דומם" אין דען איזט פערשטאנען אלער האנד מאטאל אונ פיינע שטיינר ' אונ נאך איין העכערע קלאס איזט "צומח" דאס געוועקס אין דען איזט פערשטאנען אלערלייא גאטונג פון קליידער ' אונ נאך איין העכערע קלאס "חי" אלעס וואס איין לעבענס גייסט האט . אונ איבער אלע איז דער מענש וואס ער וויהרד גרופען "מדבר" דאס ער דיא מתנה האט בקאמן רעדן צו קענן . איינע העכערע קלאס איזט דיא פערשידענע וועלטן וואס הויך זינד וויא דארט (כוכבים אונ מזלות) שטערן אונ פלאנעטן אונ

אלערלייא

# כלל א שאלה יב

מאג קאמט · נימט איהר אייך נור מיט פיער גמיינע קליידער פון ליינוואנדשטאף און דיזעס אלעס בלייבט צוריק · ווען איהר אבער אייך איין מוסר נימט פון די (חכמות נשים) פון (משלי שלמה) און בשטרעבט אייך אייערע גאנצע לעבענסצייט תורה אייך איינגען צו מאכן · אזו ווירד איהר זוכה זיין (בהתהלכך תנחה אותך וכו׳) ביא דען אב לעבן ווירד דיך דער זכות פון תורה בגלייטן · און עס זאל אימער געגן אייערע אויגן זיין דער פסוק (טוב מלא כף נחת ממלא חפנים עמל ורעות רוח)· בעסער איין קליינעס פרמעגן און זיין בשעפער איין פרגעניגן צו מאכן אלס איין גראסעס פרמעגן וועלכעס פראורזאכט דען בעשעפער פערדרוס צו מאכן דורך די פרלעצונג פון די יידישקייט · נון איבערלעגט אייך גיט · וואס איהר צו טוהן האט מיט וועלכע אשה איהר זאלט (חברותא) געזעלשאפט און פרבינדונג מאכן · אב מיט די (חכמות נשים) אדר מיט די (אשה מר ממות) וואס איהרע שלעכטע וועג פיהרן צום עוויגן פרדערבן · און פון וועלכע איהר זאלט אייך איהרע פירונג אב לערנן די צווייטע בחינה · וויא זיא זיך דאדורך תורה לערנן איינגען מאכן קאן · איזט · (דא די תורה פרלאנגט פון איין יעדען ישראל (כי אם ליראה) דאס ער יראת שמים בעזיצען זאל · און ווען איין מענש צו אמתדיגע יראת שמים זוכה וויל זיין וויא זיך גבידרט · אזו מוס מאן אוף איהם אופזיכט און השגחה האבן (מתחילת הויתו וראשית שרשו) ביא דען אנפאנג פון זיינע בשאפענהייט דאס ער איין (זרע קודש מצבתה) היילגער זאמן זיין זאל (באמטויי בנייהו לבי כנישתא) דאס אוף די אשה כשירה איז איין שולדיגקייט דאס זיא אלעם מעגליכע טוהן · זאל דאס איהרע קינדר ערליכע יידען (תלמידי חכמים) זיין זאלן · איז די כוונה פון די גמרא דאס זיא געלעגנהייט געבן און פראורזאכן זאל דאס זיא זיין זאלן (מחובשי בהמ״ד) פון די תורה לערנער אין בית המדרש · און דאס העגנט אב פון פיער פרטים אוף די זיא אכט געבן מוס ·

דער ערשטר פרט איז · דען ווען וויא טייערער און חשוב די זאך איז · זא קאמט עס מער מיהע און פלאג ביז מען עס עררייכן און ערלאנגן קאן · דען

דם

---

אלערלייא מדריגות מלאכים זינד · און דורך די יידישקייט געגוי מקיים צו זיין ווען אויך דאס איין מענש זיין ווארצעל נור ערד און שטויב איזט· קאן ער זיך אזו ווייט אוים ארבייטן און פערפיינערן און טעמפעלירן און היילגן דאס ער אויף איינע העכערע מדריגה קאמן קאן אלס די מלאכים· נון די אלע ציהרונג פון גאלד און זילבער און פיינע שטיינער · דער מענש דער קליג און געשייט איזט· דער פערשטעהט און זעהט איין דאס זאלכע ציהרונגן דען מענשן איין שאנד און הערבזעצונג איזט · דא ער פון איהגן מיט דרייא מדריגות העכער איזט · זאנדערן די שעהנסטע און אמתדיגע ציהרונג איזט · מיט די פאהרשריפט פון די תורה געגוי נאך צו פאלגען · וייל ער דאדורך זיין שאנד און מדריגה ערהעבן קאן · (שבט מוסר)

דאס מאן דיא זכיה האבן זאל קינדר צו האבן דיא תורה לערנען זאלען אונ אמתדיגע יראת שמים בזיצען . איז איהר ווערט וייט טייערר אלס גאלד אונ אנדערע שעצע . דאריבר איז איין גרוסע שולדיגקייט דאס דיא (אשה כשרה) ערליכם וייב זעהר אפט מתפלל צו השי"ת זיין זאל דאס ער איהר דאס גליק געבן זאל דאס זיא זאל האבן פראמע קינדר . פילמעהר אין דיא צייט פון איהרע שוואנגערשאפט . אזו וויא דיא גמרא ערצעהלט פון דען תנא ר' יושע דאס מאן האט גזאגט אויף איהם (אשרי יולדתו) וואהל דיא מיטער דיא איהם געבארן האט . וייל זיא איז גגאנגן צו (תלמידי חכמים) דאס זיא זאלן אויף איהר בעטן צו השי"ת דאס זיא האבן זאל איין זאהן וואס איין צדיק תלמיד חכם זיין זאל . וויא אויך דיא מיטער ווערענד דאס זיא איהרע געבאטענע מצות חלה . הדלקה . טבילה . מקיים איז (וייל דאמאלס מער גאייגענט איז דאס איהר תפלה אנגענאמן ווערדן זאל) זאלן גידערן איהרע אויגן טרערן דאס השי"ת זאל איהר געבן זאלכענע קינדער וואס אמתדיגע יראי שמים זיין . אונ דאס איהר פנים לייכטן זאל פון דיא הייליגע תורה . דא דער יוצר כל יציר יודע מחשבות איז בשעפר פון אלע בשעפניש דען מענשענס גדאנקן פריוות . וויזקן פילמעהר זאלכע געבעטע בראשית הויותו ביי דען אנפאנג פון דיא ערשאפונג . דאס מאן דאמאלס דארף ניכט פרגעסן דאס מיר אין תורה גרופן ווערדן איין הייליג פאלק ניכט איין פאלק וואס צו דען עזער געגליכן איז . אונ דאס מצות פרו ורבו דיא ערשטע מצוה פון תרי"ג מצות איז . דאס מאן ניכט פרגעסן זאל והתקדשתם והייתם קדושים דאס ניכט נור דיא גדאנקן זיין זאל זיינע ליידענשאפטן צו ערפילן וויא דיא בהמה . וויא ביי מאנכע דיא ווירקליך נור איין בהמה זינד אין געשטאלט אונ פארים פון איין מענש . זאנדערן דער עיקר גדאנקן זאל זיין וועגן הצלות החטא דאס ער צו קיין זינד קאמן זאל אונ דאס ער קינדר האבן זאל דיא ביי זיין אב לעבן ממלא מקומו זיין ווערדן זיין שטעל צו פרטרעטן . השי"ת צו דינען . דאן פראורזאכט זאלכעס ביי דיא קינדר אין שפעטערע צייטן זעהר פיעל גוטעס . –

דער צווייטער פרט איז . שמירות דת יאהדות . דאס זיא זעהר גוט אונ גענוי אכט געבן זאל איינע צנועה צו זיין אין אלע ענינים . קיינע זאלכע קליידר וואס זיך ניכט פאסט אויף איינע יידישע טאכטער דיא בשיידען זיין מוס צו טראגן *) קיין אוים לופערן צו זיין . קיין קלנית מיט הויכע שטימע צו רעדן . אד"ג . דען דער זכות פון צניעות טראגט זעהר פיעל ביי דאס

אירע

---

*) נעהמליך איין שיימיל צו טראגען עס מעג זיין וואס פיר איינם אימער . פיעל מעהר ניכט זיך צו ציהרן מיט דען גראסן פריצות פון דיא פרעכע עזות חוצפה היטליך . אויף דען ישעיה הנביא זיין דור מיט פירכטערליכע קללות געפריכט האט .

# כלל א שאלה יב

אִיהְרֶע קִינְדֶר זָאלֶן צַדִיקִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זַיין . וִויא דִיא אִשָׁה קַמְחִית הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזֶן דָאס אִיהְרֶע זִיבֶּן קִינְדֶר כֹּהֲנִים גְדוֹלִים וָוארֶן . הָאבֶּן זִיא דִיא חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט וָועלְכֶע מִצְוָה אִיז אִיהְר בַּייא גֶעשְׁטַאנֶען דָאס זִיא אַזוֹ זְכִיָּה הָאט . זָא וָואר דִיא אַנְטְווָארְט דָאס זִיא הָאט אַזוֹ אַכְט גֶעגֶעבֶּן אוֹיף צְנִיעוּת דָאס זֶעלְבְּסְט אִין דֶען חֶדֶר צִימֶער וְויא זִיא נוּר אַלֵיין וָואר . הָאט נִימַאלְס קוֹרַת בֵּיתָהּ דֶער בַּאלְקֶען סֶעפִּיט . אִיהְרֶע הָאר גֶעזֶעהֶן *) אוּנ דֶער זוֹהַר אִיז מַפְלִיג דֶען עוֹנֶשׁ פוּן דִיא עֲבֵירָה . גֶעהְמַלִיךְ דָאס דִיא אִשָׁה וָואס נִיכְט אַן צְנִיעוּת שַׂעֲרָה נִזְהַר אִיז פֶערְאוּרְזַאכְט פִילֶע אוּנְגְלִיקֶע פִיר אִיהְרֶע קִינְדֶר אוּנ אוֹיף אִיהְרֶען מַאן . אוּנ אוֹיף דִיא פרנסה

---

*) דֶער רַבִּי פוּן כָּל יִשְׂרָאֵל הַגָאוֹן (בעל חת"ם זללה"ה) הָאט בַּייא אֵיינֶע דְרָשָׁה בָּרַבִּים פָאלְגֶענְדֶע תּוֹכָחָה גֶעזָאגְט . וַוייל עֶס זִינְד פִילֶע עֶלְטֶערְן וֶוען אוֹיךְ דָאס זִיא לַייכְטְזִינִיג זִינְד . אוּנ דִיא פָארְשְׁרִיפְט פוּן דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה גֶענוּי צוּ בֶּעאָבַּאכְטֶען נִיכְט בַּייא אִיהְנֶען זֶעהְר גֶעשֶׁעצְט אוּנ אִין טַייעֶרֶען וֶוערְט שְׁטֶעהְט . דֶענְנָאךְ בֶּעשְׁטְרֶעבֶּען זִיא זִיךְ אוּנ ווִינְשֶׁען דָאס אִיהְרֶע קִינְדֶר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זַיין זָאלֶען . זָא מַאכֶע אִיךְ זִיא וִויסֶען דָאס דִיא אַלֶע יֶענִיגֶע וָואס נִיכְט פִּינְקְטְלִיךְ שְׁמִירוּת נִדָּה אוּנ צְנִיעוּת בֶּעאָבַּאכְטֶען (נֶעמְלִיךְ דָאס זִיא אוֹיף זִיךְ זֶעהְר גוּט אַכְט גֶעבֶּען זָאל דָאס פוּן אִיהְרֶע הָאר נִימַאלְס עֶטְוואס גֶעזֶעהֶן וֶוערְדֶען זָאל . אוּנ אֵיינֶע וַוייט גְרֶעסֶערֶע אוּנ שְׁטְרֶענְגֶערֶע אוֹיף זִיכְט אִיזְט זִיא שׁוּלְדִיג אוֹיף זִיךְ צוּ הָאבֶּען דָאס אִיהְרֶע הָאר נִימַאלְס בֶּעדַייטֶענְט לַאנְג זַיין זָאלֶען (וֶוען זִיא אוֹיךְ נִיכְט גֶעזֶעהֶן וֶוערְדֶען) וַוייל זָאלְכֶעס פֶערְאוּרְזַאכֶען קָאן זִיךְ צוּ פֶערְזִינְדֶען דִיא לֶעבֶּענְס יָאהְר פוּן זִיךְ אוּנ אִיהְרֶען מַאן אוּנ קִינְדֶר צוּ פֶערְשְׁנַיידֶען ח"ו דֶען וֶוען וֶועהְרֶענְד דִיא טְבִילָה דָאס מִינְדֶעסְטֶע פוּן אִיהְרֶע הָאר אוֹיסֶער דֶען וַואסֶר זִינְד אַזוֹ אִיזְט אִיהְר טְבִילָה אוּנְגִילְטִיג . אוּנ אִיהְר נָאמֶען אִיזְט נָאךְ וַוייטֶער נִדָּה אַלְס פְרִיהֶער דָאס זִיא פוּן אִיהְרֶען מַאן עֶרְוַוייטֶערְט זַיין מוּס . אוּנ וֶוען דִיא הָאר לַאנְג זִינְד אִיזְט נִיכְט נוּר זָאלְכֶעס זֶעהְר אָפְט דֶער פַאל . זָאנְדֶערְן עֶס אִיזְט זֶעהְר שְׁוֶועהְר צוּ פֶערְהִיטֶען דָאס בַּייא אֵיינֶע זָאלְכֶע דִיא טְבִילָה גֶעהֶערִיג זַיין זָאל) זָאלֶען נִימַאלְס דִיא זְכִיָּה הָאבֶּען דָאס אִיהְרֶע קִינְדֶר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זַיין זָאלֶען . אוּנ דָרַב הַגָדוֹל הַגְבִּיר הַצַדִיק . (ר' מיכל קיטצע זללה"ה) הָאט דַאמָאלְס מִיט הוֹיכֶע שְׁטִימֶע גֶעשְׁרִיגֶען . נוּר קַיינֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים . זָאנְדֶערְן כּוֹפְרִים . אֶפִּיקוֹרְסִים . וֶוערְדֶען זָאלְכֶע קִינְדֶר זַיין דִיא פוּן אֵיינֶע זָאלְכֶע זֶרַע אַהֶער קָאמֶען .

דַארִיבֶּער אִיזְט צוּ בֶּעוְואוּנְדֶערְן אוֹיף זָאלְכֶע נָשִׁים וִויא קָאן מַאן אַזוֹ קוּרְצֶען פֶערְשְׁטַאנְד אוּנ אַיין זָאלְכֶעס פֶערְשְׁטָאקְטֶעס הֶערְץ הָאבֶּען . וֶועגֶען אֵיינֶע קְלֵיינֶע הֲנָאָה פוּן אַיין קוּרְצֶען דוֹיעֶר זִיךְ בֶּעסֶר אוּנ שֶׁעהְנֶער צִיהֶרֶען צוּ קֶענֶען הִיעֶן צוּ גֶעבֶּען דָאס וַואהְרֶע אֶמֶתְדִיגֶע גְלִיק פוּן אִיהְרֶע קִינְדֶער . וִויא אוֹיךְ אִיהְר לֶעבֶּען .

פַּרְנָסָה וִויא אוֹיךְ דַאס אִיהרֶע קִינְדֶר אִין יֶעדֶר הִינְזִיכְט . נִידְרִיג . אוּנְווִירְדִיג . פַּרַאכְטֶעט . פֶּרְקְלֵיינֶערְט . זַיין וֶוערְדֶן . דֶען אִיבֶּער דֶען הָאבֶּן דִיא חֲכָמִים נוּר גֶעשִׁיקְט פְּרֶעגֶן דִיא מִיטֶער קַמְחִית אוּנ נִיכְט דֶען פָּאטֶר . ווַייל דַאס דִיא קִינְדֶר זָאלֶן צַדִיקִים אוּנ אֶמְתְדִיגֶע יִרְאֵי שָׁמַיִם זַיין . צוּ דֶען אִיז מֶער נִיצְלִיכֶער אוּנ הֶעלְפְט פִיעֶל דַאצוּ דָאס צִדְקוּת אוּנ דָאס צְנִיעוּת פוּן דִיא מוּטֶער . מֶער אַלְס פוּן דֶען פָאטֶער (מהרש"א)

דֶער דְרִיטֶער פְּרַט אִיז . דַ ת מ שֶׁ ה . דַאס זִיא גֶענוֹי אַכְט גֶעבֶּן זָאל אוֹיף דִיא שְׁמִירָה פוּן אַלֶע עֶרְוֵויטֶערוּנְגֶן פוּן אִיהרֶן מַאן אִין דִיא אוּנְרֵיינֶע טֶעג . וִויא אוֹיךְ אִין דִיא יְמֵי לִיבּוּנָה אִין דִיא זִיבֶּן רֵיינֶע טֶעג בִּיז זִיא זִיךְ טוֹבֵל אִיז . דַאס זִיא בִּיז דַאמָאלְס נָאךְ דֶען נָאדְמֶן נִדָה הָאט אוּנ טְמֵא אִיז אָהנֶע גְרִינְגְסְטֶן אוּנְטֶערְשִׁיד זָא וִויא אִין דִיא יְמֵי נִדָה וֶוען דֶער בְּלוּט פְּרוּם אִיז . וִויא אוֹיךְ אַכְט צוּ גֶעבֶּן דַאס זִיא זִיךְ עֶרְוֵויטֶערֶן זָאל פוּן אִיהרֶן מַאן אֵיין טָאג פְרִיהֶער וֶוען אִיהר רֶגֶל צוּ קָאמֶן פְּלֶעגְט . אוּנ גֶענוֹי אַכְט צוּ גֶעבֶּן בְּעִנְיַן הַבְּדִיקָה . אִין הִינְזִיכְט בְּדִיקָה . נֶעהְמְלִיךְ דַאס זִיא שׁוּלְדִיג אִיז וִויא וַוייט אִיהר פִינְגֶער גְרֵייכְט אוֹיף דֶען גֶווִיסֶען אָרְט מִיט פֵיינֶע אַלְטֶע לֵיינְוַואנְד זִיךְ בּוֹדֵק צוּ זַיין . פִילְמָער בַּייא דִיא בְּדִיקָה פוּן הֶפְסֵק טַהֲרָה . דֶען טָאג וָוא דֶער בְּלוּט פְּלוּס נַאנְץ אוֹיף גֶעהֶערְט הָאט אוּנ זִיא זִיךְ וַוייס אַנְצִינְט . דַאס עֶס מוּס זַיין מִבְּעוֹד יוֹם וֶוען נָאךְ טָאג אִיז . וִויא אוֹיךְ דִיא בְּדִיקָה פוּן דֶען עֶרְשְׁטֶען טָאג אוּנ דֶען זִיבֶּטֶען טָאג פוּן דִיא זִיבֶּען רֵיינֶע טֶעג דַאס דִיא בְּדִיקָה זַיין מוּס לְחוֹרִין וְלִסְדָקִין נֶעהְמְלִיךְ וִויא וַוייט דֶער פִינְגֶער גְרֵייכְט אוֹיף דֶען גֶווִיסֶן אָרְט . וּמִצַד זְהִירוּת בְּדִיקָה בְּכָל בּוֹקֶר וָעֶרֶב אֲפִילוּ בִּימֵי טָהֳרָתָהּ וִויא אוֹיךְ אוּם זִיךְ פוּן אֵיינֶע עֲבֵירָה צוּ עֶרְוֵויטֶערֶן גֶעהֶערְט זִיךְ דַאס זֶעלְבְּס וֶוען זִיא זַיין צוּ אִיהר מַאן אִיז . דַאס זִיא זִיךְ פְרִיה אוּנ אָבֶּענְד בּוֹדֵק זַיין זָאל . וִויא אוֹיךְ אַכְט צוּ גֶעבֶּן בְּכָל דִינֵי טְבִילָה וַהֲצִיצָה דֶען עֶס נִיבְט דִינִים דִיא אוֹיךְ בְּדֶערְבִּיי מְעַכֵּב זַיין . דַאס דִיא טְבִילָה דַאדוּרְךְ אוּנְגִילְטִיג אִיז . כְּמוֹ קְפִיצָה שֶׁשְּׁתִיָּה בְּיוֹתֵר מְדִיבּוּק בֵּינוֹנִי אד"ג . וֶוען זִיא דַאס מוֹיל פֶעסְט צוּ דְרִיקְט בִּשְׁעַת טְבִילָה מֶער אַלְס גֶעוֶוענְלִיךְ . אָדֶער אָב זִיא אִיז נִזְהָר גֶעוֶוען בִּימֵי טָהֳרָתָהּ תָּמִיד זִיךְ בּוֹדֵק צוּ זַיין בַּייא דִיא דְרֵייא עֶרְלֵייא הַרְגָשׁוֹת . נִזְדַעְזְעוּ אֵבָרֶיהָ . נֶעהְמְלִיךְ וֶוען זִיא הָאט גֶעפִיהלְט אֵיינֶע עֶרְשִׁיטֶערוּנְג אִין אִיהרֶע גְלִידֶער . פְּתִיחוֹת פִּי הַמָּקוֹר . אָדֶער דַאס זִיךְ אִיהר מוּטֶער גֶעעֶפֶענְט הָאט ווַייל זָאלְכֶס פְּלֶעגְט אֵיין צֵייכֶן צוּ זַיין דַאס דֶער בְּלוּטְפְלוּס קָאמְט . הַרְגָשׁוֹת זִיבוֹת דָבָר לַח . אָדֶער וֶוען זִיא הָאט גֶעשְׁפִּיהרְט פֵייכְטֶענְדֶע בֶּעוֶועגוּנְג . וִויא אוֹיךְ דַאס זִיא אַכְט גֶעבֶּן זָאל דֶען טָאג וָואס זִיא זִיךְ וַוייס אַנְגֶעצָאגֶן הָאט . נִיכְט צוּ דִיא זִיבֶּען רֵיינֶע טֶעג צוּ צֶעהלֶן . זָאנְדֶערְן פוּן דֶען קָאמֶענְדֶען טָאג פַאנְגְט זִיא עֶרְשְׁט אָן צוּ צֶעהלֶן . וְלָמָּה הָאַטֶם דִיזֶעס אַלֶעס זָאל נִיכְט אִין אֵייעֶרֶע אוֹיגֶען גְרִינְג גֶעשֶׁעצְט זַיין . אוּנ חָלִילָה זָאלְכֶס פִיר גְלֵייכְגִילְטִיג צוּ בֶּטְרַאכְטֶען . דֶען בֶּאֱמֶת זִינְד דַאס זָאלְכֶע זַאכֶען וָואס עוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס אִין גְרָאסֶען וֶוערְט שְׁטֶעהֶן . אוּנ דַאפוּן הֶענְגְט אָב

# כלל א שאלה יב

דָאס לֶעבְּן פוּן אֵייךְ · אוּנ פוּן אֵייעֶרֶע מֶענֶער · אוּנ פוּן אֵייעֶרֶע קִינְדֶר· דַארִיבֶּר אִיז אֵיין גְרוֹסֶע שׁוּלְדִיגְקֵייט דַא ז אִיהְר דָאס סֵפֶר (מעין טהור) זֶעהְר אָפְּט לֵיינֶען זָאלְט. דֶען אִין דִיא מִצְוֹת אוּנ אַזְהָרוֹת מוּז יַא זַיין דְבָרִים בְּגַז עֶטְוַואס אִינְגֶעלֶעגְט דַאס זִיא מְרַמֵז זִינְד הִינְוַוייזֶען · הִינְדֵייטֶען · אוֹיף דְבָרִים גְדוֹלִים וִוִיכְטִיגֶע זַאכֶען וָואס אוּנְזֶערֶע אוֹיגֶען אוּנ פְלֵיישׁ נִיכְט זֶעהֶן אוּנ נִיכְט בַּגְרֵייפֶען אוּנ נִיכְט פַרְשְׁטֶעהֶן קֶענֶען · גֶענוּג בֶּוֵויז דַא דִיא תּוֹרָה אוּנְז זָאגְט וֶוען אִישׁ אוּנ אִשָׁה פִיהְרֶען זִיךְ אִין אִיהְרֶען הוֹיז נָאךְ פָארְשְׁרִיפְט פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִין הִינְזִיכְט דַת משֶׁה וְדַת יַאֲהַדוּת · זָא רוּהְט דִיא שְׁכִינָה אִין אִיהְרֶען הוֹיז · זָא קָאן מַאן שְׁלִיסֶען דַאס דִיא קִינְדֶר וָואס פוּן דָארְט אַהֶער קָאמֶען אֵיין זֶרַע קוֹדֶשׁ אוּנ בְּנֵי אֵל חַי זַיין וֶוערְדֶען – –

דֶער פִירְטֶער פְּרַט אִיז · אַזוֹ וִויא דֶער גֶערְטְנֶר דֶער יוּנְגֶע צְווַייגֶען פְלַאנְצְט· זָא לַאנְג דַאס זִיא קְלֵיין אוּנ וֵויךְ אוּנ נָאךְ נִיכְט פֶּרֶהֶערְטֶענְד זִינְד· זָא קָאן עֶר זִיא לֶענְקֶען אוּנ בֵּייגֶען נָאךְ זַיין וָואוּנְשׁ וִויא עֶר פַרְשְׁטֶעהְט · וֶוען זִיא אָבֶּער שָׁאהְן פֶּרֶהֶערְטֶענְד זִינְד · זָא קָאן מַאן זִיא נִיכְט מֶעהְר בֵּייגֶען · אַזוֹ אִיז דִיא עֶרְצִיהוּנְג אוּנ דֶער אוּנְטֶערְרִיכְט פוּן דֶען קִינְד וֶוען מַאן וִוינְשְׁט דַאס עֶר אֵיין אֶמֶתְדִיגֶער יְרֵא שָׁמַיִם זַיין זָאל אוּנ מִדוֹת טוֹבוֹת בֶּעזִיצֶען אוּנ עָלוּל פֶעהִיג זַיין זָאל אֵיין תַּלְמִיד חָכָם צוּ זַיין · זָא מוּס דִיא אוֹפְזִיכְט דַאצוּ אוּנ דִיא אַיינְוַוייהוּנְג אוּנ דֶער אוּנְטֶערְרִיכְט שָׁאהְן אִין דִיא גַאנְצֶע רֵייפֶע יָאהְרֶען זַיין · אוּנ וַוייל יֶעדֶער פָאטֶער אִיז יַא בַּשֶׁעפְטִיגְט וֶוענֶן מִחְיָה אוּנ כַּלְכָּלָה · פַּרְנָסָה צוּ זוּכֶען זַיין הוֹיז צוּ עֶרְנֶעהְרֶען אוּנ דַאדוּרְךְ פַּעַם בַּחוּץ וּפַעַם בָּרְחוֹבוֹת נוֹדֵד לַלֶחֶם אַיֵה אִיז· אָפְּט דִיא מֶערְקְסְטֶע אִיז דִיא גַאסֶען בֶּעזוּכְט אוּנ נִיכְט אִימֶער צוּ הוֹיז זַיין קָאן · דַארוּם קָאן עֶר יַא קֵיינֶע רֶעכְטֶע אוֹפְזִיכְט אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶר הָאבֶּן · דַארִיבֶּר זָאגְט דִיא תּוֹרָה דַאס דִיא שׁוּלְדִיגְקֵייט פוּן דִיא הַדְרָכָה אוּנ חִינוּךְ אוּנְטֶערְרִיכְט אוּנ אַיינְוַוייהוּנְג פוּן קִינְדֶר בִּימֵי קַטְנוּתָם אִין דִיא רֵייפֶע יָאהְרֶען לִיגְט נִיכְט נוּר מֶער אוֹיף דִיא מוּטֶער אַלֵם אוֹיף דֶען פָאטֶער · זָאנְדֶערֶען נוּר גַאנְץ אוֹיף דִיא מוּטֶער · דַא זִיא אִימֶער אִין הוֹיז אִיז · וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט כְּבוּדָה בַּת מֶלֶךְ פְּנִימָה · דַאס זִיא אִיהְם עֶרְצִיהֶען זָאל אוֹיף דֶען וֶועג פוּן יִרְאָה אוּנ צְנִיעוּת · אוּנ זָאל פִיר אִיהְם זָארְגֶען דַאס עֶר זָאל קֶענֶען תּוֹרָה לֶערְנֶען · גֶעהְמלִיךְ דַאס זִיא הַשְׁגָחָה הָאבֶּן זָאל דַאס זַיין גוּף וָואס נוּר מֶעגְלִיךְ אִיז זַיין מָזוֹן זַיין זָאל גְשְׁפֵּייזְט צוּ וֶוערְדֶען מַאֲכָלִים דַקִים לַייכְטֶע שְׁפֵּייזֶען שֶׁכְּפִי אֵיכוּת גַסוּת וְדַקוּת הַמָזוֹן וְרוּחָנִיוּתוֹ וְגַשְׁמִיוּתוֹ כֵּן הוּא גוּף הַנִיזוֹן דֶען וַוייל אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אִין דִיא מִדְבָּר הָאבֶּן גֶעגֶעסֶען מָן לֶחֶם אַבִּירִים הָאבֶּן זַייא זוֹכֶה גֶעוֶועזֶען אֵיין גְרוֹס דוֹר דֵעָה צוּ זַיין אִין הַשָּׂגוֹת הַתּוֹרָה (רי בחיי) – דַארִיבֶּער דָאס קִינְד וָואס מַאן וִויל מְגַדֵל זַיין צוּ תּוֹרָה · דַארְף מַאן נִיכְט אוֹיף אִיהְם קָארְג זַיין · דַאס עֶס נִיכְט עֶסֶען זָאל זָאלְכֶם בְּרָאט וָואס מִיט קְלֵייֶען גֶעמִישְׁט אִיז · אד״ג אַנְדֶערֶע גְרָאבֶּע מַאֲכָלִים · דֶען זָאלְכֶעס שַׁאדֶעט אִיהְם צוּם שֵׂכֶל · אִיבֶּר הוֹיפְּט זָאל זִיא גְרוֹס אוֹפְזִיכְט הָאבֶּן אוֹיף אִיהְם

דאס

דאס זיין בשר הגוף . בשר קודש זיין זאל היליג פלייש. געהמליך דאס ער זאל ניכט דאס גרינגסטע געניסן ווען ער ניכט דאריבער מאכט דיא געהעריגע פאהר אונ נאך ברכה . אונ קיין ברויט עסען אהנע נטילת ידים . אונ ווען ער פון מקום המינופת קאמט ' זיך אימער דיא הענד צו וואשען . דען דיזעס אלעס ברינגט נקיות ומהרות הנפש דאס דיא נשמה אונבפלעקט זיין זאל . ווען זאלכר מזון הגוף וואס עס איז על פי יראה דאס איז איין גרוסער שליסעל . אונ גרונד צו השגות התורה . וויא אויך דאס מאן זאל אויף איהם גרוס אופזיכט האבן דאס ער זאל ניכט געניסן זאלכע פירות אונ גרינצייגן וואס עס ברויכען בדיקה פון ווערים אונ מילבען . דען דאס איז משקץ הנפש וממטמט הלב בפלעקט דיא נשמה אונ פערשטאקט דאס הערץ . אונ פערפינסטערט דיא עיני השכל . אונ וויא אוך דאס ער נימאלס געהן זאל בגילוי ראש בלאס קעפיג . אונ דאס ער זיך געוועהנין זאל אימער נור אמת צו רעדען . קיין שקר . קיין עזות . אונ דאס ער זאל קיין הוצפא האבען געגען איין עלטערן מענשן . פילמעהר נזהר צו זיין אן מורא אב ואם עהרפורכט פאר עלטערן . אונ גענן רבו ותלמיד חכם . וויא אוך ווען ער מתפלל איז . זאל זיא גוט אכט געבן דאס ער ניכט היפערן זאל . אדער צוויא דפים בלעטליך אוף איינמאל איבער מישען . אונ דאס ער נימאלס מעלדן זאל דען שם שמים בחנם אוף וואס פיר איין שפראך אימער . זאנדערן ער זאל זאגן . השי״ת . אדער דער אייבערשטער דער עוויגר . אונ ווען זיא איהם מגלה דיא האר שניידן טוהט . זאל זיא גוט אכט געבן דאס זיא ניכט בערירט דיא פאות . אונ איהם דאביי זאגען אונ וואהרנען חלילה דאס ער זאל נימאלס דיא פאות זיך ריכטן אונטר דיא אוערן (וויא דער דרך פון פריצי בני עמנו דא זיא זיך שעהמן דאס מאן זיא ניכט ערקענען זאל דאס זיא יידען זינד) דען דאס איז דיין גלאנץ אונ דיין פראכט דאס דוא איין ייד ביזט . אונ זאלסט איין ייד זיין דיין גאנצע לעבענסצייט אונ זאלסט אלס ייד שטערבען . דען דיזער נאהמען איז עושר נפשינו אונזער רייכטוהם . אוף דען מיר טעגליך לויבען אונ דאנקען השי״ת מיט דען ווארט (ברוך אלקינו שבראנו לכבודו והבדילנו מן התועים) געלויבט איז השי״ת דער אונז אויסערוועהלט האט צו היטען זיין תורה . אונ האט אונז אבגעזאנדערט פון אנדערע פעלקער דיא זיך אירען . אונ ווען זיא מיט איהם געהט אין דיא בית הכסא אונ איז איהם מקנח אונ טוהט אום ריינינען מיט פיעלע פאפיערן . זאל זיא איהם מזהיר אונ מתרה זיין דאס ער אימער אזו זאל טוהן ווען זיא אויך ניכט מיט איהם ווירד זיין . אונ דאס ער זאלכעס זיך ניכט פאר גרינג האלטען זאל . מיט דיא אויף קלערונג דוא זאלסט וויסען דאס קינד פון דיא צייט אן דאס ער רעדן קאן אינ זאגן אמן . זא האט ער שון חלק לעולם הבא . אונ דער גוף קאן איין יעדן יידען איז אין גאנצן איין כלי שרת השי״ת דאמיט משתמש צו זיין צו בעדינען . דער קאפף . דיא האנד . לעגען תפילין . דיא

# כלל א שאלה יב

פִיעס צוּ גֶעהְן מְקַיֵים צוּ זַיין אַלֶערְלֵייא גְמִילוּת חֲסָדִים • דָאס מוֹיל תּוֹרָה צוּ לֶערְנֶן אוּנ מִתְפַּלֵל צוּ זַיין • בְּרָכוֹת צוּ זָאגֶן • אוּנ אַלֶע גְלִיעדֶער צוּ זַאמֶען שִׁירִים אוּנ שְׁבָחִים צוּ גֶעבְּן • וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה וְכָל קְרָבַי אֶת שֵׁם קָדְשׁוֹ) אִיז דִיא שׁוּלְדִיגְקֵייט עֶס זָאל זַיין מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ דאס דֶער גוּף רֵיין זַיין זָאל (אוּנ עֶס אִיז דֶער דִין אִין (שׁ״ע או״ח ס״מן ע״ו) דַאס אֵיין מַשֶׁהוּ צוֹאָה בְּפִי הַטַבַּעַת אִיז מְעַכֵּב • גֶעהְמְלִיךְ וֶוער נִיכְט זָא לַאנְג פֶערְוֵוייְלְט זִיךְ פִיהְלֶע מָאהְל צוּ רֵיינִיגֶען אוּנ אָבּ צוּ וַואשֶׁן בִּיז דָאס פאפִּיעֶר מִיט דֶען עֶר זִיךְ אָבּ וִוישְׁט גַאנְץ רֵיין בְּלֵייבְּט דַאס קֵיין (רוֹשֶׁם כְּתִינוֹקֶת) צֵייכֶען פוּן אוּנְרֵיינִיגְקֵייט צוּ בַּמֶערְקֶן בְּלֵייבְּט (*) נִיכְט נוּר דַאס עֶר נִיכְט פֶערְדִיעְנְט דֶען נָאמֶן מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ • זָאנְדֶערְן עֶר אִיז מְשׁוּקָץ וּמְתוֹעָב פֶערְאָבְּשֵׁייט • דַארוּם דִיא בְּרָכוֹת אוּנ דִיא תְּפִלוֹת וָואס עֶר אִיז מִתְפַּלֵל וִוירְד עֶר נָאךְ אֵיין עוֹנֶשׁ דַאפִיר הָאבֶּען (**) אוּנ וֶוען זִיא אִיהְם דֶען קָאפְּף פִּיצֶען • רִיכְטֶען • טוּהְט מִיט אֵיין

מסרק

---

(*) אִין זָאלְכֶע מְקוֹמוֹת וָוא נִיכְט בֵּייא אֵיין יֶעדֶעם הוֹיז אֵיין בֵּית הַכִּסֵא גֶעבּוֹיעֶט אִיזְט אוּנ דַאדוּרְךְ דִיא גַאסֶע וִויא מֶענְשֶׁן גֶעהְן זֶעהְר פֶערְאוּנְרֵיינִיגְט אִיזְט • אַזוֹ מוּס מַאן גְרָאס הַשְׁגָּחָה אוֹיף זִיךְ הָאבֶּן דִיא יֶענִיגֶע וָואס אִין שׁוּהְל גֶעהְן דַאס זִיא זִיךְ נִיכְט אִיהְרֶע שְׁטִיוֶועל מְטַנֵף זַיין זָאלֶן • דֶען דַאמָאלְס נִיכְט נוּר דַאס עֶר אַלֵיין נִיכְט דַאוִוינְט אוּנ וִוירְד נָאךְ גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערְדֶן אוֹיף אֵיין יֶערֶן שֵׁם וָואס עֶר מֶעלְדֶעט • זָאנְדֶערְן עֶר אִיזְט מְבַטֵל דִיא תְּפִלָּה פוּן גַאנְצֶן צִבּוּר • פִיעל מֶעהְר מוּס מַאן אַכְט גֶעבְּן אִין זָאלְכֶע גַאסֶן וָוא נוּר אֵיינֶע מוּטְמַאסוּנְג אִיזְט דַאס זִיא נִיכְט רֵיין אִיזְט דַאס מַאן חָלִילָה וְחָלִילָה דַארְף נִיכְט מְקַדֵשׁ דִיא לְבָנָה זַיין זָאל • אוֹדֶר אֵיינֶע חוּפָּה שְׁטֶעלֶן •

(**) לֵיידֶער לֵיידֶער • עֶס אִיזְט צוּ בֶּעדוֹיעֶרְן זֶעהְר פִילֶע פִילֶע מֶענְשֶׁן דִיא וָואס זִינְד שׁוֹן גֶעקָאמֶן אִין דִיא (יְמֵי הַזִּקְנָה) אוֹיף דִיא עֶלְטֶער וִויא אוֹיךְ אִין דִיא יְמֵי הַשֵׂיבָה וָוא זִיא דֶען נָאמֶן גְרֵייז הָאבֶּן • אוּנ הָאבֶּן וֶוערֶענְד אִיהְר גַאנְצֶע לֶעבֶּענְסְצֵייט נִיכְט אֵיינְמָאהְל אֵיין כָּשֵׁר שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה מִתְפַּלֵל גֶעוֶועזֶן • אוּנ נִימַאהְלְס קְרִיאַת שְׁמַע גֶזָאגְט • וִויא אוֹיךְ קֵיין מָאהְל קֵיינֶע תְּפִילִין גֶעלֶעגְט • אוּנ קֵיין מָאהְל בִּרְכּוֹת הַמָזוֹן אוּנ בְּרָכָה גֶזָאגְט • אוּנ נִיכְט גֶענוּג דַאס זִיא דִיזֶעם אַלֶעס נִיכְט גֶעטוּהְן הָאבֶּען אוּנ פוּן דִיא וֶועלְט גֶעהְן (עָרוֹם) נַאקֶעט (בְּלֹא מִצְוֹת) אָהְנֶע מִצְוֹת אוּנ הָאבֶּן נִיכְט צוּ עֶרְוַוארְטֶן קֵיין שָׂכָר בָּעוֹלָם הַבָּא וָואס עֶס קָאסְט פִיר אֵיין יֶעדֶן יִידֶען דֶער זָאלְכֶע מִצְוֹת זָא פִילֶע לַאנְגֶע יָאהְרֶן מְקַיֵים הָאט גֶעוֶועזֶן • זָאנְדֶערְן זִיא זָאלֶן זִיךְ מַכִין זַיין אוֹיף בִּיטֶערֶע גְרָאסֶע עוֹנָשִׁים (דֶען אוֹיף אֵיין זָאלְכֶע עֲבֵירָה דִיא דֶער מֶענְשׁ דַאצוּ אֵיינֶע גְרָאסֶע תַּאֲוָה לֵיידֶענְשַׁאפְט הָאט • אוֹדֶער דִיא אִיהְם פִיעל גֶעלְד קָאסְט • וֶוען אוֹיךְ דֶער עֲבֵירָה גֶעוִויס בֶּעשְׁטְרָאפְט ווירד • אָבֶּער דָאךְ נִיכְט אַזוֹ בְּאַכְזָרִיּוּת • ווַייל מַאן־

ווײם

מסרק-קאמפף . איז זיא איהם מזהיר מיין קינד ווען דוא דיך אין דיינע גרעסטע יאהר'ן

ווייס דאס דיא אוהרזאך פון דיא עבירה וואר ניכט דיא גרינגשעצונג פון דיא היליגע תורה אונ מצות . זאנדערן דער גראסער יצר הרע פון דיא תאוה אונ פון דען געלד רייץ האט דאס גורם געווען . דיא עבירה אבער וואס קיין געלד רייץ אונ קיין תאוה דאביי איזט) דא זיא האבן דיא (חוצפא דיא העזה) קעקהייט געהאבט צו מעלדן דען נאהמן פון השי"ת מיט איין גוף וואס טשוקץ אונ מתועב איזט . דא זיא האבן ניכט מקיים געוועזן (הכון לקראת אלהיך ישראל) דאס דוא דיך מוסט פאר בריינען דיין גוף צו ריינינגן ווען דוא ווילסט דינען השי"ת . (וויא אויך דיא אמתדיגע עהרליכע יידען דיא וואס אויף דען אלען אכט געבן געהעריג . איזט צו עראינערן דאס זיא זאלן ניכט אזו געשווינד אמן . ברכו . קדושה . יהא שמיה רבא זאגן . ווען זיא ניכט וויסען וויא דער מתפלל פאר דען עמוד אוים זעהט . דען ווען זיין ברכה איזט איין (תועבה) אבשייא . דאס ער ניכט מעלדן דארף דען שם ' וויא קאן איך אויף אזוי ברכה אמן זאגן) דען דאמאהלס ווען מאן זאגען ווירד ביים יום הדין צו איינען דער וואס זיבציג יאהר פערלעבט האט אונ איהם נימאלס קיין רעגן . קיין שנעהע . קיין קעלט . צוריק געהאלטן האט פריא אונ אבענד אין שוהל צו געהן . אונ יעצט וירד מאן צו איהם זאגן דאס ער קיינמאל יהא שמיה רבא אונ קריאת שמע . אונ קדושה גזאגט האט . וויא ווירד ער דאמאלס דיא האר פון זיך ריישען . וויא ווערדן דיא דמעות פון זיינע אויגן רינען . עס איזט אבער שון צו שפעט .

אויף דיא דערפער זעהט עס אויס אין דיזע הינזיכט גאר עלענד . דען ווען זיא אויך יעטוואס פערמעגן האבן . דאס זיא האבן צו בעוואהנן איין חדר אונ מאנכעס מאהל צוויא . אבער דאס איין מענש איין (בית הכסא) ברויך דיא איין מקום צנוע זיין זאל מיט איין דאך בעדעקט אונ מיט איין טהיר . דאס ווען איין רעגן אודר שנעהע איזט . דאס מאן דאך דארט אומגעהינדערט איינע צייט פערווייליגן קאן . פון דען וויסען זיא גאר ניכט . וויא אויך אין מאנכע שטעהט איזט עס געמיין אונ עלענד . ודל"ב -- (אונ דיא פערטיידיגונג פון מאנכע . וייל איהרע וואהנפלעצע זעהר גיענגט זינד . זא האבן זיא קיין געלעגנהייט זאלכעס מאכען צו קענען . איזט איין טפשות אונ איין הבל נדף . דען ליידער זאל ער זיין הויז וואס באמת נור איין (סוכה) אונ (דירות ארעי) איזט גאנץ פערקויפען אונ זיך צו בעזעצן אלס איינוואהנער (קאמערינע) וואו איינע געהעריגע בית הכסא איזט . אלס ער זיין (בית עולם) זיין עוויגעם הויז פערוויסטען זאל . נעמליך דאס ער זיינע גאנצע לעבענסצייט קיין ייד זיין קאן קיין תפילין . קיין ברכה . קיין קריאת שמע . אונ דער גלייכען) וויא גרוס איזט דאס ווארט (אם אין תורה אין יראה . וכל הפורש מן התורה כאילו פורש

# כלל א שאלה יב

יאהרן אליין קעמן ווירסט . זאלסט דוא חלילה דיר ניכט דיינע האר שיילען לינקס . רעכטס . כדרך השחצנים וואס פרעכהייט אונ שטאלץ בעזיצן . דען אוף דען האט דיא תורה געוואהרנט לא ילבש גבר שמלת אשה דאס איין מאן זיך ניכט ציערן אונ שמיקען דארף (דאס איז איין לאו פרטיי וויא אויך איין לאו כללי . פון דען ענטוויקלען זיך פיהלע עבירות) דען זא באלד דאס דער יצר הרע האט איהם שון דאצו בעוואגען דאס ער איהם פאלגען זאל זיך צו ציהרן, זא געהט עס שון ווייטר אונ וויטר.(היום אומר לו עשה כך וכו׳)ב״ז שפעטער היען קאמט ער (לראות ולהראות) צו זעהן אויף נשים אונ מהרהר הרהורים רעים צו זיין . שלעכטע געדאנקען זיך אין הערצן צו געמן . אונ עובר צו זיין אוף דען אוסגעצייכנעטן לאו (ולא תתורו אחרי עיניכם) איהר זאלט קיינע פרייע אונ הויכמיטהיגע אויגען האבן -- וויא אוך איז זיא איהר מזהיר אוף שינוי שם . דאס ער זיין יידישן נאמען נימאהלס זיך שעהמן זאל . אונ נימאהלס איהם צו פרוועכסלן . איז זיין נאמען נתן . זא זאל ער נור אימער נתן גערופן ווערדן ניכט נאצי . אונ זאל איהם דאביא באלד זאגן מיין זאהן זייא ניכט איבערא׳ילט עטוואס צו רעדן אדער נאך צו דענקן (מה טעם יש בדבר. מה מצוה זאת) ווארום זאלכעס איין עבירה איז --- דען דא דער חכם מכל האדם האט געזאגט (אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני) דען טעם פון דיא מצות צו פרשטעהן זיא איז אבער זעהר וויט צו בעגרייפען . איין יעדעס ווארט אין אונזר הייליגע תורה האט איין תוך אונ תוך תוך . איין טיעפען אינגערן זין . דען פיהלע זאכן פרמעהג אונזר שוואכן שכל גלויבן מיר דאס עס נור איין קלייניגקייט איז . דארום טוט מען עס (דש בעקבו זיין) מיט דיא פערשט טרעטען . דאס הייסט דאס מאן עס ניכט אכטען טוהט צו האלטן . אונ דאך איזט עס (משורשי ועיקרי הדת) פון דיא ווארצלען פון דעם דת . צום בעוויז דא אונזערע אבות אין מצרים ווארן דאמאהלס ארים אונ געמיין אין היגזיכט תורה ומצות . איז זיא ביא גשטאנן דאס זיא זינד ערלעזט ווארדן . אין דען זכות דאס זיא איהרע יידישע נעהמען ניע פרוועכסלט האבן . וויא אוך דאס זיא זאל איהם זעהר

אפט

מן החיים) דער וואס זיך פון תורה לערנן ערווייטערט איזט זיין יראת שמים זעהר געמיין . טוהן דען דאס זאלכע להכעיס . חלילה . נור איים אינוויסענהייט .) .

---

י) אויף דען פסוק (שחורות כעורב) זאגט דער מדרש . עס גיבען אין דיא תורה פרשיות דאס פערמעהג אונזער קורצען שטומפען שכל גלויבען מיר דאס זיא זינד שחורות . דאס הייסט עס איזט ניכט שעהן מאן זאל זיא דרשנין ברבים. דארויף זאגט השי״ת (כעורב . ערבים הם לי) בייא מיר זינד זיא זעהר זיס אונ אנגענעהם

אפשט לוסט מאכן אונ זיין הערץ אוף פייערן אונ אוף פלאנצן צו תורה לערנן אונ איהם צו ערצעלען דאס חשיבות פון תורה לערנן דאס דיזע מצוה איבער וועגט אלע מצות . אונ אוף דען אלען ווען מאן געוועהנט איז דארוף מזהיר צו זיין . צו לעצט דיא געוואהנהייט איז איינע צווייטע נאטור --

ווייל דער יעניגער וואס עס גורם איז אונ פעראורזאכט מעשים טובים צו טוהן ווירד דיא מצוה גערופן אוף איהם . דאריבער ווען דיא אשה כשירה נזהר איז איהרן מאן אונ קינדר בייא הילפיג צו זיין אונ געלעגנהייט צו געבען דאס זייא תורה לערנן זאלן . זא פרדיענט זיא דאס זיא דען שכר פון דיא תורה חלק כחלק נעמן זאל : ---

**שאלה יג** דיא יידישקייט צו בעפעסטיגן וויא פיעל קענען נשים צדקניות דאצו בייא טראגען .

**תשובה** אוף דען גיב איך תשובה זעהר פיל קענן זיא דאצו פעראורזאכן . דען איינס פון דיא חומות מויערן . דיא דען יידישן דת אוף רעכט האלטן . זינד דיא נשים צדקניות שבכל דור ודור . דיא פראמע ווייבר אין איין יעדן צייטאלטר . דען זאלכע נשים וואס בייא איהנן תורה לערנן וועגן יראת שמים אונ מצות מקיים זיין זעהר טייער אונ זעהר חשוב איז . אונ זיא פרשטעהן דאס זאלכם צו ערלאנגן איז ווייט מער ניצליך אונ פארציגליך אלם אלע הצלחות אונ רייכטום וואס אונטר דיא זין עקסעסטירט . אונ דאריבר זעהן זיא אלעם מעגליכע צו טוהן בייא הילפיג צו זיין איהרע מענער דאס זיא יעדן טאג עטוואס תורה לערנן זאלן נאך איהרן כח אונ פרשטאנד . גמרא . מדרש . ספרי מוסר . אדר ווענגסטנס ספרי מוסר אוף יידיש טייטש . וויא אויך בשטרעבן זיא זיך מיט איהרן גאנצן כח איהרע קינדר איין זאלכע ערציהונג צו געבן מיט צניעות בשיידנהייט . אונ מדות טובות גיטע זיטען . אונ יראת שמים גאטס פירכטיג . דאס זיא דאדורך מויגליך זיין זאלן תורה צו לערנן. פון ווא קאמט אבער זאלכם דאס איין אשה זאל זיין איין צנועה. איין כשירה . איין צדקת . אונ דאס זיא זאל אין אזו שטאנד געזעצט זיין דאס זיא פרשטעהן זאל דען גראד אונ דען טייערן ווערט פון תורה אונ יראת שמים דאמיט איהר גאנץ שטרעבן אונ לוסט זאל נור זיין קינדר וואס בני תורה אונ יראת שמים זינד צו ערציהן

אונ

# כלל א שאלה יג

און דען מאן בייא הילפיג צו זיין דאס ער תורה לערנען ניכט גאנץ פערלאסען זאל. דאהער זאג איך דיר דיא גוטע און ערליכע ערציהונג וואס דאס קינד בקאמט און געניסט אין זיינע יונגע יאהר דאס ווירקט זעהר פיל אויף דיא עלטערע און שפעטערע יאהרען. ווען עס נור ערצויגען געווארדען איז אויף דעם וועג פון תורה און יראה און צניעות דאס זיא אימר נור מיט דען יידישען נאהמען גערופען ווארדען איז. און האט נור גטראגען זאלכע מלבושים קליידער פון צניעות. און איז נימאלס געקאמען אין קיין צוזאמענקונפט פון בחורים ובתולות. און מאן האט זיא נור געוועהנט איין בושת פנים צו זיין. וויא אויך דאס זיא זיך נימאלס איהרע האר אם שבת גריכט האט. און מאן האט זיא אונטערריכטעט דאס זיא זאל קענען דאווינען און ליינען יידיש טייטש דאס דאדורך ווירד בייא איהר פרמעהרט יעדענטאג מוסר. יראה. צניעות. מדות טובות. וויל זיא טעגליך ליינט מנורת המאור. שמחת הנפש. קב הישר. שבט מוסר. דאס זיא דאדורך פרשטעהט דען ווערט פון תורה. דען שכר פון גן עדן. דען עונש פון גהינם. וויא אויך דען חומר העבירות דען גראד פון דיא עבירה אויף וועלכע נור מלקות קאמט. אויף וועלכע כרת קאמט. וואס דיא נשמה פון דען עץ החיים פרשניטען ווירד. נון ווען זיא אויף דיזע ארט איהר יוגענד יאהר פרלעבט. ווען דיא צייט קאמט דאס זיא חתונה האבען זאל. האט איהר דיא תורה דאס צו טרעון געגעבען וספרה לה. דאס זיא דם נאמנות האט בייא איהרען מאן ווען דיא ימי טהרה אדער ווען דיא ימי טומאה זינד. וויל זיא ווייסט וויא גרוס דיא עבירה פון נדה איז. און וויל זיא פון יוגענד אויף געוועהנט איז דיא וועג פון תורה און יראה צו געהן. ווירד זיא גווים אלעס זעהן צו טוהן דאס זיא איהרען מאן געלעגענהייט געבען זאל דאס ער איין ערליכער ייד זיין זאל. און דאס ער זיך בהעפטן זאל אן תורה און אן תלמידי חכמים. וויא אויך דאס זיא זיך בשטרעבען ווירד איהרע קינדער נור אויף דען וועג פון תורה און יראה צו פיהרען. דאדורך זינד דיא נשים צדקניות איינע פעסטע מויער צו דיא שמירות התורה וויל זיא זינד גורם איהרע מענער און קינדער דאס זיא דיא תורה טרייא בלייבען זאלען -

אבער וועהע און אך וויא זינד מיר געזונקען און פראראמט אין דיא

הייטיגע

הייטיגע צייטן . דא די קינדר ווען זיא נאך זעהר קליין זינד בקאמן זיא פון איהרע עלטערן אזו ערציהונג וואס איהנן גורם איז שפעטר הין פון די תורה אוס צו טרעטן . געהמליך מאן געוועהנט זיא מיט מלבושי פריצות . אונ צו פרענדערן דען יידישן נאהמן אונ די יידישע שפראכע . אונ וויל זיא שאהן זאלי ניכט מעהר שרה הייסט זא איז ניכט מעהר נאהטווענדיג גאנצע ערמעל צו האבן . אדער איין האלז טיכעל צו טראגן . אונ מאן אונטעררירכטעט זיא לעזן צו קענן גויש דייטש דאס זיא זיך איבן זאל אין די גויישע שפראכע . וויא אוך דאס זיא קינדיג זיין זאל אין ראמאנן . טעאטר שטיק . דאדורך ווירד די מדה טובה וואס ביי אונז יידען איינגן איז בושת פנים אב גשאפט . זאנדערן דאס מאן זאל איין חצופה זיין אונ מיט איין יעדן מאן רעדן אונ איהם בווילקאמן . אונ דאביי איהם גוט בטראכטן . דען דאס געהער צו די מענשהייט אונ בילדונג . וויא אויך דאס זיא איין קענערין זיין זאל אוף די קלאוויר צו שפילן . נון וויל מאן שאהן אזו הויך געבילדעט איז זא איז שאהן ניכט מער פאסענד דאס מאן זאל זיך פאהר דען עסן וואשן געהן . אדער ווען מאן עטוואס געניסן וויל דאס מאן מוס אימער פאהר אונ נאך ברכה מאכן [דען דיזעס געהער שאהן צו די אלטן] . אונ וויל מאן שאהן אזו הויך געלעהרנט איז . איז ניכט מער שיקזאם דאס שבת זאלן די האר ניכט געהעריג גריכטעט זיין . אונ פון איין יעדן אונטרהאלט אונ צוזאמענקונפט פון בחורים ובתולות דארף זיא ניכט צוריק געצאגן זיין . אונ דאס מאן שבת זאל ליינן די סדרה . אדער שמחות הנפש אד"ג . דאס עקעלט איהר . וויל דאס יא יידיש טייטש איז -

אונ ווען מאן וויל שפאצירען געהן דא מאן שאהן זאלי הייסט אונ בגדי פריצות אונ עזות טראגן טוהט אונ די האר געהעריג געריכט זינד . וועהרע עס יא איין חילול ה' ווען זיא קיינען זאגן שירעם טראגן מעכט ... אונ אזו איז איהר פירונג די גאנצע צייט פון איהרע יוגענד יאהר ביז ביי איהר די מדה פון צניעות אונ בושה גאנץ אוס געווארצעלט ווירד . אונ קלות אונ לייכטזין איינגעפרעגט ווירד אונ וויל זיא נימאלס די יידישע ספרי מוסר בניצט . זא איז זיא זעהר ערווייטערט פון תורה אונ יראת שמים . דען פון טעאטער

שטיק

# כלל א שאלה יג

שמיק . און ראמאנן לעזן קאן מאן ניכט לערנן מורא שמים
עהרפורכט פאר השי"ת. און קאן ניכט פארשטעהן וויא גרוס און וויא
ווייט דער איסור פון נדה איז . נון ווען זיא מעולם קיין יראת
שמים געלערנט האט . נור פריצות און עזות און קלות . וויא זעהט
אום איהר נאמנות אין היגזיכט שמירות נדה . דא זיא זעהר אונוויסענד
פון דיא תורה איז . וועיל זיא זיך קיינמאל בעשעפטיגט האט מיט דיא
יידיש טייטשע ספרי מוסר . זא איז נור דאס ביא איהר וויא איין
מנהג איין געברויך בעטראכט *) נון איז מאן דען איין מנהג שולדיג
אזו גענוי און שטרענג צו היטן . און ווען מאן אויף דען מנהג אין
גאנצן עובר איז און איהם ניכט געהעריג האלט . זא איז מאן יא
דעסוועגן נאך ניכט אום דען יידישן דת אום געטרעטן . און וויא וויא ווירד
דיא ערציהונג פון איהרע קינדער זיין . און ניכט נור דאס זיא ניכט
איהר מאן בייהילפיג איז צו תורה . זאנדערן ער איז כל ימיו פרקויפט
ביא איהר אלס שקלאף צו ערפילן איהר אלע ליידענשאפטן אין
אכילה ושתיה, עסן. טרינקן . מלבוש קליידונג . תכשיטין צירונג
אד"ג .

נון דא דיא מוטער דיא מעולם איין פעסטער שוטץ וואר פיר
דיא יידישקייט . יעצט אויף פילע פלעצער נידער געריסן איז . איז צו
טרויערן

---

*) וויא אויך מאנכע ווען עס צו דיא זמן החתונה קאמט דאס דיא מוטער זאגט
איהר וויא זיא זיך אין דיא (ימי נדה) אין דיא (ימי ליבון . און סמוך לוסתה)
צו פערהאלטען האט . זא גיבט זיא איהר מיט עזות איינע תשובה . ווער איזט
דיא תורה דיא מיר פארשרייבן קאן . ווער איזט דיא גמרא פון דיא איך מיך
ווערדע לאסן בעשרענקען . איך בין שאן ניכט מעהר פון דיא אלטן -- און
דאמאלס ווערדן זיך געוויס דיא אלטע עלטערן דיא האר רייסען און דאביא
וויינענד זאגען וועהע אונז דאס מיר זאלכעס ערלעבט האבן . זיא פערדינען
אבער ניכט דאס מאן מיט איהנן מיט ליידונג האבן זאל . וויל זיא זיך דיזעס
אלעס זעלבסט געטוהן האבן . דען פון איינע קליינע חצופה ווירד שפעטער
היין איינע גראסע שרוצה . דען ווען זיא העטן זיא אין איהרע יוגענד איין
יידישע ערציהונג געגעבן . קיין שינוי שם . קיין שינוי לשון . קיין שינוי מלבוש
קיינע גוישע ביכער לעזען . און ניכט צו איין לעהרער געגעבן דער איין כופר
ואפיקורס איזט . און נור מיט מנורת המאור . און שמחת הנפש . זיא ערציהען.
העטע עס געוויס ניכט אזו ווייט געקאמן .

פרויערן און צו בדויערן וויא ווירד דער שטאנד זיין פון דיא קינפטיגע דורות אין הינזיכט יידישקייט :

# כלל ב המשפילי לראות ובו י"ב שו"ת

## שאלה יד

וואס פיר איין שוטץ אונ חומה צו דיא יידישקייט האלטן דיא אמונה איזט .

## תשובה

דא מיר שאן זעהר פילע הונדערטע יאהרן (בארץ נכריה) אין פרעמדן לאנד זינד . אונ וואהנען צערשטרייעט צווישען פעלקער דיא אנדערע (אמונות אונ דתות) אנדערע גלויבן אונ געזעצע האבן . אונ זיא דיא (מושלים) בעהערשער זינד . אונ מיר אין דען פינסטערן גלות (באפס עצור ועזוב) זינד . דאס דיא יידישקייט קיין (כח אונ תקיפות) קראפט אונ געוואלט האט צו בעשטראפען דען דער וואס פון דיא (דרכי התורה) דיא וועג פון דיא תורה אויס טרעטען וייל (זא העטע יא איין יעדעם עקסטרע . פיעל מעהר אלע צוזאמען געקענט פערארזאכן דאס דיא תורה מיט איהרע מצות ביא יידען גאנץ פערלארן אודר וועניגסטענס (נתמעט) פערוועניגערט ווערדן זאל) אונ ווען מאן זיך בעטראכטן וויל דאס יידישע פאלק אין כלל גאנצען גענאמן . קאן מאן נאך היינטע אויף זיא זאגען דען גאנצן נוסח פון (אום אני חומה) וואס דער אינהאלט דאפאן איזט דאס זיא ביא אלען דרוק אונ עלענד דאך דיא יידישקייט האלטען טריא זינד . אזו וואונדערט עס איין יעדן וויא אזו דיא יידישע אמונה זיך אזו פעסט אונ שטארק ערהאלטן קאן . זא מיסען יא געוויס גרונד שטיינר דא זיין דיא זאלכעס בעפעסטיגן וויא אויך פילע מויערן דיא זיא בעשיצען . נון נאך גענויער בעטראכטונג אונ מעהרערע איבערלעגונג וואס אונז ביא געשטאנען איזט דאס אונזר דת ניכט פערוועכסלט . ניכט פערענדערט . ניכט געשוואכט װארדן איזט . פינדען מיר דאס עס זינד פינף חומות דיא (מעולם ועד היום) פון יעהער ביז היינטע אונז געשיצט האבן . אונ נאך שיצען .

דיא ערשטע חומה איזט אמונה . דאס יידען מעולם ועד היום דען נאמען פיהרן מאמינים . אין דען ווארט אמונה איזט פערשטאנען דאס איין יעדער דער דען נאמען ישראל פיהרט מוס גלויבען באמונה שלימה באמונה אמיתיות מיט איין ניכט געטיילטעם הערץ דאס דיא אויף זיכט פון השי"ת איזט אויף דיא גאנצע וועלט אונ זיינע אויגען זיין אפען צו זעהן דיא וועג אונ שריט פון יעדן מענשן . אונ דאס קיין פלאטץ פערהאנדן איזט וואו מאן זיך פיר איהם פערבארגן קאן . אונ דאס אלע זאכן וואס זיך אויף דיא וועלט ערייגנן . ארמוט . רייכטום . הונגער אודר זאטע יאהרן . פרידען . קריג . לעבען אונ שטארבען . געזונדהייט . קראנקהייטן . יסורים . איזט אלעם נור פון איהם . אונ ער בעלאהנט אונ בעשטראפט איין יעדן פערטעג זיינע פיהרונג . אונ דיא אמונה איז איין

# כלל ב שאלה יד טו

(יחד נאמן) פעסטער נאגער וואס עס ברינגט דען מענשן דאצו דאס ער תשובה טוהן זאל אונ זיינע מעשים אויס בעסערן ווען איהם פון דיא (נגעי הזמן) שלעכטע צופעלע טרעפן טוהן · ווייל דורך זיין אמתדיגע אמונה וואס ער האט איזט ביי איהם קיין שום (ספק) צווייפעל דאס אלע זיינע אונגליקן נור פון השי"ת זינד · אונד ער טוט יא געוויס קיין אונרעכט · זא מוס יא נור שולד זיין דיא שלעכטע מעשים דיא ער בעזיצט · אונ דאדורך טוהט ער באמת תשובה שלימה מיט דען גאנצען הערצען · דיזעס וואר מעולם דיא חומה נשגבה צו שיצען דיא תורה דאס זיא ביי יידישע קינדער פעסט בלייבן זאל ·

ליידער ליידער אבער אין דען (דור האחרון) אין דען לעצטען צייטאלטער זינד שון אין דיזע חומה פילע (פרצות) איינבריכע · ווייל פילע עלטערן איהרע קינדער געבן צו זאלכע מלמדים לעהרערם דיא אפיקורסים אונ כופרים זינד · אונ תורה אונ יידישקייט לערנן ביי איהנן נור איין טפל נעבען זאכע איזט · אונ איהרע צייט נור צוברינגען מיט געשיקטליכקייטען דיא ווייט פון געווין אונ נאהע צו פערלוסט זינד · אונ דאפון נור לערנט (עזות· קלות) פרעכהייט · לייכטזין · אונ כפירה אן דיא עיקרי אמונה לייקנען אן דיא ווארצלן פון אונזערן גלויבן ·

נון ווען זאלכע (דעות נפסדות) שלעכטע זיטען אונ שעדליכע גדאנקען פעסטעטע · אין דיא יונגע יאהרן אין זיין הערץ איינגעווארצלט ווירד · וועלכע גיטע וועג קאן מאן פון איהם האפן ווען ער ערוואקסען זיין ווירד · דען ווא קיין אמונה איזט · איזט יא אלעם וואס זיך עראייגענט נור נאטירליך · צופעליגער ווייזע · אונ ווען דיא צרות נאך אזו גרוס זינד · ווירד ער יא דאדורך געוויס קיין תשובה טוהן אונ זיך אין יראת שמים ניכט בעסרן · נון איזט צו טרויערן אונ צו קלאגען אויף אונזער געמיין אונ ארים דור (מה יהיה בסופינו) וואס ווירד אונזער סוף זיין · וויא ווייט קאן עס נאך קאמן חלילה · דא דיא צו זיכערונג פון השי"י צו אונזערע אבות וואר דאס ער זארגן ווירד דאס צו יעדער צייט ערליכע יידען זיין זאלן · געמליך זא באלד זיא פון דען וועג פון דיא תורה אויס טרעטן ווערדן · ווירד ער אויף איהנן שיקען פערשידענע יסורים · דא אבער ליידער דיא חומה פון דיא אמונה געשוואכט איזט · זא איזט יא זאלכעם אונניצליך :

**שאלה טו** גיב מיר איין אויף קלעהרונג אויף דיא (בקשה) פערלאנגען פון יצחק דאס זיא ניכט זא ווילד אונ פרעמד אונ אויספאלענד זיין זאל ·

**תשובה** אין מדרש שטעהט יצחק איזט גקאמען צו השי"י מיט איין בקשה דאס השי"ת זאל האבן איין השגחה פרטיות בעזאנדערע אויף זיכט אויף איין יעדען פון זיינע קינדער אין דיא שפעטערע צוקונפט דאס ער זאל זייא ניכט אלעם געבן וואס זייא

ווינשן

ווינשען תמיד . געמליך (פרנסה בריוח ובשפע) ברייט און רייכליך . נחת פון קינדר און קינדס קינדר . אימער געזונד און פריש אהנע שום יסורים . מינדעסטע שמערצען . (אהבה . ואחוה . ושלום) . ליב . פריינדשאפט . פרידען מיט דיא וועלט . וויא אויך גדולה וכבוד . וויא דען . (לפרקים) צו געוויסע צייטען זאל ער איין יעדען פון זיינע קינדער בעזינדער עטוואס צו שיקען . איין געלד שאדען . קליינען. גראסען . איינמאל עטוואס יסורים . מאנכעס מאהל אויך איינינע טעג ליגען (על ערש דוי) אויף דען קראנקענבעט . אפט מאהל (רדיפות ובזיונות פון שונאים) פערפאלגונגען און שאנד פון פיינדע . וויא אויך (צער ויסורים פון גידול בנים) פון קינדער ערציהען ר״ל . האט איהם השי״ת תשובה גגעבן דוא האסט איינע זעהר גוטע זאכע פערלאנגט און ביא דיר ווערדע איך דען אנפאנג מאכען . וויא דער פסוק זאגט (ויהי כי זקן יצחק) וויא יצחק איזט גקאמען אויף דיא עלטער (ותכהינה עיניו מראות) זינד איהם דונקעל געווארדען דיא אויגען פון זעהן .

דא דיא בקשה פון יצחק איין יעדען מענשען ווילד און פרעמד און אונפערשטענדליך איזט . דען אונזר (שכל) פערשטאנד ברינגט מיט . ווען גוטע פריינד קאמען צוזאמען אויף איין סעודה אודר איין (שמחה מריעות) איין אונטערהאלט ווינשען זייא זיך איינר דען אנדרען ער זאל האבען נחת . ושלוה . וכל טוב . פון זיך און זיינע קינדר זיין גאנצע רעבענסצייט . און ווען איינר מעכטע זאגען צו זיין חבר איך ווינש דאס דוא מאנכעס מאהל יסורים און צרות האבען זאלסט . מעכטע ער איהם איין (שונא זיין עד למות) טוידעם פיינד . נון וועגען וואס האט נאך דער אלטער פאטר יצחק אויף זאלכען מבקש רחמים גוועןן . און נאך מעהר איזט צו בעוואונדערן דא השי״ת איין (רחמיו על כל מעשיו וטוב ד׳ לכל) בארמהערציג און גוט איזט אויף אלע זיינע בעשעפניש . ווארום האט ער דיא בקשה פון יצחק בעשטעטיגט און בעוויליגט . דאהער פינדע איך מיך שולדיג דיזעם אויף צו קלערן דאס איין יעדר פערשטעהן זאל דאס דיזע בקשה איזט איינע גראסע טובה און איינע אויסער ארדענטליכע טרייאשאפט צו זיינע קינדר .

און דאס איזט צו פערגלייכען צו איין פאטר דער איין טייערעס

איינציג

# כלל ב שאלה טו

איינציג קינד האט . אונ דאס קינד איזט גשייט אונ פערשטייט וויל ער אי נציג איזט וויא גראס אונ וויא שטארק דיא ליב פון זיין פאטר אויף איהם איזט . עס איזט איינע צייט גקאמן דאס דאס קינד איזט ערקראנקט ווארדען אונ דער פאטר האט גזעהן אן דיא גראסע היצע וואס ער האט אונ אן דען שנעלן לויף פון דען דפק פולז . דאס עס נאהטוועגדיג איז איהם בלוט צו נעהמן דורך אדער אבער איגעל , אבער זיינע שרעקליכע ליב צו איהם האט איהם צוריק גהאלטן זאלכעס צו טוהן אום איהם ניכט צו שמערצן . וויא ער אבר איינע צייט שפעטר האט גזעהן דאס דיא שרעקליכע היץ שטייגט אונ איבר האנד נימט . אונ דיא פאלגען קענן זיין דאס דאס פילע בלוט צולעצט קאן אין בראנד איבר געהן . זא האט איהם זיין גרוסע אהבה צו זיין קינד בעוואגן דאס ער אליין האט איהם דאס בלוט גנאמן דורך דיא איגעל . אונ וויא דאס קינד גשריגן האט יעמערליך דאס דיא איגעל שטעכן טוהן האט איהם דער פאטר גטרעהסט דאס ער וועט זיא ארינטר נעהמן . ער האט אבר איהם נאך מעהרערע גזעצט . וועהן גלייך דאס קינד האט זיך גוויגערט אונ גוויינט . אונ דאדורך איז דיא היץ געוויכן . שפעטר הין וויא דאס קינד וואר שאהן גזונד . זאגט דער פאטער צו איהם מיין קינד זאג מיר וויא דוא האסט צו מיר יעמערליך גשריגען דאס איך זאל דיר דיא איגעל וועג נעהמן אונ איך האבע דיר נאך פרמערט . וואס האסט דוא מיך חושד גוועזן . זאגט דאס קינד וויינענד דא איך האבע גזעהן דאס דוא מיר ניכט נור פון מיינע גרוסע יסורים ניכט העלפן ווילסט זאנדרן נאך פרמעהרן טוהסט . זא האבע מיר גדענקט דאס דיינע פעטרליכע ליבע צו מיר איז פרקעהרט ווארדן צו אכזריות אונ שנאה אונבארמהערציגקייט אונ פיינדשאפט . אוף דען זאגט צו איהם דער פאטר גלויב מיר מיין קינד דאס דיינע יסורים האבן מיך אזו גשמערצט אלס דיך . דא איך האב אבר איינגזעהן וואס פון דיא זאך קאמן קאן . דאס דאס קאן דיין לעבן קאסטן . זא בין איך געצוואונגן גוועזן מיר מיין הערץ צו פרשטיינערן אונ דיר בלוט צו נעהמן . דען ווען ניכט דיא איגעל אונ אדער לאסן , העסט דוא שאהן לאנג דיא ערד גקיהלט .

וויא

ווִיא דָאס קִינְד הֶערְט דִיא אוֹיפְקְלֶערוּנְג אוּנ דִיא אוֹרְזַאךְ וואַרוּם זַיין פָאטֶר הָט מִיט אִיהְם בְּאַכְזָרִיּוּת גְהַאנְדֶעלְט . זָא פַאלְט עֶר אִיהְם אוֹיף זַיינֶע פִיעֶס צוּ קִיסֶען אוּנ זָאגְט אוֹדְךָ כִּי אָנַפְתָּ בִּי אִיךְ דַאנְק דִיר דַאס דוּא אוֹיף מִיר גֶעצִירְנְט הָאסְט . אוּנ אִיךְ בֶּעט דִיךְ אוּם פַרְצֵייהוּנְג דַאס אִיךְ הָאבּ דִיךְ חוֹשֵׁד גִוֶועזֶן דַאס דוּא בִּיסְט גֶעגֶן מִיר אֵיין אַכְזָר :

דָאס נִמְשַׁל אִיז דַא יִצְחָק הָאט פָאר אוֹיס גְזֶעהְן דַאס זַיינֶע קִינְדֶער אִין שְׁפֶּעטֶערֶע צַייטֶן וֶועלֶן מְקַבֵּל זַיין דִיא תּוֹרָה . וָואס בֶּאֱמֶת (מילייהו נפישין) אִיהְרֶע מִצְוֹת גֶעבָּאטֶע זִינְד זֶעהְר פִיל ווִיא נִיכְט לַייכְט אוּנ נִיכְט גְרִינְג אִיז אֵיין עֶרְלִיכֶר יִיד צוּ זַיין . פִילְמֶער ווַייל דֶער מֶענְשׁ נָאךְ בַּשֶׁעפְּטִיגְט אִיז פוּן פִילֶע טְרָדוֹת פוּן עוֹלָם הַזֶה . אוּנ דַאצוּ ווַייל דֶער מֶענְשׁ צוּ זִיךְ אֵיין קָרוֹב אִיז אוּנ הָאט זִיךְ לִיבּ אוּנ גֶערְן זָא זִינְד אַלֶע וֶועג בַּייא אִיהְם גוּט אוּנ רֶעכְטשַׁאפֶן אוּנ נִימָאלְס זֶעהְט עֶר זַיינֶע פֶעהלֶר . אוּנ פִילְמֶעהר וֶוען דֶער מֶענְשׁ הָאט שֶׁפַע וְהַצְלָחָה רַייכְטוּם אוּנ גְלִיק אִין אַלֶע הִינְזִיכְטֶן . דַאדוּרְךְ וֶוען עֶר אוֹיךְ אַלְט אוּנ גְרוֹיא ווִירְד אוּנ בַּייא יְשִׁישִׁים אַלְטֶע פְלֶעגְט חָכְמָה צוּ זַיין . עֶר אָבֶּר עֶרְקֶענְט דָאךְ נִיכְט זַיינֶע פֶעהלֶער ווַייל וֶוען מַאן שָׁאהְן אֵיינִיגֶע מָאהל אֵיין עֲבֵירָה גֶעטוּהְן הָאט זָא אִיז שָׁאהן בַּייא אִיהְם בַּטְרַאכְט אַלְם עֶם וֶועהְרֶע גַאנְץ מוּתָּר . עֶר . בִּיז צוּ לֶעצְט יָמוּת בְּאֵין מוּסָר שְׁטֶערְבְּט עֶר אָהנֶע תְּשׁוּבָה אוּנ חֲרָטָה . אוּנ דָארְט בַּייא דֶעם גְרוֹסֶען יוֹם הַדִין וֶוען מַאן אִיהְם שְׁטֶעלְט צוּ רֶעדֶע אוֹיף פִילֶע חֲטָאִים אוּנ עֶר זֶעהְט דֶען פִירְכְטֶערְלִיכֶן עוֹנֶשׁ דַאפִיר . דַאמָאלְס אִיז עֶר גֶעווִיס מִתְחָרֵט . אָבֶּר עֶס נִיצְט שָׁאהְן נִיכְט . כִּי אֵין בִּשְׁאוֹל חֶשְׁבּוֹן נָאךְ דֶען טוֹיט נִיצְט קֵיין תְּשׁוּבָה . אִיבֶּר דֶעם ווַייל יִצְחָק הָאט גֶעווִיסְט דָאס זַיינֶע קִינְדֶער אִימֶער פֶעסְטֶע אֱמוּנָה הָאבֶּן וֶוערְדֶן אוּנ דַארִיבֶּר אִיהְר נָאמֶן אִיז מַאֲמִינִים וּבְנֵי מַאֲמִינִים הָאט עֶר מִתְפַּלֵל גִוֶועזֶן צוּ הַשִׁי"ת דַאס עֶר זָאל אָפְּט דֶערְהַיים זוּכֶן זַיינֶע קִינְדֶער מִיט אַלֶערְלֵייא צוּפֶעלֶע . דַאדוּרְךְ וֶוערְדֶן זִיא זָאגֶן דַא הַשִׁי"ת בְּוַודַאי גֶעווִיס קֵיין אוּמְרֶעכְט טוּהְט אוּנ אָהנֶע זַיינֶע אוֹפְזִיכְט עֶרְאֵייגְנֶעט זִיךְ גָאר נִיכְט אוֹיף דִיא וֶועלְט מוּס יַא דָאךְ זַיין דַאס אִיךְ עֶטְוַואס שׁוּלְדִיג בִּין . גֶעהְמְלִיךְ דַאס אִיךְ נִיכְט גֶעגַוי דִיא פָארְשְׁרִיפְט פוּן דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה

נאך

# כלל ב שאלה טו

נאך גפאלגט האבע · איבר דען ברינגן איהם דיא יסורים דאצו
דאס ער זאל מיט זיך רעכענן וויא ער זיך פיהרט מיט דער יידישקייט
אין אלע הינזיכטן · מיט גענוי שבת האלטן · מיט תורה לערנן ·
מיט גידול בנים לתורה קינדר ערציהן תורה צו לערנן · מיט ערליך
האנדלן · מיט שמירות ברית קודש קיינע אום שוויפענדע וועג צו
מאכען · מיט מחלוקות · שנאת חנם · לשון הרע · אונ מאכט
זיך פון נון אן איין פעסטע הסכמה פארגעהמן · השי"ת זיין תורה
גענוי צו בפאלגן וואס נור אין זיין כח שטעהט · נון דא דיא צרות
וואס איהם צו גקאמן זינד האבן ביא איהם גווירקט זיך צו פרקעהרן
אן שטאט איין לב ערל פרשטאקטעם הערץ · איין לב טהור ריינעס
הערץ · אן שטאט זיין נאמן וואר בי מביש ווידר שפענצדיגר זאהן ·
בן משכיל פאלגזאמער זאהן · אנשטאט דאס פריהער וואר ער מכף
רגל ועד ראש אין בו מתום פון פיעס זויל ביז צום קאפף אלעס
ערקראנקט דאס הייסט מיט עבירות בשמוצט · נעשה כולך יפה
רעיתי ומום אין בך איז ער ווארדן דורך אוים שעהן אונ
פעלער פרייא · אנשטאט פריהער וואר דאס מלבוש פון זיין
נשמה בגדים צואים בפלעקט · בשמוצט גוואנט · יעצט מחלצות
עהרן גוואנט · אונ אנשטאט משחת מתואר מראהו · חכמת אדם
תאיר פניו · וועהרענד איין מענש אין שלעכטן וועג געהט · איז זיין
צלם אלקים פרפינסטערט · דער אין גיטן וועג געהט לייכטעט זיין
צלם אלקים · אנשטאט ער וואר מרוחק ערווייטערט פון השי"ת וויא
דער פסוק זאגט וכי תבואו לראות פני מי בקש זאת מידכם ווען
איהר קאמט מיך מקבל פנים זיין ווער פרלאנגט דאס פון אייך ·
ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי צו דען רשע זאגט השי"ת
צו וואס זאל מיר דיין תורה לערנן · יעצט הראיני את מראיך
השמיעני את קולך כי קולך ערב ומראך נאוה זאגט השי"ת וויז
מיר דיין שעהנעס גשטאלט · לאסע מיך הערען דיינע זיסע
שטימע · אונ אנשטאט פריער איז אוף איהם גזאגט ווארדן שנות
רשעים תקצורנה · אחרית רשעים נכרתה דיא יאהרן פון דיא
רשעים ווערדן אב גקירצט · אונ דאס ענד פון דיא רשעים איז צו
פרשניידונג · יעצט יראת ה' תוסיף ימים ולמען ירבו ימיכם וימי
בניכם

בניכם אין דען זכות פון יראת שמים און תורה לערנן ווערן איהרע זאמט קינדערס יאהרן פערלענגערט אנשטאט דאס פריהער ווארן זיינע טעג אבודים פערלארן און ניכט זיין · יעצט זקן בא בימים זינד זיא זיין אייגען · דיא איהם בעגלייטען ווערדן ביא זיינעם אב לעבן · אנשטאט דאס פריהער וואר דיא ליבע צו השי"ת און זיין תורה אין זיין הערץ שוואך און געמיין און באלד פערלאשען · יעצט איז ער חולת אהבה ומים רבים לא יוכלו לכבותו דאס פייער פון דיא ליב איז זא שטארק דאס פילע וואסער עס ניכט פערלעשן קענן · נון ווען מאן מעכט לעגן אין איינע וואג שאל פנינים פעריל· ושוהם יקר וספיר· ורמות וגביש און אלע עדעל שטיינע· און אין דיא אנדרע וואג שאל דיא צרות ויסורים וואס ביא איהם זאלכעם פערארזאכט האבן · ווירד יא געוויס דיא צווייטע זעהר פיל איבר שווערן און איבר ווענן · ווייל דאס רייכטוהם ווען עס נאך אזו גרוס איז זאלכעם ניכט ווירקן קענן · וואס דיא צרות און יסורים ווירקן דאס ער דורך איהגן זיינע שלעכטע מעשים אוים בעסערט און ווירד איין אמתדיגר בעל תשובה וואס זיין מדריגה גרעסר איז אלם דער צדיק· דיזעם וואר דיא מחשבה טובה גוטע גדאנקען פון יצחק זיין בקשה · און אויף דען האט אוך דוד המלך גזאגט אשרי הגבר אשר תיסרנו יה גליקליך איז דער מענש דען וואס השי"ת שטראפט און דיא יסורים ווירקן ביא איהם דאס מתורתך תלמדני דאס ער דורך איהגן ערענסטע תשובה טוהט :

## שאלה טז

אב יסורים אימער גוט און ניצליך זינד · אדר נור מאנכעם מאל .

## תשובה

אמת איזט דאס יסורים ווען דער מענש האט זיין זיא זעהר גוט · ווייל ער דורך דען זיך ערינערט דאס ער שולדיג איזט זיינע פיהרונג אין הינזיכט יידישקייט אוים צו בעסערן · אבער עס איזט נור צו פערגלייכן צו איין מענש דער שאן קראנק איזט און אויף ערש דוי קראנקענבעט ליגט דאס ער אפט נעמן מוס ביטערע קרייטער · אדער מאן מוס איהם בלוט נעמן דאס ער דאדורך געזונד ווערדן זאל · בעסער איזט אבער ווען איין מענש איין געזונדען שטאנד אויף זיך אכט גיבט דאס ער ניכט זאלכם טוהן זאל וואס איהם צו זיין געזונד שאדן קענן · זיך ניכט צו פערקילן · ניכט צו פיל ערהיצן·

מָעסִיג עֶסֶען . אוּנ דֶער גְלַייכֶן . אַזוֹ אוֹיךְ אִיזְט פִיל שֶׁענֶער אוּנ בֶּעסֶר וֶוען אַיין מֶענְשׁ זִיךְ אִימֶער אִיבֶּער לֶעגְט וִויא קָאן אִיךְ זִינְדִיגֶן וֶוען מִיךְ דָאס אוֹיג פוּן הַשִׁי"ת תָּמִיד אִימֶער זֶעהְט וַוייל מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ אִין דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט אִיזְט זַיין אוֹיף זִיכְט . אוּנ מוּס פִיר אִיהְם דִין וְחֶשְׁבּוֹן גֶעבִּן . אוּנ פִיר דִיא יִידִישְׁקֵייט הַאלְטֶען אִיזְט פֶערְשְׁרִיבֶּן מַיין פֶערְמֶעגֶן . מַיינֶע קִינְדֶער . מַיין גֶעזוּנְד . אוּנ דַאס דֶער שְׂכַר פוּן עוֹלָם הַבָּא אַזוֹ גְרוֹס אִיזְט דַאס אַיין שָׁעָה פוּן נַחַת רוּחַ פוּן עוֹלָם הַבָּא אִיזְט וַוייט גְרֶעסֶר אוּנ מֶעהְר אַלְס אַלֶע תַּעֲנוּגִים וְנַחַת רוּח פֶערְגֶעניגוּנְגֶען אוּנ אוּנְטֶערהַאלְטוּנְגֶען פוּן דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט . נוּן וֶוען מַאן זָאלְכֶעס אִימֶער פָאר דִיא אוֹיגֶן הָאט וִויא קָאן מַאן זִינְדִיגֶן . אוּנ דַאדוּרְךְ גֶעווִינְט עֶר דַאס עֶר נִיטְמָאלְס יְסוּרִים בְּרוֹיךְ דִיא אִיהְם עֶרְאִינֶערְן זָאגֶן אַן דִיא יִידִישְׁקַייט וַוייל זַיין פִיהְרוּנְג נוּר זָא אִיזְט דַאס עֶר אַן דֶען נִיטְמָאלְס פֶערְגֶעסֶן טוּהְט :

**שאלה יז** אוֹיף דֶען אַלְגֶעמַיינֶן וָוארְט דִיא שְׁלַאנְג בַּייסְט נִיכְט . זָאנְדֶערְן דֶער חֵטְא . וִוינְשֶׁע אִיךְ אַיינֶע דֵייטְלִיכֶע אוֹיף קְלֶעהְרוּנְג .

**תשובה** מִיר פִינְדֶען אִין יְרוּשַׁלְמִי דַאס ר' שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי וִויא עֶר אוּם דִיא הֶעלֶע אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אִיז נָאךְ דְרַייצֶן יָאהְר [וִויא עֶר דָארְט דִיא גַנְצֶע צַייט זִיךְ נוּר מִיט תּוֹרָה אוּנ עֲבוֹדָה בֶּשֶׁעפְטִיגְט הָאט אוּנ דַאדוּרְךְ אִין אַיין זֶעהְר גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה [אָמֶען אִיז] הָאט עֶר גִזֶעהְן אַיין יֶעגֶער דֶער צִיעלְט מִיט פַיילִין פֶעגֶעל צוּ שִׁיסֶען . זָא אִיז מַאנְכֶע פֵייל פֶעהְל גְגַאנְגֶן אוּנ נִיכְט גֶטְרָאפֶן . אוּנ מַאנְכֶע הָאט יָא גִטְרָאפֶן . זָא אִיז דֶען תַּנָא אוֹיף פַאלֶענְד גִוֶועזְן דַא עֶר אַיין יֶעגֶר אִיז הָאט עֶר גֶעוִויס יָא גִלֶעהְרִינְט וִויא מַאן צִיעלֶן זָאל . נוּן וַוארוּם פֶעהְלְט עֶר דָאךְ מַאנְכֶעס מָאהְל . זָא הָאט עֶר זִיךְ אִיבֶּר דֶען בֶּעסֶר אַכְט גְגֶעבִּן אוֹיף דֶען חוּשׁ הַשֶׁמַע זָא הָאט עֶר גִהֶערְט שְׁרַייעֶן אַיין בַּת קוֹל וֶוען דָאס קוֹל הָאט גֶעזָאגְט דִימוּס . פְרֵייא . פַארְדָאן . הַוִי פְּסָקָה הָאט דִיא פֵייל גְפֶעלְט אוּנ דָאס עוֹף אִיז גֶרֶעטֶעט וָוארְדֶען . הָאט אָבֶער דָאס קוֹל גֶזָאגְט (סְפִּיקוּלָא) הִיעגְגֶערִיכְט . הָאט דִיא פֵייל גֶטְרָאפֶן . אִיז פוּן דֶער מַעֲשֶׂה בֶּעוִויזֶען דַאס זֶעלְבְּסְט אַיין קְלַיינֶע בְּרִיָה וִויא אַיין פוֹיגֶל (מִבַּלְעֲדֵי שְׁמַיָא לָא מִתְצִיד) קָאן נִיכְט גֶעפַאנְגֶן וֶוערְדֶן וֶוען נִיכְט דִיא גְזֵירָה פוּן דֶעם הִימֶעל בֶּשְׁלָאסֶן אוּנ בֶּשְׁטִימְט אִיז . פִיעלְמֶעהְר אַיין מֶענְשׁ דֶער זִיךְ בֶּאֱמֶת פִיר קֵיינֶעם צוּ פִירְכְטֶן הָאט נוּר פִיר זִיךְ אַלֵיין . וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִי אַתְּ וַתִּירְאִי מֵאֱנוֹשׁ

ימות) האסט דוא דען קיינע זכיות דאס דוא דיך פירכסט פיר איין שטערבליכען מענש . ווען דוא האסט זכיות אונ מעשים טובים איז דיר צו גזאגט ווארדן כל שתה תחת רגליו אלע בשעפניש פון דער וועלט מיסען דיר אונטר ליגען :

דא מאן דאך מאנכעס מאהל זעהט פיר די אויגן דאס (צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו) דאס שלעכטע מענשן טוהן פערפאלגען די ערליכע . עפין נור דייגע אהרען אונ טוהע געני צו הערין מיינע רייד . עס איז אמת דער רשע רודפת . עס איז אבער אויך אמת דאס קיינער קאן זיין חבר דאס מינדעסטע טוהן . דען די משנה זאגט ווען איינער עובר איז איין עבירה . מיט דען ווערט בעשאפען איין מלאך רע איין קליפה וואס איהר נאמן איז קטיגור . אונ ווען עס קאמט די צייט דאס ער בשטראפט ווערדן זאל גיבט מאן פון בית דין של מעלה רשות די קליפה איהם צו ציכטיגן . אזוי געהט די קליפה אונ זעצט זיך אונ רוהט אויף איין (אדם רשע) שלעכטען מענשן . וואר (כי מגלגלין חוב ע"י חייב) דורך איין שלעכטן מענשן ווירד אוים געפיהרט איינע שלעכטע טאהט אונ נור דורך די קליפה אונ נור דורך דען מקטרג האט דער רשע כח דען יעניגן מצער צו זיין אונ יסורים צו טוהן . אדער איהם זיין פערמעגן פארט צו נעמן . אונ דער רשע דער וואס איהם די צרות טוהט איז באמת נור צו בעטראכטן דאס ער איז אין די האנד פון די קליפה אלם וויא די האק אין די האנד פון דען מענשן דער דאס האלץ האקט . אבער ניכט וויא מאנכע דומע מענשן די וואס מיט איהרע אויגן אוים פלייש (רק לנוכח יביטו) נור געגן איבר זעהן אונ טוהן פליכן אונ שעלטן דען יעניגן דער וואס איהנען דאס טוהט ווייל זיא מיט איהרען קורצן שכל מיינען דאס ער אליין דאס טוהט . זיא זינד זיך אבער טועה . דען באמת האט זיך ניר דער מענש פיר זיך אליין צו פירכטן דאס ער זיך אימער ליעב האבן זאל . אבר וואס פיר איין אהבה . איין אמתדיגע אהבה [ניכט אזוי אהבה ער זאל זיין גוף האבן ליעב דאס ער זיך בשטרעבן זאל איהם געבן צו קענן אלעם וואס ער ווינשט אונ איהם אימר אוים צו פיטערן מיט פיינע שפייזן אונ פערגעניגונגען . פיר וואס זאל דער מענש אזו נאר זיין . ווייסט

ער

# כלל ב שאלה יז

ער דען ניכט (מרבה בשר מרבה רימה) דער וואס זיך דורך זיין
פיעלם עסן פעט אונ דיק מאכט דער איז גורם דאס ער אין זיין קבר
זעהר פיהלע ווירמער האבן ווירד. נון וועגן וואס פיר איין תכלית
צוועק זאל ער זיין גוף מעהר צו עסן געבן אונ צו פערגעניגען מעהר
אלס ער מוס דאס ער זאל קענן לעבן אונ עקזעסטירן. אויך ניכט
אזוי אהבה דאס ער זיך בשטרעבן זאל מיט פרשידענע הינזיכטען
דאס ער זאל שמייכלען דיא עשירים אונ זיינע קרובים דאס ער זאל
האבן גונסט ביא זייא. אדער ביא דיא (שרים אונ שופטי העיר)
פארשטעהר אונ ריכטר. דאס ווען ער איינמאהל אין פערלעגענהייט
ווירד זיין דאס זיא איהם ביא שטעהן אונ העלפן זאלן. ווייסט דוא
דען ניכט דאס באמת איז דען מענשענס הילף פאלש (וארור הגבר
אשר שם בשר זרועו) פרפליכט איז דער וואס זיך אויף מענשענס
הילף שטיצט. וויא דען. דיא אמתדיגע אהבה איז. דוא זאלסט
געוויינען דיין גוף דאס ער געהן זאל אין דען וועג פון דיא תורה דאס
ער זאל מקיים זיין אלע מצות גענוי אונ פינקטליך. אונ נור דאדורך
ווירד ער זיך קונה זיין איינען מאכען דיא אהבה פון השי"ת] אונ
דאמאלס ווירד זיין (מוראכם וחתכם על כל חית הארץ) אייער פורכט
אונ שרעקן אויף אלע טהירע (וימצא חן ושכל טוב בעיני אלהים ואדם)
אונ ער ווירד גונסט אונ ביאפאל האבן אין דיא אויגן פון השי"י אונ
מענשן. דען דער מליץ זאגט (זדון לבי עשה לנפשי את אשר אויבי
לא יכול עשהו) מיין מוטהוויליגעם הערץ וואס מיך האט צו עבירות
פרפיהרט האט מיר זאלכענע גרויסע צרות צו געצאגן וואס מיר מיין
גרעסטר פיינד ניכט העט טוהן קענן. אונ דא דיא גמרא זאגט (ארבע
מיתות בטלו דין ארבע מיתות לא בטלו) ווען גלייך דאס דיא
פירערלייא מיתות וואס דאס ב"ד בשטראפט דען יעניגען וואס עס
פרדינט. האט הייטע ליידער אויף געהערט. אבער דאס איבריגע
לאנדעס געריכט אונ אויפזיכט דוויערט אימער. נעמליך דאס דער
יעניגע וואס עס האט פרדיענט שריפה דאס מאן איהם פרברענען
זאל. שטערבט ער פון איין ביס פון איינע שלאנגע. דער יעניגע
וואס עס האט פרדיענט סקילה דאס מאן איהם פרשטיינען זאלל.
פראוהרזאכט השי"ת דאס ער פון איינע הויכע מויער שטירצט אונ
שטערבט

שטערבט • דער וואס עס האט פרדיענט הנק דאס מאן איהם ווערגן זאל זא ערטרענקט ער אין וואסר . דער וואס עס האט פרדיענט הרג דאס מאן איהם קעפן זאל • פאלט ער אין דיא האנד פון מלכות וזא איהם דארט זאלכעס גשעהט . דאס איז דער דין פון דין ארבע מיתות לא בטלו -- אונ זיין פעסטעס גלויבן דאס דיא ווערטר פון אונזערע היילינגע גמרא אמת זינד • ברינגט איהם דאצו ווען ער פון דען אונגליק פרפאלגט ווירד • זא איז ער קיין שונא • קיין נוקם ונוטר • דען יעניגן דער וואס איהם דאס פראורזאכט • זאנדערן ער זיכט נאך זיינע פירונג אונ ברעכנט זיינע וועג אין הינזיכט יידישקייט ביז ער געפינט דען פעלער דאס וואס איהם זאלכעס האט גורם געוועזן • אונ ער גיבט קיין שלאף דיא אויגען ביז ער בקענט אונ טוהט בערייען אונ טוהט אמתדיגע תשובה • ניכט נור איין זאלכע תשובה וויא ער דאדורך דען מקטרג שוואך מאכט אדער פרשניידן טוהט • זאנדערן דורך זיין אהבה צו השי"ת דיא ברענענד איז ווירקט דיא תשובה דאס ער פרקעהרט איהם פון איין קטיגור איהם איין סניגור צו זיין •

• • •

**שאל יח** אב יסורים זינד ט"ע אונ חשוב ביא יעדן מענשן • אדער נור ביא זאלכע דיא איין פעסטע אמונה האבן •

**תשובה** דאס וואס דער נביא זאגט גדול העצה ורב העליליה אשר עיניך פקוחות לכל דרכי בני אדם לתת לאיש כדרכיו וכפרי מעלליו אין דען ווארט איז פערשטאנען דאס אלעס וואס עס זיך ערייגנט אויף דיזער וועלט • עס מעג זיין גרויסע צופעלע • מיטלע • קליינע • עס מעג זיין זאלכע זאכן וואס זיין געלד אונ פרמעגן בריהרט • אדער פון יסורים וואס זיין גוף אדער זיינע קינדער בריהרט • אדער פרפאלגונגען • בליידיגונג מסירות ועלילות וכל צרה שלא תבא • אדר זיין פרנסה אב זיא בייט אדער געניי • אדער גאר ענג איז • דאס דיזעם אלעס ניכט על דרך מקרה גטראפען האט • זאנדערן ער איז שולדיג צו זאגן אונ צו גלויבן פון דיא טיפונג דעם הערץ דאס דאס אלעס קאמט פון דיא אופזיכט פון השי"ת • אונ דאס איז איין גרוסער גרונדשטיין וואס עס טוהט צו זאמן האלטן אונ פרשטערקן כמעט דיא גאנצע יידישקייט • אונ נור דער • דער פעסט אין דיא אמונה איז אויף דיזער ארט • ביא איהם איז מצוה גוררת מצוה איין מצוה פראורזאכט צו טוהן דיא אנדרע מצוה • דאס ער קאן מקיים זיין דיא מצוה פון צידוק הדין וואס עס איז

איין

# כלל ב שאלה יח

איין קשר איין שליסער פון דיא גאנצע יידישקייט . נעהמליך דאמאלס ווען איהם יסורים גטראפען האבען ניכט נור דאס ער מיט דען מויל זאגען זאל אלקים מצא את עון עבדיך השי"ת האט געפינען דיא עבירה פון זיין קנעכט איהם דארויף צו בעשטראפען . זאנדערן אויך מיט דען אמתדיגען הערץ . דאס ער וויסען זאל אונ גוט פערשטעהן דאס ווען השי"ת דען מענשען שטראפט . איז נור זיין אבזיכט . דאס ער זיך דאדורך אין דען וועג פון דיא יידישקייט בעסערן זאל וויא דער פאטער זיין איינציגען זאהן ציכטיגט . דען אהנע דען דאס השי"ת האט אונז אוס ערוועהלט פון אלע פעלקר אונז צו געבען איין אמתדיגע תורה . אונ דורך איהר קאן זיך איין יעדער ערווערבען אונ פערדינט מאכען אויף דיזע קורצע פערגענגליכע וועלט . איין עוויגעס לעבען . אונ דאדורך צו ערלאנגען איין גרויסען שכר אויף דען דער פסוק זאגט מה רב טובך אשר צפנת ליראיך וויא אונענדליך גרוס איז דער שכר וואס דוא האסט אויף בוואהרט פיר איין יעדען ערליכען מענשען . דא אבער דער מענש איין ילוד אשה איז פון איין אשה געבארן . איין קרויט מהומר איז . אום ליים געפארמט אונ דאדורך פילע ליידענשאפטען בזיצט . אונ דאס ברענגט איהם דאצו דאס זעלטען איין מענש צו פינדען איז דער פעהלר פרייא איז . דען פון דיא גראסע פילע טרדות פון עולם הזה אין אלערליי געגענשטענדע איז מאנכעס מאהל דער מענש שכורת ולא מיין בערוישט אונ ניכט פון וויין . אונ איז טרעהג אונ פויל אין עבודת ד' . דאריבער האט השי"ת נאך מעהר מיט אונז מתחסד געוועזן אונ האט אונז אום געצייכענט געגען אנדערע פעלקר דאס ווען איינער שאהן איז ענטשלאפען געווארדען . דאס הייסט ער האט פערנאכלעסיגט צו האלטען יידישקייט וויא זיך געהערט . לאסט איהם השי"ת ניכט ווייטער שלאפען דאס ער זאל אין זיין חטא איין געווארצעלט ווערדען . זאנדערן ער מאכט אלערליי סיבות ערייגניסע איהם צו ערוועקען אונ דאס ער אויף וואכען זאל . דאס ער פון נון אן זיין זאל סור מרע ועשה טוב פון שלעכטען זיך צו ערווייטערן אונ גוטעס צו טוהן . וויא אויך דיא פערגאנגענע שלעכטע מעשים אום צו בעסערן אונ דארוף מתחרט זיין . פילע מאהל דורך געלד שאדן . שמתו צאנו . דאס איהם זיינע שאף געפאלן זינד . או נשרף ביתו זיין הויז פערברענט . או שנשתטפו שדותיו זיינע פעלדער פערשוועמט . אפט מאהל בדברים שבגופו וואס זיין גוף בריהרט . דאס ער ליגן מוס על ערש דוי ר"ל אויף דען קראנקענבעט . פון פערשידענע יסורים . אדער צער וצרות פון זיינע פריינד אונ פאמיליע . אדר צער ויסורים אין הינזיכט פון קינדער ערציהען ר"ל . אר"ג . אונ ביא דען אלען איז דיא כוונה דיא אבזיכט פון השי"ת דאס ער דאדורך מיט זיין געוויסען רעכנען זאל . אונ זאל בקענן דאס ער אליין האט זיך פעראורזאכט דיא יסורים . דא ער ניכט דען וועג פון דיא תורה גענוי נאך געפאלגט האט . אונ דיזעס ווירד איהם דאצו ברענגען דאס פון נון אן אויף זיך צו געהמען וואס נור אין זיין מאכט שטעהן ווירד . טרייא דיא תורה נאך צו פאלגען . זא דאס ווען ער אין

שפעטערע

שְׁפֶּעטֶערֶע צַייטְן זַיין שְׁטַאנְד בַּטְרַאכְטֶעט אִין הִינְזִיכְט תּוֹרָה. וּמִצְוֹת . וְיִרְאַת שָׁמַיִם . אִיז עֶר מִיט זִיךְ אַיין וֶוענִיג פַּרְגֶעניִגְט אוּנ נִיכְט אוּנְצוּפְרִידֶען . אוּנ עֶרְאִינֶערְט זִיךְ דַאפַייא דַאס עֶר אִין דִיא פְּרִיעֶדִיגֶע צַייטֶן זֶעהְר עֶרְוַוייטֶערְט פוּן דִיא פְרֶעמִיגְקֵייט וָואר . אוּנ נוּר דִיא אוּרְזַאכֶע דַאס עֶר פוּן זַיין שְׁלָאף עֶרְוַואכְט אִיז אוּנ צוּ דִיא תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם צוּרִיק גֶעקֶערְט אִיז . זִינְד גֶוועזֶן דִיא פַּרְשִׁידֶענֶע צוּפֶעלֶע . אוּנְגְלִיק . שָׁאדֶען . יְסוּרִים . דִיא אִיהְם גֶעטְרָאפֶן הָאבֶּן . אַזוֹ זָאגְט עֶר יֶעצְט מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוֹדְךָ ד' כִּי אָנַפְתָּ בִּי אִיךְ דַאנְק דִיר הַשִּׁי"ת דַאס דוּא אִיבֶּער מִיר גֶעצִירְנְט הָאסְט אוּנ דַאדוּרְךְ הָאסְט דוּא פַרְאוּרְזַאכְט כִּי הֶעֱלִיתָ מִן שְׁאוֹל נַפְשִׁי דַאס אִיךְ מַיין נְשָׁמָה הַאבֶּע גֶערֶעטֶעט אוּנ עֶרְלֶעזְט פוּן דֶען טִיפֶען גֵיהִנָּם כִּי מַה בֶּצַע בְּדָמִי בְּרִדְתִּי אֶל שַׁחַת וָואס נִיצְט מִיר מַיין פַרְמֶעגֶן וֶוען אִיךְ דַאדוּרְךְ אִין גֵיהִנָּם קָאמֶן מוּס . וֶוען אִיךְ וֶועהְרֶע דַאמָאלְס נִיכְט פוּן דִיא פִילֶע אוּנְגְלִיקֶן פַּרְפָאלְגְט אוּנ דַאדוּרְךְ וֶוערֶע אִיךְ הַייטֶע צוּ טָאג רַייכֶער פוּן פִילֶע פִילֶע טוֹיזֶענְדֶר . אָבֶּער פוּן דִיא יִידִישְׁקֵייט הֶעטֶע אִיךְ עֶרְוַוייטֶערְט גֶעבְּלִיבֶּען. אָבֶּער וָואס נִיצְט מִיר זָאלְכֶע הַצְלָחוֹת דִיא נוּר הֶבֶל אוּנ שָׁוְא זִינְד . דֶער פָּסוּק זָאגְט יַא לֹא יוֹעִיל הוֹן בְּיוֹם עֶבְרָה וֶוען דַאס רַייכְטוּהְם אִיז נָאךְ אַזוֹ גְרוֹיס קָאן מַאן זִיךְ דָאךְ נִיכְט פוּן דֶען פִינְסְטֶערְן גֵיהִנָּם לָאז קוֹיפֶען --

דֶער שׁוֹרֶשׁ הַדָּבָר דִיא וָוארְצֶל פוּן דִיא זַאכֶע . אָבֶּר דַאס אִיהְם דִיא יְסוּרִים אַזוֹ וַוייט בְּרֶענְגֶן קֶענֶן דַאס דֶער מֶענְשׁ זִיךְ דוּרְךְ אִיהְנֶן בֶּעסֶערְן זָאל . אִיז נוּר וֶוען בַּייא אִיהְם דִיא אֱמוּנָה דַאס גְלוֹיבֶּען פֶּעסְט אוּנ אֲמִתִּיג אִיז . גֶעהֶמְלִיךְ דַאס דִיא אַלֶע יְסוּרִים אִיהְם אַבְּזִיכְטְלִיךְ נוּר פוּן הַשִּׁי"ת גֶקָאמֶן זִינְד . דֶען דַאן זָאגְט אִיהְם זַיין הֶערְץ וַוייל דַא הַשִּׁי"ת אַיין צַדִּיק וְיָשָׁר רֶעכְטְשַׁאפֶן אִיז . אוּנ מֵאִתּוֹ לֹא רָעוֹת תֵּצֵא פוּן אִיהְם קָאמְט יַא קַיינְמָאהל קַיין שְׁלֶעכְטֶס . אִיבֶּר דֶען מוּס יַא גֶעוִויס זַיין דַא הַשִּׁי"ת מִיךְ דָאךְ שְׁטְרָאפְט מוּס יַא דָאךְ גֶעוִויס זַיין דַאס מִיר מַיינֶע מַעֲשִׂים רָעִים דַאס גוֹרֵם הָאבֶּן גֶעוֶועזֶן . אוּנ דוּרְךְ דֶען רַיינִיגְט עֶר זַיין הֶערְץ אוּנ אִיז חוֹזֵר צוּ הַשִּׁי"ת . וֶוען עֶר אָבֶּר קַיין אֱמוּנָה הָאט . אָדֶער נוּר נִיכְט פֶעסְט אִין דִיא אֱמוּנָה אִיז . גֶעהֶמְלִיךְ דַאס עֶר אִין צְוַוייפֶעל אִיז אָב הַשִּׁי"ת שִׁיקְט דִיזֶעס אַלֶעס . דַאמָאלְס קֶענֶן דִיא יְסוּרִים נִיכְט בֶּעוִוירְקֶען דַאס עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּהְן . נוּן וֶוען מַאנְכֶע מֶענְשֶׁן בַּייא דִיא אַלֶע יְסוּרִים אוּנ צָרוֹת אִיהְר הֶערְץ פַרְשְׁטָאקְט בְּלַייבְּט אוּנ זִינְד נָאךְ וַוייטֶער מוֹסִיף עַל חַטָּאתָם פֶּשַׁע צוּ פַרְמֶעהְרֶן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים . אוּנ בְּלַייבֶּן הַארְטְנֶעקִיג . זִינְד אִיהְרֶע עוֹנְשִׁים שְׁטְרָאף . דִיא אִיהְנֶן גֶעבִּיהְרֶן, אוּנְבֶּשְׁרַייבְּלִיךְ . דֶען הַשִּׁי"ת זָאגְט וָואס הֶעטֶע אִיךְ נָאךְ קֶענֶן טוּהְן וָואס אִיךְ נִיכְט גֶעטוּהְן הַאבֶּע :

**שאלה יט** צוּר וֶועלְכֶער צַייט אִיזְט מַאן שׁוּלְדִיג דָאפֶּעלְט מִיטְלַיידוּנְג צוּ הָאבֶּן וֶוען יִידִישֶׁע קִינְדֶר פוּן צָרוֹת אוּנ אוּנְגְלִיקֶע פֶּערְפָאלְגְט זִינְד רַחֲמָנָא לִיצְלָן .

**תשובה**

# כלל ב שאלה״ט

**תשובה** ווען דיא צייט געקאמען איז דאס דאס דור פון אמונה אונ אמתדיגע פירער זעהר פראַרמט איז. דאריבער איז צו קלאגן אונ צו טרויערן וועגן דיא גרויסע צרות דיא אונזערע ברידער אין פיהם אונ פיעלע שטעט גטראפן האט פאר איינגע יאהר דאס מאן האט מאנכע בגזלת פון איהר פרמעגן דאס זיא נאקיט אונ גאנץ פראַרמט געבליבן זינד -- כאונכע וואס מען האט מיט מכות אכזריות אונבארמהערציג געשלאגן אונ פערוואונדעט ווארדן - וויא אויך פיעלע זינד געהרגית ווארדן. כמה נשים דיא מאן האט מאנס ומטמא גוועזן. גשענדעט:

ווייל מיר אלע בני אברהם יצחק ויעקב זינד -- אונ איין תורה אונ איין אמונה האבן. דאריבער איז צו שרייען בקול מר מיט איינע טרוריגע שטימע. מעי מעי על הלליהם מיין איננערעם. מיין איננערם יאממערט. מה זאת עשה ד׳ להם וועגן וואס האט השי״ת איהנען זאלכם געטוהן. אבער ניכט דאס אונזר ווייגען איז דאס איהנען פון השי״ת איין אונרעכט געשעהן איז. חלילה זאלכעס צו דענקען. דא מיר וואהל וויסען דאס השי״ת איין צור תמים פעלו איז. דאס אלע זיינע ווערק פעהלער פרייא זינד. אבער אונזער טרויער אונ מיטליידן איז נור דעסטוועגן. ווייל דיא אבזיכט פון השי״ת מיט זיינע שטראף איז דאס דאדורך זאלן דיא בעטרעפענדע תשובה טוהן אונ חוזר זיין פון איהרע שלעכטע וועג. דא אבער הייטע צו טאג מיר אין פיעלע פלעצער בעזאנדערם אין דיא מדינה פון פיהם איין גרוים דור יתום אונוויסענד זינד. דאס זיא זעהר וועניג וועג ווייזער אונ פיהרער האבן וויא זיך געבידרט. פיעלמעהר אין מאנכע ערטער דיא מנהיגים מתעים פרפיהרער זינד. דא זיא איהנען זאלכען אונטרווייזונג אונ אונטעריכט געבן דיא איהנען פראורזאכן פון דיא דרכי תורה אוס צו טרעטן. אונ מיט פיעלעם זיך צו פרגלייכן צו אנדערע דתות געבריכע. אונ געזעצטע פון אנדערע פעלקר.

דאריבער איז צו קלאגן אונ צו וויינען אויף דיא אומזאנסטיגע צרות דיא זיא געליטען האבן. ווייל זיא ביא איהנען ניכט ווירקען קענן דאס זיא זאלן זיך דאפון מוסר געמן אונ תשובה טוהן. דען ווען זיא העטען מנהיגי אמת גהאט. דיא זיא ערוועקט העטען מיט

דברי

(דברי כבושים) איינדרינגענדע ווערטער דאס זיא איהנן ערקלעהרט העטטען דאס ניממאהלס דיא שלאנג בייסען קאן. זאנדערן דער חטא. דאס נור דאממאהלס עמלק כח האט יידען צרות צו פערואורזאכען ווען זיא אליין דאצו גורם זינד. געמליך דאס דיא יידישקייט האלטען ביי איהנען זעהר שוואך איז. דא שאהן פיעלע יאהרען דאס איהר דיא מצוה פון תלמוד תורה זעהר פערלאסט האט. זא דאס ווען דיא קינדער נאך קליין אונ אין דיא רייפע יאהרען זינד. רייסט מאן זיא פון תורה לערנן פארט. דיא. דיא קוועלע פון דעם עוויגען לעבן איז. דאס זיא נור פרעמדע קענטניסע לעהרנן זאלן. אונ האט מבטל גיוועזן דיא מצוה דאס מיר יידען זאלן (מצויינים) אויס געצייכענט זיין מיט שם. ולשון. ומלבוש. דיא געהמן. אונ שפראך אונ קליידונג. דאס איהר ווילט אייך נור געהערן צו דיא אומות העולם אונ צו זייא פערגלייכען. אונ דאדורך איז אויך געשוואכט וואהרן דת יהודית דאס צניעות פון נשים דאס זיא ניכט בגלוי שער אונ אנדערע פריצות געהן זאללן. אונ איהר האט אייך פערגריפען אן דיא תורה וואס זיא האט מזהיר גוועזן געוואהרנט (בחוקותיהם לא תלכו) איהר זאלט ניכט נאך געהן דיא געברייכע פון אומות העולם אונ איהר פערלאסט דיא מנהגים אונ תקנות פון ישראל. איין חופה אין שוהל צו מאכן. איין קאהרשוהל צו בויען. אנשטאט איין מנהיג צו נעהמן דער איין צדיק איז. נימט איהר איין פרעדיגער אונ דער גלייכן. אונ דיזעס אלעם איז דיא אורזאך דאס אייער גלויבען דאס השי"ת אויף אלען אויפזיכט האט. זעהר שוואך איז. דאריבער מיינט איהר ווען מיר ווערדן זיך צו דיא אומות העולם מעהר געהערן. ווירד דיא אהבה פון איהנען אויף אונז מעהר פערשטערקט ווערדן. ווען מיר אבער דיא תורה נאך פאלגען גענוי. זא זינד מיר יא דורך איהר פון דיא אומות העולם מיט אלען זעהר ערווייטערט אונ דאדורך ביא איהנען זעהר פערהאסט. דאריבער זאג איך אייך אונ בין אייך מזהיר דאס איהר אייך אירט דען ווען מיר דיא תורה גענוי היטען זא שטעהט אונז ביא אונ שיצט אונז דער בורא ב"ה דער וואס דיא תורה געגעבן האט. דיא אבער וואס פון דיא תורה אויס טרעטן טוהן. אום זיך איין צו

שמייכלען

# כלל ב שאלה יט

שמייכלן ביא דיא (אוה"ע) אום זיך איהר אַהֲבָה צו קופן · זאלן זיא
גפאכט זיין דאס ווען דער צאהל טאג קאמט ווערדן איהנען דיא
אלע שמייכלעריא ניכט ניצען · מאכט הש"י דאס דיא אייגענע אומות
העולם וואס זיא מיט איהנן צו זאמן טריפות געגעסן · אונ נסך גטרונקן
אונ אויף דען באל זיך צו זאמן אונטערהאלטן האבן · אויף זיא איין
גראסען האס האבן ווערדן · דאס זיא · זיא אלעם שלעכטע טוהן ·
אונ דאס אוף (בִּיטּוּל וּמִיאוּס תּוֹרָה) ווען מאן קיין תּוֹרָה לערנט אונ
זיא פראכט · אונ אויך חִילּוּל שַׁבָּת · איז דער עונש דאס זיא אין
הענד פון רייבער אונ פלינדערער קאמן זאלן · כְּלָלוֹ שֶׁל דָּבָר · דאס
ער זיא צו פרשטעהן געבן זאל דאס דיא אלע דיא איהנן פרפאלגט
האבן מיט אלערליא צָרוֹת דאס זיא · זיא ניכט בעטראכטן זאלען
אלם (אַנְשֵׁי רֶשַׁע אונ אַכְזָרִיִּים) שלעכטע מענשן אונ אונבארמהערציגע
זאנדרן נור (שְׁלוּחֵי הַשֵּׁם) בעאמטען פון הש"ית זיין שליחות אוים צו
פיהרן · אונ דאס הש"ית זיא שטראפט דאס זיא זאלן פון נון אן
מתחרט זיין אונ זאלן אויף זיך נעמן דאס זיא דיא יידישקייט טרייא
האלטען ווערדען אזוי וויא אונזערע (אָבוֹת הָרִאשׁוֹנִים) פאר
עלטערן ·

נון ווען דער מנהיג העטע איהנן ערוועקט מיט זאלכע רעד ·
זא העטן זיא געוויס אין איהרע הערצר איין איינדרוק גמאכט ·
וויל זיא אהנע היען צערבראכן אונ גדעהמיטיגט זינד פון פיהלע
צָרוֹת · דאס זיא פון נון אן אוף זיך נעמן זאלן דאס זיא נור דען
יידישן וועג טרייא בלייבן ווילן :

ליידר אבער דאס דיא (מְדִינָה) לאנד · זעהר עהד אונ וויעסט
איז אונ דער אמת נעדרת פערוועניגערט וויל זיא קיין תּוֹכָחָה הערן ·
ווער העטע איהנן זאלן מיט זאלכע רייד מעורר זיין ערוועקן · דיא
פ ר ע ד י ג ע ר — דיא כ ו פ ר י ם — אונ א פ י ק ו ר ס ם זינד -
דאריבער בעטראכטן זיא נור דיא צָרוֹת דיא זיא גטראפן האבען
נור פיר איין אונגליק — פיר איין צופאל — נון איז מאן שולדיג
וויינענד צו הש"ית צו שרייען · דא דוא וייסט דאס זיא נור
פעראירטע שאף זינד (וְאֵין דּוֹרֵשׁ וְאֵין מְבַקֵּשׁ) עס איז קיינער דער
זיך איהרענט וועגען עהרינסט בקימערט אונ מיטליידונג האט · ווען
וואס האסט דוא זייא געשטראפט · —

**שאלה כ** דער מענש דער וואס דורך יסורים דאך ניכט ערוואכט אב זיין עונש גרעסער איזט אודר ניכט ·

**תשובה** דער עונש פון איין זאלכן איז ווייט גרעסר אינ מעהר · ווייל השי"ת ביים יום הדין זאגן ווירד ווייל מיין אהבה צו אייך זעהר גרוס איז אונ דאדורך אייך אונצעהליגע מאהל דורך פרשידענע צופעלע ערוועקט האבע אונ איהר דורך אייער שוואכע אמונה אב דיא אלע עונשים זינד פון מיר וואר דיזעס אלעס אומזאנסט · אונ אונגיצליך דאס איהר העט זאלען מתחרט זיין אונ תשובה טוהן · דארום אהנע דיא גראסע עונשים דיא אייך אנגעברייט זינד אוף אייערע עבירות דיא איהר געטוהן האט · האט איהר נאך צו ערווארטן איין גרעסערן ביטערן עונש ווייל איהר כופרים זייט אן השגחות ה׳ · אויב ער באמת דער פירער אונ דער אוף זעהער פון דיא וועלט איז · וויא עס שטעהט אין דיא ספרי מוסר ווען דער מענש קאמט צום יום הדין טוהט מאן איהם פארלעגן אלע זיינע מעשים דיא ער געטוהן האט וואס אין בוך גידער געשריבן זינד · וויא אויך דיא גרוסע עונשים דאפיר · אזוי שרייט ער אונ ויינט אונ זאגט אב הרחמים בארמהערציגער פאטר אמת איז איך האב געזינדיגט · אבער דער (שאור שבעיסה) שלעכטער טריעב פון דען מענשן אונ דיא פיהלע (דאגות אונ טרדות) זארג אונ צערשטרייאונג פון פרנסה דאס האט מיר גורם געווען דאס איך האבע גאנץ פרגעסען דיא אהבה פון השי"ת אינ פון זיין תורה · דאס איך האבע פרנאכלעסיגט מיינע שלעכטע מעשים אוים צו בעסערן אונ בין געשטארבן אהנע תשובה · אזו בפעלט השי"ת דאס מאן זאל ברענגן (ספר הזכרונות דברי הימים) דיא בעשרייבונג פון זיינע לעבענספירונג · דארט איז בעשריבן אלע צופעלע דיא דען מענשן געטראפן האבן זיינע גאנצע לעבענסצייט · עס זייא איין געלד שאדן · אדער רדיפות פרפאלגונגען ועלילות ובלבולים) פערליימדונגען · אדער יסורים וחלאים שמערצן אונ קראנקהייטן · פינקטליך גידר געשריבן אין וועלכן יאהר · אין וועלכן חודש · וועלכע וואך · אזו פרעגט מאן איהם (שנת ת"ר) זינד דיר אלע דיינע שאף גפאלן וואס דיין האלב פרמעגן וואר · (שנת תר"ד) זינד דיינע אלע תבואות פריכטן פרברענט געווארן · (שנת תרי"ב ביזט דוא לאנגע צייט גלעגן (על ערש דוי) קראנקענבעט אונ פיעלע הוצאות גמאכט · (שנת תרט"ו) האסט דוא געהאבט פיהלע (עלילות שקר) פאלשע פאהרלאדונגען פון שונאים וואס דיך האט פיער געלד גקאסט (שנת תר"כ) זינד איהם דרייא קינדר גשטארבן ר"ל · וויא דיר דיזעס אלעס איז צו גקאמן האסט דו יא גזאלט זאגען דאס דיא וועלט ניכט הפקר פרייא איז · זאנדערן (עיני ד׳ משוטטות בכל הארץ) דיא אופזיכט פון השי"ת איז אוף דיא גאנצע וועלט · אונ אלעס וואס זיך ערייגנט אוף דיזע וועלט ווירד פעראורזאכט אונ געשיקט פון דען אבערלאנדעס געריכט · העסט דוא יא דאדורך זאלן פרשטעהן דאס דיר דיינע עבירות דיזעס אלעס פעראורזאכט האבען · אונ דאריבר ביזט דוא אוף איהנן

שילדיג

# כלל ב שאלה כ כא

שולדיג תשובה צו טוהן . נון וויא קענסט דוא שוין יעצט זאגען דאס דו האסט פארגעסען דא מאן דיך שון אזו פיהל מאהל ערוועקט אונ ערינערט האט . טום נור זיין דאס דוא אוף דען זעלבסט ביזט מסופק אין צווייפעל געוועזען אוב השי"ת איז משגיח אדער ניכט . אזו וועהע איהנען . אונ וועהע איהר נשמה . אוף דען זעלבסט קאמט איהנען דאס דאפילטע גיהנם . ווייל זיא קיינע מאמינים זינד . דאס נור השי"ת אליין דער הער פון אלע וועלטען איז :

## שאלה כא

ווען איינעם איין קליינער שאדען געטראפען האט אונ עס איז בייא איהם גלייכגילטיג זיך דאריבער צו בעקימערן . אב דיזעס קיין אונרעכט איז — וויא אויך דאס מאנכע ווען זיא איין אונגליק געטראפען האט . איזט נור איהר ווארט השי"ת האט געוויס רעכט . אב זיא מיט דען יוצא זינד דיא מצוה פון צידוק הדין אודר ניכט .

## תשובה

דא מאנכע מענשען ווייל זיא זעהר רייך זינד אונ דער שאדען דער איהנען געטראפען האט . איז ניכט זעהר גרוס . דארום מאכען זיא זיך ניכט דארום זיך דאריבער צו בעקימערן . פינדע איך מיך שולדיג איהנען צו זאגען דאס דאס איז איין אונרעכט וועגען צווייא טעמים . ערשטענס דיא תורה האט יא חס געוועזן אוף דעם געלד פון יידען דאס מאן עס ניכט אונניצליך מפסיד זיין איינביסען זאל . (אפילו כלי חרס פכים קטנים) זעלבסט קליינעם ערדענעם געשיער . צווייטענס דא שאהן דער מידת הדין דאט אנגעפאנגען צו בעשטראפען איין קליינען שאדען קענע ער יא ח"ו ווייטער געהן . דאריבער ווען זאלכעם געשעהט זאל זיך דער בעטרעפענדער באלד בדענקן אונ נאך זיכען וועלכע עבירה דיזעס פראורזאכט האט אונ איילענד זיך בשטרעבן זיא אום צו בעסערן .

וויא אויך זינד מאנכע מענשען נארען אונ דום ווען איהנען עטוואס איין שאדען אדער יסורים צו קאמט איז נור איהר ווארט (צדיק ד' בכל דרכיו מאתו לא תצא רעות) השי"ת איז גרעכט פון איהם קאמט ניכט שלעכטס . זאנסט ניכט מעהר . אונ זיא מיינען נאך דאמיט איינע מצוה צו טוהן . דער אבער וואס שכל האט פרשטעהט דאס דאס לעכערליך איז . ברוך דען השי"ת (דא זיין שבח אונ זיין גדולה איז אזו גרוס דאס דער פסוק זאגט (לך דומיה תהלה) דאס איהם צו טעטאלירן איז נור דאס שווייגען . נעמליך וויא אין נשמת שטעהט אלו פינו מלא וכו') איינע (הסכמה) בעשטעטיגונג פון דיר וואס דוא ביזט נור בלוט אונ פלייש . אונ אשע אונ גאל . דאס ער איין צדיק איז אונ טוט קיין אונרעכט זאנדערן דוא ביזט מחויב שולדיג צו זאגען דא השי"ת קיין אומרעכט טוהט טום דאך געוויס זיין דאס איך אונרעכט האבע געטוהן . אונ ער וויגשט ווייל ער איין בארמהערציגר פאטר איז דאס איך זאל ניכט מיסען שפעטער היען ליידן

גרויסע ביטערע (עונשים) שטראף אויף דיא עוויגע וועלט . דארום איזט זיין ווילען דאס איך זאל זוכען בדיקה אחר בדיקה ביז (ויחפש וימצא) ער געפינען וויר̈ד . אונ זאל מיינע פעלער אויס בעסערן . אונ זאל וויינען אונ בעטען צו השי"ת דאס ער איהם זאל פון נון אן בייא הילפיג זיין דאס ער קיינמאהל מעהר ענטשלאפען זאל . דאס הייסט פון דיא תורה איהרע וועג אויס צו טרעטען . אונ דאס ער איהם ניכט מעהר צו ערוועקן בראויכען זאל :

## שאלה כב

וויא אזו קאן מאן זוכה זיין דאס מאן בייא דען גרייקליכען אדער עלענדען שטאנד אימר דיא תורה אונ יראת שמים טרייא בלייבען זאל :

## תשובה

ווייל איין מענש פון דיא צייט אן דאס ער ערוואכט אונ צו שכל קאמט אונ פרשטעהט צו וועלכען צוועק זיין לעבען אויף דיזער וועלט איז. ביז ער זיינע זיבציג יאהר פרלעבט . זעהר פיל דאנער אונ בליטץ אונ שטורם ווינדען . אונ פילערלייא פרפאלגונגען פון פרשידענע שונאים איבר איהם פרבייא געהען . אונ פילערלייא שמערצען בגופו זיין לייב. ובבניו זיינע קינדער . ובקרוביו זיינע פריינד . דאס דער מדרש זאגט אין לך אדם שאין לו יסורים דאס קיין מענש עקזעסטירט דער פרייא פון יסורים איז . וויא אויך עליות ירידות פון עושר אונ עוני הויך שטייגען אונ זעהר נידער הערונטער געהען פון רייכטום אונ פון ארמוטה [דען דיא עבודת ה' טרייא צו זיין איז וייט גפערליך ווען מאן זעהר רייך אדער זעהר ארים איז אלס ווען מאן זיינע יאהר אין מיטעל שטאנד פרלעבט . דער בווייז דאפון איז וואס מאן טאג טעגליך פאר אויגען זעהט . עס איז אבר נור מער נסיון עס בדארף מער כח אין זאלכע צייטען איין עהרליכער יוד צו זיין . אבר דער מענש דער אין דרך האמת געהן וויל שטעהט איהם דאמאלס אוך דער וועג פרייא דאס ער איין עהרליכער יוד זיין קאן] וויא איין יעדם בזאנדער קאן ווירקען דאס דאדורך זיין שכל פרמישט וויר̈ד . אונ מאנכעם מאהל גאר שיכור זיין זאל דאס ער וועגן דען פון דרך הישר גראדען וועג אום טרעטען קאן . אונ דאך האט השי"ת בפאלן כי לי בני ישראל עבדים דאס מיר זיינע דינער זיין זאלן אימר צו יעדר צייט אהנע אופהער . מוס דאך זיין ווען איין מענש וויל קאן ער בייא דען אלען איין גיבור כובש את יצרו זיין שטארק גענוג זיין

# כלל ב שאלה כב

דען יצר הרע צו אונטערדריקן . איז דיא עצה דאצו דאס מאן פריער אוף דען אלען זיך פארברייטעט אונ גפאסט מאכן זאל דאס ווען איין זאלכע צייט קאמן זאל דאס דאס גליק איהם נאך וואונש געהן ווירד . דאס הייסט כוס ישועות אשא אדער ווען דיא נאטה אונ אנגסט נאך אזו גרוים זיין ווירד דאס מאן דארוף זאגן קאן צרה ויגון אמצא . בייא אלען זיך דען גרונדשטיין מאכן זאל אונ פון דען ניכט אב צו טרעטן דאס אימער זאל נור זיין וואונש אונ בשטרעבן זיין בשם ה׳ אקרא . נור אין יידישן וועג צו געהן אונ איהם מיט אלען מעגליכען מייא צו בלייבן . זא איז דאן דער נסיון ווען זאלכעס קאמט . שאהן ניכט מער אזו גרוים . דען ווען זיין אש אהבה דיא פייעריגע ליב צו דיא תורה נור שוואך איז אזו ווען נור איין קליינער ווינד איבר איהם געהט ווירד ער שאהן מבולבל פרמישט . איז אבר זיין אהבה שטארק . איין קליינער ווינד קאן איהם ניכט טוהן . ווען איבר איהם געהט איין גרוסר שטארם ווינד . ווירד ער דורך איהם פרמישט . ווען אבר זיין אהבה זעהר שטארק איז . זא זינד אלע ווינטן פון דיא וועלט ניכט אים שטאנד איהם דאס גרינגסטע צו רירען . וועגן צווייא טעמים.

ערשטענס . וייל דיא יידישקייט האלטן שטעהט בייא איהם אין גרויסן ווערט אזו דאס בייא איהם איז דיא שמחה אזו גרוים אונ שעצט זיך גליקליך ווען ער דיא זכיה האט דיא מצוה ערנסט מקיים צו זיין . וייל ער וייס דאס איין שעה צו געניסן פון דיא תענוגים אונ נחת רוח פון עולם הבא איז וייט מער אלס אלע הצלחות אונ תענוגים פון גאנץ עולם הזה . אונ דיזעס קאן ער נור זוכה זיין דורך דיא ערענסטע יידישקייט האלטן . דאריבר קאן איהם ניכט דער צער ועוני קומער אונ עלענד פון דיזע וועלט ווען ער נאך אזו גרוים איז . איהם הינדערן פון דיא יידישקייט אונ דאדורך עולם הבא איין צו ביסען . צווייטענס איין זאלכער ערליכר ייד וואס איין רייגעס הערץ האט אונ זיין נשמה אונבפלעקט איז . בייא איהם איז ניכט נור דיא שמחה ווען ער יידישקייט מקיים איז דעסוועגן אליין וייל ער וייס דאס ער דאדורך חיי עולם הבא הנצחי וואס עוויג דויערט זיך איינגען מאכט . זאנדערן ער קאמט אוף אזו שטאנד דאס ער שפירט דיא

זיסונג אונ דיא פייַנהייט פון דיא מִצְוֹת . אונ פַרשְׁטֶעהט דַאדוּרךְ דַאס דיא פְּסוּקֵי תְּהִלִּים אִין פַּשְׁטוּת אֵייסֶערְן זִין אֶמֶת זִינְד . פִּקּוּדֵי ד' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב דיא מִצְוֹת פון השי"ת זִינְד רֶעכְטשַׁאפֶן אונ עֶרְפְרֵייֶען דָאס הֶערְץ . נֶחֱמָדִים מִזָּהָב וּמִפָּז רָב זיא זִינְד גְּלִיסְטִיגֶער אַלְס גָאלְד אונ גִימְגָאלְד . אונ דַאדוּרךְ זַיין הֶערְץ וֶוערֶענְד דַאס עֶר זיא מְקַיֵּים אִיז . פָאלֶער פֵייֶער אונ שִׂמְחָה אִיז .

אונ זֵייגֶע אוֹיגֶען נִיעדֶערֶען טְרֶערֶען פון שִׂמְחָה דַאס עֶר זוֹכֶה אִיז השי"ת צוּ דִינֶען אונ דיא פֵייֶערִיגֶע אַהֲבָה אִיז אַזוֹ גְרוֹס דַאס עֶר דַאדוּרךְ פַרְגֶעסְט זַיין עֶלֶענְדֶן שְׁטַאנְד אונ זִינְגְט זִיךְ פְּסוּקֵי אַהֲבָה מַה יָּפִית וּמַה נָּעַמְתְּ וכו' . וִויא שֶׁעהְן אונ אָנְגֶענֶעהְם אִיז דיא לִיבּ צוּ דיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה . לִבִּי וּבְשָׂרִי יְרַנְּנוּ אֶל אֵל חָי מֵיין הֶערְץ מֵיין לֵייבּ טוּהְן זִינְגֶן צוּם עֶוִויגֶן גָאט . מָה אָהַבְתִּי תוֹרָתֶךָ וִויא אוּנְעֶנְדְלִיךְ אִיז מֵיין לִיבּ צוּ דַיין תּוֹרָה . דַארִיבֶּר זָאל אֵיין מֶענְשׁ זֶעהְן אַלֶעס מֶעגְלִיכֶע דַאס עֶר צוּ זָאלְכֶע אַהֲבַת ה' קָאמֶן זָאל דַאס עֶר דַאדוּרךְ אֵיין שְׁטַארְקֶע נַאטוּר בַּקָאמְט דַאס אִיהְם אַלֶע עֶרַאייגְנִיסֶע אונ טְרָדוֹת פון עוֹלָם הַזֶּה נִיכְט מְשַׁכֵּר זַיין זָאל] אונ דיא פָארְבֶּערֵייטוּנְג פון דֶען גֶעפַאסְט מַאכֶן אִיז . דַאס עֶר אוֹיף אַזוֹ מַדְרֵיגָה קָאמֶן זָאל דַאס זָאלְכֶעס אִיהְם זַיין שֵׂכֶל נִיכְט פַרְווִירֶן קֶענֶן . גֶעהְמְלִיךְ דַאס מַאן זִיךְ אִין דיא יוּנְגֶע יָאהְרֶען גְוֶועהְנְן זָאל פִילֶע מָאל בְּהִתְבּוֹדְדוּת וֶוען עֶר גַאנְץ אַלֵיין אִיז . מִיט השי"ת צוּ רֶעדֶן וִויא אֵיין קִינְד מִיט אֵיין פָאטֶר . עֶס זֵייא בֵּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה . אָדֶר וֶועהְרֶענְד בֵּייא זַיין תְּהִילִים אונ מַעֲמָדוֹת זָאגֶן זָאל עֶר וֵויינֶען צוּ השי"ת אונ פִיר אִיהְם זַיין גַאנְצֶעם הֶערְץ אוֹיס גִיסֶען מִיט דיא וָוארְטֶען . זִיסֶער פָאטֶר דוּא ווֵייסְט יָא דַאס אִיךְ מֶעכְטֶע גֶערְן יִידִישְׁקֵייט נָאךְ גֶעהֶן וָואס נוּר מֶעגְלִיךְ אִיז . אונ אוֹיף דֶען אַלֶען וָואס אִיךְ הַאבֶּע גֶעפֶעהְלְט מִיט אֵיין צֶערִיסֶן אונ צֶעבְּרָאכֶענֶעם הֶערְץ דַארוֹיף מִתְחָרֵט בִּין . אונ מֵיין פָאר נֶעהְמֶן אִיז דַאס אִיךְ כָּל יְמֵי חַיַּי מֵיין גַאנְצֶעם לֶעבֶּענְסְצֵייט אַלֶעס מֶעגְלִיכֶע טוּהְן וִויל זָאלְכֶעס אוֹיס צוּ בֶּעסֶערְן . אִיךְ הַאבֶּע אָבֶּר פִילֶערְלֵייא צוּרִיק הַאלְט דַאס אִיךְ נָאךְ נִיכְט זוֹכֶה גְוֶועזֶן הַאבֶּע אֵיין אֶמֶתְדִיגֶער עֶרְלִיכֶער יִיד צוּ זַיין וִויא זִיךְ גֶעבִּיהְרְט . דַארוּם בֶּעט אִיךְ דִיךְ שְׁטֶעהֶע מִיר בֵּייא אונ הֶעלְפֶע מִיר דַאס אִיךְ דיא וֶועג פון דיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה גֶענוּי נָאךְ פָאלְגֶן קֶענֶן זָאל . דַא דוּא אוּנְז

פרזיכערט

# כלל ב שאלה כב כג

פארזיכערט האט איין יעדער דער וואס דיך ערנסט זוכט ווירסט דוא דיך פון איהם פינדן לאסן ׃ ווען מאן זאלכם פון טיפונג זיין הערץ מיט הייסע טרערן זאגן טוהט אונ ניכט נור איינמאל זאנדרן פילע מאל ׃ זא איז השי"ת איין אומר ועושה דאס ער האלט זיין ווארט ׃ דאס ער איהם געווים בייא הילפיג זיין ווירד דאס זיין אהבת ד' זעהר ווייט פרגרעסרט ווירד ׃ וויא דער פסוק זאגט אם תדרשנו ימצא לך דער יעניגר דער וואס זיך בשטרעבט צו זוכן השי"ת ערינסט דר איז זוכה דאס זיך השי"ת פינדן לאכט ׃ דאס דורך דיא גרוסע אהבה ׃ אלע זאכען פון דיזע וועלט בייא איהם זעהר געשוואכט ווירד אונ דאדורך האט ער האפענונג דאס דיא גראסע אהבת ד' צו דיא ער זוכה גוועזן האט ׃ איהם איין אייזערנע מויער זיין ווירד דאס בייא אלען ׃ ער כל ימיו אין דען שטאנד זיין ווירד פון בשם ד' אקרא ניכט אום טרעטן אונ אונגעהינדעט עובד ד' זיין ־ דיא אבר דיא זיך אויף דען ניכט גפאסט מאכן אונ זיך ניכט בשטרעבן זוכה צו זיין צו דיא אמתדיגע אהבת ד' ׃ וויא נידריג וויא פרקירצט איז איהר גאנצע עבודת ה' דינסט צו השי"ת ווען איהנן זאלכע צייטן טרעפן ׃ אונ בייא מאנכע גאר זאלכעס פראורזאכן קאן דאס זיא זיך זעלבסט שילטן טוהן אונ איהר לעבן פרווינטשן ׃ אונ מאנכע טוהן עס בידים זיך צו ערשיסען ׃ אונ אין וואסר צו שטירצן אד"ג ׃ אונ מאנכע גאר נאך מער דאס זיא איהרן דת אונ אמונה פרטוישן אונ פרוועכסלן ׃ ווייל זיא גלויבן דאדורך זיך אין עניני עולם הזה צו פרבעסערן ׃ נון ווער נור עטוואס שכל אונ פרשטאנד האט זעהט אונגעשיינליך דאס אזו איינר פרדינט צווישן דיא משוגעים אונ פרשטאנדלאזע גרעכענט צו ווערדן ׃ דען ווען איינר אויף דען גרוסען יריד קיין ארדענטליכם קוואטיער בקאמט אונ קיין גהעריגעס עסען אונ קיין רוהיגן שלאף האבן קאן ׃ ווירד ער דען וועגן דען טרוציג זיין אונ איילענד אהיים פאהרן אונ גאר ניכטס איינקויפן ׃

**שאלה כג** אב מאן אין דען גראסען רייכען שטאנד זיך עטוואס ערלויבן קאן פון דען וועג דער תורה אוים צו טרעטן אודר ניכט ׃

**תשובה** דיא אמתדיגע אמונה דאס אין דיא האנד פון השי"ת איז אונזר לעבן ׃ אונזער געזינד ׃ אונ פון אונזערע קינדר ׃ אונזער

פרנסה

פרנסה . אונזר שלום . איז שולדיג צו פראורזאכען דאס איין מענש דיא נעהמליכע דעהמיטיגונג אונ איין נידריגעס הערץ אונ יראת שמים האבן זאל װערענד זיין װאהלגאנג אונ גליקליכען שטאנד. װאס ער האט דאמאלס אין זיין עלענדען שטאנד װען ער זיך בדרענגט געזעהט אונ זיין הערץ זעהר געבראכן איז . װייל ער דאפט אונ ערװארטעט אונטערשטיצונג אונ הילף פון השי"ת אהנע דיא גרינגסטע ענדערונג . ערקונדיגע דיך אוף דיא פיהרונג פון דיא דורות צייט אלטער אין דיא פריערען צייטן אונ נעהמע דיר פון איהנען איין מוסר . דאמאלס אין דיא צייטן פון יושע וויא אונזערע אבות זינד געגאנגן מלחמה פיהרן געגן איין אונ דרייסיג מלכים וואס עס זענן געװען גבורי חיל מלומדי מלחמה גרוסע העלדן קריגס גלעהרנטע פון איהר יוגענד אונ צווישן זיא זינד געוועזן דיא קינדער פון דיא ריזען אונ זינד געוועזן געשיצט פון ערים גדולות בצורות בשמים גראסע שטעהט בפעסטיגט מיט זעהר הוכע מויערן. אונ פון רכב ברזל אייזערנע רייטוועגן. אונ וועו גלייך דאס אונזערע עלטערן אין מצרים זענן נור מעודם פון יוגענד אוף ערצויגן ווארדן צו ארבייטן מיט ליים אונ ציגעל . האט דאך זיא איהר הערץ ביזאגן דאס זיא אין דיא מלחמה געהן זאלען . דא זיא זיך פרלאסט אונ געשטיצט האבן אויף דיא צו זיכערונג פון דריי פסוקים (די' ילחם לכם) השי"ת ווירד פיר אייך שטרייטען . (די' איש מלחמה) נור השי"ת פעראורזאכט דיא מלחמה צו געווינען . (די' שמו ויעבור מלכם לפניהם ודי' בראשם) פון דיא ארמעה פון יידען איז השי"ת אן דיא שפיצע. דא אבער שלעכטע מעשים פון זמרי צו טוהן אונ דאך צו האפען פון השי"ת צו בקומען דען שכר וויא פנחס דאס איז ניכט מעגליך -- איבער דען האט דיא תורה מצוה געוועזן דאס בעפאהר זיא אוים ריקען אין דיא מלחמה זאל דער כהן משיח מלחמה זיא ערמינטערן אונ ערוואכן מיט (דברי תוכחה אונ דברי כבושים זאלכעס מוסר צו זאגן דיא אין הערצען איינדרינגען . מיט דען אויף רוף הערט מיך ברידער . דא דיא פייל אונ דאס שווערט ניכט דען כח האט ממית צו זיין . צו טעטען . זאנדערן נור דער חטא. דאהער גיבט גיט אכט עס זאל חלילה ניכט ביא אייך גורם זיין דער חטא אייערע ווייבר אלס אלמנות אונ אייערע קינדער אלס יתומים צוריק צו לאסען . אונ וועו איהר ווינשט דאס השי"ת זאל ביא אייערע טרופען אן דער שפיץ שטעהן . זאלט איהר גדענקן אונ ניכט פערגעסן דאס נור דאמאלס איז השי"ת אין אייער לאגער אייך צוא בעשיצען וויא אויך דיא שונאים אין אייערע הענד צו איבר ליפערן וועו ער זעהט דאס איהר דיא פארשריפט פון דיא היילינגע תורה געניי נאך פאלגט -- דאריבער טוהע איך אייך אם שטרענגסטען ווארנען דאס איין יעדער זאל זיין פערשטאקט הערץ ערווייכען אונ זאל אויף זיינע עבירות דיא ער געזינדיגט האט אמתדיגע תשובה טוהן אונ זיך פאר השי"ת דעמיטיגען . נון דא אהנע היען איהר הערץ צערבראכן אונ פאלער פורכט אונ אנגסט איז . דא זיא פאר אויגן זעהן דיא שרעקליכע געפערליכע מלחמה דיא איהנען געגן איבר שטעהט . וועו נאך דאצו

# כלל ב שאלה כג

דאס זיא פון דעם (כֹּהֵן מָשִׁיחַ) פעלד פרעדיגער זאלכע רייסענדע רידענדע רייד הערן · קאן מאן זיך פארשטעלן וויא איהר מוהט דאמאל וואר · אונ וויא איהר הערץ צערשמאלצן אונ אויף קליינע שטיקר צערשפליטערט וואר · אונ אהנע צווייפעל האט דאמאל איין יעדר אויף זיך גנאמן נִדְרֵי צָרָה דאס ווערענד איהר גאנצע לעבענסצייט ווערדן זיא אימער פיר איהרע אויגען האבן איין וואנגשאל דאמיט געניי אב צו ווענען יעדן וועג אונ יעדן שריט דיא זיא געהן זאלן · אונ יעדעם מַעֲשֶׂה דיא זיא טוהן זאלן דאס עס גענוי אונ פינקטליך זיין זאל וויא דיא תּוֹרָה פאר שרייבט · דאס זיא ווארן דאמאלס אוף אזו איין מַדְרֵגָה אויף אזו שטאנד דאס זיא האבן פערדינט גרופן צו ווערדן (כֻּלָּךְ יָפָה רַעְיָתִי וּמוּם אֵין בָּךְ) · אונ איבר דען האט איהנען השי״ת געהאלפן ביים אלע איהרע מִלְחָמוֹת דאס איהר נִצָּחוֹן וואס זיא האבן געזיגט וואר איבר נאטירליך נור בְּדֶרֶךְ נִסִּים וְנִפְלָאוֹת דורך וואונדער · (נִבְקַע הַיַּרְדֵּן וַיִּבְשׁוּ מֵימָיו) דער באך ירדן איז גיטיילט אונ זיינע וואסר אוים גטריקענט ווארן · וַיִּדּוֹם הַשֶּׁמֶשׁ וְהַיָּרֵחַ דיא זון אונ לְבָנָה איז שטעהן גבליבן געמליך דאס דער טאג איז פערלענגערט ווארדן · (וַיֵּרְדוּ אַבְנֵי אֶלְגָּבִישׁ) עס זינד פון הימל גפאלן זעהר גרויסע שטיינר · דען איז דען דיא מאכט פון השי״ת צו קורץ זאלכעס טוהן צו קענן — וויא זיא זינד אבער פון דיא מִלְחָמָה צוריק גגאנגן מיט גרויסע פרייד פון דען אונגעהייערן זיעג אונ דען כָּבוֹד אונ דען גרויסן רוף אין דיא גאנצע וועלט וואס זייא האבן זוכה גוועזן · אונ איבער הויפט דאס גרויסע רייכטום וואס זייא בקאמן האבן · אונ אזו גרויסע גְדוּלָה אונ אזו גרויסע שַׁלְוָה קאן דאך דען מענשן ברענגן דאס ער גַאֲוָה אונ חוצפא האבן זאל אונ דאדורך פון דיא תּוֹרָה איהר וועג אוים צו טרעטן · דענאך האט דיא תּוֹרָה עֵדוּת גזאגט (וְהוּא יָגוּד עָקֵב פרש״י בְּדַרְכָּם וּבִמְסִילוֹתָם שֶׁהָלְכוּ יָשׁוּבוּ) איז דער זין אין דען אייגענן וועג וויא זיא גגאנגן זינד אין דיא מִלְחָמָה זינד זיא אויך גגאנגן ביים איהרע צוריק רייזע · איז דיא כַּוָּנָה אזו וויא בִּשְׁעַת הֲלִיכָתָן ווערענד דען היין געהן דא זיא דיא צָרָה האט דוחק גוועזן · דיא נאטה האט געדריקט · איזט יא געוויס זייער הערץ זעהר ערינסט צו השי״ת גוועזן · אזו כְּשֶׁחָזְרוּ ביים צוריק געהן זינד זיא ניכטס דאס גרינגסטע פון דיא תּוֹרָה אוים גטרעטן ·

דיזעס זאל וויקען ביים אונז אונ צום מוסטער דינען בְּכָל דּוֹר וָדוֹר אין איין יעדן צייט אלטער לְקַיֵּם מַה שֶּׁנֶּאֱמַר תַּחַת אֲבוֹתֶיךָ יִהְיוּ בָנֶיךָ נאך צו פאלגען דען פסוק דיא קינדער זאלן דען וועג פון איהרע עלטערן ניכט אוים טרעטן · אבער ניכט וויא מאנכע (חֲנֵפִים אוּנ צְבוּעִים) הייכלער אונ פאלשע מענשן וואס לִבָּם איזט לֵב רַע איהר הערץ איז שלעכט · אונ (נֵעוֹר וְרֵיק מֵאַהֲבַת וְיִרְאַת ד׳) זעהר לעהר פון דיא פורכט אונ ליב גאטעס · נור דאמאל ווען זיא אין איינע צָרָה אונ מְבוּכָה זינד פערווירזאכן זייא ביים איהנן יִרְאַת שָׁמַיִם צו האבן · זא באלד אבער דיא צָרָה פעראיבער איז זינד זיא דיא זעלבע וואס פריהר · דאס איז איין שִׁגָּעוֹן · איז מאן דען ניכט (בְּעֵת שַׁלְוָתוֹ וּבְרִיאָתוֹ) ווערענד זיין וואהל

געהן

געהן און ווען ער געזונד איז אויך אין דיא האנד פון השי"ת :

**שאלה כד** אויף וועלכע ארט דער קראנקער דען דאקטאר דאס צוטרויען שענקען זאל און זיך אויף איהם צו שטיצען דאס ער איהם היילען וויר־ד ·

**תשובה** דוא זאלסט וויסען דאס ווען גלייך דאס דיא תורה האט (רשות געגעבן) ערלויבט דאס מאן קאן זיך פון איין רופא לאסען היילען · טיילט זיך דיזער געגענשטאנד אין צווייא טיילע דיא זעהר איינר פון דעם אנדערן ערווייטערט זינד · ביא מאנכען דער ארים און געמיין פון תורה און וויסענשאפט איזט און דיא ווארצעל פון היגזיכט זיין אמונה [דאס ער פערשטעהן און וויסען זאל דאס דער פעראורזאכער פון אלע ערייגניסע אין דער וועלט איז נור השי"ת אליין · ווען גלייך דאס זיין וואהנפלאץ איז (מגביהי לשבת) אין דיא הויכע הימעל איז ער דאך משפילי לראות דאס ער זעהט און אויפזיכט האט אויף דיא קלענסטע בריה בשעפניש · והוא יכאיב ויחבוש ער מאכט קראנק און געזונד · און נור ער אונטערשטיצט און קרעפטיגט דען מענשען ווען ער אויף דען קראנקען בעט איזט] איז קליין און שוואך · און פרמעג זיין נארישען פערשטאנד גלובט ער עולם כמנהגו נהוג און דאס דיא אורזאך פון פילע קראנקהייטן דיא זיך ערייגענען איז נור פון דיא ענדערונג דיא צייטען און פון דען וועקסלען (חום · וקור . סתיו · וקיץ) · פון זאמער און ווינטער · קעלט און היץ · און דאריבער העגגט נור אב דיא געזונדהייט און דיא רפואה פון דען קראנקן אן דיא וויסענשאפט און אן דיא פראקצע פון דען דאקטר · און בעזאנדערס אויב ער איהם גוט און געניי בעהאנדלען טוהט · און ניכט צו פערנאכלעסיגן · דארום אזוי באלד דאס איהם נור דאס גרינגסטע פעהלט פון זיינע געזונדהייט לאזט ער שוין רופען דען רופא און ניכט נור איינמאהל זאנדערן אונצעליגע מאהל · ווייל ער פרמעג זיינע מיינונג גלובט דאס נור דורך איהם דיא קראנקהייט בעהאבן ווערדן קאן · און ניכט נור איינען זאנדערן דרייא וואס עס הייסט קאנסיליום · – אבער דער יעניגע וואס זיין אמונה צו השי"ת פעסט און שטארק איז

און

# כלל ב שאלה כר

אונ ער גלויבט מיט איין עדרינסטע אמונה דאס זיין רפואה העננט נור פון השי"ת אליין אב . וויא דער פסוק זאגט הרופא לכל תחלואיכי) . ער היילט פון אלע קראנקהייטען ' (ושוא תשועות אדם) פאלש איז דען מענשענס הילף . אונ ווייל השי"ת קיין אונרעכט טוהט איז יא געווים דיא אורזאכע פון זיינע קראנקהייט דאס ער מחולל מפשעיו איז . דאס ער ליידען מוס וועגן זיינע עבירות . איבער דען ווער איז דער פתי ' ווער איז דער שוטה . דער נור באלד דען רופא רופט . איז דען מעגליך ווען השי"ת איז גוזר ער זאל קראנק זיין . קאן דען איין בשר ודם זיין גזירה מבטל זיין . דען ווען דיא תורה העטע ניכט ערלויבט מיט דען ווארט ורפא ירפא דאס מאן מעג רופען דען רופא העטע זאלכעס געוועזן איינע כפירה אן דיא אמונה דאס מאן איין רופא רופען זאל .

עס מוס אבער נאך ווייטער איין אויפקלערונג האבן דאס מיר עס פערשטעהן זאלן אוף וועלכע ארט קאן דיא תורה ערלויבן ' אונ אוף וועלכן וועג האט דיא תורה ערלובט . דא דיא ערשטע פראג איינן יעדן פעסטן מאמין געגען איבער איז ' וויא קאן דען זיין השי"ת איז גוזר ער זאל קראנק זיין איז דען מעגליך איין מענש דער איין בשר ודם איז זאל אים שטאנד זיין . זיין גזירה צו פערענדרן ' נור עשה אזניך כאפרכסת עספענע גוט דיינע אהרן אונ טוהע געניי צו הערען מיינע רייד . דא דיא גמרא זאגט (מי שיש לו חולה בתוך ביתו ילך אצל חכם ויבקש עליו רחמים) ווער איין קראנקען אין זיין הויז האט זאל ער געהן צו דען חכם דאס ער אויף איהם מתפלל זיין זאל איז דער זין דאפון . ער זאגט צום חכם דא איך וויים וואהל דאס דיא שלאנג ניכט בייסט זאנדערן דער חטא אזו איז ביא מיר קיין ספק דאס איך אליין מיט מיינע חטאים דער גורם בין דיא יסורים צו ליידן . אונ ווייל דאס (אין אדם רואה חובה לעצמו) ווייל איין מענש זיינע אייגענע פעהלער ניכט זעהט ערזוכע איך דיך למדני אורחות חיים טוהע מיך אונטערריכטן אונ מיר דען וועג צו וויזן דער צום עוויגען לעבן פיהרט . אונ ווייז מיר איין מוסטער איין שפיגל וויא איין יוד אוים צו זעהן ברויך ווען ער פדינען זאל דען נאמן ירא שמים פיהלמער דען נאמן צדיק . אזו זאגט איהם דער חכם דאס דיא

ידישקייט

יידישקייט בשטעהט אין סור מרע ועשה טוב. פון שלעכטעס זיך צו ריק צו האלטן · און גוטס צו טוהן · און אין סור מרע איז פערשטאנן ניכט נור זאלכע זאכען וואס בינו לבין המקום איז · וואס הש״ית אליין אנבעלאנגט · געמליך (חילול שבת) שבת צו ענטווייהען · (מאכלות אסורות) פרבי מענע שפייזען צו געניעסן · פגם ברית אוים שווייפענדע וועג צו מאכן · ושמירות עינים ופה ולשון די אויגען און די צינג ניכט גהעריג צו צעהמן · זאנדרן אויך זאלכע זאכן וואס בינו לבין חבירו איז · וואס זיין געבען מענשן אנבעלאנגט · געמליך נושא ונותן באמונה ערליכן האנדעל צו פיהרן · קיין גזל· ריבית· הסגות גב״ל · נקימה · נטירה. מהלוקות · לשון הרע · און אין ועשה טוב איז דיא כוונה · געווי צו האלטן אלע (רמ״ח מצות) צוויא הונדערט אכט און פירציג מצות · און ניכט נור מקיים צו זיין בדרך ארעי אם תלכו עמי קרי אונמוטהיג · דאס איין יעדער זעהט פון זיין עצלות טרעגקייט דאס דאס שטיקל יידישקייט איז איהם (לעול ולמשא) צו לאסט · זאנדערן בשמחה ובטוב לב ומרוב כל מיט איין פרייד און איין פריילך הערץ · דען וויא שעמסט דוא דיך דען ניכט ווען דוא דיין גוף דער היום כאן ומחר בקבר איז · דער הייטע לעבט און מארגן קאן זיין דאס ער שוין אין קבר זיין ווירד · ווען דוא איהם גוטע מאכלים צו עסן גיבסט · ביסט דוא דאמאהל פריילך און לוסטיג · און ביים דאווינען און תורה לערנן און מקיים מצות זיין וואס דיר איין עוויגעס לעבן ברענגט ביסט דוא זעהר קאלט און פערשלאפן - ·

און דיא צייט פון דיא אביגע צוויי איז · ניכט נור וויא מאן שון איין בן שלשים איז · דרייסיג יאהר אלט · זאנדערן אין דיינע רייפע יונגע יאהרן ביזט דוא שון שולדיג דיעזעם אלעם צו טוהן · וויא דער פסוק זאגט (זכור את בוראך בימי בחורותיך) גדענק אן דיין בשעפר אין דיינע פריריגע יאהרן · און דאביא זאגט ער איהם אויך · ווען אויך עס זינד גוועזן צייטען וויא דוא דיך פרגעסן האסט און דאדורך פון דעם וועג פון דיא תורה אוים גטרעטן ביזט זאלסט דוא דיך וועגן דען ניכט מייאש זיין און צו זיין האפענונגס לאז · דען דער פסוק זאגט מודה ועוזב ירוחם דער וואס זיינע זינד בעקענט און פון יעצט אן מאכט ער זיך איין פעסטעס פארנעמען דיא שלעכטע וועג

# כלל ב שאלה כד

צו פרלאסען . אזו ווירד ער פון השי"ת בעגנעדיגט . אונ אין זכות
פון תשובה ווערדן דען מענשענס זיינע יאהר פרלענגערט .

נון דא דוא דיר אליין העלפן קאנסט . זעהע אלעם מעגליכע
צו טוהן דאס דוא דיין הערץ צו השי"ת ריינעגן זאלסט . אונ זאלסט
דיך גוט ברעכענן דיינע פרפלאסענע לעבנסצייט וויא דוא דיך האסט
געפיהרט אין דיא מצות ואזהרות פון דיא תורה . אונ וואס דו האסט
דיך איינגעשולדיגט . זאלסט דוא דיך זעהן צו ענטשולדיגן מיט חרטה
אונ איין צערבראכן הערץ אונ וויינען . אונ זייא חס אוף דיר אליין
דא דוא שטעהסט יעצט אין דיינע בעסטע שענסטע יאהרן . דאס זיא
חלילה ניכט פרקירצט אונ פרשניטן ווערדן זאלן . אונ זעהע דאס
דוא קיין עוכר שארו אכזרי זיין זאלסט זיך אליין צו בעטריבן נעמליך
דאס דוא דיינע קליינע קינדר ניכט אלס יתומים צוריק לאסן זאלסט.
אונ נון דא דיא תורה זאגט דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב
זאלכע תוכחה רעד וואס פון איין אמתדיג הערץ ארויס געהן .
דרינגען אין דאס הערץ אריין . פיעלמעהר בייא איינען זאלכען
מענשן דער אויף זיינן קראנקן בעט מדוכא ביסורים געקוועלט פון
שמערצן איז . אונ זיין הערץ אהנע היען געבראכן אונ גערעהמיטיגט
איז . וויא ווייט מאכן זאלכע עהרנסטע רירענדע רעד פון תוכחה
פיר איינע ווירקונג . געוויס אזוי דאס זיא פעראודרזאכן דאס ער
מיט איין פייריגעם הערץ וויינענד זאגט איך נעמע אויף מיר פון נון
אן מיינע גאנצע קינפטיגע לעבענסצייט נור דען ווילען פון השי"ת
מיך צו בעשטרעבן צו טוהן מיט אלען מעגליכן . אונ אויף דיא
פערגאנגענע פעהלער מיט דיא איך מיינע נשמה בעשמוצט אונ
בפלעקט האבע . ניכט נור דאס איך דארויף מתחרט בין . זאנדערן
ווען איך מיר יענע צייט פיר דיא אויגען נעהמע . דריקט עס מיך אונ
קוועהלט טיעף אין מיין הערץ . אונ דאן זאגט ער רבש"ע דא דוא
האסט געשריבן אין דיין תורה כאשר ייסר איש את בנו וכו' השי"ת
שטראפט דען מענשן וויא איין פאטר דער זיין קינד שטראפט .
וואס ווינשט דען דער פאטר ווען ער זיין איינציגען זאהן ציכטיגט .
ער האפט יא נור אויף דען ווארט פון זיין זאהן דאס ער איהם פון
נון אן שוין געהארזאם זיין ווירד . אונ פיר דיר איז יא אפענבאר
דאס

דאס איך האבע אויף מיר גענאמען אמתדיגע תשובה צו טוהן. דארום ביטע איך דיך דאס דוא שוין זאגען זאלסט צו מיינע צרות ויסורים די דיא ליידען אונ שמערץ דאס זיא שוין גענוג זינד אונ זאלסט אויך מסכים זיין צו דען שליחות וועגן דעם רופא אונ זאלסט איהם געבן חכמה פרשטאנד דאס ער מיר זאלכע מיטלען געבן זאל וואס מיך היילן זאל -- מיט דען גדאנקן אונ דיא אביגע אויף קלערונג זאגען דיא חכמי מוסר דען פסוק וואס דיא תורה שרייבט ורפא ירפא איז דער זין פאר אלען מוסט דוא זעהן צו היילען דיין נשמה פון איהרע קראנקהייט דאס דוא דיר איינע קאנזיליום בערופען זאלסט פון דרייא גרוסע רופאים וואס איהר נאמען איז תשובה · תפלה · צדקה · געמיך דאס דוא דיר ערווירקן זאלסט דורך איהנן איין רפואות הנפש אונ דאן האסט דוא רשות דאס דוא קענסט טראכטן וועגן רפואות הגוף · אבער ניכט וויא מאנכע דיא איין (דור תהפוכות) איין פרקעהרט דור זינד אונ נור פיר רפואות הגוף טראכטן. אונ צו לעצט ווען פון דיא רופאים מעהר קיין האפענונג איז . רופט מאן דען חכם דען צדיק · (ויהי לאחור ולא לפנים) זינד זיא צוריק אונ ניכט פארווערטס . —

## שאלה כה

דיא אשה וואס (קרובה ללדת) נאהע צום געבעהרן אודער ענטבינדן איזט · ווען זיא דיא העבאמע רופן · אונ וועלכע שטיצע דאס זיא אויף איהר האבן זאל ·

## תשובה

דא ליידער פילע אונוויסענד אונ פערדומט זינד · אונ פערמעג איהר קורצען שכל פערשטאנד גלויבען זיא דאס דיא הילף פון דען ווייב ווען זיא צו קינד געהן זאל העגגט נור אב אן דיא קענטנים אונ געשיקטליכקייט פון דיא (מילדת) העבאמע. דארום זא באלד דאס זיא נור דאס גרינגסטע בעמערקן דאס דיא זמן הלידה צייט פון געבערן ריקט נעהער אונ נעהער ווען גלייך זיא נאך קיינע (חבלים וצירים) פיהלען. וועהען. אונ שמערצן · שיקן זיא באלד נאך דיא מילדת · אונ מאנכע דיא נאך מעהר (קטני אמנה) שוואך אין דיא אמונה זינד אונ איהר גאנצעס צוטרויען נור אויף דיא מילדת האבן · דאריבר זא באלד דאס זיא אין ניינטען חודש קאמן מוס דיא מילדת ביי איהנן איבער נאכטען · דארום מאך איך דיר צו וויסען דאס דיזעס איין שקר וועג איז (כי שוא תשועות אדם) פאלש איז דען מענשענס הילף · זאנדערן זאלכע נשים דיא איהרי אמונה אמתדיג איזט אן דען הייליגען בורא אונ זיין תורה ·

מיסען

# כלל ב שאלה כה

מיסען גלויבן דאס דאס געבעהרן פון איין אשה אב עס זיין זאל לייכט אונ זאנפט.
אודר שווער אונ מיט צער . אודר מיט גרוסע יסורים . אודר גאר מיט זאלכע
חבלים וויא זיא דארורך געפערליך אונ נאהע צום שטערבען איז . דאס דיזעס
אלעס העננגט נור אב פון דעם איינציגן (בורא יתברך שמו) . אונ דער פסוק זאגט
(מאתו לא רעות תצא) פון איהם קומט ניכט שלעכטס . זאנדערן אלעס איז נור
פערמעג דען מענשענס זייגע מעשים . וויא דיא משנה זאגט וועגן גשים דיא
ניכט געננוי אכט געבן אויף דיא מצוה פון נדה האלטן כראוי . וויא זיך
געבוהרט. פרליהרען זיא איהר לעבן ביא איהרעם געבעהרן חלילה . דארום איזט
דער שליסעל פון דיא יולדת נור אין דיא האנד פון השי"ת אליין ווייל ער איזט
עיניו פקוחות לכל דרכי בני אדם זיינע אויגן זינד אפען צו זעהן אלע מענשנס זיינע
וועג . וויא דיא פיהרונג פון איהר איז אין הינזיכט צניעות אונ דת יהודית יידישע
פיהרונג . אונ דיזעס פערארזאכט ניכט נור דאס זיא קיין גרוסע סמיכה אונ
בטחון אונ איהרע גאנצע שטיצע אויף דיא העבאמע האט . פיל מעהר זעהר
שלאף אונ שוואך איז אונ גלייך גילטיג . אונ ניכט נור דאס זיא . זיא ניכט
פערלאנגט בתחילת חודש ט' אן אנפאנג פון דעם ניינטען חודש . ביא איהר
איבר צו נאכטען -- זאנדערן ווען זיא שאן גאר זעהט דאס דיא צייט פון דיא
לידה איז נאהע . אונ שפירט שאן מאנכעס מאל איין ווייניג יסורים אזו דאס זיא
שאן דאס בעט היטען מוס . דעננאך רופט זיא ניכט דיא מילדת זאנדערן זיא
ווענדעט זיך מיט איהר פנים צו דיא וואנד אונ זיכט נאך . אונ בערעכענט זיך
אלע איהרע מעשים אונ פיהרונג אב זיא דת משה (שמירות ימי נדתה וימי ליבונה .
ובדיקות הפסק טהרה מבעוד יום לחורין ולסדקין . ובדיקה בכל בוקר וערב . עיין
לעיל בכלל א' דף י') געננוי היטעט . אונ אב זיא נזהר איז פון דיא אלע פאר
געשריבענע ערווייטערונגן פון איהרן מאן אין זאלכע צייטען -- וויא אויך אב
זיא אכט גיבט פון (פרישה סמוך לוסתה) וויא אויך אין (דיני טבילה וחציצה)
אודר דער גלייכן . וויא אויך אב זיא וואר נזהר אין (דת יהודית) דאס זיא זאל
איין צנועה זיין אין אלע ענינים . קיין (יוצאת חוץ) אוים לויפערן . קיין
(שלומית בת דברי) איינעם יעדן צו בעגריסן שלום עליך שלום עליך -
איבר הויפט אב זיא וואר נזהר וואס זיך דיא אשה קמחית האט געריהמט
דאס איהר קורות ביתה האבן נימאלס גזעהן איהרע האר . אונ אב תורה לערנן
אונ יראת שמים ביא איהר אין גרוסן ווערט שטעהט. אום דאמיט אלעם מעגליכע
צו טוהן איהרן מאן אונ איהרע קינדר דאצו ביא הילפיג צו זיין . דען איין אשה
כשרה קאן פיל פערארזאכן דאס איהר מאן זאל זיין איין ירא שמים -- וויא
אויך אב זיא וואר איטער פארזיכטיג צו טון זאלכעס צו ערפילען דען ווילן פון
איהרן מאן . דאס שלום בית זיין זאל . וויא דיא גמרא זאגט וועלכע אשה
פערדינט דען נאמן דאס זיא גרוסן ווערן זאל איין אשה כשרה . נור דיא וואס
זיך בעשטרעבט דען ווילן פון איהרן מאן צו טון . וויא אויך בערעכנט זיא זיך

וויא

וויא אִיהר וֶועג אונ פִיהרוּנג וָואהֶן אִין אִיהרֶע רֵייסֶע יָאהרֶן וויא זִיא נָאךְ אַיין פְּנוּיָה וָואר אִין לֶעדִיגֶען שְׁטַאנְד. אִין צְנִיעוּת. אוֹדֶער בּוֹשֶׁת פָּנִים. אונ אָב זִיא נִיכְט זָאלְכֶעס גֶערֶעט הָאט וָואס עַזוּת אוֹדֶר חִיצְפָּא אִיז. אָב זִיא נִימָאלְס הָאט בַּייא גֶעוָואנְט אַיין תַּעֲרוּבוֹת פוּן (סוֹר מְשַׂחֲקִים בַּחוּרִים וּבְתוּלוֹת) צוּזַאמֶענְקוּנְפְט פוּן אוּנְטֶערְהַאלְט. אוֹדֶר וויא אִין מַאנְכֶע מְקוֹמוֹת דֶער מִנְהָג רָע אונ עַזוּת אַיינְגֶעפִירְט אִיז שֶׁיַּעֲשֶׂה לָהֶם כְּהֶיתֵּר דַאס עֶס בַּייא אִיהְנֶען פִיר קֵיין עֲבֵירָה גֶערֶעכֶנְט אִיז. בַּייא אַיינֶע חֲתוּנָּה זִיךְ צוּ אוּנְטֶער הַאלְטֶען בַּחוּרִים וּבְתוּלוֹת. דֶען מֶערְכְטֶען זִיא הָרוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד זַיין. דִיא צוּקוּנְפְט דַאפוּן זֶעהְן דַאס אִיהְנֶען דָאס טַאנְצֶען אונ שְׁפְּרִינְגֶען אִין שְׁפֶּעטֶערֶע צֵייטֶען פֶערְאוּרְזַאכֶען וִוירְד אוֹיף אִיהְר גֶעלִיבְּטֶע קִינְדֶר קוֹרֶע צוּ זַיין אונ שִׁבְעָה צוּ זִיצֶען ר"ל. וויא אוֹיךְ אוֹיף זִיךְ זֶעלְבְּסְט פִיעל מָאל גְרוֹיס עֲנִיּוּת אוֹדֶר יִסּוּרֵי הַגּוּף פֶערְשִׁידֶענֶע שְׁמֶערְצֶען צוּ צוּ צִיהֶען. זָא וִוירְד בַּייא אִיהְנֶען אִיהְר פֶערְגֶענִיגֶען גֶעוִויס נִיכְט זָא פֵייעֶרִיג אונ פְלַאמֶענְד זַיין. אָב זִיא נִימָאלְס אִיהְר קָאפְּף מִיט דֶעם מַסְרֵק קָאמְפְּף דִיא הָאר אַן שַׁבָּת גֶערִיכְט הָאט. אוֹיף דִיא אַלֶע זַאכֶן אונ דֶער גְלַייכֶען בְּרוֹיךְ זִיא בְּדִיקָה אַחַר בְּדִיקָה חִיפּוּשׂ אַחַר חִיפּוּשׂ זֶעהְר גוּט זִיךְ צוּ בֶּעדֶענְקֶען אונ צוּ בַּרֶעכֶענֶען. אונ אָהְנֶע צְוַוייפֶעל אַיין יֶעדֶער וֶוען עֶר וִויל עֶרְנְסְט זִיכֶען גֶעפִינְט מַאן. אונ אוֹיף דֶען אִיז זִיא שׁוּלְדִיג צוּ וַויינֶען בְּמַר נֶפֶשׁ מִיט אַיין טְרוֹירִיגֶעם גֶעמִיהְט (דַא זִיא יֶעצְט הָאפֶען מוּס אוֹיף דִיא רַחֲמֵי וִישׁוּעוֹת ד' אוֹיף דִיא הִילְף אונ בַּארְמְהֶערְצִיגְקַייט פוּן השי"ת) אונ צוּ פֶערְלַאנְגֶען פוּן השי"ת אַיינֶע סְלִיחָה פֶערְצֵייהוּנְג. דַא זִיא פוּן נוּן אַן אוֹיף זִיךְ אֶמֶתִּיג מְקַבֵּל אִיז אוֹיף דִיא אַלֶע זַאכֶן גֶענוֹי נִזְהָר צוּ זַיין. אונ נָאךְ דֶעם דַאס זִיא שׁוֹין אִיהְר הֶערְץ פֶערְנַאסֶען הָאט צוּ השי"ת מִיט תְּשׁוּבָה. אונ דַא השי"ת חָפֵץ חֶסֶד וּמְקַבֵּל שָׁבִים אִיז. ווינְשְׁט גוּטֶעס צוּ טוּהְן אונ מֶענְשֶׁען דִיא זִיךְ צוּ אִיהְם בֶּעקֶעהְרֶען אוֹיף נֶעמֶען טוּהט. אונ מוּטְהְמַאסְלִיךְ מִיט אִיהְרֶע תְּשׁוּבָה צוּ פְרִידֶען אִיז. אונ דַארוּרְךְ פֶערְדִינְט זִיא דַאס השי"ת זָאל אִיבֶּר גֶעבֶּען דֶען מַפְתֵּחַ שֶׁל יוֹלְדוֹת דֶען שְׁלִיסֶער. נָאךְ דֶען אַלֶען רוּפְט זִיא דִיא מְיַלֶּדֶת דִיא הֶעבַּאמֶע.

# כלל ג והודעתם לבניך ובו יא שו"ת

**שאלה כו** אָב אַיין יֶעדֶער פָאטֶר בַּייא דִיא (בַּר מִצְוָה) פוּן זַיין קִינְד בָּרוּךְ שֶׁפְּטָרַנִי זָאגֶען קָאן אָדֶר נִיכְט.

**תשובה** עֶס אִיז אַיין גְרוֹיס שׁוּלְדִיגְקַייט דַאס דֶער פָאטֶר זָאל אַיין זָאלְכֶע אוֹיךְ זִיכְט הָאבֶּען בַּייא דִיא עֶרְצִיהוּנְג אונ בַּייא דֶען אוּנְטֶערְרִיכְט פוּן זַיין זָאהְן דַאס וֶוען עֶס וִוירְד קָאמֶען דִיא צֵייט דַאס עֶר וִוירְד בַּר מִצְוָה. דַאס עֶר זָאל קֶענֶען זָאגֶען דִיא בְּרָכָה בָּרוּךְ שֶׁפְּטָרַנִי מֵעָנְשׁוֹ גְלוֹיבְּט אִיז השי"ת דַאס אִיךְ פוּן נוּן אַן שׁוֹיהְן

# כלל ג שאלה כו

פרייא און ניכט פראנטווארטליך איבר דיא פיהרונג פון מיין זאהן זיין ווערדע . וויל דען גוטען אונטעררייכט וואס דער פאטר זיין זאהן אין דיא יונגע יאהר געבן טוהט . און דיא מי חסד עדרע וואסער וואס עס קוועלן פון דען באר מים חיים ברין פון דיא לעבענדיגע קוועלע . פון דיא תורה וואס מאן דען קינד בימי קטנותו אין דיא קינדר יאהרן צו טרינקען גיבט . דער איז ניכט נור ניצליך איהם פיר יעצט . זאנדערן אוך אין דיא שפעטערע עלטערע יאהרן . דאס זיא איין געווארצלט ווערדן בחדרי לבבו אין דאס אינגערן פון זיין הערץ . דאס זיא שפעטר דין פראורזאבן הייליגע פרוכטען צו טראגן כל ימי חייו זא לאנג דאס ער לעבט . דען פון איין זיסע ווארצל שפראצט זעלטן ביטערעס . דען ווען איינער זיך וועהלט צו געהן דען וועג וויא איהם דער יצר הרע דאצו פרפיהרן טוהט ווען אוך דאס דאמאלס האט ער נור דאצו איינע פרייע אפנע טהיר . אבר ביי הילפיג איז מאן איהם ניכט . דענגאך ווען איינער איין עבירה איינינגע מאהל געטוהן האט . איז זיא שאהן ביי איהם גרעבענט אלס ווער עס שאהן מותר ווייל דיא געוואנהייט איין צווייטע נאטור איז . פילמער דער זיין זאהן געוועהנט אין גוטען וועג צו געהן דאס ער נאך דאצו ביי הילפע פון השי"ת צו ערווארטן האט . וויא דיא גמרא זאגט הבא לטהר מסייעין איין יעדער מענש דער אין גוטען וועג געהן וויל . איז השי"ת ביי הילפיג דאס ער זאלכעס טוהן קענן זאל . דאס ווען ער זאלכעס פילע מאהל טוהט דאס דאדורך דיא ליב צו השי"ת און צו זיין תורה אין דען קינדס הערץ איינגעווארצעלט זיין ווירד . עס וואר דיא פראג אב איין יעדם קינד וועלכעס אין בית המדרש לערנן געהט אב ער ווירד מצליח זיין בגליקט אין דיא תורה . זא וואר דיא תשובה נור דאמאלס ווען מאן שאהן אין דיא פריהע יונגע יאהרן אוך איהם אכט געגעבן האט אין זיין הערץ יראת שמים איין צו פרעגן .

דאהער ווען דער פאטר ווינשט דאס ער אין שפעטערע צייטען פון זיין זאהן נחת האבן . און דאס ער איין אמתדיגער ירא שמים און צדיק זיין זאל . אזו מוס ער איין גרוסער זריז זיין זיך צו בפעדרן איהם שאהן אין דיא רייפע יונגע קינדר יאהרן אלעם מעגליכע טוהן

איהם

איהם צו אונטערריכטן מיט יראת שמים און אהבת השם . וויא אויך איהם צו געוועהנן מיט מדות טובות גוטע זיטען . פילמאר ווען אביו הצדיק זיין פאטר ווערענד דיא צייט דאס ער איהם מיט תורה לערנן אונטערריכטעט . פליסען זיינע אויגן טרערן צו בעטן צו השי"ת גיב מיין זאהן איין כשר הערץ צו תורה און צו יראת שמים דאס ווערענד זיינע גאנצע לעבענסצייט נור זיין וואונש זיין זאל דיין ווילן צו טוהן . און דאס קיינמאל איינע צייט קאמן זאל דאס ער דיך ערציהנן ווירד . איז יא קין ספק צווייפל דאס זאלכעס איהם ביא שטעהן ווירד איין צדיק צו זיין . וויא אויך דאס מאן זאל אויף איהם גרויס אופזיכט האבן דאס ער זאל ניכט געניסען זאלכע זאכן וואס עם ברויכן בדיקה פון שרצים . דען דאס איז משקץ הנפש פראונרייניגט און בשמוצט דיא נשמה און פרשטעקט דאס הערץ און פיר איהם נעהמן זאל נור אזו מלמד וואס ער איז איין אמתדיגר ירא שמים . נין ווען ער פון זיין קטנותו ביז דרייצעהן יאהר אויף אזוי וועג געפיהרט ווירד . אזו איז אהנע ספק דאס ער ווירד זיין איין בן חכם ישמח אב איין זאלכעס קינד וואס אין דען וועג פון דיא תורה געהט ערפרייט דען פאטר . זאלטע זיך אבר דאך עראייגענן דאס ער אין מאנכע צייטן אויס דיא וועג פון דיא תורה אום טרעטן טוהט . זא איז דער פאטר פיר איהם געוויס ניכט פראנטווארטליך . דא השי"ת קיין אונרעכט טוהט . דען וואס העטע דער פאטר ווערענד זיין ערציהונג נאך טוהן קענן דיא ער ניכט געטוהן האט . ווען אבר דער פאטר נאך דיא אביגע פארשריפט ניכט געהאנדלט האט . וויא קאן ער זאגן שפטרני מעונשו . דען ער ווירד געוויס פיר איהם יא בשטראפט ווערדן . דא דיא שלעכטע פריכטן אין דיא שפעטערע יאהרן זינד שאהן איין געווארצלט ווארדן אין דיא קינדר יאהרן . ווייל ער קיינע גוטע אונטערריכט און חינוך איינגעווייהונג געהאבט האט . דארום זאל ער זיין חכם עיניו בראשו קלוג אום דיזעס אלעס פאר אויס צו זעהן -

# כלל ג שאלה כז

**שאלה כז** איין קינד וואס מאן זעהט דאס ער ניכט פעהיג איז דאס ער אין תורה לערנן מצליח זיין ווירד אב מאן איהם באלד אין דיא יונגע יאהר צו איינעם בעל מלאכה האנד ווערקער. אודער צו איין געשעפט געבן זאל. אודער ניכט.

**תשובה** אויף דען גיב איך דיר תשובה. דא דיא תורה האט געווארענט לא תעמוד על דם רעך דוא זאלסט ניכט קענן רוהיג צו זעהן ווען דיין חבר איזט אין איין סכנה פון איין מיתה. אונ שלמה המלך האט געזאגט הצל לקוחים למות ומטים להרג אם תחשוך דוא זאלסט זעהן אלעם מעגליכע צו טוהן וואס אין דיין מאכט שטעהט אום צו רעטן דיא יעניגע וואס מאן וויל פיהרן זיא צו טעטן [ווייל פילע עלטערן ווען זיא אויך יראת שמים האבן זינד זיא זיך אויף זאלכען מורה היתר זאלכעס צו ערלויבן - אונ ווייל דאס תורה לערנן ברענגט דען מענשן חיי נצחיי איין עוויגעס לעבן אונ אריכות ימים אויף דיא עוויגע וועלט] דארום פינדע איך מיך שולדיג דיא וועלט מעורר צו זיין אונ צו ערוועקן אונ אויף צו קלעהרן דאס דער וועג איז איין טעות וועג. אונ דיא אלע וואס עס אזו טוהן ווערדן מוכן זיין אהנגעבנייט דין וחשבון צו געבן אויף דען עון פלילי וויכטיגע עבירה וואס זיא טוהן. דען דער ווארצל פון דיזער מצוה וואס דיא תורה גבאטן האט ולמדתם את בניכם. והודעתם לבניה. אב לבנים יודיע אמיתיך דאס איין שולדיגקייט איז פון דען פאטר מיט זיינע קינדר תורה צו לערנן. אונ אויך איין שולדיגקייט איז פון איין יעדן חכם אין זיין דור דאס ער מיט תלמידים לערנן זאל. איז געגרינדעט אויף צוויא גרונדשטיינע. דא דיא איינציגע אוים געצייכענטע בקשה וואס השי"ת פערלאנגט פון איין יעדן מענשן איז נור יראת שמים דאס ער פראם זיין זאל אונ דאס ער עהרפורכט פאר השי"ת האבן זאל. אונ דיא קאן מאן עהער ניכט ערלאנגן ביז מאן ניכט פריהער תורה לערנט. ווייל דער תנא זאגט אם אין תורה אין יראה. דארום איז דער אנפאנג פון אונזר היילגע תורה בראשית ברא אלקים וועגן ישראל וואס עס ווערדן גערופן ראשית - אונ יראת שמים וואס ער ווירד אנגערופן ראשית. וויא דער פסוק זאגט ראשית חכמה יראת ה' דאס וואר דער תכלית דער צוועק

דאס

דאס השי"ת האט דיא וועלט בשאפן . אזו האט אויך משה רבינו געשריבן אין זיין ספר איוב . הן יראת ה' היא חכמה דער הויפט אורזאך דאס איין מצוה איז חכמות התורה צו לערנן איז נור דאס וועגן דען ווירד ער געגוייער וויסען וויא מאן זאל מקיים מצות זיין . וסור מרע בינה דער גאנצר תכלית וואס מאן זאל תורה לערנן איז נור דאס מאן זאל וויסען געוואהרנט צו זיין פון דיא אלע עבירות וואס השי"ת פרבאטן האט זיא ניכט צו טוהן . דען וויא אזו קאן ער שבת היטען וויא זיך געבירט . אדר ערליך דאווינען אונ קריאת שמע זאגן . אדער וויא אזו קאן ער געוואהרנט זיין פון דיא אלע פאר אונ נאך ברכות . בעזאנדערס בענשן . וועז ער ניכט לערנט הלכות שבת דיא דינים וואס צו שבת געהערן . וויא גרוס שבת מוס זיין בכמות דאס הייסט מאן מוס מוסיף זיין מחול אל הקודש ערב שבת אונ מוצאי שבת. דאס מאן מוס מוסיף זיין איינע צייט פאהר בין השמשות וואס נאך געוויס טאג איז . צו שבת . אונ מוצאי שבת מוסיף צו זיין איינע צייט וואס געוויס נאכט איז . צו שבת . אונ וויא גרוס שמירות שבת מוס זיין באיכות קיין מלאכה אליין טוהן . קיין מלאכה גשעהן זאל דורך אמירה לגוי דען גוי צו זאגען זאלכעס צו טוהן . קיין דיבור של איסור דארף מאן רעדן . געהמליך געשעפטס אנגלעגנהייטן . קיין זאכע אין דיא האנד נעהמען וואס מוקצה איז *) עירובי חצירות . עירובי תחומין. אונ וויא גרוים דיא קדושת שבת זיין זאל מיט דיא מצות וואס מאן מוס מקיים זיין

בקום

---

*) ניכט וויא מאנכע בעפלייסן זיך איין מצוה צו טוהן אונ קויפן ליכט צו איינגע לייכטער אין שוהל . דאדורך האט קיינער קיין רשות זיא אן צו צינדען . נור דער יעניגער וואס דאס ליכט גיבט . אונ זיא קאמן פילע מאהל אז שפעט דאס שאן ספק בין השמשות איז . יעצט בעטראכטע אונ איבערלעגע דיר וויא וייט דאס ווארט פון דען תנא געהט ולא עם הארץ חסיד דער וואס קיין תורה . קיין דינים לערנט . קאן קיין רעכטע יראת שמים האבן . דען וואס ניצט דען זיין ערליך געוויסן אונ זיין כשר הערץ דאס ער עם באמת מיט השי"ת ערנסט מיינט. ווען ער אבר דאך ניכט ווייסט וויא אודר ווען מאן דיא מצוה טוהן זאל . אונ וועגן צו טון איינע מצוה . דען ווען זיא אויך איינע מצוה איז . אבר דאך זעהר קליין אין דען איכות קוואליטעט . אונ דאדורך ברינגט ער זיך אין איין ספק חיוב סקילה וכרת .

# כלל ג שאלה כז

בקום ועשה וואס מאן דאצו עטוואס טוהן מוס . אונ וויא אוך מוס ער הלכות תפלה לערנן דאס ער וויסען זאל דאס תפלה וויערד גרעכענט במקום קרבן געהעריג צו דאווינען איז אזו חשוב אלס העטע ער איין קרבן גבראכט . נון איז ער מחויב שולדיג זיך צו איבר לעגן ווען ער ברענגט איין דורון געשענק פיר דען שררה וואס עס איז מאגער אונ קרומפף אונ לאהם . הערצך וויערד ער עס דען פון דיר מיט פרגעניגען אננעהמן . ווען ער פון דען זעהט דאס דוא איהם ניכט אכטן טוהסט . אונ זיין כבוד ביא דיר גלייכגילטיג אונ גרינג געשעצט איז . וויא זאל דען אונזר תפלה ערזעצן דאס קרבן וויא דער פסוק שרייבט ונשלמה פרים שפתינו ווען דער וואס דיא הערצר פריבט זעהט ניכט נור דאס דיא קליינע צייט פון דען דאווינען איז אונז לעול ולמשא צו לאסט . זאנדערן אוך איהר תפלה איז כמעט איין הירוף וגידוף איינע לעסטערונג . ער איילט דאמיט זעהר געשווינד . אונ פערשלינגט ניכט נור אותיות בוכשטאבן זאנדערן אוך ווערטער . אונ האט ווערענד זיין דאווינען גאר ניכט אין זין דאס ער שטעהט לפני מלך מלכי המלכים הקב״ה דען העטע ער עס אין זין ווערע ער יא משוגע אדער מטורף אזוי איין שמונה עשרה צו זאגן . דען ווען איינר קאמט פאר איין מושל בהערשער דער איין בשר ודם איז . ניכט פאר איין מלך אדר פאר איין פירשט . זאנדערן נור פאר איין בעצירקס הויפטמאן אונ פערלאנגט פון איהם זיינע ביטע שריפטליך . העטע ער דאמאלס דיא חוצפא אדער דיא פרעכהייט אהנע דעמיטיגונג . אדער אהנע עהרפורכט זא געשווינד . זא איילענד . צו זאגען זיין פרלאנגען דאס מאן איהם קוים פערשטעהן קאן וואס ער פערלאנגט . נון וויא קאן מאן אזו וואס טוהן פאר דען בורא - וויא אויך ווען דער מושל העטע געוויסט דאס דאמאלס ווערענד ער איהם ערזוכט וועגן זיינע בקשה האט ער אין זין זיינע געשעפטן אונ הויזווירטשאפט . העטע ער איהם געוויס ניכט נור זיין פרלאנגן צוריק געוויזן . זאנדערן אוך בשטראפט . נון וויא פיל אונצעהליגע מאהל דאס פון אנפאנג שמונה עשרה ביז צום סוף פליהט איהר מחשבה געדאנקען ארום אין גוועלב . אין ווירטשהויז . אין מארק . אד״ג - אונ דאס ער וויסען מוס וואס

דיא

דיא כוונה פון אמן איז . דען אפט מאהל איז דער זין עס איז וואהר . אפט מאהל עס זאל וואהר ווערדן . אונ וואס אמן יתומה , חטופה קטופה איז . דאס מוז יא אלעם גלערענט ווערדן . אונ פון דען קאנסט דוא שליסען אוף אלע מצות דאס עס איז ניכט מעגליך זיא מקיים צו זיין וויא זיך געבוהרט ווען מאן ניכט דיא דינים פון דיא מצות לערענט . וויא קאן ער זיך אכט געבן אין ענינים פון צניעות אונ שמירות ברית קודש ווען ער ניכט לערענט אין (אה"ע סימן כג . כה) אונ אין (או"ח סימן ר"מ) אונ (מבש"כ וקו"ח) וויא קאן ער נזהר זיין פון דען כרוז וואס דוד האט גזאגט אין תהלים מי האיש החפץ חיים ווער וויל זיך קויפען דאס עוויגע לעבן אזו איז קיין אנדרר וועג דאצו נור נצור לשונך מרע דאס מאן אוף דעם מויעל זעהר אכט געבן זאל . דען המות והחיים ביד הלשון דער טוידט אונ לעבן איז אין דער געוואלט פון דיא צינג . אין דען איז פערשטאנן דאס מאן מוז לערנן אין אורחות צדיקים המיוחס לר' יונה זלה"ה . אין שער החנופה . שער לשון הרע . שער שקר . שער השתיקה , דאדורך ווירד ער וויסען נזהר צו זיין זיך אכט צו געבן פון חנופה . פון לשון הרע . פון ליצנות . אונ מאן מוז זיך בהעפטן אן דיא מדה פון שתיקה . דען איין יעדער מענש פון נאטור אוים וויא ער געבארן ווירד איז ער וויא איין ווילדער עזעל דורך זיינע מדות רעות [תאוה . גאוה . שנאה . כעס . אוהב בצע אוהב כבוד . געלד רייץ עהר גייץ . נקימה , נטירה . אונ איין יעדע אליין פון דיזע מדות האט אין איהרן כח דען מענשן צו פראיירזכן דם ער דורך איהר פערנארט ווירד איהם אין דיא שאול תחתיה טיפן גיהנם צו ברינגען ווען ער נאך אזו פיל מעשים טובים בעזיצט , מאכע נור דיינע אויגען אוף אונ זעהע וואס מאנכעס מאהל מענשן טוהן . דיא באמת דאך מענשן זינד . וועגן כבוד אונ וועגן געלד אד"ג . אונ וויא ווייט זיא זיך פערגעסען . אונ וואס זיא זיך זעלבסט גורם זענן דאדורך צו פערלירען אונ מאכן אנדערע צו פערליהרן . וויא דער פסוק זאגט הוטא אחד יאבד טובה הרבה איינע עבירה קאן ריכטען צו גרונד פילע מעשים טובים] וויא דער פסוק זאגט עיר פרא אדם יולד אונ נור דורך תורה לערנן אונ ספרי מוסר קאן מען זיך תמיד פערפייגערן אונ

צעהמן

# כלל ג שאלה כז

צֶעהֶמֶן • פוּן דֶען אַלֶעֶן קַאן מַאן זִיךְ אַרוֹיס נֶעהמֶן דַאס עֶס אִיז דִיא עֶרְשְׁטֶע שׁוּלְדִיגְקַייט פוּן אֵיין יֶעדֶען מֶענְשֶׁן דַאס עֶר אֵייגֶע וִויסֶענְשַׁאפְט אִין דִיא תּוֹרָה הָאבֶּן זָאל • אַזוֹי אוֹיךְ פוּן אֵיין יֶעדֶען פָאטֶער דֶער זַיין קִינְד נִיכְט אַלְס חַיָה רָעָה ווִילְדֶעס טְהִיר • אוּנ נִיכְט אַלְס עַיִר פֶּרֶא עֶרְצִיהֶען ווִיל • זָא מוּס עֶר מִיט אִיהְם לֶערְנֶען דִיא אֲגָדוֹת מוּסָר פוּן אוּנְזָערֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרָה • אוּנ דִיא דִינִים פוּן דִיא מִצְוֹת דַאס עֶר דַאדוּרְךְ אֵיין עֶרְלִיכֶער יִיד זַיין קַאנֶן זָאל –

נוּן דִיא שׁוּלְדִיגְקַייט פוּן לֶערְנֶן תּוֹרָה אוֹיס דִיזֶען גְרוּנְד דַאס עֶר זָאל וִויסֶען וִויא אַזוֹי עֶר זָאל דִיא מִצְוֹת מְקַיֵּים זַיין • אוּנ וִויא אַזוֹי עֶר זָאל זַיין גוּף לַייטֶערְן אוּנ טֶעסְטַאלִירֶן אוּם זִיךְ פוּן (מִדּוֹת דֵעוֹת) שְׁלֶעכְטֶע זִיטֶען צוּ עֶרְוֵוייטֶערן אוּנ מִדּוֹת טוֹבוֹת אֵייגֶן צוּ מַאכֶן • פוּן דֶען (אִישׁ לֹא גֶעֶדֶר) אִיז קֵיינֶר אוֹיס גֶענָאמֶן. כִּי זֶה כָּל אָדָם דַאס אִיז שׁוּלְדִיג אֵיין יֶעדֶר מֶענְשׁ צוּ טוּהְן • דַאהֶער וֶוען אוֹיךְ דַאס קִינְד קֵיין מַשְׂכִּיל וְנָבוֹן נִיכְט פֶּרְשְׁטֶעְנְדִיג אוּנ פֶּערְנִינְפְטִיג אִיז • אַזוֹי גָאר אֵיין תָּם וְשֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל אִיז • דָא עֶר אַבֶּער דָאךְ אֵיין יִיד אִיז אוּנ אִיז שׁוּלְדִיג יִרְאַת שָׁמַיִם צוּ הָאבֶּן אוּנ הַשִּׁי״ת זַיינֶע מִצְוֹת מְקַיֵּים צוּ זַיין • זָא מוּס זִיךְ דֶער פָאטֶר מִיט אִיהְם פְּלַאגֶען אוּנ בֶּעמִיהֶען מִיט אִיהְם אַלֵיין צוּ לֶערְנֶן • אָדֶער צוּ צָאהְלֶען אֵיין מְלַמֵּד פִיר אִיהְם • וֶוען אוֹיךְ אִיבֶּר זַיין יְכוֹלֶת פַּרְמֶעגֶן • בִּיז עֶר אִיהְם בְּרִינְגְט אוֹיף אַזוֹי וָועג דַאס עֶר קַאנְן זָאל אַלֵיין (חוּמָשׁ ורש״י • חיי אדם • מדרש • עין יעקב • חובות הלבבות • או צ) אוּנ אַנְדֶערֶע סִפְרֵי יִרְאָה, זָא זָאל עֶר מִיט אִיהְם טוּהְן בִּיז פִירְצֶעהְן יָאהְר • אוּנ דַאן וֶוען דֶער פָאטֶר זֶעהְט דַאס דָאס קִינְד וִוינְשְׁט נִיכְט צוּ זַיין מֵחוֹבְשֵׁי בֵּהמ״ד אֵיין תַּלְמִיד חָכָם. אִיז אִיהְם עֶרְלוֹיבְּט מִיט זַיין קִינְד צוּ לֶערְנֶן (מו״מ • דֶּרֶךְ אֶרֶץ) • זִיךְ צוּ בֶּשֶׁעפְטִיגֶן מִיט יִשּׁוּבוֹ שֶׁל עוֹלָם • מִיט הַאנְדֶל אוּנ דֶער גְלַייכֶן • אָבֶּער עֶר מוּס גְרוֹיס אוֹיפְזִיכְט הָאבֶּען אוֹיף אִיהְם דַאס עֶר מוּס זִיךְ יֶעדֶן טָאג בֶּשְׁטִימֶן צֵייטֶען צוּ הֶערֶן זַיין לֶערְנֶן דִינִים וּמוּסָר • אוּנ מוּס אוֹיף אִיהְם מַאיֵים זַיין פוּרְכְט אֵיינְיָאגֶען דַאס עֶר זִיךְ שְׁרֶעקֶן זָאל פַאר דִיא קְלָלָה פוּן דֶען תַּנָא הַשּׁוֹכֵחַ מִמִּשְׁנָתוֹ דָּבָר אֶחָד מִתְחַיֵּיב בְּנַפְשׁוֹ וֶוען אֵייגֶער פוּן זַיין לֶערְנֶן עֶטְוַואס פַ׳גֶעסְט וֶוען אִיהְם עֶטְוַואס שְׁלֶעכְטֶעס צוּ קָאמְט אִיז עֶר זִיךְ זֶעלְבְּסְט שׁוּלְדִיג •

און דאדורך ווירד ער קענן זיין גאנצע לעבענסצייט מקוים זיין את האלהים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם פירכטע גאט . היטע זייגע מצות . דען נור וועגן דען איז דער מענש ערשאפען ווארדען . דאס איז דער ערשטער גרונדשטיין .

אבער ווען ער אויך איז שאהן אין דען שטאנד דאס ער זא וויינט בוואוסט איז אין לערנן דאס ער זיך איין יעדן דין אויף זוכען קאן אום צו וויסען וויא ער דינען זאל השי"ת . אונ אויך רגיל בעקאנט איז אין ספרי מוסר . איז דאך אויף איהם דער חיוב דיא שולדיגקייט תורה צו לערנן . דען דיא מצוה פון ודברת בם אונ והגית בו יומם ולילה דוא זאלסט טאג אונ נאכט תורה לערנן . איז איין באזאנדרע מצוה פאר זיך מיט דיא ער זיך בעשעפטיגען מוס זייגע גאנצע לעבענסצייט . ביי טאג אונ נאכט . אין דיא יונגע יאהרען אונ אין דיא אלטערם צייט. ווען ער ארים איז אדער רייך . געזונד אדער קראנק . דען דיא תורה האט מזהיר געוועזן געווארנט לא ימוש ספר הזה מפיך דיין מויל זאל נימאלס אויף הערען תורה צו לערנן . אונ דאס איז דער נחת רוח פון השי"ת . וויא דיא גמרא זאגט אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה . דער פערגעניגן פון השי"ת אויף דיזע וועלט איז נור פון תורה לערנן . וויא אויך איז ער שולדיג זיין גוף מכניע צו זיין צו דעהמיטיגען אונ זיך צוריק צו האלטען פון אלע תענוגים וואהל לוסטען . דען דורך דעם הכנעת הגוף קאמט עליות הנפש ווען מאן דען גוף אונטערדריקט שטייגט דיא נשמה. אונ חכמה מפוארה דיא הייליגע תורה קאן זיך נור האלטען אונ דויערהאפט זיין אין איין כלי מבוער ווען דער גוף פון איבערפליסיגע תענוגים זיך צוריק ציהט . ולא תמצא בארץ החיים דער וואס זיין גוף וויל אלע זייגע ליידענשאפטען ערפילען . עסען . טרינקען . שלאפען . דארט געפינט מאן ניכט דיא תורה . מאן האט געפרעגט איין חכם וויא אזו אונ דורך וואס ביזט דוא אזו גר,ם ווארדען אין תורה . האט ער תשובה געגעבן ווייל איך האבע מעהר געלד פערוועגדעט אויף עהל דאבייא צו לערנן אלס מייגע חברים האבן הוצאות געמאכט אויף בשר ויין . אונ דאס איז יא ידוע אונ בקאנט דאס דיא איינגענשאפט פון תורה לערנן איז ווען איינר האט נאך וועניג גלערינט

# כלל ג שאלה כז

גלערענט אין איכות און אין כמות אזו איז ער שמח בחלקו. קאמט איהם פאר דאס ער האט שאהן זוכה געוועזן צו איין יד מאכט אין דיא תורה און ער פארדינט שאהן דעם נאהמען למדן. אדער אויך דעם נאמן תלמיד חכם צו האבן. הגם אין אמת האט ער נימאלס נאך דעם נאמן צורבא מרבנן איין פיינער בחור. פערדינט. וועהן ער אבער זיך פלאגט איבער דיא תורה דאס ער איז מקיים הפוך בה והפוך בה מעהרערע מאל איין ענין צו לערנן און דארויף נאך צו דענקען. און מאכט זיך וועגן דיא אהבת התורה כשור לעול וכחמור למשא וויא דער אקס צו דען יאך און דער עזעל צו דיא לאסט. און איז מנדד שינה מעיניו ער שטעהרט זיין שלאף פון זיינע אויגען וועגן איהר. און מאכט זיך אכזריי הארטהערציג געגן זיינע קינדער. נעהמליך דורך דיא גרוסע אהבת התורה איז איהם גלייכגילטיג זיינע קינדער מפרנס צו זיין בעוני ובדוחק און זיא ניכט ערפילן קאן וואס זיא פרלאנגן. און ווען ער איז מתפלל אהבה רבה יעדן טאג איז זיינע תפלה מיט איין צערשטויסן צערבראכן הערץ. און מיט גבראכענע הענד וויינענד זיין פרלאנגן פון השי״ת צו בגערן. ווען ער זאגן טוהט ותחננו ותלמדנו דאס ער איהם בעגינסטיגן זאל דיא חכמה פון דיא תורה איהם צו צו טהיילן. איז עס ניכט מיט געטהיילטען הערץ. זאנדערן מעמקי הלב פון טיפונג דעם הערץ. און זיינע אויגן גיסען מיט טרערן. און דער פסוק זאגט אם תדרשנו ימצא לך. וירסט דוא השי״ת ערינסט זוכען. ווירד ער זיך פון דיר געפינגען לאסען. כי ה׳ יתן חכמה יצפון לישרים תושיה. איבר דען בודאי אהנע ספק ווערדן איהם יעדען טאג מער און מער געפענט שערי חכמה. שערי בינה. הן בנגלה. הן בנסתר. הן בשמעתתא. הן באגדה. עד אין קץ. און מאנכר איז זוכה צו משנה, מאנכר צו אגדה. מאנכר צו אלען. דיזעס איז דער צווייטער גרונדשטיין -

נון דא תורה לערנן אזו חשוב איז. בודאי וואהל דען מענשן דער דאצו זוכה איז. און וואהל אזו פאטר דער וואס זיין קינד אונטערשטיצט און מאן זעהט דאס ער איז מסוגל געאייגענט איין תלמיד חכם וגדול צו ווערדען. אבר דאס מוס מאן זיך האלטען

פיר

פיר איין יסוד מוסד פעסטן גרונד · ווען איך ניכט קאן געוויגן צעהן טויזענד זילבער בין איך יא דאך שולדיג מיך צו בשטרעבן דאס איך ווענינגסטענס פינף טויזענד געווינן זאל . ותן לחכם ויחכם עוד דאס הייסט ווען דאס קינד צו דען ניכט געאייגענט איז זאל ער ווענינגסטענס זא פיל לערנן דאס ער דאדורך איין ערליכער ייד זיין קענן זאל ·

## שאלה כח

איין פאטר דער ארים איז אונ ווינשט זיינע קינדר איינסט גליקליך צו זעהן . אב איהם ערלויבט איז זיא פון דיא תורה וועק צו נעמען אום איהנען איינע מלאכה אודר פרעמדע קענטנים לערנן צו לאסען .

## תשובה

אויף דען גיב איך דיר איינע דרייא פאכע תשובה · ווייל אין היינזיכט פון קינדר ערציהן אונ זיא תורה לערנן צו לאסען · איז דער נהוג גברויך ווען איין פאטר געמיין אין פערמעגין איז אונ האטע מעהרערע קליינע קינדר פיר דיא ער זארגן מוס אונ צאלען שכר לימוד דען מלמד · אזו צעלט דער ארמער פאטר דיא יארן אונ דיא חדשים ווען דאס קינד ווירד שאן דרייצען יאר אלט ווערדן דאס ער זאגן ווירד קענן ברוך שפטרני . דען פון נון אן ווירד ער איהם ניכט מעהר לאסן תורה לערנן · זאנדרן ער ווירד איהם געבן צו איין בעל מלאכה דאס ער בייא איהם לעהריונג זיין זאל · אודר צו איין געשעפט אין איין גוועלב משרת צו זיין . גוועלב דינער צו זיין · אודר ער ווירד איהם שיקען אין גימנאזיום · צו לערנן געשיקטליכקייטן · שפראכען · בוכהאלטעריא · אונ דער גלייכען · אודר דאס ער דאקטער דער מעדעצין ווערדן זאל -- אונ ווען מאן דען פאטר צו רעדע שטעלט וואָרום ער דאס טוהט · איז דען ניכט בעסר דאס דוא זאלסט דיין קינד האלטען אין דיין הויז אונ ניכט אין דיא פרעמד צו שיקען · אונ נור איהם צו ערציהען אויף דען וועג פון תורה ויראת שמים · האלסט דוא דען דאס פאר גרינג וואס אונזערע הייליגע גמרא זאגט דער פאטר וואס מיט זיין קינד זעלבסט תורה לערנט · אודר ער בעמיהט אונ פלאגט זיך צו צאלן פיר איהם דאס ער תורה לערנן זאל . איז זיין שכר אזו גרוס אלס ער העט גנאנגן אין דיא מדבר אונ העטע מקבל גוועזן דיא תורה אויף דען בארג סיני · אזו גיבט ער איהם תשובה · מיין גוטער פריינד גלויב מיר ערליך וויא איך האבע דען שריט גמאכט מיט מיין קינד אזו צו טוהן האט מיך מיין הערץ איננערליך טיף גקרענקט · דא איך זעלבסט ווייס דאס דער יושר איז צו טוהן וויא דוא זאגסט · אבר ההכרח לא יגונה דא איך ניכט נור רייך בין . זאנדערן אויך מיין פרנסה זעהר בצמצום אונ נעני איז · אונ דא לײדער הייטע צו טאג דער גלאנץ אונ דער פראכט פון דיא תורה פערקלענערט איז · וואן איך איהם ביז אין דיא שחרות

יאהרן

# כלל ג שאלה כח

יאָהרען וויא אויך די בחרות יאָהרען נור איהם מחנך איינגעוויינען זאָל צו תורה אונ יראת שמים. פון וואו ווירד ער קענען זיך מפרנס זיין אונ זיך זיין שטיקעל ברויט זיכען קענען. דיזעס האָט מיך בעוואָגען אונ געצוואונגען איהם פון תורה לעהרנען פּאָרט צו נעמען. (ווייל דיזעס איין זעהר וויכטיגער געגענשטאַנד איז. אַזוי דאָס די גמרא זאָגט אויף דעם זכות פון דעם הבל וואס קינדער תורה לערנען שטעהט די וועלט. וויא אויך איז עס איינע זאַכע ניכט נור די זיך אָפּט טרעפען טהוט. זאָנדערן אויך אַלטעגליך איז. פיל מעהר וויא די גמרא זאָגט זייט געוואָרנט גיבט אַייך אַכט אויף די קינדער פון עניים אָרמע. פון זייא שטאַמט די פּאָרט פלאַנצונג פון די תורה אַהער) זאָ איז איינע גראָסע שולדיגקייט די וועלט די אויגען צו עפענען אונ אויך צו קלעהרען. דאָס די אַלע עלטערן וואָס זיך אַזוי פיהרען מיט איהרע קינדער ניכט נור דאָס זיא איין גראָסעס אונרעכט טוהן. זאָנדערן אויף איהרע קינדער ווירקליך רוצחים זינד. אונ ביים יום הדין אויף זאָלכעם פעראַנטוואָרטליך זיין וועהרען. אונ זיין זיך טועה איהרען זיך וועגען דרייא געוויסע אורזאַכען. ערשטענס וועהן איך אויך איהנען צו געבען וויל דאָס איהרע גוטע מיינונג פיר איהרע קינדער איז ווירקליך אמת אונ זיא טוהן זיך ניכט נאַרין. נעמליך דאָס זיא איהרע קינדער גליק אונ עושר פעראורזאַכען מיט דעם דאָס זיא איהם פון תורה לערנען וועקנעמען טוהן. טוהן זיא דאָך אונרעכט שלא כדין ושלא כדת של תורה ניכט נאָך די פאָרשריפט פון די תורה. צווייטענס דאַ זיא זעלבסט פערשטעהן אונ איין זעהן דאָס די שולדיגקייט איז נור זיא צו ערציהען אויף תורה ויראה. אונ נור דאַרום מיסען זיא זיך ערלויבען איהרע קינדער פּאָרט צו רייסען פון די תורה דאַמיט זיא ערלאַנגען זאָלען גליק אונ מאַכט זיך מפרנס צו זיין. ווירד אונזערע אויף קלעהרונג בעווייזען דאָס זיא דורך איהרען אונטערנעהמען די גרינגסטע אונ קליינסטע הצלחה ניכט מעהר געווינען ווערדען אַלס פריהער. דריטענס דער פאָטער דער זאָלכע וועג מאַכט גלויבט ער ער איז פיר זיין קינד געטרייא אונד באַרמהערציג. אונ זיכט אונ ווינשט זיין וואָהל זיין. מיר וועהרען אָבער צו פערשטעהן געבען אַזוי הסבר אויף קלעהרונג וואס עס איז ברור כשמש קלאָר וויא די זון וואס איין יעדער איינזעהן מוס דאָס ער איז צו זיין קינד איין עוכר שארו אונ איין אכזרי. אונ דאָס גליק אונ הצלחה אונ דאָס עושר וואס ער פריער האָטע פיליייכט האָבען קענען. טוט ער אום פעראורזאַכען דאָס עס ווירד איהם (נהפך) פערוואַנדעלט. פערקעהרט. צו קימער. אונ עלענד. אונ טרויער.

ליידער עס איז יא בעקאַנט דאָס אין אונזערען פינסטערן היינטיגען דור די תורה ויראת שמים האָט אָב גענאָמען אונ (חוצפא ועזות) פרעכהייט איז (נתרבה) פערמערט. אין פילע געגענדען איז פרוץ מרובה זינד די איבער טרעטער פון די תורה זעהר פיל. אין מעהרערע געגענדען אַזוי גאר פרוץ כעומד זינד די איבער טרעטער אַזוי פיל אַלס די יעניגע וואס די תורה טרייא האַלטען. אין מאַנכע געגענדען פרוץ מרובה על העומד זינד די איבער טרעטער נאָך מעהר אַלס די

וואס

וואס דיא תורה טרייא בלייבן. ווען איינער זיין קינד ניבט איינע מלאכה צו לערנן עס זייא וואס פיר איין מלאכה אימער. דא מוס ער דאך זין וועניגסטענס דרייא יאהר ביי דען מיינסטער וויא ער דען נאמען לעהריונג האט. אונ וועהרענד דיא צייט איז ער משועבד אונטער טעהניג צו דען מיינסטער אונ גזעלין איהנן צו טוהן וואס זיא פון איהם פאדערן. אב עס דיא תורה ערלויבט אודר ניכט. ער קאן ניכט דאווינן עהרליך. ניכט בענשען. אונ דער גלייכן. אונ איבער הויפט שבת מוס ער מחלל זיין. איהרע שטיוועל צו וויקסען. ווען אויך דער פאל איז דאס דער פאטער אויף איהם אויף זיכט האט איהם צו געבן צו אזו מיינסטער וויא ער דיזעס אלעס ניכט טוהן וויר. דאס ניצט אבער דאך ניכט. דען דער פאטער קאן נור אויף זיכט האבן זא לאנג ער איז אין זיין שטאט. אבער נאך דרייא יאהר ווען ער שאן דען נאמען גזעלין בקאמט. זא מוס ער יא וואנדערן אין דיא גרוסע שטעדט. מאנכעס מאל גאר אין וייטע לענדר וויא דיא יידישקייט כמעט פרגעסן איז. אונ דארט קומט ער צוזאמן מיט זאלכע דיא פערשפאטען טוהן אלע מצות פון דיא תורה. אונ דאס איז יא אהנע צווייפעל דאס מיט דער צייט וויד ער אזו אוים געלאסן וויא זיא זינד. דען דער פסוק זאגט (ורוע כסילים ירוע) ווער אפט אין געזעלשאפט קאמט מיט שלעכטע מענשן. צו לעצט וויד ער אויך שלעכט. דער דין איז אין (ש״ע או״ח סימן תרנ״ו) איין הלכה פסוקה דאס איין מענש איז שולדיג זיין גאנץ פערמעגן הין צו געבן ווען ער זיך דאדורך רעטען קאן ניכט עובר צו זיין בפועל ובקום ועשה איין לא תעשה פון דיא תורה. ווען גלייך דיא לא תעשה איז נור איין לאו אליין. פיל מעהר ווען אויך כרת דאביא איז. פיעל מעהר ווען אויך מיתות בית דין דאביא איז. אונ מכל שכן קל וחומר ווען מאן איהם וויל צווינגען דאס ער איבר טרעטן זאל פילע אזהרות דיא וואצלען פון דיא תורה זינד --

נון דוא פאטער וואס דוא האסט דאס קינד געפיהרט דען וועג איינע מלאכה צו לערנן אונ דאדורך איז ער גקאמן צו דיזען אלען. זיין נשמה צו בעשמוצן אונ מטמא צו זיין צו פעראונרייניגן. וויד דען אלע זיבען מדורי גהינם וואנונגען פון גהינם געגוג זיין דיך צו בעשטראפן. ביז דרייצען יאהר האסט דוא דיך גפלאגט אונ איהם געלאסט לערנן דאס ער איין יידישע ערציהונג האבן זאל. דאס ער וויסען זאל עס עקזעסטירט איין תורה. איין בורא. אונ יעצט האסט דוא פעראורזאכט דאס ער אן דיא תורה לייקנען זאל. וויא איז דיין יראה. וויא איז דיין חכמה. וויא איז דיין אמונה. דוא העסט יא זאלן זאגען (וויא דיר דיא מחשבה איז גקאמן איהם איין מלאכה צו לערנן אונ אין דיא פרעמד צו שיקען) ווען איך אויך העטע געוויסט געווים דאס ווען איך וועדע מיין קינד נור לאסען תורה ויראת שמים לערנן וויד ער זיין גאנצע לעבענסצייט געמיין אונ ארים זיין. ווען איך אבער איהם פון דיא תורה וועק נעהמע אונ לאסע איהם לערנן איינע מלאכה אודר געשיקטליכקייטן וויד איהם דאס גליק אזו מצליח זיין דאס ער וויד זיין

איינר

# כלל ג שאלה כח

אֵיינֶער פוּן דִיא רֵייכְסטֶע מֶענֶר פוּן דִיא וֶועלְט · הָדִירָה לִי זָאל מִיךְ הַשֵׁי״ת הִיטֶען אַזוֹ צוּ טוּהְן · דֶען עֶס אִיז בֶּעסֶר טְרִיקֶען בְּרוֹיט צוּ עֶסֶן מִיט גֶעוִויסֶענְס רוּהֶע · אַלְס שׁוֹר אֲבוּס אֵיינֶען גֶעמֶעסְטֶעטֶן אָקְסֶען · מִיט אֵיין אוּנְרוּהִיגֶע גֶעוִויסֶן · דָאס אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע ·

וַוייל דוּא ווִילְסט פֶערְזָארְגֶן דַיין קִינְד דַאס עֶר זָאל דִיךְ קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין אוּנ זָאל הָאבֶּן אֵיין נַאהְרוּנְגְס צְוַוייג · דִיזֶעס הָאט דִיךְ בֶּעוָואגֶן אִיהְם פוּן דִיא תּוֹרָה וֶועק צוּ נֶעמֶן · זַאגֶע אִיךְ דִיר דֶער גַאנְצֶער גְרוּנְד אוֹיף דֶען דוּא בּוֹיסְט אִיז אֵיין יְסוֹד נוֹפֵל בּוֹיפֶעלִיגֶער גְרוּנְד · אוּנ דֶער אֶמֶת אִיז נִיכְט אַזוֹ ווִיא דוּא גְלוֹיבְּסְט · דֶען דִיא גְמָרָא זָאגְט אֵין הָעֲשִׁירוּת מִן הָאוּמָנוּת וְאֵין עֲנִיּוּת מִן הָאוּמָנוּת אֵיינֶע מְלָאכָה פְּרַאפֶּסְיָאן פֶערְדִינְט קֵיין רַייכְטוּם אוּנ קֵיין אַרְמוּטְה · זָאנְדֶערְן דִיא תּוֹרָה שְׁרַייבְּט כִּי ד׳ נוֹתֵן כֹּחַ לַעֲשׂוֹת חָיִל הַשֵׁי״ת גִיבְּט כֹּחַ פֶערְמֶעגֶן צוּ עֶרְוֶוערְבֶּען · חַנָּה הָאט גְזָאגְט אִין דִיא נְבוּאָה ד׳ מוֹרִישׁ וּמַעֲשִׁיר הקב״ה מַאכְט אָרוּם אוּנ רַייךְ · אוּנ שְׁלֹמֹה זָאגְט אִין קֹהֶלֶת לֹא לַחֲכָמִים לֶחֶם וְלֹא לִנְבוֹנִים עוֹשֶׁר פוּן חָכְמוֹת לֶערְנֶן קָאן מַאן זִיךְ קֵיין רַייכְטוּם אוּנ קֵיין בְּרוֹיט פֶערְשַׁאפֶן · נוּר בְּשַׁעַת יְצִירַת הַוָּלָד ווֶען דָאס קִינְד עֶרְשַׁאפֶן ווִירְד אִיז מַאן אִין הִימֶעל אוֹיף אִיהְם גוֹזֵר שְׁמַארְק אוֹדֶער שְׁוַואךְ · גֶעשֵׁייט אוֹדֶער אֵיין נַאר · אָרִים אוֹדֶער רַייךְ · חוּץ צַדִּיק וְרָשָׁע אִיז מַאן נִיכְט גוֹזֵר · דָאס הָאט מַאן גֶעלָאזְט אִין מֶענְשֶׁענְס בְּחִירָה וָואהְל · נוּן פְרֶעגֶע אִיךְ דִיךְ ווֶען דוּא בִּיזְט אֵיין יִיד אוּנ גְלוֹיבְּסְט אַן דֶען בֶּאֱמֶת וָואס דוּא זָאגֶען טוּהְסְט (אֲנִי מַאֲמִין שֶׁהַתּוֹרָה הַמְצוּיָה עַתָּה הוּא מִן הַשָּׁמַיִם) אִיךְ גְלוֹיבּ אַן דִיא תּוֹרָה וָואס בַּייא אוּנְז עֶקְזִיסְטִירְט · דִיא אִיזְט אוּנְז גֶעגֶעבֶּן וָוארְדֶן פוּן הַשֵׁי״ת · נוּן זָאג מִיר וֶועלְכֶע נַארְהֵייט · וֶועלְכֶער לֵייכְטזִין · וֶועלְכֶער שֶׁקֶר · הָאט דִיךְ פֶערְפִיהְרְט דַאס דוּא זָאלְסְט פֶערְאוּרְזַאכֶן אָבּ צוּ שְׁנֵיידֶען דָאס עֶווִיגֶע לֶעבֶּן פוּן דַיין קִינְד · אִיהְם וֶועק צוּ נֶעמֶן פוּן תּוֹרָה לֶערְנֶן אוֹיף דֶען גְזָאגְט ווִירְד כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאוֹרֶךְ יָמֶיךָ זִיא אִיז דַיין לֶעבֶּן אוּנ דַיינֶע לַאנְגֶע יָאהְר אוּנ הָאסְט אִיהְם גֶעפִיהְרְט אוֹיף אַזוֹ וֶועג וָואס אִיהְם זֶעהְר גֶעפֶערְלִיךְ אִיז אוּנ אִיהְם צוּ בְּרֶענְגֶן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיָּה טִיפֶען גֵיהִנָּם · אוּנ דִיא גַאנְצֶע אוּרְזַאכֶע אִיז נוּר דַאס עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין · זֶעהֶע דַיינֶע דוּמְהֵייט מִמָּה נַפְשָׁךְ אִיז אוֹיף אִיהְם נִגְזַר וָוארְדֶען מִן הַשָּׁמַיִם דַאס עֶר זָאל אָרִים אוּנ בְּרוֹיט לָאז זַיין · גְלוֹיבּ מִיר עֶרְלִיךְ הַהוּא אָמַר וְלֹא יַעֲשֶׂה ווִירְד דֶען הַשֵׁי״ת זַיין גְזֵירָה נִיכְט מְקוּיָם אוּנ אוֹיס גֶעפִירְט · וֶוען עֶר ווִירְד זַיין בָּקִי בֶּקָאנְט אִין פִילֶע שְׁפְּרַאכֶען אוּנ ווִירְד זַיין דֶער אוֹיס גֶעצַייכֶענְסְטֶער דָאקְטָער אִין דֶער מֶעדֶעצִין · אוּנ דָאקְטָער דֶער ווִיסֶענְשַׁאפְט · ווִירְד אִיהְם דָאס אַלֶעס נִיכְט נִיצְן זַיין אוּנְגְלִיק צוּ פֶערְקֶערֶן · אוּנ ווִירְד מִיסֶן זַיין כָּל יָמָיו נוֹדֵד לַלֶּחֶם אַיֵּה זַיינֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּענְסְצַייט בְּרוֹיט בֶּעטְלֶען גֶעהֶן — אִיז אָבֶּער אִיהְם בֶּעשְׁטִימְט פוּן הַשֵׁי״ת דַאס עֶר רַייךְ זַיין זָאל · וֶוען עֶר אוֹיךְ אֵיין צַדִּיק גָמוּר זַיין ווִירְד · אוּנ ווִירְד כָּל יָמָיו נוּר פֶערְוַויילֶען אִין בהמ״ד עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה · ווִירְד דָאךְ הַשֵׁי״ת זַיין

גזירה

גזירה מקוים ווערדן דאס ער איין עושר זיין ווירד (ופ"ק חזי כמה צדיקים שהמה עשירים) דאס איז דאס צווייטע . --

דא דאס איין דבר ידוע געוויסע זאכע איז דאס דיא פרנסה פון דען מענשן, אב זיא איהם קאמען זאל אויף איינע לייכטע אונ גרינגע ארט אודר מיט שווערר מיהע אונ גרויסע פלאג . אב ער זיא האבן זאל בריוח בבריט אונ איבערפליסיג . אודר בצמצום ובדוחק געניי אונ גענוגט דאס הענגט נור אב אן דיא מעשים טובים פון דען מענשן וויא ער זיך פיהרט מיט השי"ת זיין תורה אונ זיינע מצות . וויא מיר געלערנט האבן (סוף קידושין) אני נבראתי לשמש את קוני אינו דין שאתפרנס שלא בצער . אלא שהרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי ווייל איך בין בשאפן וואררן השי"ת צו בעדינען זא העטע מיין פרנסה זיין זאלן אהנע קומער . נור מיינע שלעכטע מעשים האבן פערארזאכט דיא פרנסה צו פערקירצען . זא האט אויך דיא תורה פערזיכערט ברורך כלל אם בחוקותי תלכו וא"ת מצותי תשמורו ווען איהר וועט תורה לערנן אונ מיינע מצות געניי מקיים זיין ונתתי גשמיכם בעתו זא ווערדע איך אייך געבן שפע אונ ברכה והצלחה. בעזאנדערס גיבט עס אויך געוויסע עבירות דער וואס זיא עובר איז טוהן זיא איהם פערארזאכן דוחק אונ גרוס עניות. נעמליך דיא עבירה פון חילול שבת. וויא אויך ווען איינער איז פוגם טוט זינדיגען מיט דעם ברית קודש איהם צו פעראונרייניגן דורך שלעכטע געדאנקן דיא ער זיך זעלבסט דאצו ברענגט . אונ ניבול פה חוצפא. אונ עזות רעדן . אונ צו זאמען קאמן מיט נשים ובתולות צו אונטער האלטען מיט שחוק וקלות ראש לאכען אונ לייכטזין. אונ אזו וויא אונמעגליך איז פלאקס אין פייער צו זיין אונ ניכט צו פערברענן . זא איז ריין אונמעגליך דאס דער וואס דיזעס טוט דאס ער ניכט קאמט צו עון זרע לבטלה. פיהל מעהר ווען ער עובר איז אויף גופו של עריות דא דער פסוק שרייבט בער אשה זונה עד כבר לחם. רועה זונות יאבד הון דיא עבירה פון זנות ריכטעט צו גרונד זיין גאנצעס פערמעגן ווען עס נאך אזו גראס איז . דאס ער קאמט אויף דעם שטאנד ברויט בעטלן צו געהן . ,גון דא דוא איין מאמין ביזט . אונ גלויבסט דאס דיא רעד פון תורה שבכתב ותורה שבבעל פה אמת זינד . איבער לעגע דיר נור גוט וואס דוא האסט געטוהן מיט דיין קינד . העסט דוא איהם געלאסט תורה ויראת שמים לערנן ווייטר אונ דאדורך העטע ער געוועזן בחור בטוב ומאוס ברע דען גוטען וועג זיך צו וועהלען אונ דען שלעכטן צו פעראכטן אונ זיין גאנצע רייפע יאהרן ביז צו דיא חתונה העטע געוועזן פרקי נאה אונבעפלעקט . אונבעשמוצט . דאהער ווען פון השי"ת העטע געוועזן נגזר אונ בעשטימט דאס ער איין עושר זיין זאל . זא העטע בודאי אונ געוויס דיא גזירה פון השי"ת אוים געפיהרט געווארדן . דוא האסט אבר ניכט צו פרעגן וויא אזו . דא ער קיין געשיקטער מענש איז . קיין דאקטער . קיין אינזשעניער . קיין אדוואקאט . קיין שפראכקינדיגער . קיין בוכהאלטער -- דען בייא השי"ת איז קיין צוריק האלט צו העלפען

# כלל ג שאלה כח

מיט פיל אודר מיט וועניג והרבה שלוחים למקום להכין מזון ליראיו השי"ת האט פילע שלוחים דען מענשן רייכליך מפרנס צו זיין . דא אבער דיין אמונה גשוואכט איזט . אונ שענקסט השי"י אונ זיין תורה קיין צו טרויען אונ גלויבסט דאס דוא איהם אליין ווילסט גליקליך מאכן מיט דען וועג וואס דוא איהם פיהרסט צו געהן . זעהע נור זעלבסט איין אונ זייא מודה על האמת בקענע דיא ווארהייט . וויא מיט טפשות נארהייט . אונ אולת דומהייט דוא געהאנדלט האסט . דא ער מוז פילע יאהרן אין דער פרעמד זיין צווישן מענשן וויא ער ניכט פון זיא גוטעם זעהט . פיל מעהר ווען ער שטודירען מוז פילע יאהר וואו זיין אומגאנג איז אימער מיט זאלכע מענשן דיא איין אנדערע אמונה אונ איין אנדער דת האבן . אונ וואס בייא אונז דיא אויס געצייכענסטע גרעסטע עבירה איז . איז בייא איהנען דער גראדער וועג . וייל זיא ניכט דארויף געבאטן זינד . זא פערשטעהט זיך יא פון זיך זעלבסט ביז ער פערטיג איז מיט זיין שטודירן . וויא זיין תואר אונ דמות פארים אונ גשטאלט אויס זעהן טוהט אין דיא אמונה אונ אין דען דת . כי מה יעשה הבן שלא יחטא וואס זאל דען דאס קינד טוהן דאס ער ניכט זינדיגען זאל . אונ בעזאנדערס אויף זאלכענע עבירות וואס דער מענש אין דיא יונגע יאהרן גראסען רייץ אונ ליידענשאפט האט -- אונ דוא ביזט צו פערגלייכן וויא דער פאגעל דאייתא נורא לקינה דער וואס זיך אין זיין נעסט זעלבסט פייער ברענגט . דען ווען אויך דיין קינד איז געבארן אין אזו מזל דאס ער זאל גליקליך זיין אונ השי"ת האט אויף איהם גוזר געוועזן דאס ער איין עושר זיין זאל . דיזעס אלעס ניצט אבער ניכט . דא דוא האסט פערארזאכט דאס ער מיט זיינע מעשים רעים שבת שרייבן . אויס שוויינדע וועג צו מאכן . מיט עון זרע לבטלה . מיט זנות גורם איז השי"ת זיין גזירה צו פערהינדערן דאס זיא ניכט קאן אויס גפיהרט ווערדן . דאהער זאג איך דיר נאך איינמאל נעהמע דיר גוט אין אכט אורח חיים פון תפלים דאס דוא דען וועג פון לעבן ניכט אויס טרעטן זאלסט . ווען דוא אויך ארים אונ געמיין ביזט זאלסט דוא אלעס מעגליכע זעהן צו טוהן דיינע קינדער צו ערציהען אויף דען וועג פון תורה ויראת שמים אונ ניכט צו שיקען אין דיא פרעמד . פיעל מעהר ניכט גורם צו זיין (ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם) דאס זיא פערמישט ווערדן צווישן אנדערע פעלקער אונ איהרע מעשים אב לערנן . וויא אויך ווען דוא רייך ביזט . זאלסט דוא ניכט זיין משלם רעה תחת טובה השי"ת אב צו צאהלען שלעכטס פיר גוטעס . געמליך דאס דוא דיך שאן יעצט שעמען זאלסט דיין קינד צו ערציהען אויף תורה אונ יראה וייל דורך דיין רייכטום אונ גראסע געשעפטן קאמסט דוא שאן צוזאמען מיט מענשן דיא זאלכע -- אונ יענע זינד --- ארדענטליכע -- געבילדעטע --- שענער געזאגט דיא כופרים זינד אן תורת משה ורבינא ורב אשי דיא דיך דעסטהאלב פערשפאטען אונ פערלאכן . דארום זאג איך דיר איין דאס דוא יא ניכט פרגעסן זאלסט אן דיא אזהרה כל הפורש מן התורה כאלו פורש מן החיים דער וואס

זיך פון תורה לערנען ערווייטערט . ערווייטערט זיך פין זיין לעבען . ומינה לא תזוע שאין רק מדה טובה הימנה ווייל פיר דען מענשען קיין בעסערע מדה עקזעסטירט דארום זאלסט דוא פון איהר ניכט אב טרעטען . אונ איבער הויפט ניכט נור ניכט צו פערגעסען . זאנדערען תמיד פיר דיא אויגען האבען זאלסט דען ערשטען פסוק אין תהלים (אשרי איש שלא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד) וואהל דען מענשען דער ניכט געהט אין דיא עצה פון דיא רשעים אונ ניכט שטעהט אין דען וועג פון דיא זינדיגער .

## שאלה כט

אב עס איין יושר איז אום זיין זאהן פון מיליטערם פפליכט צו בעפרייען . איהם צו שטודירען לאסען . אודר ניכט ---

## תשובה

ווייל פילע מענשען אום צו רעטען איהרע קינדר דאס זיא זאלען פרייא זיין פון מיליטערם פפליכט שיקען זיא איהרע קינדר ללמוד חכמות חיצוניות צו לערנען פרעמדע קענטניסע הנקרא שטודירען (ווא ער מוס דארט צו ברענגען דרייא יאהר . וויא אויך מאנכעס מאל זעקס יאהר ביז ער זיין שטודיום פערפערטיגט) דאריבר זאג איך דיר וויא פערנארט איז איהר הערץ . בעטראכטע דיר גוט אונ איבער לעגע דיר וויא זאלכע זינר געשלאגען מיט בלינדהייט . אברהם וואר נור דער גיטער ווילען פון איהם זיין זאהן פיר השי"ת צו שעחטען . אין אמת אבער האט ער איהם גאר ניט געשעחטן -- זעהע נור זעהע וויא ווייט דאס דיזער זכות געהט . דאס דורות עולם בייא פילע אונזערע תפלות אונ תחנות ווירד נור געמעלדעט זכור ברית אברהם ועקידת יצחק געדענק דען בונד פון אברהם דאס ער האט זיין זאהן יצחק וואלען שעחטען . נון ווען מיר אונז זאלכם איבער לעגען ווילען . ווען ער העט איהם באמת געשעחטן אונ מקריב געוועזן זא העט ער יא נור איהם איין זאלכעס לעבען וועק גענאמען אונ געראבט וועלכעס אהנע היען נור איין חיי זמניי איז פערגענגליכעס לעבען . דא דער סוף פון איין יעדען מענשען איז נור למות צו שטערבען . אבער דאס עוויגע לעבען פון דען חיות פון זיין נשמה האט ער ניט געוואלט שעחטען . ער האט אבער איהם באמת ניכט מקריב געוועזן . נור זיין מחשבה וואר דאפיר . אונ דעננאך איז דער זכות אזו גראס דאס עס דויערט אונ שטעהט בייא דורי דורות בייא אלע צייט אלטער . יעצט נעהמע דיר איין מוסר איין זאלכער פאטר וואס ער נימט זיינען קליינען זאהן אונ גיבט איהם אין דיא האנד פון איין זאלכען מורה לעהרער ווא ער פערפירט ווירד פון דען דרך האמת ודרך התורה אונ פון דרכי חיים צו דרכי מות פון דען וועג פון דער תורה דער אמת וועג אונ דער לעבענם וועג איז . צו דען וועג פון דען טויד . אונ איהם צו לערנען שפראכען אונ שטודירען . קינדיג צו זיין אין חכמות חיצוניות וויסענשאפטען . דען דאס איז יא גלוי ומפורסם לכל פיר איין יעדען אפענבאר דאס דורך דען ווירד אוים געווארצלט פון זיין הערץ דיא עיקרי אמונה אונ ווירד בייא איהם איינגעווארצלט אלערלייא מינים כפירות . אונ תאות רעות

# כלל ג׳ שאלה כט ל

שֶׁל עֶנְטֶע לַיידֶענְשַׁאפְטֶען · דַאס דִיא נְשָׁמָה פוּן זַיין זָאהְן וִוירְד פֶערְשְׁנִיטֶען פוּן דֶעם עֵץ הַחַיִּים שֶׁלְמַעְלָה וִויא עֶר אִיהְם דַאדוּרְךְ בֶּאֱמֶת מַקְרִיב אִיז פִיר דֶען מט״א · אוּנ נִיכְט נוּר דֶער גוּף אַלֵיין · זָאנְדֶערְן אוֹיךְ דָאס חַיֵּי נִצְחִיִּי פוּן דִיא נְשָׁמָה דַאס עֶר זָאל אִין דִיא טוּמְאָה אַיינְגֶעוָוארְצֶלְט וֶוערֶען כָּל יָמָיו זַיין גַאנְצֶע לֶעבֶּענְסְצַייט · נוּן אִיז רָשָׁע רָע וָועהֶע אוּנ אָךְ דֶען רָשָׁע וֶוען דֶער רַאכֶע טָאג קָאמֶען וִוירְד כִּי גְמוּל יָדָיו יֵעָשֶׂה לוֹ דַאס מַאן אִיהְם בֶּעשְׁטְרָאפֶען וִוירְד נָאךְ זַיין פֶערְדִינְסְט · אִיז דֶען דֶער בְּאֵר שַׁחַת אוּנ שְׁאוֹל תַּחְתִּית אוּנ אֲבַדּוֹן · הִינְלֶענְגְלִיךְ גֶענוּג אִיהְם צוּ בֶּעשְׁטְרָאפֶען אוּנ נוֹקֵם צוּ זַיין וֶועגֶען דִיא רְצִיחָה וָואס עֶר מִיט זַיין זָאהְן גֶעטוּן הָאט· וִויא פֶערְשְׁמִירְט זִינְד אִיהְרֶע אוֹיגֶען דַאס זִיא וִוילֶען פֶערְלֶעשֶׁען דָאס קְלֵיינֶע פַייעֶר מִיט אַיין זָאלְכֶעם פַייעֶר וָואס אוּנְצֶעהְלִיגֶע מָאל גְרֶעסֶער אִיז· דֶען וֶוען עֶר אִיזְט שָׁאן צוּם מִילִיטֶער אַיינְגֶענָאמֶען אוּנ וֶוען זִיךְ אַיינֶע מִלְחָמָה טְרֶעפְט אִיז דַאמָאלְס כְּפֶסַע בֵּינוֹ וּבֵין הַמָּוֶת אִיז עֶר זַיין לֶעבֶּען נִיכְט זִיכֶער (בֶּאֱמֶת אָבֶּער אִיז נִיכְט דִיא נַחַשׁ שְׁלַאנְג מֵמִית · זָאנְדֶערְן דֶער חֵטְא · דֶען אִיז אוֹיף אִיהְם נִגְזַר גֶעוָוארְן דַאס עֶר שְׁטֶערְבֶּען מוּז מַלְאַךְ הַמָּוֶת מַה לִּי הָכָא וּמַה לִּי הָתָם זָא וֶוען עֶר אוֹיךְ קֵיין בַּעַל מִלְחָמָה גֶעוֶועזֶען הֶעט · הֶעטֶע אִיהְם אוֹיךְ דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת אוֹיף גֶעזוּכְט אוּנ גֶעפוּנֶען· אִיז אִיהְם אָבֶּער בֶּעשְׁטִימְט דַאס עֶר לֶעבֶּען זָאל זָא וִוירְד עֶר אִין קְרִיג אוּנ אִין גְרֶעסְטֶען פַייעֶר אוֹיךְ לֶעבֶּען בְּלֵייבֶּען) אָבֶּער נוּר אַיינֶע זָאלְכֶע סַכָּנוֹת מִיתָה וָואס דֶען גוּף בֶּערִירְט · אָבֶּער נִיט דָאס נֶפֶשׁ ־ ·

נוּן אִיבֶּער לֶעגֶע דִיר וִויא וַוייט אִיהְר רוּחַ שְׁטוּת אוּנ שִׁגָּעוֹן גֶעהְט· אוּם אִיהְר זָאהְן צוּ רֶעטֶען פוּן סְפֵק מִיתוֹת הַגּוּף ־־ אַיינֶע זָאלְכֶע מִיתָה וָואס נוּר דֶען גוּף בֶּערִירְט · אוּנ וָוא עֶר נוּר דוּרְךְ אַיין אַנְדֶערְן שְׁטֶערְבֶּען וִוירְד · אִיז עֶר אִיהְם בְּיָדַיִם אַלֵיין מֵמִית מִיתוֹת הַנֶּפֶשׁ אַיין זָאלְכֶע מִיתָה וָואס דִיא נְשָׁמָה בֶּערִירְט · וָואס אַיין מִיתוֹת עוֹלָמִית אִיז עֶוִויגֶע מִיתָה אִיז לְהוֹרִידוֹ לִבְאֵר שַׁחַת דַאס עֶר אִין פִינְסְטֶערְן גֵיהִנֹּם פֶערְפַאלֶען וִוירְד · דֶען דָארְט אִיז זַיין נֶפֶשׁ נִיט אִין סַכָּנָה דֶען זָוען עֶר וַויל אִיז אִיהְם פְרֵייא זַיין גְלוֹיבֶּען צוּ הִיטֶען וָואס אִיהְם מֶעגְלִיךְ אִיז · דֶען אַזוֹ אִיז דַאס בַּפֶעהְל פוּן דֶען מֶלֶךְ יָרוּם הוֹדוֹ דַאס אַיין יֶעדֶער קָאן זַיין גְלוֹיבֶּען אוּנגֶעהִינְדֶערְט פְרֵייא הַאלְטֶען · אוּנ וָואס אִיהְם נִיט מֶעגְלִיךְ אִיז צוּ טוּהְן אוֹנֶס רַחֲמָנָא פַּטְרֵי · פִיר דֶען וִוירְד עֶר בַּיים יוֹם הַדִּין נִיט בֶּעשְׁטְרָאפְט וֶוערְדֶען (אוּנ אִיךְ קֶענֶע פִילֶע דִיא נָאךְ אִיהְרֶען אָבְּשִׁיד צוּ הוֹיז גֶעקָאמֶען זִינְד · אוּנ זִינְד יִרְאֵי שָׁמַיִם בֶּאֱמֶת) זָאלְכֶע אָבֶּר וָואס פִילֶע יָאהְרֶען שְׁטוּדִירְט הָאבֶּען אוּנ דַאדוּרְךְ זִינְד זִיא גֶעוָוארְדֶען כּוֹפְרִים אוּנ פּוֹרֵק פוּן זִיךְ צוּ זַיין · צוּ עֶנְטְלֶעדִיגֶען דָאס עוֹל תּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת · פִיר דִיא אִיז הֶעלְטֶען אַיין הָאפֶענוּנְג דַאס זִיא נָאךְ דִיא אֱמוּנָה אוּנ דֶען דַת פְרֵייא זַיין זָאלְטֶען ־־ ·

**שאלה ל** אִיז זָאלְכֶעס מֶעגְלִיךְ דָאס אַיין מֶענְשׁ נָאךְ זַיין שְׁטֶערְבֶּען דַאךְ אַיין בַּעַל עֲבֵירָה זַיין קָאן אוֹדֶער נִיט ·

תשובה:

**תשובה** ניכט נור דאס עס פערהאנגען איז. ליידער זא גאר דאס עס זיך אפט טרעפען טוהט. דען בוודאי איין מענש דער איין פעסטע אמונה האט דאס דיא תורה איז מן השמים. אונ דאס איינע אויפזיכט איז אויף יעדען מענשענס שריט פון איין אויג וואס אלעס זעהט. אונ דאס דער מענש ווירד בלאהנט אונ בשטראפט פערמעג זיינע מעשים. ווען אויך דאס זיך דאך טרעפט אין דיא יונגע יאהר דאס ער פילמעהר הוטא איז אונ פון דיא תורה איהר וועג אויס טרעטען טוהט. איז נור דיא אורזאך וויל דאמאלס האט דער יצה"ר איין גראָסען חיל ארמעה דען אלע אברים פון דעם גוף זינד איהם ביא הילפיג. דען דיא תאוות ליידענשאפטען ביא דען מענשען ברענגען אין דיא יונגע יאהר אין גראָסען פייער. אונ ער וואר קיין גיבור איין העלד. דאס ער העטע זאלען שטרייטען אונ כובש זיין אונטערדריקען דען (יצר הרע) דאהער ווען אבער דיא יאהרען פון דיא ימי זקנה אלטערס צייטען קאמען דא דאמאלס שאהן דיא תאוות אום זעהר פיר שוואכער אונ אב גקיהלט זינד. ניכט נור דאס ער זיך אכט גיבט ניכט מער צו זינדיגען. זאנדערן ער טוהט זיך זעהר אפט ערינערען אויף דיא חטאים פעהלער וואס ער אין דיא יונגע יאהר געטוהן האט אונ איז דארוף מתחרט. אונ זעהט זיך צו ענטשולדיגען אונ צו ריינינגען מיט וואס נור אין זיין מאכט שטעהט. דאמיט ווען זיין יום פקודה שטערב טאג קאמען ווירד. עס זאל זיין שלום במנוחתו זיינע רוהע זאל אונגעהינדערט זיין.

אבער עס גיבט ליידער פילע זקנים דיא ניכט נור ביא איהרען שפעטען אלטער זינדיגען. זאנדערן אויך ביא איהרען שטערב טאג. וויא אויך נאך איהרען טוידט. מעהר אלס זיא העטען קענען זינדיגען אין איהרע יונגע יאהר (דאס דיר זאלכעס ניכט פיר ווילד פארקאמען זאל) דארום וויל איך דיר איבער זאלכע איינע דייטליכע אויפקלערונג געבען דאמיט דוא דיך וויסען זאלסט צו היטען. דא דיא תורה האט בעפאהלען והודעתם לבניך דאס דער פאטער איז שולדיג זיין קינד צו ערציגען אויף אזו ארט אונ איהם צו פיהרען אויף אזו וועג דאס ער איין ערליכער ייד זיין זאל. אונ דא דער חינוך דיא איינווייהונג וויא ער געוועהנט דאס קינד אין דיא יונגע יאהר איז איין גרונדשטיין פון

דיא

# כלל ג שאלה ל

דִיא פִירוּנְג פוּן אַלֶע שְׁפֶּעטֶערֶע יָאהְרֶן · אוּנ יֶעמֶעהר דַאס דֶער גְרוּנְד בֶּפֶעסְטִיגְט אִיז · דַאדוּרְךְ אִיז דַאס גֶעבֵּייְדֶע דַארוּף אִין גְרֶעסֶרֶע פֶּרְזִיכֶערוּנְג· זָא מוּס עֶר שָׁאהְן אִין זֵיינֶע קִינְדֶר יָאהְרֶען אוֹיף אִיהְם מַשְׁגִיחַ זַיין אוֹפְזִיכְט הָאבֶּן · נֶעהְמְלִיךְ דַאס עֶר נִיכְט גֶענִיסֶען זָאל אָהְנֶע פָאהְר אוּנ נָאךְ בְּרָכָה · אוּנ דַאס עֶר נִיכְט דֶען שֵׁם שָׁמַיִם מֶעלְדֶען זָאל אוּמְזָאנְסְט · אוּנ וֶוען עֶר דַאוִוינְט זָאל עֶר מַלָה בְּמִלָה דַאוִוינֶען · דֵייטְלִיךְ דִיא וֶוערְטֶער זָאגֶען · אוּנ דַאס עֶר אִימֶער דֶענְקֶען זָאל פִיר וֶועהְם עֶר דַאוִוינְט פִילְמֶער דַאס אִיהְם נִיכְט דֶער קִינְדֶר שֵׂכֶל דַאצוּ בְּרִינְגְט דַאס עֶר זָאל מְדַקְדֵק זַיין · אִיבֶּר הִיפֶּעהְן · אוּנ דַאס עֶר קַיין כְּזַיִת בְּרוֹיט עָסֶען זָאל וֶוען עֶר נִיכְט גֶעוַואשֶׁן אִיז · וִויא אוֹיךְ מוּס עֶר גְרוֹיס הַשְׁגָחָה אוֹפְזִיכְט הָאבֶּן אִיהְם צוּ עֶרְווייטֶערֶן פוּן מִדוֹת רָעוֹת שְׁלֶעכְטֶע זִיטֶען· דַאס עֶר אַיין בּוֹשֶׁת פָּנִים זַיין זָאל · קַיין עַזוּת פָּנִים אוּנ מִכָּל שֶׁכֵּן קַיין דִבְרֵי עַזוּת · וְנִיבּוּל פֶּה רֶעדֶען זָאל· אוּנ דַאס עֶר קַיין שַׁקְרָן לִיגְנֶער זַיין זָאל · וִויא אוֹיךְ אִיהְם מַזְהִיר צוּ זַיין · צוּ וָוארְנֶען דַאס עֶר אַם שַׁבָּת זָאל נִיכְט אִין דִיא הַאנְד נֶעהְמֶען זָאלְכֶע זַאכֶען וָואס מוּקְצֶה זִינְד· פִילְמֶעהְר וֶוען עֶר קָאמְט אִין דִיא יְמֵי הַשַּׁחֲרוּת וְהַבַּחֲרוּת דַא דַאמָאלְס דִיא צֵייט זֶעהְר גֶפֶערְלִיךְ אִיז [דַאס עֶר נִיכְט זַיין הֶערְץ מְטַמֵא זַיין זָאל · פֶּרְאוּנְרֵיינִיגֶען מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת נָאךְ צוּ דֶענְקֶען אוּנ זֵיינֶע אוֹיגֶען נִיכְט פֶּרְאוּנְרֵיינִיגֶען זָאל צוּ זֶעהֶן אוֹיף נָשִׁים אוּנ בְּתוּלוֹת וִויא עֶר דַאדוּרְךְ צוּ דִיא שְׁרֶעקְלִיכֶע גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה פוּן עָוֹן זֶרַע לְבַטָלָה קָאמֶען קָאן] מוּס עֶר אוֹיף אִיהְם אֵיינֶע גְרָאסֶע אוּנ גֶענוֹיֶע אוֹפְזִיכְט הָאבֶּן אִיהְם אִין צוֹים צוּ הַאלְטֶען · וִויא אוֹיךְ אִיהְם מַזְהִיר צוּ זַיין נִיכְט צוּ פִיל מְקַשֵׁט גוּפוֹ וּמַלְבּוּשָׁיו וּמְסַלְסֵל שְׂעָרוֹ צוּ זַיין · זֵיין גוּף אוּנ קְלֵיידֶר אוּנ הָאר צוּ צִירֶען אוּנ פִּיצֶען · מִיט אַלֶע אִיהְרֶע צְווייגֶען · אוּנ אִיהְם אָב צוּ זָאנְדֶערֶן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים *) אוּנ זָאל אִיהְם דַאבֵּייא זָאגֶן וֶוען אוֹיךְ דַאס דִיא זַאכֶן זִינְד בֵּייא מַאנְכֶע מענשן

---

*) וְאַשְׁרֵי לְאָבִיו וְאוֹהֵל דֶען פָאטֶער וֶוען אִיהְם דִיא צֵייט אוּנ אוּמְשְׁטֶענְדֶען אוּנ דִיא גֶעגֶענְד עֶרְלוֹיבְּט דַאס עֶר קָאן מְקַיֵים זַיין וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ אִיז גֶעמֵיינְט דַאמִיט דֶער וָואס זֵיינֶע זֶעהְנֶע אוּנ טֶעכְטֶער חֲתוּנָה מַאכְט גַאנְץ אִין דִיא רֵייפֶע יָאהְרֶן ׃

מענשן גלייכגילטיג · אונ ביי מאנכע גרינג געשעצט · אונ ביי מאנכע נעשה להם כהיתר איז עס בעטראכט אלס ווערע עס גאנץ מותר · זאלסט דוא דיר חלילה קיין ראיה נעהמען פון זיא · דען זיא זינד דאך באמת מהדברים העומדים ברומו של עולם זאלכע זאכען וואס זעהר וויכטיג זינד · אויף דען שלמה המלך האט מוכיח געוועזן הילדות והשחרות הבל זאלכע זאכען וואס דער מענש איבר טרעט אין דיא קינדר יאהרן טוהן איהם פראורזאכען זיין פנים שווארץ צו מאכען פון גרוסע צרות אונ יסורים אויף דיא עלטערע יאהרן · אונ דער קשר וואס אלעס כולל איז · איז איהם צו ווארנען דאס ער זיין זאל איין גרוסער שקדן פלייסיג איין מתמיד אין תורה לערנען ניכט דיא גרינגסטע צייט אומזאנסט צו פרשוועדן · אונ ווען דיא יוגענד ערציהונג אויף דיזער ארט איז · גם כי יזקין לא יסור ממנו זא ווירד ער אין דיא שפעטערע יאהרן ניכט נור פון דיזען אלען ניכט אב טרעטן · זאנדערן אויך מוסיף והולך זיין · פרמעהרן מעשים טובים ·

עס גיבט אבער מאנכע מענשן וואס ביי זיא דיא אמונה [ראס השי"ת איז משגיח · אונ נור ער אליין איז זן ומפרנס שפייזט אונ גיבט פרנסה] זעהר שוואך איז · אונ ביי מאנכע גאר אונגלויבליך איז · זאנדערן נור אין דיא מיינונג זינד אם אין אני לי מי לי ווען איך אליין ניכט מיך בעשטרעבע פרנסה צו שאפן · ווער ווירד פיר מיך זארגן · אונ דאס נור דער מענש מיט זיין פלייס אונ ארבייטן קאן מאן זיך עושר אונ גליק פרשאפן · דורך דיא קטנות אמונה שוואכע אמונה וואס זיא האבען איז עבירה גוררת עבירה· איז איין עבירה גורם דיא אנדערע צו טוהן · דאס זיא ווינשן צו זיין פיר איהרע קינדער כרחם אב על בנים וויא איין פאטר דער זיך אויף זיינע קינדר ערבארמט· פיר איהנן צו זארגן אונ איהנן אויף איין זאלכען וועג צו פיהרן דאס זיא זיך זאלן קענן מפרנס זיין · מאנכער איז מחנך זיין זאהן דאס ער איין דאקטער דער מעדעצין זיין זאל · אונ מאנכער דאס ער פילע שפראכען קענן זאל · אד"ג · אונ דיזען צוועק צו ערייכען טוט ער הין געבן זיינע גאנצע שחרות אונ בחרות יונגע רייפע יאהרן · צו שטעהן אין דיבוק חברים אין פרבינדונג מיט זאלכע חבירים וואס קיינע ישראלים זיין · אונ מוס זיך בשעפטיגן מיט ספרים החיצונים

ביכער

# כלל ג שאלה ל

ביכער וואס דיזעס אלעס בייא איהם פֿראורזאכט צו לייקנען אן אללע ווארצלן פון אונזר אמונה. מציאות השם דאס איין בורא עקזעסטירט. השגחה פרטיות דאס איינע בזאנדערע אופזיכט אויף איין יעדן איינצלנן מענשן עקזעסטירט. תורה משמים דאס אונזר תורה פון איהם געגעבן ווארדן איז. שכר ועונש דאס ער בעלאהנט אונ בשטראפט. אונ אזו ווי דאס לערנן פון אונזערע הייליגע תורה איז איהם בייא הילפיג דאס ער דאדורך דען יצר הרע די לײדענשאפטן אונטערדריקן קאן. זא איז להיפך פערקעהרט. עוסק צו זיין חכמות זרות חכמות חיצוניות זיך צו בשעפטיגן אין פרעמדע קענטניסע דאס פראורזאכט צו רייצען אונ צו אונטערצינדן דאס פייער פון דען יצר הרע אונ פון אללע התאות לײדענשאפטן אין זיין הערץ אונ זיין גוף צו צירען מיט אללען מעגליכן. אונ ווען דאס קינד פון דער יוגענד אן פילע יאהרען דורך אייניאנדער אוף אזו וועג ערצאגן אונ אונטעררייכט ווירד. מה יעשה הבן שלא יחטא וואס זאל דאס קינד טוהן דאס ער ניכט זינדיגען זאל. אלעס איז יא דאן בייא איהם היתר קיין ברכות המזון בענשן. קיין תפלה. קיין שבת: וויא אויך אין פארבינדונג שטעהט מיט זאלכע געזעלשאפטן וואס בייא איהנען קריבה דגילוי עריות צוזאמענקונפט פון נשים מיט איהנען צו אונטערהאלטען ניכט נור נעשה כהיתר איז. זאנדערן איינע פפליכט אונ שולדיגקייט איז - דען דאס געהערט אויך בייא זאלכע - צו דער ארט אונ בילדונג אונ מענשהייט - ביז צו לעצט אויך בגופן של עריות דאס מאן גאנץ אויס שווייפענד איז. ופוק חזי מי הנקי מכל אלה בטראכטע נור דיר זאלכע געגוי ווער פון דען ריין איז אונ ווען דאן דער אלטער פאטער זעהט די פיהרונג אונ צאכט פון זיין זאהן דאס ער איז מחלל שבת. רועה זונות. ועל כולם כופר בדי ובעיקרי תורתו. דאן איז ער געוויס מתחרט אונ זאגט וועהע מיר. אך מיר. דאס איך זיין מלאך המות געוועזן בין. דא איך איהם אנשטאט בין ברכי תלמידי חכמים צווישען די שוים ווי מאן תורה לערענט. צווישן ברכי ע"ז די שוים וויא מאן כפירה אונ אפיקורסת לערנט געזעצט האבע. וויל דער פאטער באמת האט נימאהל פערפעהלט תפילן צו לייגן. וויא אויך קיין טריפות געגעסן. פילמער אם שבת קיין ציגארא גרייכערט. אונ דיא אורזאך

דאפון

דאפון איהם אין גימנאזיאם צו שיקן ואר נור דאמיט ער זאל זיך קענין מפרנס זיין . אבער ניכט דאס ער זאל דאדורך איין כופר ווערדן. דאמאלס אבער איז זיין שרייען אונ וויינן אומזאנסט . דען ניכט נור דאס זיין זאהן איז איין מעוות שאינו יכול לתקון איין פערדארבענעס וואס מאן ניכט מער אום בעסערן קאן . זאנדערן דא ער שאהן איין הויכגעבילדעטער מענש איז . פרלאסט ער שאהן דיא פיהרונג פון זיין פאטער אונ מיטר דיא נאך איין וועניג יודישקייט בזיצן . מיט דען ווארט דיא דומע אלטען האבן קיין פרשטאנד -

נון דער פאטער דער וואס האט מעמיד ומעשה געוועזן. פראורזאכט זיין זאהן אויף אזו וועג צו שטעלן " ווען ער אויך שאהן דיא הייכע אלטער ערררייכט האט דאס שאהן ביא איהם דער לוסט פון גרעסטען טהייל פון דיא ליידענשאפטן פרלאשן איז . איז ער דאך איין זקן מנאף איין אוים שווייפענדער זקן . ער איז שאהן זא אלט דאס ביא איהם דיא גרינגסטע בוועהגונג זיינע הענד אונ פיס ציטערן . זיינע אויגען דונקעל. זא דאס זיין בנין הגוף באלד עבר ובטל מן העולם איז . איז ער דאך דורך זיינע מעשים רעים . חוטא ורשע למרות עיני כבודו שלעכטע מעשים . איין זינדיגר צו ווידערשפענצדיגן געגן השי"ת . אונ ווען אויך ער שאהן אין קבר בגראבן איז ושב אל העפר צו דיא ערד צוריק געקערט . אויף דיזע צייט פלעגט דער פסוק צו זאגן במתים חפשי ווען מאן שאהן געשטארבן . איז מאן פרייא פון דיא מצות אונ קאן ניכט מער זינדיגען . ער אבער איז צו יעדער צייט מוסיף על חטאתו פשע פרמעהרט זיינע זינד . דען אזו גיט ווען איינער לאסט צוריק נאך זיין אב לעבן איין קינד וואס איין צדיק איז . איז איהם זא פיל וויא ער הייטע נאך מעכטע לעבן . דען פון וואו ווייס דאס קינד דאס ער געהן זאל אין דרכי יושר אין רעכטשאפענן וועג . אונ זיין זאל איין תמים בכל דרכיו ביא אלע זיינע וועג זיך צו בשטרעבן נור דען אמת צו ערלאנגן . אונ זאל לערנן תורה לשמה. וייל דער פאטער האט זיך מיט איהם מייגע געוועזן במיהט. איהם זא צו אונטעררייכטן אונ אויף זאלכען וועג צו פיהרן . אונ דער פסוק זאגט נוצר תאנה יאכל פריו דער וואס דען פייגען בוים היטעט דער ווירד שפעטער דיא פירות געניסן. זא דאס דיא אלע מצות וואס דער זאהן מקיים איז

# כלל ג שאלה ל לא

ווירד געררופן אויף דעם פאטערס נאמן . זא איז עס אויך ליידער להיפך פארקעהרט ווער האט דען זאהן פערדארבן דאס ער איין כופר איז בה׳ ובתורתו . זיין פאטער דער וואס איז געוועזן איין כופר במקצת עטוואס . אונ האט השי״ת קיין צו טרויען געשענקט דאס ער קאן דען מענשן מפרנס זיין ווען ער אויך נור מיט תורה אונ יראת שמים זיך בעשעפטיגט . דאדורך אן שטאט ער העטע זאלן זיין קינד מגדל זיין ערציהען אויף דיא שוים פון תורה ויראה דיא דען מענשן פערהעלפן איין ערליכר ייד צו זיין . האט ער פערלאזט דען מקור החיים דיא קוועלע פון לעבען אונ האט פערוועכסעלט מיט איין מעין נרפש מקור משחת פערשלאמטע פערדארבענע קוואל מיט איהם צו לערנען חכמות זרות וואס עס איז איין שורש פורה ראש ולענה איינע ווארצל וואס עס מאכט וואקסן ווערמוטה . ביז צו לעצט ברינגט זיא דען מענשן דאס ער איין כופר איז אן אלע ווארצלען פון דיא יידישע אמונה . דאהער דא דאס איין הלכה פסוקה איז פעסט גזעצט דאס הכל הולך אחר המעמיד דאס אלעס ווירד צו גערעכנט דען יעניגן דער דאס פערארזאכט האט . איבער דען ברינגט יא מיט דער גראדער פערשטאנד דאס דיא אלע מעשים רעים וואס דאס קינד אוים איבט ניכט נור דאס דער פאטער מיט איהם חלק כחלק יאכלו צו גלייך בעשטראפט ווערדען ווירד . זאנדערן אויך נוטל חלק בראש איז . ער האט דיא פאהרהאנד בייא דען עונש . דארום איזה חכם הרואה את הנולד זאל דער פאטער בייא זיינע קינדער מגדל זיין צופה מראשית אחרית זיין דיא צוקונפט פאר אויס צו זעהן . דאמיט עס זאל ניכט איין צייט קאמען ווא ער שרייען אונ וויינען ווירד . עס ווירד אבער שאהן צו שפעט זיין . אונ זאל פאלגען דיא עצה פון דען תנא ר׳ נהוראי סוף קידושין איך לאססע צוריק אלע פראפעסיאנען אונ לערנע נור מיט מיין קינד תורה .

**שאלה לא** אב מאנכעס מאהל פיר עלטערן ווינטשענס ווערט איז איהרע קינדער ווען זיא נאך קליין זינד צו בגראבען ר״ל .

**תשובה** אויף דען זאג איך דיר דאס איין זאלכער פאל פערהאנגען איז געהעמליך ווייל דאס תורה לערנען דער לעבענסוועג איז . אונ איז

איין

אַיין תַּבְלִין דֶען מֶענְשֶׁן צוּ רֶעטֶּן פוּן דֶעם יצר הרע אוּנ פוּן לַייְדֶענְשַׁאפְטֶן · דָא אָבֶּר לַייְדֶר אִין דֶעם דוֹר הָאַחֲרוֹן הַיָּתוֹם הַיינְטִיגֶן דוֹר וָואס עֶס אִיז אַיין יָתוֹם אָהֶנֶע פַרשְׁטַאנְד נִתְקַיֵּים בָּנוּ אִין מַאנְכֶע מְקוֹמוֹת עֶרְטֶער כִּי מָאֲסוּ תּוֹרַת ה' דַאס זִיא דִיא הַיילִיגֶע תּוֹרָה פַרְאַכְטֶן ־־ דַא מִימוֹת עוֹלָם אִין דִיא פְרִיעֶרִיגֶע צַייטֶן וָואר אִימֶער רַחֲמֵי אָב עַל הַבֵּן וָואר דֶער פָאטֶער בַּארְמְהֶערְצִיג אוֹיף זַיין זָאהן · אוּנ יֶעצְט אַכְזָרִים הֵמָּה וְלֹא יְרַחֵמוּ זִינְד זִיא אוּנְבַּארְמְהֶערְצִיג · אַזוֹ גָאר דַאס זִיא דִירֶעךְ אִיהְרֶע עֶרְצִיהוּנְג רוֹצְחִים אוֹיף אִיהְרֶע קִינְדֶער זִינְד דֶען דֶער וָואס בָּנִים וּבָנוֹת הָאט זֶעהְנֶע אוּנ טֶעכְטֶער בַּשְׁטְרֶעבְּט זִיךְ נִיכְט מֶעהר קַיין מְלַמֵּד אוּנ מוֹרֶה אוּנְטֶערְרִיכְטֶער צוּ נֶעהְמֶען דֶער אַיין יְרֵא שָׁמַיִם אִיז דַאס זַיינֶע קִינְדֶער אוּנְטֶערְרִיכְטֶעט אוּנ עֶרְצוֹיגֶן וֶוערְדֶען זָאלֶען אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן דִיא תּוֹרָה אוּנ יִרְאָה · גֶעהֶעמְלִיךְ דַאס זִיא לֶערְנֶען זָאלֶען הִלְכוֹת תְּפִלָּה · הִלְכוֹת בְּרָכוֹת · אָדֶר סִפְרֵי מוּסָר · דַאמִיט זִיא זִיךְ צֶעהְמֶען אוּנ עֶרְוַוייטֶערְן זָאלֶען פוּן תַּאֲווֹת וּמִדּוֹת רָעוֹת אוּנ זִיךְ אַיינְגֶען מַאכֶען מִדּוֹת טוֹבוֹת · אוּנ טֶעכְטֶער לֶערְנֶען הָאבֶּען יִידִישׁ טַייטְשׁ לַיינֶען דַאמִיט זִיא אָפְּט בֶּענִיצֶען קֶענֶען זָאלֶען סִפְרֵי מוּסָר מְנוֹרַת הַמָּאוֹר · שִׂמְחוֹת הַנֶּפֶשׁ · קַב הַיָּשָׁר · צְאֶנָה וּרְאֶנָה · מַעְיָן טָהוֹר · אד"ג · זָאנְדֶערְן עֶר נִימְט זִיךְ נוּר אַיין מוֹרֶה דֶער זִיא גֶ"עסְטֶען מְהַייל נוּר אַבְּזִיכְטְלִיךְ אוּנְטֶערְרִיכְטֶען זָאל זִיא מְחַנֵּךְ צוּ זַיין אִין מֶענְשְׁהַייט אוּנ בִּילְדוּנְג · אִין דֶען אִיז פַרְשְׁטַאנֶען דַאס זִיא זִיךְ אַיינְגֶען מַאכֶען זָאלֶען עַזּוּת · חֲצִיפוּת · פְּרִיצוּת · אוּנ פוּן זִיךְ צוּ עֶרְוַוייטֶערְן בּוּשָׁה אוּנ צְנִיעוּת (וֶוען אוֹיךְ דַאס בּוּשָׁה אַיינְס פוּן דִיא דְרַייא מִידּוֹת טוֹבוֹת אִיז · וָואס דִיא אוּמָּה הַקְּדוֹשָׁה אִיז אוֹיס גֶעצַייכֶענְט פוּן אַלֶע שִׁבְעִים אוּמּוֹת זִיבְּצִיג פֶעלְקֶר) וֶוען אוֹיךְ דַאס דֶער פָּסוּק זָאגְט בְּרִית כָּרַתִּי לְעֵינַי מָה אֶתְבּוֹנֵן עַל בְּתוּלָה · אִיךְ הַאבֶּע מִיט מַיינֶע אוֹיגֶען אַיין בּוּנְד גֶעשְׁלָאסֶען נִיכְט צוּ זֶעהְן אוֹיף אַיינֶע בְּתוּלָה · וְאָסוּר לִשְׁאוֹל בִּשְׁלוֹם אִשָּׁה מַאן דַארְף נִיכְט גְרִיסֶען אַיינֶע אִשָּׁה · וְכָל זְמַן שֶׁמַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם אִשָּׁה גּוֹרֵם רָעָה לְעַצְמוֹ וְסוֹפוֹ יוֹרֵשׁ גֵּיהִנָּם · וּבוֹשֶׁת פָּנִים לְגַן עֵדֶן דֶער וָואס פִיל רֶעדֶען טוּהְט מִיט אַיין אִשָּׁה אִיז זִיךְ גּוֹרֵם פִיל שְׁלֶעכְטֶס אוּנ צוּ לֶעצְט קָאמְט עֶר אִין גֵיהִנָּם · אָבֶּר דֶער וָואס שֶׁאֲהָן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזֶען דַאס עֶר מֶענְשְׁהַייט אוּנ בִּילְדוּנְג בֶּעזִיצְט אִיז שֶׁאֲהָן תּוֹרָה חֲדָשָׁה מֵאִתָּם תֵּצֵא הָאבֶּען זִיא שֶׁאֲהָן דִיא קֶעקְהַייט דִיזֶעם אַלֶעס צוּ פֶערְאַכְטֶען · זֶעהֶע דִיךְ נוּר אוּם אוּנ בֶּעטְרַאכְטֶע אִיהְרֶע פִיהרוּנְג ־־ אַנְשְׁטַאט סִפְרֵי מוּסָר פוּן דִיא מַאן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּנ מִדּוֹת טוֹבוֹת אָב לֶערְנְט בֶּעשֶׁעפְטִיגְט מַאן זִיךְ לִיבֶּער מִיט סִפְרֵי חֵשֶׁק וַעֲגָבִים טֶעאַטֶער שְׁטִיק וִויא אִיהר אִינְהַאלְט אִיז עַזּוּת · חוּצְפָּא · נִיבּוּל פֶּה · אוּם דָאס פַייעֶר פוּן דִיא תַּאֲווֹת לַיידֶענְשַׁאפְטֶען צוּ רַייצֶען · אוּנ דֶען יצר הרע צוּ עֶנְטְצִינְדֶען · וְתַחַת כְּבוּדָּה בַּת מֶלֶךְ פְּנִימָה דַאס מִדּוֹת הַצְּנִיעוּת מִיט בְּרִינְגְט דַאס אַיין בְּתוּלָה זָאל נוּר אִין אִיהר הוֹיז בְּלַייבֶּען · עֶרְפָאדֶערְט דִיא בִּילְדוּנְג דַאס מַאן עַזּוּת אוּנ פְרֶעכְהַייט בֶּזִיצֶען זָאל זֶעהר אָפְט דִיא גַאסֶען אוּנ שְׁטְרַאסֶען צוּ בַּזוּכֶען · אוּנ אִיהר גַאנְג בְּגַאֲוָה מִיט שְׁטָאלְץ אוּנ בְּקוֹמָה זְקוּפָה זַיין זָאל אוֹיף רֶעכְט · אִיז אַיין יֶעדֶען

# כלל ג שאלה לא

מענשן צו בגריסען אונ באוויל קאמען אונ מיט איהם מרבה שיחה צו זיין פיל צו רעדען מיט דיא צו געאייגענטע קופלאמענטען · אונ ווען אויך דאס דיא גמרא זאגט (זמרי בביתי חורבא בביתי) אין דען הויז וואו וועגען אונטערהאלט ניכט לצורך מצוה ושיר ושבח להי וועגען איין מצוה אונ לניב אונ דאנק צו השי"ת זענגעריא אונ מוזיק געהערט ווירד · ווירד צו לעצט חרוב אונ וויסט· ואודני דשמעה זמרי תעקר וקול באשה ערוה איין אוהר וואס עס הערט זענגעריא זאל אויס געריסען ווערדען · זא ווייט זינד זיא ליידער אין מאנכע שטעדט מיט בלינדהייט געשלאגען אונ פרנארט דאס זיא גלויבען · דא עס אבער יעצט דיא בילדונג עס ערפאדערט ניכט נור דאס עס שאהן מותר איז · זאנדערען אויך איין יעדען ערליכען פאטער איז איין שולדיגקייט דאס ער זאל זארגען זיינע טאכטער אויף זאלכען וועג צו פיהרען דאס זיא געאייגענט זיין זאל איינע חצופה אונ שרוצה צו זיין נעהמליך דאס זיא זאל בקי אונ מלומדת זיין געדרונט אונ געאיבט אויף קאטער אונ קלאוויר צו שפילען אום דאס זיא זאל קענען שפעטר הוטא ומחטיא רבים זיין פילע זינדיגען מאכען ווען זיא ווירד קענען פיר פילע מענער קאנצערט געבן (ווערע זאלכע אהרן וואס זאלכעס הערן) נון ווען זיא איז אזו ערוואקסען אונ ערצויגען גוואָרדען בכל משך ימי נערותה ובגרותה וועהרענד איהרע גאנצע יוגענד יאהרען איין פרייעס לעבען צו געניסען · ווען עס קאמט דער זמן פון איהר חתונה צו וועלכען מאן ווירד זיא איינוויליגען זיין אשה צו זיין · צו איינען וואס יראת שמים האט בתמיה ‒ דען וויא ווירד ביא איהר אויס זעהן דיא שמירה פון דת משה דיא ערוויישערונג פון איהרען מאן בזמן נדותה · אונ דיא גענויע בעאבאכטונג פון דיא שבעה נקיים זיבען ריינע טעג · וויא אויך פון פרישה סמוך לוסתה · דאס פרשטעהט מאן שאהן פון זיך זעלבסט .. אונ וויא ווירד ביא איהר אויס זעהן דיא שמירה פון דת יהודית אין הינזיכט צניעות בשיידענהייט מיט גילוי בשר · גילוי שער · אין פריצות פון בגדים · אין שינוי שם ולשון · דאס קאן מאן שאהן לייכט איינזעהן ‒ ווירד זיא דען ניכט זאגען האט דען מיין פאטער אומזאנסט אויף מיר אזו פיל געלד פרווענד דאס איך מיינע אויגען עפענען זאל דורך דיא בילדונג · אונ יעצט דא איך זיא שאהן אפען האבע איז ניכט פערהאנדן קיין תורה · קיין גמרא · דיך מיך צווינגען ווערדען דאס איך זיא מיר צו דריקען זאל · אונ אויף דיזע ארט ווערדען אויך ערצויגען דיא בנים זעהנע אונ ווען ער אזו זיינע ימי שחרות אונ בחרות יוגענד יאהר צו ברינגט עד שנתגדל והיה לאיש ביז ער ערוואקסט איין מאן צו זיין · אוי לעינים שככה רואות וועהע זאלכע אויגען וואס זאלכע פיהרונג פיר זיך זעהן ‒ כמה מבוערים דרכיו כמה מגונים מעשיו וויא שענדליך זינד איהרע מעשים · וויא אויס גלאסען זינד איהרע וועג · דאס איהם אלע מדות רעות איינגען זינד · דא ער זיך פון דיא תורה דיא דען קראפט האט דען מענשן צו לייטערן אונ צו פרפיינערן · ערווייטערט האט · אונ ווען דיא צייט קאמט דאס ער

זאר נושא אשה זיין התונה האבן . זוכט ער געווים אזו איין הויז וואס נור זיינם גלייכן איז . אונ נון ויא וועהדן שפעטר הין דיא תולדות קינדער פון זאלכע אום זעהן ג פון גפן סדום ווינשטאק פון סדום . קאמען אשכלות מרורות ביטערע טרויבן . דען דיא בני בנים ענקליך זינד ויא איין קינד וואס גפאנגן איז ווארדן צווישן נכרים . דען זיא האבן ניא געהערט ויא דיא ערציהונג אונ דער אונטעריכט פון איין זרע כשר ערליכם קינד פון ישראל זיין זאר . נון דער חכם וואס רואה את הנולד איז . אונ ווען ער בעטראכטעט הייטע איהרע ערציהונג . זעהט ער שאהן פאר אוים איהרע צוקונפט ויא וייט זיא שפעטר הין ווערדן קאמן אין הינזיכט פון הירום אמונה ודת דאס זיא דיא פארשייפט פון דיא תורה גיכט נאך פאלגן ווערדן . זא בעדויערט ער אין זיין הערצען איהר פאטר אונ מוטר אונ זאגט דאביא עס ווערע בעסר פיר איהנן דאס זיא איהרע קינדר בעגראבן זאלן ווען זיא נאך קליין זינד דא זיא דאמאלס איהר נשמה נאך ניכט מיט עבירות בשמוצט אונ בפלעקט האבן . אלס זיא שטערבן זאלן שפעטר הין ווען זיא שאהן מיט פילע מעשים רעים זיך איינגעשולדיגט האבן ---

**שאלה לב** דאס אלגעמיינע ווארט דאס דיא יעניגע דיא דיא תורה מיט חכמות חיצוניות פרעמדע קענטניסע מרכיב זיין ווילען צוזאמן געמן . דאס ניט מעגליך איזט דאס זיא דיא עיקרי אמונה טריא זיין זאלן -- אב דיזעס נור איינע מיטמאסונג . אודר איין פעסטער גרונד זאטץ איז .

**תשובה** אוף דען זאג איך אייך דאס דיזעס באמת איין אבן פינה עקשטיין אונ יתד שלא תמוט איז פעסטר נאגעל דען מאן ניכט רירען קאן . איהר קוראים הנעימים געליבטע לעזער . איך וייס וואהל דאס דיא הטאים בנפשותם דיא יעניגע וואס איהר נשמה פרזינדען (וואס תורה לערנן פרלאסן אונ טוהן זיך בשעפטיגען מיט חכמות חיצוניות אדער נאך ערגער דיא וואס ביידע צוזאמען פראייניגען ווילן) אום זיך רעכט צו פערטיגן . ווערדן זיא אייך איבער רעדן דאס מאן קאן איין ירא שמים זיין ווען גלייך דאס מאן זיך בשעפטיגט מיט חכמות חיצוניות. דאריבר בין איך אייך מזהיר וואהרנען אונצעהליגע מאהל אל תאבה גיבט איהנן קיין געהער -- גיבט אכט אוף אייער נפש . טרענט אייך אונ וייכט אוים פון זאלכע אנשים המסיתים פרפיהרער דען דער וואס וויל געוויי בעטראכטן באיבות אונ בכמות זיינט איינגע יאהר זיא דער

# כלל ג שאלה לב

אֱמֶת אוּנ דִיא אֱמוּנָה גֶעפַאלֶען אוּנ גֶעזוּנְקֶען אִיז · אוּנ וָוער דֶער פָּערְאוּר זַאכֶר וָואר · פַרְשְׁטֶעהְט דַאס דִיא אַלֶע אָהנֶע אוּסְנַאהמֶע וָואס זִיךְ בִּשְׁטְרֶעבֶּן מַרְכִּיב צוּ זַיין דִיא תּוֹרָה אוּנ יִרְאָה מִיט לְשׁוֹנוֹת הָעַמִּים וְחָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת פְרֶעמְדֶע שְׁפַּראכֶן אוּנ פְרֶעמְדֶע קֶענְטְנִיס · דַאס נוּר זִיא עֶס זִינְד · אוּנ זִיא זִינְד דִיא אֶ מֶ תְ דִ י גֶ ע מִ י סִ י אֶ נֶ ע ר וָואס דִיא יִדִישֶׁע קִינְדֶער פַּרְאִירַאכֶן צוּ דִיא שְׁמַד צוּ גֶעהֶן · דֶען אִיז דֶען אִין דֶען וָוארְט כְּפִירָה אוּנ שְׁמַד נוּר פַרְשְׁטַאנְן דַאס עֶר גְלוֹיבֶּן מוּס אַן דֶען אוּן גִלְיוֹן · אָדֶער אַלְקִירָאן זָאנְדֶערֶן דֶער וָואס לַייגְנֶעט אַן דִיא עִיקְרֵי אֱמוּנָה וָוארְצְלֶן פוּן דֶען גְלוֹיבֶּן · הֵייסְט אַיין כּוֹפֵר] אוּנ דֶער אֱמֶת אִיז אַיין עֵד צֵייגֶן פִיר זִיךְ אוּנ אַיין זַאכֶע וָואס מְפוּרְסָם אוּנ אָפֶּענְבַּאר אִיז בִּרוּיךְ מֶער קֵיין רְאָיָה בַּוֵויז · אוּנ דַאס אַיין יֶעדֶער דֶער וָואס אַיין זָאלְכֶען וֶועג גְנַאנְגֶן אִיז · ווִירְסְט דוּא נִיכְט פִינְדֶען אַייגְן פוּן טוֹיזֶנְד דַאס עֶר קֵיין כּוֹפֵר אוּנ אַפִּיקוֹרֶס זַיין זָאל · אִיז עֶר עֶס נִיכְט פְרַייא · זָא אִיז עֶר עֶס אִין פַרְבָּארְגֶענֶן - צוּ מֶ ע הֶ רֶ ע אִיבֶּרְצֵייגוּנְג לֵךְ מִנֶּגֶד לְאִישׁ כְּסִיל גֶעהֶע נוּר אַייגֶן זָאלְכֶן מֶענְשֶׁן גֶעגֶען אִיבֶּר אוּנ בַּטְרַאכְטֶע דִיר גוּט אוּנ גֶענוֹי זַיינֶע וֶועג אִין הִינְזִיכְט מִצְוֹת מְקַיֵּים זַיין · אוּנ זַיינֶע תְּפִלּוֹת · אוּנ זַיין הוֹיז פִיהְרוּנְג · אוּנ זַיינֶע מִדּוֹת . אוּנ זַיינֶע גִידוּל בָּנִים קִינְדֶער עֶרְצִיהוּנְג · אוּנ דִיא הַדְרָכָה אוּנְטֶערְרִיכְט פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים · אוּנ וִויא וַוייט זַיין אַהֲבַת הַכָּבוֹד · וְאַהֲבַת הַמָּמוֹן עֶהר גֵייץ · גֶעלְד רֵייץ · גֶעהְט · זָא ווִירְסְט דוּא זֶעהְן שֶׁאִם תְּכַסֶּה שִׂנְאָה בְּמַשָּׁאוֹן תִּגָּלֶה רָעָתוֹ בְּקָהָל וֶוען מַאן זִיךְ נָאךְ אַזוֹי פֶּערְמֶענְטֶעלְט צוּ לֶעצְט ווִירְד זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעזִינְנוּנְגֶען עֶנְטְדֶעקְט -

זְכוֹר יְמוֹת עוֹלָם בִּינוּ שְׁנוֹת דוֹר וָדוֹר גֶדֶענְקֶע אוּנ לַאסֶע דִיר עֶרְצֶעהלֶען פוּן דִיא פְרִיעֶרִיגֶע צַייטֶען וָואס עֶס אִיז גֶוֶועזֶן בְּדוֹר שֶׁלְּפָנֵינוּ דֶער סוֹף פוּן זָאלְכֶע וָואס עֶס הָאבֶּען זִיךְ בַּשֶׁעפְטִיגְט מִיט חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת אוּנ דַאבַּייא זִיךְ פֶערְקְלַיידֶעט הָאבֶּן אוּם דִיא וֶועלְט צוּ וַוייזֶן דַאס מַאן קָאן דָאךְ דַאבַּייא אַיין יְרֵא שָׁמַיִם זַיין - טוּהֶע דִיךְ נוּר גֶענוֹי עֶרְקוּנְדִיגֶן וִויא דִיא פִיהְרוּנְג אִין הִינְזִיכְט יִדִישְׁקֵייט פוּן אִיהרֶע לֶעבֶּענְסְצַייט וָואר · אוּנ וִויא דִיא רוּחַ הַבְּרִיּוֹת פוּן אַנְשֵׁי דוֹרָם אִיז גֶוֶועזֶן נוֹחָה מֵהֶם וִויא אַזוֹי זִיא וָוארֶן בֶּעלִיבְּט בַּייא דֶען דַאמָאלִיגֶן דוֹר·

און

און מיט וואס פיר איין שם ריח זיא זינד פון דיא וועלט נפטר געווארדן וועג גגאנגען - אונ וואס פיר איינע קינדער אונ קינדס קינדער אין הינזיכט תורה ויראת שמים זיא האבן צוריק גלאסט • אונ וויא דיא פיהרונג פון איהרע תלמידים וואר • ועל כולם איבר אלען זעהע אוף דען ארט אונ אוף דען ציבור געמיינדע וואס אונטער איהרע פיהרונג שטעהט וויא איהרע יראת שמים אוים זעהט • וויא איהר שטרעבען נאך תורה אונ מעשים טובים איז • וויא ביי דיא נשים אונ בתולות דיא דרכי צניעות אוים זעהן - אונ בטראכטע דיר דיזעם אלעם וויא עם אום גזעהן האט אין דיא פריערינגע צייטען דאמאלס ווען נאך יידישע קינדער זינד גוועזן אוים געצייכענט מיט שם אונ לשון • אונ מלבוש והכם -- דאמאלס ווירסט דוא דען אמת איינזעהן •

ווען דוא ווילסט אויך מלמד זכות זיין זיא צו פערמיידיגן דאס דער פסוק זאגט (כל באיה לא ישובון) דער פרעמדע קענטניסע לערנט איז ניכט מעגליך דאס ער דען יידישן דת טרייא בלייבן זאל איז נור געמיינט איין רוב איין גרעסטן טייל דאפון • עם קאן אבער דאך איין מיעוט מאנכע זיין דיא דאך יראי שמים זיין קענן • נון האבן מיר שוין מעהר קיין אזוי קראפט צו שטרייטן דיא וואס זאלכם טוהן ווילן • וויא מאנכע באמת זאגן אזוי — זאג איך דיר דאס איך על משמרתי אעמודה איך בלייבע נאך ביא מיינען גרונדזאטץ • דען אין דיא גאנצע תורה איז דער דין דאס מיר געהן נאך דען רוב • ווען מאן אבער דן איז אויף הצלות נפשות אונ פיקוח נפש מענשן צו רעטן • מיסן מיר חייש זיין אכטען אויף דען מיעוט • אונ איזט ניכט נור ערלויבט זאנדערן איינע מצוה מחלל שבת צו זיין • ווען אויך איין זעלטענער פאלל זיין קאן דאס מאן איהם רעטן זאל • דען אזוי טייער איז ביי השי"ת דאס לעבן פון איין יידישע נשמה ווען אויך דאס עם נור איין חיי שעה איינע קורצע צייט לעבן קאן • פון חיי זמני איז פון דען לעבן וואס אהנע היען נור פערגענגליך איז • אונ דא דאס פון זאלכע דאס רוב רובא דמנכר ונראה לעינים אויגן שיינליך דער גרעסטער טייל געהן לאבדון ולמיתה נצחיות דאס זיא פון עוויגן לעבן אוים געראטעט ווערדן • (מי הוא זה ואיזה הוא) ווער איז דער יעניגר וואס זיך מתיר איז למיתה אונ לאסט שטעהן דאס רוב אונ איז זיך

סומך

# כלל ג שאלה לב לג

סומך על המיעוט . דען ווען נור דאס מיעוט פון זאלכע מעכטן זיין כופרים . און דאס רוב יראי שמים וואלט אויך איין איסור גרול זיין איין זאלכן וועג צו געהן - זעהע אין (עת לעשות חלק ב שאלה כט) אזוי ווירסט דוא אויף דיין שאלה איינע דייטליכע ריינע אמתדיגע אויף קלערונג פינדען דאס דוא זעלבסט איינזעהן ווירסט דאס דיר שוין נימאלס מעהר קיין צווייפעל צוריק בלייבן ווירד אב דיעזעס נור איינע מוטהמאסונג איזט .

**שאלה לג** ערקלערע מיר דען טעם ווארום מאן זיך ערוויטערן מוס זיינע קינדר ניכט אונטערריכטען צו לאסען פון זאלכע מורים דיא ניט פעסט אין דיא אמונה זינד .

**תשובה** ווייל מאנכע עלטערן געבן אירע קינדר צו זאלכע מלמדים וואס ווערדן לעהרערס גערופן [ווען אויך דאס איהנן בקאנט איז דאס זיא מן הסתם גרעסטן טיילס אפיקורסים וכופרים זינד] ווייל זיא פריווען איהרע קינדר און זיא דיא פרשה חומש מיט רש״י און דאס עמוד גמרא גהעריג קענן -- זאגן זייא וואס געהט דען אונז אן דאס ער איין אפיקורס איז . אונזערע קינדר לערנן יא נור פון איהם דיא תורה . צווייטענס ווייל ער אויך איין קענער אין שרייבן און לעזען איז . און זאלכעס בענעהטיגט יא דיא היינטיגע וועלט -- .

דאריבער בין איך געצוואונגען (מבריז ומודיע צו זיין) אייך בקאנט צו מאכן . און צו שרייען בקול . זאלכע יידישע קינדר דיא זיך נאך מייחס זיין ווילן נאך אברהם יצחק ויעקב . און איהר אמונה און דת ניכט נור פיר אלען אין דער וועלט ניכט פרטזישן . זאנדרן אויך ניכט צו פרשווכן און צו פערוועניגערן ווילן . דם זיא זיך פון זאלכע וועג ערווייטערן זאלן וויא מאן זיך פון איין געפעהרליכען פייער שוט ערווייטערט . דען דער זוהר הקדוש זאגט עץ הדעת טוב ורע איין זאלכן בן תורה דער חכמה בעזיצט וואס עם ווירד אנגערופן טוב . ער בעזיצט אבער אויך אפיקורסת וואס עם ווירד אהנגערופן רע זאלסט דוא דאס גוטע אויך ניכט פון איהם געניעסן ווייל זיין תורה טמא ומטומא איז . און ווייל דיא חכמז״ל אונז אויף זאלכן מזהיר

זיין

זיין טוהן וואהרנען · מיסען מיר עס טרייא נאך פאלגען ווען מיר
עס אויך ניכט פרשטעהן · דען ווען איינער שוין צווייפלט אב דיא
דברי חכמז"ל רעד פון דיא גמרא · אמת זינד · זא איז שאהן זיין
פסק מפורש אוהרטייל אוים גשפראכן · מלגלג על דברי חכמים נידון
בצואה רותחת דער יעניגע וואס ער פרשפאט דיא גמרא ווירד
בעשטראפט מיט פייעריגע צואה (נתן עיניו בו ונעשה גל של עצמות)
אדער דאס זיין לעבן באלד פרקירצט ווירד -- פילמעהר דא מיר
עס ליידר ליידער פיר דיא אויגן זעהן דא פילע יונגע קינדר ווען
גלייך דאס זיא פון יידישע עלטערן אהער שטאמען און איהר גאנצע
לעבענסצייט יידישע פירונג פאר זיך געזעהן האבן · דענאך זינד זיא
כופרים פון פילע עיקרי אמונה דאס זיא זיך ערלויבן מיט פיהל
רעד פון עזות און חציפות געגן דיא תורה און גאנצע יידישע
פירונג אויף צו טרעטן · און ווער האט זאלכעם פעראוהרזאכט ·
ווייל זיא אין איהר יוגענד פיעל חלב ארסיי גיפטיגע מילך געזויגט
האבען · דען דער פסוק זאגט חמר רשע מצור רעים דער פושעי
ישראל · דער כופר איז ניכט בעגניגט און צו פריעדען דאס ער איין
משומד להכעיס פיר זיך אליין איז · זאנדרן ער בשטרעבט זיך דאריבר
ביא פילע יידישע קינדר איהר אמונה צו פרלעשן און אוים צו
רייסן · דארום ווערענד דיא צייט וואס דיא תלמידים בייא איהם זינד
אונטעריכטעט ער זיא מיט זאלכע רייד וואס זיא זיך דאפון ארויס
נעמן קענן (לית דין ולית דיין) קיין אויפזיכט קיין תורה - נעמליך
ווען ער צו פילע זאלכע שטעלען און פסוקים קאמט וויא איהר זין
איז שכר ועונש דאס השי"ת בלאהנט און בשטראפט · תורה משמים
דאס אונזר תורה פון השי"ת געגעבן ווארדען איז · צום ביישפיעל
אשר יעשה אותם האדם וחי בהם דורך דיא תורה גענוי נאך צו
פאלגען ערלאנגט מאן איינסט דאס עוויגע לעבן · כי היא חייך ואורך
ימיך נור דורך דיא מצות צו בעאבאכטן ווערדן דיינע יאהר פרלענגערט
וואו ער דאס יונגע קינד אויף קלעהרן מוס דאס גאנץ (חיי עולם הזה)
דאס לעבן פון דיזער וועלט · נור איין פאהר הויז איז · און דאס
וואהרע חיות איז נור ליום שכולו ארוך אויף דיא קינפטיגע וועלט
דיא אונאויפהערליך איז · אדער צו איין זאלכע שטעלע וואס

פרמעג

# כלל ג שאלה לג

פערמעג אונזער שוואכן שכל ניט צו פרשטעהן איז · צום ביישפיעל אין דיא פרשה פון ויצא (ויקח את האבן מה שפירש"י שם) דיא אויף קלערונג פון רש"י שהחזיק מיעוט את המרובה דאס איין קליינער פלאטץ האט אין זיך אזוי פיעל מענשן האלטן קענן אלס איין גרויסער פלאטץ · זא ווערדן יא איהם געוויס זיינע תלמידים פרעגן וויא קאן זאלכעס זיין · דאס ער תשובה געבן זאל מיינע קינדער זייט ניכט איבער אײלט דען דיא חכמות התורה איז אחכמה והיא רחוקה דיא קענטנים פון דיא תורה איז זעהר טיעף אונ שארף זיניג · אונ דען פסוק האט ברוה"ק געזאגט איין זאלכער מענש וואס מעהר חכם וואר אלס אלע מענשן · דאריבער ווען עס אויך ביא אונז אונבעגרייפליך איז (איז נור דיא אורזאך דאפון דאס אונזער שכל קורץ זיכטיג איז) זאלט איהר וויסן בבירור גמור אהנע דען גרינגסטן צווייפעל דאס עס דאך אמת לאמיתו איז דיא ריינע וואהרהייט אזוי איז. אונ דער גלייכן · וויא קאן אבער אוים איין לב ערל משוקץ ומתועב פערשטאקטעס הערץ וואס בעשמוצט אונ פראונריינגט איז · אונ אוים איין (פה טמא ודובר נבלה) טמא מויל · וויל עס פון פערשידענע פערבאטענע רייד זיך ניכט צוריק האלט · זאלכע רעד ארוים געהן דאס ער ווירד נאך דיא תורה ערהעבן אונ פרהערליכן · זאנדערן ער זאגט — דאדורך ווירד ביא דען קינד דער ווערט פון דיא גאנצע תורה פיעלמעהר פון תורה שבעל פה ניכט נור פרקלענערט זאנדערן פעראכט · אדער צו דען פסוק עיני ה' משוטטות בכל הארץ אשר עיניך פקוחות לכל דרכי בני אדם דאס דיא אויפזיכט פון השי"ת אין דיא גאנצע וועלט אויף איין יעדן מענשנס שריט געגוי געריכטעט איז · ווען ער אויך זאלכעס דען קינד גרינדליך צו פערשטעהן גיבט דאס ער דען פסוק טרייא נאך זאגן טוהט · וויל דאס אבער איינע געוויסע זאכע איז דאס דיא צינג איין קולמס הלב איין פעדר פון דען הערצן איז · זא איז ניכט מעגליך דאס זיין אפיקורסיש הערץ צו לאסען קאן דאס ער ניכט דאביא צו לעצט איין שפעטיש לעכערליך ווארט פאלן לאסען זאל ווא ער דאביי זאגט איך בין אבער פיר דיא וואהרהייט פון דען אלען דיר קיין (ערב) גוטשטעהער -- אונ דער גלייכן ליצנות] נון זיין זאלכע עלטערן ניכט

ווייט

ווייט ערגער אלס רוצחים דא זיא אירע אייגענע קינדר איהר לעבן בעגזלין אונ ניכט נור דאס חיי שעה זאנדערן חיי עולם אונ צו דען גשעפט דאס זאלכע מורים לעהרער דען כח קראפט האבן זאלען (להיות צודד נפשות צאן קדשים) דאס מאן מעהרערע יידישע קינדר פערפיהרן קענן זאל. גהער דאצו דאס מאן גרויסע תפילן לעגען זאל. וויא אויך ר"ת תפילן · אונ אין מאנכע געגענדן וויא זיך דער המון נוהג איז (תקנות עזרא) טעגליך אין מרחץ צו געהן. מוס ער דאס אויך מיט מאכן -- אונ וועגן דען צווייטן (עיין לעיל בכלל זה שאלה כח) ווירסט דוא זעלבסט איינזעהן אונ פרשטעהן דאס זאלכס דאס גרינגסטע אונ מינדעסטע ניכט העלפן אונ ניצען קאן -- ווינשט עס אבער איין פאטר דאך פון זיין קינד. זא זאל ער עס לערנען ביא איין מורה לעהרער דער איין גוי איז. אבער נור דאס דער מורה צו איהם אין זיין הויז קאמן זאל.

## שאלה לד

אויף וועלכע ארט דיא אהבה פון דען פאטר אויף זיין זאהן זיין זאל. --

## תשובה

אויף דען זאג איך דיר דא מיר געבאטן זינד ואהבת את ד' דאס מיר זאלן ליב האבן השי"ת אונ זיין תורה. אונ דיזעס איז דיא ערשטע אונ דיא גרעסטע אהבה. זא מוס דיזע אהבה פערוורזאכן דאס דיא אלע אנדערע אהבות וואס עס אויף דיא וועלט עקזעסטירען דורך איהר געשוואכט ווערדן. געמליך עס ליגט אין דיא נאטור דאס איין יעדר פאטר ליב האט זיינע קינדר אונ דיא ליב איז אונבעגרענצט. אבר ביא דען ערליכען יידען וואס ביא זיין גאנצע לעבענסצייט דיא ריכט שניר פון אלע זיינע אונטערנעהמונגען איז נור דיא היילינע תורה אונ איהרע מצות. איז דיא ליב צו זיינע קינדר גאנץ אנדערסט. דען ביא איהם האט דיא אהבה צו זיינע קינדר איין גרענץ. נעמליך נור דאמאלס ווען זייא געהן אין דען וועג פון תורה ויראה זא האט ער זיא ליב. ווען זיא אבער פון דיא תורה אויס טרעטן. ווירקט ביא איהם דיא אהבת ד' זא ווייט דאס דיא אהבת אב לבנים דיא פעטערליכע ליבע צו קינדר גאנץ פערלאשען ווירד. דאס ער אליין אים שטאנד איז ווען דאס קינד איין בן סורר ומורה איז. ווידער שפענצדיג אונ אונגעהארזאם דיא תורה איז. דאס ער איהם אליין צום בית דין פיהרט צו פערשטייגען. אונ אויף דיזער ארט זינד אוך ביא איהם דיא אנדערע אהבות.

## כלל ג שאלה לה

**שאלה לה** אב איינע זאך פערהאנדן איז וויא מאן זיך דארויף פון יום הדין רעטן קאן ·

**תשובה** עס איז געווים פרהאנדן · דען אין אונזערע הייליגע גמרא שטעהט · איין קינד ווען ער איין צדיק איז · קאן ער וועגן זיינע גרוסע פרעמיגקייט אונ פיהל תורה אונ מצות דיא ער זיך ערווארבן האט · זיין פאטר אונ מוטער צו גרוסן עולם הבא ברענגען וועגן גלייך דאס זיא זיך ניכט אין גיטען וועג געפיהרט האבן · נון וייל דער מענש מוס דאך שטערבן ווען ער אוך ניכט וויל · אונ דין וחשבון דאס הייסט רעכנונג וויא זיינע פיהרונג געוועזן איז אין דיא יודישקייט ביא זיין גאנצע לעבנס יאהר · מוס ער אב געבן · אונ ביא דעם געריכט פון דעם דיין אמת איז קיינע פרגעססענהייט · אונ מאן איז קיינעם נושא פנים בריקזיכטיגן נעמליך וייל ער האט צדקה געגעבן אדר אנדערע גראסע מצות געטוהן · זאל מאן איהם ניכט בשטראפן אוף זיינע עבירות · וויא דען · אוף זיינע מצות בקאמט ער גראסן שכר · אונ אוף זיינע עבירות איינן ביטערן עונש · אונ דוד המלך וויא ער האט געזעהן דעם עונש פון דיא רשעים האט ער געזאגט סמר מפחדך בשרי פאר דיא פורכט פון יום הדין זינד מיינע אלע גלידר ערשיטערט · איבר דען וועד נור קיין פרשטאקט הערץ האט אונ זיינע אויגן ניכט פרשמירט זינד · וויפיהל איז ער שולדיג זיך צו פלאגן אונ צו בשטרעבן מיט אלע זיינע קרעפטן דאס ער זיינע קינדר פיהרן זאל אוף אזו וועג דאס זיא ערנסטע ערליכע יידען זיין זאלן · דאמיט ער זיך טרעסטן זאל קענן · ווען איך שאהן האבע מאנכם געטוהן וויא זיך ניכט געביהרט · ווערדן מיינע קינדער עס ערזעצן - איבר דען זאל נור איין מענש האבן ליב קינדר ווען זיא זאלכע קינדר זינד דאס זיא איהר פאטר אונ מוטער איין טובה קענען טוהן בעולם הבא וועגן איהרע צדקות · אבער ווען זיא אום דען וועג פון דיא הייליגע תורה אום טרעטן · וואס פיר איין ניטצן האט ער פון זאלכע קינדר · אונ וועגן וואס פיר איין אמתדיגן צוועק זאל דיא אהבה זיין צו זיא -- ·

פון דיזע אביגע רעד איז איין גרום מוסר אונ תוכחה צו נעהמן פיר פילע קצינים עשירים בזאנדערס דיא וואס וואהנן אין דיא גרויסע

שטעדט . דאס זיא איהר גרויס רייכטוהם פרפיהרט איין זאלכן וועג צו נעהמן דאס זיא פרייע מענשן זיין זאלן און דאס יאך פון דיא היילינע תורה זיך לאז צו מאכן אין הינזיכט הויז פיהרונג בכשרות . אדער מיט שבת און נדה . צניעות . אד״ג . וויא עלענד . וויא ארים . וויא אונגליקליך . וויא פרנארט . וויא בלינד זינד זאלכע קצינים . אוף זיא האט שלמה המלך גזאגט עושר שמור לבעליו לרעתו מאנכם רייכטוהם איז דען אייגענטימער זיין שטורץ . און דאס גרעסטע וואס זיא אן מערסטען צו בדויערן זינד . דאס זיא דיא ערציהונג פון איהרע קינדער איבר געבן אן זאלכע מלמדים לערער דיא לייגן טוהן אן אלע ווארצלן פון אונזערען היילינן גלויבן . זא ביז דאס קינד ערוואקסט און קאמט צו זיין פרשטאנד איז ער וויא איין קינד וואס געפאנגן איז ווארדן צווישן פרעמדע פעלקר דיא איין אנדערם גלובן האבן . וואס איז איהם צו בשולדיגן ווען ער שפעטר ביא זיינע רייפע יאהרן איין פרייער מענש איז . וויא זאלכע פלעגן צו זאגן . הערץ וואס דוא ווינשט . הערץ וואס דוא פערלאנגסט - וועלכער גרינד ' וועלכע קוועלע . פון יראת שמים אדער תורה . האט ער דיא זיינע ליידענשאפטן גאנץ צוריק האלטן אדער ווענינסטענס צעהמן זאלן . נון ווען דוא דיר ערלויבט האסט פון דיא תורה איהר וועג אום צו טרעטן . געוויס האט דיך דיינע תאוות ליידענשאפטן דאצו בעוואגן דאס דוא שאהן גאנץ אין דיא האנד פון (סט״א יצר הרע) איבער געבן ביזט . וויא אוך דיא שלעכטע צוזאמענקונפט דאס דוא אפט אין גזעלשאפט אין פרבינדונג שטעהסט מיט רשעים וכופרים דיא האבן פראורזאכט פון דיר דאס אמתדיגע ליכט צו פרלעשן דאס דוא היינטע אוף אזו וועג שטעהסט צו לייקנען אן אלע ווארצלן פון דען טייערן גלויבן . אב השי״ת בצאהלט שכר פון דיא מצות . אב ער בשטראפט עונשים אוף דיא עבירות . אב דיא תורה איז פון השי״ת . אב דאס אויג פון השי״ת האט אופזיכט אוף דען מענשענס אלע זיינע שריט . דען ווען ניכט . דאס הייסט דאס דוא נאך אן דיא אלע ווארצלן פון דיא אמונה גלויבסט . העסט דוא יא געוויס דיך ניכט אונטערשטעהן זאלכע מעשים צו טוהן וואס דוא הייטע צו טאג טוהסט . אבער דאס דוא דיינע קינדער שאהן אין איהרע יונגע יאהרען נור אוף אזוי

# כלל ג שאלה לה

ארט ערציהן זאלסט דאס זיא נור געאייגענט זיין זאלן שפעטער הין דען וועג צו געהן וואס דוא יעצט געהסט . דיין פרדינטער נאהמען פיר דיזן . משוגע . ועוכר שארו . ואכזרי איז וייט צו ווענג . דא דוא זעלבסט מוסט יא בקענן דאס איין מענשענם שכל אונ זיין אויג קורץ זיכטיג איז אונ פילע מאל זיך טועה איז . אונ דאס וואס דוא פיר הייטע ניכט גלויבסט אונ לייקנן טוהסט . קאן קאמן איין צייט וואס דוא אליין ווירסט זאגן דאס דוא געפעהלט האסט . אונ ווען איך וויל דיר אוך צו געבן דאס דוא ווירסט קיינמאל אוף דיין אונטערנעהמן אונ פיהרונג מתחרט זיין ברייען . אבר דאס מוסט דוא דאך מיר צו געבן אונ מודה זיין דאס דיא אלע זאכן וואס דוא לייקענסט אונ ניכט גלויבסט . דאס עס קאן זיין דאס דער אמת דאך אזו איז . דען צום גרעסטן בוייז . דא איין אומה שלימה וגדולה איין גאנצעם גרום פאלק וואס כולל איז צעהלט פיהלע מיליאנען נפשות וגם בתוכה חכמים ונביאים וואס אין איהר זינד פיהלע האכגעלעהרטע אונ נביאים טויזענד אונ טויזענדר יאהרן איהרע גאנצע לעבענס יאהר נור נאך דיא ווארצלן פון דיא אמונה זיך ריכטן אונ טעגליך צווייא מאהל קריאת שמע זאגן ווא זיא אוף זיך מקבל זינד דאס יאך פון דיא תורה אונ מצות מיט דען גאנצען הערצען אונ פרמעגן אונ לעבן . אונ זויא פיהל רבבות צעהן טויזענדע האבען בפועל אין דער טאהט וועגן יידישקייט טרייא צו האלטן מוסר נפש גוועזן איהר לעבן הין געגעבן וועגן דיא אהבת התורה ליב פון דיא תורה . איבער דען ברענגט יא דער ריינע שכל מיט דאס אויך דוא לפי דעתך ודמיונך הכוזב פרמעג דיין פאלשן גרונדזאטץ . סעסטעם . ביזט שולדיג דיך אונ דיינע נשמה צו בשיצען אונ צו בהיטען זעלבסט אוף דען ווייטעסטן פאל . נעהמליך פילייכט האבן דיא אלפי אלפים רבבות מענשן רעכט . אונ טוהסט דיך אירן . אונ דיא תורה איז מן השמים . אונ עס איז השגחה אופזיכט פון דען עין רואה אויג וואס אלם זעהט אוף אלע מענשענם וועג וואס עס טוהט בלאהנן אונ בשטראפן איינן יעדן פרמעג זיינע פיהרונג . אונ דאמאלס ווירד דיין נשמה קאמן אין שבעה מדורי גהינם זיבען וואנונגען פון גהינם . אונ אין דיא הענד פון דיא מלאכי חבלה אין דיא כף הקלע

ווא

זָא דיא נְשָׁמָה ווירד גִוואָרפֶן אונ גֶשְׁלַיידֶערְט פוּן אַיין עֶק וֶועלְט בִּיז צוּ דֶען אַנְדֶערֶן . אוּנ דַיין גוּף ווירד זַיין דֵרָאוֹן לְכָל בָּשָׂר תּוֹלַעְתָּם לֹא תָמוּת וְאִשָּׁם לֹא תִכְבֶּה שַׁאנְד אוּנ פַרְאַכְטוּנְג גֶעגֶן אַלֶע מֶענְשֶׁן . איהר וָואָרֶעם ווירד ניכְט אָב שְׁטֶערְבֶּן . איהר פַייֶער ווירד ניכְט פַרְלָאשֶׁן וֶוערֶן . נֶעהְמְלִיךְ דַאס דוּא זָאלְסְט דיךְ בַּשְׁטְרֶעבֶּן דַיינֶע קִינְדֶר צוּ עֶרְצִיהֶן אוּנ צוּ אוּנְטֶערְרִיכְטֶן . וֶוען אוֹיךְ ניכְט אַלֶע וֶוענִיגְסְטֶענְס אַיינִיגֶע אוֹיף דֶען וֶועג פוּן תּוֹרָה אוּנ יִרְאַת שָׁמַיִם וִויא דֶער אוּנְטֶערְרִיכְט אוּנ דיא עֶרְצִיהוּנְג פוּן דיא אָמֶתְדִיגֶע פְרָאמֶע עֶרְלִיכֶע יִידֶען . דֶען פַרְמֶעג וִויא דיא עֶרְצִיהוּנְג איז אין דיא יוּנְגֶע יָאהְר . דֶער נָאךְ פִיהְרְט עֶר זִיךְ אין דיא שְׁפֶּעטֶערֶע עֶלְטֶערֶן יָאהְרֶן . אוּנ וֶוען דוּא אַזוֹ מֶעכְסְט טוּהְן אִם תִּשְׁכַּב לֹא תִפְחָד וֶוען דוּא שְׁלָאפֶן גֶעהְסְט בִּיזְט דוּא אָהנֶע פוּרְכְט . אוּנ דַיין שְׁלָאף איז זִים אוּנ רוּהִיג . וַוייל דוּא דָאךְ הָאסְט וֶוענִיגְסְטֶענְס אַיין זָאהְן דֶען דוּא הָאסְט גֶלֶעגֶענְהַייט גֶגֶעבֶּן אוּנ הָאסְט דיךְ בַּשְׁטְרֶעבְּט איהם צוּ עֶרְצִיהֶן אוּנ צוּ אוּנְטֶערְרִיכְטֶן דַאס עֶר זַיין זָאל אַיין אָמֶתְדִיגֶר עֶרְלִיכֶר יִיד . אוּנ וֶועגֶן איהם הָאסְט דוּא נָאךְ הָאפְנוּנְג גֶרֶעטֶעט אוּנ עֶרְלֶעזְט צוּ וֶוערְדֶן פוּן דיא פִינְסְטֶערֶע אוּנ פוּרְכְטְבַּארֶע עוֹנְשִׁים פוּן דיא קִינְפְטִיגֶע וֶועלְט :

**שאלה לו** אוֹיף וֶועלְכֶע אַרְט דיא קִינְדֶר אַן איהְרֶע עֶלְטֶערְן נוֹהֵג כָּבוֹד זַיין קֶענְן וֶוען זיא אוֹיךְ שׁוֹין גֶשְׁטָארְבֶּן זִינְד .

**תשובה** דיא תְּשׁוּבָה דַארוֹיף . וַוייל עֶס גִיבְּט מַאנְכֶע קִינְדֶער דַאס וֶוען אוֹיךְ דַאס זיא נִיכְט דֶען וֶועג דֶען איהר פָאטֶער גֶגַאנְגֶען אִיזְט אין הִינְזִיכְט יִידִישְׁקַייט נָאךְ פָאלְגֶן ווִילֶען . אָבֶּר דָאךְ דיא מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב אִיזְט בַּייא איהְנֶען זֶעהְר טַייֶער . נֶעמְלִיךְ דַא זיא דָאס גַאנְצֶע יָאהְר וִויא זיא אוֹיף איהר פָאטֶר אָבֵל וָוארֶן פְרִיא אוּנ אָבֶענְד אין שׁוּהְל גֶגַאנְגֶען זִינְד וֶועגֶן קַדִישׁ צוּ זָאגֶן . אַזוֹ אוֹיךְ יֶעדֶעס יָאהְר וֶוען דֶער יוֹם הַמִּיתָה שְׁטֶערְבּ טָאג קָאמְט גִיבֶּען זיא זִיךְ אַכְט אָן צוּ צִינְדֶען דָאס נֵר נְשָׁמָה וָואס גְרוֹיסֶן ווירד יָאהְר צַייט לִיכְט . אוּנ וֶוען דיא צַייט איז פוּן מַזְכִּיר נְשָׁמוֹת שְׁפֶּענְדִירֶען זיא פִיעל גֶעלְד וֶועגֶן דֶען כָּבוֹד פוּן איהְרֶע עֶלְטֶערֶן .

לַיידֶער אָבֶּער זיא זִינְד פֶערְנַארְט . דֶען אַזוֹ גוּט וִויא דָאס קִינְד וֶוען עֶר אַיין צַדִיק איז קָאן עֶר ווירְקֶען דַאס דוּרְךְ זַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים גוּטֶע פִיהְרוּנְג דַאס מַאן זַיין פָאטֶר ווירְדִיגְט . אוּנ איהם עֶרְהֶעבְּט פוּן אַיין מַדְרֵגָה אוֹיף דיא אַנְדֶערֶע

בעולם

# כלל ג ד שאלה לו לז

בעולם הבא · זא איז אויך ווען דאס קינד מעשים רעים טוט שלעכטע מעשים אונ אין שלעכטן וועג געהט · זא ליידען וועגען איהם דיא עלטערן צער אונ בזיון פערשאכטונגן · ווייל מאן וועגן דיא קינדערס פיהרונג אויף איהנן זאגט פערפליכט זאלן זאלכע עלטערן זיין דיא איין זאלכעס קינד געבוירן האבן · פערפליכט זאלען זאלכע עלטערן זיין דיא איין זאלכעס קינד ערצויגן האבן · דאס איהרע עלטערן אין פערבארגענן ווייגן מיט דען ווארט אם אב אני איה כבודי בין איך איין פאטער ווא איז מיין עהרע בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי קינדר דיא איך ערצויגען אונ ערהאבן · האבן זיך מיר ווידער זעצט · נון וואס ניצט דער כבוד וואס זיא איהרע עלטערן טוהן · ווען זיא פון איין אנדערע זייט איהנען פערארזאכן זאלכען בזיון וואס אונצעליגע מאהל גרעסר איז · זאנדערן דער וואהרער כיבוד איז דאס זיא געגוי דען יידישען וועג היטען זאלן · אונ מיט כופרים אונ אפיקורסים קיין חברותא מאכן · דאמיט זיא איהרע מעשים רעים ניכט אב לערנן זאלן ·

# כלל ד קדושים תהיו ובו ו שו"ת

**שאלה לז** וויא גראס דיא ערוויטערונג פון עריות זיין מוס · ווען ער קיין רוצח אויף זיינע קינדער זיין וויל ·

**תשובה** אויף דען זאג איך דיר · דיא תורה האט אונז יידען אויף גטראגן קדושים תהיו דאס מיר זאלן הייליג זיין · געהמליך דאס מיר זאלן זיך ערווייטערן (א ניכט נור פון זנות · זאנדערן פון קריבה ואביזרייהו דגילוי עריות פון אלע זאכן וואס מאן דאדורך צו אויסשווייפונג קאמן קאן · נעהמליך יעדע נעהרונג אונ בירירונג פון עריות חיבוק ונישוק מחולות [זעלבסט פון אשתו הטהורה שלא בזמן דודים · ווען ער אויף זיינע קינדר אונ אויף זיין נשמה חס זיין וויל · מוס ער זיך פון זאלכע זאכען ערווייטערן דען אזו וויא ניכט מעגליך איז ווען פלאקס אין פייער קאמט דאס עס ניכט ברענן זאל · זא איז ניכט מעגליך דאס זאלכע ניכט לידי קישוי אבר אונ עון זרע לבטלה קאמען · דא דיא גמרא זאגט דאס ביים יום הדין מוס מאן חשבון געבען זעלבסט אויף איין ווארט שבין איש לאשה וואס חציפות אונ עזות איז · פילמער זאלכע

מעשים

---

(א וויא אויך דאס מאן זאל זיך זעהר ערווייטערן פון מדות הגאוה · דען דיא מדה רעה ברינגט צו לעצט דאס מאן נכשל בעריות וויר ·

מַעֲשִׂים דִיא צוּ עָון זֶרַע לְבַטָּלָה בְּרִינְגְן] וויא אוֹיךְ צוּ זֶעהְן אוֹיף עֲרָיוֹת דִיא אוּנְז פֶרְבָּאטֶן אִיז [דוּא זָאלְסְט אָבֶּר נִיכְט מַיינֶן דָא עֶס נוּר אַיין רְאִיָה בְּעָלְמָא אִיז . וָואס טוּהְט עֶר דֶען דַאמִיט . זָאלְסְט דוּא וִויסֶען דַאס דִיא רְאִיָה דָאס זֶעהְן זֶעהְר גְרוֹס אִיז אוּנ גְרוֹסֶע וִוירְקוּנְג מַאכֶען קָאן . דַאדוּרְךְ מְטַמֵא אוּנ מְשַׁקֵץ צוּ פַרְאוּנְרֵיינִיגֶען אוּנ צוּ בְּשְׁמוּצֶען . זַיין נְשָׁמָה צוּ זַיין . נֶעהְמֶע דִיר אַיין בֵּוַויז פוּן דְבָרִים גַשְׁמִיִים אִירְדִישֶׁע זַאכֶן פוּן עִנְיָנֵי עוֹלָם הַזֶה פוּן דִיזֶע וָועלְט , וויא וַוייט דֶער כֹּחַ הָרְאוּת קְרַאפְט הָאט . דַאס דֶער שְׁטְרָאס פָאגֶעל וָוען עֶר פוּן זַיינֶע אַייֶער דִיא יוּנְגֶע אוֹיס בְּרִיטֶן וִויל . זָא שְׁטֶעלְט עֶר זִיךְ גֶעגְן אִיבֶּר דִיא אַייֶער אוּנ זֶעהְט אוֹיף זִיא אַיינֶע צַייט לַאנְג בִּיז דַאדוּרְךְ דֶער פָאגֶל עֶרְשַׁאפֶן ווִירְד . פוּן דֶען קָאנְסְט דוּא שְׁלִיסֶען וויא וַוייט דֶער כֹּחַ הָרְאוּת קָאן גֶעהְן אוֹיף עִנְיָנִים רוּחָנִיִים גַייסְטִיגֶע זַאכֶן , (ר׳ בחיי)] .

אוּנ וָועהֶע אוּנ אָךְ אִיז צוּ שְׁרֵייֶען אוֹיף זָאלְכֶע גֶעגֶענְדֶן וויא דֶער גְרוֹסֶער אִיסוּר נַעֲשָׂה לָהֶם כְּהֶיתֵּר אִיז . דַאס זִיא אוֹיף חַתּוּנוֹת צוּזַאמֶן קָאמֶן אֲנָשִׁים וְנָשִׁים דַא זָאלְכֶע יוּנְגֶע קִינְדֶר גְלוֹיבֶּן דַאס אִיהְנֶן קֵיינֶר צוּ בַּפְעהְלֶן הָאט . דַאס זִיא אַיין יֶעדֶר זִינְד הֶער פִיר זִיךְ . זִיא פֶרְגֶעסֶן אָבֶּר דַאס שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ הָאט מַזְהִיר גֶוֶועזְן שְׂמַח בָּחוּר בְּיַלְדוּתֶיךָ וכו׳ וְדַע כִּי עַל כָּל אֵלֶה יְבִיאֲךָ אֱלֹקִים לַמִשְׁפָּט פְרֵייֶע דִיךְ אִין דַיינֶע יוּגֶענְד יָאהְרֶן . דוּא זָאלְסְט אָבֶּר וִויסֶן דַאס אַיינֶע צַייט קָאמֶן ווִירְד וָוא דוּא אוֹיף דֶען אַלֶען וִוירְסְט מִיסֶען רֶעכֶענְשַׁאפְט גֶעבְּן . וויפִיל פוּן זִיא מִיסֶען דַאדוּרְךְ דִיא עֶרְד קִיהְלֶן אִין אִיהְר יוּנְגֶע יָאהְר . מַאנְכֶע מְדוּכָּא בְּיִסוּרִים זַיין גְקְוֶועהְלְט אוּנ גְקְרֶענְקְט פוּן פִילֶע שְׁמֶערְצֶען . מַאנְכֶע פִילֶע קִינְדֶר בֶּעגְרָאבֶּן ר״ל . מַאנְכֶע מַחֲזִיר עַל הַפְּתָחִים זַיין אִין דִיא הַייזֶר צוּ גֶעהְן בְּרָאט צוּ בֶּעטְלֶן [דֶען יֶעדֶע אַנְדֶערֶע עֲבֵירָה אִיז נוּר גוֹרֵם דָאס אַבֶּר גְלַייד צוּ בַּשֶׁעדִיגֶן אוּנ מְטַמֵא צוּ זַיין וָואס גֶעגְן דִיא לֹא תַעֲשֶׂה פוּן דִיא עֲבֵירָה דִיא זִיא בַּטְרֶעטֶן הָאבֶּן אִיז . אָבֶּר לֵיידֶר דֶער חֵטְא פוּן עָון זֶרַע לְבַטָּלָה אִיז אַזוֹ גְרוֹס דַאס דֶער גַאנְצֶער בִּנְיַן הַגוּף ווִירְד דַאדוּרְךְ טָמֵא אוּנ מְשׁוּקָץ] אִיבֶּר דֶען אִיז אַיין חוֹב גָדוֹל אַיין גְרוֹס שוּלְדִיגְקַייט אוֹיף יֶעדֶע עֶלְטֶערְן דַאס זִיא

אויף

# כלל ד שאלה לז

אויף איהרע קינדר גרויס השגחה אויפזיכט האבן זאלן *) דאס בייא איהנן קיין עזות · קיין חציפות · קיין פריצות געזעהן ווערדן זאל · פילמעהר דאס זיא זאלן זיא צוריק האלטן ניכט אויף חתונה אונ אויף באלן צו געהן **) דען דיא יעניגע דיא ניכט נאך פאלגן ווילן דיא תורה איהר פארשריפט אין דיזע הינזיכט ניכט נור דאס זיא רשעים ואכזריים זינד אויף זיך אליין דאס זיא איהר נשמה אין באר שחת פרדערבליכן גיהנם שטירצען · אונ דאס זיא רוצחים מערדער זינד

---

*) עס איז איין מנהג רע ומר שלעכטע ביטערע איינפיהרונג דאס דיא מחותנים שיקען זיך איינר דען אנדערן דיא צורה דיא פאטרעטען פון דען חתן אונ כלה . דאס איז נור עצת (סט"א) דאס ער זיך זעלבסט דען (יצה"ר) צו ציגען זאל מהרהר הרהורים רעים צו זיין שלעכטע געדאנקן זיך אין זין צו נעמן · ודי להכימא .. ·

דיא וועלט לייֶדער איז פערארימט אין ידיעות התורה דיא וויסענשאפט דער תורה דאס מאנכע מיינען ווייל זיא זיין כלה איז זא איז שאן אלעס מותר דאס מאן ווערענד דיא צייט דאס זיא חתן וכלה זינד מאנכעס מאהל דיא כלה איינלאדעט צום חתן צו קאמען אודר פערקערט · אונ דאדורך ליידער איז מאן מוסיף חטא על פשע געשעהן פילע זינד אין הינזיכט קריבה דגילוי עריות אונ שפיכות עון זרע לבטלה.; וואס דער עונש דארויף איז דאס איין מבול קאמן זאל חלילה ·

**) צו שטוינען אונ צו לאכען איז אויף מאנכע דא זיא אין איהרע יונגע יאהר איין פרייעס אונבעשרענקטעס לעבן געפיהרט האבן דאס מכף רגל ועד ראש אין בו מתום דאס דער גאנצער גוף בעפלעקט מיט עבירות איז · אונ האבן אויך שאן דיא פריכטען דאפאן גענאסן דא ער שאן צעהן מאל אויף זיינע קינדר שבעה גזעסן איז ר"ל · דא פאהרט מאן צו איין צדיק דאס ער זאל מתפלל זיין דאס ער איין זרע של קיימא קינדר צום לעבען האבען זאל -- אי שוטים · אי טפשים · איז דען דיא וועלט הפקר פרייא · האט זיא דען קיין בעל הבית העדר דער איבר איהר צו שאפן האט · זינד דען דיא קינדר אלע נור פער צופאל געשטארבן · אודר זינד באמת געוויסע אורזאכן וואס דער דיין האמת זיא דאריבר וועג גערימן האט · דארום מוסט דוא דיך ערסט ערינערן וויא דיין פיהרונג וואר אין דיא יונגע יאהר · אונ מוסט דאס אלעס מיט תשובה אונ דמעות טרערן אונ תהלים זאגן אונ צדקה געבן פערכטען · נאך דען אלען קאנסט דוא ערסט פערלאנגן איין ברכה פון איין צדיק · אבר ניכט פון דען עיקר נימאל איין טפל צו מאכן · אונ אום דען טפל מאכט מאן איין עיקר -- ·

זינד אויף איהרע קינדר . זאנדערן אויך דאס זיא אבזריים זינד הארטהערציג אויף דען גאנצען דור צייט אלטער דא דיא גמרא זאגט וועגן דיא עבירה פון ניבול פה . עזות . חציפות . קאמען אויף דיא וועלט חלילה צרות רבות אונ גזירות קשות . אונ פיהלע יונגע מענשן דיא איהר לעבן פערלירן חלילה . אונ דאדורך פילע יתומים אונ אלמנות שרייען אונ ווערדן ניכט געהערט . נון וואס זינד דיא עלטערן שולדיג צו טוהן דאס זיא זאלכם צוריק האלטן זאלן (*) .

## שאלה

א) ווען דיא אמונה ביא יידישע קינדר פעסט איז נעמליך דאס זיא גלויבן באמונה שלימה מיט איין אונגעטיילטעם הערץ דאס נור השי"ת אליין דען מענשן עושר אונ פרנסה געבן קאן . אונ אלעם השתדלות בעשטרעבן אונ פלייס פון דען מענשן דאצו איז הבל וריק ריין אוגניצליך . זא פעראורזאכט זאלכעס דאס מאן זיך זיין פרנסה זיין שטיקער ברויט צו זוכען נור אויף איין זאלכע ארט איין ריכטען טוהט דאס קיין שום נדנוד איסור דאביא זיין זאל דאס עס אם גרינגסטען דיא פארשריפט דער תורה ניכט בערירען זאל . ווייל ער זאגט איז מיר פון השי"ת בעשטימט אונ אוס גזעצט דאס מיין פרנסה ברויח אונ בריים זיין זאל . זא מוס עס יא מיר קאמען אויף וועלכער ארט אימער . נון ווארום זאל איך פערנארט זיין דאס איך עס מיר זיכען זאל אויף אזו וועג וואו איך דאביא מיין נשמה פערזינדען מוס חלילה . איז מיר אבר פון השי"י בעשטימט דאס מיין פרנסה בעדרענגט אונ גענגט זיין זאל . דא ניצט מיר יא מיין פלייס אונ ארבייטען ניכט . דען ווען אויך דאס איך דורך מיין גראס טעטיגקייט אונ בעשעפטיגונג מאנכעס מאהל פיעל געלד מרויח בין . זא געהט עס צו גרונד אינ לשמיון עס קאמט אויף ניכטס פון איין אנדערע זייט .

דארום איז מיטליידונג צו האבן אויף דיא חיימים דיא גערופן ווערדן פרויען שניידער . דא זיא זיך דורך דען אומנות פראפעסיאן פעראורזאכן געלד צו געווינען אונ נפשות צו פערלירען חלילה -- דען גענוג דאס מאן אין דיא יונגע יאהר קיין שכל אונ פערשטאנד געהאט האט זיך איין זאלכעם אומנות אוס צו וועהלען אונ וועהרענד דיא גאנצע צייט אלס לעהרינג . אלס געזעלן מיט פילעס זיין נשמה בעשמוצט אונ בעפלעקט האט . זאל ער וועניגסטענס שפעטער היען צו שכל קאמען דיזעס אומנות פארט צו לעגן . דאמיט ער ניכט גאנץ משוקע פערטיפט אין דער טומאה זיין זאל . אונ ניכט גורם זיין זיין נשמה אויף עולמות אימער צו פערשניידן . דא איין מענש קיין מלאך איז אונ נור בלוט אונ פלייש איז . ווען אויך דאס ער קיין רשע אונ עזות פנים איז . אונ ניכט במזיד אונ בכוונה מוטהוויליג אונ

מיט

# כלל ד שאלה לח

**שאלה לח** אָב עָס אַיין יוֹשֶׁר אִיז דַאס מַאן דִיא זְמַן חֲתוּנָה פֶערְשְׁפֶּעטִיגֶן זָאל בִּיז מַאן אַיין גֶעלֶעהְרֶנְטֶער סוֹחֵר אִיז אוֹדֶר נִיכְט ׃

**תשובה** וַוייל פִילֶע עֶלְטֶערֶן דִיא פֶּרְמֶעג אִיהְרֶן שֵׂכֶל אוּנ אַיינְזִיכְט דִיא אִיהְרֶע קִינְדֶר זֶעהְר לִיבּ הָאבֶּן אוּנ דַאדוּרְךְ וַוייל זִיא וִוינְשֶׁען דִיא הַצְלָחוֹת הָעוֹשֶׁר דָאס גְלִיק פִיר אִיהְרֶע קִינְדֶער ׃ דַארִיבֶּר מַאכֶן זִיא זִיא נִיכְט חֲתוּנָה אִין דִיא יוּנְגֶע יָאהְרֶן בִּיז עָר זִיךְ זֶעהְר פִיל אִין אַלֶערְלֵייא גְשֶׁעפְטֶן גֶעאִיבְּט אוּנ פְּרַאקְטָצִירְט הָאבֶּן וִוירְד דַאס עָר דַאדוּרְךְ גֶעזִיכֶערְט זַיין וִוירְד דַאס עָר זִיךְ וִוירְד קֶענֶן בְּרֶוַח בְּרֵייט מְפַרְנֵס זַיין ׃ אוּנ בֵּייא מַאנְכֶע אִיז דִיא אַהֲבָה לִיבּ צוּ אִיהְרֶע קִינְדֶר נָאךְ גְרֶעסֶר דַאס וֶוען עֶר שָׁאדְן אוֹיךְ אַיין גְלֶערֶענְטֶער סוֹחֵר אִיז זָא טוּהְן זִיא נָאךְ מֶערֶערֶע צַייטֶן אַבְוַוארְטֶן בִּיז זִיךְ אַיין זָאלְכֶער שִׁידוּךְ טְרֶעפֶן וִוירְד וִויא עָר מִיט אִיהְר פִיל גֶעלְד בַּקָאמֶן זָאל ׃ דַארוּם זָאג אִיךְ דִיר דַאס זִיא פַּרְדִינָען דַאס מַאן אִיהְנֶן בַּדוֹירָען זָאל ׃ וִויא פַּרְשְׁטָאקְט אִיז אִיהְר הֶערְץ ׃ וִויא בְּלִינְד זִינְד אִיהְרֶע אוֹיגֶן ׃ וִויא אַכְזָרִים זִינְד זִיא אוֹיךְ אִיהְרֶע אַיינֶענֶע קִינְדֶער ׃ וִויא שְׁוַואךְ אִין דִיא אֱמוּנָה זִינְד זִיא וֶוענֶן צְוֵייא טְעָמִים ׃ עֶ ר שְׁ טָ ע נְ ס דֶען זֶען עָס וֶוערֶע אוֹיךְ אַזוֹי אֱמֶת וִויא עֶר מֵיינְט דַאס דַאדוּרְךְ וֶוען עֶר נָאךְ אַיינֶע צַייט לַאנְג מִיט דִיא חֲתוּנָה וַוארְטֶן וִוירְד וִוירְד עֶר עֶרְלַאנְגֶן אַיינֶע גְרָאסֶע הַצְלָחָה אוּנ עֲשִׁירוּת ׃ נוּן זָאג מִיר נוּר גֶעבִּיהְרְט זִיךְ דֶען דַאס מַאן זָאל וֶוענֶן גֶעלְד אַיין קוֹיף ׃ נְפָשׁוֹת פֶּרְקוֹיפֶן ׃ וַוייס מַאן דֶען נִיכְט דַאס יֵצֶר לֵב הָאָדָם רַע מִנְעוּרָיו אִיז ׃ דֶער מְרִיב פוּן מֶענְשֶׁן אִין דִיא יוּנְגֶע יָאהְר זֶעהְר שְׁלֶעכְט אִיז ׃ וֶוען עֶר אוֹיךְ אִין דֶען וֶועג פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם גֶעהְט אוּנ אַיינְגֶעצָאגֶן לֶעבְּט ׃ צוּ וִויא פִיל הִרְהוּרִים רָעִים שְׁלֶעכְטֶע גֶדַאנְקֶן ׃ צוּ וִויפִיל זִינְד פוּן עָוֹן זֶרַע לְבַטָּלָה קָאמְט עֶר אִין זָאלְכֶע צַייטֶען (פִיל מֶעהְר בֵּייא מַאנְכֶע וָואס זָאלְכֶם דַאצוּ בְּרֶענְגְט דַאס זִיא מַעֲשִׂים רָעִים שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים בְּפוֹעַל טוּהְן גֶעהְמִיךְ קְרֵיבָה דְגִילוּי עֲרָיוֹת וִויא אוֹיךְ זְנוּת זֶעלְבְּסְט) וָואס שְׁפֶּעטֶר הִין אִיהם גוֹרֵם זִינְד דַאס עֶר פִילֶע

---

מִיט אָבּ זִיכְט מִסְתַּכֵּל בְּנָשִׁים אוּנ מְהַרְהֵר הִרְהוּרִים רָעִים אִיז אוֹיךְ נָשִׁים זֶעהְט אוּנ שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת נָאךְ דֶענְקְט ׃ וַוייל אָבֶּער זַיין בֶּעשֶׁעפְטִיגוּנְג אִימֶער צְווִישֶׁן נָשִׁים זַיין מוּס ׃ צוּ וִויא פִיעל שְׁפִיכוּת דָּמִים בְּלוּט פֶערְגִיסוּנְג קָאמְט עֶר וֶוען עֶר אוֹיךְ נִיכְט וִויל ––

וִויא פֶערְשְׁטָאקְט אִיז אִיהְר הֶערְץ ׃ וִויא פֶערְשְׁמִירְט זִינְד אִיהְרֶע אוֹיגֶן ׃ וִויא קָאן אַיינֶעם אַיין זָאלְכֶער שְׁטִיקֶער בְּרָאט זִים שְׁמֶעקֶן אוּנ וָואהְל גֶעפֶעלֶן ׃ וֶוען עָס פִיר זַיינֶע קִינְדֶר אוֹדֶר פִיר זִיךְ זֶעלְבְּסְט אַיין סַם הַמָּוֶת אִיז –– דַארוּם זַייט אַייךְ פּוֹרֵשׁ פוּן זָאלְכֶע וֶועג אוּנ שֶׁענְקְט דַאס צוּ טְרוֹיעֶן הַשֵּׁי״ת דַא אַלֶעס אִין זַיינֶע מַאכְט אִיז ׃ אוּנ וֶוען עֶר וִויל מְפַרְנֵס זַיין אִיז יָא קַיין אוּנְטֶערְשִׁיד דוּרְךְ וָואס אִימֶער מַאן זִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִיגֶן טוּהְט ׃

פִילֶע קִינְדֶער וֶוערִן דֶען חַטְא בְּגְרָאבְּן מִיט ר״ל . פִיל מֶעהְר דַאס זָאלְכֶע עֲבֵירוֹת גוֹרֵם זִינְד דַאס זֵיין גַאנְצֶעס פַּרְמֶעגִן צוּ גְרֵינְד גֶעהְן וִוירְד . צֻ נִ ו י י טָ ע נְ ם . דִיא גַאנְצֶע עֵצָה אִיז נוּר עֲצַת היצה״ר דַא נוּר השי״ת אַלֵיין מַאכְט דֶען מֶענְשֶׁן רֵייךְ אָדֶר אָרִים . נוּן אִיז אִיהְם פוּן השי״ת בַּשְׁטִימְט אַיין עוֹשֶׁר צוּ זַיין . זָא וָוען עֶר אוֹךְ אִין דִיא יוּנְגֶע יָאהְרֶן חַתּוּנָה הָאבְּן וִוירְד אוּנ נִימְט זִיךְ נוּר אַיין עֲנִיָּה בַּת טוֹבִים אָרִימֶע עֶרְלִיכֶע יִידִישֶׁע טָאכְטֶר . זָא וִוירְד דָאךְ דִיא גְזֵירָה פוּן השי״ת אוֹס גֶעפִיהְרְט וֶוערְדֶן דַאס עֶר אַיין עוֹשֶׁר זֵיין וִוירְד . אִיז אִיהְם אָבֶּר דֶער דַלוּת אוּנ עוֹנִי בַּשְׁטִימְט . זָא נִיצְט אִיהְם נִיכְט וֶוען עֶר נָאךְ זָא לַאנְג וַוארְטֶן וִוירְד . אוּנ וֶוען עֶר אוֹךְ שָׁאהְן אַיין גְרָאסֶן גְדַן בֶּעקָאמְט . זָא וִוירְד עֶס אוֹךְ אִין אַייְנֶע קוּרְצֶע צַייט כָּלוּי וְאָבֵד זַיין צוּ גְרוּנְד גֶעהְן . דַארִיבֶּער אִיז מִיטְלֵיידוּנְג צוּ הָאבְּן אוֹף זָאלְכֶע עֶלְטֶערְן דִיא אִיהְרֶע קִינְדֶר לִיבּ הָאבְּן אוּנ פַרְאוּרְזַאכְן דִיא קִינְדֶר מִיט אִיהְר אַהֲבָה . רְצִיחָה . אוּנ עֲנִיּוֹת ר״ל .

**שאלה לט** פַאן וֶועלְכֶע דִבּוּרִים וֶוער דֶער מֶענְשׁ זִיךְ עֶרְוַייטֶערְן מוּס אוּנ וֶועלְכֶע עֶר זִיךְ אַייגֶען מַאכֶן זָאל .

**תשובה** דַא דֶער מֶענְשׁ פוּן דִיא בְּהֵמָה פָארְצִיגְלִיכֶער אִיז דַאס אִיהְם השי״ת הָאט גְגֶעבְּן דֶען כֹּחַ הַדִּיבּוּר דַאס עֶר רֶעדִן קָאן זָא אִיז אַייְנֶע גְרוֹיסֶע שׁוּלְדִיגְקֵייט דַאס עֶר אוֹיף זִיךְ גוּט אַכְט גֶעבְּן זָאל דַאס עֶר זִיךְ דִיא מַתָּנָה דָאס גְשֶׁענְק נוּר צוּ גוּטֶען בָּנִיצְן זָאל . גֶעמְלִיךְ נוּר זָאלְכֶעס צוּ רֶעדְן וָואס עֶר דַאדוּרְךְ זִיךְ אוּנ זַיין נְשָׁמָה עֶרְהֶעבְּט אוּנ פַּרְשֶׁענֶערְט . גֶעמְלִיךְ תּוֹרָה לֶערְנְן דִיבּוּרִים שֶׁל מִצְוָה זָאלְכֶע רֶעד וָואס צוּ אַייְנֶע מִצְוָה פִיהְרְן . וֶוען עֶר אָבֶּער דוּרְךְ זַיין רֶעדְן קֶענְן זִינְדִיגְט . זָא אִיז זַיין עוֹנֶשׁ בַּיים יוֹם הַדִּין זֶעהְר גְרוֹס . דֶען השי״ת וֶועט זָאגֶען מִיט דִיא מַתָּנָה טוֹבָה וָואס אִיךְ הָאבּ דִיךְ פוּן דִיא בְּהֵמָה אוֹיסְגְצֵייכֶענְט דַאס דוּא דִיר דַאדוּרְךְ אַיין גְרוֹיס חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא קוֹיפְן קֶענְן זָאלְסְט . נִיכְט נוּר דַאס דוּא נִיכְט זָאלְכֶעס גֶעטוּהְן הָאסְט . נָאךְ מֶעהְר דַאס דוּא הָאסְט דִיא מַתָּנָה טוֹבָה בֶּדִיעֶנְט דִיר צוּ שְׁלֶעכְטֶן דַאס דוּא דִיר דַאדוּרְךְ גְרָאסֶע עוֹנְשִׁים צוּ גֶעצָאגֶען הָאסְט וָואס דוּא הָאסְט נִיכְט קֶענְן טוּהְן וֶוען אִיךְ דִיר דֶען כֹּחַ הַדִּיבּוּר נִיכְט גְגֶעבְּן הֶעטֶע . אַזוֹי טַייעֶר אוּנ אַזוֹי חָשׁוּב אִיז דָאס מוֹיל דַאס דֶער פָּסוּק זָאגְט מָוֶת וְחַיִּים בְּיַד הַלָּשׁוֹן דַאס אִין דֶען כֹּחַ פוּן דִיא צִינְג שְׁטֶעהְט דֶער טוֹיט אוּנ דָאס לֶעבְּן — .

אבער

# כלל ד שאלה לט

אַבָּער נִיכְט וִויא מַאנְכֶע דִיאָ זִיךְ נ״ר אוֹיף אִיהְרֶן דִיבּוּר אַכְט גֶעבִּן קֵיין לֵיצָנוּת · קֵיין שֶׁקֶר · קֵיין חֲנוּפָה · קֵיין לָשׁוֹן הָרָע צוּ רֶעדִין · אַבֶּער אַיין שָׁעָה אָדֶער צְוֵוייא שָׁעָה דוּרְךְ אַיין אַנְדֶערְ צוּ זִיצֶן (דִבְרִים בְּטֵלִים) אוּנְנִיצְלִיכֶע רֵייד צוּ רֶעדִין · דָאס הַאלְטֶן זִיא פִיר קֵיין עֲבֵירָה · דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער דַאס דִבְרִים בְּטֵלִים רֶעדִין אִיז אַיינֶע צְוֵוייא פַאכֶע עֲבֵירָה · עֶרְשְׁטֶענְס דַאס דוּרְךְ דְבָרִים בְּטֵלִים קָאמְט מַאן צוּ לָשׁוֹן הָרָע · צוּ שֶׁקֶר · צְוֵוייטֶענְס (וְעַל כּוּלָם) דוּרְךְ פִיעל דְבָרִים בְּטֵלִים רֶעדֶן וִוירְד עֶר נִכְשַׁל גֶעשְׁטְרָאכֶעלְט דַאס דָאס שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה דַאוִוינֶן אִיז מִיט מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת פְרֶעמְדֶע גֶעדַאנְקֶן דַאס עֶר פִיעלֶע בְּרָכוֹת זָאגְן טוּהְט וִויא זַיין הַארְץ נִיכְט דַאבֵּייא אִיז · אוּנ דָאס וִוירְד פִיר אַיין בְּרָכָה לְבַטָּלָה גְרֶעכֶענְט אוּמְזָאנְסְטִיגֶע בְּרָכָה אוּנ דָאס אִיז אִיהְם גוֹרֵם דַאס מַאן אִיהְם מְטַמֵּא אִיז פֶערְאוּנְרֵיינִיגְט מִיט מִקְרֶה לַיְלָה ר״ל · דַארִיבֶּר זָאגְט דִיא תּוֹרָה הָאֻמְנָם אֵלֶם אוּמְנָתוֹ שֶׁל אָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה שֶׁיַּעֲשֶׂה עַצְמוֹ כְּאִלֵּם חוּץ זָאלְכֶע רֵייד וָואס דֶער אִינְהַאלְט פוּן זִיא אִיז תּוֹרָה אוּנ יִרְאַת שָׁמַיִם · אָדֶער וָואס צוּם גְשֶׁעפְט פִיהְרֶן גְהָער זָאל זִיךְ דֶער מֶענְשׁ מַאכֶן אַלֵם עֶר שְׁטוּם וֶועהְר דַאס עֶר גָאר נִיכְט רֶעדִין קָאן · זֶעלְבְּסט אָבֶּער בֵּייא דִיא פֶערְבָּאטֶענֶע רֶעד זִינְד דָאךְ מַדְרֵיגוֹת מַדְרֵיגוֹת שׁוֹנוֹת פִיעלֶערְלֵייא שְׁטוּפֶען · דֶען וֶוען לֵיצָנוּת אוּנ רֶעד פָאן בִּזְיוֹנוֹת · אַיינֶע גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אִיז דַאס דֶער לֵץ צִיהְט אוֹיף זִיךְ צוּ לֶעצְט גְרָאסֶע יִסּוּרִים אוּנ קָאמְט אִין גֵיהִנָּם · וֶוען מַאן אַבָּער אוֹיף אַיין תַּלְמִיד חָכָם מִתְלוֹצֵץ אִיז שְׁפָּאטֶעט אוּנ מִיט רֶעד אִיהְם מְבַזֶּה אִיז פֶערְאַכְטֶעט אִיז דֶער עוֹנֶשׁ וֵוייט גְרֶעסֶר · וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט (הַמְבַזֶּה תַּלְמִיד חָכָם אֵין רְפוּאָה לְמַכָּתוֹ) וָוער דֶען תַּלְמִיד חָכָם פֶרְאַכְטֶן טוּהְט · אִיז פִיר זַיין מַכָּה קֵיין הֵיילְמִיטֶעל פֶרְהַאנְדִין · וִויא דִיא מִשְׁנָה זָאגְט הֱוֵי זָהִיר בְּגַחַלְתָּן וכו׳ דוּא זָאלְסְט דִיר אַכְט גֶעבִּן אוֹיף אִיהְרֶע פֵייעֶרִיגֶע קוֹיל · וֵוייט נָאךְ מֶעהְר אוּנ נָאךְ גְרֶעסֶר אִיז דֶער עוֹנֶשׁ פוּן זָאלְכֶע דִיא מִתְלוֹצֵץ זִינְד אוּנ מְבַזֶּה זִינְד זָאלְכֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס מַנְהִיגֵי הַדּוֹר פִיהְרֶער פוּן דֶען דוֹר זִינְד · אוּנ דֶער הֲמוֹן עָם זִיא אַכְטֶען אוּנ שֶׁעצִין טוּהְט אוּנ אִיהְרֶע תּוֹכָחָה וְהַדְרָכָה אוּנְטֶערִיכְט גֶענוֹי נָאךְ פָאלְגֶען · אוּנ זִיא דוּרְךְ אִיהְרֶע לֵיצָנוּת אוּנ בִּזְיוֹנוֹת גוֹרֵם זִינְד דַאס מַאנְכֶע פוּן דֶען הֲמוֹן עָם דַאדוּרְךְ צוּרִיק

טרעטין

טרעטן און ניכט מעהר זיין תוכחה און הדרכה נאך פאלגען ווילן .
דאס זיא דורך דען ליצנות דער חבר פון ירבעם בן נבט זינד
דער עס וואר (חוטא) איין זינדיגער און (מחטיא רבים) און האט
פערפוהרזאכט דאס פיעלע זינדיגן זאלן . דען דער רמב"ם זאגט
איינער וואס צוריק האלט רבים איינע מצוה צו טוהן דער איז
מחטיא הרבים .

## שאלה מ

וויא גראס דער חטא פון עון זרע לבטלה איז . און וויא אזו
מאן עס מתקן אום בעסערן קאן

## תשובה

דוא זאלסט וויסן דיא עבירה פון עון זרע לבטלה איז גראס
און וויכטיג . אזו דאס דיא חסידים הראשונים אין פריערינגע
צייטן ווען זיא נור דיא עבירה איז צו גקאמן באונס און אונגערן במקרה לילה
האבן זייא דעסטוועגן גפאסט פירציג טאג . ווייל דיא עבירה איז גגליכען צו
שפיכות דמים בלוט פרגיסן . פילמער ווען דער מענש קרוב למזיד איז דאס
ער דאצו גורם האט געוועזן . און דאך ליידר זעהר זעלטן איז דער
מענש דער זיך ריהמן קאן דאס ער פון דיא עבירה גאנץ ריין איז . פילמער
אין דיא יונגע יאהרן . דען זא באלד דאס מאן נור איין פרייעס אויג האט
און ניכט זיך גוט אכט גיבט אוף דברים אסורים פרבאטענע זאכן צו זעהן
זא איז מאן שאהן אין גפאהר פון דיא עבירה . ווייל דאס אויג זעהט . און
דאס הערץ גליסט און דאדורך צו שלעכטע גדאנקן קאמט און דאס פראורזאכט
דאס מאן זיך ברינגט צו עון זרע לבטלה . אדער ווען מאן איין פרייעס
מויל האט עס צו בשמוצען און עס צו פראונרייניגן דורך זאלכע רעד דיא
דיא הייליגע תורה פרבאטן האט . געהמליך לשון הרע . עזות . חנופה .
שקרים . ליצנות מכש"כ מרבה שיחה עם אשה פילמעהר פיל צו רעדן מיט
איין אשה . ווען זיא אוך אשתו איז . פילמעהר דברי נבלה ועזות צו רעדן .
אדער ברכה לבטלה . אדער ווען דיא צייט פון עסן קאמט וואס עס וויר̇ד
גערופן אין דיא ספרי יראה עת מלחמה קריגס צייט . דאס מאן אוף זיך גוט
און גענוי אכט געבן זאל דאס מאן ניכט עסן זאל בדרך בלענא איילענד
גייציג . וויא עשו האט גזאגט הלעיטני נא שיט אין מיר איין . ווייל
דאס איין דבר ידוע געוויסע זאך איז דאס פון דיא גראסע תאות אכילה לוסט
פון עסן . פילמעהר ווען דיא מאכלים טובים ועריבים פיינע זיסע שפייזען
זינד . קאן מאן קאמן לידי זיבה . זאנדערן זיין גאנצע אכילה זאל זיין
בבחינות צדיק אוכל לשובע נפשו דער פראמער מאן עסט נור דעסט וועגן דאס
ער ניכט הינגעריג זיין זאל . און זעהר במתינות געלאסן . און אימער דיא פורכט
פון השי"ת פאר זיינע אויגן האבן . ווייל דיא אלע איבר פליסיגע הנאות וואס
מאן

# כלל ד שאלה מ מא

מַאן גֶענִיסְט פוּן מַאֲכָל וּמַשְׁקֶה עֶסְן אוּנ טְרִינְקְן פוּן דִיא וָואכְן טֶעג חוּץ אוּיס גֶענָאמֶן סְעוּדַת מִצְוָה אִיז מַאן דַאמִיט מוֹסִיף כֹּחַ פוּן סט״א ר״ל דַאס דִיזֶעס אַלֶעס פֶערְאוּרְזַאכְט דַאס מַאן אִיהְם בְּמִקְרֶה לַיְלָה מְטַמֵּא זַיין זָאל ר״ל . אוּנ דֶער עוֹנֶש פוּן דִיא עֲבֵירָה אִיז גְרוֹיס אִיז וָוען דֶער מֶענְשׁ פֶערְנַאכְלֶעסִיגְט זָאלְכֶעס מְתַקֵּן צוּ זַיין מִיט תְּשׁוּבָה . דַאס עֶר דַאדוּרְךְ זַיינֶע קִינְדֶער פֶערְלִירְט ח״ו . אוּנ דֶער תִּיקוּן דַארוֹיף אִיז דַאס עֶר זִיךְ בֶּעשְׁטְרֶעבְּן זָאל וֶועְרֶענְד דַאס עֶר מִצְוֹת מְקַיֵּים אִיז דַאס עֶר זִיךְ דַאצוּ אַנְשְׁטְרֶענְגְן זָאל בִּיז עֶר צוּ שְׁוַייס קָאמֶן טוּט . פִיעל מֶעהְר דַאס עֶר זָאלְכֶעס טוּהְן זָאל בַּייא אַיין דְרָשָׁה . אד״ג . וְוִיא אוֹיךְ מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה מְקַיֵּים צוּ זַיין . אוּנ זָאל זִיךְ בֶּעשְׁטְרֶעבְּן דִיא מִצְוָה פוּן צְדָקָה אוּנ גְמִילוּת חֲסָדִים מְקַיֵּים צוּ זַיין . וְוִיא וַוייט זַיין פֶערְמֶעגְן אִיהְם עֶרְלוֹיבְּט . וְוִיא אוֹיךְ זַיינֶע פִיס צוּ בֶּעמִיהֶען מִצְוֹת נָאךְ צוּ גֶעהְן . בִּיקוּר חוֹלִים . הַכְנָסוֹת כַּלָּה . פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם אד״ג . אוּנ זָאל זַיינֶע שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה מִיט דְמָעוֹת טְרֶערְן מִתְפַּלֵּל זַיין . וְוִיא אוֹיךְ זַיין תְּהִלִּים זָאגְן . בֶּעזָאנְדֶערְס בַּיים חֲצוֹת אָבּ רֶעכְטְן זָאל עֶר זַיינֶע אוֹיגְן נִיכְט שָׁאהְנֶען . ווייל דֶער חֵטְא פוּן עָוֹן זֶרַע לְבַטָּלָה הָאט פִיעל פֶערְאוּרְזַאכְט צוּ חוּרְבַּן יְרוּשָׁלַיִם . פִיעל מֶעהְר דִיא דְמָעוֹת טְרֶערְן וָואס אַיין מֶענְשׁ פֶערְגִיסְט בַּייא אַיין הֶסְפֵּד פוּן אַיין צַדִיק . דֶען עֶס ווירְד גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִיא סִפְרֵי מוּסָר דַאס דִיא טְרֶערְן וָואס אַיין מֶענְשׁ פֶערְגִיסְט בַּייא דִיא פְּטִירָה אוּנ הֶסְפֵּד פוּן אַיין אָדָם כָּשֵׁר . דַאס דִיא טִיפַּת דָמַע זִינְד אַיין תִּיקוּן אוּנ אַיין גְרוֹסֶע כַּפָּרָה אוֹיף יֶענֶע טִיפּוֹת עָוֹן זֶרַע לְבַטָּלָה דִיא עֶר פֶערְגָאסְן הָאט . נו״ן אַיין פָאטֶר דֶער זַיינֶע קִינְדֶער לִיבּ הָאט אוּנ וִוינְשְׁט מִיט נַחַת זִיא צוּ עֶרְצִיהֶען אוּנ נִיכְט דַאס זִיא וָועגְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע יוּגֶענְד טִיהְרוּנְג וָועק גֶערִיסְן וֶוערְדְן זָאלְן . וְוִיא מוּס עֶר זִיךְ בֶּעשְׁטְרֶעבְּן עַל כָּל צָרָה שֶׁלֹּא תָּבֹא וָוען זִיךְ אַיין אַזוֹ פַאל אַיין פְּטִירָה פוּן אַיין צַדִיק עֶרְאַיינֶעט . דַאס עֶר זָאל אַלֶעס מֶעגְלִיכֶע דַאצוּ טוּהְן דַאס עֶר דֶען הֶסְפֵּד בַּייא וָואהְנֶן זָאל .

ווייל דֶער יצה״ר דָאס אִיז דֶער שָׂטָן . דָאס אִיז דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת . ווייסְט דֶען גְרָאסְן עוֹנֶשׁ פוּן דִיא עֲבֵירָה . אוּנ דַאס דִיא טְרֶערְן בַּייא אַיין הֶסְפֵּד פוּן אַיין אָדָם כָּשֵׁר זָאלְכֶעס מְתַקֵּן זַיין קָאן . דַארִיבֶּער זֶעהְט עֶר אַלֶעס מֶעגְלִיכֶע צוּ טוּהְן דִיזֶע מִצְוָה בַּייא דֶען הֶמוֹן עַם צוּ פֶערְקְלֶענֶערְן אוּנ דַאס זִיא עֶס פַאר גְרִינְג הַאלְטֶען זָאלְן מִיט דֶען וָוארְט . וֶועגֶען דִיא מִצְוָה עוֹשֶׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת פַּרְנָסָה צוּ זִיכֶען קָאן מַאן זִיךְ צוּ זָאלְכֶעס נִיכְט צַייט נֶעמֶען .

**שאלה מא** ווייל בַּייא אַיינֶען יֶעדֶען שִׁידוּךְ מַעֲלוֹת אוּנ חֶסְרוֹנוֹת זִינְד . וֶועלְכֶעס אִיז עֶר שׁוּלְדִיג פָאר צוּ צִיהֶען . אוּנ וֶועלְכֶעס צוּ אוּנְטֶער לַאסֶען .

**תשובה** זָאג אִיךְ דִיר . דַא דֶער תַּכְלִית צְוֶועק פוּן דֶען מֶענְשֶׁענְס זַיין לֶעבְּן אוֹיף עוֹלָם הַזֶה אִיז נוּר דַאס עֶר זִיךְ תּוֹרָה

וּמַעֲשִׂים טוֹבִים עֶרְוֶוערְבֶּן זָאל אוּנ דֶער וֶועג וִויא דֶער מֶענְשׁ נָאךְ זַיין לֶעבֶּן רַייזֶען מוּס זֶעהְר אוּנְגֶעהַייֶער וַוייט אִיז . אוּנ דַארִיבֶּער זֶעהְר פִיהְל צֵידָה לַדֶּרֶךְ בֶּנֶעהְטִיגְט . דַארוּם אִיז אַיין מִדָּה טוֹבָה דַאס אַיין מֶענְשׁ אִין הִיעְנְזִיכְט פוּן עוֹלָם הַבָּא זִיךְ אַיין צוּ קוֹיפֶן תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים גִימָאהְלְס שָׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ זַיין זָאל דַאס הַייסְט מִיט זִיךְ נִימָאהְל צוּ פְרִידֶן זַיין זָאל . דֶען אַזוֹי לַאנְג דַאס עֶר לֶעבְּט אוּנ נָאךְ כֹּחַ הָאט מוּס עֶר זִיךְ בְּשְׁטְרֶעבֶּן אִימֶער צוּ זוּכֶען וִויא עֶר זִיךְ מֶעהְר מַעֲשִׂים טוֹבִים גֶעוִוינֶען קָאן . וַוייל אָבֶּער דֶען מֶענְשֶׁנְס לֶעבֶּנְס צַייט זִינְד נִיכְט פוּן לַאנְגֶען דוֹיעֶר דַא זִיא נוּר זִיבְּצִיג יָאהְר זִינְד . אוּנ דִיא גֶעהֶן בַּאלְד פֶערְאִיבֶּער . דַארִיבֶּער מוּס עֶר יַא זָארְגֶען אוּנ צוּ טְרַאכְטֶן אוֹיף אַיין זָאלְכֶן פְלַאהְן צוּ קָאמֶן וִויא עֶר זִיךְ אוֹיךְ נָאךְ זַיין אָב לֶעבֶּן מַעֲשִׂים טוֹבִים שַׁאפֶען קֶענְן זָאל . אוּנ וַוייל דֶער מֶענְשׁ אַיין (פֶּלֶג גּוּפוֹ) הַאלְבֶּער גוּף אִיז . אוּנ אַזוֹי לַאנְג דַאס עֶר אִין לֶעדִיגֶן שְׁטַאנְד אִיז אִין פִיהְלֶע זַאכֶן גֶעהִינְדֶערְט אִיז פוּן תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים . דַארִיבֶּער הָאט דִיא תּוֹרָה גְזָאגְט לֹא טוֹב הֱיוֹת אָדָם לְבַדּוֹ אֶעֱשֶׂה לּוֹ עֵזֶר עֶס אִיז נִיכְט גוּט דַאס אַיין מֶענְשׁ אַלַיין זַיין זָאל . אִיךְ וִויל אִיהְם מַאכֶן אַיין גֶעהִילְף . דַאס עֶר זָאל זִיךְ אַיין אִשָּׁה נֶעמֶן דִיא אִיהְם בַּייא הִילְפִיג זַיין זָאל פוּן עִנְיָנִים הֶכְרֵחִים פוּן פִיעלֶע זַאכֶן דִיא עֶר בֶּנֶעהְטִיגְט פוּן עוֹלָם הַזֶּה צוּ פֶערְגְרִינְגֶערְן דַאס עֶר דוּרְךְ אִיהְר מֶעהְר גְלֶעגֶענְהַייט גֶעוִוינְט צוּ תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים . צְוַוייטֶנְס דוּרְךְ דִיא אִשָּׁה קָאן עֶר זוֹכֶה זַיין דַאס עֶר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער הָאבֶּן וִוירְד דִיא עֶר עֶרְצִיהֶען וִוירְד אוֹיף דֶען וֶועג פוּן תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם אַזוֹי דַאס זִיא נָאךְ זַיין אָבּ לֶעבֶּן גוֹרֵם זַיין וֶוערְדֶן דַאס עֶר נָאךְ וַוייטֶער עוֹבֵד ד' וּמְקַיֵּים מִצְוֹת אִיז הַשִּׁי"ת דִינְט אוּנ זַיינֶע מִצְוֹת הַאלְט . דֶען דֶער יֶענִיגֶר דֶער וָואס קִינְדֶער צוּרִיק לַאסְט דִיא יִרְאֵי שָׁמַיִם זִינְד . וֶוערְדֶן אִירֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים גֶרֶעכְנֶט אַלְס הֶעטֶע זִיא דֶער פָאטֶר מְקַיֵּים גֶוֶועזֶן . וַוייל עֶר פְרָאוּהֶערְזָאכְט אוּנ הָאט זִיךְ בְּשְׁטְרֶעבְּט זִיא אוֹיף אַיין זָאלְכֶען וֶועג צוּ פִיהְרֶען דַאס זִיא אָמְתְדִיגֶע עֶרְלִיכֶע יִידֶען זַיין זָאלֶן .

דַארוּם וַוייל דֶער תַּכְלִית פוּן נְשִׂיאוּת אִשָּׁה אַיין וַוייבּ צוּ נֶעמֶן אִיז . דַאס עֶר דוּרְךְ אִיהְר דִיזֶע אָבִּיגֶע צְוַוייא זַאכֶן גֶעוִוינֶען זָאל .

זאל

# כלל ד שאלה מא

זאל ער זיך גוט אכט געבן ווען זיין זמן נישואין דיא צייט פון דיא חתונה קאמט . אדער דער זמן הנשואין פון זיינע קינדר . דאס ער זיך ניכט פון דיא דרכי דמון עם פירונג פון דען גמיינן פאלק פרפיהרן זאל לאסן . נעמליך דאס דאס געלד נור אלעם איז . דאס מאן זיך נאר ניכט אום זעהט אוף צניעות . אויף יראה . אויף מדות טובות . אויף יחוס משפחה . דען דיזער וועג איז קרוב להפסד אונ רחוק משכר -- נאהע צו שאדן אונ וייט פון געווין . דען דא מיר יידען זינד אונ אמונה בעזיצן אונ אין דען ווארט אמונה איזט פערשטאנן דאס נור השי"ת אליין מאכט ארים אונ רייך , נון איזט אידם פון השי"ת עשירות בשטימט אזוי ווירד עם איהם קאמן ווען ער אויך נאך זא איין קליינע נדן נימט . איז אבער אוף איהם נגזר דאס ער ארים זיין מוס זא ניצט איהם ניכט ווען ער נאך זא פיעל נדן בקאמט . אבער זיך צו זוכן איין זאלכע אשה דיא איין צנועה איז אונ יראת שמים בעזיצט *) דאס ער דורך איהר פיעל תורה אונ מעשים טובים ערווערבן קענן זאל דאס איז נור אין זיין בחירה וואהל אבהענגיג . דארום זאל מאן שכל האבן דאס מאן נור אוף דען עיקר זעהן זאל אויב זיא יראת שמים האט — אויב זיא איין צנועה אונ בושת פנים איז . אונ בעזאנדערם אויב ביא איהר תורה לערנן אונ יראת שמים איין ווערט האט . אויב זיא ווירד צו פרידן זיין דאס זיא זיך ניכט מיט פאה נכריות צירען זאל וואס עם ווירד גערופן שייטעל **)

שאלה

---

*) (עיין מנורת המאור נר ג' כלל ו) ווען איין מענש וויל אנבויען וייץ ווען ער ווינשט דאס דיא פריכטען זאלן גוט אום פאלען . זעהט ער אלעם מעגליכע צו טוהן דאס ער זיך איין זאלכעס פעלד אויף זוכט וואס אלע מעלות האט וואס דאדורך דיא תבואה זעהר גוט אום פאלען זאל . נון וואס איז אלעם איין מענש שולדיג צו טוהן ווען זיין זמן נשואין קאמט . דאס ער זאל רייכטום . אונ חן . אונ יופי . נור פיר איין טפל מאכן . אונ דער עיקר זאל ביא איהם נור זיין יראת השם דאמיט ער דאדורך שפעטער ערווארטן קענן זאל דאס זיינע תולדות פרי קודש קינדר הייליגע פריכטן זיין ווערדן .

**) גראס זינד דיא רייד פון אונזר הייליגע גמרא וואס עם זאגן דאס דער דרך וועג פון דען יצה"ר איז ווען ער דען מענשן פערפיהרן וויל דאס ער איהם

שפעטר

**שאלה מב** וויא דיא פיהרונג צווישען מאן אונ ווייב אין הינזיכט דת משה אונ דת יאהדות אוס זעהן זאל .

**תשובה** זאג איך דיר דאס אין דען וואָרט איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם ווען דער מאן מיט זיין ווייב פיהרט זיך אין הינזיכט דת משה אונ דת יאהדות נאך דיא פארשריפט פון אונזר

---

שפעטר היען אין דיא שאול תחתית טיפען גהינם שטירצען קענן זאל . זא איז ניכט דער אנפאנג פון זיין הסתה פערפירונג צו גרוסע עבירות זאנדערן נור צו קליינע אונ זעלבסט ביא דיא הסתה פון דיא קליינע איז ער זיך מתלבש פערקליידען אלס צדיק דאס ניכט נור דאס עס קיין עבירה איזט זאנדערן נאך איין מצוה . געמליך וויל דער יצה"ר ווינשט דיא צייט צו ערלעבן דאס יידישע טעכטער פרוצות זיין זאלן אונ דאס גאנצע דת יאהדות צו פערלאסען דאס זיא גאנץ בגילוי שער פרייא מיט האר געהן זאלן וויא דיא נשים נכריות ווייבער פון אנדערע פעלקר . וויא קאן דאס אבר זיין . דען פון איין סאמיט באנד ביז טיעף אין שטערין צו טראגן . ביז מיט אייגענע האר פרייא צו געהן . איז יא פילע מיילען וייט . זא איז ער זיך מתחכם קליגט ער מיט זיין הסתה מדריגות מדריגות שטופען וייז צו געהן . נעמליך ער זאגט דיא ערשטע דורות דיא אמתדיגע יראת שמים געהאט האבן . זא האט איהנען דיא גרוסע אהבת ד' ליעב צו השי"ת פעראורזאכט דאס איהר ציהרונג אונ שמוק . אונ פוץ . ווען אויך דאס זאלכעם ביא נשים טייער איזט . האבן זייא דאך אלעם ביא געזייטיגט וועגן דאס זיא זאלן דאס דת יאהדות אונ צניעות על צד היותר טוב אויף דיא בעסטע ארט נאך פאלגן . אונ האבן דיא סאמיט באנד ביז טיעף אין שטערן געטראגן . דאמיט דאס קיין האר גזעהן ווערדן זאל . ליידער אבער אונזר היינטיג דור וויא דיא ברענענדע יראת שמים זעהר פיעל פערלאשען איז . דאריבער אים זיך בעסער ציהרן צו קענן איז מאן ניכט צו פרידען דאס דיא סאמיט באנד טיעף אין שטערן גרייכען זאל . אונ דאדורך ערייגנט זיך פילע מאל דאס שערות ראשה איהר האר גזעהן ווערדן . דאריבר איז מין עצה לשם שמים דאס צניעות אונ דת יאהדות צו בעפעסטיגן . דאס מאן דיא אלטע מאדע פון איין סאמיט באנד צו טראגן גאנץ אב שאפן זאל . זאנדערן נור איין ש י י ט ע ל טראגן פון צ ו ו י ר ע ן . אודר ז י י ד ע ן . אודר ה א ר . דאס עס אזו אוס זעהן זאל אלס איהרע אייגענע האר . אונ דאס ווירד זיא זיך געוויס ניכט שעמען ווען עס אויך טיעף אין שטערן גרייכט . אונ דאדורך ווערדן איהרע האר ניכט גזעהן ווערדן . ווען מאן שאן אבר איינגע יאהר זא געוואנט איז דאס מאן איין שייטל טראגן טוט אונ דאדורך זעהט עס אזו אוס אלס מאן מיט דיא אייגענע האר פרייא געהט

# כלל ד שאלה מב

אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז שְׁכִינָה שְׁרוּיָה בֵּינֵיהֶם רוּהְט דִיא שְׁכִינָה צְווִישֶׁן זֵייא. אִיז פַרְשְׁטַאנְן דָאס אֵיין שׁוּלְדִיגְקֵייט אִיז דַאס זִיא זָאלֶען זֶעהְר אָפְּט לֵיינֶן אִין דִיא יִידִישׁ טֵייטְשֶׁע סְפָרִים גֶעהְמִלִיךְ שְׁמִחוֹת הַנֶּפֶשׁ. מַעְיָן טָהוֹר. הֲלִיכוֹת עוֹלָם. מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל. [אָבֶּר עֶס אִיז נִיכְט גֶענוּג וִויא דִיא יוּנְגֶע נָשִׁים זִיךְ פוּן דִיא נָשִׁים זְקֵנוֹת אַלְטֶע וַוייבֶּר מִינְדלִיךְ אוּנְטֶערְרִיכְטֶן אוּנ אוּנְטֶער וֵוייזֶן לָאסֶען] דָאס זִיא בָּקִי וְרָגִיל זָעהְר גוּט בְּקַאנְט זֵיין זָאלֶן אִין דִיא דִינִים פוּן נִדָּה. אוּנ דִיא דִינִים פוּן פְּרִישָׁה סָמוּךְ לְוֶסֶת. אוּנ דִיא דִינִים פוּן חֲפִיפָה אוּנ חֲצִיצָה אוּנ טְבִילָה. וִויא אוֹיךְ דַאס זִיא ווִיסֶן זָאלֶן וִויא גְרוֹס דֶער חוֹמֶר הָאִיסוּר דִיא וִויכְטִיגְקֵייט פוּן דֶען פַּרְבָּאט אִיז דַאס דִיא עֲבֵירָה פוּן נִדָּה וָוען מַאן אוֹיף אִיהְר נִיכְט גְהֶערִיג אַכְט גֶעבֶּן טוּהְט פַרְאוּרְזַאכֶן קַאן דָאס לֶעבֶּן פוּן דֶען מַאן זַאמְט וַוייבּ אוּנ קִינְדֶר צוּ פַרְשְׁנֵיידֶן חָלִילָה [דֶען וָוען מַאן נִיכְט לֵיינְט אִין זָאלְכֶע סְפָרִים זָא זִינְד דִיא אַלֶע עֶרְוֵוייטֶערוּנְגֶען בֵּייא מַאנְכֶע אוּנְווִיסֶענְדֶע נוּר אַלְס מִנְהָגִים גֶעבְּרֵייכֶע בֶּטְרַאכְטֶעט. נוּן וַויל עֶס נוּר אֵיין מִנְהָג אִיז. זָא אִיז מַאן יַא זִיךְ זֶעהְר לֵייכְט מְשַׁנֶּה וָוען מַאן אוֹיךְ עֶס נִיכְט אַזוֹ גְהֶערִיג נָאךְ פָאלְגֶן טוּהְט. וָוען מַאן אָבֶּר דוּרְךְ דֶען לֵיינֶן וַוייס דַאס דִיא עֲבֵירָה פוּן נִדָּה נִיכְט נוּר אִין אֵיין גְלֵייךְ גֶעווִיכְט. זָאנְדֶערְן וַוייט מֶעהְר אַלְס יוֹם כִּיפּוּר עֶסֶען אִיז. זָא פַרְאוּרְזַאכְט זָאלְכֶס בֵּייא אֵיין יֶעדֶן מֶענְשֶׁן דַאס עֶר מִיט צִיטֶערְן אוּנ שְׁרֶעקֶן אוֹיף זִיךְ נִימְט גֶענוֹי אוּנ שְׁטְרֶענְג דִיא הֵיילִיגֶע פָארְשְׁרִיפְט נָאךְ צוּ פָאלְגֶן] דֶען ווַייל דָאס פַייעֶר פוּן דִיא תַּאֲווֹת לֵיידֶענְשַׁאפְטֶן

אִין

---

וַויא דִיא נָכְרִיּוֹת. צוּ לֶעצְט קָאמְט דֶער יצה״ר מִיט זֵיין הַסָּתָה. הַשֵּׁי״ת הָאט קֵיין הֲנָאָה פוּן פֶעלְשֶׁרֵייא פוּן זָאלְכֶע יִרְאַת שָׁמַיִם אוּנ צְנִיעוּת דִיא נִיכְט אֶמֶתְדִיג אִיז. דַא שָׁאן אָהְנֶע הִיעֶן דוּא נִיכְט צְווִישֶׁן דִיא נָשִׁים צְנוּעוֹת גֶערֶעכֶנְט ווִירְסְט. וַוייל דִיא עֶרְשְׁטֶע דוֹרוֹת זִיךְ קֵיין שֵׁייטֶעל עֶרְלוֹיבְּט הָאבֶּן צוּ טְרָאגֶן אוּנ זָאלְכֶס שָׁאן פִיר אֵיין פְּרִיצוּת גֶערֶעכֶנְט אִיז *) וַואֶרוּם זָאל נִיכְט דַיין פָערְגֶענִיגֶן גַאנְץ פֶערְפִיל זֵיין דַא מַאן שָׁאן אָהְנֶע הִיעֶן מֵיינְט דַאס דוּא דִיךְ מִיט דֵיינֶע אֵייגֶענֶע הָאר צִיהְרְסְט. זָאל עֶס שָׁאן בֶּאֱמֶת אַזוֹ זֵיין. דֶען יֶעצְט בִּיזְט דוּא קֵיין יִידֶענֶע אוּנ קֵיין גוֹיָה.

---

a) דַאס דֶער נָבִיא יְשַׁעְיָה הָאט זָאלְכֶע נָשִׁים דִיא זִיךְ מִיט שֵׁייטֶעל צִיהְרֶן מִיט פִירְכְטֶערְלִיכֶע קְלָלוֹת גֶעפְלוּכְט אוּנ פֶערְשָׁאלְטֶען.

אין די יונגע יאהר ביא דען מענשן זעהר גרוס איז . זא קאן דאס פראורזאכן די פארגעשריבענע ערוויטערונגן גרינג צו שעצען אונ זיך מאנכם צו ערלויבן וויל די אהבה צו אשת נעורים אונ בעל נעוריה זעהר גרוס איז -- .

דאריבר טוהע איך אייך איין התראה דאס איהר אייך גיט בדענקן זאלט איין זאלכן שריט צו מאכן . דאס ניכט איין צייט קאמן זאל דאס די אהבה פרקערט ווערדן וויר צו איין שנאה גדולה וכבושה איינן גרוסען האס . דא ווען אוך די טהיר פרשלאסן . די פענסטר פרהאנגן . דאס ליכט פרלאשן . דא דאך דאס אויג פון השי"ת אלעם זעהט . אונ ווען אוך דאס ער לאנג מיטהיג איז . עס קאמט אבר דאך דער געוויסער צאהלטאג דאס די עבירה שפעטר היין פראורזאכט דאס צווישן זיא ענטשטעהן ווירד גרוסע מחלוקת . קללות . דאס זיא גטרענט זיין ווערדן אונ זיא אלם לעבדיגע אלמנה לעבן ווערדן מוס . אדר דאס זיא גרוסע יסורים ליידן ווירד אינערליך אדער דאס זיא ליידן ווירד פון איין אונאויפהערליכן בלוט פלוס . אונ דאדורך ביא איהר מאן פראכט זיין ווירד אונ דען חן פרלירן . אונ פראורזאכן ווירד דאס זיא זיך גאנץ שיידן מיסן ווערדן ווי אוך דאס זיא דורך דען ליינן פרשטעהן ווירד וויא גרוס די עבירה פון בגדי פריצות אונ גילוי בשר אונ גילוי שער איז . דאס זיא דאדורך פראוהרזאכן קאן איהרן מאן אונ קינדר כמה רעות וצרות ר"ל פיהלע ליידן אונ אונגליקע . ווען זיא זיך אבר אלם צנועה פיהרט . זא איז זיא זוכה צו בנים כשרים אונ צדיקים . אונ דאס דאדורך איהר מאן שפע אונ הצלחה האבן זאל :

# כלל ה בצדקה תכונני ובו ה שו"ת

**שאלה מג** חעלכער עושר פערדינט דאס מאן איהם ווענן זיין רייכטום מקנא זיין זאל .

**תשובה** עס ערשיינט זיך מאנכעם מאהל ביא איין מענש דאס זיינע יאהר אונ זיינע טעג ווערדן ביא איהם פרקעהרט אונ פרוואנדלט פון שלעכטן צו גיטען . נעהמליך פריהער

וואר

# כלל ה שאלה מג

וואר זיין פרנסה בדוחק אונ מצומצם געענגט אונ בדרענגט. אזו דאס ער מיט שווערער מיהע אונ אנגסט אונ שוויים זיין ברויט האט זיך פרדינען קאנן . אונ שפעטער הין האט השי"ת זיין מזל ערהויבן דאס דיא צייט איהם גליקליך אונ גינסטיג איז . אזו דאס ער זיך ערווארבן האט כסף וזהב מקנה וקנין זילבר . גאלד. פילעס פרמעגן אזו דאס אלע זיינע אומגעבנדע שכנים פון דעם המון עם דיא פריהער זיין אונגליקליכן עלענדן שטאנד גקאנט האבן . איהם מקנא זיין בניידען . דאס אן איהם איז מקוים געווארדן מקים מעפר דל מאשפות ירים אביון השי"ת ערהעבט דען ארמן פון שטויב . אבר דיא חכמים דיא גלעהרטע פון דען פאלק זאגן . טראגט געדולד מאן מוס אבווארטן דיא צייט וועלכע פריכטן זיין רייכטום ווירד טראגן . נעהמליך דאס מיר זעהן ווערדן וויא זיינע וועג ווערדן זיין אין הינזיכט דער יידישקייט . אב ער זיך בשטרעבן ווירד מקיים צו זיין תורה ומצות . אונ וויא זיינע פיהרונג זיין ווירד מיט גמילות חסדים וצדקה . אונ וויא דיא ערציהונג פון זיינע קינדער זיין ווירד אב ער זיך בשטרעבן ווירד זיא גיר לערנן צו לאסן תורה אונ יראת שמים . אונ זיינע טעכטער פיהרן ווירד דאס זיא נור אין דען וועג פון צניעות געהן זאלן . אונ ווען דיא צייט ווירד קאמן זיינע קינדער חתונה צו מאכן מיט וועם ער זיך בשטרעבן ווירד משדך צו זיין . ווירד ער דאס אלעס טוהן נור פרמעהג דיא פארשריפט פון אונזערע היילגע תורה. אזו פרדינט ער דאס מאן זאל איהם מקנא זיין מיט זיין רייכטום . דען דאמאהלס איז געווים דאס זיין עשירות איז מסטרא דקדושה אונ איהם רק לטובה נור צום גוטען . אונ זיין שכר פון עולם הבא ניכט נור דאס עס דאדורך ווייל ער בעולם הזה שלוה אונ עושר האט . ניכט פרקירצט ווירד אדער גאנץ פרלורן געהט . זאנדערן עס ווירד נאך דאדורך פרמעהרט אונ פרגרעסערט. דען דער עושר ווען ער איז איין ירא שמים האט ער יא זעהר פיהל גלעגענהייט מצות ומעשים טובים צו טוהן אין איין טאג וואס דער גמיינער מאן ניכט קאן טוהן אין איין גאנצן חודש . ווען אבר זיין שלוה אונ רייכטום האט איהם פעראורזאכט פון דען וועג פון דיא תורה אוים צו

טרעטן

פרעטן נעהמליך דאס ער איז איין אכזר און הארט הערציג אויף
עניים . און עס איז איהם שאהן ווידר זיין קראקטר און פראבמעט
דאס ער זאל זיך בשטרעבן מצות און יידישקייט מקיים צו זיין . און
דא דיא תורה ביא איהם גרינג גשעצט איז . זא איז ער מבטל תורה
מעושר ווענן פילע טרדות און גשעפטן נימט ער זיך ניכט צייט יערן
טאג עטוואס צו לערנן אין ספרי מוסר ויראה און איז מגדל ערציהט
זיינע קינדער ניכט אויף דיא שוים פון דיא חכמים דאס זיא תורה
ויראת שמים לערנן זאלן . זאנדערן חכמות חיצוניות פרעמדע קענטניסע
וואס עס פיהרט צו אפיקורסות וואס זיא דאצו ברינגט ווען זיא
ערוואקסן פילמעהר אין רייכן שטאנד דאס זיא מזלזל זיין פראבטען
טוהן תפלה דאס דאווינען . תפילין . מאכלות אסורות טריפות צו
עסן . גילוח התער מיט שאר מעסער זיך צו פיצן . פריצים בעריות
אום גלאסענע וועג צו געהן . ובחילול שבת . כנהוג - און זוכט
זיך זאלכע שידוכים ניכט נאך דען ווילן פון דיא תורה . נור והכסף
יענה את הכל וויא ער מעהר געלד בקאמן ווירד . ווען ער זאלכע
וועג געהט . ניכט נור דאס זיין עשירות ניכט פרדינט דאס מאן איהם
מהנא זיין זאל . זאנדערן דען וואס זיינע אויגן אפען זינד און
ניכט פרבלענט . זעהט איין דאס זיינע ערשטע יאהרן וויא ער
אין עלענד און אין עניות ארמוט געלעבט האט . זינד אין אמת
בעסר און גליקליכר גוועזן אלס דיא היינטיגע יאהרן . דען דיא נשים
וואס ער האט גנאמן פיר זיינע קינדר דאמאלס ווארן צנועות און
בעלי יראת שמים . און זיין נזהר גוועזן מקיים צו זיין דת משה
ויאהדות אויף אלען מעגליכן . נימאהלס איין פאה נכריות צו טראגן .
וויא אויך קיינע בגדי פריצות און יעצט איז אלעס פרקעהרט . און ווען
דיא כלות פרוצות זיין וואס ווערדן זיינע קינדס קינדר זיין . אויף דען
האט שלמה המלך גזאגט טוב פת חריבה ושלוה בה בעסר איין גמיינע .
איין גענגטע פרנסה אין גיטער יידישקייט מבית מלא זבחי ריב אלס
וויא גרוס הויז פיהרן מיט אלע וואהל לוסטן און תענוגים ווען
אונצופרידענהייט איז מיט דיא נשמה . נעהמליך דאס דיא יידישקייט
גשוואכט ווירד . דען ניכט אלעס איז גאלד וואס עס גלאנצט :

שאלה

# כלל השאלה מה

**שאלה מד** דַא דָאס שְׁפּרִיכְוָואָרְט אִיז מַלַּח מָמוֹן חָסֵר דֶען גֶעלְד מֶעהְלְט זַאלְץ · אִיז מַיין פֶערְלַאנְגֶען דַאס דוּא מִיר דֶען זִין דַאפוּן זָאגֶען זָאלְסְט -- ·

**תשובה** דִיא אוֹיף קְלֶערוּנְג דַאפוּן אִיז · דֶען וֶוען אוֹיךְ דַאס יִידִישֶׁע קִינְדֶר אוּים גְצַייכֶענְט זִינְד אוּנ דַאמִיט עֶרְקֶענְט וֶוערְדִן דַאס זִיא בֶּעזִיצֶן אוּנ אַייגֶען הָאבֶּן דִיא מִדָּה פוּן רַחֲמָנוּת בַּארְמְהֶערְצִיגְקַייט אוּנ גְמִילוּת חֲסָדִים דֶענְנָאךְ אִיז נוּר דֶער בֵּינוֹנִי דֶער מִיטֶעל שְׁטַאנְד אָדֶער דֶער גְמַיינֶר מְקַיֵּים דִיא מִצְוָה פוּן צְדָקָה אוּנ גְמִילוּת חֲסָדִים · אָבֶּער דֶער עוֹשֶׁר אִיז זִיא זֶעלְטֶען מְקַיֵּים וִויא זִיךְ גֶעבִּיהְרְט · דֶען וֶוען אוֹיךְ דַאס עֶר גְרוֹס צְדָקָה גֶעבֶּן טוּהְט · עֶר בַּרֶעכֶענְט זִיךְ אָבֶּער נִיכְט וִויא פִיהְל דַאס עֶר שׁוּלְדִיג אִיז צוּ גֶעבִּן פַרְמֶעג דֶען רַייכְטוּהְם וָואס הַשִׁי״ת אִיהְם צוּ גֶעטַיילְט הָאט · וֶוען עֶר אֱמוּנָה הָאט דַאס תּוֹרָה מִשָּׁמַיִם אִיז · נוּן דַא דֶער פָּסוּק זָאגְט מִמְּךָ הַכֹּל וּמִיָּדְךָ נָתַנּוּ לָךְ מַיין פַרְמֶעגֶן אִיז אַלֶעס פוּן דִיר · אוּנ פוּן דַיינֶר הַאנְד גֶעבֶּן מִיר דִיר · אוּנ דִיא תּוֹרָה הָאט בֶּעפָאלֶן עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר דוּא זָאלְסְט גֶעבֶּן דָאס צֶעהְנְט · וֶוער אִיז דֶער מֶענְשׁ דֶער נִיכְט מִיט דֶען אַיין שִׂמְחָה הָאבֶּן מֶעכְטֶע וֶוען אַיינֶר צוּ אִיהְם זָאגְט אִיךְ שֶׁענְקֶע דִיר הוּנְדֶרְט רֶענְדְלִיךְ · אָבֶּער מִיט דֶען בֶּעדִינְג דַאס דוּא מוּסְט צֶעהְן דַאפוּן גְלַייךְ אַן אַרְמֶע אוּיס טַיילֶן · דַארוּם אִיז צוּ בֶּעוָואוּנְדֶערְן פִיהְלֶע עֲשִׁירִים דַא זִיא בֶּאֱמֶת יִרְאַת שָׁמַיִם בֶּעזִיצֶן אוּנ דִיא עִיקָרֵי אֱמוּנָה וָוארְצְלֶען פוּן דֶען גְלוֹיבֶּן בַּייא אִיהְנֶען טַייעֶר זִינְד · אוּנ דַאצוּ דָאךְ אִיז דִיא אַהֲבָה בְּכָל מְאוֹדֶךָ לִיעבּ צוּ הַשִׁי״ת מִיט אִיהְר פַרְמֶעגֶן זֶעהְר שְׁוַואךְ אוּנ שְׁלַאף בַּייא אִיהְנֶען · אָבֶּר נִיכְט דַאס דוּא פוּן אִיהְר קַמְצָנוּת קַארְגְהַייט שְׁלִיסֶען קָאנְסְט דַאס זִיא אַן דֶען וָוארְצֶעל פוּן דִיא אֱמוּנָה אוֹיבּ הַשִׁי״ת אַלַיין מוֹרִישׁ וּמַעֲשִׁיר אִיז אָרִים אוּנ רַייךְ מַאכְט גַאנְץ לַייקְנֶען אָדֶער אִין צְווַייפֶעל זִינְד חָלִילָה · דֶען צוּם בֶּעוַוייז וֶוען דוּא אִיהְם אוֹיף זָאלְכֶעס מוֹכִיחַ בִּיזְט אוֹיבּ עֶר זִיךְ אַלַיין דָאס פַרְמֶעגֶן גֶעשַׁאפְט אוּנ עֶרְוָוארְבֶּן הָאט · אַזוֹי בֶּקָאנְט עֶר (לַה׳ הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ) דַאס דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט צוּ הַשִׁי״ת גְהֶער · אוּנ דַאס עֶר נוּר כֹּחַ גֶעבֶּן טוּהְט לַעֲשׂוֹת חָיִל פַרְמֶעגֶן צוּ שַׁאפֶן · אוּנ נוּר עֶר אַלַיין עַם אִיהְם צוּ גֶעטַיילְט הָאט נוּר דִיא אוּרְזַאךְ דַאפוּן אִיז · דַאס דִיא

אהבת העושר ליעב צו זיין רייכטוהם איהם זיינע אויגען פרבלענט און דאס יעדר מענש מיינט דאס זיינע וועג זינד רעכטשאפן און גוט . פילמעהר ווען מאן שאהן איינע צייטלאנג זיך אזו פיהרט זא ווירד דיא געוואנהייט איינע צווייטע נאטור .

נון וויל צדקה אזו גראסע טייערע מצוה איז דאס זיא אין גרעסערן ווערט שטעהט אלס אלע קרבנות . און זיא האט דען כח צו בעשיצן פון דען דין פון גהינם . און אין איהר זכות איז זיא מקרב געהערט דיא גאולה . דאריבר זאל דער עושר ווען ער איין ירא שמים איזט . זיך גיט בערעכענען דאס ער געגן השי"ת ניכט אונדאנקבאר זיין זאל .

**שאלה מה** ווען דער עושר דען תלמיד חכם אונטערשטיצט . אב ער איהם ווירקליך פון דען זייניגען גיבט אודר ניכט .

**תשובה** אוף דען זאג איך דיר דאס דער עושר וואס דעם תלמיד חכם אונטערשטיצט ווען ער זיין מצוה בשלימות גאנץ אהנע פעלער טוהן וויל . זאל ער נזהר זיין אכט געבן דאס ער ניכט דענקן זאל דאס דער תלמיד חכם ארים איז . נור ער איז אירם מהנה גיבט איהם פון זיין עשירות . און דאדורך פון איהם פערלאנגט דאס ער איהם נכנע אונטערטעניג . און מכיר טובה ערקענטליך און נושא פנים זיין זאל . בעריקזיכטיגען דאפיר . דען באמת דיא גאנצע שפע און ברכה און הצלחה וואס אוף דיא וועלט קאמט איז נור בזכות פון תורה לערנן . זא גיבט ער איהם נור פון דען זייניגען . דאריבר זאל דער עושר זיין תורה און אונטרריכט און תוכחה אזו אכטען און שעצען אלס ווען ער פון איהם נימאלס דיא גרינגסטע טובה גענאסן העטע . און ניכט וויל ער איהם אונטערשטיצט ביא איהם דיזעס אין קליינען ווערט שטעהן זאל וויל חכמות המסכן בזויה דיא תורה פון דען ארמען איז פעראכט . דא ער יעצט וויים דאס באמת זיין עשירות און שפע געהער דעם תלמיד חכם . נור וויל ער זאל ניכט דורך דען עשירות געהינדערט אין תורה זיין גיבט השי"ת זיין פערמעגן אין דיא הענד פון אנדערע -- .

**שאלה מו** ווען איינעם השי"ת עשירות צו געטיילט האט ווען ער מיט חכמה ווירטשאפטן וויל . אוף וועלכע ארט ער זיך פיהרן זאל .

**תשובה** וויל איין זאלכער עושר דער איין צר עין מיסגינסטיג איז . און קיין מאכט איבר זיין רייכטוהם האט צדקה

# כלל ה שאלה מו

און גמילות חסדים דאמיט צו טוהן . דער איז צו פערגלייכן צו איינען
דען דאס ציבור געמיינדע געוועהלט האט דאס ער ראש הקהל אדער
גבאי זיין זאל . דער באמת נאך זיינר שוואכע איינזיכט זיין התמנות
אמט זעהר טרייא פיהרט . נעמליך דאס ער בצרכי צבור עוסק באמונה
איז וואס דאס ציבור בענעטיגט זיך ערינסט בשעפטיגט . דאס ער
זעהט אלעס מעגליכע צו טוהן וואו ער לטובת הציבור צו ניצן דען
ציבור געלד מרויח זיין און איינבערענגן זאל . פיר קהלס געברוך הייזר
צו בויען . פרוכת . כלי קודש צו מאכן . ער איז אבער איין גרוסר
אכזר און הארטהערציג אויף דיא היימישע און פרעמדע אביונים און
עניים זיא ניכט צו אונטערשטיצן מיט קיין מתנה געשענק און מיט קיין
הלוואה עטוואס צו לייהען . און וויל ער איין עושר און אויך דאצו
מנהיג איז אונטערשטעהט זיך קיינר פון דיא עניים איהם מבזה צו
זיין . צו פעראכטען . ווען אבער דיא צייט פון זיין התמנות
שאהן פעראיבר איז . דאמאלס שעמט, ער זיך אויף איינע גאס צו
געהן פאר פילע בזיונות און קללות גמרצות דיא איהם דיא עניים
שולדיג זינד . דא ער יעצט אליין איין זעהט דאס ער וואר איין
שוטה אזוי נאריש צו האנדלן דאס ער האט זיין נשמה פערזינדיגט
אהנע אייגענע אינטערעסע דאפון צו האבן . דען איז דען דיא מצוה
פון פרוכת און כלי קודש מאכן אזוי גרוס דאס ווען אויך דאס עס פון
דען בלוט פון דיא עניים געמאכט ווארדן איז . דאס עס דאך ביא
השי"ת חשוב און געאכט זיין זאל — דען דער טרייער מנהיג ווען
ער וויל זיין התמנות אמתדיג באמונה פיהרן . זא מוס ער זיך גוט
אום זעהן אויף פרייע עניים . נאכמעהר אויף זאלכע עניים דיא נאך פערדעקט
זינד . נאך מעהר אויף עניים לומדי תורה . זיא אונטערשטיצנג צו געבן מיט
האלץ . מיט תבואה . און דער גלייכן . דארום זאג איך דיר דאס
דוא דיר זעהר אפט דאס משל געגן דיינע אויגן נעמן זאלסט אום
דאמיט דאס נמשל גענוי צו בעפאלגן . נעמליך דער מענש זא לאנג דאס
ער לעבט און ווען ער איין עושר איז . גלויבט ער דאס דאס געלד
וואס ער האט ליגען ביא זיך דאס עס זיין איז . און יענעס וואס ער
אן ארימע פריינד אדער פרעמדע עניים פערטיילט מיינט ער דאס ער

אום

אום דען וועניגער עושר איז . דא זאלכעס שוין ניכט מעהר זיין איז אונ ניכט אין זיין רשות שטעהט -- דאריבער איז ער אויף צדקה אונ גמילות חסדים אונ אויף צרכי מצות וואס מאן אויף מצות בנעטיגט זעהר מקמץ קארגט . ווען אבער דיא צייט קאמט פון זיין אברייזען פון דיא וועלט . אונ ער זעהט דאס ער זיין גאנצעס רייכטוהם צוריק לאסן מוס . יעצט פרשטעהט ער דאס ער זיין גאנצע לעבענסצייט נור פון השי"ת אלם גבאי פערוואלטר איבר זיין פרמעגן גזעצט וואָרדען איז . יעצט וויינט ער אונ איז מתחרט וואַרום בין איך אזו קארג גוועזן . דען וואס פיר איין טובה אונ וואס פיר איין ניצען האבע איך דאפון ווען מיינע קינדער מיט מיין געלד וואס איך צו זאמען געשפארט האבע גראם הויז פיהרן ווערדן אין אלע הינזיכטן . אונ מיין נשמה נאקעט אונ בלאז איז .

**שאלה מו** אב בעסער איז ביא זיינען לעבן איין קמצן צו זיין אונ צו לעצט קרן קיימת צו מאכן : אודער ער זאל אימער פריא געביג זיין ווע אויך דאס דאדורך זיין פרמעגן ניכט הינרייכענד זיין ווירד קרן קיימת צו מאכן :

**תשובה** ווייל עס גיבן מאנכע דיא איהנען השי"ת האט עשירות צו געטיילט אונ ווען אוך דאס זיא יראת שמים בזיצן . איהר יראה געהט אבער נור זא וייט בוז צו דעם געלד · נעמליך דאס זיא לערנן תורה . עהרנסט דאווינען . תהלים מעמדו"י זאגען . חצות שערי ציון אבריכטען . ביא איין יעדע מצוה מיט איין יהי רצון אליין זיך ניכט בעגניגט לאסן . זאנדערן אויך לשם יחוד דאביא זאגן . אבער דאס זיא זאלן וועגן דיא מצוה צו פרשענערן דאס דיא תפילן זאלן מעהר מוחזק בכשרות זיין דאס ער איינע גרעסערע איבערצייגונג האבן זאל דאס זיא כשר זינד . דאס דער אתרוג נאך שענער זיין זאל אונ דער גלייכן . וועגן דען מעהר הוצאות צו מאכן . אדר צו אונטערשטיצן לומדי תורה צו דען האבן זיא קיין מאכט · ווייל זיא אבער אמונה האבן אונ יראת שמים בעזיצן . דארום ווען איהר זמן פטירה שטערב טאג קאמט זיין זיא מצוה בעפעלן זיא דאס מאן ביא יציאות נשמה זעהר פיעל געלד פרטיילן זאל . וויא אויך וועהרענד

דיא

דיא לויה אונ וועהרענד דיא קבורה . וויא אויך מאכן זיא איין קרן קיימת עולמות . וואס מאן זאל מיט דיא פראצענט גמילות חסדים טוהן . דארום זאג איך דיר דאס דוא דיך פון זאלכע וועג ערוויטערן זאלסט . דען ווען אוי״ך דאס געלד צו פרטיילן אין זאלכער צייט אויך איין מצוה איז . אבער ער איז צו בעדויערן . דא ער גיכט מיט שכל געווירטשאפט האט . וויל דער שטן דער מקטרג ווירד זאגן ביים ב״ד שלמעלה . אכט ער דען דיין תורה . שטעהן דען דיא הייליגע מצות ביא איהם אין איין ווערט . צום בעווייז דאריך אזוי לאנג דאס ער זיין געלד געניסן האט געקענט . זיין בויך צו פילען מיט אלערלייא מאכל אונ משתה אונ אנדערע תענוגים פערגעניגונגן גאך צו געהן . דאמאלס האט ער אויך דיא יידישקייט וועניג שפענדירט . היינט אבער וויל ער זעהט דאס זיינע פיינע ווינטער מלבושים דיא ער האט פון וואלף . פוקס . פייא . מוס ער אלעס צוריק לאסן . אונ וויל ער נור אין קבר נאקעט אונ בלאז געלעגט ווירד . איבר דען ווינט איהם זיין הערץ במה ישכב אין וואס ער זיך איין היעלען ווירד . וויל דארט דער שלג שנייא זעהר גראס איז . דענקט ער זיך ער וויל וועניגסטענס האבן צדק לבשתי ויל בשני דיא צדקה וואס איך געגעבן האבע טודט מיך בקליידן . נון וואס פיר איין ווערט זאל דען איין זאלכע מצוה האבן . דאריבר זאל איין מענש שכל האבן דאס ער זאל זאלכע צדקה אונ גמילות חסדים טוהן וואס אויך זייא קיין קטרוג אונ איינווענדונג זיין קאן . געמליך דאס ער דען פסוק זכור את בוראך בימי בחורותיך גדענקע אן דיין בשעפער אין דיינע יונגע יאהר אין אלע היניזיכטן מקיים זיין זאל . ווען זיך דער ווינטער אנפאנגט דאס דער נהוג איז . ער איז געוואהנט דאס מאן קויפט תבואה אונ לאסט עס זיך מאלען צו געברויך פון דען גאנצן ווינטער . דאמאהל זאל צו איהם זאגן זיין גוטעס עדלעס הערץ דאס ווען ער וויל זיך פרזארגען אויף דען ווינטר וואס עס ווירד גערופן ימי הכתיו ימי הדין זא געהער דאצו דאס ער וועניגסטענס נאך צעהן קארץ תבואה מאלען זאל פיר עניים . אונ דער גלייכן זאל ער אזוי טוהן ווען ער זיך מיט האלץ פאר זעהט אונ קליידונג . אד״ג אזוי ווירד ער זוכה זיין אהנע דען גראסען שכר וואס ער בעולם הבא צו

ערוואַרטן האט צו דען פסוק פזר נתן לאביונים . הון ועושר בביתו וכו' דער וואס פיר אָרמע פרייא געבּיג איז . ווירד אין זיין הויז אימער זיין גראָסעס רייכטוהם . (ולא תירא לביתו משלג כי כל ביתו לבוש שנים) ווייל אַלע זיינע הויזלייטע דאָפּעלט געקליידט זינד. דאריבּר האט ער זיך פיר דען שנעה ניכט צו פירכטען :

# כלל ו ושם דרך ובו ט' שו"ת

**שאלה מח** דא דיא תורה פערבאָטן האט איבערפליסיגע זאַכן צו גענוסן ווען זיא אויך היתר זינד . זאג מיר נאר דעם טעם פון דער מצוה - .

**תשובה** אום דיר דיזעס האַנד גרייפליך צו פערשטעהן צו געבן זאג איך דיר ווייל דער מענש דען השי"ת האט אוים געצייכנעט פון אַנדערע ברואים בעשעפניש אונ האט איהם צו געטיילט חכמה אונ פערשטאַנד ווען ער בעטראַכטעט דיא צייט פון זיינע לעבענס יאהר אויף דיזע וועלט אונ זעהט דאס ניכט נור דאס זיא פערגענגליך אונ ניכט עוויג זינד . פיל מעהר באַלד אונ איילענד פעראיבּער געהן . אונ נור ווייל השי"ת אַליין רעגירט דיא וועלט אונ ער דאך דען מענשן ערשאפען האט אום איינע צייט לאַנג אויף דיזע וועלט צו פערוויילען . מוס יא געוויס איין תכלית איין צוועק זיין וואס דער מענש נור ערדייכען קאן וואַן ער לעבט איין געוויסע צייט אויף דיזער וועלט . דען ווען דאס ניכט וועהרע . איז יא זיין גאַנצעס הויה דאַזיין אויף דיזער וועלט איין פועל ריק איין אומזאָנסטיגעס ווערק . פאסט זיך דאס אודר קאן מאַן דאס זאָגן אויף דען בורא ברוך הוא --- איבער דען קלערט ער אונ פארשט נאך וועלכעס דיזער צוועק איז . -דאמיט ער זיך בעשטרעבן זאל אום צו ערדייכען דאמיט ער זאל ניכט זיינע יאהר אומזאָנסט פערלעבן . באַלד ביי דען ערשטן שריט ביי זיינען נאך דענקן זאגט איהם זיין הערץ דוא קאנסט יא דיא גאַנצע מיהע ערשפאַרן . ווייסט דוא דען ניכט דען גרונד זאַטץ אחרי רבים להטות ווען דוא ביזט אין ספק אונ צווייפעל אויף איינע זאַך אָב דוא עס טון זאָלסט אודר ניכט . זאָלסט דוא אימער געהן נאך דיא מערהייט פון דיא מענשן . צו דען וואס זייא מסכים זיין איינשטימיג . איזט געווים דאס דער אמת . איבער דען האסט דוא יא מעהר קיין ספק וועלכן וועג דוא אונטער נעמען זאָלסט . אונ וואס דער צוועק איז פון דיין קאמען אויף דער וועלט -- דען עפנע נור דיינע אויגן אונ בעטראַכטע דיר אַלע גרוסע האַנדלשטעט ווירסט דוא זעהן דאס דער גרעסטע טייל פון דער וועלט איז נור איהר בעשעפטיגונג אונ שטרעבען טאג אונ נאַכט געלד צו זאַמלען אונ זיך צו ערווערבן זילבּער . גאָלד . הייזער . גיטער . אונ פון אַלען פערגעניגן אונ אונטערהאַלטונגן טייל צו נעמען . נון איז יא געווים דאס דער וואַרער צוועק פון דען מענשענס לעבן .

ווען

# כלל ו שאלה מח

ווען ער אבער דיזעס במאזני הצדק ובמאזני השכל אויף די וואגשאל פון דען
גראדען שכל ווענט . ווירד ער איינזעהן דאס ניכט אימזאנסט האט די תורה
געווארנט אונ האט גזאגט ולא תתורו אחרי לבבכם איהר זאלט ניכט נאך געהן
נאך דען שלעכטן טריב פון אייער הערץ . אונ די אלע וואס בעהויפטן ווילען
דאס הצלחות עולם הזה גליק פון דיזע וועלט צו ערלאנגען איז דען מענשענס
לעבענס צוועק אויף די וועלט . איהרען זיך וועגן האנדגרייפליכע בעווייזע . דען
די ליב אונ די לוסט אונ דאס גרויסע פייער וואס אין זיין הערצען ברענט דאס
ער ערלאנגען זאל שלות והצלחות עולם הזה וואהל טעג אונ גליקליכע צייטן פון
די הייטיגע וועלט . איז נור בעפאר ער עס ערלאנגען טוט . האט ער אבער עס
שאן ערלאנגט . זא איז עס מעהר ביי איהם ניכט געאכט אונ חשוב ער זאל
פרייליך לעבן אונ משמח בחלקו זיין . דען האט ער אין פערמעגן הונדערט זילבר
שטערבט ער אונ גליפט דאס ער צוויא הונדערט האבן זאל . דען אזו לאנג דאס
ער האט נור הונדערט . גלויבט ער אונ מיינט דאס ווען מאן שאן צוויא הונדערט
האט זא איז מאן שאן גליקליך . איבר דען שטערבט ער אונ פלאגט זיך צו
ערלאנגען צוויא . האט ער שאן צוויא אויך ערלאנגט אונ זעהט איין דאס צוויא
אויך הבל איז . גלויבט ער ווען איך מעכט האבן פירע מעכטע איך שאן גליקליך
אונ צו פרידען לעבן . איבר דען ארבייטעט ער דאס ער פירע ערלאנגען זאל .
האט ער שאן פירע שטערבט ער אכטע צו ערלאנגען . אונ זא ווייטער אזו דאס
ביי זיינע גאנצע לעבענס יאהר איז נימאלס איינע צייט דיא ער רוהיג גליקליך
אונ צו פרידען איז . פיל מעהר ווען שאן פילע טעג אונ יאהרן פון זיין לעבן
פעראיבער געגאנגען זינד אונ זיין חבר פרעגט איהם דא דוא שאן הייטע ניכט ווייט
פון זעכציג יאהר אלט ביזט . זאג מיר נור וואס האסט דוא עוסק געוועזן אויף
דיזער וועלט . איז די תשובה פון איהם ווער האט דען נאך אזו גליקליך געלעבט
אלס איך . מיין טיש פיהרן יעדען טאג מיט משתה ושמחה וואר ניכט ווייט פון
סעודת שלמה בשעתו די סעודה פון שלמה המלך אין זיין גליקליכן שטאנד .
אונ וויא אויך אלערלייא אנדערע פערגעניגונגען די נור איין מענש געניסן קאן .
דער מענש דער וואס נור איין ריינען שכל האט אונ זיין הערץ ניכט פערשטאקט
איז . מוס יא איינזעהן אונ מודה זיין דאס די תשובה די ער געגעבן האט .
איז איינע לעבערליכע אונ ללעג ולקלס צו שאנד אונ שפאט . דען וואס האט
ער דען הייטע פיר איין ניצען . דא שאן זיינע זעכציג יאהר פערפלאסן זינד . אב
ער אין די פדיריגע יאהר פיל אודר ווענעיג געגעסן אונ געטרונקן האט . אונ אזו
וואהל דאס ער הייטע האט ניכט פון די פערפלאסענע זעכציג . ווען ער אויך
ביז זיבציג לעבן ווירד . ווירד ער אם ענדע פון זיבציגסטן יאהר זא פיל האבן
געמליך וויא ער האט פון די זעכציג . נון איז דאס דען דער אמתדיגע צוועק
אונ הצלחה דאס מיר זאגן קענן וועגן דען האט השי"ת בעשאפן דען מענשן
אויף די וועלט . ווען ער ביי זיין אב לעבן ארים אונ נאקיט איז אונ פון זא

איינע

איינע ווייטע רייזע גאר ניכטס מיט ברענגט . אונ דיא תורה האט נור גזאגט אחרי רבים להטות ביא איין ספק השקול ביא איינע זאכע דיא איין גלייך געוויכט האט . אבער ניכט וואו איינע זייטע שיינט עטוואס שווערער צו זיין . פיל מעהר וואו מאן אויגענשיינליך זעהט דאס איבער געוויכט . דאס איז דער ערשטער בעוויין א) .

עס

---

א) דען ווען מאן אונז העטע ערצעהלט עס איז אין איינען וועלט טייל איין לאנד וואו דיא איינוואוינער זינד בעלי שכל . בעלי מדע . בעלי אמונה. דיא פערשטאנד אונ וויסענשאפט אונ איין גלויבן האבן . דאס עס עקזעסטירט איין בורא דער דיא וועלט ערשאפן האט . אונ דער בעפאלן האט תורה ומצות צו האלטן . אונ ווירד אוף דיזען רעכענשאפט פאדערן . אונ ווירד אוף דיזען איינסט איין גרוסן שכר בעלאנען דער זיין ווילען ערפילט האט . אונ מיט פירכטערליכע עונשים בעשטראפן דיא זיך איהם ווידר זעצט האבן . אונ דאס מוס זיין אונ ווירד זיין אונאויכבלייבליך . דען עס איז גירגענד איינע צופלוכט איהם אוס צו וייכן. אונ טראמטך דען דאס זיא דאס אלעם וויסען אונ גוט פערשטעהן . זינד זיא דאך זא לייכטזיניג דאס זיא פערשווענדן איהרע יאהר אונ טאג מיט זאכע בעשעפטיגונג וואס נור הבל הבלים איז . אונ ניכט נור אין דיא יונגע יאהר אליין זאנדערן אויך עד זקנה ושיבה ביז אין טיפע האכע עלטער . ביז דער שטערב טאג קאמט . אב וואהל גאנץ צו לעצט שרייען זיא אונ רייסן איהרע האר אונ זיין פאלער חרטות אונ בעוויינען איהר עלענדען שטאנד . אונ דיזעס אלעס זעהט דאס שפעטערע דור וויא דיא ערשטע האבן איהרע טייערע צייט אויף לידערליכע ארט פערלארן אונ פערשוועדעט . אונ צו לעצט עס בערייעט האבן . אונ דענאך געהן זיא אוך אין איהרע וועג . העטע עס זעהר שווער געוועזן גלויבענסווירדיג צו זיין . דען איין מענש דער פערשטאנד האט אונ וויים דאס ער פערגענגליך איז . אונ זעהט פאר אויגן דאס ער יעדע שעה צו זיין גריב נעהער געהט . אונ אמונה האט דאס דער בורא איין עין רואה איז אויג וואס אלעס זעהט . צו בעלאנען אונ צו בעשטראפן איין יעדען פערמעג זיינע וועג . צו וואס האט ער פערנונפט . מיט וואס איז ער פארציגליכער אלם דיא בהמה ווען ער ניכט דיא איינזיכט האט דען גוף דער וואס נור לעבט חיי שעה קורצעס לעבן אונ דער סוה איז ואל עפר תשוב דאס ער ווירד צו דיא ערד צוריק קערין אונ ווירד זיך אוף לעבן . אונ ווען ער מרבה בשר איז . פיעל פלייש אנשאפט . איז ער נור מרבה רמה ווירד ער אין קבר מעהר ווירמער האבן . יעדאך איז זיין גאנצע זארג נור איהם צו בעלעבן מיט אלערלייא פערגעניגן אונ פעט צו מאבן . אונ זיין נשמה דיא עוויג לעבט . אונ זיין צוועק אוף דיא וועלט צו קאמן וואר נור ווענן איהר דאס ער ויא משלים זיין אוים פערטיגן מיט תורה

ומעשים

# כלל ושאלה מח

עֶס אִיזְט יַא וָואהְר בֶּעקַאנְט דַאס זָאלְכֶע מֶענְשֶׁן דִיא בַּשְׁוֶועהְרְט זִינְד מִיט רַייכְטוּהְם ׳ אוּנ לֶעבֶּן בְּשַׁלְוָה זִינְד וֶוענִיג ׳ דֶען מַאנְכֶע מִיסֶען זִיךְ בַּמִיהֶען אוּנ פְּלָאגֶן אוּם דַאס זִיא אִיהְר הוֹיז בְּרוֹךְ עֶרְלַאנְגֶן קָאנֶן ׳ אוּנ מַאנְכֶע דִיא אוֹךְ נָאךְ פִיהְלֶע מִיהֶע אוּנ שְׁוֶוערֶע פְּלָאג אוּנ גְשְׁטֶעהְרְטֶן שְׁלָאף זִינְד זִיא עֶלֶענְד אוּנ אָרִים אוּנ הָאבֶּן נִיכְט מַאכְט זֵיאִיהְרֶע קִינְדֶער בְּרָאט צוּ פַרְשַׁאפֶן ׳ אוּנ נוּן וִויא קָאן דָאס זַיין דַאס דֶער צְוֶועק פוּן דֶען מֶענְשֶׁענְס לֶעבֶּן אוֹף דִיזֶע וֶועלְט אִיז נוּר גְלִיקְלִיךְ צוּ לֶעבֶּן אוּנ רַייכְטוּהְם צוּ פַרְשַׁאפֶן ׳ זָא קָאן יַא דֶער אָרִימֶער מֶענְשׁ מִתְרַעֵם זַיין מִיסְלָאהְנִיג גֶעגֶן הַשׁי״ת אוּנ זֵיינֶע פִיהְרוּנְג ׳ דַאס עֶר זָאגֶען קָאן וֶוען מֶענְשֶׁן דִיא אוּם לַיים גְפָארְמְט זִינְד אוּנ נֶעהְמֶן בֶּשְׁטֶעכוּנְג ׳ דַאדוּרְךְ טוּהְן זִיא אוּנְרֶעכְט אוּנ טוּהְן מַאנְכֶן נוֹשֵׂא פָּנִים זַיין בַּרִיקְזִיכְטִיגֶן ׳ דוּא אָבֶּר דוּא בִּיזְט דָאךְ דֶער גָאט פוּן אֶמֶת וְאֵין עָוֶל אוּנ טוּהְסְט קֵיין אוּנְרֶעכְט אוּנ בִּיזְט נִיכְט נוֹשֵׂא פָּנִים ׳ אוּנ נֶעהְמְסְט נִיכְט קֵיין שׁוֹחַד ׳ נָאךְ וָואס הָאסְט דוּא מִיךְ עֶרְשַׁאפֶן אוֹף דִיא וֶועלְט ׳ וָוארוּם לֶעבְּט מֵיין חַבֵר גְלִיקְלִיךְ מִיט אַלֶערְלַייא שַׁלְוֹת ׳ אוּנ אִיךְ לֶעבּ אִין קוּמֶער וְיָגוֹן וַאֲנָחָה ׳ אוּנ דַא מִיר אָבֶּר דָאךְ זֶעהְן דַאס אִין אֵיין יֶעדֶן אָרְט עֶקְזֶעסְטִירֶען רַייכֶע ׳ מִיטְלֶע ׳ אָרְמֶע ׳ מוּם דָאךְ זַיין דַאס נִיכְט דֶער תַּכְלִית דֶער צְוֶועק פוּן מֶענְשֶׁענְס לֶעבֶּן אוֹף דִיזֶער וֶועלְט אִיז דַאס עֶר גְלִיקְלִיךְ זַיין זָאל ׳ דֶען חָלִילָה וְחָלִילָה דַאס הַשׁי״ת אֵיין אוּנְרֶעכְט טוּהְן זָאל אוּנ אֵיינֶן מֶעהְר נוֹשֵׂא פָּנִים זַיין זָאל וִויא אֵיין אַנְדֶערֶן ־ אוּנ הַשּׁוֹפֵט כָּל הָאָרֶץ דֶער וָואס עֶר אִיז דֶער רִיכְטֶער פוּן דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט לֹא יַעֲשֶׂה מִשְׁפָּט וֶוירְד עֶר דֶען קֵיין אַזוֹ מִשְׁפָּט מַאכֶן וָואס נִיכְט אֶמֶת וָצֶדֶק אִיז ׳ דָאס אִיז דֶער צְוַוייטֶער בַּוֵוייז --

אַזוֹ בְּלַייבְּט וִוידֶר דִיא עֶרְשְׁטֶע פְרַאג וֶועגֶן וָואס הָאט הַשׁי״ת דֶען מֶענְשֶׁן אוֹף דִיזֶע וֶועלְט אַהֶער גְשְׁטֶעלְט ׳ אִיז דִיא תְּשׁוּבָה אוֹף דֶען ׳ דֶען מֶענְשֶׁענְס צְוֶועק דַאס עֶר עֶרְשַׁאפֶן אִיז גֶוֶוארֶען אוֹף דִיזֶער וֶועלְט אִיז ׳ וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ הָאט גְחַתְמִית זַיין סֵפֶר אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא דוּא זָאלְסְט דִיךְ בַּשְׁטְרֶעבֶּן אַזוֹ לַאנְג דוּא לֶעבְּסְט זָאלְכֶענֶע וֶועג צוּ גֶעהְן אוּנ זָאלְכֶע שְׁרִיט צוּ מַאכֶן וָואס דוּא זָאלְסְט

גאטעם

---

וּמַעֲשִׂים טוֹבִים אִיז בֵּייא אִיהְם גְלַייכְגִילְטִיג זִיא צוּ פֶערְנַאכְלֶעסִינֶען אוּנ לֶעבְּט נוּר בֵּייא אִיהְם אִין קוּמֶער אוּנ אִין יָגוֹן וַאֲנָחָה זִיפְצִין אוּנ טְרוֹיֶער וִויא אֵיין אִשָׁה דִיא וָואס אִיז אֵיין לֶעבֶּעדִיגֶע אַלְמָנָה ׳ וִויא מַאכְט מַאן דֶען טָפֵל פִיר אֵיין עִיקָר ׳ אוּנ דֶען עִיקָר פִיר אֵיין טָפֵל -- לֵיידֶער לֵיידֶער אָבֶּער מִיר זֶעהְן דִיזֶעם פָאר אוֹיגֶן דַאס עֶס זִינְד מֶענְשֶׁן דִיא פוּן דִיא לֵיידֶענְשַׁאפְטֶן פוּן עוֹלָם הַזֶה אַזוֹ פֶערְפִירְט אוּנ פֶערְנַארְט זִינְד דַאס בֵּייא אִיהְר גַאנְצֶע לֶעבֶּענְסְצַייט אִיז נוּר אִיהְר זָארְג אוּנ מִיהֶע אוּנ פְּלָאג זִיא צוּ עֶרְלַאנְגֶן ׳ אוּנ פִיר אִיהְר נְשָׁמָה צוּ זָארְגֶען תּוֹרָה וּמִצְוֹת מְקַיֵים צוּ זַיין אַז אֵין דוֹרֵשׁ וְאֵין מְבַקֵשׁ עֶס וִוינְשְׁט קֵיינֶער אוּנ שְׁטְרֶעבְּט נִיכְט דֶער נָאךְ -- ׳

גאמעס פירקמיג זיין . געהמליך דוא זאלסט גזהר זיין אונ געניי דיך צו היטן אונ צוריק צו האלטען פון דיא אדע פרבאטטע דיא וואס השי"ת האט אונז גוזארנט דאס מאן זיא ניכט טוהן זאלן ואת מצותיו שמור דוא זאלסט טעהטיג אונ אייפריג זיין דיך צו בשטרעבן דיא מצות וואס השי"ת האט גהייסן מיר זאלן זיא מקיים זיין בקום ועשה עמוואס דאצו צו טוהן . אונ דער אייפער אונ דאס פייער פון דיא ליב השי"ת זיין ווילן נאך צו פאלגן . זאל ביא דיר אזו גרוס זיין דאס עס זאלן זיך קיינמאהל קאנן עראייגענן איין צייט אדר איינע זאכע דיא דיך פון דען הינדערן קאנן זאל . כי זה כל האדם נור וועגן דען איז דער תכלית הבריאה וואר דער צוועק דען מענשן צו ערשאפן . אונ ווען דער מענש דיזן בפעהל טרייא אונ אמתדיג בפאלגט . וויד איהם דיזעס פראורזאכן צו איין אויסער ארדענטליכן אונבשרייבליכן גרוסען לאהן . אויף דען וואס דער תנא זאגט אין אבות איין שעה פון פרגעניגן אונ נחת רוח פון עולם הבא איז טייער אונ מעהר חשוב פון אלען גליק אונ אלען שלוה אונ אלען נחת רוח פון גאנץ חיי עולם הזה --

דיא חכמי המוסר שרייבן דער כילי דער קמצן דא דיא וועלט עולם חסד יבנה אויף גמילות חסדים געבויעט איז . פרדינט ער ניכט דאס ער אויף דיא וועלט עקזעסטירן זאל . נור וועגן דעסט וועגן איז ער ערשאפן ווארדן דאס דער ערליכר מענש זאל זיך פון איהם איין מוסר נעהמן ווען ער זיך אזו אכט גיבט אונ זעהר קארג אונ געניי איז ניכט אומזאנסט איין שוה פרוטה גרייצער צו פרשווענדן . וויפיל מעהר געביהרט זיך דאס דער מענש זאל זעהר קארג זיין דאס פון זיינע טייערע לעבענסצייט קיינע שעה אומזאנסט פראיבר געהן זאל . דען זילבר איז טייער . גאלד איז טייער . אבר ווען מאן עס פרלירט קאן מאן זיא ווידר געווינן . אבער דיא צייט דיא וואס פראיבר געהט . דיא איז נימער צוריק צו שאפן . אונ אונזערע חכמים זאגן יש קונה עולמו בשעה אחת דאס מאן קאן זיך אין איין שעה עולם הבא קויפען . דארום העטע זיך געביהרט דאס דער מענש זאל מקדיש זיין היילגן זיין גאנצע לעבענסצייט זיא נור צו בשטימן תורה צו לערנן אונ מצות מקיים צו זיין . וויא דער תנא זאגט (וסיב ובלה בה ומינה לא תזוע) דאס דוא ביז אין דיינע טיפע עלטר ניכט צוריק טרעטן זאלסט וועגן יידישקייט דיך צו בשטרעבן . אונ ניכט דיא גרינגסטע צייט צו פרשווענדן וועגן הבלי עולם הזה . דען צו וואס אונ וואס ניצט עס איהם . דא ער זעהט אונענשיינליך דאס ווען ער זיך נאך אזו פיהל ערווארבן האט דאס עס ניכט זיין בעצם איז . זאנדערן נור איין קנין המדומה איין זאלכעס אייגענטוהם וואס נור איינע פארשטעלונג איז . אבר ניכט אין נאטור ווייל דיא צייט ריקט אימער נעהער אונ נעהער וואו ער עס פרלאסן וויד . אונ פיליכט גאר אין פרעמדע הענד --

אבער דאס איז אונמעגליך . דא השי"ת האט גוזר געוועזן דען מענשן אהער

צו

# כלל ו שאלהמה

צו שטעלן אויף דיזער וועלט אין פארים פון איין מענש ניכט אלס מלאך איין ענגל . נעהמליך דאס ער בלוט אונ פלייש איז אונ דאדורך בנעהטיגט ער נאהרונג . עסן . טרינקן . אונ פילע אנדערע צרכים בדערפניסע . גוואנט . וואהנונג . אד"ג . וועגן דיזען אלען איז ער געצוואונגן ווען ער אויך ניכט וויל . זיך צו בשעפטיגן אין עניני עולם הזה דאס ער דאדורך דיזעס אלעס ערלאנגן קאנן זאל . וויא דער תנא זאגט כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה זאלכם תורה לעהרנן וויא ניכט דאביי עטוואס איין גשעפט איז . האט קיין דויער . דאהער ווער קלוג איז אונ דיזעס אלעס גוט פרשטעהט . נעהמליך דאס זיין האהרער צוועק פון זיין לעבן אויף דיזער וועלט איז נור עבודת יוצרו צו דינן זיין בשעפר אונ זיינע תורה ומצות גענוי מקיים צו זיין . נור דיזעס אליין איז זיין אמתדיגע הצלחה . אבער עבודת יצרו בשעפטיגונג אין עניני עוה"ז זינד אלע הבל הבלים . טוהן מוס ער זיא דאך נור וייל מאן זיא מוס האבן ההכרח לא יגונה וועגן איינע זאכע וואס ער געצוואונגן איז צו טוהן איז ער ניכט פראכטונגס ווערט . *) דארום בדינגט דער יושר אונ דער גראדער פרשטאנד

מיט

---

*) דארום איז צו שרייען וועהע אונ אך דאס אונזר דור אזו וייט געזונקען איז דאס דיא אמונה ביא איהנען זעהר שוואך איז דאס פילע מענשן אין געוויסע שעות צוזאמען קאמן אין בית הכ"נ וויינשענק זיך צו אונטר האלטן במיני צחוק אלערליא שפילען . קארטען . שאך ציגען . קוויטליך . אונ דיא העכערע מדריגה אין דיא קאסינע צום רעזע פעראיין . אונ דער צוועק פון דען אלען איז צום צייט פערטרייב . אונ דא מאן שאן ביזאמען איז . איז שאן עבירה גוררת עבירה איין עבירה ברענגט צו דיא אנדערע . ברוב דברים לא יחדל פשע ווען מאן פיעל רעדן טוהט קאמט מאן דאצו צו רעדן פון דיא פ־באקענע רעד שתו בשמים פיהם ולשונם תהלך בארץ צו שפעטן אויס ערליכע יידען עובדי השם דיא הש"ת דינן . העטע מאן דען אין דיא שעות דיא מאן להבל וריק אומזאנסט פעראיבר געהן לאסט . זיא זיך ניכט גקענט בעדינגען זיך חיי נצחיי . דאס עוויגע לעבען צו ערווערבען . זינד זיא יא צו בעטראכטן אלס חסרי דעת מענשן וואס דער פערשטאנד פעלט . אונ משוגעים . וייט מעהר אלס דער שוטה וואס מאבד מה שנותנים לו וואס ער פערלירט וואס מאן איהם געבען טוט . נון ווען מאן זאלכע רעכט פערטיגען וויל . דאס הייסט דאס מאן זאל זיא דן זיין לכף זכות בלייבט ניכט מעהר צוריק נאר דאס מאן זאגען זאל ענטוועדער דאס זיא גאנץ לייקענען אן דיא השגחות די אן דיא אויזיכט פון הש"ית . אונ דאס תורה משמים איז . אונ דאס שכר ועונש עקזיסטירט . אודר זיא צווייפלען ווענינגסטענס דאראן . דען ווען ניכט . אונ זיא באמת איין פעסטע אמונה האבן דאס עס עקזיסטירט איין עין רואה אויג וואס אלעס זעהט וואס עס איז משגיח אויף יעדע מענשענס שריט אונ

דאס

מיט דאס דער מענש האבן זאל תמיד פיר זיינע אויגן איינע וואג שאל מיט ערליכע גוויכטער. גרויסע · קליינע · גאנץ קליינע · ווא ער אלעס אויס וועגן קאן · נעהמליך זיינע יאהר זיינע חדשים · זיינע וואכן · זיינע טעג · זיינע שעות · זייגע פירטל שעות . גענוי צו בערעכנן נור זא פיהל צייט אליין צו פרשווענדן פיר ענייני עולם הזה וואס ער מוז · אונ זיך ניכט אנדערסט העלפן קאן · אונ דיא איבריגע יהיה קודש לה׳ זיך צו ערווערבן דאמיט חיי נצחיי זיין עוויגעס לעבן —

אבר ליידער ליידער . פיהלע פיהלע פון דען המון עם הכשרים גמיינען פאלק דיא איין ערליכס יידישעס הערץ האבן · זינד צו בדויערן אונ מיטליידונגם ווערט · דען זיא ווינשן באמת צו געהן אין דען וועג פון תורה ויראת שמים אונ גלויבן דאס זיא זיין באמת יראי שמים · אבער זיא זינד פרדומט · זיין פרגראבט . איהר הערץ איז פרשטאקט · זיא האבן אויגן אונ זעהן ניכט · אונ דער איהרע פיהרונג אונ וועג גענוי בטראכטעט · זעהט דאס זיא זיך זעלבסט שונאים זינד · אונ ניכט נור אלגעמיינע פיינד זאנדערן זאגאר טאדעס פיינד אונ דאס זיא נור זינד איינע בהמה בצורת אדם איינע בהמה אין פארים פון איין מענש · דא זיא ניכט וויסן צו ענטשיידן וואס איהנן גוט איז אונ וואס איהנן שלעכט איז · איהרע פיהרונג גאנץ צו בשרייבן אונ אהער צו שטעלן וויא ווייט זיא זיך אוים דעהנן אונ וויא היין זיא זיך אין פרווירונג פרצווייגן · דאמיט מאן זיך פון איהנן איין מוסר נעהמן זאל תקצר היריעה מהכיל איז דאס פאפיער צו קליין זאלכעס צו ערטראגן · וויא אויך ווירד עס דעם לעזר צור לאסט פאלן · דארום ווילן מיר נור עטוואס לדוגמא ערצעלן דאמיט דיזעס צור מוסטער דינען זאל וישמע חכם ויוסף לקח אונ דער וואס געשייט איז ווירד זיך פון דען מערערעס אונ נאך מעהרערעס ארוס נעמן — ווען השי״ת איינען בעגינסטיגט אונ האט איהם גגעבן מקנה וקנין פערמעגן אונ רייכטוהם וויא אויך זעהנע אונ טעכטער אונ האט ארמע פריינד · אונ זיינע פיהרונג אין דיא יידישקייט זיך צו בעשטרעבן תורה ומצות צו ערווערבן איז זעהר קארג אונ גענוי — ווען איהם איינער פון דיינע גוטע פריינד אונ גוטער בעקאנטער איהם מוכיח איז צו רעדע שטעלט · ווארום ביזט דיא הארטהערציג אונ טוסט ניכט אונטערשטיצן דיין ארמען ברודר וויא עס זיך געבירט

דאס אלע זיינע פיהרונג אין בוך כידער געשריבן ווערדן · אונ דאס דיא תורה משמים איז · אונ דאס מיר מיסען אונ געצוואונגן זינד דין וחשבון צו געבן נון דא דיא תורה שרייבט כי לי בני ישראל עבדים יידען זינד מיינע דינער — וויא קאן מאן זיך זאלכעס ערלויבן ·

נון פינסטער אונ ביטער אונ עלענד גענוג איז · דאס ווען מאן מאנכע יידען וויל דן זיין לכף זכות · דאס קיין אנדערער וועג דאצו איז נור דאס מאן זאגען זאל דאס זיא כופרים אודר חצי כופרים זינד ר״ל (ד״י) — ·

# כלל ושאלה מח

געביּרט . וואָרום גיבּסט דו נישט השי"ת און זיין תּורה נאמנות צו טרויען . דו ביזט יא איין סוחר שטרעבסט תּמיד נאך געווין . פאַפּירן ווען זיא נידריג זינד קויפסט דו זיא . פּראָדוקטען וואס די וועלט בּרויך ווען אויך יעצט וויער פּרייז געמיין איז און איהר האַנדל געשטאַקט איז . פילסט דו דאך דיר דיינע מאַגאַצינען מיט איהר . וואָרום טוסט דו נישט שפּענדירן פינף הונדערט זילבּער צו געבּן צו קויפן ספרים און זיא צו פערטיילען אין די בּתּי מדרשים אויף דען די תּורה שרייבּט צדקתו עומדת לעד זיין צדקות עוויג דויערט און זיין שכר איז הון ועושר בּביתו ער ווירד אין זיין הויז גראס רייכטום האבן -- וואָרום בּיזט דו איין כּפוי טובה אונדאַנקבּאר צו השי"ת ער האט דיר געגעבן רייכטום וואָרום בּיזט דו נישט מהדר בּעשטרעבּסט דיך נישט דיר צו בּויען איין שיינע סוכּה מקיים צו זיין אנוהו . התנאה לפניו בּמצות . און זיך צו בּעשטרעבּן דאס דו האבן זאלסט שענע אוים געצייכענטע כּשרה תּפילין ווען זיא נאך אזו טייער זינד דו זאלסט דיך צירען פאר השי"ת זיינע הייליגע מצות מקיים צו זיין אויף די פיינסטע שענסטע בּעסטע ארט -- וואָרום טוסט דו נישט מיט די נשמה אזו ווירטשאַפטען וויא דו מיט דען גוף טוסט . ווען דו מאַכסט דיר איין בּגד געוואַנט . זאגסט דו דאס איך שאן הוצאות מאַכע דאס איך איין בּגד האבן זאל . וויל איך שאן דאפאן איין הנאה פערגעניגן האבן . וועגן מיינר מעגע עס קאסטן נאך דרייסיג פירציג זילבּער מעהר . עס זאל זיין פון איינן פיינען שטאף . און מאַכן מוס עס דער אוים געצייכענטסטער בּעל מלאכה ווען דו אויך דאפילט שכר מלאכה צאהלען טוסט . און דאס גאנצע איז יא נור איין פערגעניגן לפי שעה דען אין איין קורצע צייט איז עס כּלוי ואבד פערריסן . און וואס בּיזט דו ערשט שולדיג צו טון פיר די מלבּושים פיר דיין נשמה וואס דער שטאף דאפון איז די מצות וואס דו מקיים בּיזט דאס דו נישט צו בּושה קאמן זאלסט בּעולם העליון אוף די אבּיגע וועלט -- וואָרום האכט דו אזו איין גראסן געלד רייץ דאס דו דיר זיכסט נור כּתהתן צו זיין מיט איין זאלכן שידוך וואס נור איין געלד שידוך איז . קיין תּורה . קיין יראת שמים -- וואָרום האסט דו קיין הערץ דאס דו דיינע טעכטר פיר תּלמידי חכמים יראי שמים געבן זאלסט לנשים . מקיים צו זיין ולדבקה בּו דאס דו זאלסט דיך בּהעפטן אן השי"ת . דא דער שכר פון דען אוסראָרדענטליך גראס איז . אזו דאס די גמרא זאגט די אלע טובות ונחמות וואס די נביאים האבן פערזיכערט יידען . איז נור גזאגט וואָרדן פיר זאלכע די וואס איהרע טעכטער געבן פיר תּלמידי חכמים לנשים און געבן זיא גלעגענהייט מיט אלע מעגליכע אונטערשטיצונג דאס זיא רוהיג אונגעהינדערט תּורה לערנן זאלן . טרעפט זיך אויך דער פאל דאס מאן דאס קינד נישט צווינגן קאן . ווענינגסטענס העכט דו זאלן העער זיין איבּער דיין געלד . מחזיק צו זיין . צו אונטערשטיצן פרעמדע עניי לומדי תּורה ארמע לומדי תּורה . וואָרום בּיזט דו מזלזל האלטסט פאר גרינג די מצוה פון פריא אינ אבענד אין שוהל צו געהן . וואן נור איינע

טוטמאסונג

בוטמאסונג איז דאס איין פראדוקט שיינען זאל וועגן געוויסע אוהרזאכע .
שפיריטוס . וויין . פריכטן . וואל . זא איז ביים דיר גרינג איין רייזע פון ווייטע
מיילען צו מאכן אונ שלאף צו שטערן . קיין געהעריגעם עסן צו גענימן . ווען
אוך דיין לעבן אונ הויז פיהרונג עדיל אונ דיעט איזט . ווייל דוא גלויבסט צו
ערלאנגן איין הצלחה דיא נור איין ספק חיי שעה איז . אונ ווארום איז ביא דיר
גלייכגילטיג אונ גרינג גשעצט דער שכר פון תפלה ברבים אונ יהא שמיה רבא
אונ קדושה וברכו וועלכעם עס איז איין געוויסר געווין אונ איין הצלחה פון חיי
עולם אזו געבירט זיך דאך דאס וועגן עטוואס מיהע . אודר פראג אודר קעלט .
דאס דוא דיך ניכט צוריק האלטן זאלסט . ווארום נעמסט דוא דיר ניכט צייט
יעדן טאג עטוואס צו לעהרנן . ווייסט דוא דען ניכט דאס ביים יום הדין הגדול
איז דאס דיא ערשטע פראג פיר איין יעדן מענשן . דען אם אין תורה אין יראה
וויא קיין תורה איז קאן קיין יראת שמים זיין וויא עס זיך גבירט . עס זייא גמרא
אודר מדרש . אודר ספרי מוסר וויא מאן קאן דארום יראת שמים לערנן . אונ
ווען ער אוך קיין לשון הקודש קאן . זאל ער אום יידיש טייטשע ספרים לערנן .
דען דאס איז אוך ביא השי"ת טייער אונ חשוב . אויף דיזען אלעם גיבט ער איהם
תשובה ניכט נור דאס איך ווייס אליין דאס איך בין שולדיג דיזעם אלעם צו
טוהן דא איך פערשטעהע דאס עס איין גראסר יושר איז . זאנדערן אונצעליגע
מאל ביים חשבון הנפש ווען איך מיך בערעכנן טוהע . קוועהלט אונ קרענקט
מיך מיין הערץ דאריבר . אונ וואס קאן איך מיר העלפן וואן עס ניכט אין מיינע
מאכט שטעהט . דא מיינע הוצאות זעהר פיל זינד . דען איך בין שולדיג צו געבן
יעדע אנפאנג וואך לאשתי צום גבריך להוצאות הבית הונדרט זילבר . דאס פילע
מאל דאס מיר פעראורזאכט זאלכע זארג דאס מיין שכל פערוויררט אונ פערמישט
ווירד . אונ בין שכורת ולא מיין . פון וואו הער קענע איך זא פיעל געווינן אונ
פירכטע דאס איך זאל ח"ו ניכט מכהה קרני זיין מיין קאפיטאל פערקלענערן .
אונ יעצט ביזט דוא מיך מוכיח דאס איך זאל נאך מוסיף אונ מרבה בהוצאות זיין
גרעסערע אום גאבן מאכן . אונ וויא אוך מיינע גשעפטס צייט צו פערקלענערן אום
תורה צו לערנן . אונ ערב ובוקר אין שוהל צו געהן . (ומאין) פון וואו --
נ"ן ווען מיר ווערדן דיא תשובה וואס ער געגעבן האט צערגלידערן אונ' אוף
יעדן איינצעלנען דאריבר רעדן . ווירסט דוא איינזעהן ווען אוך זיינע רעד זינד
וואהר . דענאך האט ער אונרעכט אונ ער איז עתיד דין וחשבון צו געבן ווארום
ער טוט ניכט דאס אלעם וואס ער איהם מוכיח האט געוועזן . דען עס איז איינע
גראסע פראג דא זיינע פאמיליע אין הויז ניט אזו גראס איז . נור ער אונ זיא אונ
פיר קינדר . פאן וואו קאמט עס דאס מאן האבן מוס צו וועכענטליכע הוצאות הונדרט
זילבר . דאס זאל איהם פעראורזאכן ביטול תורה אונ ביטול תפלה אונ זיין
נשמה אב צו קירצען פון פילע מצות דיא ער ניכט קאן מקיים זיין -- נור גנאס
זינד דיא רייד פון אונזערע חכמים דיא גזאגט האבן הקנאה והתאוה והכבוד

# כלל ושאלה מח

מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם אֵיין מֶענְשׁ דֶער זַיינֶע לַיידֶענְשַׁאפְטֶן נָאךְ גֶעהְן וִויל פֶערְלִירְט עֶר דַארוּרךְ זַיין וֶועלְט . דֶען אֵיין הויז צוּ וָואהְנֶן וָוא עֶר דַארוּרךְ גֶעשִׁיצְט זַיין זָאל פוּן קֶעלְט אוּנ ווינְד אוּנ רֶעגְן . דָאס מוּס אֵיין יֶעדֶר מֶענְשׁ הָאבֶּן . אָבֶּער עֶס אִיז גֶענוּג וָוען דָאס הויז הָאט נוּר צְוַוייא (חֲדָרִים) צִימֶער אֵיינְס פִיר זִיךְ אוּנ אֵיינְס פִיר זַיינֶע קִינְדֶער . אוּנ דִיזֶעס מוּס נִיט גְבּוֹיעט זַיין אִין פָארְמֶעס אוּנ אִין גֶעשְׁטַאלְט וִויא שְׁלֶעסֶער . אוּנ קַאסְטֶעלֶן פוּן גְרַאפֶן אוּנ פִירְשְׁטֶעי . מִיט גְרָאסֶע פֶענְסְטֶער . אוּנ פוּם בָּארֶען פוּן גֶעוִויקְסְטֶן הָאלְץ . אוֹדֶר מַארְמָאר שְׁטֵיין . אוּנ אוּם גֶעמָאלֶען מִיט דֶען טַייֶערְסְטֶן פַארְבֶּען . דַאס דֶער צִינְץ פוּן אַזוֹ וָואהְנוּנְג קָאמְט אוֹיף צֶעהְן זִילְבֶּר וֶועכֶענְטְלִיךְ . דֶען וִויא אִיז דֶען דִיא מִצְוָה אִין דִיא תּוֹרָה דַאס אֵיין מֶענְשׁ אִיז שׁוּלְדִיג דַאס עֶר הָאבֶּן מוּס אֵיין שְׁפֵּייז צִימֶער . גְעזִינְדֶל צִימֶער . פַארַאדֶע צִימֶער . טַאנְץ זַאל . לוּסְט גַארְטֶען בַּיים הויז . אֵיין בֶּגֶד גְוַואנְט מוּס אֵיין מֶענְשׁ הָאבֶּן לְכַסּוֹת בְּשָׂרוֹ דַאס עֶר נִיכְט נַאקֶעט זַיין זָאל . וִויא אוֹיךְ אֵיין גֶעוַואנְט שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב צוּ פֶערְוֶועכְסְלֶן . אָבֶּער דַאס עֶר אוּנ זַיין וַוייבּ אוּנ קִינְדֶר זָאלֶן הָאבֶּן צֶעהְן פָּאר גֶעוַואנְט אוּנ דִיא סְחוֹרָה פוּן אֵיין יֶעדֶן גֶעוַואנְט זַיין מוּס פוּן דֶען פֵיינְסְטֶען אוּיס גֶעצַייכֶענְסְטֶען שְׁטָאף וָואס נוּר עֶקְזֶעסְטִירְט . וִויא אוֹיךְ זָאנֶען שְׁעָרִים . הִיטֶע פִיר דִיא מֶעכְטֶער דַאמִיט זִיא זָאלֶען אַזוֹ גְקְלֵיידֶעט גֶעהְן וִויא דֶער גְרֶעסְטֶער אַדֶעל . בִּיז דִיא הוֹצָאוֹת פוּן זָאלְכֶע בְּגָדִים קָאמֶן וֶועכֶענְטְלִיךְ אוֹיף צְוַואנְצִיג זִילְבֶּער -- הוֹצָאוֹת אוֹיף אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה מוּס אֵיין מֶענְשׁ הָאבֶּן . פִיל מֶעהְר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת הַיימֶע צוּ טָאג דִיא שְׁוַואךְ זִינְד אִיז אֵיין שׁוּלְדִיגְקַייט וֶוען עֶר נוּר מַאכְט הָאט יֶעדֶן טָאג צוּ עֶסֶן פְלֵיישׁ אוּנ עֶטְוַואס יָרָק אוֹיף צוּ שְׁפֵּייז מְקַיֵּים צוּ זַיין וְצַדִּיק אוֹכֵל לְשׂוֹבַע נַפְשׁוֹ דֶער עֶרְלִיכֶער מֶענְשׁ עֶסְט נוּר אַזוֹ פִיל דַאס עֶר זַאט זַיין זָאל . אָבֶּער דַאס עֶר הָאבֶּן זָאל מִיטֶעל שְׁפֵּייז . נָאךְ שְׁפֵּייז . בְּרַאטֶען . טָארְטֶען . טִישׁ וַויין . אוֹיס בְּרָאךְ . פָּאנְטְשׁ . טְשַׁייא . שְׁוַוארְצֶען קַאפֶע . מִלְּבַד אוּס גְנָאמֶן צֶעהֶנֶער זוּפֶּען . יוֹיזֶען . אוּנ בֵּיים שְׁפַּאצִירֶען גֶעהְן גֶעפְרָאטֶענֶעס . מְקַיֵּים צוּ זַיין בֶּטֶן רְשָׁעִים תֶּחְסַר דֶער בּוֹיךְ פוּן דִיא רְשָׁעִים אִיז צוּ קְלֵיין . בִּיז זָאלְכֶע הוֹצָאוֹת פוּן אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה קָאמֶן אוֹיף צְוַואנְצִיג זִילְבֶּער וֶועכֶענְטְלִיךְ -- כְּלֵי הַבַּיִת וִוירְטשַׁאפְט מוּס אֵיין מֶענְשׁ הָאבֶּן . אָבֶּער דַאס עֶר הָאבֶּן זָאל אֵיין שְׁפִּיגֶעל וָואס עֶס קָאסְט פִינְפְצִיג זִילְבֶּער . אוּנ אֵיינִיגֶע שִׁיפָאנֶערְס . וָואס אֵיין יֶעדֶעס קָאסְטֶעט זֶעכְצִיג זִילְבֶּער . אוּנ אֵיין טִישׁ פוּן צְוַואנְצִיג זִילְבֶּער . אוּנ קְלֵיינֶע זֶעסִיל . פַאטֶר זֶעסִיל . אוּנ מֶעפֶּעבִּין דַארוֹיף צוּ גֶעהְן . אוּנ פִירְהֶענְג פִיר יֶעדֶן פֶענְסְטֶער פוּן שֵׁשׁ וְאַרְגָּמָן פוּרְפֶּער וָואל . בִּיז דִיא הוֹצָאוֹת קָאמֶן וֶועכֶענְטְלִיךְ אוֹיף פִינְף זִילְבֶּר . אוּנ מְקַיֵּים צוּ זַיין וַיִּשְׁמַן יְשׁוּרוּן וַיִּבְעַט וֶוען יְשׁוּרוּן וִוירְד רַייךְ טוּט עֶר פוּן דִיא תּוֹרָה אוֹיס מְרַעטְן . אִיז עֶר זִיךְ מְקַנֵּא אַן שָׂרִים זִיךְ אִין הויז צוּ נֶעמֶן אֵיין אוּמֶן קְלַאוִויר מֶעטֶער צוּ אוּנְטֶערִיכְטֶן זַיינֶע קִינְדֶר חָכְמוֹת הַמוּזִיק . וִויא אוֹךְ אֵיין לֶעהְרֶער דֶער

זיא אונטערריכטן זאל דאס זיא זאלן קינדיג זיין אין שפראכן *) לאטיין · פראנצעזיש · ענגליש · טירקיש · וועלכעס באמת אוננעטיג אונ אוננוצליך איז· נור גאוה ונודל לבב שטאלץ אונ הוכמיטיג איז · אונ וייל ער קיין גוטע ראיה אויגן האט אונ מיינט דאס דער פרוזדור פאהר הויז איין טרקלין פאלאסט איז · שטרעבט ער תמיד נאך תאוות עולם הזה נעמליך יעדן זאמער ער מיט זיינע גאנצע פאמיליע אין באד צו פארן · אונ נור אין איין זאלכעס באד וואס זעהר וייט אונ קאסט שפיליג איז · אונ דאמיט צו ווייזען כבוד עשרו וגדולתו זיין גראס רייכטום · הגם דאס ער מיט זיין גאנץ הויז · גזונד אונ פריש זינד · ביז דיא הוצאות קאמן וועכענטליך אוף פינף זילבער -- ער זאל אבר וויסן דאס עס איינע צייט קאמן ווירד דאס דיא אלע הוצאות וואס ער האט פערשוועגדעט אוף דיא אלע זאכן וואס מאן ניכט האבן מוס אונ נור איבער פליסיג זינד · ווירד ער מיסן דין וחשבון אב געבן אויף יעדע פרוטה · דען ווען השי״ת האט איין מענשן צו געטיילט עשירות האט ער נור איהם געמאכט דאריבר פיר איין אפוטרופס פערוואלטער · אבר ניכט איין בעל הבית אייגענטימער · דוא ווירסט אבר פרעגן דא ער נור האט זאלכס געלד וואס ערליך איז· קיין גזל· קיין ריבית· קיין בעטרוג· קיין הסגות גבול· קיין חילול שבת ביא זיינע געשעפטן אונ וואר[ו]ם זאל ער ניכט דארפן געניסן פיר זיין געלד וואס ער וויל · מאחר דאס ארע שפייזען ביא זיינע סעודות איז אלעס כשר על צד היותר טוב אונ אלע זיינע בגדים געוואנט זיין ריין פון חשש שעטנז אונ אוף אלע זיינע חדרים צימערן זינד געמאכט כשרה מזוזות --- געדולד איין וועניג ווערדע איך דיר דיזע זאכע אוף קלעהרן ווירסט דוא זעלבסט איינזעהן ניכט נור דאס דיזעם איין איסור איז · אונ ניכט נור דער זיך אזו פיהרט· פערדינט דען נאמן עברין דאס ער איז איין איבער טרעטער פון פילע מצות · זאנדערן אוך איין גזלן אונ איין רוצח פיר זיין נשמה דאס ער מאבד איז מאכט פערלירן

---

*) דא דיא ארמוטה איז איין גלגל החוזר בעולם וויא איין ראהנט וואס זיך אימר פערקערט · אונ זעלטן דאס ביא דריי דורות נאך איין אנדער עושר אונ הצלחה דויערט · דען ווען ער ניכט קימט לידי עניות קומט זיין זאהן דאצו· ווען אויך ניכט דער זאהן · קאמט עס צום ענקיל · איבער דען ברענגט מיט דער פסוק כרחם אב על בנים דאס דער פאטר איז בארמהערציג אוף זיינע קינדר · דאס איין שולדיגקייט איז דאס איין יעדער פאטר זאל לאסן זיין קינד לערנן פילע שפראכן דאמיט דאס ער געזיכערט זיין זאל זיין שטיקל ברויט זיך בהייט אונ ברייח קאנן צו זוכען · נעמליך ווען ער נור סלאוויש · אונ אונגאריש · אונ וואליכעש רעדן קאן · זא קאן ער נור שנארין אונ בעטלין געהן אין אונגארן · אונ פולין · אונ זיבענבירגען · ווען ער אבער אויך פראנצעזיש · אונ ענגליש · אונ טירקיש קאן · שטעהט פיר איהם דיא גאנצע וועלט אפען אונ פרייא -- ·

# כלל ו שאלה מח

פערליִרן זיין טייערע צייט וואו ער העטע קענען מיט דיא צייט זיך ערווערבן חיי נצחיי איין עוויגעם לעבן · דען ווען דוא העסט דיך געוועהנט דיין הויז צו פיהרן אין אלע הינזיכטען אין וואהנונג · אין עסין אונ טרינקען · אין געוואנט · אונ אין כלי הבית ווירטשאפט · אונ אין דיא אנדערע תענוגים אלם נור קארג אונ בעני אונ נור וואס מאן האבן מוס · זא העטן נור אלע דיינע הוצאות בעטראפן איינע סומא פון פינף אונ צוואנציג זילבער · יעצט בערעכן דיך וואס דוא העסט דאדורך געוויננן · דוא העסט יכולת מאכט גהאט דיינע ארימע פריינד רייכליך צו אונטרשטיצן · וויא אויך ספרים צו קויפען אונ צו געבן אין דיא בתי מדרשים · אונ העסט גקאנט יעדע מצוה מהדר זיין זיא אויף דיא שענסטע ארט מקיים צו זיין ווען עס אויך מעהר קאסטעט · אונ העסט קענן דיינע טעכטער געבן פיר תלמידי חכמים לנשים אונ אויף דיינען טיש זיא מחזיק זיין אונטערשטיצן על התורה ועל העבודה דאס זיא תורה לערנן זאלן אונ השי"ת דינען · אונ העסט קענן יעדן טאג בעשטימען געוויסע שעות צו לערנן תורה · אונ העסט דיר קענן צייט גענומן פריא אונ אבענד אין שוהל צו געהן · דא יעצט דיין קאפף בעפרייט איז · אונ פיעל פערגרינגערט פון דען גראסן פיזור נפש גראסען צערשטריאונג זאלכע גרויסע הוצאות צו מאכן -- ·

עפענע נור דיינע אויגען · נעמליך דיינע עינים הרוחניים אויגען פון דען שכל אונ בעטראכט דיינע פיהרונג וואס דוא פערוועכסעלסט אונ וואס דוא איין וועכסעלסט · אונ וואס דוא איינהאנדעלסט אונ וואס דוא פערהאנדעלסט · אונ וואס דוא פערליערסט · אונ וואס דוא געווינסט · נעמליך פערליערן טוסט דוא מצות וגמילות חסדים צו אונטערשטיצן דיינע ארמע פריינד וואס עס איז איין זייל וואס דיא וועלט דארויף שטעהט · נאך פערליערסט דוא אזו טייערע מצוה וואס אויף איהר איז גזאגט וואורדן הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד · נאך פערליערסט דוא דען זכות פון תורה לערנן וואס דוא העסט דיר גקאנט פערדינט מאכן מיט דיינע טעכטר וואס דיא מצוה פון תורה איבער וועגט אלע מצות · נאך פערליערסט דוא יהא שמיה רבא · קדושה וברכו אונ מתפלל צו זיין ברבים · געוויננן טוסט דוא אבער דאס דוא וואהנסט אין אזו גרוס שלאס דאס דוא האסט שפייז צימער · געזינדעל צימער · שלאף צימער · פאראדע צימער · טאנץ זאל · לוסט גארטען · נאך געווינסט דוא דאס דיין סעודה אלע טאג בשטעהט פון פיש · אונ זופפען · אונ פלייש · מיטעל שפייז · נאך שפייז · בראטען · טארטען · פילע אנדערע באכעריי · מיט וויין · טאקייער · פאנטש · טשייא · קאפע · אונ מיטען טאג צעהנער זופפען · יויזען · בעפראר ענעס · נאך געווינסט דוא דאס דיינע טעכטר אום געהן מיט טייערע אום געצייכענטע געוואנט שמיקע פון מויל · זיידען · מאנטעלע · שאל · הוט · שלייער אשרי עין ראתה כל אלה :

נון טוהע דיר זאלכעס נור גיט איבער לעגן און איבערעכענע עס דיר גענוי אב זאלכער געווין פערדינט דאס מאן דאריבער זאלכעס פערלירן מאג . מיינסט דוא דען יא דאס דיא וועלט הפקר איז דאס מאן דארף טוהן וואס מאן נור אליין וויל . דוא קאנסט גזיכערט זיין דאס ביים יום הדין וועט מאן דיך אויף דיזע אלע זאכן פרעגן . דארט וועט אבער דיין וויינען און שרייען אומזאנסט זיין . דאריבער זעהע דיך צו פערזארגן און צו טוהן וואס אין דיין כח שטעהט זא לאנג דאס דיא מאכט נאך אין דיינע האנד איז .. .

## שאלה מט

דא איין מענש מלא פירות איז פיעל צו טוהן האט . און דיזעס פעראורזאכט דאס זיין עבודה דינסט צו השי״ת ניכט מיט ריינע מחשבות איז . אויף וועלכע ארט קאן זאלכעס ביי השי״ת דאך אין ווערט שטעהן .

## תשובה

ווען איין מענש דער יראת שמים האט זיך בעמיהא כט וויא זיין עבודה צו השי״ת זעהר געמיין אין איכות איז דיא קוואליטעט . דאס איהם דיא וועניגע צייט פון זמן תפלה וואס ער אין שוהל פערווייל מוס כמעט צו לאסט איז . און וויא אויך וועהרענד דיא תפלה האט ער פילערליא הרהורים און מחשבות זרות פרעמדע גדאנקען . און דער גלייכן . ביא אנדערע מצות . דאריבער טרויערט ער אין פרבארגענן און ווייגט יעמערליך מיט רעכן ווארט וואס ווערדע איך תשובה געבן ביים יום הדין ווען מאן צו מיר זאגען ווירד וויא האסט דוא דיא חוצפא און העזה קעקהייט גקאנט האבן צו שטעהן אין מקום קדוש היילג ארט פיר דען דער וואס דיא הערצר פריפט און צופה נסתרות איז אלעם פערבארגענע זעהט . און מיט דעם מויל זאגן סלח לנו כי חטאנו פערציידע אונז דאס מיר האבן געזינדיגט . און דאס הערץ זאל נאך דענקן פון געשעפטן און דער גלייכן . וויא אויך ווארום האסט דוא השגחה גהאט אויף דיין גוף דער נור בלוט און פלייש איז ניכט נור דאס דוא איהם זיין געהעריגע קאסט געגעבן האסט . זאנדערן אויך מיט פיעלע תענוגים דיא וואס נור איבער פליסיג זינד איהם מעדן פערגעניגט און מפטם פעט געמאכט האסט . און דיא נשמה דיא באמת דער עיקר ביא דעם מענשן זיין זאל . האסט דוא איהר מזון קאסט געמליך תורה און מעשים טובים זעהר ברוחק און בצמצום גדול געגעבן און זעהר

נענוי גגעבען . דא ער זאלכעס גוט פרשטעהט דאס עס איין גראסר אונרעכט איז . זא ברינגט אידם דער גראסער פערדרום אויף זיך זעלבסט דאס ער זאגט ווען איך זאל נור די קינפטיגע יאהר אויף זאלכע ארט אין עבודת ה' פרלעבן . צו וואס זאל מיר זאלכם לעבן . אונ וויא ער אזו שטעהט בהתבודדות בעזאנדער אויף זיינע פירונג אין עבודת ד' נאך צו דענקן אונ וויא ער זעהט דאס זיא זעהר ארעם אונ געמיין זינד . קוועהלט אידם זיין הערץ זעהר וועיל ער באמת לוסט האט צו השי"ת אונ זיין תורה] דאס ער זיך אויף דען זאט אוס וויינט . אבער ווערהערנד זיין גראסען קומער ערוועקט ער זיך אליין צום טרעסטן אונ זיין אונצופרידענהייט מיט זיך איין וועניג צו ערלייכטערן . דא דער פסוק זאגט שדי לא מצאנוהו שגיא כח דאס השי"ת ווינשט ניכט פון דען מענשן דאס ער זיך מוס רעכטפערטיגען מיט זאלכע זאכן וואס ניכט אין זיין כח שטעהט ' דען דיא רחמי השם בארמהערציגקייט זינד זעהר גראס . דאס ער צו פרידן איז מיט איין קרבן פון תורים ובני יונה טויבן . מחצית השקל איינע קליינע מינצע . קומץ מנחה וועניג מעהל . ווען דער יעניגר קיין גרעסערן יכולת האט . ווייל ער דיא הערצר פריפט אונ וויים דאס דער יעניגר דער וואס נור דען קומץ מנחה איין וועניג מעהל ברענגט דאס זיין הערץ דאריבר זיך זעהר מצער איז ווארום ער ניכט דיא זכיה האט דאס ער השי"ת קאנטע מכבד זיין מיט איין זאלכעס קרבן וואס פיעל טייערער אונ מער חשוב איז . דאריבר ווייל דער מענש נור איין (קריץ מחומר איז) אוים ליים געפארמט אונ איז אימר בשעפטיגט פון ווא אונ אויף וועלכר ארט דאס ער זיך זיין בראט שאפן קאן וועגן דען איז ער כשור לעול וכחמור למשאוי וויא דער אקס צום יאך אונ דער עזעל צו דיא לאסט פיעלמעהר ווען דיא צייט איהם ניכט נאך ווארנש איז . אזו איז ער דאדורך פון דיא פיעלע זארג מבולבל זיין שכל פרמישט . נון ווען אין וועהרנד פון דיא גראסע טרדות דער זמן דיא צייט פון תפלה קאמט ווען גלייך דאס אידם דיא אהבת השם ליעב צו השי"ת דאצו בוועגט דאס ער זיך צייט נעמן מוס אין שוהל צו געהן אונ אין אנפאנג פון זיין תפלה איז ער זיך געווים מכוין נימט ער זיך פאר דאס זיין הארץ מיט דען מויל וועהרענד דיא

תפלה

תפלה איינינ זיין זאלן . דאס זאל ער אבער דאך דאצו טוהן אז וואס קאן ער דאפיר ווען דיא פיהלע טרדות פון דען גאנצן טאג איהם דאצו ברינגן דאס ער מחשבות זרות האבן זאל. אונ דער גרעסטר בעווייז אוף דען דאס איך באמת גראסע אהבת התורה ומצות האבע [אונ דאס וואס מיין עבודה נור בבחינות קטנות איז ניכט אויף דיא פיינע ארט. איז דיא אורזאך דיא טרדות הזמן ותערובות עם הבריות דאס פילע צוזאמן קאמן מיט מענשן וועגן מסחר וקנין געשעפטן] אין דער טאג פון שבת קודש. וויא דאמאהל מיין תורה אונ תפלה אויס זעהט. אונ וויא אן דען שבת טאג אלע מיינע רגעים מינוטין ביא מיר געהייליגט זינד דאס איך זיא נור בעניצן זאל צו תורה אונ עבודה אונ פשפוש מעשים מיינע פירונג צו ברעכענן אונ ווען איך דאמאהלס מחשב עם נפשי בין ווען איך דאמאהל מיט מיר אליין נאך דענקע וויא מיינע וועג אונ מעשים פון יידישקייט אויס זעהן אונ איך זעהע דאס מיין הערץ ניכט פערשטאקט אונ ניכט ערווייטערט פון השי"ת איז . דען מיט איין ווענינ התעוררות ערוועקונג וואס איך מיך ערווינערן טוהע וואס דען מענשענס אמתדיגער תכלית איז . איז שוין באלד מיין הערץ פאל מיט פייער פון אהבת ד' אונ איז מעורר מיינע אוגן דאס זיא נידערן זאלן דמעות אהבה. אויף דעם זעלבסט פערגים איך אונצעהליגע טרערן דען ווען יעצט דאס איך דיא גאנצע וואכען טעג איין פרקויפטר עבד צו עניני עולם הזה בין אונ דאדורך דיא עבודת ד' זעהר קליין אין איכות זינד דאצו דאך ווען דער שבת קודש קאמט איז דיא אהבת ד' אזו גרויס דאס מאן מיט דעם גאנצן הערצן ווינשט אונ שרייעט ישמח ישראל בעושיו יידישע קינדר פרייען זיך מיט איהרן בשעפר . שש אנכי על אמרתיך איך בין לוסטיג דאס איך דיא זכיה האבע דיין תורה מקיים צו זיין . מתי אבוא ואראה ווען ווערדן מיר דיא זכייה האבן אין ירושלים השי"ת צו דינען - . נון ווען איך מעכטע זוכה זיין דאס איך דיא גאנצע וואכענטעג קיין טרוד פון עניני עולם הזה זיין זאל . אונ העטע קאנן אונגעהינדערט עובד ד' זיין . אזו העטע דאמאלס מיין עבודה איין עהרנסטע עבודה געוועזן . איין עבודה מאהבה אונ מיט שמחה. נון ווען דאמאלס דער שבת קודש קאמט. וויא וייט העטע דאמאהל מיין

אהבת

# כלל ו שאלה מט

אהבת די צו תורה אונ מעשים טובים גקאנט קאמן] דארום געבירט זיך דאס איין יעדר ווען ער אויך נור ווינג יראת שמים בעזיצט . דאס ער זאל אויף דען שבת טאג זעהר קארג זיין אונ ניכט דיא צייט צו ברינגן מיט פילע תענוגים אונ שלאף (דען גענוג דאס ער דיא גאנצע וואכן מעג שלאפט . דען ווען דיא צייט אונגיצליך פעראיבר געהט . איז וויא מאן שלאפן מעכט) וויא דען . ער זאל איין גאנצן טאג לערנן תורה איין יעדר נאך זיין השגה . מדרש . ספרי מוסר . אונ דער וואס קיין לשון הקודש קאן זאל זיך בשעפטיגן מיט מנורת המאור . לב טוב . קב הישר . דען דא השי"ת פון דען גאנצן לערנן נור יראת שמים ווינשט אונ דיזעם קאן מאן זיך גענוג פון זאלכע ספרים ארוים נעמן . אונ זאל אויך השגחה האבן אויף זיינע קינדר דאס זיא זאלכעם טוהן זאלן . דאן ווען ער זיך אזוי פיהרט זא איז ער מרויח גווינט דאפעלט. ערשטענס דאס ער שבת עהרליך געהאלטן האט זא איז זיין שכר דארוף זעהר גרוס. צווייטענס דורך זיין ערליך אונ עהרנסט יידישקייט האלטן אין אלע הינזיכטן תורה תפלות . ברכות . שמירות לשון ועינים אכט געבן אויף דיא צינג אונ אויגען. אונ דער גלייכן אן דען שבת טאג . ווירד ביים יום הדין פיר איהם זאלכעם איינע גרוסע המלצה פערטיידיגונג זיין פיר זיינע געמיינע פיהרונג אין דיא וואכענטעג .

אבער ניכט וויא מאנכע פון דעם המון עם דיא דען שבת טאג צו ברענגן מיט אכילה ושתיה (טיולים) שפאצירן געהן . שחוק והיתול אונטערהאלט פון אונגיצליכע רעד . ולפעמים עבירה גוררת עבירה אפטמאהל ברענגט איין עבירה דיא אנדערע. בשחוק ועזות וניבול פה. בתערובות אנשים ונשים דאס ביא איינע צוזאמענקונפט פון אנשים מיט נשים ווירד עזות אונ ניבול פה וחוצפא גרעדעט (אוי להם ואוי לנפשם) וועהע זאלכע אונ וועהע איהר נשמה . דא יעצט דער בעוויז איז דאס דיא מיעוט עבודה פון דיא ימי חול דיא פירונג פון דיא יידישקייט אין דיא וואכענטעג וואס נור אויף איינע געמיינע ארט איזט. איזט ניכט פון טרדות אונ דאגות פרנסה דיא אורזאך . דאריבער שמעו מוסר וחכמו פאלגט מיין מוסר אונ זייט קלוג.

שאלה

**שאלה נ** וויא איז מעגליך דאס דער מענש השי"ת אונאויפהערליך דינען זאל ווען אויך דאס דיא טרדות אום צורכי עולם הזה צו ערלאנגן זעהר פיעל זינד.

**תשובה** דא השי"ת האט דען מענשן פון אנדערע בריאים בשעפניש אום געצייכענט דאס ער אידם שכל אונ תבונה געגעבן האט זא איז איין יושר אונ איין שולדיגקייט דאס ער זאל זיך דען שכר בדינן אוף איין זאלכע טובה וואס אידם איין אמתדיגע טובה איז. נעהמליך ווייל איין יעדער מענש זעהט מעשים בכל יום אלטעגליך דאס דיא אלע קנייני עולם הזה פון כבוד. פון גדולה. פון עושר. ווען זיא נאך אזו גרוס אונ נאך אזו פיהל זינד דאך אלעס נור הבל הבלים איז. כי לא במותו יקח הכל ווייל ביא זיינעם שטערבען קאן ער זאלכעס זיך ניכט מיט נעמן אונ נור דיא קנינים אייגענטימר אליין זינד אמתדיגע קנינים נעהמליך תורה ומעשים טובים ווייל ער זיא איינסט מיט זיך גימט אונ וועגן איהנן איין גרוסען שכר בעולם האמת געניסן ווירד. דאריבר זאל ער אלעס מעגליכע זעהן צו טוהן דאס ער זיין גאנצע לעבענס צייט נור הייליגען זאל צו תורה אונ מעשים טובים אונ נור רצון הבורא דען ווילן פון דען בשעפר צו טוהן ניכט אנדערסט. דאמיט ווען זיין יום פקודה שטערב טאג קאמט דאס ער ווירד קאנן זאגן אונ אוך אום ווייזן דאס ער אימער ווערענד צו השי"ת איין עבד נאמן טרייער דינער געוועזן איז. אבר ניכט וויא מאנכע דיא צו פרידן זינד ווען איהרע פיהרונג איז נור חצי לדי וחצי לכם דיא העלפט פון איהר צייט פיר השי"ת צו פרווענדן אונ דיא אנדערע העלפט פיר זיך. אונ מאנכע גאר וואס לא יחצו ימיהם וואס גאר ניכט איהר צייט טהיילן טוהן. וואס זיך בעגניגט לאסן ווען זיא נור איין שעה אין טאג קובע עתים לתורה זינד. וויא קאן אבר דאס זיין דא איין מענש נור איין בשר ודם איז אונ פיהלע זאכן בנעהטיגט פיר זיך. פיר זיינע הויזלייטע. אבילה. שתייה. מלבוש. וויא אוך פיהלע מצות ווען מאן זיא מקיים זיין וויל מוס מאן דאצו געלד האבן. נון וויא קאן מאן זיינע גאנצע צייט מקדיש זיין הייליגן צו תורה אונ עבודה. — געדולד איין ווייניג אונ הערע צו איין קליינע אויפקלעהרונג ווירסט דוא איינזעהן דאס מיין עצה אמת איז. דא דער

בורא

# כלל ו שאלה ג

בורא ב"ה דיא הערצר פריבט אונ פרלאנגט נור פון דען מענשן דאס דיא אהבת ד' צו תורה אונ מצות אין זיין הערצן אמתדיג אונ אונגטיילט זיין זאל . געהמליך דאס תמיד זיין חשקות לוסט אונ תשוקה וואונש. זיין זאל איין אמתדיגער עובד ד' צו זיין דא ער פיהל מאהל ווען ער געהט ממדינה למדינה וועגן זיינע געשעפטן אונ מאנכעס מאהל איבר הרים וגבעות בערג אונ היגעל פאהרן מוס דא ער פלעגט אליין אויף דיא בערג צו פוס צו געהן . אזו רעדעט ער מיט זיין הערץ וואס ווירד דער תכלית זיין מיט מיר . וויא פיהל מאהל האבע איך שון דען פיעלע מיילן וייטן וועג געמאכט . איינקויפן . פרקופן אונ צו לעצט בלייבט מיר וייטר ניכטס דאפון נור דאס איך מיין נשמה איהרע יאהר בגזלת האבע . אונ זאלכעס זאגט ער מיט ווייגן ער טרעסט זיך אבער אליין דאביא מיט דיא ווארטן . זיסער פאטר . דיר איז בקאנט מיין הערץ דאס מיין גאנצר וואונש איז נור תמיד אהנע אויפהער דיין תורה אונ מצות מקיים צו זיין אונ דאריבר האבע איך מיין הויז פירונג אין אלע היגזיכטען זעהר קארג אונ גענוי איינגעריכטעט דאמיט איך דאדורך מעהר צייט געווינען זאל וויא איך קאן השי"ת רוהיג דינען . אונ דיא וועניגע געשעפטען וואס איך בעטרייב איז אויך נור אוים דיזן גרונד וייל איך וויל מיינע קינדר ערציהען אוף דיא תורה איהר וועג . אונ דיא מצות וואס מאן דאצו געלד ברויך דאס איך זיא אויך זאל קענן מקיים זיין . דען ווען ניכט דיזער גרונד . זא העטע איך דיזע וועניגע געשעפטן אויך צוריק געלאסט . דארום ביטע איך דיך דאס דוא זאלסט מצליח דרכי זיין מיין וועג בגליקן . נון דער וואס אוף דען מענשן אונ זיינם גלייכן זאגט דאס ער נור דיענט השי"ת ווען ער באשמורת הבוקר פארטאג לערנט . אדר תהלים זאגט . אונ נור דאמאהל ווען ער אין שוהל געהט דאווינן . דער איז דובר שקרים זאגט ליגען . דען דא השי"ת עדות זאגט דאס זיין הערץ ויינט וועגן אהבת השם אונ יראת שמים צו ערלאנגן . אונ זיין גאנצר האנדל אונ געשעפט פיהרן נור וועגן דען איז דאס ער דאדורך זאל השי"ת דינען קאנן . אזוי ווירד איהם גרעכענט זעלבסט זיינע האנדעלסצייט אלס העטע ער דאמאלס תורה גלערנט אונ מצות מקיים געוועזן . אויף דעם

זאגט

זאגט דער פסוק (שִׁוִּיתִי ד׳ לְנֶגְדִּי תָמִיד · בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ) ביא אלע מיינע פיהרונג איזט נור דיא אבזיכט דען ווילן פון השי״ת צו טוהן :

**שאלה נא** וויא אזו זאל מאן געשעפטן פיהרן וואס מאן דאדורך זעלבסט אוף דען האגדל שכר ערוואַרטן קאן -- ·

**תשובה** דיא תורה האט געשריבן וְאָסַפְתָּ דְגָנֶךָ וְתִירֹשְׁךָ וְיִצְהָרֶךָ דוא זאלסט דיך בשטרעבן דוא זאלסט דיר איין זאמלן אלע לעבענס מיטל דיא דוא בדארפסט · יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ ווען דוא ווירסט געניסן וואס דוא ווירסט דיר זעלבסט פֿערדינן · וואהל דיר · פון דיא פסוקים איז ארוס צו נעהמן דאס דיא תורה ווינשט דאס דער מענש זאל זיין איין זריז פלייסיג טעהטיג · אונ זיך בשעפטיגן מיט דען יישוב עולם נעהמליך איין האנדל צו בטרייבן · אדער זיך צו בשעפטיגן מיט פעלד בויא · אדער דורך ארבייט פון האנדווערקרייא אום דאדורך זיך אונ זיינע הויז לייטע צו ערנעהרן · אבער דען וואונש פון דיא תורה צו ערפילן דאס זיך איין מענש בשטרעבן זאל פרנסה צו זוכן אונ געלד צו זאמלן ברויך גרוס השגחה אופזיכט אונ איבערלעגונג וויא אונ וואן ער טוהן זאל דאס ער זיך ניכט זעלבסט פערנארן זאל · דען עס זינד דאצו צוויא וועג · איין גוטער אונ איין שלעכטער · אונ דיא גרונדזאכע וואס דאדורך ווערדן דיא וועג פון איינאנדער געטרענט . העגגט נור אב אן דען מענשענס זיינע מחשבה גדאנקן · דאהער מוס ער זיך גוט אכט געבן דאס זיינע מחשבה ניכט מבולבל פעראירט ווירד · ווייל דער תנא אונז לערענט אין פרקי אבות אונ מיר עס תמיד זעלבסט זעהן טוהן בְּשַׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם אֵין מְלַוִּין לוֹ לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וכו׳ ווען דער מענש זיינע זיבציג יאהר פערפילט אונ מיט זיין לעבן פערטיג איז . כִּי הוֹלֵךְ אָדָם לְבֵית עוֹלָמוֹ ווען ער אבּרייזן טוהט אוף דיא עוויגע וועלט · טוהן איהם ניכט בגלייטן ווען ער נאך אזו רייך איז · קיין זילבר · קיין גאלד · קיינע עדעלשטיינע · נור תורה דיא ער געלערנט האט אדר פֿראורזאכט איז גמאכט לערנן · אונ מצות ומעשים טובים דיא ער זיך פֿערדינט גמאכט האט · איבר דען מוס יא איין יעדער

זעלבסט

# כלל ו שאלה נא

זעלבסט פרשטעהן דאס נור וועגן דען ארטיקל סחורה פראדוקט וואס ער זיך מיט נעהמן קאן · וועגן דען האט איהם השי"ת אויף דען ירידער אדר מארקט אהער געשטעלט · וויא דיא תורה שרייבט היום לעשותם היטיגע וועלט הייסט עולם העשייה מאן קאן זיך פרדינן אונ ערווערבן איין לעבן אונ איין תענוג וואס עם דויערט אימער אונ עוויג · אבר אום זיך צו בשעפטיגן מיט עניני עולם הזה דאס ער זיך ערווערבען זאל גרוים רייכטוהם דיזער · גיטער · גדולה וכבוד וועגן דיזען איז ער געוויים ניכט אויף דיא וועלט גקאמן · דא דער פסוק זאגט אין איוב (ערום יצאתי מבטן אמי וערום אשוב שמה) נאקעט בין איך געקממען אויף דיא וועלט אונ נאקעט געהע איך אויף יענע וועלט :

אונ דא דיזע אביגע רעד זינד איין גרונדשטיין ויתד שלא תמוט איין פעסטר נאגל דען מאן פון ארט ניכט רירען קאן , דאס דער צוועק פון דען מענשענס לעבן אויף דיזער פרגענגליכע וועלט · איז נור אום זיך משלים צו זיין · אוים צו ארבייטן · צו רייניגן אונ צו לייטערן אונ הייליגן זיין בנין הגוף דיא רמ"ח אברים צוויא הונדערט אכט אונ פירציג גלידער · דורך דען מקיים זיין רמ"ח מצות , אונ שס"ה גידים דרייא הונדערט פינף אונ זעכציג אדערן · דורך דען צוריק האלטען ניכט עובר צו זיין אויף דיא שס"ה לא תעשה דיא אונז דיא תורה פרזאגט אונ פרבאטן האט · אונ פון אלע זיינע מיהע אונ פלאג אונ שטרעבן אונ בשעפטיגונג בלייבט איהם נור צו לעצט דאס אליין איבריג · אונ אויף דען האט דיא תורה גשריבן כי היא חייך ואורך ימיך נור דיא יידישקייט נאך פאלגן פראוהרזאכט דיר איין עוויגעם לעבן · אונ טראכטן דעם דאס ער עם זעלבסט פרשטעהט אונ איינזעהט דען שקר אונ שפלות אונ הבל גדף פון אלע בשעפטיגונג פון עולם הזה · אונ דען אמת אונ דען גראסן קרן פון בשעפטיגונג פון עניני עולם הבא · ביא דען אלען ווען ער אוך ניכט וויל איז ער געצוואונגן דאס ער מוס איינע צייט וויא אוך מאנכם מאהל מעהרערע צייטן פרשווענדן אום זיך צו בשטרעבן מיט עניני עולם הזה · אונ ניכט נור זיין מעסיגעם אום קאמען צו זובן · זאנדערן אוך זיך צו ברייכערן , דיא אורזאכע דאפון איז דאס ער מוס זיך בשעפטיגן

איין

אין עניני עולם הזה וועגן צו ערלאנגען דאס מעסיגע אויסקאמן . איז איינע אבער פלעכליכע . ווייל ער זעלבסט פרשטעהט דאס זיין לעבן אויף דיזער וועלט איז נור ביי איהם טייער און חשוב דעסטוועגן ווייל ער זיך היטע צו טאג קענע ערווערבן תורה ומצות. איבער דעם מוס ער זיך בשעפטיגן דאס ער ווענינסטענס דען הכרח דאס נאטווענדיגע האבן זאל . געהמליך לחם לאכול ובגד ללבוש בראט צו עסן און איין גוואנט זיך צו בקליידן . דאס ער ניע געהינדערט זיין זאל תורה ומצות נאך צו געהן . זא האט אויך דער תנא אונז מזהיר גוועזן גוואהרענט מיט זיין ווארט אם אין קמח אין תורה . און צו בשטרעבן זיך צו בדייכערן איז דער גרונד דאפון , ווייל אום צו פיהרן איין גרוסען טהייל פון דיא מצות התורה ערפאדערט דאס מאן איין רייכטודם בזיצן זאל . דען וויא קאן ער מהדר זיין נאך שיינע אויסגעצייכענטע כשרה תפילין . איינע שעהנע סוכה . איין ספר תורה מהודר אויסגעצייכענט שעהן צו האבן . אדר מקיים צו זיין הכנסת אורחים פרעמדע עניים און זיינע פריינד צו אונטרשטיצן פילמעהר צו ערהעבן דען קרן התורה . געהמליך לומדי תורה ויראי שמים מחזיק צו זיין זייער הינלענגליכן געברויך ווען איהם זיין פרמעגן ניכט הינרייכענד איז - דאהער איז ער שולדיג זיך צו בשטרעבן דאס ער איין עושר זיין זאל און זיין מוס . וועגן דיזען גרונד איז איינע מצוה דאס ער זאל זיך בשטרעבן אין געשעפטן פון עולם הזה דען דאדורך ווירד ער מעהר גלעגענהייט האבן צו זארגן פיר עניני עולם הבא. דען דער מענש דען זיינע גאנצע ארבייט און געשעפטן און אלע זיינע געווערבע דיא ער בטרייבט אום זיך פרמעגן צו פרשאפן . און זיך צו בדייכערן . אבר ניכט ווייל ער אוהב כסף איז און גרוסן געלד רייץ האט . זאנדערן ווייל ער איין אוהב פריינד פון תורה ומצות איז און ווינשט זיא מקיים צו זיין על צד היותר טוב אויף דיא פיינסטע ארט . און בשטרעבט זיך זיינע קינדער צו ערציהען . אדער יתומים מגדל צו זיין אויף דען וועג פון תורה און יראת שמים. און זיין פאלער וואונש איז זיינע טעכטער צו געבן פיר תלמידי חכמים לנשים און זיא צו אונטערשטיצן מיט אלען מעגליכן דאס ער איין זכיה האבן זאל איין שליח צו זיין דיא תורה צו פרהערליכען

און

# כלל ו שאלה נא

אונ צו פַרגְרֶעסֶרן אונ איהר גְלַאנְץ צו עְרְהֶעבֶּן אונ נור דיא מַחֲשָׁבָה איז דיא שְׁפִּיצֶע אונ דֶער גְרוּנְד פוּן אַלֶע זַיינֶע גְשֶׁעפְטֶן דיא עֶר אוּנְטֶערְנֶעהֶמְן טוּהְט . אונ דֶער וָואס דיא הֶערְצֶער פְרִיבְט ווירד אוף איהם עֵדוּת זָאגְן דַאס דָאס וָואס עֶר זיך בַּשְׁטְרֶעבְּט גֶעלְד צו זַאמְלֶען איז נור וֶועגְן דִיזֶען גְרוּנְד מַרְבֶּה צו זַיין צו פַרְמֶעהְרֶען תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים דַאמִיט . דָאס איז דֶער עֶרְשְׁטֶער וֶועג וָואס עֶס איז דֶער גוּטֶער וֶועג -

עֶס גִיבְּט אָבֶּר מַאנְכֶער דֶער קוֹרֶ"ץ זִיכְטִיג אונ פַרְשְׁטַאנְד לָאז איז אונ עֶר זָארְגְט אִימֶר אונ פְּלָאגְט זיך אונ בַּשְׁטְרֶעבְּט זיך פִילֶערְלֵייא גְשֶׁעפְטֶן צו אוּנְטֶערְנֶעמֶן אוּם זיך רֵייכְטוּהְם אונ פַרְמֶעגְן צו שַׁאפֶן . אָבֶּר נור וֶועגְן דִיזֶן גְרוּנְד וַוייל עֶר דָאס גֶעלְד בְּעֶצֶם זֶעלְבְּסט לִיבּ הָאט . דֶען פַרְמֶעג זַיין שְׁוַואכֶן בַּגְרִיף אונ אָרֶמֶען פַרְשְׁטַאנְד גְלוֹיבְּט עֶר דַאס וֶוען איהם דָאס גְלִיק איז גִינְסְטִיג דַאס עֶר הָאט עֶרְרֵייכְט זיך צו עֶרְוֶוערְבֶּן הֵייזֶר . פֶעלְדֶער . וַויינְגֶערְטֶנֶער . זָא איז עֶר שׁאהְן פַרְטִיג אונ הָאט שׁאהְן עֶרְלַאנְגְט דיא אֶמְתְדִיגֶע הַצְלָחָה . אונ וֶועגְן דִיזֶען גְרוּנְד איז עֶר אִימֶער בַּשֶׁעפְטִיגְט דַאס וֶוען עֶר רֵייכֶער זַיין ווירד . ווירד עֶר עֶרְלַאנְגְן אַיין גוּטְס בֵּיזֶער צו זַיין . גַאנְצֶע דֶערְפֶר אִין אֵייגֶענְטוּהְם צו הָאבְּן . ווירד עֶר זַיין אַיין קָצִין . נָגִיד . גְבִיר . וְשַׁפְסַר אונ צְוִוישֶׁן בִּידֶער מֶענֶער דֶער וֶועלְט גֶערֶעכֶענְט צו וֶוערְדְן . אָבֶּר דַאס עֶר זיך פוּן זַיין פַרְמֶעגְן תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים עֶרְוֶוערְבֶּן זָאל . אוף דִיזֶען הָאט עֶר קֵיין מַאכְט וִויא אוֹיךְ קֵיין הֶערְץ דַאצוּ . דֶען עֶר איז אוּנְטֶערְוָוארְפֶן פוּן דיא שְׁוֶוערֶע גֶפֶערְלִיכֶע קְרַאנְקְהֵייט אוף דיא שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גְזָאגְט (קהלת סימן ו פסוק ב) אִישׁ אֲשֶׁר יִתֶּן לוֹ אֱלֹקִים עוֹשֶׁר וּנְכָסִים וְכָבוֹד וְלֹא יַשְׁלִיטֶנּוּ לֶאֱכוֹל מִמֶּנּוּ. עֶס גִיבְּט אַיין מֶענְשׁ דֶען הַשִּׁי"ת הָאט צו גְטֵיילְט גְרוֹיס רֵייכְטוּהְם . אונ עֶר בַּנִיצְט עֶס נור וָואס דֶער גוּף ווינְשְׁט . עֶסְן . טְרִינְקְן . אונ אוּנְטֶערְהַאלְטוּנְגֶן . אָבֶּר זַיינֶע נְשָׁמָה דַאמִיט צו פַרְזָארְגְן תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים . וּצְדָקָה מְקַיֵים צו זַיין . הָאט עֶר קֵיינֶע שְׁלִיטָה קֵיין מַאכְט אִיבֶּער זַיין עֲשִׁירוּת . דֶען דֶער (סט"א) דיא שַׂרִים הָאבְּן זַיינֶע שְׁלִיטֶעל . זֶה הֶבֶל וָחֳלִי רָעָה הִיא דָאס איז דיא שְׁלֶעכְטֶעסְטֶע קְרַאנְקְהֵייט וָואס עֶס

נור

נור עקסעסטירט . דאס איז דער צווייטער וועג דער שלעכטער .
אבער עס איז צו פרעגן דא דיא אללע צווייא וועג באלד גלייך זינד דען ביידע בשעפטיגן זיך מיט עניני עולם הזה . קופען פרקופן . אונ ביידע איז זייער ציעל געלד צו זאמלן אונ איהר פרמעגן צו פרגרעסרן . ווארום פרדינט יענער וועג גענענט צו ווערדן דער גוטער וועג . אונ יענער דער שלעכטער . אבער ווען דוא איין וועניג דאריבער נאך דענקן ווירסט אונ לאנגזאם איבערלעגן . ווירסט דוא זעלבסט איינזעהן ניכט נור דאס זיא ניכט גלייך זינד זאנדערן זעהר ערווייטערט איינער פון דען אנדערן . דען דער ערשטער דער זיך צום גרונדשטיין גמאכט האט זיינע גאנצע לעבענסיאהר דען ווילן פון השי״ת צו טוהן . נור אהנע פרמעגן אונ רייכטוהם קאן ער ניכט יעדע מצוה מקיים זיין . אונ נור וועגן דיזען גרונד שטרעבט ער נאך פרמעגן . העטע ער אבער געקענט דיא גאנצע תורה מקיים זיין אהנע דיעס . העטע ער געוויס דיא קליינסטע מיהע אונ פלאג אונ דיא גרינגסטע צייט ניכט דארויף פרווענדעט אום רייכטוהם צו געווינן . ווייל ער פרשטעהט דען נידריגן ווערט דאפון דאס דאס גאנצע גליק פון עניני עולם הזה נור איין הבל איז . אונ פילע מאהל אויך איין אבן נגף איז איין שטיין וואס מאן דאדורך זיך שעדיגן קאן . איהם צו שאדן ברינגן אונ צו פראומגליקן . דאהער ווען זיך איהם עראייגענט איין געשעפט ווא מאן האפן קאן זעהר פיהל צו פרדינן . נור ביא דעם געשעפט איז פרבינדן דאס מאן שבת ניכט קאן היטען וויא זיך געבוהרט . אדער עס איז דאביא פרוויקעלט איין איסור פון גזל . אדר ריבית . אדר הסגות גבול . קאן דער געווין נימאהלס אזו גרוס זיין איהם איין רייץ צו מאכן דאס געשעפט צו אונטערנעהמן . דען ער זאגט . דא דאס רייכטוהם פיר זיך זעלבסט קיין חשיבות וועהרט האט . זיין ווערט איז נור ווייל מאן דאדורך דען ווילן פון השי״ת אונ דיא מצות פון דיא תורה ערפילן קאן . איבר דיזען . אזו איין רייכטוהם וואס איך ניכט עהער ערלאנגן קאן אלס דאס איך מוס איבר טרעטן דען ווילן פון השי״ת אונ זיין תורה . צו וואס זאל עס מיר . אונ וואס ניצט עס מיר . דיזעס זאגט דער ערשטער --.

אבר

# כלל ושאלה נא

אבר דער צווייטר דער פרמעג זיינע שוואכע איינזיכט גלויבט
דאס דיא הצלחות עולם הזה אונ רייכטוהם איין אמתדיגע הצלחה פיר
זיך זעלבסט איז - נון איז דיא פראג וואס איז נון איין מענש שולדיג
צו טוהן דאס ער ערלאנגן זאל אזו איין הצלחה דיא איינע וואהרע
הצלחה באמת איז - וואס ער איז שולדיג צו טוהן - אלעס מעגליכע
מוס ער אנווענדן קיינע זאכע אין דער וועלט דארף ער צוריק לאסן
אונ גיע זיך היגדרן לאסן אום דיזעס צו ערלאנגן עס זייא באיסור .
עס זייא בהיתר . עס זייא ביושר מיט רעכט . אדר אונרעכט .
דען השוחד יעור עיניהם דיא בשמעכונג פון דען געלד רייץ אונ
כבוד וגדולה פרבלענט איהרע אויגן . קורץ גזאגט דיא פריכטן פון
דיזע גדאנקן ברענגן איינצורייסן אונ צו שטירצן פילע מצות פון אונזרע
הייליגע תורה . אונ מאנכם מאהל ברינגן זיא איהם גאר כופר צו
זיין בכל התורה - אונ צו מעהרערע איבערצייגונג זעהע דיך אום
אונ בטראכטע דיא פיהרונג אין דער יידישקייט פון מאנכע עשירים
בזאנדערס אין דיא גרוסע שטעדט - וויא וייט זיא זינד גשלאגן מיט
בלינדהייט [איהרע גשעפט פיהרונג אם שבת . איהרע קינדר ערציהונג
ניכט וויא דיא תורה פאדערט אונ ווינשט . איהר הויז פיהרונג אין
היגזיכט כשרות - אונ אין ענין צניעות וואס דת יאהדות גגענט וויד
גדורים מעריות צו זיין . דאס הייכט פון איין יעדן פריצות וועג זיך
צו ערווייטערן . אונ בזאנדערס וויא מאן נזהר איז היטען טוהט דת
משה נעהמליך זיך צו ערווייטערן אין זיין הויז פון טומאת נדה -
ווירסט דוא שטוינן וויא קאן מאן זיך לאסן אזו פרפיהרן . וויא קאן
מאן אזו בלינד זיין] צו מאכן דען טפל פיר איין עיקר אונ דען עיקר
נימאהל פיר איין טפל צו בטראכטן . אונ פרגעסן אן דען אביגן וואהרט
דאס נור זאלכע סחורה האט איין וועהרט דיא מאן ביי דיא אבזייזע
מיט נעהמן קאן . וועהע איהרן פינצטערן פרשטאנד . דיזעס אלעס
האט פראורזאכט וייל זיא גגאנגן זינד אין דען אביגן צווייטן וועג -
העטע פיר זייא ניכט בעסר געוועזן ווען זיא העטן איהרע יאהר פרלעבט
אין גמיינן שטאנד . ווען זיא העטן געוועזן גמיינע האוזירער אין דארף
צו געהן אונ צו שרייען האנדל וואס . פעדערן . ראס האר . ליפים .
זא העטע איהר הויז אויף דען יידישן וועג אין אלע היגזיכטן געפיהרט
ווארדן

װארדן · איהרע קינדר אויף דיא תורה אונ יראת שמים איהרע װעג ערצויגן װארדן · אונ זיא העטן ביא איהר אב לעבן אלם ערליכע יידען גשטארבן · אונ העטן דאצו נאך האפנונג גהאט דאס איהרע קינדר דיא זיא צוריק גלאסן האבן דיא פאל פון תורה אונ יראת שמים זינד · װערדן מיט איהנן גומל חסד זיין אונ טובות טוהן · ערליך דאווינן · קדיש זאגן · משניות לערנן · דאס איז דיא עלטערן גורם ושכבת וערבה שנתיך װען זיא אין קבר ליגן . דאס זיא רוהיג אונ זאנפט שלאפן װערדן · אבר װען דיא ערציהונג פון איהרע קינדר געװעזן איז וויא אבען במעלדעט איז · װאן איהר אב לעבן קאמט אונ דאן זעהן זיא אונ בטראכטן איהר װירטשאפט װאס זיא זיך מיט גנומען האבן · װעלכע קינדר זיא צוריק לאסן דיא איהנן ניכט נור ניכט בפרייען קענן · זאנדערן נאך יעדן טאג דאס פייער פון גהינם אונ דיא ביטערע עונשים פרגרעסערן װערדן . װייל זיא שולדיג זינד מיט איהרע שלעכטע ערציהונג דאס זיא כופרים אונ פושעים זינד · װירד אויף איהנן גזאגט װערדן אין שלום אמר ד׳ לרשעים · למעצבה תשכבון פיר דיא רשעים זאגט השי״ת קיין פרידען · דען פיר איהנן איז אין קבר אהנגבייט פירכטערליכע שטראף . אבער װער זיך ריכט צו געהן אין דען ערשטן װעג · איז גליקליך אויף דיא הייטיגע אונ יענע װעלט :

**שאלה נב** דא דער געלד רייץ גראס איז · דורך װאס קאן מאן זיך דאך צוריק האלטן פון חילול שבת װען אויך דאס זיינע גשעפטן זעהר פיעל זינד ·

**תשובה** װייל מאנכע װען אויך דאס זיא אין אנדערע ענינים היגזיכטן יידען אונ מקיימי מצות זינד · נור איהרען גראסן לוסט זיך צו בריכערן ברענגט זיא דאצו דאס זיא זיך אן חילול שבת פרגרייפן אונ װען מאן זיא שטעלט צו רעד וויא קאנסט דוא דיר זאלבעם ערלויבן · װייסט דוא דען ניכט דען גרוסן טייערן װעהרט פון שבת · דארויף זאגט ער דא מיינעם גאנצע גשעפט איז נור פעלדבויא אונ מאשינן · ברענעריא · גאראלנע · אונ װען פירציג יאך אקסן מיט משרתים דאצו אן שבת רוהען זאלן · וויא אויך דיא מאשינן

# כללו שאלה נב

נאראלנע · געשפערט זיין זאל · מאכט עס יא איין זעהר גרוסן הפסד שאדן אום · אונ דיא צייטן זינד יא אהנע היין זעהר שווער · אונ דיא פרנסה איז געענגט · אזו בין איך יא גצוואונגן מיר דען שבת טאג צו הילף צו נעהמן · ווען גלייך דאס מיר זעלבסט יא שווער פאר קאמט · דא דיזעם איין מיעוט המצוי איזט · זיך זעהר אפט טרעפט · אונ דער וועג זעהר שעדליך אונ אנשטעקענד איז ווייל זיא בווייזען מיט איהרע פרטיידיגונג דאס זיא איין אונס גצוואונגן זינד · אונ איין אונס רחמנא פטריה איז פון דיא תורה בפרייעט · דארום איז איין גרוסע שולדיגקייט צו פרעפענטליכן דאס דיזעם איז אלעם נור עצת פון (יצר הרע) דא זאלכע נאך מאמינים אן תורה שבכתב אונ שבע"פ זינד · זא איז יא גענוג ראיה אונ בווייז איהנן צו ווידער לעגן פון פסוקים מפורשים דייטליכע פסוקים אונ פון מאמרי חכמז"ל · וויל פיהלע אונצעהליגע פסוקים אונ מאמרי חז"ל בווייזן דאס דאס רייכטוהם דען מענשן קאמט נור מגזירות הבורא פון דיא בשטימונג פון השי"ת אבר ניכט דורך זיין חכמה אדר פיהלע געשעפטן דיא ער זיך בשטרעבט צו מאכן · דען גלייך בשעת יצירה וויא ער ערשאפן ווירד · ווירד נגזר אוף איין יעדן מענשן אב ער זאל זיין רייך אדער ארים · דארום דא דאס עשירות נור פון דיא האנד פון השי"ת קאמט · ניכט נור דאס מאן קאן יעדן זיבענטן טאג געהעריג מיט שמחה אונ פרגעניגן שבת האלטן נאך פארשריפט פון דיא תורה · זאנדערן ווען השי"ת העטטע בפאלן [ווען אויך דיא געשעפטן נאך אזו גרוס זינד] זעקס טאג צו רוהען מצות שבת אונ איין טאג געשעפטן צו מאכן · העטטע עס אויך ביא איין ייד דער איין ערליכר מאמין איז · איינע גרינגע אונ איין לייכטע מצוה גוועזן · ווען השי"ת וויל העלפן קאן ער יא געבן איין הצלחה אונ איין געווין אין איין שעה וואס הינלענגליך איז אוף איין גאנצע וואך · אבר ביא זאלכע וויא בעוה"ר דיא אמונת התורה שלאף אונ שוואך איז אונ דאריבר דער בווייז פון פסוקים אונ מאמרי חכמז"ל ביא איהנן קיין גרוסן איינדרוק מאכן · איבר דען אויך איהנן צו ווידער לעגן דאס איהר עצה אונ מחשבה דאס דאס געשעפט גלענצענדר זיין זאל דען שבת טאג צו הילפע צו נעהמן · דאס דאס אונניצליך איז · ווערדע איך זאלכס בווייזן פון מעשים בכל יום וואס מאן אלטעגליך פאר זיך

זעהט

זעהט · עפנע דיינע אויגן אונ בטראכטע דיר אין פיהלע שטעדט ווער דיא בעלי כיסין רייכע מענשן זינד · אזו ווירסט דוא זעהן אונצעהליגע מאהל דאס עס מענשן גיבט וואס זיא זינד גרוסע פראקטעצירטע סוחרים אונ פרשטענדיג אין אלערליא סחורות אונ זינד זעהר טעהטיג אונ פלייסיג אין האנדל אונ מאכן אויך גשעפטן אין אינגלאנד וויא אויך אין אום לאנד · אונ איהר הויז פיהרונג איז זעהר שפארזאם אונ קארג · אונ דאך איז איהר פרנסה זעהר שוועהר · אונ בדוחק גדול געננט. אונ מאנכע דיא ניכט קלוג זינד אין הכמות התורה וויא אויך אין הויות עולם אונ גשעפטן צו פרשטעהן אויך קיינע מומחים פראקטעצירט זינד · אונ דאצו טרעג ניכט טעהטיג זינד · וויא אויך אונוויסענד אין גשיקטליכקייט זינד · דאס זיא זיך שוועהר אויף יידיש אונטערפערטיגן קאנען · אונ איהר הויזפירונג איז בלייט אונ גרוס · אונ דאך זינד זיא זעהר רייך וויא אויך זעהט מאן אויגענשיינליך דאס מאנכעס מאהל ווען דער סוחר זיך במיהט איין גאנצן טאג מיט גשעפטן אונ דאך ניכטס מרויח איז געווינט · אונ מאנכעס מאהל קויפט ער סחורה בלא מתכוין דאס ער דאריבר ניכט נאך גדענקט האט · אונ אהנע יגיעה אונ טרחה מיהע אונ פלאג · אין איין שעה קטנה · אונ איז מרויח זעהר פיהל] נון ווען דוא האסט נור מוח אין דיין קאפף זאג מיר נור דורך וואס פיר איין חכמה · דורך וואס פיר איין תבונה האט זיך זאלכער דאס רייכטום גשאפט · זעהסט דוא דען ניכט זעלבסט איין דאס ער איז נור איין בהמה בצורת אדם · אין פארים פון איין מענש · מוסט דוא יא מודה זיין · בקענן שיש גבוה מעל גבוה שומר עס עקסעסטירט איין אבערקייט וואס דיזעם אלעס פראורזאכט · וויא דער פסוק גערט מקים מעפר דל ומאשפות ירים אביון · נון מוס יא איין יעדער דער וואס נור קיין שכל עיקש פרקרומטן פרשטאנד האט · בקענן דאס דיא פרטיידיגונג דאס ער איין אונס איז · שקר מוחלט פאלש איז · דען ממה נפשך איז אויף איהם נגזר געווארדן מן השמים דאס ער דיזעס יאהר כמה אלפים פרדינן זאל · ווירד דען השי״ת זיין הבטחה צו זיכערונג ניכט צו שטאנד קאמען ווען אויך שבת געהעריג געהאלטן ווירד · וויא דער מדרש זאגט הרבה שלוחים למקום להכין מזון ליראיו

קאן

# כללו שאלה נב נג

קאן מאן דען צעהלן דיא אלע סיבות וואס השי"ת מאכן קאן ווען ער דען מענשן העלפן וויל. ווען אבער אויף איהם נגזר איז געווארדן זיין פרמעגן צו פרלירן אונ אין דוחק ועניות צו לעבן. זא ניצט ניכט נור דאס שבת ארבייטן אליין. זאנדערן ווען ער אויך זיך (ראש השנה אונ יום כיפור) צו הילף נימט זיינע געשעפטן צו פרגרעסערן. איז אלעס אומזאנסט דאס ער פרהינדערן קאנן זאל דיא גזירה פון השי"ת וויא דער פסוק זאגט עצת ד' היא תקום דיא עצה פון השי"ת מוס זיך בשטעטיגן ושומר מצוה לא ידע דבר רע פון דיא מצות טרייע נאך צו פאלגן קאמט ניכט שלעכטעס:

**שאלה נג** אב מאן וועגן פרנסה צו זוכען ניכט שולדיג איז פריא אונ אבענד אין שוהל צו געהן אונ קובע עתים לתורה צו זיין אודר ניכט — .

**תשובה** וייל מאנכע מענשן ווען מאן זיא מוכיח איז דא דוא האסט דיך אין דיינע יוגענד וועגן תורה לערנן בעמיהט אונ געפלאגט ווארום טוהסט זיא יעצט גאנץ פרלאסען. דאס דוא דיר נימאלס קובע עתים ביזט תורה צו לערנן. וויא אויך ווארום טוהסט דוא ניכט ערציהן דיינע קינדר על ברכי התורה אויף דיא שוים פון תורה אונ דיינע טעכטר ניכט גיבסט זאלכע מענער דיא בני תורה זינד. ווארום ביזט דוא מזלזל מצות תפלה ברבים טוהסט גרינג שעצן דיא מצוה מיט מנין צו דאווינען. אזוי גיבט ער תשובה ווען יעצט דאס איך מיך איין גאנצן טאג בשעפטיגע צו זוכען פרנסה. איז זיא דאך געגנגט אונ בצמצם גענוי. ווען איך זאל נאך צו דיזן מיר צייט וועק נעמן. פון וואו ווערדע איך קענן מיינע קינדר בראש געבן אונ ווען איך ווערדע מיינע טעכטר בני תורה געבן מה יהיה בסופם וואס ווירד איהר צוועק זיין. פון דעם רמב"ם אונ תוספות קשיא ענטפרן ווערדן זיא יא ניכט קענן איהר הויז מפרנס זיין. אונ איך בין צו שוואך דרייא פאמיליען צו ערנערן צו קענן. פיעלמעהר דא איך שוין ניכט ווייט בין פון דיא ימי זקנה אלטערם צייט. דער וואס זיך אבער בעיני השכל זאלכעם איבערלעגט פרשטעהט דאס דיזעס אלעס נור עצת יצה"ר איז דען וויא ירמיה הנביא האט מוכיח גיוועזן זיין דור צייט

אלטר

אלטער דאס זיא זאלן תורה לערנן זא האבן זיא איהם תשובה גגעבן
דיא אביגע רעד . זא האט ער זיא געוויזען פון דען בית המקדש
דיא פלאש מיט מן . מיט דען ווארט . פון דען האט הש"י
גשפייזט אונזערע עלטערן פירציג יאהר אין איין מדבר . אונ ער איז
יא ככוחו אז כוחו עתה ער איז ניכט פ־ענדערט אונ ווירד ניכט
פרענדערט -- תורה איז דער וועג פון לעבן . פון תורה לעהרנט
מאן יראה אונ מדות טובות . אונ מאן קאן זיך איין מוסר נעמן פון
דען וואס מיר זעהן מעשים בכל יום פון זאלכע עלטערן וואס זיך משדך
זיין מיט איין ריק ופוחז אינוויסענדן לייכטזיניגען מענשן נור ווייל
ער איין עושר איז . וואס איז דער סוף דאס געלט געהט צו גרונד
אונ ווירד פרלארן . זא מוס ער צום צווייטענמאהל אונ אויך צום
דריטענמאהל נדן געבן . אונ זיא האט פון איהם מאנכעס מאהל חיי
צער עלענדעס לעבן אונ קללות פליכע . וויא דיא גמרא זאגט מה ארי
דורס ואוכל) וויא דער לייב רייסט ניעדר אונ עסט . וויא אויך פילע
מאהל מעגנה והולך לו לאסט ער זיא זיצן אלס עגונה . ווען ער אבר
איין בן תורה ויריא שמים איז . זא איז ער זיכער דאס זיין טאכטער כל
ימי חייה איהרע גאנצע לעבענסצייט איין רוהיגעס לעבן חיים של נחת
חיים של רצון פערגעניגטעס פריינדליכעס לעבן האבן ווירד . דא ער
איז איין ירא ד'. השי"ת פירכטיג . אונ שומר מצוה טוהט אב היטען
דיא מצוה. אונ דיא תורה שרייבט שיכבד אשתו יותר מגופו דם ער זאל
זיין ווייב עהרן מעהר אלס זיך זעלבסט . אונ איז בטוח דאס זיינע
ענקיל ווערדן עהרליכע יידן זיין . אונ דער וואס שכל האט צו
פרשטעהן הויות דאביי ורבא גמרא צו לערנן פיהלמעהר מסחר אונ
קנין האנדל אונ גשעפט פיהרן צו פ־שטעהן . נור בדור האחרון הזה
טוהט מעהר הקב"ה קיינע ניסים שלא כדרך הטבע איבער נאטירליך
וויא דען. איין מענש איז שולדיג עטוואס איין עסק גשעפט צו האבן
אדער איין מלאכה דאמיט דיא ברכה פון השי"ת זאל האבן אוף
וואס חל צו זיין . דא ער אבער שוין עטוואס איין גשעפט האט .
זא איז ער שולדיג פריה אונ אבענד אין שוהל צו געהן . צו
בעשטימן צייטן צו לערנן תורה . דען ווען השי"ת וויל איהם שפע
געבן . זא איז עס יא מעהר קיין נס ווען דיא ברכה קאמט אין דען

גשעפט

געשעפט וואס ער אכט שעות בעטרייבט . אונ איז ניכט געצוואונגען דאס ער זאל זיין כשור לעול וכחמור למשאוי פון אין דיא פריה ביז שפעט אין דער נאכט . וויא אויך ווען השי"ת וויל איהם הצלחה געבן איז דען זיינע האנד צו שוואך אונ צו קורץ דאס ער זאל קענען דאפון זיינע קינדר אויף ברכי התורה ערציהען אונ זיינע טעכטער מיט איהרע מענער דיא בני תורה זינד צו שפייזען .

**שאלה נד** ווען איינר פון השי"ת פרנסה פערלאנגט וואס ער פריער צו טוהן האט -- .

**תשובה** פיעלע מענשן שרייען צו השי"ת אין איהרע תפלה וועגן פרנסה אונ השי"ת וויל ער רחמיו על כל מעשיו בארמהערציג אויף אלע זיינע בשעפניש איז . מעכטע זיא גערן געבן. ער קאן אבער ניכט וויל ער שון אונז דיא היילינע תורה גגעבן האט אונ דארט איז דיא פארשריפט ווען צווישן יידן איינינקייט אונ אהבה ריעות ליעב אונ פריינדשאפט איז נור דאמאלס קאנען זיא ערלאנגן שפע אונ עושר וויא אבער אונאייניגקייט שנאת חנם איז . מחלוקות . קאמט עניות ר"ל . וויא אויך ווען מאן דיא תורה אונ דיא לומדי תורה שעצט אונ עהרט אין אלע היינזיכטן פעראורזאכט זיא שפע אונ הצלחה . וויא אבער ביטול תורה אונ בזיון תלמידי חכמים איז דאס מאן זיא גרינג שעצט . איז זאלבעס גורם עניות . ווען מאן איין נדיב לב פרייא געביג איז מקיים צו זיין צדקה אונ גמילות חסדים בזכות זה קאמט הצלחה . וויא אוך ווען יידען פון עריות אונ קריבה דגילוי עריות אלערלייא אוים שווייפענדע וועג ערווייטערט זינד דאס נור ביא זיא איינגעפירט איז צניעות אונ בושה . דאס ברינגט שפע . וויא אבער עזות אונ פריצות איז . זא ווירד דיא שפע נתמעט פרווייניגערט . איבערהויפט פון שמירות אונ כיבוד שבת געניו אכט צו געבן דען בזכות שבת קאמט שפע אונ עשירות .

ליידער עס איז צו בעדויערן פיהלע געגענדען וויא זיא באמת ווינשען יראי שמים צו זיין אונ ליידער דאך איינגעריסן ביא זיא איז דאס זיא מזלזל זינד גרינג שעצן אן שמירות שבת בכניסתו ביים איין געהן דאס מאן פיהלע מאהל סמוך לבין השמשות זעהר שפעט אדער

בין השמשות ליכט צינדען טוהט -- וועהע אונ אך איז צו שרייען אויף איהר שוואכע אונ קליינע אמונה דאס זיא השי"ת ניכט שענקען דאס צו טרויען דאס ער איהנן מפרנס זיין קאן בריוח ווען זיא אויך איינע האלבע שעה בעפאר זיך דיא זון זעצט . איהרע געשעפטן שפעדין . אונ דאמיט מאן שבת ליכט צינדען זאל ווען מאן נאך דיא זון אוף דיא שפיץ פון דיא ביימער זעהן טוהט . דאריבער ווען איין מענש פערלאנגט פון השי"ת פרנסה מוס ער פריער זיך איבער לעגן דאס פון השי"ת אויף דעם קיינמאהל איין צוריק האלט איז . דא זיין נאמן איז משביע לכל חי רצון ער זעטטיגט אלע לעבעדיגע נור ער איז שולדיג מיט זיך גיט צו בערעכענן אויב ער ניכט אן דיא אביגע עבירות בעטייליגט איז . זאל ער זעהן זיך פון דעם מיט אלען מעגליכען צו רייניגען דאס ער פעהלער פרייא זיין זאל . דאן ווירד השי"ת זאגן הרחב פיך ואמלאהו איך ווערדע ערפילען דיין פערלאנגן ובטרם יקראו ואני אענה בעפאר דוא צו מיר שרייען ווירסט . ווערדע איך דיר געבען דיין וואונש. —

**שאלה נה** ווען ער פון השי"ת פרנסה פערלאנגט וויא אזו ער זאל מתפלל זיין --

**תשובה:** ווייל דער מענש יסודו זיין שטאף נור מעפר פון ערד איז . אונ יצר לב האדם רע מנעוריו איז דער טריב פון מענשן איז שלעכט פון יוגענד אוף . דאריבער ווען איין מענש אימער נור שפע אונ שלוה האט . קאן זאלכעס גורם זיין איהם פון דיא יידישקייט צו שוואכען אודר טרעג צו מאכען דאס זיין עבודה נור זיין זאל בבחינות אם הלכו עמי קרי אוף איין געמיינע ארט . אונ ווען איין מענש לעגט אין איינע וואג שאל אלען עושר אונ הצלחות פון עולם הזה וואס מאן נור ערלאנגן קאן . אונ לעגט אין דיא אנדערע וואג שאל דען צער אונ יגון ואנחה ודראון לכל בשר דיא גראסע פירכטערליכע ביטערע יסורים וואס מוכן ומזומן אנגעברייט איז אויף דיא עוויגע וועלט פיר דיא יעניגע וואס אום דיא תורה אוים טרעטן . זא ווירד ער יא זעלבסט פערשטעהן דאס איהם העטע זיים בעסער אונ גליקליכער געוועזן ווען ער כל ימי חייו זייגע גאנצע לעבענסצייט אין גראס ארמוט גלעבט . אונ דאדורך דיא יידישקייט פרייא געבליבן . ווייל עולם הזה נור איין פרוזדור פאהרהויז איז . אונ דאדורך העטע ער זיין חיי נצחיי בעולם הבא עוויגעס לעבן אין טרקלין ניט פערלארן . אלס דאס ער בעולם הזה זעהר גליקליך אונ זעהר רייך ווערע אונ דאדורך זיין חיי נצחיי בעולם הבא

# כלל ו שאלה נו

פערלירט . דאריבר איז איין גראסע שולדיגקייט ווען איין מענש בעטעט צו השי"ת וועגן פרנסה . זאל ער אום דריקליך זאגן . רבש"ע גיב מיר נור איין מיטעל מעסיגעס אויס קאמן . ווען ער אבער דאך זעהט דאס איהם השי"ת גראס עשירות גיבט . זא מוס ער זעהר אפט אין פערבארגענן ווייגן צו השי"ת דאס זיין עשירות זאל ניכט איהם זיין צו איין אונגליק דאס ער דאדורך זיין עולם הבא איינביסן ווירד . אונ בעזאנדערס מוס ער גראס השגחה האבן אויף זיין גאנץ הויז דאס די אידישקייט זאל אזו גענוי אונ פינקטליך געהאלטן ווערדן אין אלע היזיכטן אזוי ווי מאן האט אויף איהר אכט געגעבן ווי ער אין געוויינן שטאנד וואר — .

**שאלה נו** וואָרום דיא רשעים בעגליקן . אונ אָב איהרע שלוה דען וועהרט האט דאס מאן זיא דארום מקנא זיין זאל אודער ניכט —

**תשובה** עס זאל דיך ניכט בעפרעמדן דא דוא זעהסט מאנכע מענשן דיא ניכט נור ניכט שבת געהעריג היטען . זאנדערן אויך עפענטליך מחלל שבת זינד . אונ דאך זינד זיא גליקליך אין אלע איהרע אונטערנעמונגן זעלבסט ביא דיא געשעפטן פון שבת — דען דער (חובת הלבבות) בריגנט איין מעשה איין רייזענדער האט זיך פעראירט אין דיא מדבר וואו ער דרייא טאג קיין וואסר בקאמן האט . דא ער שוין זעהר שלאף אונ שוואך וואר . זעהט ער פון ווייטענס איין וואסר . זא איז ער מיט שמחה אייליגנד היען געגאנגען דאן האט ער געזעהן דאס עס וואר איין פערשטינקענער עקעלהאפטער קוואל — אום אבער זיינע יסורים אונ ליידען פון דעם גרויסן דורשט צו שטילן האט ער זיך פון איהנן דאך זאט געטרונקען — ווי ער איין וועניג ווייטער געהט זעהט ער איין קוואל פון מים חיים פון זיסע גוטע וואסר . זא האט ער זיך זעהר מצער געוועזן אונ זאגט העטע איך ליבר נאך איין קליינע צייט געדולדעט זא העטע איך ערשפארט מיך זאט צו טרינקען מיט שלעכטע זומפיגטע פערשטינקענע וואסר . דאס נמשל איז . דער יעניגער וואס זיינע געשעפטן שבת בעטרייבט אונ איז דענגאך רייך . זאלסט דוא וויסן בבירור גאנץ געוויס דאס איהם איז בשמים ווארדן בתחילת יצירתו וויא ער בשאפן ווארדן איז דאס ער רייך זיין זאל . דארום ווען ער אויך העטע זיין האנדל געפירט נור אויף זאלכע וועג אונ נור אין זאלכע צייטן דיא דיא תורה ערלויבט . העטע ער געוויס אויך רייך געווארן . דען ווירד דען השי"ת זיין גזירה ניכט צו

שטאנד

שטאנד קאמן -- אונ ווען ער איז איין שוטה אונ אונגעדולדיגט אונ נימט זיך דאס רייכטוהם פון איין פרדארבענע קוואל אוף אזו וועג וואס דיא תורה האט מזהיר געוועזן עס ניכט צו טוהן -- ווער וויר׳ד איהם עס פערהינדערן ״ דיא בחירה איז יא פרייא אין איין יעדען מענשנם האנד -- דא איך אליין איין זעהע דאס דיך אבער ווייטער נאך מיינע רייד ניכט גאנץ בערוהיגען . דען דא ער האנדעלט געגן דיא תורה אונ איז מכעים ערצירנט דען בורא ׳ אזו פרדיענט ער יא דאס השי״ת זאל זיין גזירה אומענדערן דאס ער פערארמען זאל . ווארום זאל דער חוטא נאך נשכר זיין געווינן אונ נאך זא ווייט בגליקן דאס איהם דער המון עם דאס גמיינע פאלק מקנא איז איהם בנייד׳עט *)

אונ

---

*) איינען זאלכען עושר איז נור מקנא צו זיין דער דאבייא קליג אונ געשייט איז (אונ מאכט דען עיקר פיר איין עיקר †) אונ דען טפל פיר איין טפל . דאס

הייסט

---

†) דער חובת הלבבות ברינגט . עס וואר איין מלך דער זיך האט געהאלטן אין זיין בורג איין יוד דער איין פערוואלטער זיין זאל איבער אלע צרכים לבית המלך זאכן וואס מאן בענעטיגט אין דיא בורג . זאל ער זיין דער מוליך ומביא ומוציא ומכניס . דער פרזארגער אלעם איין צו שאפען . אונ וויל ער איהם ליבט . וואר דער ווילען פון דען מלך דאס ער זאל אן דען אלען מרויח זיין געווינן אונ זיך בערייכערן . איינמאל פרעגט איהם דער מלך זאג מיר וויא גרוס דיין פערמעגן איז . האט ער איהם תשובה געגעבן איך מוס ערסט געהן צו זאמן רעכענן . אונ דאן האט ער געענפערט דאס זיין פערמעגן איז עשרת אלפים צעהן טויזנד . אונ דא דער מלך האט איין געזעהן דאס זיין פערמעגן וויית גרעסר זיין מוס . האט ער אויף איהם געצערינט ווארום ער פיר איהם לייקענן טוהט . זא האט דער יוד צו איהם געזאגט אדוני מלך געדולד איין וועניג אונ הערע מיינע רעד . וויא דוא האסט פרלאנגט פון מיר דיר צו זאגן מיין רייכטוהם -- וואר מיין כוונה מיר צו זאגן וואס מיין רייכטוהם באמת איז . דען דאס וואס איך האבע אין מיין פרמעגן . הייזער . פעלדר ׳ וויינגערטן . בהמות . גאלד . זילבער . אבנים טובות . דאס איז נור מיין עשירות בדרך העברה איין זאלכעס רייכטוהם וואס נור איין פארשטעלונג איז . דען בייא מיין ענדע מייגעם לעבענס קאן איך עס מיר ניכט מיט נעהמן . איך האבע אבער איין קליין בוך וואו דארט איינגעשריבן איז דיא אלע הוצאות וואס איך האבע כל ימי חיי פערוועגדעט אויף קיום התורה ומצותיה אונ זאלכעס איז מיין רייכטוהם באמת . דען בייא מיין שטערבן

ניכט

# כלל ו שאלה נו

## אונ דאדורך קאנן זייא מהדר אונ מתרע זיין געגן דיא משפטי אמת

הייסט דאס תמיד זאל ער זארגן דאס דער גוף וואס ער ווירד גענאנט בשר האדם דאס פלייש פון דען מענשן. זאל איין משרת זיין פיר דיא נשמה וואס עס ווירד גענאנט אדם. דאס זיא דורך דען גוף וואס עס איז מקיים רמ"ח מצות איהרע רמ"ח איברים רוחניים מחיה זאל זיין בעלעבן. וכן דורך די"א שס"ה לא תעשה) וויא ער ווירטשאפטן זאל. נעמליך דאס ער ניכט פיר אנדערע זארגען זאל זאנדערן פיר זיך. נעמליך דאס ער זאל זאלכע געשעפטן מאכן דאס ווען זיין יום פטירה ווירד קאמן זאל ער ניכט שטארבן אלם אימער מאן ומאומה לא ישא בידו דאס מינדעסטע ניכט מיט גענן. דען געלד ווער עס בעזיצט אונ וויים דאמיט אום צו געהן איז עס זעהר מייער אונ זעהר חשוב. נעמליך ער זאל זעהן כל ימי חייו אלעם מעגליכע צו טוהן צו ערהעבן דען קרן התורה מלבד לפזר ממון לגדל בניו לתורה. ולהשיא בנותיו לתלמיד חכם אהנע דען דאס ער פיעל געלד פערווענדען זאל זיינע קינדר צו תורה לערנן צו ערציהען אונ זיינע טעכטער פיר תלמידי חכמים צו געבן. זאל ער זעהן בני עניים ארמע קינדר מגדל צו זיין על התורה. צו אונטערשטיצן לומדי תורה ולבנות בתי מדרשים. ולקנות ספרים ולהשאילם לאחרים צו בויען בתי מדרשים. אונ ספרים צו קויפן אונ זיא צו לייען פיר אנדערע אונ זאל מהדר במצות זיין עד שליש צו פערשענערן דיא מצוה. זאל מאן דאס דריטעל מייערער צאהלן. אונ זאל זיין מלוה וחונן לדל דען ארמען מאן לייהען אונ אפט מאל בעשענקן. אונ זיין הויז זאל זיין פתוח לרוחה. ויהיה בני עניים בני ביתו דאס דיא ארמע אין זיין הויז איין פרייען איינגאנג האבן זאלן. וויא אויך להדר להיות שושבן וסנדק ער זאל אונטערפיהרן אונ קוואטער שאפט אננעמן. אונ מכבד צו זיין שבתות ויו"ט ולא שיהיה שולחנך מלא ושולחן רבך ריקם אבר ניכט זיין טיש זאל זיין פאל. אונ דער טיש פון זיין העררן זאל זיין לעהר. נעמליך ער זאל זעהן דען טיש פון דיא עניים יו"ט משמח צו זיין. אבער זאלכע קצינים אונ עשירים דיא כל ימי חייהם נור זארגן געלד צו זאמלן אונ נור צו ערפילען תאות נפשם איהרע ליידענשאפטן מיט אכילה ושתיה. מלבושי פאר וכבוד שעהנע קליידונגם שמיקע. אויף דען איז ער שולט בממונו האט ער צו שאפן מיט זיין רייכטום ואין כסף נחשב בעיניו אונ דאס געלד איז ניכט געאכט אין זיינע אויגען. אבער דאס ער
זאל

---

ניכט ניר דאס עס ניכט צוריק בלייבן ווירד. אונ ניכט נור דאס עס מיט מיר געהן ווירד צו בעגלייטן אונ מיך אין מיין קבר צו בעשיצן -- זאנדערין אויך פאר אום געהן וויא דער פסוק זאגט והלך לפניך צדקך אונ דיא סומא פון דען בעטרעפט (עשרת אלפים) צעהן טויזענד. זא איז עס דען מלך זעהר וואהל געפאלן.

אמת פון דיא תורה. דארום פינדע איך מיך שולדיג מיינע אויפקלערונג דיר ווייטער צו געבן דאס דוא זעלבסט זעהן אונ פערשטעהן ווירסט דאס איינע זאלכע הצלחה אונ אזוי שלוה ניכט נור דאס עס איז ניכט בענייידענס ווערט. זאנדערן עס ווירקט אויף דיא פערשטענדיגע מענשן [דיא מיט אירע עיני השכל זעהן דאס איינן זאלכן עונש אונ אזו שבט הרשע צאבשרוט איז מעהר אלס אלע צ"ח קללות אבט אונ ניינציג פליך פון דיא תוכחה. דען דער צער אונ עוני אונ יסורים דיא אין דיא קללות פון דיא תוכחה פאד קאמן זינד דאך אלע נור וואס עולם הזה בטרעפט. זאלכעס עשירות אבער וואס עס איז על דרך עושר שמור לבעליו לרעתו וואס זיין רייכטוהם צו זיין שטורץ אונ אונגליק איז. ועבירה גוררת עבירה. וויל ער דורך זיין עשירות גאנץ הליכת ביתו הויז פירונג נעגן דיא דרכי התורה פיהרט אונ דאדורך פערדינט ער ביא השי"ת דען גרעסטן עונש. געמליך (משלם לשונאיו אל פניו להאבירו כתרגומו). אזו דאס זיין געגענווערטיגעס רייכטוהם וואס נור באמת איין חיי שעה איז מיט דען ווירד ער בעלאהנט אויף זיינע מעשים טובים אונ דאדורך פעראוהרזאבן זיא איהם מיט כל הנלוים לו אלע זיינע הויז לייטע אוים צו ראטען פון שכר עולם הנצחיי דען שכר פון דיא עוויגע וועלט דאס ער אויף דיא עוויגע וועלט ניכט דען גרינגסטן שכר צו ערווארטן האט. אונ דיא משנה זאגט יפה שעה אחת של קורת רוח בעולם הבא מכל חיי עולם הזה איין שעה פערגעניגן צו האבן אויף דיא קינפטיגע וועלט איז מעהר אלס אלע פערגעניגונגן פון דיזע וועלט. עס איז יא בעסר פיר דען מענשן דאס ער איין כפרה פיר זיינע עונות האבן זאל דאס ער כל ימי חייו מבית לבית זיין גאנצעס

לעבן

---

זאל מחזר מזונו זיין געלד צו שטרייען וועגן תורה אונ מעשים טובים האט ער קיין מאכט אונ קיין שליטה. ניכט נור דאס ער קיין עושר. אונ איין עני איז. זאנדערן נאך פיעל ערגער. דען דער אמתדיגער עני ווירד ביים יום הדין ניכט געשטראפט ווערדן ווארום ער האט ניכט מרים קרן התורה גוועזן. אבער לו ולרוגמתו אוי לו ואוי לנשמתו איהם אונ זיינם גלייכען וועהע איהם. וועהע זיין נשמה כי יש ש יש לו ואינו רוצה מאנגבער האט רייכטוהם אונ וויל ניכט דאמיט גוטעס טוהן --

לעבן פון הויז צו הויז בראט בעטלן געהן זאל . אום דאס ער האבן זאל שלוה והצלחה בעולם הזה און דאדורך ווירד איהם זיין שכר פון פיעלע מעשים טובים אב גערעכנט ווערדן בעולם הבא פיעלמעהר ווען זיין הצלחה בעולם הזה איהם גורם איז דאס ער גאנץ פון עולם הבא פערשניטן ווירד] --- דאס זיא זיך דאדורך איין גראם מוסר נעמן זאלן וויא מאן דיא תורה איהר וועג זעהר שטרענג און גוט בעאבאכטן זאל . און ניכט פורץ גדר זיין זאל . וויא אויך אויף דיא פערפלאסענע מעשים תשובה צו טוהן און אום צו בעסערן און דאביא וויינענד בעטן צו השי"ת רבש"ע טוהע מיך חלילה ניכט אזוי הארט שטראפן דאס דוא מיר זאלסט געבן זאלבע שפע און שלוה דאס עס זאל מיר חלילה פערוהרזאכן מיינע עוויגע וועלט בעולם הבא פערלירן צו מאכן (וכמדומה לי שכעת תנוח דעתך . ועוד לא תקנא עושר ושלוה כזאת) מיר שיינט דאס דוא שאהן בערוהיגט ווירסט זיין און ניכט מעהר זאלבעס רייכטוהם בענייזן .

## כלל ז השיבו וחיו ובו י"ב שו"ת

**שאלה נז** וועלכע וועג דאס מאן געהן זאל וויא מאן דאדורך דיא אמתדיגע יראת שמים ערלאנגן קאן --

**תשובה** אויף רען וויל איך דיך אונטעריכטן מיט פאלגענדע אויף קלערונג . דא השי"ת נור פון דען מענשן פערלאנגט דאס ער איין ירא שמים זיין זאל און דיא תורה זאגט דאביא דאס דיזעם איין קלייניגקייט איז . דיא וועלט אבער שרייעט און שטירמט דאס עס זעהר גרוס איז . און דא דיא וועלט זעהר רעכט האט [וויל איין יעדער זאלבעס ביא זיך זעלבסט איבר צייגן קאן] דא דיא רעד פון דיא תורה הקדושה אבער איז דאך אמת . זא איז איין שולדיגקייט דאס מאן אויף קלערן זאל . דאס איין יעדר זאל איין זעהן און זעלבסט פערשטעהן דאס דיא יראת שמים קליין איז . און דאס דיא יראת שמים זעהר גרוס און שווער איז -- אין גרונד אבר איז דער אמת לאמיתו דאס זיא נור קליין איז . (ונבאר על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון). דען ווען איין מענש זיך צו הערצן נימט און איבר-

איבער לעגט זיך דאס זיין גאנצעס לעבן נור איין דריטער פון געוויסע צייט איז . אונ ווען אויך דאס זיא שבעים שנה זיבציג יאהר זינד . דאך באלד אונ געשווינד פעראיבער געהן וויא איין צל עובר שאטען דער וואס פעראיבר געהט . פיעלמעהר דאס מאנכעס מאהל דער מות טוט זיך ניכט צוריק האלט בחצי ימיו אין זיינע העלפטע יאהרן . אדער גאר אין דיא יונגע קינדער יאהרן · אונ דאס דער מענש ווערענד זיינע גאנצע לעבענסצייט תמיד אונטר גראסע אויפזיכט שטעהט דיא ביים יום הדין אוף אלע זיינע מעשים אונ דרכים עדות זאגן ווערהן . זיין נשמה . אונ צוויא מלאכים דיא דען מענשן בעגלייטן טוהן . אונ זעלבסט דער שטיין פון דיא וואנד אונ דאס האלץ פון דיא תקרה באלקען . סאפיט . ווא ער וואהנט זינד עדים אויף זיינע מעשים . אונ דאס אלע זיינע מעשים ווערדן אין בוך נידער געשריבן . אונ דאס פאר השי"ת קיין שכחה פרגעסענהייט אונ קיין משא פנים ריקזיכט איז · אונ ער בלאהנט אונ בשטראפט איין יעדן מענשן פרמעג זיינע מעשים אונ פירונג . אונ דאס אויך זאלכע עונות דיא איין מענש פערגרינג האלט אונ זיא מיט פיסען טרעט . טוהן איהם ביים יום הדין אומרינגלן -- אונ דאס ער בע"כ [ווען ער אוך ניכט וויל] שטערבן מוס אונ בע"כ רעכענשאפט געבן מוס .

נון ווען זיך איין מענש זאלכעס פאר אויגען נימט . ווער איז דער יעניגער דען איהם זיין הערץ בעווילגען זאל פון דיא תורה אוים צו טרעטן דאס ער זיך אליין צו צייגן זאל איין פירכטרליבן שרעקליכן עונש דאס דער פסוק זאגט אשם לא תכבה ותולעתם לא תמות דאס איהר פייער אין גהינם ניכט פערלאשן ווירד אונ דער ווארים אין קבר ניכט אב שטערבן ווירד [דען עס עקזיסטירט יא קיין גנב אונ גזלן אין דער גאנצר וועלט דאס דאמאהל ווען ער צו דען איינבראך געהט . ווען ער מעכטע וויסן בבירור געווים דאס דיא זאך ווירד ענטדעקט ווערדן . אונ מאן ווירד איהם ערווישען אונ פיעלע יאהרן מיט גפענגנים אונ מכות אכזריות בעשטראפן . אזו מעכטע ער זיך געווים פון זיינע שלעכטע מעשים צוריק האלטן] אונ פאר השי"ת זיין יום הדין קאן מאן זיך ניכט מציל זיין . וויא דער פסוק זאגט אנה מפניך אברח אם אסק שמים שם אתה . אציעה

שאול

# כלל ז שאלה נז

שאול הִנֵךְ וָוא הִיען קֶענֶע אִיךְ פוּן דִיר אַנְטְלוֹפְן גֶעהֶע אִיךְ אִין דִיא הִימֶעל אָדֶער אִין דִיא טִיעפוּנְג פוּן דִיא עָרְד בִּיזְט דוּא יָא דָארְט. דַארוּם אִיז יָא אֵיין דָבָר בָּרוּר דַאס דִיא יִרְאַת שָׁמַיִם אֵיין מִלְתָא זוּטַרְתָא קְלֵיינִיגְקֵייט אִיז —

דַאס אָבֶּער יִרְאַת שָׁמַיִם נִיכְט נוּר נִיכְט גְרִינְג זָאנְדֶערְן זֶעהְר גְרָאס אִיז. אִיז דִיא אוֹיךְ קְלֶערוּנְג דַאפוּן וַוייל בֶּאֱמֶת אַזוֹ לַאנְג דַאס דָער מֶענְשׁ רוּהִיג אִיז אוּנ פַרְלֶעבְּט זַיינֶע צַייט בְּהַשְׁקֵט וּבְבֶטַח אָהְנֶע צֶערְשְׁטְרֵייאוּנְג אוּנ אוֹיסֶר זָארְג. אִין אַלֶערְלֵייא עִנְיָנִים. הֵן פוּן גֶעזוּנְד פוּן זַיין הוֹיז אוּנ קְרוֹבִים פְרֵיינְד וְכָל בְּנֵי מִשְׁפַּחְתּוֹ פוּן זַיין פַאמִילְיֶע. פַּרְנָסָה. שָׁלוֹם. אוּנ אַהֲוָה וְרֵיעוּת אֵיינִיגְקֵייט מִיט אֵיין יֶעדְן מֶענְשְׁן דַאס אִיהְם קֵיינֶער דָאס מִינְדֶעסְטֶע אִין וֶועג לֶעגְט. קֵיינֶע מִשְׁפָּטִים. קֵיינֶע מְסִירוֹת. קֵיינֶע בִּלְבּוּלִים. אוּנ דַארוּרְךְ זַיין דֵעָה אוּנ שֵׂכֶל קְלָאר אוּנ לוֹיטֶר אוּנ מְיוּשֶׁבֶת אִיז אוּנ נִיכְט פֶּרְווִירְט אוּנ נִיכְט פַּרְמִישְׁט. דַארוּם וֶוען עֶר זִיךְ דִיא אָבִּיגֶע רֶעד אִין הֶערְצֶן גִימְט. זָא מִיסֶן זִיא בַּייא אִיהְם גֶעוִויס פֶּערְאוּהְרזַאכֶן דַאס זַיין גַאנְצֶעס פַארְנֶעהְמֶן וֶוערֶענְד זַיינֶע לֶעבֶּענְסְצֵייט זָאל נוּר זַיין גֶענוֹי דֶען וֶועג פוּן דִיא פָארְשְׁרִיפְט פוּן דִיא תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה נָאךְ צוּ פָאלְגֶן. דֶען וִויא אִיז דֶער נַאר אוּנ שׁוֹטֶה פְרְהַאנְדֶן דֶער זִיךְ אַלֵיין אֵיין שׂוֹנֵא אִיז אוּנ זִיךְ בֶּעטְרִיבֶּן וִויל — דַא אַבֶּער לֵיידֶער דַאס זֶעלְטֶן אֵיין מֶענְשׁ צוּ פִינְדֶן אִיז דֶער פוּן דֶען אַלֶען פְרֵייא זַיין זָאל. דַא דִיא טְרָדוֹת פוּן עוֹלָם הַזֶה זֶעהְר גְרוֹס אוּנ פִיהְל זִינְד. אוּנ דִיא פַּרְנָסָה וָואס עֶר פִיר זַיין הוֹיז זוּכֶען מוּס אִיז גְרֶעסְטֶען טֵייל מִיט מִיהֶע אוּנ פְּלָאג אוּנ מִיט פִיעל שְׁוִויעֶרִיגְקֵייטֶען פַרְבִּינְדֶן וִויא דִיא תּוֹרָה זָאגְט בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם. טֶרֶף נָתַן לִירֵאָיו. טֵירוּף נָתַן לִירֵאָיו דַאס דֶען מֶענְשֶׁענְס קָאסְט אוּנ זַיינֶע פֶערְפְלֶעגוּנְג קָאמְט נוּר דוּרְךְ פִיהְלֶע אַנְשְׁטְרֶענְגוּנְגֶען אוּנ קָאפְּף צֶערְשְׁטְרֵייאוּנְגֶען דֶען יֶענֶע וָואס זוּכֶה זִינְד צוּ צְווֵייא שׁוּלְחָנוֹת. צְווֵייא טִישֶׁן. נֶעמְלִיךְ יֶענֶע אוּנ דִיזֶע וֶועלְט דַאס אִיהְר פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע רַב אוֹיף אֵיינֶע לֵייכְטֶע אַרְט קָאמְט. זִינְד זֶעהְר וֶועניג אוּנ וֶוענֶן זַיינֶע גֶשֶׁעפְטֶן מוּס עֶר זִיךְ פִיהְל מָאהְל מִתְחַבֵּר זַיין בְּהֶעפְטֶן. מִיט זָאלְכֶע מֶענְשֶׁן דִיא אִיהְם אִין זַיין אֱמוּנָה אוּנ דַת שֶׁעדְלִיךְ זִינְד. וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט וַיִתְעָרְבוּ בַגּוֹיִם וַיִּלְמְדוּ מַעֲשֵׂיהֶם

דיא

די פרבינדונג מיט אנדרע פעלקר ווירקט די יידישקייט צו שוואכן . איבערהויפט ווען מאן זיך ריכטן וויל אונ ריכטען מוס נאך די תורה אידר פאהרשריפט דאס מאן זיין גשעפט אונ האנדל אויף איינע ערליכע וייזע פיהרן זאל . קיין גזל . קיין ריבית . קיין בעטרוג קיין פעלשעריי אין מידות ומשקולת אין די מאס אונ געוויכטר . קיין הסגות גבול . קיין חילול שבת . זאלכעס כשר געלד צו געווינן אונ זיך צו ערווערבן . איז זעהר שווער -- נון ווען ווייב אונ קינדר שרייען הב הב גיב פרנסה ווען ניט בריוח אונ בבריט . ווענגסטענס דען הכרח וואס מאן האבן מוס אונ ער בשטרעבט זיך אלם צו טוהן דאס ער איהרן פערלאנגן ערפילען זאל . פיעלמעהר דאס איהם זיין טייער יידיש הערץ עראינערט אונ ערוועקט דאס ער זאל רודף צדקה וחסד זיין . נעמליך מקיים צו זיין מצות שושבינות . סנדקאות הכנסת אורחים . לכבד שבתות וימים טובים. צו אונטערשטיצן מרבים כושלות נאטדליידענדע עניי לומדי תורה . אונ איבר הויפט דאס ער בזארגט איז אונ ווינט פאר השי"ת דאס ער איהם בהיטן זאל דאס ער ניכט קאמן זאל אוף דען שטאנד איין לוה רשע ולא ישלם צו זיין . דאס ער זיינע שולדן ניכט צאהלן קענן זאל . דא ער ביי די וועלט פיר איין איש אמונים אונ ירא שמים גרעכענט איז . נון ווען ער זעהט דאס די צייט איהם ניט מצליח אונ גינסטיג איז . דאס ער זיינע שולדן ניט געהעריג אונ פינקטליך צאהלן קאן . ווען ער זיך אין איינע זאלכע צרה אונ מבוכה זעהט . וויא געביינגט געהט ער דאדורך . אונ אין וויפיל אונצעהליגע שברים ווירד זיין הערץ צערבראכן - אונ וויפיל דמעות טרעהן פרגיסט ער אין פרבארגענן ווייל די וועלט זאגן ווירד . דער איז יא פיר איין ירא שמים אויס גערופן . ווארום צאהלט ער ניכט . נון ווען איין מענש מיט זאלכע יגונות אונ תוגות קומער אונ טרויער פרוויקעלט איז . אזו איז זאלכעס גורם ביי איהם דאס ער דען שכל פרלירט דאס ער פרגעסט וואס זיין תכלית בעולם הזה איז . וויא די גמרא זאגט עניות מעביר על דעת קונו ארמוטה קאן פראורזאכן די יידישקייט צו שוואכן . אונ ישעיה האט פיר יידען ממליץ גוועזן זיא פרטיידיגט עניה שכורת ולא מיין דאס די ארמוטה גורם איז דאס דען מענשענס שכל פרמישט ווירד וויא איין

# כללי שאלה נז

שיכור . און דאס דיא המלצה אמת איז . ברוך קיין בווייז . ווייל
דאס איז אפענבאר פיר איין יעדען דאס דיא טרדות און פגעי הזמן
אונגינסטיגע ציפעלע . ברינגען דען מענשן פיהלע מאהל צו זאלכע
שעות רעות שלעכטע שעות דאס זיין הערץ דאמאל ניכט ביי איהם
איז . און דאדורך פערגעסט ער וואס דער ציעל פון זיין לעבן אויף
דיזער וועלט איז . און אב דיזע וועלט נור איין פרוזדור פאהרהויז
איז . אדער אב זיא ווירקליך דער טרקלין איז . און ווייל ער
דאמאלס מבולבל איז . זא פערגעסט ער דיא אבינע רעד וואס דאדורך
איין מענש גרינג צו דיא יראת שמים קאמן קאן . דארום איז דער
וועג פון יראת שמים . פילמעהר דאס מאן צו אמתדיגע יראה זוכה
זיין זאל . איין ענין גדול גרוסע זאכע און זעהר שוועהר צו
ערלאנגן איז -

דער אמת לאמיתו דער וואהרער אמת איז אבער . דאס דיא
יראת שמים דאך נור קליין איז [ווייל השי"ת איין מלך הרוצה
בתשובה ומתרצה בדמעות איז לאסט זיך בפרידיגן מיט טרערן .
און ווען אויך דאס איין מענש געזינדיגט האט און פיהלע מעשים
מגונים שלעכטע מעשים געטוהן האט . ווען ער אבער זיך בדענקט
וואס ער געטוהן האט דאס ער איין חיי עולם איין עוויגעס לעבן מיט
איין חיי שעה פראיבר געהענדעס לעבן פערוועקסעלט האט .
און דארום איז ער מתודה וויינענד פאר השי"ת דאס ער אויף
דען מתחרט איז און אויף זיך נימט זאלכעס כל ימי חייו נימאלס
מער צו טוהן . זא איז השי"ת איהם מקבל] דען אזו לאנג דאס ער
ביי זיינן ריינען שכל איז און ניט פון דיא טרדות העולם היגעריסן
איז . זא איז יא געוויס דיא יראת שמים קליין פון דיא אבען
בעמעלדעטע רעד פון דען ערשטן דרך - און ווען אויך וועגן דיא
אבען בעמעלדעטע רעד פון דען צווייטן דרך . דיא יראת שמים גרוס
איז . עס זינד יא אבער דאך אויך דאמאהלס פערהאנדן פיהלע צייטן
וויא איין יעדער מענש פון זיין שיכורת און טרדות איין וועניג ערוואכט
בעהמליך איין יעדעס יאהר ווען דיא ימים הקדושים היילינע טעג קאמן .
אדער ווען איהם צרות און פגעי הזמן בגעגנן . אדר ווען דיא ימי
זקנה אלטערסצייט זיך נעהרן טוהן דאס דיזעס אלעס דען מענשען

עראינערן טוהן דאס ער זיך בדענקן זאל וועגן וואס פיר איין תכלית דאס ער אויף דיא וועלט גקאמן איז ״ אונ אויף וועלכע ארט דאס ער שולדיג איז זיינע יאהר צו פרלעבן . אונ וויא ער זיא באמת פרלעבט האט . אזו ווירד ער זעהן דאס זיין נשמה באמת עני ורש איז ארים אין מעשים טובים . זא ווירד זיין הערץ צו איהם זאגן ווען דוא אין דען היטיגן שטאנד פרבלייבן ווירסט . וועהע דיר פון דען יום הדין . וועהע דיר פון דען יום התוכחה . איז יא קיין ספק דאס זאלכעס ביא איהם ווירקן ווירד פילע דמעות צו פרגיסן אונ מתחרט צו זיין אויף אלע זיינע שלעכטע וועג פילמעהר ווען ער זיך געוועהנט פון דיא מאריה דחושבנא צו זיין דאס ער יעדן טאג אבענד צייט מיט זיך חשבון הנפש האלט . וויל וועהרענד דען שלאף איז זיך דיא גשמה פון דען מענשן מסתלק אבשיידן אזו דאס דער שלאף איז איין דוגמא פרגלייך פון דיא ווירקליכע מיתה . זא איז איין יושר דאס דער מענש זאל זיך איין מוסר נעהמן דאס וויא ער זיך פיהרט אונ ווירטשאפט אן דען וואהרן יום המיתה ׳ זא איז ער שולדיג זיך מכין צו זיין אונ פאר צו זעהן אונ אויך זאלכעס צו טוהן ווען ער שלאפן געהט וואס עס איז איין דוגמא פון יום המיתה . געהמליך דאמאלס ווען ער זעהט דאס דרייא ממונים פון ב״ד שלמעלה שטעהן פאר איהם מיט דען בוך וויא זיינע מעשים נידער געשריבן זינד אונ מיט זיינע האנדשריפט אונטערפערטיגט איז . דאס ער פאר יציאת נשמה בקענן זאל אויף אלע זיינע מעשים . וויא ווייגט איהם דאמאל זיין הערץ אונ פרגיסט זיין תפלה פאר השי״ת . אונ זיין גאנצעס שטרעבן דאמאלס איז נור זיך מיט צדה לדרך צו פרזארגן נעהמליך אויף אלע זיינע עבירות תשובה שלימה צו טוהן . פילמעהר ווען ער זעהט דען מלאך אכזרי דען מלאך המות וואס איהם געגן איבר שטעהט וחרבו שלופה בידו מיט דען אויסגעצאגענן שווערט אין זיין האנד . וויא ציטערן דאמאל אלע זיינע אברים אונ בעטעט וויינענד לא תעזוב נפשי לשאול. העלף מיר דאס איך ניכט אין גיהנם קאמן זאל . נפשי בטוב תלין . חטאת נעורי ופשעי אל תזכור טוהע מיר ניכט גדענקן מיינע יוגנד פעהלער. אונ ער פרגעסט דאמאל אן אלע זיינע גשעפטן אונ הויז אונ פרמעגן. וויל ער פאר אויגן זעהט דאס דאס אלעס ניכט זיין איז . נור דיא

תורה

# כלל ז שאלה נז

תורה אונ מצות דיא ער מקיים גוועזן האט · ווייל דיא נור אליין איהם בגלייטן ווערדן. אונ אויך פאר אוים פאר איהם געהן אזו איז ער שולדיג צו טוהן יעדען אבענד עהע ער שלאפן געהט · אונ ווען דער מענש זיך מעורר איז ערוועקט מיט זאלכע רעד יעדן אבענד אדר וועניגסטענס ערב שבת קודם קבלת שבת בעפאר שבת איין געהט · אזו איז געוויס זיין מנחה פאר השי"ת זיס ווייל דאס טייערסטע קרבן איז ביי השי"ת תשובה פון איין לב נשבר ונדכה צערבראכען צערשטויסען הערץ · דאריבר ווער נור איין שכל הישר גראדען פרשטאנד האט מוס בקענן דאס דיא יראת שמים איין קלייניגקייט איז א) -

שאלה

---

א) איין מענש איז שולדיג מעהרערע מאהל זיך אליין צו רעדע צו שטעלן אונ בודק ומפשפש צו זיין נאך צו זוכן מעמקי לבבו פון טיעפונג דעם הערצן אויף איינע זאלכע עבירה דיא באמת אין איכות גרויס איז ווייל זיא איין ווארצעל צו פילע אנדערע עבירות איז · אונ דאך ביי פיהלע מענשען קיין אונ גרינג גשעצט איז ווייל מאן זיא שון פילע מאהל עובר גוועזן האט. זא איז זיא שוין נעשית להם כהיתר ביי איהנען בעטראכט אלס וועריע עס שוין מותר · געמליך דאס ער זאל זעהן אויב זיין גאנצר ווא[ו]נש אונ חשקות לוסט פון דען ציעל זיינעס לעבענס אונ פון אלע זיינע גשעפטן פירן אויב עס נור איז אום דען גרונד ווייל ער איין עובד ד' זיין וויל דינען השי"ת. אונ זיין גרעסטע הצלחה אונ נחת רוח איז ווען ער דיא זכייה האט איינע מצוה בכל פרטיה ודקדוקיה גענוי אונ פינקטליך אמתדיג מיט איינע שמחה מקיים צו זיין אונ אלע תענוגים פון עולם הזה פערגעניגונגען פון דיזע וועלט זינד נור ביי איהם פיר איין טפל נעבן זאכע גרעכנט · אדער אוב עס פרקערט איז דאס זיין גאנץ שטרעבן כל ימי חייו איז נור טאג אונ נאכט רייכטוהם צו זאמלן · הייזער · פעלדר צו קויפן. אונ זיין גוף מיט אלע תאות מענג צו זיין צו פערגעניגן · אונ דאמאהלס שעצט ער זיך גליקליך · אבער יידישקייט צו האלטן איז נור ביי איהם בדרך אם תלכו עמי קרי ומצות אנשים מלומדה איינע נעבען זאך· איינע געוואנהייט · צום בעווייז. ווען ער יידישקייט מקיים איז זא פיהלט ער קיין נחת רוח דאפון · קיין שמחה · קיין פערגעניגן · קיינע זיסונג · פיעלמעהר דאס עס איז איהם נאנכעס מאהל לעול ולמשא צו פיהל מיהע אונ צו לאסט · אונ ווען ער זיך שולדיג געפינט דאס ער פערנארט איז · דאס ער מרגיש איז שפירט דאס זיין אהבה אונ חשקות ליעב אונ לוסט איז מעהר אויף דען טפל וויא אויף דען עיקר אונ דאדורך זיך ארויס נעמן קאן דאס דיא אורזאך דאפון איז דאס זיין הערץ דורך פילע עונות זינד פעראונרייניגט אונ דאריבר פערשטאקט

אונ

**שאלה נח** אויף וועלכע ארט אונ וועלכע צייט איז ער שולדיג זיך אויף שבת מכין צו זיין -

**תשובה,** ווייל דען טאג פון שבת קודש ווינשט השי"ת דאס מאן איהם מענג ומכבד זיין זאל פערגעניגן אונ פערערן זא ווייט נור אין זיין כח שטעהט. נון ווען דיא מצוה פון השי"ת ביא דען מענשן טייער אונ חשוב איז אונ ער ווינשט דען שבת צו הייליגן . אזו מוס ער אויף דען טראכטן אונ זארגן ערב שבת מיט אלען מעגליכן זיך פאר צו בערייטן ווייל נור דאמאלם דאצו צייט איז . ווען אבר ערב שבת זיך ניכט מכין איז ווען אוך ווען שבת שאן דא איזט, איז ער מתחרט אונ איז זיך מצער דאס ער מיט גאר ניכטם דען טאג מכבד זיין קאן . עס איז אבר שאן צו שפעהט אונ אומזאנסט . ווייל אן דען שבת טאג קאן מאן זיך ניכט מעהר מיט דען גרינגסטן פאר זעהן ; אונ ניכט נור דאס מאן ערב שבת נאכמיטאג זיך צו דיא הכנות פאר בערייטונגן נעמן זאל . דען דא השי"ת זיין וואינש איז דאס מאן שבת מקדש ומענג ומכבד זיין זאל . יעמעהר דאס דיא מצוה פון השי"ת ביא איהם טייער אונ גשעצט איז . פערמעג דען זינד איהם אלע זיינע פארבערייטונגן אונ הכנות ווען ער אוך ערב שבת בהשכמה פאר טאג אויף שטעהט פיר קליין אונ ווענינ גרעכינט . פיל וועניגר דאס ער קיין עצל פול זיין זאל זיך צו דיא פארבריטונגן ערשט צו נעמן ווען שאן דער עת ערב אבענדצייט דא איזט --

דאס נמשל איז עולם הבא ווירד אהגערופן שבת . עולם הזה ווידר אהגערופן ערב שבת . ווייל השי"ת חפץ חסד וטוב לכל איז גוט צו אלע מענשן אונ ווינשט זייא חסד צו טוהן אונ ווינשט דם איין מענש בעוה"ז איין זאלכן וועג געהן זל דם ער דורך בעוה"ב זל ווערט זיין צו גניסן דען רב טוב הצפון אוסראָרדענטליכן גראסען שכר . זא האט ער דיא אומות העולם שבע מצות אנדערע פעלקר זיבן מצות

---

אונ ערווייטערט פון השי"ת איז . דאס ער ניכט זוכה איז צו פרשטעהן וועלכעס דאס וואהרע עושר אונ דיא אמתדיגע הצלחה איז . דארום מוס ער מקיים זיין בדמעתי ערשי אמסה מיט טרערן זיין בעט נאס צו מאכען אונ וויינענד צו השי"ת צו בעטן טהר לבי לעבדך באמת. לב טהור ברא לי אלקים אונ העלפע מיר פון מיין חולי הנפש וו ס דיא נשמה ערקראנקט איז דאס איך זאל זוכה זיין צו איין ריינעם הערץ דיך אמתדיג צו דינען צו קאמען אויף אזוי מדריגה פון דיא אהבת ד' דאס איך פרשטעהן אונ זעלבסט איין זעהן זאל דאס טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף מיר איז ליבער איין אמתדיגר ערליכער יוד צו זיין אלם גראסעס רייכטוהם צו בעזיצן . שש אנכי על אמרתיך כמוצא שלל רב איך טוהע מיך פרייען דיא יידישקייט צו האלטן אלם איינער וואס עם געפינט איינן גראסן שאץ :

מִצְוֹת גְגֶעבְּן · אוּנ יִשְׂרָאֵל נָאךְ וַוייטֶער אוּיס עֶרְוֶועהלְט צוּ גֶעבְּן (תרי״ג מִצְוֹת) זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּנ דְרַייצֶעהְן מִצְוֹת · נוּן גֶעבִּיהְרְט זִיךְ דַאס אֵיין יֶעדֶר מֶענְשׁ וֶוען עֶר זִיךְ לִיעבּ הָאט דַאס עֶר נִיכְט טְרֶעהָג זַיין זָאל אוּנ וַוארְטֶן מִיט דִיא הַנְהָגוֹת פוּן שַׁבָּת · בִּיז שׁוֹין עֶרֶב שַׁבָּת נִיכְט וַוייט פוּן נַאכְט אִיז · דָאס הַייסְט וֶוען שׁוֹין דִיא יְמֵי הַזִּקְנָה קָאמֶען · דֶען וָואס קָאן מַאן דֶען אִין אַזוֹי קוּרְצֶע צַייט זִיךְ מֵכִין זַיין · וִויא דֶען · דַאס עֶר זֶעהְר פְּרִיה בְּאַשְׁמוֹרֶת הַבּוֹקֶר אוֹיף שְׁטֶעהְן זָאל דָאס הֵייסְט דַאס עֶר זִיךְ גֶעמֶן זָאל צוּ דִיא יִרְאַת שָׁמַיִם אוּנ אִין דֶען וֶועג פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת נָאךְ צוּ גֶעהְן · גַאנְץ אִין דִיא פְּרִיאַצַייטִיגֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶן · וַוייל דֶער שַׁבָּת טָאג אֵיין יוֹם שֶׁכּוּלוֹ אָרוּךְ אִיז אֵיין זֶעהְר לַאנְגֶער טָאג אִיז · אוּנ וֶוען דִיא פָּארְבֶּערֵייטוּנְגֶען נָאךְ אַזוֹ פִיעל זִינְד אִיז דָאךְ דֶער מֶענְשׁ צוּ שְׁוַואךְ דַאס עֶר זִיךְ גְהֶערִיג מֵכִין זַיין זָאל וִויא זִיךְ גֶעבִּיהְרְט · פִיעל וֶועניגֶער דַאס עֶר נִיכְט פוֹיל זַיין זָאל אוּנ זִיךְ צוּ דִיא פָּארְבָּערֵייטוּנְגֶען עֶרְשְׁט בְּסוֹף הַיּוֹם אַן עֶנְדֶע פוּן דֶען טָאג צוּ גֶעמֶן :

**שאלה נט** אָבּ תְּשׁוּבָה נִיצְט צוּ יֶעדֶר צַייט אוֹדֶר נִיכְט · אוּנ דָאס דַאס אֵיין מֶענְשׁ יִרְאַת שָׁמַיִם הָאבֶּן מוּס · אִיז שָׁאן דִיא שׁוּלְדִיגְקֵייט אִין דִיא יוּנְגֶע יָאהְרֶן אוֹדֶר עֶרְסְט לְעֵת זִקְנָתוֹ ·

**תשובה** וַוייל דֶער דֶּרֶךְ פוּן דֶען יצר הרע דֶער יֶעדֶען מֶענְשֶׁן פַרְפִיהְרֶן וִויל אוּם דַאס עֶר אִין דִיא שְׁאוֹל תַּחְתִּיָּה מִיפֶען גֵיהִנָּם קָאמֶן זָאל · אִיז · אִין דִיא יוּנְגֶע יָאהְר קָאמְט עֶר צוּ דֶען מֶענְשֶׁן דַא דַאמָאלְס דִיא תַּאֲוֹת לֵיידֶענְשַׁאפְטֶען זֶעהְר רֵייצֶענְד אוּנ בְּרֶענֶענְד זִינְד · מַאכְט עֶר אִיהְם זִיס אוּנ פַרְשֶׁעהְנֶערְט אִין זַיינֶע אוֹיגֶן אַלֶע תַּעֲנוּגֵי עוֹלָם הַזֶּה מִיט דֶען וָוארְט (שְׂמַח בָּחוּר בְּיַלְדוּתֶיךָ וכו׳) פְרֵייֶע דִיךְ אִין דֵיינֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶן דֶען דַאס דוּא דִיךְ בַּשְׁטְרֶעבְּן אוּנ פְּלָאגְן זָאלְסְט פְרָאם צוּ זַיין יִידִישְׁקֵייט נָאךְ צוּ גֶעהְן · צוּ דֶען אִיז צַייט אִין דִיא שְׁפֶּעטֶערֶע יָאהְרֶן וֶוען דֵיינֶע הָאר שָׁאהְן בְּלִיהֶן וֶוערְדֶן׳ אוּנ וֶוען דוּא ווִילְסְט גָאר אֵיין צַדִּיק זַיין אוּנ דִיךְ צוּ זָאלְכֶעס מַקְדִּים זַיין בַּפֶערְדֶערְן · אִיז אוֹיךְ גֶענוּג צַייט אִין דִיא יְמֵי עֲמִידָה דָאס הֵייסְט אִין דִיא מִיטְלֶערֶע יָאהְרֶן · אָבֶּר דַאס מַאן זָאל אַלֶע זַיינֶע לֵיידֶענְשַׁאפְטֶן אוּנְטֶערְבְּרֶעכֶן אוּנ זַיין גוּף צוּ דֶעהְמִיטִיגֶען מַכְנִיעַ צוּ זַיין · אוּנ פוּן אַלֶע הַנָּאוֹת עוֹלָם הַזֶּה זִיךְ צוּרִיק צוּ הַאלְטֶן שֶׁאהְן אִין דִיא יְמֵי עֲלִיָּה אִין דִיא צַייט וִויא דֶען מֶענְשֶׁענְס זַיינֶע קְרֶעפְטֶן צוּ נֶעהְמֶן אוּנ וַואקְסֶן אִין דִיא יְמֵי בַּחֲרוּת · וֶוער הָאט זָאלְכֶעס גְהֶערְט · אִיז דֶען דִיא

שעהנע וועלט וויא מאן אלערלייא תאוות אונ הנאות געניסן קאן אומזאנסט ערשאפן ווארען . אד"ג דברי פיתויים והסתות זאלכע רעד איהם דאדורך צו פרפיהרען. אונ ווען שאהן דער יצר הרע מיט זיין געשעפט בגליקט האט דאס ער איהם ווערענד דיא גאנצע ימי עליה ועמידה אלעס נאך געפאלגט האט אונ קיינע עבירה פון דיא גאנצע תורה צוריק געלאסן דיא ער ניכט עובר געוועזן האט. ווען אבר דיא ימי ירידה וזקנה קאמען אין דיא אלטערם צייט וויא דיא קרעפטן אב נעהמן . וויא דער מענש איינזעהט דאס ער זיך מיט זיינע פיהרונג זעהר פרנארט אונ פראירט האט . וייל ער זיך היינטע אין זיינע אלטערם צייט פון פינפציג יאהר זעהר עלענד זעהט דא ער פון דען אלען פרפלאסענן וואהל לעבן דיא ער גנאסן האט גאר ניכטס איהם געבליבן איז . אבר דיא עונות דיא ער געטוהן האט דיא זינד אלע נידער געשריבן מיט איין אייזערנע פעדר. וואר ער אוף איהנען רעכענשאפט געבן ווערדן מוס . אונ דאדורך האט ער אויף אלע זיינע פרפלאסענע שלעכטע פיהרונג גרוס חרטה אונ זיין גאנצס פארנעהמן איז דאס דיא יאהרן וואס ער נאך צו לעבן האט וויל ער זיך בשטרעבן גרוס תשובה צו טוהן אוף זיינע מעשים רעים . אונ פין נון אן נור אין דרך האמת והצדק יעכטשאפען אמתדיגן וועג צו געהן אונ מיט דען גרינגסטן פון דיא היילינע תורה איהר פארשריפט ניכט אום צו טרעטן - דא דער יצה"ר זאלכעם זעהט דאס ווען ער זיין מחשבה גדאנקן צו תשובה ווירקליך באמת אוספיהרן ווירד. זא ווירד דאדורך זיינע גאנצע ארבייט אונ פלאג וואס ער ביז פינפציג יאהר מיט איהם זיך במיהט האט. גאנץ אומזאנסט זיין. וייל אלעס געהט נור נאך דען סוף אונ דען שמיץ . אונ ווען דער סוף גיט איז . קאן עס ווירקן דאס דיא גאנצע פרפלאסענע שלעכטע צייט אוך גוט ווירד . דאריבר איז ער זיך מתחכם קליגט איהם צו פרפיהרן דאס ער פין זיין פארנעהמן צוריק טרעטן זאל . אונ קאמט צו איהם אין פארם פין איין גרוסן צדיק מיט דען ווארט דוא ווילסט תשובה טוהן - עס איז יא צו שטויגן אוף דיינע דומהייט וויא קאן דיר זאלכם אין גדאנקן קאמן פרגעסט דוא דען דאס איבר דיר איין עין רואה איז . דער אוף אלע דיינע מעשים אונ מחשבות אופזיכט האט. בטראכטע דיך נור גוט

דאם

# כלל ז שאלה נט

דאס מכף רגל ועד ראש אין בך מתום פון דעם פוס ביז צו דען קאפף איז גאר ניכט געזונד. דאס דוא האסט אלע דיינע אברים רוחניים בשמוצט אונ פראונרייניגט מיט זאלכע עבירות וואס בין אדם למקום איז צווישן דעם מענשן אונ השי"ת . ביטול תורה . חילול שבת . פגם ברית . בין אדם לחבירו צווישן דען מענשן אונ זיין חבר. גזל . אונאה . ריבית . נקימה נטירה . מחלוקת . שנאת חנם . הסגות גבול. אונ דיזעם האסט דוא ניכט נור איינמאל געטוהן. זאנדערן דורך דיא פיהלע פרפלאסנע יאהרן אונצעהליגע מאהל פרדאפעלט אונ פרדאפעלט אזו דאס דאס וואשן אונ דיא ריינינגונג בייא דיר גאנץ אונמעגליך איז. אונ דא דוא נור אין גאנצן ווען אוך דיינע בשטימטע יאהר זיך ערפילן אונ ניכט פרקירצט ווערדן. נור איינע לעבענסצייט פון צוואנציג יאהר האסט. ווען דוא מעכסט דיך וועהרענד דיא גאנצע צייט פייניגען אונ מצער זיין מיט אלערלייא סיגופים פלאג . איז אוך ניכט היגלעגליך גענוג אויף דיא אונגעהייערע פיהלע עבירות דאס דוא דיך פון איהנן מטהר זיין ריינינגן קאנסט . דאדורך ווען דוא זאלכעם טוהן ווירסט . ביזט דוא דאפעלט פרלארן . קיין עולם הזה. קיין עולם הבא . דארום איז מיין עצה דיר לטובה דא דוא שאהן עולם הבא איינגעביסט אונ פרלארן האסט. אונ קיין וועג מעהר פרהאנדן איז דאס דוא דאצו קאמן קאנסט . דאריבר פאלג מיר דאס דוא זאלסט וועניגסטענס עולם הזה האבן. נעמליך דיא יאהרן וואס דוא נאך צו לעבן האסט זאלסט דוא איין פרייער מענש זיין גאנץ אונבעשרענקט צו לעבן . קיין עול תורה . קיין עול יראת שמים אויף דיר צו טראגן . דאמיט דוא אונגעהינדערט אלעם נאך דיין אייגענן וואונש געניסן אונ טוהן קאנסט . דארום זאג איך דיר דאס דער אמת אבער איז . זיין הסתה פרפיהרן פון אנפאנג ביז צום סוף איין שקר מוחלט פאלש איז. דען פון אנפאנג אן וויא דער מענש בר מצוה ווירד מוס ער זיך אכט געבן זיינע גאנצע לעבענסצייט צו בניצן אונ צו בדינען מיט זאלכע בשעפטיגונגען דיא אימער אונ עוויג בייא איהם בלייבן אונ אייגען זיין ווירד . אונ בייא זיין אב לעבן זאלכעם מיט נעהמן קאן . דאס איז תורה ומעשים טובים . וויא דער פסוק זאגט זכור את בוראך בימי בחורותיך געדענק אן דיין בשעפר אין דיינע יונגע יאהר . אונ דיא

צווייטע

צְוַוייטֶע הַסָתָה. בַּוַויְזְט דֶער פָּסוּק אִין דֶער תּוֹרָה דַאס עֶ׳ שָׁוְא נִיכְט וָואהְר אִיז כִּי קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאוֹד דִיא מִצְוָה פוּן תְּשׁוּבָה אִיז זֶעהְר נאהֶע בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂוֹתוֹ וֶוען עֶר מִיט דֶעם מויל זָאגְט דִיא ווידוי אוּנ חֲרָטָה. אוּנ דָאס הֶערְץ אִיז אוֹךְ מִיט אֵיינְשְׁטִימִיג. זָא אִיז דִיא תְּשׁוּבָה מִיט דֶען פֶּערְטִיג צוּ יֶעדֶער צֵייט. וִויא דֶער נָבִיא זָאגְט בְּשׁוּב רָשָׁע מֵרִשְׁעָתוֹ וֶוען דֶער רָשָׁע תְּשׁוּבָה טוּהְט אוּנ נֶעהְמְט זִיךְ פָאר דַאס עֶר פוּן נוּן אַן אִין דֶען וֶועג פוּן דִיא תּוֹרָה גֶעהְן וִויל. זָא ווירְד אִיהְם בֵּייא הַשׁי״ת זַיינֶע אַלֶע עֲוֹנוֹת נִיכְט מֶעהְר גְדֶענְקְט

**שאלה ס** אָבּ מֶעגְלִיךְ דַאס מַאן זִיךְ בֶּעפְרֵייעֶן אוּנ אוּם לֶעזֶען קָאן פוּן דֶעם עוֹנֶשׁ אוֹף דִיא עֲבֵירוֹת מִיט צְדָקָה אַלֵיין אוֹדֶר נִיכְט.

**תשובה** וַוייל עֶס גִיבְּט פִילֶע קַצִינִים בֶּעזָאנְדֶערְס אִין דִיא גְרוֹסֶע שְׁטֶעדְט דִיא אֵיינֶע אָפֶּענֶע הַאנְד הָאבֶּן צוּ צְדָקָה אוּנ גְמִילוּת חֲסָדִים אוּנ אוֹךְ אִיהְר הויז אִיז פָּתוּחַ לִרְוָחָה פְרֵייא אוּנ אָפֶען צוּ הַכְנָסַת אוֹרְחִים אד״ג. וַוייל זִיא אָבֶּר זָאלְכֶעס טוּהְן. זִינְד זִיא זִיךְ סוֹמֵךְ טוּהְן זִיא זִיךְ פֶערְלָאסֶען זִיךְ צוּ עֶרְלוֹיבֶּן אוֹף פִילֶע אַזְהָרוֹת פֶערְבָּאט פוּן דִיא תּוֹרָה עוֹבֵר צוּ זַיין צוּ אִיבֶּר טְרֶעטֶען. מִיט דֶען וָוארְט מַיין מִצְוַת צְדָקָה אוּנ גְמִילוּת חֲסָדִים וָואס אִיךְ טוּהֶע ווירְד מִיךְ שָׁאן בֵּיים שׁוֹפֵט כָּל הָאָרֶץ פֶערְטֵיידִיגֶן -- דַארוּם פִינְדֶע אִיךְ מִיךְ שׁוּלְדִיג דִיא וֶועלְט ווִיסֶען צוּ מַאכֶען דַאס דִיזֶעס אֵיין שֶׁקֶר מוּחְלָט אִיז. דַאס בַּייא דֶען גְרָאסֶן יוֹם הַדִין ווִיא הַשׁי״ת דֶער דַיָין אִיז. זָאגְט דֶער פָּסוּק אֲשֶׁר לֹא יִשָּׂא פָנִים וְלֹא יִקַּח שׁוֹחַד. אִיז דֶער זִין דַאס עֶס אִיז קֵיינֶע מִצְוָה פֶערְהַאנְדֶן וֶוען זִיא נָאךְ אַזוֹ גְרָאס אִיז דַאס זִיא בֶּעשִׁיצֶע קֶענְן זָאל דַאס דֶער עֲבֵרְיָין דֶער אִיבֶּערְטְרֶעטֶער וֶוען אִיהְר אוֹף זַיינֶע עֲבֵירוֹת קֵיין עוֹנֶשׁ לֵיידֶן זָאל. דַאס וַואס מִיר אָבֶּער גֶעפִינֶען אוֹף פִילֶע שְׁטֶעלֶען אִין דֶער תּוֹרָה דַאס צְדָקָה אוּנ גְמִילוּת חֲסָדִים זֶעהְר גְרָאס אִיזְט. אִיז דֶער זִין דַאפוּן. וַוייל אִין הִינְזִיכְט תְּשׁוּבָה גִיבְּט עֶס פֶערְשִׁידֶענֶע קְלַאסֶן. מַאנְכֶע עֲבֵירָה זָא בַּאלְד דַאס דֶער מֶענְשׁ דַארוֹיף מִתְחָרֵט אִיז אוּנ וַויינְט מִיט אַיין אֶמֶתְדִיג הֶערְץ אוּנ זָאגְט צוּ הַשׁי״ת אִיךְ בֶּעקֶענְן דַאס אִיךְ אוּנְרֶעכְט גֶטוּהְן הַאבֶּע. אִיךְ נֶעמֶע אַבֶּער פוּן נוּן אַן אוֹף מִיר דַאס אִיךְ כָּל יְמֵי חַיַי מַיינֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּענְסְצֵייט נוּר אִין דֶען וֶועג דִיא דִיא תּוֹרָה מִיר פָארְשְׁרַייבְּט גֶעהְן וִויל. זָא אִיז דִיא תְּשׁוּבָה גוֹרֵם דַאס דִיא עֲבֵירָה גַאנְץ פוּן דֶען בּוּךְ אָבּ גֶעלָאשֶׁן ווירְד וְלֹא יִזָּכֵר וְלֹא יִפָּקֵד עוֹד דִיא עֲבֵירָה ווירְד קֵיינְמָאל מֶעהְר גְדֶענְקְט וֶוערֶען. אוּנ עֶר דַארוֹיךְ דֶען נָאמֶען צַדִיק בֶּעקָאמְט. עֶס גִיבְּט אָבֶּר מַאנְכֶע עֲבֵירָה דִיא אַזוֹ גְרָאס אִיז וָואס אִיהְר עוֹנֶשׁ אִיז מִיט מִיתוֹת כָּרֵת. וֶוען עֶר אוֹף אִיהְר תְּשׁוּבָה טוּהְט וֶוען אוֹךְ דַאס תְּשׁוּבָה נִיצְט. אָבֶּר זַיין נְשָׁמָה בְּלַייבְּט

נאך

נָאךְ עֶטְוַואס בֶּעפְלֶעקְט אוּנ בֶּעשְׁמוּצְט בִּיז דֶער מֶענְשׁ מוּס יְסוּרִים לֵיידֶען גֶעוִויסֶע צַייטֶען . בֵּייא אֵיין זָאלְכֶע עֲבֵירָה וֶוען עֶר וַויינְט צוּ הַשֵּׁי״ת דַאס עֶר תְּשׁוּבָה טוּהְן וִויל . נוּר דַאס עֶר צוּ שְׁוַואךְ אִיז יְסוּרִים סוֹבֵל צוּ זַיין אוּנ וִויל זִיךְ מִיט צְדָקָה אוּנ גְּמִילוּת חֲסָדִים זָאלְכֶעס אוֹם לֶעזֶען . זָא אִיז דֶער כֹּחַ פוּן צְדָקָה אַזוֹ גְרוֹס דַאס תְּשׁוּבָה אַלֵיין וֶוען אוֹךְ קֵיינֶע יְסוּרִים דַאבֵּייא זִינְד . נִיצְט אוּנ וִוירְקְט דַאס דִיא עֲבֵירָה גַאנְץ פֶערְלָאשֶׁען וִוירְד . וֶוען אוֹךְ דַאס אִיהְר עוֹנֶשׁ אִיז כָּרֵת . אַבֶּער דַאס עֶם זָאל פֶערְהַאנְדֶען זַיין דַאס צְדָקָה אַלֵיין אָהְנֶע תְּשׁוּבָה זָאל דֶען כֹּחַ הָאבֶּען דַאס דִיא עֲבֵירָה אוֹם גְמֶעקְט וִוירְד . דֶער וָואס זָאלְכֶעס זָאגְט אִיז אֵיין כּוֹפֵר אַן דִיא תּוֹרָה .

## שאלה סא

וִויא אַזוֹ מַאן זָאל זִיךְ נוֹהֵג זַיין אִין דִיא סְלִיחוֹת טֶעג .

## תשובה

אוֹיף דֶען זָאג אִיךְ דִיר . וֶוען אוֹךְ דַאס תְּשׁוּבָה זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוֹם צוּ בֶּעסֶערְן יֶעדֶער טָאג אוּנ יֶעדֶע שָׁעָה דַאצוּ גֶעאֵייגֶענְט אִיז : דֶענָאךְ וַוייל הַשֵּׁי״ת אֵיין אָב הָרַחֲמִים בַּארִימְהֶערְצִיגֶער פָאטֶער אִיז אוּנ ווִינְשְׁט דִיא טוֹבָה פוּן זַיינֶע קִינְדֶער . דַארִיבֶּער הָאט עֶר בַּשְׁטִימְט דַאצוּ דִיא יְמֵי אֱלוּל דִיא טֶעג פוּן אֱלוּל דַאס זִיא יְמֵי רָצוֹן זִינְד . בַּזָאנְדֶערְס דִיא יְמֵי סְלִיחוֹת אוּנ עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה וִויא דַאמָאל דִיא צַייט פִיר דֶען מֶענְשֶׁן וַוייט מֶעהְר נִיצְלִיךְ אִיז וֶוען עֶר דַאמָאל אוֹיף זַיינֶע מַעֲשִׂים מִתְחָרֵט אִיז אוּנ תְּשׁוּבָה טוּהְן וִויל . דַארוּם הָאבֶּן דִיא חֲכָמִים הָרִאשׁוֹנִים קוֹבֵעַ גְוֶועזְן עֶרְשְׁטֶע דְחֲכָמִים בַּשְׁטִימְט דַאס מַאן זָאל דַאמָאל מַרְבֶּה זַיין פַארְמֶעהְרֶען מִיט תְּפִלּוֹת אוּנ תַּחֲנוּנִים וּצְדָקוֹת . וַוייל אָבֶּער דֶער (סט״א) זָאלְכֶם וַוייס [וַוייל דַאמָאל דִיא צַייט אִיז פוּן פִילֶע גְשֶׁעפְטֶן מֶעהְר אַלְס אִין גַאנְצֶען יָאהְר נֶעמְלִיךְ לֶעמֶער וָואהְל שֶׁעהְר . הָאנִיק . וַואקְס קְנָאפֶּערֶן . טֶענְגֶערֶע . קוּקוּרוּץ אֵיינְלֶעזְן . דִיא וַויין לֶעזֶע] וֶוען עֶר וִויר בְּהַשְׁכָּמָה אוֹיף שְׁטֶעהֶען תְּהִלִּים וְשַׁעֲרֵי צִיּוֹן צוּ זָאגֶן אָדֶער צוּ סְלִיחוֹת גֶעהֶן . זָאגְט עֶר צוּ אִיהְם וֵוייסְט דוּא דֶען נִיכְט דַאס פַּרְנָסָה צוּ זוּכֶען אִיז אֵיין גְרוֹסֶע מִצְוָה דַארוּם אִיז גֶענוּג וֶוען דוּא נוּר דֶען עֶרְשְׁטֶען טָאג צוּ סְלִיחוֹת גֶעהֶן טוּהְסְט. אָדֶער וֶוען עֶר אוֹךְ גֶעהְט צוּ סְלִיחוֹת פַארְמִישְׁט עֶר אִיהְם מִיט מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת דַאס וֶועהְרֶענְד דִיא סְלִיחוֹת אוּנ ווִידּוּי זָאגֶן הָאט עֶר אִין זִין וֶועלְכֶע גְשֶׁעפְטֶן עֶר מַאכֶען וִויל אַזוֹ דַאס עֶר אִין גַאנְצֶען פַארְגֶעסְט אָב יֶעצְט דִיא יְמֵי אֱלוּל אוּנ עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זִינְד . אוּנ וַוייל נוּר דִיא תְּשׁוּבָה אִיז דֶער עִיקָר וֶוען מַאן אֵיין לֵב

נשבר

נשבר ונדכה האט איין צערבראכן צערשמויסן הערץ · אונ דורך דיא ווידוים אונ תחנונים מקיים איז זיין פרשטאקטעם הערץ צו בשניידן נון ווען מאן דיא סליחות אונ ווידוים אויף איין זאלכע ארט זאגט דאם דאס הערץ וויים גאר ניכט דאפון · אונ דיא האלבע שעה וואס מאן אין שוהל געהט איז איהם לעול ולמשא צו לאסט · וואס קענן איהם זאלכע סליחות טעג ניצן · וויא דען · זאלכע יידען דיא זיך מייחם זינד דאס זיא אברהם אבינו זיינע קינדר זינד · דען דיא תורה רירהמט והאמין בה׳ · ומצאת את לבבו נאמן לפניך דאס ער איינע טרייע פעסטע אמונה אן השי״ת האטע · מוס איהם דיא אמתדיגע אמונה דאצו ברינגן דאס ער דיא אלע טרדות אין דיא צייטן ביא זייטיגען זאל · דען דיא שפע וואס איהם פון השי״ת בשטימט איז · דיא מוס איהם קאמן צו יעדר צייט · דאריבר זאל ער זיך דיא צייטן בדינגן מיט אלען מעגליכן זיין הערץ ריין צו וואשן אונ זיינע אברים צו רייניגען פון דיא פרפלאסענע עונות · ואם לא עכשיו אימתי דען ווען ניכט יעצט · ווען דען - ·

## שאלה סב

ערקלערע מיר דיא נאטווענדיגקייט וועגן וואס דאס איין מענש זיך בעשטרעבן זאל תוכחה צו הערן ·

## תשובה

ווייל איינע גראסע שולדיגקייט איז דאס דער מענש זאל ניכט געהן אזוי וועג וואס נור נאך זיין שכל נאך זיינער איינזיכט גוט איז · וועגן צוויא אורזאכן · ערשטענס ווייל מיר אין גאנצען נור בלוט אונ פלייש זינד · אונ דער שורש ווארצעל פון דען מענשן נור ערד איז דאדורך איז זיין בעגריף אונ פערשטאנד זעהר קורץ · וויא איין יעדער מענש אליין דיזעס בעשטעטיגן וויר · דא ער פיהלע מאהל איין וועג געהט אונ איינע זאכע צו טוהן אונטערנימט ווא ער זאלכעס דאמאלס פיר גוט אונ ניצליך איין זעהן טוהט · אונ אין איין קורצע צייט שפעטר זעהט ער איין דאס ער זיך געאירט האט · ניכט נור דאס עס איהם ניכט ניצליך · זאנדערן אויך שעדליך וועהרע זאלכעס צו טוהן · דאריבר זאל איין מענש געוואהרנט זיין דאס ער אין יעדע זאך בעתינות לאנגזאם געהט אונ שומע לעצה חכם זיין זאל אונ זאל קלוג זיין איינע אנדערנס עצה צו פאלגען · נון וויא זאלכעס איז איין שולדיגקייט אין געשעפט אנגעלעגענהייטן אונ דער גלייכן · וואס נור עולם הזה בעריהרט וואס באמת נור אין גאנצן איין חיי שעה איז · וויא פיעל מעהר אונ מעהר איז ער שולדיג זאלכעס צו טוהן אין היענזיכט דיא פירונג פון יידישקייט וואס עולם הבא

# כלל ו שאלה מט

עולם הקיים עוויגע וועלט בעריכט . דא ער זיך ניכט פיר איין חכם בעיניו האלטן זאל אונ ניכט איבר איילט זיין זאל . זאנדערן ער זאל ליעב האבן תוכחה צו הערן אונ זאל ניכט הארטנעקיג זיין ווען איהם איינער צו רעכט ווייזן וויל פון דען וואס אונזערע הייליגע תורה פארשרייבן טוהט . ווען עס אויך דער מאל איז דאס זאלכעס זיין שכל אונ פארשטאנד ניכט פארשטעהט אונ ניכט בעגרייפט אונ דער מענש דער זיך די מדה פון אוהב תוכחה ליעב צו האבען תוכחה אייגען מאכט . דיזעס פיהרט איהם צום עוויגען לעבן אונ ווירד זוכה זיין אויף די קינפטיגע אונענדליכע וועלט צו אזוי מדריגה דאס זיין פלאטץ ווירד זיין צווישן תלמידי חכמים אונ צדיקים . צ ווי י ט ע נ ס ווייל יעדער מענש צו זיך איין זעדר נאהער פריינד איז אונ האט זיך זעהר ליעב . זא טוהט ביא איהם די אהבה פעראורזאכען דאס איהם אלע זיינע וועג גוט געפאלן . פון יעדען אנדערן זעהט ער זיינע פעהלער אונ וואס אונרעכט איז . אונ ביא זיך אליין געפינט ער אונ זעהט זאלכעס ניכט . באמת אבער איז זעלטן צו געפינן איין אזו מענש דער זיך ריהמן קאן דאס איהם דאס שטרעבן פון עולם הזה וואס דער הכרה דאס נעטיגסטע איז . ניכט צו פערגעסעניהייט געברענגט האט . אונ ביא איהם גאר ניכט פעראורזאכט דאס ער ניכט דאדורך דאס גרינגסטע פון צורכי הנשמה פערקירצט האט . אונ ער אליין עס דאך ניכט בעמערקט . ווען ער אבער ליעב האט צו הערן תוכחה אונ מוסר (דא איין אנדערער זיינע פעהלער זעהט) זא ברינגט איהם די מדה טובה זיינע פעלער אום צו בעסערן אונ זוכה צו זיין צו חיי עולם הבא . נאך ווייט פארציגליכער איז דאס מאן ליעב האבן זאל תוכחה אונ מוסר צו הערן ווען דער דורש וואס די תוכחה פאר טראגט איין תלמיד חכם אונ אמתדיגער ירא שמים איז . דא זאלכע רעד (ווירקען ביא איהם אזו וויא איין באך וואסער דען אונרייניגען רייניגט . אזו האבן די רעד פון די הייליגע תורה איין אייגענשאפט דאס ווען אויך דאס דאס הערץ פערהערטענד איז וויא איין אייזען . זא ווירקט די תורה דאס עס צו שמאלצן ווירד אונ אלע זיינע בעפלעקטע אברים גלידער פון עונות רייניגען טוהט) איינדרינגען אין די הערצער פון די צוהערער אונ ווירקן הייליגע פריכטע צו טראגן נעמליך דאס ער זיך דורך זיינע מוסר רעד גוט בעטראכטעט זיינע אברים רוחניים גייסטיגע . וויא איהר אוים זעהן איז אונ וויא זיא בשמוצט אונ בפלעקט זינד אונ וויא איהר אויסזעהן העסע זיין זאלן . אונ אויך זיך נימט מיט גרוס חרטה דאס ער פון נון אן פון דען וועג דער הייליגע תורה ניכט אוים טרעטן וויל . אונ דאס איהם זיין ערנסט געוויסען דריקט אונ דאצו ברינגט דאס ער זיך פון זיינע שלעכטע מעשים מיט הייסע טרערן רייניגען טוהט :

**שאלה סג** איין מענש דער זיך מדות טובות אייגען מאכן וויל אונ פון מדות רעות זיך ערווייטערן . וואס האט ער צו טוהן '

**תשובה** דער מענש דער וואס זיין וואונש איז אין דרך האמת

ערענסטן

ערהערנסטן וועג צו געהן . אונ דאס ער דען וועג וואס צו חיי נצחיי עוויגם לעבן פיהרט ניט אוים טרעטן וויל . אזו מוס ער אוף זיך אכט געבן אונ זיך זעהר ערווייטערן אונ אויך דארוף מתפלל צו זיין צו השי"ת דאס ער איהם בייהילפיג זיין זאל דאס ער זאל זיך געוועהנען קאנען צו מדות טובות אונ זאל מיאם זיין פון פראכטען מדות רעות. וויל איין מדה רעה קאן גורם זיין צו זעהר פיהלע עבירות וויא אויך צו דיא כפירה . נעהמט דיר איין בייוויז פון ירבעם בן נבט דער אוסראָרדענטליך גרוס אין תורה וואַ"ר . נור וויל דיא מדות הגאוה האט ביא איהם געהערשט . זא האט זיא ביא איהם פעראורזאכט דאס ער האט כופר כהי געוועזן אונ האט אויך מחטיא רבים געוועזן פיהלע זינדערע גמאכט זינדיגן . נור וועגן דען דאמיט זיין כבוד אונ גדולה ניכט פערקלענערט ווערדן זאל . אונ דיא גמרא אין סוטה צעהלט פילע פסוקים וויא דיא תורה האט מזהיר געוועזן אוף דיא עבירה פון גאוה . אונ וויא גרוס דיא עבירה פון גאוה איז . כל המתגאה כאלו עובד ע"ז . כל המתגאה ראוי לגדעו כאשירה . וגורם לשכינה שתסתלק מישראל . וכל המתגאה כאילו בא על כל עריות . ווען מאן אבער ניכט דיא מאמרים פון דיא אגדות זעהט . זא מיינט מאן דאס דיא ערווייטערונג פון גאוה נור איין קלייניגקייט אונ מדרכי חסידות איז - עס גיבט אויך מאנכע מענשען ווען זיא קאמען צוזאמען בקיבוץ אנשים אין פערזאמלונג פון מענשען דאס זיא גערען שפעטישע רעד רעדען . אונ ווען אויך דאס זיא דאמיט מאנכען מביייש בשעהמט האבן געוועזן אונ איהם טיעף גקרענקט . האלטען זיא זיך עס ניכט פיר איין עבירה . ווען זיא אבער זעהן דאס דיא גמרא זאגט כל המתלוצץ נופל בגיהנם . ויסורים באים עליו . ונקרא רשע וועגן דיא עבירה פון שפעטען קאמט ער אין גיהנם אונ אויך אוף דיזע וועלט ברינגט ער אוף זיך יסורים . אונ ווירד גערופען רשע . זא ווערדן זיך געווים דאדורך פילע מענשען צוריק האלטען זאלכעם צו טוהן - אזו אויך לשון הרע בזיון תלמידי חכמים פראכטען דען תלמיד חכם . איז ביא מאנכע דיא עבירה זעהר קליין אונ גרינג גשעצט . ווען זיא אבער זעהן דאס דיא גמרא זאגט דאס אוף דיא בעלי לשון הרע האט דער פסוק גזאגט דאס זיא פערשניטען פון דען עץ החיים ווערדן מיט דען ווארט יכרת ה'

# כלל ז שאלה סג

כָּל שפתי חלקות השי״ת זאל פַרשניידן דיא אלע וואס לשון הרע רעדן. און דאס לשון הרע אזו גרום דיא עבירה איז דאס עס אין דען געוויכט פון שפיכות דמים בטראכט ווירד . און דאס איינער וואס מבזה תלמידי חכמים איז . אין רפואה למכתו איז פיר זיין וואונד קיין רפואה און פַרדינט דען נאהמען אפיקורס . זא ווערדן זיא זיך געוויס פון נון אן צוריק האלטן זאלכעס צו טוהן - (עיין או״חות צדיקים שער לשון הרע) . וויא אויך מחלוקות צו שטיפטן . וואס מאנכע מענשן דיא עבירה פאר גרינג און קליין בטראכטן . ווען זיא מערקטן וויסען דאס שנאת חנם אומזאנסט זיין חבר פיינד צו האבן . האט פַראורזאכט חורבן ירושלים . און דאס דורך מחלוקות דיא שפע און פרנסה נתמעט פַרווענינגערט ווירד . און צו לעצט צו עניות ברענגט . און דאס דיא עבירה גורם איז דאס דיא שכינה זיך פון ישראל מסתלק איז אבשיידען חלילה . און דאס דיא עבירה אזו גרום איז (ווען אויך ביים ב״ד שלמטה ווירד איין מענש נור געשטראפט מיט מלקות אדער מיתה נור דאמאלס ווען ער שאהן בר מצוה איז) דאס דאדורך זעלבסט יונגע שדים זייגענדע קינדער פון דיא וועלט וועק גריסן ווערדן חלילה . זא העטען זיא געוויס זאלכעס ניכט געטוהן . וויא אויך דיא עבירה פון מסירות וואס ביא מאנכע מענשן גרינג איז איינעם צו מסרן ביא דיא שופטים און שרים . ווען אויך דאס דאדורך איהם ענטשטעהן קאן איינע גרוסע געלד שטראף אדער יסורים דורך תפיסה . אדער מכות אכזריות . דארום פינדע איך מיך שולדיג זאלכע מענשן וויסן צו מאכן דאס דער דין פון אונזער הייליגע תורה איז . ווען איינער זיין חבר מוסר איז אין גוים איהרע הענד שלא כדין - דאס זיין בלוט הפקר פרייא איז . דאס איין יעדער איין מצוה האט איהם צו הרגענין א) און ווען אויך דאס מיר דאס יעצט ניכט טוהן קאנן . אבר דיא הערשאפט פון דען אבער לאנדעס געריכט וואס נור נאך דיא געזעצע פון אונזער תורה זיך פיהרט . דאס איז ניכט פַרענדערט און ווירד ניכט פַרענדערט ואע״פ

א) וייל מיר אבער היינטע ניכט אין אונזר לאנד זינד . און אונטער אונזערע הערשאפט אונטערטאנט זינד . און דינא דמלכותא דינא און ביא איהנן זאלכעס פערבאטען איז . זא מוסען מיר אונז אויף דען שטרענגסטן פון דען צוריק האלטן :

ואע״פ שארבע מיתות בטלו דין ארבע מיתות לא בטלו. וכשאין דין למטה יש דין למעלה. (זעהע אבען אין דף כג ע״ב. דען זין פון דיזען) אונ צו לעצט זיין סוף ביטער אונ פינסטער זיין ווירד. נון ווען מאן זיך זאלכעם פאר די אויגן שטעלט. זא ווירד מאן געוויס דאדורך ניכט זא איבער איילט זיין דאס מאן וועגן קנאה. אדער שנאה נקימה נטירה. אד״ג. זיך ערלויבן ווירד איין מסר צו זיין —

## שאלה סד

איין מענש דער גאנץ אונוויסענד איז אונ זעלטן איינע מצוה אודר תפלה פעהלער פריא מקיים איז. אב זאלכעם ביא השי״ת דאך איין ווערט האט אודר ניכט.

## תשובה

דא די תורה שרייבט חשב לעשות מצוה איינער דער זיך בשטרעבט האט איינע מצוה אום צו פיהרן ווען אוך דאס ער איינע צוריק האלט גהאט האט. אזו דאס ער העטע זיא ניכט גקאנט מקיים זיין. וויל השי״ת אבר די הערצער פריפט אונ וויס דאס ער העטע די מצוה זעהר גערן געטוהן. דאריבער ווירד איהם גרעכענט דער שכר אלס העטע ער עס געטוהן. וויל דער עיקר פון די עבודה דינסט צו השי״ת איז נור דאס אמתדיגע הערץ צו די יראת שמים אזו וויא אונזר תפלה איז וטהר לבי לעבדך באמת רייניגע מיין הערץ דיך אמתדיג צו דינען. אונ די משנה זאגט אחד המרבה ואחד הממעיט בלבד שיכוין את לבו לשמים דער וואס אין די עבודת ה׳ ממעט איז פרוועניגרט אין כמות אדער אין איכות. ער העטע גערן מעהר געטוהן נור ער קאן ניכט. זא איז ער גלייך צו דען יעניגען דער וואס מרבה איז פרמעהרט. וויל השי״ת וויס זיין הערץ. אונ נאך ווייטער ווען אוך דער פאל איז דאס דאס מעשה פון די מצוה וואס ער טוהט ניכט נור ניכט גהעריג איז וויא זיך געביהרט. זאנדערן איין עבירה איז. וויל אבער השי״ת וויס דאס זיין גאנצעס הערצענס וואונש איז דען רצון הבורא צו טוהן דען ווילן פון השי״ת אונ דאס אבער דאס ער מיט די מצוה איין עבירה טוהט. איז די אורזאך זיינע אונוויסענהייט. דארום ווירד איהם אוך זיין פרדארבענע מצוה פיר איין מצוה גרעכענט. דאס ער אוף איהר שכר צו ערווארטען

האט

# כלל ושאלה סר

הָאט *) וְדֶען וָואס זָאל דֶען אַיין זָאלְכֶער מֶענְשׁ טוּהְן וֶוען עֶר אִין זַיינֶע קִינְדֶער יָאהְרֶן אַיין אָרִים יָתוֹם גֶעבְּלִיבֶּן אִיז פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן. אוּנ אִיז עֶרְוָואקְסֶן אָהְנֶע אוּנְטֶערְרִיכְט אוּנ אָהְנֶע אוּנְטֶערְוַייז אִין הֵיגְזִיכְט יִידִישְׁקַייט אוּנ יִרְאַת שָׁמַיִם. וַוייל עֶר הָאט מִיסֶען מְשָׁרֵת אִין דִינְסט בַּייא אַנְדֶערֶע זַיין אוּם זִיךְ מְפַרְנֵס צוּ זַיין. אוּנ מִיט שְׁוֶועהְרֶער מִיהֶע דַאס עֶר הָאט זִיךְ גֶלָאסְט לֶערְנֶן אַיין וֶוענִיג דַאוִוינֶען וָואס אוֹיךְ נִיכְט

פעלער

---

*) דָאס סֵפֶר מִשְׁנַת חֲכָמִים עֶרְצֶעהְלְט דַאס אִין דִיא צַייטֶן פוּן דֶען ר״י הַקָּדוֹשׁ הָאט זִיךְ עֶרְאַייגֶענְט אַיין מַעֲשֶׂה דַאס אַיין רַב פוּן זַיין שְׁטָאט הָאט זִיךְ עֶרֶב שַׁבָּת אִין שׁוּהְל דִיא דְרָשָׁה מְסַדֵר גֶעוֶוען וָואס עֶר שַׁבָּת זָאגֶן וִויל. זָא אִיז אַיינֶער מֵאַנְשֵׁי קְהִלָּתוֹ פוּן זַיינֶע שְׁטָאט לַייטֶע גֶקָאמֶן מִיט צְוַוייא חַלוֹת אוּנ אַיינֶע פְלַאשׁ וַויין. אוּנ הָאט זָאלְכֶעס אִין דֶען אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אַרַיין גֶלֶעגְט. זָא הָאט אִיהְם דֶער רַב צוּ רֶעדֶע גֶשְׁטֶעלְט וָואס עֶר מִיט דֶען טוּהְט. זָא הָאט עֶר גֶזָאגְט דַאס עֶר עֶס פִיר אַיין קָרְבָּן צוּ הַשֵׁי״ת בְּרֶענְגְט. זָא הָאט אִיהְם דֶער רַב מוֹכִיחַ גֶוֶועזֶן אוּנ הָאט אִיהְם צוּ פֶערְשְׁטֶעהֶן גֶגֶעבֶּן דַאס זָאלְכֶעס נִיכְט דֶער וֶועג פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז. וַוייל בַּייא הַשֵׁי״ת קֵיין אֲכִילָה וּשְׁתִיָה פֶערְהַאנְדֶן אִיז. עֶר אִיז אָבֶּער בַּייא זַיין וָוארְט גֶבְּלִיבֶּן דַאס הַשֵׁי״ת זָאלְכֶעס פוּן אִיהְם אַנְנִימְט — צוּם בֶּעוַויז. דַאס עֶר יֶעדֶן שַׁבָּת גַאנְץ בְּהַשְׁכָּמָה זֶעהְר פְרִיא דֶער עֶרְשְׁטֶר אִין שׁוּהְל אִיז אוּנ דָאס אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ עֶפִינְט אוּנ זֶעהְט דַאס דִיא חַלוֹת אוּנ וַויין זִינְד נִיכְט מֶעהְר דָארְט. זָא אִיז עֶס דָאךְ גֶעוִויס דַאס עֶס לְמַעְלָה צוּ הַשֵׁי״ת גֶגַאנְגֶען אִיז. אוֹיף דֶען הָאט אִיהְם דֶער רַב מִיט גְרוֹיס תוֹכָחָה אוֹיף גֶקְלֶערְט דַאס דָאס שֶׁקֶר אִיז. דַאס אָהְנֶע סָפֵק דַאס דָאס דֶער שַׁמָשׁ גֶענָאמֶן הָאט. זָא אִיז עֶר מִיט גְרָאס צַעַר אוּנ בְּפַחֵי נֶפֶשׁ בֶּעטְרִיבְּטֶעס הֶערְץ אַהַיים גֶגַאנְגֶען וַוייל בִּיז הַיינְטֶע וָואר עֶר תָּמִיד זֶעהְר פְרֵייליךְ דַאס עֶר דִיא זְכִיָה הָאט דַאס זַיין קָרְבָּן פָאר הַשֵׁי״ת מְרוּצָה אַנְגֶענָאמֶן וָואר. יֶעצְט אַבֶּר דַא עֶר פוּן אִיהְם זָאלְכֶעס גֶהֶערְט הָאט דַאס עֶר זִיךְ אִין דֶען גַאנְצֶען טוֹעֶה גֶוֶועזֶן הָאט. אַזוֹ הָאט עֶר זִיךְ זֶעהְר מְצַעֵר גֶוועזֶן -- זָא הָאט דֶער ר״י הַקָּדוֹשׁ גֶשִׁיקְט צוּ דֶען רַב דַאס עֶר זָאל מְצַוֶה לְבֵיתוֹ זַיין. צַוָואָה מַאכֶן. דֶען עֶר מוּס שְׁטֶערְבֶּן. דֶען זַייט דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז חָרוּב גֶוָוארֶן אוּנ דִיא קָרְבָּנוֹת הָאבֶּן זִיךְ אוֹיף גֶהֶערְט. הָאט הַקב״ה קֵיין נַחַת רוּחַ פוּן אַיין קָרְבָּן גֶהַאט אַלְס וִויא פוּן דִיא חַלוֹת אוּנ וַויין. וֶוען אוֹךְ דַאס דַיינֶע רַייד אוּנ תוֹכָחָה דִיא דוּא אִיהְם גֶזָאגְט הָאסְט אֶמֶת זִינְד. דַאס בַּייא הַשֵׁי״ת קֵיין אֲכִילָה וּשְׁתִיָה אִיז. דוּא הָאסְט אָבֶּער דָאךְ אוּנְרֶערְכְט גֶעטוּהְן דַאס דוּא אִיהְם מְבַיֵישׁ גֶוֶועזֶן הָאסְט וַוייל עֶר פֶערְמֶעג זַיין קוּרְצֶען פֶערְשְׁטַאנְד גַאנְץ עֶרְנְסְט מֵיינְט הַשֵׁי״ת מִיט זָאלְכֶעס מְכַבֵּד צוּ זַיין. וֶוען אוֹיךְ דַאס עֶר זִיךְ מִיט דֶען טוֹעֶה אִיז. בַּייא הַשֵׁי״ת אָבֶּער אִיז דֶער עִיקָר דַאס כַּשֵׁרָה הֶערְץ --

פעהלער פרייא איז . דא ער אבער היינט שאהן בייא יאהרען איז אונ זיין יידיש הערץ צו דיא אהבת ד' ליב צו השי"ת אונ צו זיינע מצות איז זעהר אייפריג אונ פייעריג . אזו דאס ניכט נור דאס ער טעגליך פריה אונ אבענד אין שוהל געהט אונ קיין קעלט אונ רעגן האלט איהם ניכט צוריק דאפין . זאנדערן דאס ער אויך תמיד אימער פון דיא ערשטע צעהען איז . ווען אויך דאס זיין גאנצע תפלה אין דען איכות זעהר געמיין איז ווייל ער ניכט פרשטעהט פירוש המלות דען זין פון דיא ווערטער . עס איז אבער דאך זיין תפלה פאר השי"ת וויא איין קטורת גרעכענט . ווייל השי"ת האט געשריבן ונפש כי תקריב דער עני דער ניכט אים שטאנד איז איין קרבן צו ברינגען וואס איין פר שטיער . אדער איין כבש שאף איז . נור איין וועניג מעהל וואס דער ווערט דאפין זעהר וועניג איז . זאגט דיא תורה ונפש כי תקריב ווירד איהם צו געשריבן אלם ער העטע מקריב געוועזן זיין נפש זעלבסט. ווייל השי"ת ווייס דאס ער העטע גערן איין טייערעם קרבן געברענגט ווען עס זיין יכולת ווער . דען וואס זאל דען דער גרויסער ארמער מאן טוהן ווען ער האטע קיין יכולת מער] וויא דער מדרש זאגט דער עם הארץ וואס ער זאגט ק"ש . אונ אנשטאט ואהבת את ד' אלקיך דוא זאלסט האבן ליב השם יתברך זאגט ער ואיבת דיא זאלסט האבן פיינד . זאגט השי"ת ודילוגו עלי אהבה זיינע פעהל בארע תפלה האבע איך ליעב ווייל פיר מיר איז זיין הערץ אפענבאר דאס זיין ריינער ווילן איז דיא מצוה פון ק"ש מקיים צו זיין וויא זיך געביהרט. אונ ווייל ער פיהלע מאהל בהתבודדות ווען ער אליין איז . צו השי"ת היינט ווען ער פון זיין חבר דער ידיעות התורה האט וויסענשאפט פון תורה זיינע עבודת ה' בטראכטעט . וויא אייפריג . וויא פייעריג . דיא מיט שמחה . דאס איהם דיא אויגען נידערן טרערן דמעות אהבה דאס ער דיא זכיה האט איין עבד ד' צו זיין השי"ת צו דינען . זא שמערצט איהם דיא קנאה אונ קרענקט איהם זעהר טיעף ווארום זיין הערץ אזו פרשטאקט איז דאס ער דאדורך בייא זיין עבודה קאלט אונ טרעג איז . זא בעטט ער מיט גרויסע בכיות. טהר לבי לעבדך באמת. לב טהור ברא לי . נון דא השי"ת איין שומע תפלה איז . יעדעס געבעט צו הערט באזאנדערס איין זאלכע תפלה דיא מיט דמעות

# כלל ז שאלה סה

קאמט ווען אויך דאס דער שורש פון דיא תפלה אונ דמעות נור וועגן ענייני עולם הזה איז · קאנסט דוא שליסען ווען איין יידיש הערץ איז מתפלל וויינענד מיט הייסע טרערן · אונ דער אינהאלט פון זיין בקשה איז נור דאס ער ווינשט אונ מעכטע גערן איין ערליכער ייד זיין · אונ פרלאנגט נור קרבת אלקים זיך צו השי"ת צו נעהנטן · דאס איהם נימאלס איין עבירה צו קאמן זאל דיא איהם פון השם יתברך ערוויטערן קאן - זא ווירד השי"ת געוויס זאגן צו איהם מנעי קולך מבכי · ווייניך מדמעה כי יש תקוה לאחריתך האלט דיך צוריק פון וויינן · אונ דיינע אויגן פון טרערן צו נידערן · דען צו דיין פרלאנגן איז האפנונג דאס עס ערפילט ווערדען ווירד -

## שאלה סה

וואס איז דיא שולדיגקייט דאס איין מענש מוס מתפלל זיין - אב יעדע תפלה אנגענאמן ווירד אודר ניכט · וויל זיא דורך געוויסע עבירות צוריק געווארפן ווערדן קאן ·

## תשובה

דיא תפלה וואס איין מענש מתפלל איז · איז נאטווענדיג אונ טייער וועגן צווייא טעמים · ער שטעגט דא דען מענשענס צרכים וואס ער בעדארף אונ האבען מיט זיינע גאנצע לעבענסצייט · זעהר פיהל זינד · געזונד · פרנסה · כלכלה · שלום · אריכות ימים ושנים פיר זיך אונ זיינע הויז לייטע · אונ דאס ער קינדר האבן זאל · אונ דאס זיא בעלי יראה אונ בעלי תורה זיין זאלן . פילמעהר דיא צרכים דיא ער האבן מוס פון היינזיכט עולם הבא דאס וועגען דען זיין גאנץ תכלית פון לעבן איז · נעמליך דאס ער זוכה זיין זאל איין אמתדיגער ערליכר יוד צו זיין אונ נימאהלס צו איין עבירה קאמען זאל · איין לב טהור צו האבן אונ מדות טובות צו בעזיצן · אונ דאס ער אפענע אויגען האבן זאל אין דיא השגה פון דיא היידיגע תורה · אונ דאס ער זוכה זיין זאל צו טהרה אונ צו דיא קנינים וואס דיא תורה דאמיט געקויפט ווירד · איבערהויפט דאס ער דיא זכיה האבן זאל פיעלע אנדערע צו אונטרווייזן אין דרכי התורה והיראה . אר"ג · זינד זעהר פיעל · אונ דיזעס אלעס קאן מאן פון קיינען פערלאנגן אונ עס קאן אויך קיינר עס געבן · זאנדערן נור דער בורא ב"ה · דאריבער דער מענש דער וואס נור איין ווענינ שכל בעזיצט אונ זיינע אויגען ניכט פרשמירט זינד · דער זעהט זיך אונ בעטראכטעט זיך תמיד (ווען אויך דאס ער גראסע פאמיליע האט דיא חשובים אונ עשירים זינד אונ ער זעלבסט ביי דיא וועלט טייער געשעצט איז נעם זייא ווען דיא זון פיר איהם שיינט אדער גאר אין גרעסטן גלאנץ איז · אדער ווען עס דונקעל איז אונ גאנץ פינסטער) דאס ניכט נור דאס ער צו פערגרייבען איז צו דען תפים אונ אסיר דער אין דיא תפיסה אונ בית הסוהר אין נעפענגנים איינגעשפערט איז דאס זיינע

גאנצע

גאנצע לעבענס בעדירפנים הענגט נור אב פון דען שר בית הסוהר קערקער מייסטער ווייל איהם קיינער מיט דעם גרינגסטען העלפען קאן נור ער אליין. זאנדערן ער זעהט זיך אין דען שטאנד דאס ער זעלבסט דער תפוס איז אונ דאס איהם קיינער דאס גרינגסטע גוטעס אדער שלעכטעס טוהן קאן. נור דער שר בית הסוהר אליין. דאס איז דער בורא עולם דער בשעפר פון דיא וועלט דען ווען ער וויל זיינע פערפלאסענע לעבענסצייט פון דיא גאנצע זיבציג יאהר אונ דיא אלע צופעלע וואס דער מענשען בעגעגנען וועהרענד דיא גאנצע צייט ימי עליה. דיא צייטען ווא דער מענש אין קרעפטען צו נעמען טוהט. ימי עמידה וויא ער שטעהט אויף איין שטאנד. ימי ירידה וויא דיא קרעפטען אב נעמען טוהן פון שונאים מוסרים רדיפות פערפאלגונגען אין אלערלייא. ענינים פון פרנסה. פון גדולה. פון הצלחה. פון ממשלה. נחת פון קינדער אונ קינדס קינדער. אויף איין פערקלענערונגס גלאז זאלכעס זעהן וויל אונ גוט בעטראכטען (אונ זיך דאבייא עראינערן וויא פיעל מיהע. וויא פיעל ארבייט. וויא פיעל השתדלות בעשטרעבונגען. אונ הוצאות דאס מאן אויף מאנכעס געמאכט האט עס צו ערלאנגען. אונ צו לעצט וואר אלעס אונניצליך אונ אומזאנסט. אונ מאנכעס מאהל איינע גרוסע גדולה אונ הצלחה ערלאנגט האט ווא ער דאס מינדעסטע דאצו ניכט געטוהן האט אונ אין מאנכע צייט איהם פיעלע אונגליקע אונ היזקות געטראפען האבען ווען גלייך דאס ער פארזיכטיג אונ זיך מיט אלען מעגליכען בעשטרעבט האט זאלכעס צו פערהיטען) ווירד ער עס זעלבסט בקענען דאס דער מענש אין אלע ענינים נור אבהענגיג אונ געבונדען אונ פעסט פערקניפט איז אן דיא גזירות הבורא אליין. ועליו אין להוסיף וממנו אין לגרוע וואס פון השי"ת אוס געזעצט איז קאן מאן ניכט פערמעהרן אדער פערוועניגערן וארור הגבר אשר ישם בשר זרועו פערפליכט איז דער יעניגער דער זיך אויף איין מענשען פערלאסט ושוא תשועת אדם פאלש איז דען מענשענס הילף. אונ דאס נור איין זאלכעס בעפעהל אונ געזעץ איין קיום האט אונ אוס געפירט ווירד וואס פון דעם יומטיג מינימטער פון דען אבער לאנדעס געריכט בעשטעטיגט ווירד (וויא דער נתנה תוקף שרייבט מי יעני ומי יעשר. מי יתיסר ומי ישלו אז"וו) דאריבער ווייל דער מענש נור אויף רחמי אונ ישועות השם האפען מוס. איז דיא שולדיגקייט דאס דען מענשענס הערץ זאל תמיד אהנע אויפהער צו השי"ת בעטען דאס ער איהם העלפען אונ גומל חסד זיין זאל ווייל ער איין טוב לכל ורחמיו על כל מעשיו איז. וויא אויך אין מדרש שטייט אייערע עלטערן אין מצרים זינד נור פון איהר עבדות ושיעבוד דינסט אונ יאך דורך תפלה ערלעזט געווארדען — דארום ווען איהר ווען אימער עטוואס בענעטיגט. אודר אין איין מבוכה פערווירונג זינד. גייט אונ פערגיסט טרעהרן אונ זייט מתפלל פאר מיר. זא ווערדע איך אייערע תפלה אננעמען אונ ערהערן — צווייטענס ווייל דיא עבודה פון קרבנות איין זיילע איז וואס דיא וועלט דארויף שטעהט אונ איין קיום האט.

אונ

# כלל ז שאלה סה

אוּנ לייַדער זייט דיא צייט דאס מיר בְּאֶרֶץ הַטְמֵאָה איין פֶערְאוּנְרייניגטען לַאנְגר אִין גָלוּת זִינְד · דִיא מִצְוָה פֶערְלָארֶן הָאבֶּן. אַזוֹ אִיז דֶער עֶרְזַאץ דַאפוּן אוּנְזֶער תְּפִלָּה שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה דַאוִוינֶען · דֶען דִיא תְּפִלָּה וֶוען זִיא גְהֶערִיג וִויא זִיךְ גֶעבִּירְט גְבֶּעטֶען וִוירְד · אִיז זִיא בַּייא הַשֵׁי״ת אַזוֹ טֵייֶער אוּנ חָשׁוּב וִויא אַיין קָרְבָּן · פִיעל מֶעהר דָוען עֶס קָאמֶען דִיא יָמִים טוֹבִים וְיָמִים נוֹרָאִים וָוא מִיר אוּנְז לַיידֶער עֶלֶענְד אוּנ נַאקִיט זֶעהְן · קֵיין כֹּהֵן · קֵיין נָבִיא · קֵיין בֵּית הַמִקְדָשׁ · קֵיינֶע קָרְבָּנוֹת · דַאס אוּנְזֶער שְׁמִיצֶע אִיז נוּר אוֹיף דִיא תְּפִלָּה דִיא מִיר מִתְפַּלֵל זַיין · דַאס זִיא פָאר הַשֵׁי״ת אָנְגֶענאָמֶען אוּנ זִיס זַיין זָאל כְּעוֹלָה וּכְקָרְבָּן --

וַוייל אָבֶּער עֶס גִיבְּט מַאנְכֶע עֲבֵירוֹת דִיא גוֹרֵם זַיין אוּנ טוּהְן פֶערְאוּרְזַאכֶן דַאס דֶער יֶענִיגֶער וָואס זִיא עוֹבֵר אִיז. דַאס זַיינֶע אַלֶע תְּפִלוֹת צוּרִיק גֶווָארְפֶן אוּנ אָבּ גֶעוִויזֶען וֶוערְדֶן · דַארוּם מוּס אַיין מֶענְשׁ אוֹיף זִיךְ גוּט אַכְט גֶעבֶּן דַאס עֶר פוּן זָאלְכֶע עֲבֵירוֹת רַיין אוּנ פְרַייא זַיין זָאל · אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס בֶּעפָאר עֶר גֶעהְט מִתְפַּלֵל זַיין · זָאל עֶר תָּמִיד מִיט זִיךְ רֶעכֶענֶען אוּנ נָאךְ זִיכֶען אָבּ עֶר פוּן זִיא בֶּאֱמֶת רַיין אִיז · נֶעמְלִיךְ דַאס עֶר זָאל לִיבּ הָאבֶּן צוּ צוּ הֶערֶן תּוֹרָה לֶערֶנֶען · דֶען דֶער פָּסוּק זָאגְט מֵסִיר אָזְנוֹ מִשְׁמוֹעַ תּוֹרָה גַם תְּפִלָּתוֹ תּוֹעֵבָה דֶער זַיין אָהְר פָארְט וֶוענְדֶעט פוּן תּוֹרָה צוּ הֶערֶן · זָא אִיז זַיין תְּפִלָּה בַּייא הַשֵׁי״ת פֶערְאַכְט · אוּנ וֶוען עֶר הַארְטְהֶערְצִיג אִיז זִיךְ מְרַחֵם צוּ זַיין אוֹיף עֲנִיִּים · זָאגְט דֶער פָּסוּק אוֹטֵם אָזְנוֹ מִזַּעֲקַת דָל. גַם הוּא יִקְרָא וְלֹא יֵעָנֶה דֶער זַיין אָהְר פֶערְשְׁטָאפְּט אוּם נִיכְט צוּ הֶערֶן דַאס גֶעשְׁרֵייא פוּן דֶען אָרְמֶען · וִוירְד קָאמֶען אַיינֶע צַייט וָוא עֶר צוּ הַשֵׁי״ת אוּם הִילְף שְׁרַייעֶן וִוירְד · אוּנ וִוירְד אוֹיךְ נִיכְט עֶרְהֶערְט וֶוערְדֶן. אוּנ דֶער יֶענִיגֶער דֶער נִיכְט אַכְט גְגֶעבְּן הָאט דֶען בְּרִית קוֹדֶשׁ גְהֶערִיג צוּ הִיטֶען · דַאס עֶר פוּן זְנוּת · וְכָל מִינֵי קְרִיבָה לַעֲרָיוֹת חִיבּוּק וְנִישׁוּק מְחוֹלוֹת אוּנ עָוֹן זֶרַע לְבַטָּלָה אַיינְגֶעצַיימְט זַיין זָאל · נֶעמְלִיךְ דַאס עֶר זַיין הֶערְץ אוּנ אוֹיגֶען נִיכְט מְטַמֵא זַיין זָאל אוֹיף נָשִׁים צוּ זֶעהְן אוּנ הִרְהוּרִים רָעִים שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען נָאךְ צוּ דֶענְקֶען (אָהְנֶע דֶען בִּיטֶערֶן עוֹנֶשׁ וָואס עֶר בַּיים יוֹם הַדִין וִוירְד מִיסֶען לַיידֶען) פֶערְאוּרְזַאכְט דִיא עֲבֵירָה נָאךְ דַאס זַיין תְּפִלָּה פֶערְוָוארְפֶן וִוירְד : וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט גַם כִּי תַרְבּוּ תְפִלָּה אֵינֶנִּי שׁוֹמֵעַ וֶוען אִיהְר נָאךְ אַזוֹ עֶרִינְסְט בֶּעטֶעט וֶועֶרדֶע אִיךְ עֶס נִיכְט אַן גֶעמֶען · כִּי יְדֵיכֶם דָמִים מָלֵאוּ וַוייל אַייעֶרֶע הֶענְד זִינְד פָאלֶער בְּלוּט · נֶעמְלִיךְ דֶער חֵטְא דַאס מַאן פֶערְגִיסְט זֶרַע לְבַטָּלָה אִיז אַלְס וִויא רְצִיחָה אוּנ שְׁפִיכוּת דָמִים.

וַוייל דַאס אַיין גְרוּנְדְשְׁטַיין אוּנ וָוארְצִיל פוּן אוּנְזֶער תּוֹרָה אִיז דַאס דֶער יֶענִיגֶער וָואס עֶס זָאגְט אִיךְ גְלוֹיבּ אָמֶתְדִיג אַן דִיא גַאנְצֶע תּוֹרָה · נוּר אַן אַיינֶען פָּסוּק נִיכְט. אָדֶער עֶר זָאגְט אִיךְ גְלוֹיבּ אַן תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אוּנ אַן תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה נוּר אוֹיף אַיין קַל וָחוֹמֶר אוּנ גְזֵירָה שָׁוָה נִיכְט · זָא אִיז זַיין נָאמֶען כּוֹפֵר בְּעִיקָר אוּנ הָאט קֵיין חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא · אוּנ דָער וִוירְד גְרֶעכֶענְט אִין דֶען כְּלַל אַלְס עֶר הֶעטֶע גְזָאגְט דַאס עֶר אַן דִיא תּוֹרָה אִין גַאנְצֶן גָאר נִיכְט גְלוֹיבְּט -- נוּן אִיז רַחֲמָנוּת אוּנ מִיט לַיידוּנְג צוּ הָאבֶּן אוֹיף מַאנְכֶע דִיא זִיךְ פִידֶערְן אִין יִרְאַת שָׁמַיִם וֶוענְ פְּדִיָּה אוּנ אָבֶּענְר אִין

ישׂראל

שוהל געהן . אונ באשמורת פארטאג תהלים אונ מעמדות זאגן . אונ זיא שונאים דיא תורה זינד . דאס זיא נימאהל צו תלמידי חכמים געהן אונ קיין ספרי מוסר זעהן ווילן . אונ גראסע קמצנים זינד דאס זיא דיא ארמען ניכט מיט דען גרינגסטן אונטערשטיצען טוהן . דאס מאן צו זאלכע זאגן זאל . איהר זייט יא מיט אייערע תפלות אונ תהלים זאגן מוסיף כח פון סט"א דא זאלכעס ביא השי"ת ניכט אנגענאמען ווירד . פיל מעהר ווייל זיא קיין השגחה אויף איהרע קינדער האבן דאס זיא נור בדרכי הצניעות והיראה געהן זאלן . אונ יעדע עבירה דיא איין מענש צוריק האלטן קאן ווען ער עס ניכט טוהט . זא ווירד עס איהם גערעכענט ביים יום הדין אלס העטע ער דיא עבירה זעלבסט געטוהן -- וויא אויך דאס ער ניכט פערגעסן זאל (ווען אויך דאס ער יעצט אין וועג פון יראת שמים געהט) וויא זיינע פיהרונג אין זיינע יונגע יאהרן אויס גזעהען האבען . וויא פיהל משחיתים אונ נגעי בני אדם דיא ער דאמאל ערשאפן האט . ווייל ער ניכט געהעריג אויף שמירות ברית קודש אכט געגעבן האט . אונ ווען ער הייטע ניכט זעהט צו טראכטן זאלכע מיט גראס תשובה אינ צדקה אום צו ראטין אונ צו פערניכטן . זא ווירד איהם דאס זעלבסט דאס ער יעצט נאך מקיים יענע קליפות איז . פיר איין גראסע עבירה גערעכענט . דארום יידישע קינדער פאלגט דיא היילינע תורה אונ געוועהנט אייך דאס איהר בעלי צדקה אונ גומלי חסדים זיין זאלט . אונ זייט קובע עתים לתורה איין יעדער נאך זיין פערשטאנד . וויא ווייט דאס ער קאן . איבער הויפט פערגעסט ניכט דאס דער נאמן פון יידישע קינדער איז עם קדוש . אין דען איז פערשטאנען דאס מאן שומר ברית קודש זיין זאל . דארום זעהט מתקן צו זיין אום צו בעסערן וואס נור אין אייער כח שטעהט דאס איהר ניכט בנים משחיתים אויס שווייפענדע קינדער גערופן ווערדן זאלט . זאנדערן זרע קודש מצבתה --

**שאלה סו** דיא מצוה דאס מאן איינן אלטן מכבד זיין זאל . איז דאס איין כלל מספיק אהנע אום נאמע אודער ניכט .

**תשובה** וועלכע עלטער אונ וועלכעס לאנג לעבן איז איין פראכט אונ איין קראהן ווען מאן זיינע יאהר אויף אזו איין ארט פרלעבט האט . דאס מאן זיך יעדען פראיבער געגאנגנן טאג אייגען גמאכט האט . נעהמליך דאס ער דען טאג אלעס מעגליכע געטוהן האט נאך זיין כח השי"ת צו דינען נאך פארשריפט פון דיא היילינע תורה דען ווען דען מענשענס יום פקודה שטערב טאג קאמט זא קאמען דיא טעג פון זיינע גאנצע לעבענסצייט איהם צו בגלייטן אונ זאגן עדות פיר דען בורא ב"ה וועלכע מעשים טובים דאס ער מיט זיא מקיים געוועזן האט . נעהמליך איך יום רביעי מיטוואך עשרה לחודש ניסן .

# כלל ז שאלה סו

ניסן שנת תקפ"ו קיים בי ראובן בן לאה להיות כל מו"מ באמונה צעהן טאג אין חודש ניסן אין דען יאהר (תקפ"ו) האט ראובן בן לאה דיא פארשריפט פון דיא תורה טרייא נאך געפאלגט דאס זיין גאנצער האנדל וואר באמונה אין אלע הינזיכטן · קיין גזל · קיין בעטרוג . קיין הסגות גבול · קיינע פאלשע געוויכטער פיר איין יעדן מענשן גוי אדער ייד · אונ דער אנדערער טאג זאגט עדות דאס ער זיך בשטרעבט האט דיא מצוה פון גמילות חסדים נאך צו געהן · ארמע צו אונטערשטיצן . קראנקע אויף צו העלפן · דער אנדערער זאגט עדות דאס ער זיך פיהל במידט האט מיט דיא מצוה פון דען אמתדיגן גמילות חסדים מענשן צו אונטערריכטן צו אונטערוויזען דען וועג פון תורה אונ יראת שמים דאס זיא פון איהרען שלאף אויף וואכען זאל אד"ג] דען דער מענש דער נור זיינע טעג פרלעבט תענוגים אונ הבלי עולם הזה נאך צו געהן · גדולה · כבוד · געלד · גיטער . הייזר צו פרשאפן · וויא מעהר דאס ער יאהרן פרלעבט ניכט נור דאס ער ניכט פרדינט פיר זיינע עלטער דאס מאן איהם רידמען אונ נוהג כבוד זיין זאל · זאנדערן צו שענדן איז ער דאמיט אונ פרדינט דען נאמען שוטה גערופן צו ווערדן · דער טעם דאפון איז · דען ווען מאן איינן איין רייניש כסף שענקט אונ ער איז ניכט פאר זיכטיג דארויף אכט צו געבן דאס ער עס ניכט פרליהרן זאל · זא ווירד ער פיר דען · שוטה גערופן . נון וואס איז דען געלד אין גאנצען ווען עס נאך אזו פיהל איז ווען ער עס אין בעזיץ האט · איז עס יא נור איין געגנום פון איין חיי שעה דעננאך ווען ער ניכט דארויף אכט גיבט אונ ווען עס אויך נור וועניג איז · ווירד ער שוטה גערופן · פילמעהר אונ מעהר ווען ער זיינע לעבענסצייט אוננייצליך פרבייבר געהן לאסט ודא באמת דיא צייט דאס טייערסטע אין דיא וועלט איז וייל מאן זיך אין איין שעה עולם הבא קויפען קאן · פילמעדר אין איין טאג · איינע וואכע · איין חודש · איין יאהר . אונ פיהלע יאהרן] דאס זיין שם העצם שוטה אונ כסיל איז · דא דער פרפלאכענער טאג ניכט מעדר צוריק צו שאפן איז · וויא קאן דען איין זאלכע עלטער לויבענם ווערדט זיין דא ער ביים יום הדין זאגן ווירד [ווען ער זיך נאקיט אונ בלאס פון תורה אונ מעשים טובים זעהן ווירד] יאבד יום אולד בו וטוב

ממני

ממני הנפל דער טאג העטע זאלן פרלארן געהן וואס איך בין געבארן וואהדן · דער וואס אלס נפל געבארן איז · איז פארציגליכר פון מיר. אונ ווירד פיר גרוס צער זיך זיינע האר רייסען מיט דען ווארט וויא האבע איך אוף מיר זעלבסט גקאנט איין אזו גרוסער אכזר זיין · דען וואס האבע איך הייגטע פון דיא אלע דומהייטען פון שלוה · ומשתה ושמחה וואס איך מיין גוף דאמיט פרגעניגט דאבע . אונ דאדורך דאס חיי נצחיי פון מיין נשמה נעהמליך יידישקייט צו האלטן פרנאכלעסיגט · דא ער פון זיינע פרלעבטע זיבציג יאהר פילייכט נור פיער אדער פינף יאהר דיא ער צו זאמען ברענגן ווירד קאנן וואס ער מאנכעם מאהל מאנכע שטונד זיך בעדינט האט מצות הי מקיים צו זיין -

עס איז אבער דיא פראג ווען איין מענש זיך פראירט האט וועם זייא דיא אורזאך וואס אימער . דאס ארט · דיא געגענד וויא ער וואהנט · אדער שלעכטע גזעלשאפטן · אדער דאס ער נימאלס מיט דיא מנהיגי האמת אמתדיגע פיהרער צו זאמן גקאמן איז] אונ דארורך פיהלע יאהרן פרשוועגדעט האט · אונ צו לעצט זעהט ער איין דאס שלמה המלך אמת גזאגט האט דאס דען מענשענס תכלית פון זיין גאנצעם לעבן אוף דיזער וועלט איז נור ווען ער זיך בשטרעבן טוהט וועגן זאלכע זאכן צו ערווערבן דיא איבער דיא זון זינד · נעמליך תורה אונ מעשים טובים · זאלכע שעצע אונ רייכטוהם אבער וואס אונטער דיא זון איז · איז אלעם אונניצליך · אונ בדענקט זיך יעצט וואס ווערדע איך ביים יום הדין תשובה געבן ווען מאן מיך פרעגען ווירד וויא אזו אונ אוף וועלכער ארט האסט דוא דיינע יאהר פרלעבט. אונ זיין געוויסן קוועהלט איהם אונ קרענקט זיך זעהר דאריבר · איז דען מעהר קיין מיטעל פרהאנדן וויא מאן זיך זאלכע פרגאנגענע צייט צוריק שאפן קאנטע - איז דיא תשובה אוף דיזע פראג דאס דער מענש זיינע האפנונג אוף דען ניע פרלירען זאל · ווייל השי״ת זיין גאהמען איז רוצה בתשובה ער איז צו פריעדן דאס איין מענש תשובה טוהט · אונ ווען ער אוך זיינע גאנצע לעבענסצייט פרלארן האט · אונ צו לעצט זיך ערשט ערוואכט · אונ צו איינזיכט אונ שכל קאמט · איז איהם השי״ת אוך מוחל זיינע עונות דאס ער פון

# כלל ז שאלה סו סו

נון אן ניכט מעהר דען נאהמן רשע אונ עבריין האט (*

**שאלה סו** אב זאלכעס מעגליך איז . דאס מאנכער קינדר לאז איז ווען אוך דאס ער פילע קינדר האט . אונ איין אנדערער ווען אוך דאס ער קינדר לאז איז . באמת דאך קינדר האט .

**תשובה** וייל דיא מעשים טובים דיא איין מענש מקיים איז דיא ווערדן אהנגערופן תולדות זיינע קינדער . אונ בייא זיין אב לעבן ניכט נור דאס זיא איהם בגלייטן . זאנדערן אויך פאר אום געהן איהם צו בשיצען פון חיבוט הקבר . אונ מליצים טובים פיר איהם צו זיין ביים יום הדין . אבער דיא אנדערע קינדער וואס קרוצי חומר אום ליים געפארמט זינד . דא זיא נור איהם בגלייטן קאנען ביז צום בית הקברות אונ ניכט ווייטער . פרדינען זיא נור גערופען צו ווערדן שטיף קינדער , דאריבער ווער שכל האט , דער פרשטעהט דאס נור דיא מעשים טובים פרדינען דען נאמן אמתדיגע קינדער גערופען צו ווערדן . דארום איז צו שרייען וועהע אונ אך וויא קאנען מענשן אזו בלינד זיין אונ עובר שארו אכזרי אוף זיך אליין הארטהערציג צו זיין . דאס וועגן זיינע שטיף קינדער בשעפטיגט ער זיך אונ פלאגט זיך כל ימי חייו זיא צו פרזאגן מיט אלען מעגליכען קאסט . קליידונג . תכשיטים . אד"ג . אונ אלעס אוף דיא שענסטע בעסטע ארט צו ערפילען איהרע אלע ווינטשע . אונ ווען ער זיא צו זמן חתונה איין גרוסען נדן געבן קאן זא שעצט ער זיך גליקליך דאמיט . אונ דיזעס אלעס טוהט ער וועגן רחמי האב על הבן . נון זאג מיר נור ווען דו זאלכעס פיר שטיף קינדער טוהסט . וואס ביזט דוא ערשט שולדיג צו טוהן אונ וויא ווייט מעהר איז דער חיוב פפליכט

דאס

---

(* דאס פערש טעהט מאן פון זיך זעלבסט דאס דיא מדריגות התשובה פון פערשידענע קלאסן זינד . דען אינו דומה עס איז ניכט גלייך ווען איינר אין זיינע יונגע יאהר וויא ער אלע גלעגנהייט דאצו האט פילעס שלעכטעס צו טוהן אונ דאך זיך צוריק האלט וועגן מורא שמים פארכט פאר הש"ית זא איז ער יא געוויס גרעסר אונ העכער אלס דער וואס אלעס שלעכטעס מיט געמאכט האט . נור דאמאלס וייל ער שאן זעהט דאס דער יום המיתה רוקט נעהער . זא איז ער דאן מתחרט .

דאס דוא דיך פלאגן אונ במיהען זאלסט פיר זאלכע קינדר דיא דייגע אמתדיגע קינדער זינד · פיר זאלכע קינדער דיא דיך ביא דיין אב לעבן זעהר ווייט בגלייטן ווערדן · פיר זאלכע קינדער דיא דיך בשיצן אונ מגין זיין ווערדן פיר דען עונש המר ביטערן שטראף פון חיבוט הקבר · פיר זאלכע קינדר דיא דייגע מליצי יושר זיין ווערן ביים יום הדין הגדול והנורא · אונ ניכט נור דאס מאן צו דיא אמתדיגע קינדר ניכט זא טרייא איז · זאנדערן אויך מאנכעם מאהל איין עוכר שארו אכזרי איז · דאס ער גורם איז זיא פון דיא וועלט אום צו רייסן · וויא דער פסוק זאגט חוטא אחד יאבד טובה הרבה איין עבירה קאן פראורזאכען פיהלע מצות דאדורך צו פערלירען --

**שאלה סה** איין מענש דער איין עקר איז אונ זיך דאדורך עלענד זעהט : וויא אזו מאן איהם טרעסטן קאן ·

**תשובה** דא איין מענש נור שטערבליך אונ פערגענגליך איז · אונ דיא משנה האט אונז געוואהרנט דאס מאן דען שטערב טאג ניא פרגעסן זאל מיט דען ווארט (ולאן אתה הולך) געדענקע אימר וויא דוא היען געהן מוסט · אזו האט אויך קהלת מזכיר געוועזן זכור את בורך דוא זאלסט תמיד געדענקן אן דיין גריב וויא מאן דיך אריין לעגן ווירד · דאריבער איז דיא מצוה דאס איין מענש זאל מעמיד תולדות זיין זאל זיך בשטרעבן קינדר צוריק צו לאסן דאס דאדורך ביא זיין אב לעבן זיין נאמן ניכט פרמעקט זיין זאל זאנדערן אויף זיין זאהן גערופן ווערדן ווירד · דאריבער ווען איין מענש ניכט זוכה איז קינדר צו האבן · איז ער זיך מצער אונ זעהט זיך אין איין עלענדן שטאנד · דאס ער גרופן ווירד עקר אונפרוכטבאר דא ער קיינע תולדות צוריק לאסן ווירד · זא ווירד יא זיין נאהמן איינסט ניכט מעהר געדענקט ווערדן אונ אויך אימר פרלאשן זיין · דער אבר וואס שכל האט פרשטעהט דאס ער זיך אומזאנסט מצער איז · דען דיא אמתדיגע תולדות דיא איין מענש שולדיג איז דאס ער זיא מוליד געווינן זאל · דאס זינד נור תורה ומעשים טובים · אונ פון דיא איז קיינער אום געשלאסן -- אונ ווען איינער זיינע

לעבנסצייט

# כלל ו שאלה סח

לעבנסצייט אונגליקליך פאראיבער געהן לאסט . דאס הייסט ער בעמיהט זיך ניכט צו ערווערבן תורה ומעשים טובים . ווען גלייך דאס קינדער אונ ענקליך האט ער זעהר פיעל . איז ער דאך דער אמתדינגער עקר . ווייל בייא זיין שטערב טאג זיין גראסע פאמיליע אונ פיעלע קינדער דיא ער צוריק לאסט קענן איהם זעהר ווניג בעגלייטן . פיעל ווניגער ניכט רעטן אדער בעשיצען פון דען יום עברה וימי החשך ביטערן שטערב טאג . אבער יענע תולדות וואס עס זינד תורה ומעשים . אויף דיא זאגט דער פסוק והלך לפניך צדקך . בהתהלכך תנחה וכו' בייא זיין לויה געהן זיא פאר אום . בשכבך תשמור עליך ווען ער אין קבר ליגט בעשיצן זיא איהם פון דען גרוסן עונש וואס עס ווירד געריפן חיבוט הקבר . והקיצות היא תשיחך . ווען זיין יום הדין קאמט זינד זיא פיר איהם גוטע מליצים .

נון דא דען מענשענס לעבן אויף דיזער וועלט איז נ"ר דאס ער זאל מעמיד תולדות זיין נעמליך דאס ער זיך בשטרעבן זאל דיא תרי"ג מצות אונצעליגע מאהל מקיים צו זיין אונ זאל זיך דורך איהנן פערדינט מאכן איין אונגעהייערן גראסן אונאופהערליכן שכר . אונ ווייל זיא נור אליין זינד דיא אמתדיגע קינדער . זא איז ער שולדיג נור זיין גרעסטן טייל פון זיין לעבנסצייט וועגן יידישקייט צו פערווענדן . אונ זאל אין דיזער הינזיכט מיט זיך ניא צו פריהן אונ שמח בחלקו זיין -- דא יענער וועג זעהר וויט איז זא דארף דיא צדה לדרך ניכט ווניג זיין . זאנדערן ער זאל זיך אונאופהערליך צו יעדע צייט בשטרעבן אימער פארט מעמיד זאלכע תולדות צו זיין -- נעמליך אין ארמען אדער אין רייכען שטאנד . אין דיא יונגע אדער אין דיא עלטערע יאהרן . אין געזונדן אדער אין קראנקן שטאנד . דא אבער דער יצר לב אדם רע מנעוריו איז . אונ דען מענשענס שטאף נור אום חומר ליים איז . זא איז ער פון זאלכע בשעפטיגונג ניכט נור דאס ער זיא ניכט ווינשט . זאנדערן זעהר אב געניגט אונ ווינשט נור נאך צו געהן תענוגי עולם הזה ותאותו . כבוד וגדולה . אוהב בצע וואס איין יעדעם אליין דען מענשן שטערט פון מצות ד' מקיים צו זיין . פיעלמעהר מיט זאלכע צייטן דאצו דאס דיזעס אלעם ניכט אים שטאנד זיין זאל איהם צו פערהינדערן דאס ער מעהר קיינע תולדות

זאל מוליד זיין . אדער אויך דאס זיא איהם ניכט מבלבל זיין זאלן און זיין שכל צו פערמישן דאס דיא עבודה פון יענע צייטן זאלן קטנות באיכות זיין . דאריבער האט השי"ת אונז געגעבן דיא מצוה פון תורה לערנן (דא דיא יידישקייט בשטעהט אין צוויא טייל . דאס ערשטע איז דאס מיר געבאטן זינד מצות צו טוהן בקום ועשה וען מיר דען רצון ה' טוהן ווילן . זא מיסן מיר דאצו איין מעשה בפועל טוהן . געמליך ער מוס איין סוכה מאכן . ער מוס איין אתרוג געמן . ער מוס תפילין לעגן . ער מוס ק"ש זאגן אד"ג . און דאס חשיבות פון דיא מצוה איז נור ווען זיא מיט גרוס שמחה און לוסט און פייעריגע אהבת ד' ליעב צו השי"ת געטוהן ווירד . דא אבער צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו דאס דער יצה"ר זיך בשטרעבט דען מענשן אויף אזו וועג צו פרפירן דאס ער זיין עוויגעס לעבן פון עולם הבא פרליהרן זאל . זא זעהט ער איהם מסית צו זיין צו איבר רעדן דאס ער פויל און טרעג זיין זאל און דיא מצות גאר נים צו טוהן . און ווען ער זעהט דאס ער צו דען ביא איהם צו שוואך איז . טראכט ער וועניגסטענס איהם אזו וויט מסית ומדיח צו זיין צו פערפיהרן דאס ער ווירקט ביא איהם דאס דיא אהבת ד' אב געקיהלט ווירד און דאדורך זינד שון דיא קיום המצות ביא איהם גרינג גשעצט און גלייך גילטיג . אזו דאס ווען ער זיא מקיים איז זא איז עס נור בדרך מצות אנשים מלומדה וויא איינע געוואהנהייט . קיין אהבה . קיין לוסט . קיין שמחה . נור טרויריג און לעיל ולמשא צו לאסט . דארום דיזעס צו פרהיטן איז ער שולדיג דאס ער זאל זיך מתאבק זיין בעפר רגלי החכמים איינשטויבן לאסן פון דען שטויב פון דיא פיס פון דיא חכמים . און מיט דארשט און לוסט אידרע רעד פון דברי תורה ומוסר צו טרינקן אדער ער זאל זעלבסט געהן אין בהמ"ד און זאל לערנן תורה . זא ווירד זיא ביא איהם ווירקן להלהיב את לבו בחמימות אש אהבת ד' זיין הערץ אויף צו פייערן צו דיא ליעב צו השי"ת און צו זיינע מצות דאס דאדורך דיא קיום המצוה זיין ווירד בבחינות רשפי אש שלהבת יה מיט ברענענדע פייעריגע שמחה -- דאס צווייטע איז זאלכע זאכן דיא אונז דיא תורה אויך גבאטן האט דאס מיר עס ניכט טוהן זאלן . און דאס מיר

זאלן

# כלל ז שאלה סח

זאלן פון זאלכע ערוויטערט און אב געזאנדערט זיין . און דער יצר הרע דער דען מענשן מסית איז . זעהט אלעס מעגליכע צו טוהן דאס ער אין זיין הערץ דאס פייער פון די תאות עבירה ליידענשאפט צינדעט דאס ווען שוין די תאוה אין גראסן פייער איז . זא פערגעסט ער דאן אן השי"ת און איז די עבירה עובר . זא איז דער מענש שולדיג ווען ער זאלכעס זעהט . זיך (מדבק) צו בהעפטן אן תורה לערנן . וויא דער פסוק זאגט כל צמא לכו למים דער וואס דארשט צו די עבירה האט . זאל געהן צו די תורה וואס געגליכען איז צו וואסר . זא ווירד זיא ווירקען ביא איהם . דאס פרעמדע פייער פון די תאות צו פערלעשן *) די אילת אהבים איז . זיא ערוועקט די ליעב צו השי"ת . זיא איז איין תבלין דאס מאן קאן דורך (דדיה ירווך בכל עת) דאס נחת פון תורה לערנן טוהט אימער דען מענשן זעמיגן און פערגעניגן . אייפער און פייער צו אהבת ד' אין הערץ דורך איהר איינדרינגען און די אויגן עפענט . זא דאס ער דורך איהר זעלבסט איינזעהט דאס אלע הצלחות אונטער די זון נור איין הבל נדף איז . און שטארק געניג זיין און פעסט שטעהן אין די יראת שמים אין די עבודת ה' . און זיך ניכט לאסן צוריק שרעקן דורך דען יצר הרע און טרדות עולם הזה בשעפטיגונג פון עולם הזה . זאנדערן נור מקרבתו לידי זכות ומרחקתו מן החטא איז זיא טוהט איהם געהרן צו מצות און ערוויטערן פון עבירה . נון דא

דער

---

*) צו מעהרערע איבר צייגונג דאס דיזע אבינע דער אמת וצדק זינד . זעהע דיך אום אויף זאלכע מענשן די גימאלס ווינשן זיך מדבק צו זיין אן צדיקים . און טוהן זיך אויך ערוויטערן פון תורה לערנן . און מאכע דיר אויף איהרע ווענ און פיהרונג איינע נעניגע בטראכטונג דאס פילע מצות וואס עומדין ברומו של עולם וואס זעהר אין גראסן ווערט שטעהן והם דש'ן אותו בעקב און ביא איהנן זינד זיא גרינג געשעצט . וויא נעמיין איהר תפלה אין איכות איז . וויא מצות ברכת המזון איז ווא זיא נזהר זינד . אכט נעבן אן ברכת הנהנין אויף דיא ברכה פיר איין יעדן נענוס . נור בזורק ברכה מתוך פיו ניכט דייטליך יעדעס וווארט צו רעדן . וויא זיא נזהר זינד אן שמירות פה ולשון ועינים און גאוה ועגוה . וכעס . איז פון דען אלען דיא אורזאך דאס זיא זיך ניכט בערינן און בעגיצען דאס תורה לערנן וואס עס איז דיא מפוה די מאשין דאס פייער פון דיא אהבת ד' אויך צו פראמען און דאס פרעמדע פייער צו פערלעשן ...

דער וואס קיינע קינדער האט ווירד גערופן מת . אונ דער וואס קינדער האט ווירד גערופן חי . אונ דא מיר שוין יעצט וויסן דאס דיא אמתדיגע קינדער זינד נור דיא מעשים טובים וואס איין מענש טוהט . אונ דיא קינדער קאן מאן נור ערלאנגן ווען מאן זיך בהעפט אן תורה לערנן . זא קאן שון איין יעדער פרשטעהן וויא טייער . וויא גרוס דער ווערט פון תורה לערנן איז . דא נור זיא אליין קאן דען מענשן ביא שטעהן געגן דען יצר הרע צו שטרייטן --- נון וואס איז אלעם איין מענש שולדיג צו טוהן אונ אלעם מעגליכע אן צו ווענדן דאס ער זיך בהעפטן זאל אן דיא מצוה פון דיא הייליגע תורה צו לערנן . ווייל זיא נור אליין האט דען כח קראפט איהם צו העלפן דאס ער קינדער האבן זאל . זאלכע קינדער דיא אמתדיגע קינדער זינד · אונ דורך איהנן ווירד ער גערופן ווערדן חי — געמליך דאס ער זוכה איז צו איין אזו חיות וואס חיי נצחיי איז איין עוויגעס לעבן .

דאס זיך אבער מאנכער ניכט מצער זיין זאל אונ וויינענד זאגן צו השי״ת וואס זאל איך ארימער מענש פון וויסענשאפט דער תורה טוהן . דא איך קיין גמרא . קיין מדרש . קיין זוהר . ניכט קאנן טוהע . וויא קאן איך זוכה זיין דאס איך דיא אמתדיגע קינדער ערלאנגן זאל . דארום גיב איך דיר נאכריכט דאס דיא תורה איז איין ירושה פיר אין יעדן דער נור איין יוד איז . דען ווען דוא דיך בשעפטיגן טוהסט ספרי מוסר צו זעהן אויף יידיש טייטש . מנורת המאור . קב הישר . שמחת הנפש . שבט מוסר . לב טוב . ווערדן דיר זאלכע אוך ביא הילפיג זיין אונ פערשאפען דאס דוא זאלסט קאנען זיין איין אמתדיגער ערליכר יוד אונ דאדורך צו דיא גוטע קינדער קאמן קאנסט :

## כלל ח לוקח נפשות חכם ובו ט שו״ת

**שאלה מט** וויא גרוס דיא טובה פיר דען דור איז ווען זיא אמתדיגע מנהיגים האבן .

**תשובה** דיא חומה וואס אין איהר כח שטעהט יידישע קינדער צו פרפעסטיגן . מענר . ווייבר . בחורים ובתולות . צו

# כלל ח שאלה סט

יעדער צייט דאס דיא יודישקייט [ווען גלייך דאס זיא גראס איזט אונ זיא בשעפטיגט זינד וועגן מחיה אונ כלכלה פרנסה צו זיכען וואס זאלכעם פערוואהרלאזט שבורת ולא מיין צו זיין . דאס זיין שכל פרמישט ווירד וויא איין שיכור . נון וויא זעהט דען אום דיא תורה אונ דיא עבודה פון איין שיכור] דאך ביא איהנען פעסט אונ שטארק געניג זיין זאל . איז דאס יידען האבן בכל דור ודור אין איין יעדען צייטאלטער גוטע מנהיגים אונ טרייע פיהרער . אין דען ווארט מנהיג האמת איז פרשטאנן דאס ער מוס בעטראכטן אנשי דורו אדער אנשי מקומו דיא מענשן פון זיין דור אדער פון זיין שטאדט . אלס זיא זייגע קינדר וועהרן פיר איהנן צו זארגן מיט אלען מעגליכן וואס איהר טובה אונ איהר גליק איז א) וויל פיעל

פון

---

א) דען דיא ליב אונ רחמנות וואס יעדר פאטר אויף זיין קינד האט . איז ניכט גענוג ווען דאס קינד הונגער האט אונ פערלאנגט פון דען פאטר ברויט דאס ער עס איהם געבן זאל . זאנדערן ווען ער אויך ניכט בגערט מוס ער איהם אויף פאדערן אב ער עס וויל . אונ נאך מעהר אונ ווייטער ווען דאס קינד ניכט עסן קאן וויל ער ניכט רעכט געזונד איז . אונ דאריבר ניכט פון דען פאטר עס פרלאנגט . מוס זאלבעס דען פאטר זארג מאכן ווארום ער ניכט פרלאנגט . דאס ער טראכטן מוס דורך פרשידענע היילמיטעל ביז ער איהם אויף אזו שטאנד ברינגט דאס ער שאן רעכט גזונד ווירד אונ רייץ אונ לוסט צום עסן האבן זאל . אונ דאן פון דען פאטר זאלבעס פרלאנגן ווירד . דארום זאלסט דוא וויסן ווען דוא זעהסט פילע פלעצר אודר גאנצע שטעדט וויא אויך געגענדען וויא דיא יודישקייט אונטר בראכן אונ געשוועכט איז . אונ דען לוסט אונ וואונש תורה צו לערנן אונ צו צו הערן איז ביא איהנן גאנץ פרעמד אונ ווייט דאס זיא זאלכעס גאר ניכט ווינשן טוהן . זאלסט דוא זיא דאך ניכט בעטראכטן דאס זיא שאן גאנץ לאחר יאוש האפענונגס לאז זינד . דען: דען יסוד גרונד שטיין זאלסט דוא דיר אימער פיר דיא אויגן האלטן דאס דער מקור קוואל אונ ווארצל פון יידען זעהר גראס אונ טייער איז דאס דיא תורה עדות זאגט ומצאת את לבבו נאמן לפניך דאס דאס הערץ פון אברהם וואר טרייא צו השי"ת . וויל דיא תורה זאגט את לבבו מיינט מאן דאמיט דאס זייגע קינדר אונ קינדס קינדר עד דורות עולם ביז אין דיא עוויגקייט אויך אין דען פערשטאנן זינד דאס דאס יודיש הערץ גיע אויף הערן ווירד. ווען ניכט דיא קויל אונ דאס פייער פון אברהם אבינו אין פאלען פלאם ברענט. אודר דאס זיא גאנץ פרלאשן זיין זאל חלילה וחלילה. אומזאנסט איזט

ניכט

פון דעם המון עם דורך איהרע אונוויסענהייט פון דיא תורה מלא שגגות פאלער פעלער זינד . זא מוס ער זיא אונטערריכטען פון זאלכע דינים וואס שכיח זיך אפט ערייגענט אונ נאהטווענדיג זינד . אונ אויך דאבייא איהנען צו פערשטעהן געבן פון איין יעדען דען חומר האיסור דיא וויכטיגקייט פון דיא עבירה .) אונ מוס מתפלל זיין צו השי"ת דאס

זיין

---

ניכט דער נאמען פון יידען מאמינים בני מאמינים. זאנדערן דיא אורזאך דאס איהר נשמה ניכט רעכט גזונד איזט אונ שוואך אין אהבת ד' אונ אהבת התורה איז. אזו דאס זיא קיין לוסט אונ קיין וואונטש האט זיא צו ערלאנגען דאס זיא זיך גאר ניכט בעשטרעבט דאס זיא זיא ערדייבען זאל. איז נאר וועגען געוויסע פערשידענע אורזאכען . ענטוועדער דאס זיא ניטאלס איין ידיעה וויסענשאפט אודר אויך קלעהרונג פון אונזער תורה געהערט האבען וויא ווייט דער גרוסער ווערט פון דיא תורה געהט. אונ וויא גרוס אונ אונענדליך איז דער שכר פון איין יעדען יידען ווען ער דיא יידישקייט טרייא אונ ערליך האלט. אונ דאס זיא וויסען זאלען דאס איין עין רואה עקזעסטירט וואס אויף איין יעדען מענשענס שריט השגחה אויף זיכט האט. אונ ער בעלאנט אונ בעשטראפט. אונ בייא דען יום הדין איז קיין פערגעסענהייט אונ קיין נשיאות פנים ריקזיכט . אודר פון דיא פילע טרדות הזמן אונ פון דיא שלעכטע געזעלשאפטען מיט דען זיא אפט צו זאמען קאמען. האבען זיא זאלכעס פערגעסען אונ זינד פערפירט ווארדען. אונ דער גלייכען אנדערע אורזאכען . דאריבער מוסט דוא דיך זעהן צו בעשטרעבען מיט פערשידענע מיטעל פון רפואות הנפש דיא דיא נשמה היילען קאנען . זיא אויף זאלכען שטאנד צו בריגנען דאס דיא אהבת ד' בייא איהנען אזו ערוועקט ווירד דאס זיא זאגען זאלען למדני לעשות רצונך. הורני דרכך חוקיך. יחד לבבי ליראה את שמך מיר ווינשען דען אונטעריכט אונ דיא אויף קלערונג פון דיא יידישקייט צו הערען --

געמליך דען דין פון גוף נקי . (עיין לעיל כלל א שאלה יב) דאס זיא דיא מצוה פון תפילין גוט מקיים זיין זאלען. דאס זיא נור זאלכע קויפען זאגען פון איין סופר ירא שמים . ניכט פון דיא עוברי אורח דורך רייזענדע אודער פון מוכרי ספרים בוכהענדלער . אונ דאס זיא דיא תפילין אויף דען געהעריגען פלאטץ לעגען זאלען. (עיין לקמן כלל י בכרוז על ז' דברים). אונ דאס זיא טעגליך עטוואס תורה לערנען זאלען . אונ זאל איהנען דאבייא זאגען דאס אזו איינער וואס ניכט אנדערסט קאן נור יידיש טייטש לייגען . דאס איז אויך איין טייערע מצוה בייא השי"ת . אונ דאצו איהר הערץ אויף פייערן דאס זיא זאלכעס ניכט פערגרינג האלטען זאלען וויל זיא קיין גמרא אונ קיין משניות לערנען קאנן . דא דער עיקר תכלית פון לערנען נור איז דאס מאן יראת שמים

האבן

# כלל ח שאלה סט

זיין הדרכה אונ תוכחה אונטעררוכט אונ אונטערוויזן זאל ביי דיא וועלט אנגענאמן ווערדען אונ אויף דיא פושעים אונ חוטאים מוס ער אויפזיכט האבן אין זיין תפלה דאס השי"ת זאל מסבב סיבות זיין פעראורזאכן ערייגניסע דאס זיא חוזר בתשובה זיין זאלן . אונ ווען אויך דאס ער דורך דיא טרדות פון הדרכה . פון זיין תורה אונ עבודה פיהל געהינדערט ווירד . דא אבער השי"ת ווינשט דאס מאן יידישע קינדער צו דיא תורה אונ יראת שמים מקרב זיין זאל . איז ער ניכט נסוג אחור נאכלעסיג זאלכעס צו טוהן . אונ ווען אויך דאס מאנכע איהם פיר דען אוים שפאטן אונ מבזה זינד פראכטן . איז ער דאך אין זיין עבודה פעסט אונ זיך אין גרינגסטן ניכט הינדערן לאסען . נון ווען זיין אהבה צו השי"ת איז אזו גרוס דאס ער וועגן כבוד שמים צו פערגרעסערן אונ עבדי ה' צו פרמעהרן . זיין תורה לערנן פרקירצט אונ דאדורך זיין שכר פון עולםהבא פרוועניגערט . פיהלמער דאס וועגן כבוד המדומה כבוד פון עולם הזה וואס נור איינע פאהרשטעלונג איז . אדער געלד אינטרעסן . דאס ער זאלכעס ניכט צוריק לאסן ווירד . נון ווען מיר זאלכע מנהיגים האבן אונ דורך איהנן יידישע קינדער אין דען אמת וועג פון דיא תורה געפיהרט ווערדען . ווען גלייך דאס מיר אין גלות אין פרעמדען לאנד זינד וויא איין שאף צווישן זיבציג וועלף . זינד מיר דאך אוסער זארג ווייל ווען דיא צייט קאמט דאס מיר הילף בנעהטיגן . קאנן מיר שרייען צו השי"ת אנו בניך ואתה אבינו . אנו צאנך ואתה רועינו מיר זיין דיינע קינדער דוא ביזט אונזער פאטער . מיר זינד דיינע שאף דוא ביזט אונזר היטער . ווען מיר אבער בטראכטען ווילן אונזערן הייטיגן שטאנד אין פיהלע געגענדן דאס דיא מנהיגים אונ רועים נור פיר זיך אליין רועים זינד אום דאדורך איהר פרנסה צו ערלאנגן

---

האבן זאל . אונ יראת שמים קאן מאן זיך פון זאלכע ספרים גענוג ארויס נעמן . אונ דאס זיא איהר געשעפט אויף ערליכע וייזע פיהרן זאלן אין אלע היגזיכטען . קיין בעטרוג . קיין גזל . קיין הסגות גבול . ניכט צו פעלשען מדות ומשקולות אהנע אונטערשיד פיר דען גוי . אודער פיר דען ייד . אונ איבער הויפט פון חילול שבת היטען . אונ דאס זיא ניכט מיט נבילות אונ דברים איסורים האנדלן זאלן . אונ דאס זיא נזהר זאלן זיין פון לשון הרע . רכילות . ליצנות . שנאת חנם . אד"ג —

ערלאנגען אזו דאס זיא איהר תוכחה גענוי אב וועגען פרמעג דען ארט - אונ פרמעג דיא צייט - אונ דאס איין יעדער דאמיט צו פרידען זיין זאל - אונ וויא חילול שבת שכיח איז אונ דיא קצינים דאביא בטהייליגט זינד - זא בשטעהט מייסטענס זיין תוכחה נור אויף צדקה וגמילות חסדים . וויא פריצות אונ עזות אונ התדמות לנכרים, שכיח איז דאס מאן זיך אין אלען צו דיא פיהרונג אונ געברייכע פון דיא גוים פיהרן וויל . זא איז מאן מוכיח אויף ערליכע שוחטים . אונ אין פיהלע געגענדן איז דיא מצות תוכחה גאנץ פרגעסן . אונ דאדורך זיין יידישע קינדער אין היגזיכט תורה אונ יראת שמים אלם וויא יתומים דיא קיין פאטער האבן . וייל מאן אויף זיינע אינטערעסע אונ אייגען נוטץ מעהר חס איז אלם וויא אויף דען כבוד התורה אונ כבוד השמים . אונ דאדורך ווען איין עת צרה איז קאנן זיא יא ניכט זאגן צו השי"ת אנו בניך ואתה אבינו וייל זיא דורך דיא שלעכטע אונטערריכט פון דיא רועים מתעים פרפיהרער זעהר ערווייטערט פון דיא תורה זינד . נון ווען ציון זיך בטראכט אונזר עלענדן שטאנד הייטע . במר תבכה וויינט כנסת ישראל יעמערליך . לבי לבי על חלליהם וועהע מיר מיין הערץ אויף דיא פיהלע הרוגים *) דען דא מיר האבן אזו דור עני ערלעבט וויא דיא מנהיגי האמת זעהר זעלטן אונ זעהר וועניג זינד . אונ דאדורך פראורזאכן עצומים הרוגיה דאס זיא דורך איהרע שלעכטע וועג דאס עוויגע לעבן פרליהרן . דען מה יעשה הבן שלא יחטא וואס איז דאס קינד צו בשולדיגן ווען ער זינדיגט . נון מתי אבוא ואראה פני אלקים ווען ווערדע איך דיא זכייה האבן ירושלים ערבוית צו זעהן. דא דיא עבירה דאס דיא מנהיגים האבן ניכט מדריך גוועזן וויא זיך געביהרט האט גורם געוועזן יידען אום איהר היילגען לאנד צו פרטרייבן . אונ דאס זיא גווארפן זינד אין פרעמדע לענדער . זאל דען חלילה קיין תקוה האפנונג מעהר זיין

דאס

---

*) דער רבינו גרשון וויא זיין זוהן האט זיך ממיר גוועזן געשמד ר"ל האט ער געטרויערט צהייא מאהל שבעה פירצען טאג . וייל ביא דען נאטירליכן טויט איז נור דער גוף פערלארן . דא ער אבער פון דען דת אוים געטרעטן איז אונ דאדורך דיא נשמה פון דען עץ החיים פערשניטן איז . זא איז דאס אבילות פערטאפעלט .

# כלל ח שאלהסט ע

דאס מיר ח"ו אויף אימער פארלארן זינד · ווען נאך היטע די עבירה צווישן יידען זיך בפינדעט --

**שאלה ע** אויף וועלכע ארט דער צדיק זאל די מענשען אב פערטיגן די צו איהם מיט בקשות קאמן ?

**תשובה** ווייל מאנכעס מאהל דער חכם איהם העלפט · אבער נור לפי שעה אונ ניכט פיר אימער · געהמליך דא דער חכם באמת איין גרויסער צדיק איז אונ מאן איז למעלה נושא פנים פיר דען דור וועגן זיינער · אונ ער איז זיך מתאמץ בתפלה שטערקט זיך אונ זאגט רבון העולמים איך בעט דיך שיקע רפואה שלימה דען ראובן בן לאה אדער גיב איהם פרנסה והצלחה אונ ווייל הקב"ה האט לוסט אונ נחת פון די תפלה פון די צדיקים ווירד זיין בקשה פון השי"ת בווילינגט אונ דער קראנקער ווירד געזונד · אבער וויא מאן האט ביים דען ב"ד שלמעלה די מעשים פון דען קראנקען נאך געזוכט · האט מאן זיא געפינען אין איינן שלעכטען שטאנד אזו דאס ער וועגן איהנן פערדינט דאס ער מוס סובל זיין יסורים על ערש דוי יסורים ליידען אויף דען קראנקען בעט · אדער דאס ער מוס לעבן אין עניות ודחקות · אדער ער זאל פון שונאים פערפאלגט זיין · אד"ג יסורים · נור דאמאהלס וויא דער צדיק האט זיך פיר איהם פערווענדעט האט מאן גזאגט מאן זאל פיר יעצט די צרות ופורעניות פערשיבען בזכות דען צדיק · אבער זיינע שטרי חובות וואס עס ווערדן גערופען אקטן האט מאן ניכט צו ריסען · אונ זיא זינד מוכן איין צו קאסירען אין איין אנדערע צייט · ווייל דער צדיק האט איהנן גאר ניכט ערקאנערט אונ געזאגט דאס איהר אמתדיגע ישועה הילף פון אלע בקשות הענגט נור אב · דאס זיא זאלן תשובה שלימה טוהן אונ איהרע מעשים אום בעסערן · אונ דער וואס עס זאגט דאס השי"ת איז איין וותרן דאס ער ניכט אויף יעדע עבירה בשטראפט יוותרו מעיו זאלען זיינע גדערם פארריסען ווערדן ·

אונ עס איז באמת מיטליידונג צו האבן אויף פיהלע פון דען המון עם די וואס בזיצן אמונה אונ האבן ליב צדיקי הדור · אונ מאכען גרויסע הוצאות אום זיא מקבל פנים צו זיין · אבער דער תכלית פון איהר נסיעה רייזע איז נור דאס זיא אויף איהנן זאלן מתפלל זיין וועגן רפואה · הצלחה · גידול בנים בנחת · אד"ג · אונ דיזעס אלעס איז נור על דרך הראשון אויף דען ערשטען אויגען וועג · ובאמת זינד זיא אין טעות · דא די תורה שרייבט אם יעזבו בניו תורתי וכו' ווען זיא פון דען וועג פון די תורה אום טרעטן ווערדן והוכחתיו בשבט פשעם ובנגעים עונם אזו ווערדע איך זיא וועגן איהרע עבירות מיט יסורים ציכטיגען · וכאשר ייסר איש את בנו כן ה' אלקיך מייסרך וויא איין פאטער זיין קינד שטראפט אזו שטראפט השי"ת דען מענשען · אונ אזו לאנג דאס דער פאטער ניכט הערט פון זיין קינד דאס ער איהם פערשפרעכט דאס ער

שאן

שאהן פון נון אן פראס אונ גוט זיין ווירד . ציהט ער ניכט פון איהם דיא צאכט ריט צוריק . אונ דאס וואר אויך דער טעם דאס דיא חכמים האבן געוועזן מודה ווארען איינשטימיג צו חזקיה דאס ער האט גאנז געוועזן פארבארגן דאס ספר רפואות דאמיט איין יעדר קראנקער וויסען זאל . ענדער ווירד ער ניכט געהאלפען ווערדען ביז ער צו השי"ת זיין תורה ערנסט צוריק געהט . אונ אויף זיך נימט איהרע פארשריפט טרייא צו בעפאלגען . אונ זיינע שלעכטע מעשים אוס בעסערט . ווען אבער דער דרך הראשון אויך איין אמת וועג זיין זאל . איז דיא פראג וואס האט השי"ת געווירקט מיט דיא חלאים אונ יסורים דיא ער אויף איהם געשיקט האט —

אבל הנח להם לישראל אם אינם נביאים בני נביאים הם . לאסע גיהע יידישע קינדער . ווען זיא ניכט זעלבסט נביאים זינד . זינד זיא קינדער פון נביאים - אונ דער יסוד גרונד וואס ביי זייא פון אלטע צייטן געגרינדעט איז דאס ווען זיא עטוואס אין פערלעגענהייט זינד געהן זיא צו איין צדיק אום הילף . דער איז מיוסד געגרינדעט אויף הררי קודש היילינע בערג . (דען צו לעצט ברענגט זיא דיא אמונת הצדיקים דאס זיא דאדורך זוכה זינד צום עוויגען לעבן) דא רוב פון דען המון עם זינד ניכט אין דיא מדריגה דאס זיא פרשטעהן זאלן דאס דאס איין שולדיגקייט איז דאס מאן זאל געהן צו תלמידי חכמים אונ צו צדיקי הדור ולהתאבק בעפר רגליהם אום פון זיא אב צו לעהרנען אהבה אונ יראת השם אונ וויא איין ערנסטע עבודה אום זעהן זאל . וויא אויך מדות ישרות רעכטשאפנע זאכען . דען פרטעג איהר גמיינען פרשטאנד איז שאהן איין יעדער איין פיטיגר ערליכר ייד . אבוואהל ער איז באמת מלא שגגות . דא אבער דיא ליב פון השי"ת אויף יידען איז וויא איין פאטער אויף זיינע קינדר אונ ווינשט זיא זאלן נור איהרע גאנצע לעבענסצייט נור אין דרך האמת . ודרך התורה געהן . דארום שיקט ער אויף יעדן פון זיינע קינדער עטוואס יסורים . אפט מאהל אין געלד פרלוסט . אדער אין געזונד . אדער שונאים . אד"ג . אום זיא צו ערוועקן . וויא דער מדרש זאגט אין לך אדם שאין לו יסורים עס עקסעסטירט קיין מענש דער קיינמאהל קיינע יסורים האט . דא אבער דער שכל אונ דיא הבנה איבערלעגונג פון דען דלות העם נידריגן פאלק . ארים אונ גמיין איז . אונ ווען ער שאהן אין איין מבוכה פרווירונג אין איין צרה איז . וויינט אונ יאמערט ביי איהם דאס הערץ נור אויף דען אונגליק דיא איהם געטראפן האט . אונ שמערצט איהם נור דער גרוסער געלד שאדען . אבער דער פון דיא גרוסע יסורים דיא ער ליידען מוס - דאס ער אבער זיך איבערלעגן זאל וועלכע מעשים האבן איהם דאס פראורזאכט . אונ ווער דאס אויף איהם געשיקט האט . אונ וואס מאן ווינשט אונ פרלאנגט דאס דיא יסורים וויקן זאלן . צו דען אלען האט ער קיין הערץ אונ קיין שכל -- ווען ער אבער הערט אירגענד ווא וואהנט איין צדיק . איין ת ל מ י ד ח כ ם . דער איין ב ע ל מ ע ש ה ו א י ש מ ו פ ת איזט וואונדערליכע מעשים טוהט

# כלל ח שאלה ע

אזו דאס זיין ברכה ווירקליך איין אומגעבליכע ברכה איז . וואהין אימער . ווען עס נאך זא ווייט איז . איז ער באלד רייזע פערטיג צו איהם צו געהן . עס האלט איהם ניכט צוריק קיינע טרחות קיינע הוצאות הדרך . אונ וויא דער צדיק איהם פרעגט וואס זיין פרלאנגן איז . ערצעהלט ער איהם וויינענד דאס איהם פון צעהן קינדר נור צוויא צוריק געבליבן זינד ר"ל . אונ דיזע זינד אויך ניכט רעכט געזונד . אונ פון זיין גראסן אונגעהייערן רייכטוהם האט זיך אין איין קורצע צייט זיין מזל געענדערט . אונ דורך פיהלע אונגליקע פייער . וואסער . קראנקהייטן ביי דיא בהמות . אונ דורך פיהלע עלילות ובלבולים פון שונאים ומוסרים פראריממ ווארדן . דאהער ווינטשע איך דער צדיק זאל מיר איין ברכה געבן דאס איך זאל שאהן פון נון אן איין איש מצליח זיין . אונ עס זאל שאהן אין מיין הויז קיין שוד ושבר בראך אונ אונגליק געהערט ווערדן . אויף דען איז דער צדיק (ווען ער מיט חכמה באמת וצדק אין דען דרך התורה געהן וויל . אונ ווען ער בקי בקאנט איז פון דען עניות פון דען היינטיגן דור אין הינזיכט יידישקייט) איהם שולדיג צו זאגן . מיין זאהן דיינע גדאנקן זינד ניכט מיינע גדאנקן . אבער דאס דיין וועג אונ גרוסע טרחה ניכט אומזאנסט זיין זאל . דאס דוא זאלסט געהאלפן ווערדן . דאס קאן זיין אונ האפע עס ווירד זיין . אבער ניכט נאך דיינע מיינונג דאס איך נור אליין זאל בווירקן דיין ברכה והצלחה . זאנדערן איך וויל דיך אונטעררינכטען אונ דיר ווייזען וויא דוא דיר אליין קאנסט העלפן דאס דיין מבוקש פרלאנגען ערפילט ווערדן זאל . דען דיא ברכות זינד איבר גגעבען אין איין יעדן מענשענס האנד . וויא דיא תורה זאגט ראה אנכי נותן לפניכם היום וכו' הברכה אשר תשמעו זעהע איך גיב היינטע אין אייער האנד דיא ברכה ווען איהר דיא תורה איהר פארשריפט בעפאלגען ווירד . אזו זאגט ער ליבער רבי איך דאנקע דיר פיל פיר דיא גוטע נאכריכט . דא איך ווינטשע נור איין אמתיגע ישועה ווען מיינער מעגע זיא קאמן פון ווא אימער . אזו זאגט ער איהם דוא זאלסט וויסען בבירור גמור גאנץ געווים ווען גלייך דאס דוא האסט גזעהן מיט דיינע עיני בשר אויגן וואס נור אום פלייש זינד . דאס פייער אונ וואסער . אונ שונאים ומוסרים האבן דיין פערמעגן צו גרונד געריכט . באמת אבער האבן זייא אליין דיר דאס גרינגסטע ניכט געשאדן . אונ זיא זינד נור שלוחים פון געוויסע בעלי חובות דיא איהגען איהרן וועכסעל איין צו קאסירן איבער געגעבן האבן דיא דוא איהגן שולדיג אונ דיין פערמעגען איהגען פערשריבן ביזט -- דאהער ווען דוא מיין עצה נאך פאלגן ווירסט דאס דוא דיך מיט איהגען אויף דען איבריגען שולד אין גיטיגליכען וועג אום גלייכען ווירסט . זא ווירד דיר דיין שאדען ניכט נור ערזעצט אונ ערפילט ווערדן . זאנדערן דיין גליק ווירד אין דיא צוקינפט פיעל גרעסער אונ גלענצענדער . אונ בליהענדער זיין וויא פריער .

ליבער רבי איך בין מוכן ומזומן אנגעברייט צו טוהן אלעס מעגליכע וואס נור אין מיין קראפט שטעהט -- נון געבע גענוי אכט אויף דען אלען וואס

איך

איך ווערדע דיך פרעגן דאס דוא מיר נור דען ריינען אמת זאגן זאלסט, אונ דיינע גשובות דיא דוא מיר געבן זוירסט . זאלסט דוא געווארענט זיין ניכט נור זיא אוף צו מערקען . זאנדערן כתבם על לוח לבך דאס דוא זאלסט זיא אין דיין הערץ אויף שרייבן . דאס זיא ביא דיר אין דער עוויגקייט אונפערגעסליך בלייבן זאלן .

זאג מיר נור וויא פיל יאהרן וואורסט דוא אלט צו דיינע חתונה — ניין אונ צוואנציג יאהר — ניין אונ צוואנציג יאהר האסט דוא דיך אזו לאנג געזוימט מקיים צו זיין דיא ערשטע מצוה אין דיא תורה . אזו זאגט ער . דא מיינע עלטערן זינד געמיין. אונ ווארן ניכט אים שטאנד מיך צו אונטערשטיצן זא האבע איך מיסען ארבייטן אלס משרת אין פילע געגענדן ביז איך האבע מיר געזאמעלט אונ ערשפארט איין קליינעס פערמעגן דאס איך מיר דאדורך איין געשעפט איין ריכטן זאל אום מיך צו ערנעהרן —

מיין קינד דא דוא וואורסט אין דינסט אוך אין זאלכע געגענדן וויא דיא יידישקייט אין קליינען וועהרט שטעט. אונ דאצו אין דיא גרויסע שטעדט . אונ פיר מעהר ביא זאלכע אראדענטליכע מענשען — וויא האסט אום געזעהן דיין שמירות שבת — ליידער רבי . ליידער ביטער אונ פינסטער . איך האבע פילעס געטוהן וואס מאן ניכט טוהן זאל . אין געוועלב שניידן . רייסן . שרייבען . פערזינגלען . פיר אלנעמיין. וויא איך מאנכעס מאל שטיוועל וויקסען . מייער לעגען .

מיין קינד דא דוא אין דיינע יאהרן קיין עזר כנגדו איין וויב ביא הילפיג צו זיין געהאבט האסט. אונ דא דער מענש נור איין בשר ודם איז. אונ דען מענשענס טריב צו ליידענשאפטען אין זאלכע יאהרן זעהר גראס איז . וויא וואר דיינע פיהרונג אין היניזיכט שמירות ברית קודש . אב דיין לעבן איינגעצאגן וואר. אודער אוים שווייפענד — טייערער רבי . אוי לי על שברי נחלה מכתי וועהע מיר אוף מיין בראך אונ אוף מיינע קראנקע וואונדען . פילעס שלעכטעס צו טוהן פערפירזאכט שלעכטע געזעלשאפטן . פילעס פערפירזאכט דער יונגער פערשטאנד. פילעס דיא שלעכטע געגענדן אונ דאס ארט וואו מאן וואהנט —

זעהע נור מיין זאהן . זעהע נור דען אמתדיגען זין פון דען פסוק אולת אדם תסלף דרכו ועל ד׳ יזעף לבו דען מענשענס נארישען וועג דאס ער פון דיא תורה אויס טרעטען טוהט . איז איהם גורם שפעטער היען הארט געשטראפט צו ווערדן אונ דאן ווען דיא צרה איהם טרעפט איז ער אונצופרידען אונ שרייעט געגן השי״ת וואס טוסט דוא מיר — דיא האסט דיך בעקלאגט אוף דיא אכט קינדער וואס דיר השי״ת האט מאכן פערלירן ר״ל אונ עס שיינט זיך דיר דאס דוא האסט דיינע קינדער ליב . אונ העסט זיא גערן מיט נחת ערצויגען . אונ השי״ת חלילה איז איין אכזר אונ האט זיא אונבארימהערציג וועק געריסן — זאלסט דוא וויסען כי נהפוך דוא דאס עס פערקערט איז . אונ נור דוא אליין ביזט דער רוצח . געמליך דוא האסט גורם געוועזן מיט דיינע מעשים פון חילול שבת . אונ פגם ברית

קידש

# כלל ח שאלה ע

קודש איהרע יאהר צו פערשניידן -- אוך האסט דוא מתרעם גוועזן ווארסט מיטלאהדיג אויף השי״ת דאס דוא ביזט דורך אונגליקען אום דיין פערמעגן געקאמן. זאלסט דוא וויסן דער פסוק זאגט אוי לרשע כי גמול ידיו יעשה לו די וועהעטאג וואס דען רשע טרעפט איז נור וועגן זיינע שלעכטע מעשים . דער עונש אויף חילול שבת אהנע דען דאס ער איז חייב כרת אונ סקילה דאס ער פערדינט זיינע יאהר פערשניטן אונ פערשטיינט צו ווערדן . איז נאך דער עונש ווען דער יום הגמול צאהל טאג קאמט . דאס זיין גאנצעס פערמעגן ווירד פון פייער פערניכטעט. וויא אוך דער עונש פון פגם ברית איז ניכט נור דאס ער זיין גליק אונ פערמעגן פערלירט . זאנדערן אוך אויף הקדוקי עניות זעהר גראסעס ארמוטה קאמט אונ וויא ער יעצט זאלכע רעד אונ אויף קלעהרונג הערט (אונ דאצו איהם טיעף אין הערצען איין דרינגען וייר זיא אמתדיג אונ יוצאים מן הלב זינד פון איין ערליכם דעריך ארום געהן) דיא איהם כל ימי חייו ניכט אין גדאנקן געקאמן זינד -- דא ער מעודו ביא זיינע גאנצע לעבענסצייט צו זיינע קינדר זיך אלס בארמהערציגער פאטר פיהלט . אונ יעצט איינזעדט אונ זעלבסט בעקענן מוס דאס עס ליידער דער געגענטייל איז . זא ווירד ער דאפון טיעף ערשיטערט אונ זיין הערץ ווירד פערקערט . אונ מיט טרויריגע עלענדע שטימע זאגט ער רבי איז נאך איינע האפענונג פיר מיר . איז נאך איין וועג פערהאנדן דאס איך די גראסע חטאים אונ דיא פילע רציחות אום בעסערן קאן . אונ שרייעט בבכי או ואבוי מיט וויינען אונ וועהע אונ אך דאס איך זאלכעס מיר פעראורזאכט האבע . אונ זיינע אויגען נידערן טרערן -- אונ דא דער צדיק זעהט זיינע ערנסטע חרטה אונ זיין אמתדיגע דעמיטיגונג צו השי״ת . זאגט ער איהם בודאי אהנע צווייפעל יש תקוה לאחריתך ושלום שלום לרחוק ולקרוב עס איז גראסע האפענונג צו דיר דאס דוא פון השי״ת פריינדליך ווירסט אויף גענאמען ווערדן . אונ ניכט דאס השי״ת מקבל תשובה איז . זאנדערן ער ווינשט תשובה . איבער דען איז ער מסבב סיבות פעראורזאכט ער פילע ערייגניסע דיא דען מענשן דאצו ברענגן זאלן . דאס ער זאל זיך רעכט פערטיגן (פיהל מעהר דאס איך זעהע כי לא במרד ובמעל עשית כל אלה דאס דוא ניכט זאלכעס אום ווידער שפענצטיגקייט געטוהן האסט . דאס די אורזאך דאס דוא דיך זא וייט פערגעסן האסט . וואר . דאס דיך נימאלס איינר ערוועקט העטע דיר איינע אויף קלעהרונג צו געבן דאס דוא פערשטעהן אונ איין בעגריף האבן זאלסט וויא ווייט די עבירה פון חילול שבת געהט . אונ דאס זיא שקול איז כנגד כל התורה . וויא אוך די עבירה פון פגם ברית קודש איינע פון די וויכטיגסטע אזהרות פון די תורה איז . אונ איז גלייך צו רציחה ושפיכות דמים) דאריבר איז מיין עצה דוא זאלסט דיר בעשטימען געוויסע צייטן ביא טאג אודר ביא נאכט וויא דוא זאלסט תורה לערנן . געמליך ספרי יראה אונ מוסר אויף לשון הקודש . אודר אויף יידיש טייטש -- דען תורה לערנן איז איין תבלין דעם יצר הרע צו אונטער דריקען . אונ זיא איז דאס ליכט אונ די געמאכטע שטראם

די דען מענשן פיהרט צו דען עוויגן לעבן. וויא אויף יערען טאג זאלסט דוא מיט איין לב נשבר ונדכה צעבראכן צערשטויסן הערץ וויינן אין פארבארגענן מתודה זיין באקענען אויף די פערפלאסענע חטאים זינד. אונ פון נון אן אונ ווייטער כל ימי חייך זאלסט דוא גזהר זיין אכט געבן דאס די שמירה פון שבת זאל זיין אין דיין הויז על צד היותר טוב אויף די בעסטע ארט. וכן בעניני הצניעות זאלסט דוא די גאנצע פאמיליע אויף טראגן אם שטרענגסטן דאס זיא בצניעות אונ זעהר איינגעצאגען זיך פיהרן זאלן - אונ איינגעצאגן לעבן נאך די תורה איהר פארשריפט. אונ דאן קאנסט דוא זיכער זיין דאס וסר עונך וחטאתך תכופר דאס דיינע זינד ווערדן פערציהעט ווערדן. אונ ווען ער דען צדיק זיין עצה אונ זיינע רעד אמתדיג נאך פאלגט אונ טוהט תשובה צו השי"ת בכל לבבו מיט דען גאנצען הערצן. אונ פון נון אן איז ער כל ימי חייו איין אמתדיגער ערליכער איד. ווען נאך פיהלע יאהרן דאס ער האט שאהן זוכה געוועזן צו קאמען אויף אזו מדריגה שטאנד ניכט נור דאס ער שאן געוואהנט איז צו געהן בדרכי התורה והיראה אין דען וועג פון תורה אונ יראת שמים. זאנדערן אויך איין פייער צו די אהבת השם ותורתו שפיהרט. אזו דאס ער פערשטעהט דאס יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא אין היגזיכט תשובה אונ מעשים טובים איז איינע שעה אויף דיזע וועלט מער ניצליכער אלס גאנץ עולם הבא. ווען ער זיך דא ערינגערט וויא זיין שטאנד וואר אין היגזיכט תורה אונ יראת שמים פאר איניגע יאהר. דאס אויך איהם איז דער פסוק גזאגט וואהרן. מכף רגל ועד ראש אין בו מתום דאס זיין גאנצער גוף מיט עבירות בשמוצט וואר. אונ זיין מראה פון צלם אלקים וואר דאמאלס זעהר דונקעל אונ פינסטער. אונ ווען ער זיך ערינערט ווער איהם האט גורם געוועזן דאס ער זאל זיך ערוועקן אונ פון זיין שלאף ערוואכן. דאס וואר דער אמתדיגע תוכחה רעד פון דען צדיק. ווער אבער האט איהם דאצו פראורזאכט דאס ער צו דען צדיק געהן זאל. די פיהלע צרות ויסורים. עלילות. היזיקות די איהם געטראפן האבען (ווען גלייך דאמאלס וויא נאך זיין הערץ פערשטאקט וואר. וואר נור ביי איהם דער גאנצער צוועק פון זיינע רייזע דאס ער איהם איינע ברכה געבן זאל. זאנסט ניכטס. דא ער אבער שאהן וואר ביי דען צדיק. אונ דער אמת איז עד לעצמו וחיך אוכל יטעום דער אמת ווירד אליין איבערצייגט. האבן זיינע רעד ביי איהם איינגעדרינגן דאס ער שאהן זעלבסט פערשטעהט דאס זיין נסיעה רייזע וועגן איינע ברכה איין טעות איז. זאנדערן די ברכה והצלחה העננגט נור אב אן זיינע גוטע מעשים) דארום זאגט ער יעצט מיט שמחה מיט פאלן הערצן אודך ה' כי אנפת בי איך דאנקע דיר השי"ת דאס דוא מיר דאמאלס אונגליקע אונ צרות צו געשיקט האסט. דען דאדורך האבע איך זוכה געוועזן תשובה צו טוהן אונ מיינע שלעכטע מעשים אום צו בעסערן --

# כלל ח שאלה ע עא

דיזעס אלעס האט ניר איהם פראוהרזאכט . ווייל בייא איהם דיא אמונת הצדיקים איז פעסט געוועזן .

**שאלה עא** וואס איז דער טעם פון דיא מצוה דאס מאן אפט צדיקים בעזוכן זאל :

**תשובה** ווייל אין דען וואָרט יראה פערשידענע מדריגות זינד . מאנכע יראה איז זעהר געמיין דא זיא ניר מצות אנשים מלומדה איז . נעמליך דאס ער קיין בעגריף האט אונ קיינע אוף קלערונג דאס ער פערשטעהן זאל וואס יראת שמים איז - איין העכערע מדריגה ווען דיא יראה בייא איהם עהרנסט איז מקירות לבו פון דיא טיעפונג דעם הערצן . אבער נור בבחינות עבד לאדון וויא דער קנעכט זיין הערן דינט . דא ער נור וועגן דען דיא יידישקייט געגנזי היטעט ווייל ער דען פינסטערן עונש פון גיהנם פירכטעט -- נאך איין העכערע מדריגה יראה איז דאס זיין גאנצע עבודה איז מאהבתו ומרוממותו וועגן עהרפורכט דאס ער פערשטעהט דיא גדולה פון השי"ת אונ דאס מאן זיך גליקליך שעצן מוס אונ זאל ווען מאן דיא זכייה האט צווישן דיא עבדי ה' צווישן דיא דינער פון השי"ת גערעכנט צו ווערדן . אבער דיא אהבה זעלבסט איז נור אין איין זעהר שוואכן אונ געמיינן גראד - נאך איין העכערע מדריגה דאס דיא אהבה איז בבחינה צמאה לך נפשי כמה לך בשרי וויא איינער דער גראסן דארשט האט צו וואסר געליסט - נאך איין העכערע מדריגה וויא דיא אהבת ד' איז גרום איז דאס זיא בבחינות רשפיה רשפי אש מים רבים לא יוכלו לכבות איז . זאלכע פייעריגע קוילען דיא פיעלעם וואסר ניכט לעשן קענן -- נאך איין העכערע מדריגה וויא דאס פייער צו אהבת ה' זא שטארק איז דאס עס בבחינות נפשי יצאה בדברו אונ עזה כמות איז . דאס ער וועגן דיא ליעבע פון השי"ת אנגעברייט איז אויך זיין לעבן דיען צו געבן .

ווייל דאס איין דבר ידוע איין געוויסע זאך איז דאס זאלכם וואס מאן מיט דיא אויגן פיר זיך זעהט מאכט בייא דען מענשן מעהר איינדרוק אונווירקונג אלם אזו זאך דיא ער נור געהערט האט ערצעלן . אונ דער איינדרוק אונ ווירקונג איז נאך מעהר שטארקער

אונ

אונ גרעסר ווען ער זאלכם פיהלע מאהל גזעהן האט . דאריבער האט דיא תורה געזאגט דאס איין מצוה איז ולדבקה בו דאס ער זאל זיך בעמיהן אונ פלאגן צו צדיקי הדור צו געהן אונ זיך בהעפטן אן זיא דאס ער פון זיא יראת שמים לערנט וויא גרוס אונ וויא שטארק זיא באיכות זיין זאל (אונ דאס איז איהם וייט מעהר ניצליך אלם דאס ער זאלכעם פיר גרינג האלט מיט דען ווארט איך האבע יא פילע צדיקים אין מיין הויז וויא איך איהרע ספרי מוסר זעהן קאן . צו וואס זאל איך מיך פלאגן אונ צייט מבטל זיין צו איהנן צו געהן) געמליך דאמאהלם ווען ער בייא דען צדיק פרווייל ט זאל ער זיך אכט געבן אויף אלע זיינע וועג אונ שריט זאלכם· זיך אין זיין הערץ צו נעמן . וויא דיא מורא שמים תמיד געגן זיינע אויגען איז דאס ער אימר נור געבייגט געהט כעבדא קמי מריה וויא איין קנעכט פיר זיין הערן אונ ניכט בקומה זקופה אויף רעכט -- אונ וויא ער זיך אכט געבן טוהט אויף זיין דיבור רעדן דאס ער מקיים זיין זאל אמנם אלם אומנתו של אדם בעולם הזה לעשות עצמו כאלם איין מענש זאל זיך געוועהנען דאס ווארט וואס ער ניכט בנעהטיגט ניכט צו רעדן אלם מעכטע ער שטום זיין . ניכט נור פון זאלכע רעד זיך צוריק צו האלטן וויא לשון הרע · רכילות . ליצנות. אונ דער גלייכן זאנדערן אויך פון שיחה בטילה אונניצליכע רעד -- אונ וויא תמיד מרגלא בפומיה אין זיין מויל געוועהנט איז זאלכע פסוקים דיא דאס הערץ ערמונטערן אונ ערוועקען צו אהבה אונ יראת שמים . לעשות רצונך אלקי חפצתי · מיין גאנצער וואונש איז דען ווילן פון השי"ת צו טוהן . אחלי יכונו דרכי וכו' זייא מיר בייא הילפיג דיא יידישקייט גענוי היטען צו קענן . מתי אבוא ואראה וכו' . לב טהור ברא לי בשאפע מיר איין ריינעם הערץ אד"ג . וויא ער זיך אכט געבן טוהט ווען ער איינע ברכה זאגט דאס עס ניכט זיין זאל איילענד אונ געשווינד זאנדערן במתינות לאנגזאם יעדעס ווארט דייטליך צו רעדן דאס ער קיין אות מבליע זיין בוכשטאב פרשלינגן זאל . מכש"כ קיינע ווערטר . פיעלמעהר ווען ער ברכת המזון זאגט דא דאס איין מצוה מן התורה איז דאס ער מדקדק איז גענוי אכט גיבט זיא מקיים צו זיין בבחינות ליראה את השם הנכבד והנורא

דאס

# כלל ח שאלה עא

דאס דוא פאר חשי"ת גראסע עהרפורכט האבן זאלסט. דאס ער צעהלט דיא וועדטר וויא איינער דער גאלדענע מינצען צעהלט. נאך פיעל וייט מעהר וועון ער ברכות התורה זאגט אשר בחר בנו מכל העמים ער האט אונז אויסערוועלט פון אלע פעלקר. זא איז דאס התלהבות פייער אונ דיא שמחה עצומה דיא גראסע פרייד פון דיא אהבת ה' אזו גרוס דאס לפעמים אדם מניחו בזויות זו ומצאו בזויות אחרת דאס איהם דאס גרוסע פייער צו דיא ליב פון השי"ת צו טאנצען בוועגט. נאך מעהר אונ גרעסר וועון ער מסיים איז אוים לאסט נותן התורה (וייל איהם וואהל בקאנט איז דאס דיא השגות התורה וואס השי"ת גיבט. איז נור פארמעג וויא פיעל יראת שמים אונ מעשים טובים דאס ער האט) זא נידערן זיינע אויגן פילע טרערן גיב מיר דיא זכיה דאס איך דיינע מצות אמתדיג מקיים זיין זאל אונ דאס איך מיך פון אלע שלעכטע וועג צוריק ציהען קאנען זאל. אונ דאדורך זאל איך ביא דיר אין דען ווערט שטעהן (גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך) עפענע מיר מיינע אויגען דאס איך אין דער בעגריף פון דיא תורה שארף זיניג זיין זאל -- אונ וויא זיינע פירונג איז בעניני אכילה ושתיה אונ אנדערע הנאות דאס ער נור געניסט דען הכרח וואס מאן מוס. אונ דען צמצם. אונ זעלבסט פון דען הכרח זעהט ער אלעם מעגליכע זיין הנאה. אונ תאוה דאפון ממעט צו זיין צו פרוועניגערן (וייל דאס איין גראסער יסוד גרונדזאטץ איז הכנעות הגוף היא עליות הנפש וויא מעהר מאן זיך בשטרעבט דען גוף צו אונטערדריקן. נעמליך דען געניום פון תאות הגוף צו פרקלענערן אונ צו פרוועניגערן פערמעג דען איז עליות הנפש פיעל פלאמענדער אונ מעהר רייצענדער אין זיין הערץ דען וואונטש פון דיא נשמה צו ערפילען דאס דאדורך זיין לוסט געשטרעקט ווירד תורה אונ מצות זיך אייגען צו מאכן). אונ ווען אוך דאס ער תמיד לוסטיג איז אונ זיין פנים פרעהליך אום זעהט. איז ער דאך אין הערצן פאלער טרויער אונ זיפצט אויף זיין עלענדן שטאנד דאס ער זיך זעהט פאר השי"ת אין תורה אונ אין מעשים טובים זעהר ארים אונ געמיין (מיט דען ווארט דא איך מיך ניכט געהעריג ערב שבת אויף שבת פאר גזעהן האבע. וואס ווערדע איך

שבת

שַׁבָּת הָאבְּן צוּ גְעניסְן • אוּנ דָא דִיא בְּגָדִים דִיא פוּן מֵיינֶע מַעֲשִׂים פִיר דִיא נְשָׁמָה גֶמַאכְט ווירְד זִינְד קְרוּעִים אוּנ בִּגְדֵי צוֹאִים פֶּערִיסְן אוּנ בֶּעשְׁמוּצְט • נוּן וֶוען מַאן מִיךְ בֶּערוּפֶן ווירְד • וויא וֶוערְדֶע אִיךְ קָאנֶן פָאר טְרֶעטֶן צוּם שַׁעַר הַמֶּלֶךְ בִּלְבוּשׁ שַׂק אִין דִיא בּוּרג פוּן השי"ת מִיט זַאק גֶקְלֵיידעט • וֶועהֶע אוּנ אָךְ מִיר דַא דֶער וֶועג זֶעהְר ווייט אִיז אוּנ מֵיין צֵדָה לַדֶּרֶךְ זֶעהְר וֶוענִיג אִיז] וְכִדְבָעֵי לֵיהּ לְמֶעֱבִיד לֹא עָבִיד - אִיךְ הַאבּע מִיךְ נִיכְט פָאר גֶזֶעהְן וויא זִיךְ גֶעבִּיהְרט - אוּנ וויא עֶר אֵיין כִּלַי אוּנ קַמְצָן קַארְג אִיז אוֹיף זֵיינֶע לֶעבֶּענְסצֵייט דַאס עֶר אַכְט גֶעבֶּן טוּהְט נִיכְט נוּר דַאס קֵיין טָאג בַּייא אִיהְם אוּנְנִיצְלִיךְ אוּנ אוּנְפֶּערְדִיעֶנְט פֶרְאִיבֶּר גֶעהֶן זָאל • זָאנְדֶערְן אוֹיךְ אוֹיךְ אֵיינֶע שָׁעָה קְטַנָּה • זֶעלְבְּסְט דִיא צֵייט וָואס עֶר צוּ בְּרִינְגְט מִיט דֶעם הָמוֹן עַם מִיט דִיא מֶענְשֶׁן צוּ רֶעדֶן אִירֶע בַּקָּשׁוֹת אוּם צוּ הֶערֶן • אִיז דַאמָאהְלְס אוֹיךְ זֵיין הֶערְץ פֶערְקְנִיפְּט אַן דִיא אַהֲבַת ה' אַזוֹ דַאס עֶר פִיעלְמָאהְל בְּאֶמְצַע דְבָרָיו מֵעֻמְקֵי לְבָבוֹ אִין מִיטֶען זֵיינֶע רֶעד פוּן טִיפוּנְג זֵיין הֶערְץ שְׁרֵייעט הוי • וַאבוֹי • דַאס דִיא צוּ הֶערֶער גְלוֹיבְּן דַאס זָאלְכֶעס נוּר אֵיין גֶעוואָנְהֵייט אִיז • דֶער אֶמֶת אִיז אָבֶער דַאס עֶר זָאלְכֶעס טוּהְט אוּם זִיךְ צוּ עֶרְאִינֶערְן אוּנ נִיכְט צוּ פַרְגֶעסֶן אוּנְטֶער וֶועלְכֶע אוֹיפְזִיכְט דַאס עֶר אִימֶר שְׁטֶעהְן טוּהְט • נִיכְט נוּר דַאס דָאס עַיִן רוֹאֶה אוּנ וָואס אַלֶעס זֶעהְט זֵיינֶע מַעֲשִׂים אוּנ דִיבּוּרִים זֶעהְט • זָאנְדֶערְן אוֹיךְ זֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת גֶעדַאנֶקְן • וְויא דֶער פָּסוּק זָאגְט אַשְׁרֵי אִישׁ שֶׁלֹּא יִשְׁכָּחֶךָּ וָואהְל דֶעם מֶענְשֶׁן דֶער דִיךְ נִיכְט פַרְגֶעסְט • (ה' יוֹדֵעַ מַחְשְׁבוֹת אָדָם כִּי הֵמָּה הָבֶל) השי"ת ווייס דֶען מֶענְשֶׁענְס גֶדַאנֶקְן • דוּרְךְ דֶען ווירְד דַאס בְּרֶענֶענְדֶע פֵייעֶר פוּן דֶען גוּף צוּ גַאֲוָה • כָּבוֹד • גְדוּלָה • מָמוֹן • בַּייא אִיהְם פֶערְלָאשֶׁן • אוּנ דִיא צֵייט וֶוען עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה וויא קְלֵיין • וויא נִידְרִיג אִיז עֶר בַּייא זִיךְ זֶעלְבְּסְט • וויא צֶערְבְּרָאכֶן אִיז זֵיין הֶערְץ וֶוענְן פוּרְכְט אָב זֵיינֶע מַעֲשִׂים רָעִים וֶוערְדֶן נִיכְט אִיהְם גוֹרֵם זֵיין בַּייא השי"ת זֵיין תּוֹרָה לֶערְנֶען נִיכְט צוּ אַכְטֶען • וויא דֶער פָּסוּק זָאגְט וְלָרָשָׁע אָמַר אֱלֹקִים מַה לְּךָ לְסַפֵּר חֻקָּי צוּ דֶען רָשָׁע זָאגְט השי"ת צוּ וָואס זָאל מִיר דֵיין תּוֹרָה לֶערְנֶן • אָדֶער דַאס דַאדוּרְךְ זֵיין הַשָּׂגָה פֶערְקְלֵיינֶערְט ווירְד אִיבֶּער דֶען אִיז עֶר ווייגֶענְד מִתְוַדֶּה אוּנ בֶּעטֶעט הֲשִׁיבֵנִי לְתוֹרָתֶךָ

אל

# כלל ח שאלה עא

אל תשליכני מלפניך גיב מיר די זכיה איינע גרויסע השגה אין די תורה צו האבן . און טוהע מיך מזכה זיין מיט זאלכע חידושי תורה וואס גוט און שעהן זינד . דאמיט זיא איין כלי זיין ווערקצייג זיין זאלען יידישע קינדר דאמיט אין יראת שמים צו אונטערריכטען . און וויא גראס ביא איהם די שמחה איזט ווערהענד ער די מצות מקיים איזט . דען וויל ער פרייא פון חולי נפש איז . וויל זיין נשמה אונבפלעקט איז . און דאדורך מרגיש איזט דאס מתיקות התורה שפיהרט ער די זיסונג פון די תורה ג) און דאס נעימות פון די קיום המצות וויא אהנגענעהם דאס איז ווען מאן האט די זכייה די מצות מקיים צו זיין . דאס ער דאדורך פרשטעהט דאס אלע במתי הצלחות עולם הזה אלע גרויסע גליק פון דיזע וועלט . געגן די הצלחות פון עושר עולם הבא פיר ניכטס גערעכענט זינד און דאס שולחנו גדול משולחנם וכתרו גדול מכתרם איז . זיין טיש וויא ער די קראהן פון תורה לערנן זיך אייגען מאכט . איז וייט גרעסער אלס איהר טיש . און דיזעס פראורזאכט איהם דאס ווען גלייך דאס עניות פון עולם הזה איז ביא איהם בכל דקדוקיו זעהר שטארק . איז ער דאך מקיים די מצות בכל פרטיהם ודקדוקיהם אויף די בעסטע ארט [און אזו מצוה וויא תפילין אד"ג . וואס דאס שלימות פון די מצות דאס די מצוה אהנע פעהלער זיין זאל ניכט גאנץ אין זיינע האנד איז . איז ער מתפלל דאס השי"ת זאל איהם מזכה

---

ג) דען דאס וואס דוד המלך ע"ה גזאגט האט אין תהלים מתוקים מדבש ונופת צופים די תורה איז זיסער אלס דער פייגער האניק . איז ניכט בדרך גוזמא און איבר טריבען געשריבן . דען אזו ווען איין מענש גזונד איז שפיהרט ער דען גוטען טעם און די זיסונג פון די פייגע מאכלים. ווען ער אבר קראנק איז און דער מאגען פערדארבן און די צונג ניכט געהעריג ריין איז . זא איז ביא איהם זיס ביטער . ביטער זיס. אזו אויך ווען די נשמה זיך קרענקט און בעשמוצט פון עונות איז . דאדורך געפינט זיא קיין פערגעניגן און ניכט קיין גוטען טעם אום און האט קיין נחת רוח פון תורה און מעשים טובים . ווען אבער איין מענש איין ריינעס הערץ האט און איין געוואשענע נשמה האט זא איז ביא איהם דער נחת רוח און פערגעניגען ווען ער איין מצוה אמתדיג וויא זיך געבירט מקיים איז מעהר וויא אלע פערגעניגן און נחת רוח וואס מאן אויף דיזער וועלט געניסן קאן (רמב"ם .

מזכה זיין תפילין צו בקאמן פון איין סופר צדיק ומומחה] איין עבודה
שלימה איין עבודה תמה · ניכט נור דאס זיין עניות איהם ניכט
פראורזאכט עצלות עצבות פויל אונ טרעהג צו זיין · זאנדערן
דאס גרוסע פייער פון אהבת ה' וואס אין זיין הערץ ברענט פראורזאכט
ביא איהם דאמאלס צו ערשיטערן כל בנין גופו אונ אין בוועהגונג צו
ברינגן אלע זיינע אייסערליכע אברים מיט כריעות והשתחויות צו
ביגן זיך פאר השי"ת · מיט ריקודין וכרכורים מאנצן אונ שפרינגען
אד"ג · דאס פיהלע מאהל גאך דיא עבודה מוס ער זיך איין צייט
אב רוהן שתשוב רוחו וכוחו אליו זיך צו ערהאלן · דאס דיא וואס
זאלכעם צו זעהן זינד זיך מצער אונ איהר הערץ וויינט דא זיא זעהן
וויא איין אמתדיגע עבודה אום זעהען מוס · אונ וויא וויט זיא נאך
דאפון זינד - אונד ווען דער זמן פון ק"ש קאמט דאס מאן מקבל
איז עול מלכותו דאס יאך פון דיא הייליגע תורה אונ מצות. וויא פלאמט
דאס פייער פון אהבת ה' אין זיין הערץ דאס ער דיא זכיה האט צו
זיין איין עבד פיר אזו מלך וואס זיינס גלייכן נימער עקזעסטירט · אונ
ווען ער דיא אנדערע פרשה פון והיה אם שמע זאגט וואס דר אינהאלט
דאפון איז אשר קדשנו במצותיו דאס ער אונז ערוועהלט פון שבעים
אומות האט אונ אונז געהיילינט האט מיט זיינע מצות וואס מיר זיך דורך
איהנען דאס חיי נצחיי עוויגע לעבן איינן מאכן קאנן · אונ ווען מאן
דיא מצות געהעריג אונ גענוי מקיים איז · איז דיא מדריגה פון יידען
מעהר אונ העכר אלס וויא דיא מלאכי שרת · וויא ווייס געהט דאמאל
זיין פייעריגע אהבה אונ זיין גרוסע שמחה ניכט נור ק"ש צו זאגן מיט
כוונה · זאנדערן דאס ער מחבק ומנשק איז תיבותיה ואותיותיה לאומרן
בפתת ער קישט דיא ווערטער אונ דיא בוכשטאבן אונ זאגט זיא
לאנגזאם אלס וויא איינער פערלין צעהלט - אונ דיא גרוסע אמתדיגע
אהבה צו השי"ת אונ זיינע מצות ברינגט איהם אויך אזו שטאנד אונ
מדריגה דאס ווען ער זאגט דען פסוק ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי
עיניכם איהר זאלט ניכט נאך דען לוסט פון אייערע אויגן אונ הערץ
נאך געהן שטעלט ער זיך פאר ווען מאן העטע וועלן איהם געבן איין
אונגעהייערן רייכטוהם אונ אזו כבוד אונ גדולה וואס דאדורך העטע
זיין נאהמען גוועזן אום גערופן אונ בריהמט אין דער גאנצער וועלט

דען

# כלל ח שאלה עא

(דען צו זאלכע זאכן געליסט דאס הערץ און דאס אויג) נור דאדורך האטע ער געשטעהרט און געהינדערט געוועזן יידישקייט וויא זיך געביהרט צו האלטן. דאס ער זאלכעס בייא זייטיגן זאל און מיט פיסן טרעטן. און ווער דיא וואהרהייט פון דען באשטעטיגט. אין דער בוחן לבבות ויודע תעלומות דער דיא הערצער פריבט. און אלעם פארבאריגענע ווייס - אונד וויא זיין פיהרונג איז אין היגזיכט תוכחה אוף זיינע הויזלייטע און תלמידים און דיא אלע דיא צו איהם קאמן. דא זיין כוונה נור איז כבוד שמים און כבוד התורה צו פערגרעסערן און צו פערמעהרן זא האבן זיינע רעד דען כח דיא הערצער פון דיא צו הערער ווען זיא נאך אזו פערשטאקט זינד. דורך צו בוידין און בייא אידגן צו פראורזאכן דאס זיא ווערגן אהבת ה' און זיין תורה טרערן צו פערגיסן. און זעהר ווענג דאס מאן פון איהם זאלכע תורה הערט דאס זיא ניכט אוף יראת שמים געבויט זיין זאל - אונד וויא זיין פיהרונג איז אין היגזיכט געלד רייץ דא זיין גאנצער ציעל און צוועק איז נור דיא הערצער פון יידישע קינדער אוף צו פייערן און זיא מקריב צו זיין צו נעהערן צו דיא היילגע תורה. ניכט נור דאס ער ניכט שואל חלקו בפיו איז זעלבסט געלד פערלאנגט. זאנדערן וויפיל ממון של יושר פערווירפט ער און פערשטאסט (ווען אוך דאס בני ביתו דאדורך עניים זינד) דאס דאדורך ער זאל מער גלעגענהייט האבן דען אמת צו ערהעבען און מקדש שם שמים צו זיין - אונד וויא גרוס און וויא שטארק בייא איהם אהבת ישראל איז. ניכט נור דאס בייא זיינע דרייא שמונה עשרה יעדן טאג דאס ער אוף זיא מתפלל איז. זאנדערן תמיד איז דאס בייא איהם זיין געוועהנליכע תפלה רבש"ע מאכע סיבות דאס בייא יידישע קינדער דער קרן התורה והיראה ערהאבן ווערדן זאל. און דיא חטאים זאלן אוף געריבן ווערדן. דאס הייסט דיא רשעים זאלען תשובה טוהן. דיא סיבות זאלן אבער זיין בבחינות ברוגז רחם תזכור ניכט דורך צרות און גזירות קשות כי קטן יעקב ודל. דיין זאהן יעקב איז צו שוואך זאלכעס אום צו האלטן. פיהלמער ביים שלוש סעודות אין דיא צייט פון רעוא דרעוין דא דאמאלס דער זמן פון ניסוך המים איז דא ער דורך זיין תוכחה און תורה וואס נור כולה לה' איז. זיין כוונה נור גאנץ ווענן השי"ת איז. פראורזאכט יידישע

הערצער

הערצער צו ערוועקן (אונ צו ערוויבן דאס פייער פון דיא אהבת ה' ביא איהנען פלאמענד זיין זאל · אונ זא ווייט איהנען בגייסטערט אונ בלעבט דאס דאמאלם איין יעדער פרגעסט אלע זיינע זארג פון ענין פרנסה פון זיין גאנצע הויז פיהרונג · אונ זיין גאנצע לוסט אונ פרלאנגן איז נור הרב כבסני מעוני · צמאה נפשי לאלקים טוהע מיך ריינגן פון מיינע פעהלר · איך האבע גרוסע לוסט צו השי"ת · דען אזו וויא דער מאגנעט ציגט צו זיך אייזען · אזו איז דיא סגולה פון דיא תוכחה רעד פון דיא היילגע תורה ווען זיא אמתדיג גזאגט וויד · דאס זיא ציגן אן זיך דיא הערצער פון אלע צוהערער דאס דאמאלם איהר גאנצער וואונטש נור איז אחלי יכונו דרכי · לעשות רצונך חפצתי אונ זעהן אלעם מעגליכע צו טוהן דיא פרגאנגענע עבירות מתקן צו זיין · ווען אוך דאס ווען דיא שעה פעראיבער געהט · זא פרגעסט איין יעדר וועגן זיינע טרדות דיזעס אלעס · פרגעסט ער נור דיא צווייגן דאפון · אבער דיא ווארצל קאן ניע פרגעסן ווערדן · וייל ער דאמאל מרגיש געוועזן האט דעם נחת אונ דאס זיססונג פון דיא אהבת ה' ותורתו · זא איז דאדורך דער רושם האמת אין איין יעדן הערץ איינגעווארצעלט ווארדן אזו ווייט דאס ווען ער זיך אן דיא שעה ערינערט דאס דאס זיין גאנצע לעבענסצייט זיין נחמה איז אונ איז שש ושמח פרעהליך אונ לוסטיג דאס ער איין ייד איז) דאס זיא דאמאל ערוואכן אונ זעלבסט פרשטעהן וויא דיא אהבת השם אום זעהן זאל · אונ ליידער וויא זיא אום זעהט · אונ וויא דיא עבודת ה' ווען זיא תמה אונ שלימה גאנץ אונ ערנסט זיין זאל וויא זיא געהער צו זיין · אונ ליידער וויא זיא אום זעהט · (אונ דער פסוק זאגט תחת גערה במבין מהכות כסיל מאה ביא איין פרשטענדיגן וויכט מעהר איין אמתדיגע תוכחה רעד דאס דאדורך זיין הערץ צרבראכן אונ גדעהמוטיגט וויד · אלס ביא דען כסיל מאה הכאות ביא דען נארען הונדערט שלעג) אונ דאדורך איין יעדער וייל ער זיך שולדיג זעהט פיהלע טרערן נידערט (אונ וויא פיהל אונצעהליגע טרערן פרגיסט ער אוף דען דאס ער זאל זוכה זיין דאס דורך זיינער זאלן זיך יידישע קינדער בעסערן אונ תשובה טוהן · דאמיט ער פון איהנן ערבויט ווערדן זאל) אונ ווען ער זאלכם זעהט פון איהנען ·

# כלל חשאלה עא

מיט וויא פיעל כח זכות אונ התעוררות רחמים. צו ערוועקן רחמים אין ער מליץ פיר איהנן למעלה דאס זיא פערדינן טובות אונ ישועות אונ נחמות. - נון וועט איז דער וואס דיזעם אלעם זעהט מיט גענויער בעטראכטונג. דאס זיין הערץ זאל ניכט דאדורך צו השי"ת פלאמענד אויף געפייערט ווערדן דאס פון נון אן זיין יראה צו השי"ת מעהר אמתדיג זיין זאל - דיזעס איז דער טעם פון דיא היילגע תורה דאס מאן זאל אפט מקבל פני צדיקים זיין אונ זאל זיך צו זיא מקרב זיין - .

ליידער ליידער אבער דא אין דען דור האחרון היינטיגן דור דיא אמתדיגע יראה זעהר פיהל געפאלן אונ געזונקן איז. זינד פיעלע פון דעם המון עם אין הינזיכט דיא מצוה פון ולדבקה בו. זעהר זעהר פערנארט אונ פרדומט. דא זיא זאלכע זאכן וואס נימאהל פרדינט דען נאמען טפל גערופן צו ווערדן [דאס מאן וועגן דען צו איין צדיק געהן זאלו פיר איין עיקר מאכן. אונ דען וואהרן אמתדיגן עיקר נימאהלס פיר איין טפל מאכן. זעהע נור דיך אום אונ בעטראכטע זיא דיר גוט ווירסט דוא זעהן זו היא שיבה וזו היא ביאה דאס מאן אזוי צו דעם צדיק געקאמן איז וויא מאן היען געגאנגן איז. אונ דאס פעראורזאכט דאס עבירה גוררת עבירה. ווייל ביא איהנן דיזער גרונד דאס אהבות הצדיקים נור איז וועגן תורה אונ אמתדיגע יראת שמים אונ מידות טובות אב צו לערנן. גאנץ פערגעסן איז. אונ דיא מצוה נור ביא איהנן אלס חק בעטראכטעט איז [אונ ביא מאנכע ליידער. נאך ערגער איז. דאס זיא מיט איהרן פינסטערן שכל גלובן דאס דיא מצוה בשטעהט נור דען צדיק איין גראסען רוף צו מאכן דאס ער דאדורך מעהר כבוד אונ עושר זאמלען זאל -] דאריבער פינדן זיא זיך שולדיג אונ רעכענן עס זיך אויך פיר איין מצוה דיא יעניגע דיא וואס לוסט האבן צו איין אנדרן צדיק צו געהן. זיא זאמט דען צדיק מבזה צו זיין אונ אונטערדריקן מיט אלער האנד בזיונות [דאס זיינע פירונג תורות. מידות. אשפה אונ תל איז] ווייל זיא גלויבן דאס דאדורך דאס חייל אונ דער כבוד אונ בעזאנדערס דיא הכנסות איינקונפטען - פון איהר רבי עטוואס גשוואכט ווערדן קאן -

טפשים

מפשים. שוטים. עבריינים שבעולם. דא מיר האפען באלד אונ געשווינד דיא צייט צו ערלעבן דאס דער פסוק ווירד מקוים ווערן ועמך כולם צדיקים דאס אלע יידן צדיקים זיין ווערן. וואס פיר איין ישועה איז דאס נאך אייער פינסטערן שכל. זא ווירד יא דאמאהלס איש את רעהו חיים בלעו זיין. מאן ווירד יא ניכט זיכער זיין אויף דיא גאס צו געהן - ווען מאן אבער דיא מצוה פון אהבת הצדיקים האלטן טוהט וויא זיך געבירט. זא האט מאן יא איין שמחה ווען מאן זעהט אדער הערט דאס דיא יראה אונ אמת נתגדל אונ נתרבה פערגרעסערט אונ פרמעהרט ווירד. וויא דער פסוק זאגט ברבות צדיקים ישמח העם ווען זיך צדיקים פרמעהרן. פרייעט זיך דאס פאלק. אויף דען מיר אויך בעטן ימים הקדושים עס זאל שוין קאמן באלד אונ געשווינד אזוי צייט דאס דער אמת ערהאבן ווערדן זאל דאס איין יעדר איינזעהן זאל דאס דער גאנצר צוועק פון זיין לעבן אויף דיזער וועלט איז נור דיא הייליגע תורה געגנוי צו היטן אונ זיא צו בעפאלגן — נון מוס יא איין יוד איין גרוסע שמחה האבן ווען ער זעהט דאס אנדערע האבן אויך לוסט צו צדיקים צו געהן דאמיט דער כבוד שמים אונ דיא יראה אונ תורה מעהר פרמעהרט אונ פרגרעסערט זיין זאל.

**שאלה עב** ווארום איז דיא מצוה דאס מאן פאר דען תלמיד חכם ערפורכט האבן זאל. אזו גראס אונ טייער.

**תשובה**ווייל דער מענש יסודו מעפר זיין שטאף אוס ערד איז אונ זיינע גאנצע לעבענסצייט פיהל צו טוהן האט אונ בשעפטיגט איז מיט עניני עולם הזה זיך איין צו שאפן זאלכע זאכן דיא זיין גוף בנעהטיגט אונ האבן מוס. אונ אנדערסט ניכט עקזיסטירן קאן. אונ דאדורך זיין שכל פרמישט אונ מבולבל פרווירט ווירד. יידישקייט נאך צו געהן נעהמליך מעשים טובים מקיים צו זיין. ווען אוך דאס אום פיהרן פון דיא מצות התורה העטע נור וועניג בעוועזן פיהלמעהר דאס דיא יידישקייט געהעריג וויא זיך געבירט גענוי צו בפאלגן איז זעהר גרוס. דאדורך זינד יא ביא איהם דיא טרדות פון עולם הזה ווייט נעבעדליכר דאס זיא ניכט גורם זיין זאלן דאס ער דורך זיא ניכט פרגעסן זאל זיין וואהרן צוועק זיך צו בשטרעבן דאס ער עס ערהייבן זאל. דאריבער אום זאלכעס צו פרהיטן האט השי"ת ביא דיא גרעסטע אונ טייערסטע מצוה וואס דער גרונד פון דיא גאנצע תורה איז נעהמליך דאס מיר פאר השי"ת מורא אונ ערפורכט האבן זאלן

# כלל ח שאלה עב

זאלן . דאביא אונז מזהיר געווען . געווארענט אונ אויף געבאטן האט דאס מיר
נאך איינעם פירכטען אונ עהרן זאלן . דאס איז דיא מורא פאר דעם תלמיד
חכם . דאדורך זינד מיר געזיכערט דאס דיא מורא שמים (ווען אויך דאס דיא
מרדות עולם הזה נאך אזו גרוס זינד) ניע ביא אונז פערקירצט ווערדן . דען דאדורך
דאס ער דיא מצוה פון מורא אונ אהבה צו דען תלמיד חכם מקיים איז . וויא זיך
געביהרט . נעהמליך ניכט נור דאס ער איהם זעהר אפט בזוכט . זאנדערן דאס
התחברות פערבינדונג צו דען תלמיד חכם איז ביא איהם אזו גרוס אונ טייער דאס
ווען אויך דאס ער דורך דען פיהלע אונרוהען אונ אונארדענונג אין זיין הויז סובל
זיין דולדן מוס . איז איהם דאך אלעם זעהר זיס . וויא דיא משנה אונז
בפעהלן טוהט והוי מתאבק בעפר רגליהם דוא זאלסט דיך לאסען איינשמויבען
מיט דען שטויב פון איהרע פיס . אונ טרינקט מיט לוסט איהרן אונטערריכט
אונ אונטערוויז אין הינזיכט פון יראת שמים . (עיין לעיל כלל א שאלה יא)
אונ ווען דער תלמיד חכם זעהט דאס ער ביא דען המון עם מכובד געהרט אונ
געשעצט איז אונ זיינע רעד ווערדן נאך געפאלגט . זא ווירד ער געוויס קיינע
זאך צוריק לאסען וויא ער ניכט דארוף תוכחה אונ מוסר זאגן ווירד . ווען
אבער דער תלמיד חכם זעהט דאס ער ביא דען המון עם פראכט איז אונ דאדורך
זיינע תוכחה רעד זעהר ווענגי ווירקען קאנן . אונ ווענן דען באמת זיך פון
פיהל תוכחה אונ מוסר צוריק האלט דיא ער ניכט איהנן מוכיח איז . זא זאלן
וויסען דיא יעניגע דיא זאלכע בזיונות אונ פראכטונגן פראוהרזאכן (אונ דאדורך
גורם זינד דאס דער מנהיג תלמיד חכם ניכט געהעריג וויא זיך געביהרט אויף
אלען מוכיח זיין קאן) דאס זיא ביים יום הדין אלס ירבעם בן נבט שחטא
והחטיא את הרבים דער געזינדיגט האט אונ האט געמאכט זינדיגן בטראכטעט זיין
ווערדן . דען ווען איינער איין רשע איז אונ פון דען וועג פון דיא תורה פיהל
אום טרעטן טוהט ווייל ער איין גרוסער בעל תאוה איז דא ער זיך פון זיינע
ליידענשאפטן ניכט בשרענקן קאסט אונ זיך ניכט צוריק האלטן וויל . אבער
דיא אהבה צו תלמידי חכמים אונ איהר תוכחה אונ תורה ומוסר צו הערן איז
ביא איהם נאך ניכט פערלאשן . האט ער נאך האפנונג דאס ער נאך אלעם
מתקן אום בעסערן קאן דא דיא אמתדיגע תוכחה פון צדיקים זאלכע קראפט
האבן דאס זיא דיא הערצר ווען זיא אויך פערשטיינערט זינד . דאך דורך בארין
קאנן פיעלמעהר ווען זאלכע תוכחה דבר דיבור על אופניו איז מיט שענע רעד
אהער גגעבן ווירד אהנע קללה . אהנע בעליידיגונג . נעמליך דאס ער איהם
בהתבודדות ווען ער מיט איהם אליין איז צו רעד שטעלן טוהט . האסט דוא דען
דיך ניכט ליעב זעלבסט . האסט דוא דען ניכט ליעב דיינע קינדער . ווארום
אונטערשטעהסט דוא דיך פון דיא תורה אויס צו טרעטען . ווייסט דוא דען
ניכט דאס דער בורא ב"ה איז איין עין רואה ואוזן שומעת איין אונ וואס אלעם זעהט
איין אויער וואס אלעם הערט . אונ זעלבסט ער אונ דיין איז . וויא האט דיך
דיין

דיין הערץ דאצו בוועגן גקאנט זאלכם צו טוהן וויא דוא דיך אונ דיינע קינדר אונ דיין פרמעגן דאדורך זעהר פיהל שלעכטעם צו ציהן קאנסט. דוא לעבסט יא ניכט עוויג אונ דין וחשבון נעמליך רעכענשאפט אויף דיינע פירונג ווען דוא אוך ניכט דאצו צו פרידן ביזט. ביזט דוא דאך געצוואונגן אין דיא דאצו בשטימטע צייט עם געהעריג אב צו געבן. אונ עס איז ניכט פערהאנדן קיינע זאכע וויא דוא דיך דאדורך פון יום הדין בעפרייען קאנסט.

נון איבער לעגע דיר גוט מיינע ווארטע אונ זעהע דיר צו העלפן ווען דוא דיר נאך העלפן קאנסט. זא איז זעהר לייכט דאס דורך זאלכע רעד אד"ג. בעזאנדערעס ווען רער מוכיח איין צדיק איז. דאס דיא רער ווירקן ביא איהם דאס ער אוף זיין שלעכטן וועג מתחרט איז בערייעט. אונ זיך בעסערן טוהט. ווען אבר ביא איהם קיין אהבת תלמידי חכמים איז. זא איז ער פרלארן. אוף עוויג פרלארן.

**שאלה עג** איז דאס מעגליך דאס מאנכע מקומות ניכט אהנע מנהיג זינד. זיא האבן אבער דאך קיין מנהיג.

**תשובה** דא דיא תורה שרייבט וכשלו איש באחיו דאס מיר ישראל איינער פיר דען אנדערן אין היגזיכט יודישקייט ערב זינד. פיהלמער דער מנהיג הדור [דא ער נור צו דען אנגעשטעלט. אונ גזעצט וואררען איז] דאס זיין שולדיגקייט איז דאס ער צו רעכט ווייזע זאל דען המון עם וויא זיא זיך פיהרן זאלן ווען זיא ווינשען עבדי ה' צו זיין - דארי בער איז צו טרוויערען אונ צו שטויגען וויא דיא תורה אונ דער אמת היימיגע צייט געזונקען אונ נתמעט פרווענינגערט איז גוואררען. דא אין זעהר פיהלע מקומות זעלבסט אין דיא געגענדען וויא נאך יראת שמים עקזעסטירט, . ביא דיא מנהיגים דאס גאנצע רבנות פיהרען נור אין דען בשטעהט. דאס זיא מאכן משפטים בין אדם לחבירו. אונ פסקענן איסור והיתר. ווען אוך דאס דער אמת איז דאס אוף דין אונ שלום איז דער עולם מתקיים שטעהט דיא וועלט. אבער דיזעס אלעם בשטעהט נור אוף איינגע לא תעשה פון דיא תורה. נון איז דיא פראג וויא זינד נאך פיהלע הונדערט מצות דיא מאן דען המון עם אינטערריכטען זאל אונ מום וויא אזו זיא זאלן זיא מקיים זיין. אונ וועלכן וועג זיא געהן

# כלל ח שאלה עג ער

געהן זאלן *)

**שאלה ער** איין מנהיג דער ניכט געהעריג מדריך אונ מוכיח איז . איז זיי ווירקליכער נאמן רוצח . אודר ניכט .

**תשובה** אין דען ווארט עצומים כל הרוגיה איז דער דרש פון דיא גמרא . דאס איז איין תלמיד וואס הגיע להוראה ואינו מורה דאס מיט זיין שטיל שווייגען איז ער גורם דאס פיעל אונשולדיגעם בלוט פערגאסן ווירד אונ ער דאריבר דען נאמן רוצח פיהרט -- .

דס

---

*) וואקסט דען (דיא יראת שמים . יראת האמת . אונ יראת התרוממות עהרסורכט . אונ מדות ענוה דעהמיטיגונג . אונ בושה . אונ שונא בצע קיין געלד גייץ צו האבן . אונ צניעות . אונ נדיבות לב פריינגעביג הערץ . אונ איין לב טהור . אונ אוהב תוכחה . אונ מתרחק מן הכבוד זיך צו ערווייטערן פון כבוד . אונ אוהב שלום . ושמח בחלקו מיט זיין וועניגעם פערמעגן צו פרידן צו זיין . אונ מצות שמירות פה ולשון . אונ אומנם אלם . אומנתו לשום עצמו כאלם . פיעל מעהר זאלכע עבירות וואס דיא תאוה אונ דער יצר הרע זעהר גראס דארוף איז זאלכעס צו טוהן ווען עס אוך געגן דיא תורה איהר פארשריפט איז) מיט דען מענשן פון דיא יוגענד אוף מיט . אלם דיא שנעק מיט איהר חויז בתמי' -- עס איז יא באמת דער געגענפאל דער פסוק שרייעט עיר פרא אדם יולד איין יעדער מענש פון זיין שורש דאס ער מעפר יסודו זיין גרונד נור פון ערד איז אונ פון דיא נאטור אונ פון דיא געבורט איז ער וויא איין ווילדער וואלד עזעל דאס אלע מדות רעות איהם אייגען זינד . נור דורך דיא אגדות אונ דברי מוסר פון אונזער היילינע תורה קאן איין יעדר מענש זיך צעדמען אונ פערפיינערן אונ טעסטעלירען דאס אלע זיינע מעשים אונ מדות תרומיות עדעל אונ פיינע מדות זיין זאלן .

נון איז רחמנות צו האבן אונ צו בעדויערן דיא ארמע יתומים -- דיא ערענדע צאן קדשים -- געמליך המון עם ד׳ (דא איין יעדער ניט דיא זכייה האט אונ אוך גיט מעגליך איז דאס ער איין בן תורה זיין זאל) נון ווען ער זיין גאנצע לעבענסצייט קיין אמתדיגע תוכחה . קיין אמתדיגע אויף קלערונג פון מוסר -- קיין אמתדיגען אונטעררוכט אונ אונטערוויז . הערען טוהט . פון קיין רב . פון קיין מגיד . וויא מאן געהן אונ זיך פיהרן זאל ווען מאן דען גאמן ערליכער ייד אוף זיך טראגן וויל -- צו וויא פיל מכשולים . צו וויא פיל שגגות אונ עבירות קאמן זאלכע . איבער דען האט השי״ת אוף געטראגן משה רבינו דאס ער יעדען שבת זאל צו זאמען רופן יידישע קינדער אונ זאל זיא אונטעררוכטן וויא זיא זיך פיהרן זאלען אין דיא עבודת ד׳ אין אלע ענינים --

דַאס דִיזֶעס נִיכְט אַזוֹ וִוילְד אוּנ פְרֶעמְד אִיז · זָאנְדֶערְן דַאס אֵיין יֶעדֶער פֶערְשְׁטֶעהְן זָאל דַאס דִיזֶעס דֶער רֵיינֶער אֱמֶת אִיז · אוּנ אוֹיךְ לֵיידֶער לֵיידֶער מַעֲשִׂים בְּכָל יוֹם אַלְטֶעגְלִיךְ אִיז · פִינְדֶע אִיךְ מִיךְ שׁוּלְדִיג דִיזֶעס אֵיין וֶוענִיג אוֹיף צוּ קְלֶערְהְן וְיִשְׁמַע חָכָם וְיוֹסִיף לֶקַח אוּנ דֶער חָכָם וִוירְד פוּן דֶעם מֶעהְרֶערֶעם פֶערְשְׁטֶעהְן -- עֶס זִינְד פִילֶע מִצְוֹת פוּן אוּנְזֶער תּוֹרָה דִיא בֶּאֱמֶת זֶעהְר וִויכְטִיג זִינְד אוּנ בֵּייא דֶעם הֲמוֹן עֶס זִינְד זִיא זֶעהְר גְרִינְג גְשֶׁעצְט · אוּנ דַארִיבֶּר זִינְד זִיא מִתְעַצֵּל טְרֶעג זִיא מְקַיֵּים צוּ זַיין -- דֶרֶךְ מָשָׁל דִיא מִצְוָה פוּן תּוֹרָה לֶערְנֶן אִיז אֵיין שׁוּלְדִיגְקֵייט אוֹיף אֵיין יֶעדֶן מֶענְשֶׁן אָהְנֶע אוּס נַאם דַאס עֶר וֶוענִיגְסְטֶענְס עֶטְוַואס אֵיינֶע צֵייט בֵּייא טָאג אוֹדֶר בֵּייא נַאכְט זִיךְ בֶּעשְׁטִימֶן זָאל וָוא עֶר לֶערְנֶן זָאל וָואס עֶר קָאן · משנה · גמרא · מדרש · ספרי מוסר · מנורת המאור קב הישר · זִיא אִיז אַזוֹ גְרָאס דַאס בֵּיים יוֹם הַדִּין אִיז דִיא עֶרְשְׁטֶע פְרָאג נוּר וֶועגֶן בִּטּוּל תּוֹרָה · דֶענְנָאךְ אִיז זִיא בֵּייא דֶעם הֲמוֹן עֶס זֶעהְר גְרִינְג דַאס וֶוען זִיא פְרֵייא זִינְד פוּן אִיהְר אַרְבֵּייט אוּנ גְשֶׁעפְט · קָאמֶן צוּ זַאמֶן פִילֶע גוּטֶע בֶּעקַאנְטֶע אוּנ טוּהְן זִיךְ אוּנְטֶערְהַאלְטֶן שָׁעָה צְוֵייא מִיט דְבָרִים בְּטֵלִים שְׂחוֹק וְהִיתּוּל לֶעהְרֶע אוּנְגִיצְלִיכֶע רֶעד · אוּנ וֶוען מַאן זִיא דַאמָאלְס מוֹכִיחַ אִיז וַוארוּם זִיא אִין זָאלְכֶע שְׁטוּנְדֶען נִיכְט לִיבֶּער תּוֹרָה לֶערְנֶן טוּהְן -- אַזוֹ אִיז אִיהְר תְּשׁוּבָה דַארוֹיף · בִּין אִיךְ דֶען אֵיין צַדִּיק · אֵיין חָסִיד -- וֶוען אָבֶּער דֶער תַּלְמִיד חָכָם דֶער נוּר וֶועגֶן דֶעם אֱמֶת אַלֵיין אִינְטֶערֶעסִירְט אִיז · אִיהְם צוּ זִיךְ רוּפֶן טוּהְט אוּנ מִיט דִבְרֵי רַכּוֹת וֵוייכֶע רֶעד אִיהְם דִיא מִצְוָה צוּ פֶערְשְׁטֶעהְן גִיבְּט · נֶעמְלִיךְ עֶר זָאגְט צוּ אִיהְם דוּא פָּארְסְט יַא פִילֶע וֵוייטֶע שְׁוֶוערֶע וֶועג אוּנ פְלָאגְסְט דִיךְ אִין דִיא קֶעלְט · אִין דִיא הִיץ · בֵּייא טָאג אוּנ בֵּייא נַאכְט · אוּנ דִיזֶעס אַלֶעס טוּהְסְט דוּא זֶעהְר גֶערְן וַוייל דוּא דֵיינֶע קִינְדֶר לִיבּ הָאסְט אוּנ בִּיזְט צוּ אִיהְנֶען אֵיין טְרֵייעֶר בַּארִימְהֶערְצִיגֶער פָאטֶר דַאס דוּא אִיהְנֶן דַאדוּרְךְ גֶעהֶערִיגֶע קָאסְט גֶעבְּן זָאלְסְט · אוּנ דִיא מַלְבּוּשִׁים דִיא זִיא בַּנֶעהְטִיגֶען דַאס דוּא דָאס יְכוֹלֶת הָאבֶּן זָאלְסְט זָאלְכֶע אִיהְנֶן צוּ מַאכֶן · נוּן וַוארוּם בִּיזְט דוּא אֵיין אַכְזָר דַאס דוּא אַזוֹ הַארְטְהֶערְצִיג בִּיזְט דַאס דוּא אַלֵיין נִימְסְט אֵיין מֶעסֶער אוּנ שְׁטֶעכְט עֶס אִין דִיא הֶערְצֶער פוּן דִיא קִינְדֶר · דַא דִיא גְמָרָא זָאגְט בַּעֲוֹן בִּיטּוּל תּוֹרָה בָּנִים מֵתִים ר״ל וֶועגֶען דִיא עֲבֵירָה פוּן קֵיין תּוֹרָה לֶערְנֶן שְׁטֶערְבֶּן קִינְדֶר חָלִילָה · יֶעצְט אִיבֶּער לֶעגֶע דִיר וִויא דַיין חָכְמָה אוּנ וִויא דַיין שֵׂכֶל אִיז · דַאס דוּא אַרְבֵּייטֶן זָאלְסְט אֵיין גַאנְצֶן טָאג כְּשׁוֹר לְעוֹל וְכַחֲמוֹר לְמַשָּׂאוּי וִויא דֶער אָקְס צוּ דִיא יָאךְ אוּנ דֶער עֶזֶעל צוּ דִיא לַאסְט · דַאס טוּהְסְט דוּא גֶערְן וֶועגֶן דֵיינֶע קִינְדֶר · וֶוען אוֹיךְ דַאס דוּא אִיהְנֶען נוּר דַאמִיט אֵיין חַיֵּי שָׁעָה גֶעבֶּן טוּהְסְט · אוּנ דַאס דוּא זָאלְסְט גֶעהְן אֵיין שָׁעָה אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ עֶטְוַואס צוּ לֶערְנֶן · אוּנ דַאדוּרְךְ דֵיינֶע קִינְדֶר אֵיין אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים צוּ פֶערְאוּרְזַאכֶן · אִיז דִיר דִיא מִיהֶע אוּנ פְּלָאג דַאפוּן צוּ פִיעל ·

נוּן וֶוער אִיז דֶער · דֶער נוּר אֵיין וֶוענִיג מֶענְשְׁלִיכֶעס גֶעפִיהְל הָאט וֶוען מַאן אִיהְם זָאלְכֶע תּוֹכָחָה מִיט דִבְרֵי רַכּוֹת זָאגֶן טוּהְט · אוּנ בֶּעוֵוייזְט עֶס אִיהְם פוּן

פסוקי

# כלל ה שאלה ער

פְּסוּקֵי תּוֹרָה אוּנ מַאֲמָרִים נִיכְט נוּר דָאס עֶר פוּן נוּן אָן אוֹיף זִיךְ גֶענֻמֶען טוּהט זָאלְכֶעס גֶעטְרֵיי נָאךְ צוּ פָאלְגֶען · זָאנְדֶערְן דִיא רֶעד הָאבֶּען זַיין הֶערְץ אַזוֹי שְׁטַארְק אַנְגֶעגְרִיפֶען אוּנ גֶערִירְט דָאס עֶר דַאדוּרְךְ גֶעהְט בְּהִתְבּוֹדְדוּת בְּמִסְתָּרִים אִין פֶערְבָּארְגֶענֶען פְּלַאטְץ אַלֵיין אוּנ וֵויינְט בִּדְמָעוֹת שָׁלִישׁ פִילֶע טְרֶערֶען וָוארוּם עֶר זָאלְכֶעס נִיכְט בִּיז הַיינְטֶע גֶעטְהוּהְן הָאט · דָא עֶר יֶעצְט אֵיין זֶעהְט דָאס דִיא צְוֵויא קִינְדֶער דִיא עֶר פֶערְלָארֶען הָאט ר״ל · וָואר עֶר דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת פוּן זֵייא · דָא אִיהְם יֶעצְט דֶער תַּלְמִיד חָכָם אוֹיף גֶעקְלֶעהְרְט הָאט דָאס נוּר בִּזְכוּת פוּן תּוֹרָה אִיז מַאן זוֹכֶה לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם וִימֵי בְנֵיכֶם צוּ אֵיין לַאנְגֶעס לֶעבֶּען פִיר זִיךְ אוּנ זַיינֶע קִינְדֶער (נוּן וֶוער הָאט בֶּאֱמֶת דִיא צְוֵויא קִינְדֶער גֶעהַארְגֶעט· נִיכְט דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת · נִיכְט דֶער פָּאטֶער פוּן דִיא קִינְדֶער · זָאנְדֶערְן דֶער תַּלְמִיד חָכָם דֶער וָואס זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטֶען הָאט אִיהְם זָאלְכֶעס אוֹיף צוּ קְלֶעהְרֶען אוּנ צוּ פֶערְשְׁטֶעהְן צוּ גֶעבֶּען) —

וִויא אוֹיךְ זַיין פִילֶע מֶענְשֶׁען וָואס נַעֲשֶׂה לָהֶם כְּהֶיתֵּר מְאַחֵר צוּ זַיין צוּ פֶערְשְׁפֶּעטִיגֶען דִיא מִצְוָה פוּן פְּרוּ וּרְבוּ אוּנ לָשֶׁבֶת יְצָרָהּ חֲתוּנָה צוּ הָאבֶּען וֶועגֶען פֶערְשִׁידֶענֶע עֲצַת יצה״ר וָואס עֶר אִיהְנֶען פֶערְפִיהְרְט דָאס עֶר מוּס זִיךְ עֶרְשְׁט פִיעל גֶעלְד עֶרְוֶוערְבֶּען · אוֹדֶער עֶר מוּס אוּם וַוארְטֶען אַזוֹי זִוּוּג וָואס עֶר מִיט אִיהְר אֵיין גְרָאסֶען נְדַן בַּקָאמֶען זָאל אד״ג · דָא אָבֶּער דִיא שַׁחֲרוּת אוּנ בַּחֲרוּת יָאהְרֶען נִיכְט נוּר דִיא יָאהְרֶען אוּנ חֳדָשִׁים אוּנ וָואכֶען אוּנ טֶעג זִינְד גֶעפֶערְלִיךְ · זָאנְדֶערְן אוֹיךְ דִיא שָׁעוֹת דָאס מַאן קָאן זִיךְ אִין אֵיין שָׁעָה מְאַבֵּד עוֹלָמוֹ זַיין עוֹלָם הַבָּא מַאכֶען פֶערְלִירֶען · וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט וְחוֹטֵא אֶחָד יְאַבֵּד טוֹבָה הַרְבֵּה אֵיין וִויכְטִיגֶע עֲבֵירָה מַאכְט פֶערְלִירֶען פִילֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים ... דוּא שׁוֹטֶה · דוּא טִפֵּשׁ · דָא דוּא דַיין נַארִישֶׁען שֵׂכֶל נָאךְ פָאלְגֶען ווִילְסְט נִיכְט עֶנְדֶער חֲתוּנָה צוּ הָאבֶּען בִּיז דוּא דִיר פוּן דַיין קַארְג אוּנ גֶעטְרֵיי שְׁפָּארְזַאם לֶעבֶּען · דִיר זַאמְלֶען וִוירְסְט אֵיין זָאלְכֶעס פֶערְמֶעגֶען וִויא דוּא שָׁאן פֶערְשְׁטֶעהְן וִוירְסְט דָאס דוּא דַאפוּן זָאלְסְט דִיךְ קָאנֶען מְפַרְנֵס זַיין (וָואס גֶעשֶׁעהְט אָבֶּער וֶועהְרֶענְד דִיא צַייט · דָא יֵצֶר לֵב הָאָדָם רַע מִנְּעוּרָיו דֶער טְרַייבּ פוּן דֶען מֶענְשֶׁען אִין דִיא יוּגֶענְד זֶעהְר שְׁלֶעכְט אִיז הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען· שְׂחוֹק וְהִיתּוּל · חִיבּוּק וְנִישׁוּק · מְחוֹלוֹת · מַאנְכֶעס מָאל גָאר בְּגוּף עֲבֵירוֹת הַזְּנוּת · דָאס פֶערְאוּרְזַאכְט שְׁפֶּעטֶער הִיעֶן וֶוען עֶר אוֹיךְ שָׁאן זַיין צִיעל עֶרְרֵייכְט הָאט זִיךְ פִיעל גֶעלְד צוּ זַאמְלֶען אוּנ דַאצוּ אֵיין גְרָאסֶען נְדַן אוֹיךְ בֶּעקָאמֶען הָאט · נִיכְט נוּר דָאס עֶר זַיין פֶערְמֶעגֶען פֶערְלִירְט אוּנ פֶערָארִימְט וִוירְד · זָאנְדֶערְן אוֹיךְ דָאס עֶר אֵיין רוֹצֵחַ פִיר זַיינֶע קִינְדֶער זַיין וִוירְד · דֶען דִיא עֲבֵירָה פוּן עָוֹן זֶרַע לְבַטָּלָה אִיז אֵיין זֶעהְר גְרָאסֶע עֲבֵירָה · אוּנ זִיא אִיז נִיכְט וַוייט פוּן רְצִיחָה אוּנ שְׁפִיכוּת דָמִים · וִויא אוֹיךְ מַאנְכֶעס מָאל זִיךְ גוֹרֵם אִיז זַיינֶע אֵייגֶענֶע יָאהְרֶען צוּ פֶערְשְׁנֵיידֶען

ה ו) נוּן אִיז דֶען אֵיין סָפֵק וֶוען דֶער תַּלְמִיד חָכָם אִיהְם זָאלְכֶעס אוֹיף קְלֶערְן טוּהְט דָאס זַיינֶע רֶעד בַּייא אִיהְם אֵיין אֵיינְדְרוּק מַאכֶען וֶוערְדֶען אַזוֹי דָאס עֶר אִיהְם אַיילֶענְד נָאךְ פָאלְגֶען וִוירְד · וֶוען אָבֶּער דֶער חָכָם פוּן זָאלְכֶעס מַעֲלִים עַיִן אִיז קֵיינֶע אוֹיף זִיכְט הָאט · אוּנ דַאדוּרְךְ זִינְד אִין זַיין שְׁטָאדְט פִילֶע יוּנְגֶע מֶענְשֶׁען פוּן

זיבן

זִיבֶּן אַכְט אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהְר אַלְט דִיא נָאךְ קֵיין חֲתוּנָה גֶהַאט הָאבֶּן. וֶוען שְׁפֶּעטֶר הַיְּיעֶן זִיא אִיהְרֶע קִינְדֶר אוֹדֶר זִיךְ זֶעלְבְּסְט בַּגְרָאבֶּן. אוּנ אִיהְר פַּרְמֶעגֶן דוּרְךְ פִילֶע פְּגָעִים צוּפֶעלֶע צוּ גְרוּנְד גֶעהְט. וֶוער אִיז דֶער רוֹצֵחַ. וֶוער אִיז דֶער גַזְלָן. זָא אִיז עֶס גֶעוִויס קֵיין אַנְדֶערֶער אַלְס דֶער תַּלְמִיד חָכָם דֶער זָאלְכֶעס ווייס אוּנ פָאהְר אוּם זֶעהְט. אוּנ עֶס נִיכְט דִיא וֶועלְט מוֹדִיעַ אִיז ווִיסֶען מַאכְט א) —

**שאלה עה** וַוארוּם דֶער עוֹנֶשׁ פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַנְהִיגִים אַזוֹ פוּרְכְטְבַּאר אוּנ שְׁרֶעקְלִיךְ אִיז.

**תשובה** מִיר גֶעפִינֶען בַּייא דֶען דוֹר הַמַּבּוּל וֶוען אוֹךְ דַאס זִיא הָאבֶּן גֶזִינְדִיגְט מִיט ע"ז אוּנ גִילוּי עֲרָיוֹת. אִיז דָאךְ אִיהְר גְזַר דִין דַאס זִיא זָאלֶען פוּן דִיא וֶועלְט אוֹיס גֶערִיסֶען וֶוערֶדען. נוּר גֶחַתְמֶת וָוארְדֶען וֶועגֶען דִיא עֲבֵירָה פוּן גָזֵל (וֶוען מַאן פוּן אֵיינֶעם דָאס זַיינִיגֶע וֶועק נִימְט) פוּן דֶען קָאן מַאן זִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען וִויא גְרוֹס דֶער פְּגַם פוּן דִיא עֲבֵירָה פוּן גָזֵל אִיז נוּן וֶוען דִיא עֲבֵירָה פוּן גָזֵל אִיז אַזוֹ גְרוֹס וֶוען דֶער בַּטְרֶעף אִיז נוּר פוּן עִנְיָנֵי עוה"ז. הויז. פַּרְמֶעגֶן. אד"ג. דַא דִיזֶעס אַלֶעס נוּר אֵיין וֶוערְט אוּנ אֵיין הֲנָאָה פוּן חַיֵּי שָׁעָה אִיז. קָאנְסְט דוּא יֶעצְט שְׁלִיסֶען וֶוען אֵיינֶער גַזְלֶת פוּן זַיין חָבֵר זַיין חַיֵּי עוֹלָם עֶווִיגֶעס לֶעבֶּען אוּנ אִיז אִיהְם גֹרֵם דַאס זַיין נְשָׁמָה בְּעוֹלָם הַבָּא פַּרְשְׁנִיטֶען אוּנ אוֹיס גֶערָאטֶעט ווִירְד. גֶעמְלִיךְ דַא עֶר אֵיין מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל אִיז אוּנ אוֹיף אִיהְם אִיז דִיא פְּפְלִיכְט אוּנ שׁוּלְדִיגְקֵייט אוֹיפְזִיכְט צוּ הָאבֶּן אוֹיף אֵיין יֶעדֶען דַאס עֶר אִין דֶרֶךְ הַיָּשָׁר גֶעהְן זָאל אוּנ וִויא אַזוֹ עֶר זָאל יִידִישְׁקֵייט עֶרְלִיךְ הַאלְטֶען. וַוייל זִיא אָבֶּער קֵיין אֶמֶתְדִיגֶע אֱמוּנָה הָאבֶּן זָא בֶּעדִינֶען זִיא זִיךְ נוּר דָאס אַמְט אִיהְר פַּרְנָסָה דַאדוּרְךְ צוּ עֶרְלַאנְגֶען. דַארוּם זִינְד זִיא מַעְלִים עַיִן פוּן תּוֹכָחָה אוּנ בַּייא מַאנְכֶען אוּם זַיין אַהֲבָה צוּ עֶרְלַאנְגֶען זִינְד זִיא גָאר אִיהְם חוֹנֵף שְׁמֵייכְלֶען זִיא אִיהְם. וְאוֹמְרִים לָרָשָׁע צַדִּיק אַתָּה אוּנ זָאגֶען צוּ דֶען רָשָׁע דַאס עֶר אֵיין צַדִּיק אִיז. אוּנ מַאנְכֶע זִינְד גָאר בְּפוֹעַל מֵסִית אוּנ מַדִּיחַ טוּהְן אִיבֶּער רֶעדֶען אוּנ פֶערְפִיהְרֶען פוּן דִיא תּוֹרָה אוּם צוּ טְרֶעטֶען. נוּן וָואס זָאל אֵיין זָאלְכֶעס דוֹר עָנִי טוּהְן וֶוען זִיא גִימָאהְלְס וֶועהְרֶענְד אִיהְרֶע גַאנְצֶע לֶעבֶּענְסְצֵייט אֵיין אֶמֶתְדִיגֶע תּוֹכָחָה גֶהֶערְט הָאבֶּן דַאס זִיא דַאדוּרְךְ פוּן
איהר

---

א) דַא דִיא עֲבֵירָה פוּן רִיבִּית אֵיינֶעם יִידֶען פְּרָאצֶענְט צָאלֶען (אוּנ קֵיין הֶיתֵּר עִיסְקָא צוּ מַאכֶען) לֵיידֶער בַּייא פִילֶע מֶענְשֶׁען נַעֲשָׂה לָהֶם כְּהֶיתֵּר אִיזְט. אוּנ דֶער עוֹנֶשׁ אוֹיף דִיא עֲבֵירָה אִיז זֶעהְר פִירְכְטֶערְלִיךְ. נִיכְט נוּר דַאס זַיין פַּרְמֶעגֶן לְטִמְיוֹן אוּנ צוּ גְרוּנְד גֶעהְט. זָאנְדֶערְן אוֹיךְ וֶוען דֶער צָאהְלְטָאג קָאמְט פִילֶע מֶענְשֶׁען לֶעבֶּען קָאסְטֶעט. וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט בְּנֶשֶׁךְ נָתַן חָיוֹ לֹא יִחְיֶה וַוייל עֶר פְּרָאצֶענְט גֶענָאמֶען הָאט ווִירְד עֶר וֶועגֶען דֶען זַיין לֶעבֶּען פֶערְלִירֶען. נוּן וֶוען דֶער תַּלְמִיד חָכָם זָאלְכֶעס נִיכְט מִיט גְרוֹסֶע תּוֹכָחָה פִיל מָאל מוֹדִיעַ אִיז. פוּן וָוא זָאל דָאס דֶער הָמוֹן עֶס ווִיסֶען.

איהר שלאף ערוואכען זאלן און אויף איהרע מעשים רעים מתחרט זיין און ווען איהר יום הגמול דער צאהל טאג ביים יום הדין הגדול קאמן ווירד און זיא ווערדן זעהן דיא ביטערע עונשים וואס פיר איהנען מוכן איז . זא ווערדן זיא יעמערליך שרייען און וויינען מיט דען ווארט דא דוא איין דיין האמת ביזט . וויא קאנסט דוא אונז אזו הארט בעשטראפען דא דוא זעלבסט ווייסט דאס דיא אורזאך פון אונזער שלעכטע פירונג איז נור . דאס מעולם האט אונז קיינער מוכיח געוועזען און גיכט צו רעכט געוויזען --- נון ווירד דען דאמאהלס פיר דיא מנהיגי שקר פאלשע פיהרער שבעה מדורי גיהנם זיבן וואהנונגען פון גיהנם און דיא כף הקלע וויא מאן דיא נשמה שליידערט פון איין עק וועלט ביז צו דיא אנדערע . גענוג זיין פון איהנען נוקם צו זיין אויף דען דם נקי אונשולדיג בלוט וואס זיא פרנאסן האבן .

## שאלה עו

וויא אזו דאס מאנכע אויף איהרע שגגות וויא אויף זדונות געשטראפט ווערדן :

## תשובה

דער כף זכות דיא פרטיידיגונגען דאס ביא דען המון עם איהרע זדונות נור פיר שגגות גערעכענט ווערדן . איז . וועיל זיא פרעמד זינד פון דיא וויסענשאפט פון דיא תורה און דאדורך איין זעהר קליינען בגריף פון אהבה און יראת ה' האבן . און דען פגם וואס דיא עבירות ווירקן איהר נשמה צו בפלעקן אויף דיא עוויגע וועלט ניכט פרשטעהן און דער יצר הרע און דיא ליידענשאפטן פון דען מענשן זינד גרוס . נון וואס זאל איהנען צוריק האלטען דאס זיא ניכט זינדיגן זאלן . דא אבער ליידער אין מאנכע געגענדן חדשים מקרוב באו איין דור עזות . איין דור חצוף . אויף געשטאנען איז איין נייא דור וואס עזות און הוצפא בזיצט . וועיל זיא ווילן זיך פון דען עול תורה יאך פון דיא תורה און מצות פרייא מאכען און נור נאך איהרן שלעכטן טריב און אייגען וואונטש געהן . דאריבער טוהן זיא זיך בכוונה אבזיכטליך *) אום וועהלן זאלכע מנהיגים וואס

מפורסם

---

*) וויא אוך אין מאנכע שטעדט דא איינינגע פון דיא ראשים און קצינים פון דיא געמעסיגטע זינד. איהרע ווייבר און טעכטער בפריצות געהן. קינדער שטודירן לאסען . זעהן זיא אלעס מעגליכע צו טוהן נור איין זאלכען רב אויף צו נעמן דער אוך שאן צו דיא געמעסיגטע געהער און דייטש זאגן זאל. וועיל דאן זינד זיא געזיכרט

דאס

מפורסם זינד פיר כופרים אונ מינים דאמיט זיא זאלן זיא ניכט מוכיח זיין [ווען אוך דאס דער נהוג געברוך איז פון דיא נביאי שקר פאלשע פרעדיגער דאס זיא תוכחה אונ מוסר זאגן וואס עס וירד גערופען מאראל . אונ זיא האבן אידם דאך ליב . איז דיא אורזאך דאפון . וייל זיא וואהל וויסען דאס זיינע פיהרונג אין אלע היגזיכטען פון יידישקייט . איז גלייך צו אידרע פיהרונג . אונ דער שטאף פון זיין גאנצע תוכחה איז נור וייל זיין אמט איז דאס ער איין זעהלן זארגער זיין זאל . זא מוס ער זיין דינכט פררכטן . אבער דער אמתדיגער ייד ווען ער תוכחה אונ מוסר זאגט . איז זיין גאנצע אבזיכט דאס דיא צוהערער זיך בעסערן זאלן אונ תשובה טוהן . דארום האבן זיא אידם פיינד וייל זיא זאלכעם ניכט ווינטשען] אונ זאלען קאנעזי אומגעהינדערט טוהן וואס זיא נור אליין ווילען . אונ וועגען דען טעם טוהן זיא פראכטען אונ זיין שונאים דיא ערליכע רבנים (* ביא איין זאלכן דור וירד דען המון עס ניכט נור איהרע זדונות פיר זדונות גרעכענט . זאנדערן איהרע שגגות וועדן זיא דארוף געשטראפט אלם וויא אוף זדונות . וייל זיא זעלבסט דאצו געטוהן האבן דאס מאן זיא זאל ניכט צו רעכט וייזען אונ אונטעררייכט געבן . דארום ווערדען זיא ביים יום הדין אוף איהרע שגגות ניכט זאגען קאנן דאס זיא

זאלכעם

---

דאס ער אוף שטודירן אד"ג קיין תוכחה זאגן וירד -- אבער זיא פערגעסען ווען אוך דאס זיא זיך פאר מענשן פערטיידיגן קענען . אבער השי"ת אוף דען דיא גמרא זאגט ווער איין מנהיג שאינו הגון זעצט . דאס הקב"ה וירד איהם בעשטראפען דא ער איין כוהן לבות איז דיא הערצער פריפט .

(* עס וועהרע שאן צייט דאס איהר אייער פערשטאקט הערץ בעשניידען זאלט אונ ניכט מעהר אזו הארטנעקיג זיין -- געדענקע נור דיא פריערינע צייטן וויא זיא האבן ניכט וואלן דען אמהדיגן נביא נאך פאלגן . אונ האבן אוף זיך גנאמן זאלכע מנהיגים וואס ניכט דאצו ווירדיג זינד . וויא פיעל פינסטערע אונ ביטערע צרות האבן זיא וועגן דען ליידען מיסען . וויא זינד זיא פון איהר לאנד . פון איהר רייכטוהם פערטריבן ווארדן . אונ ארים אונ נאקיט אין גלות מיסען געהן . נון זייט ניכט גורם מיט דיא עבירה דאס עול הגלות אוף אונז צו פערשטערקען אונ צו פערלענגערן חלילה .

# כלל ה שאלה עו

זאלכעס ניכט געוויסט האבן · ווייל זיא אליין פראוהרזאכט האבן דאס מאן זיא ניכט ערוועקן אונ ערמינטערן זאל -

**שאלה עז** זאלכע דיא זיך ניכט צו דען יאך פון דיא תורה אונ מצות אונטער ווערפן ווילען · ווארום איז דאך אויף איהנען דיא שולדיגקייט דאס זיא ניר איין מנהיג אמת זעצן זאלן ·

**תשובה** ווייל עס גיבט מאנכע שטערט וואס רוב מנין ורוב בנין דער גרעסטער טהייל אין מענשן אונ פרמעגען נאך ידען זינד אונ ווינשן זיך צו פיהרן אין הינזיכט יידישקייט ניר וויא זיא האבן פון איהרע עלטערן געזעהן אהנע ענדערונג · נור ווייל דיא ראשים פארשטעהר זינד קלי הדעת לייכטזיניגע אונ ווינשן התחדשות ערנייערונגן · זעהן זיא מיט אלערלייא בעטרוג זיא צו אונטערדריקען אונ דאס זיא מעהרערע מנהיגי ישראל אומענדערן קאנן זאלן · אונ זעהן זיא צו צווינגען איין אזו מנהיג אונ אזו רב אויף צו נעהמן וואס בייא איהם אלעס התחדשות אונ השתנות פרענדערונגן כשר אונ מותר זיין ווירד -

תמה תמה אקרא עס וואונדערט מיך זעהר וויא קאן איין מענש זיך אזו ווייט פרגעסן · דער פסוק שרייעט דער לייב צערייסט נור איין מענש אדער איין בהמה ווען איהם דאצו צווינגט זיין הונגער אדר דער הונגער פון זיינע יונגע · אבער אומזאנסט ווען גלייך דאס ער איין רויב טהיר איז · האט ער דאך אזו פיהל געפיהל אונ ערבארמונג זאלכעס ניכט צו טוהן - נון וויא קאן מאן זא איין חיה רעה זיין אונ אכזריות בזיצען יידישע קינדער בייא דיא אזו גרוס אינ טייער דיא אהבת אמונה אונ דת איז · דאס זיא וויינענד שרייען כי היא חיינו ואורך ימינו דיא תורה נאך צו פאלגען נאך דיא אלטע פיהרונג דאס איז אונזער לעבן · אונ ווילען זאלכעס טרייא בהאלטען - זיא מיט געוואלט נידער צו טרעטן אונ איהר חיי נצחיי עוויגעס לעבן זיא צו בגזלן - דען ווען יענע דאס עול פון דיא תורה אונ מצות צו פיהל אונ צו לאסט איז · דיא בחירה וואהל איז יא פרייא פיר איין יעדן מענשן · דען ווען זיא אויך צו לאסט ווערדן דאס מאן זאל אויף נעהמן איין מנהיג וואס איין צדיק איז · דעסוועגן קאנן זיא דאך טוהן וואס

זיא

זיא ווילן . אבער ווען דער מנהיג איז פון דיא וואס ניכט ראוי להוראה זינד וואס ניכט ווירדיג זינד איין פיהרער צו זיין . זא איז ער גורם צו פיהלע רציחות פון אונשולדיגע נפשות . ער האט קיין השגחה אופזיכט אב איין מקוה אין דיא שטאט איז אדער אב זיא געהעריג כשר איז . אב זיא ריין געהאלטען וויִרד *) אב זיא זא איז געריכט דאס מאן זאל זיא קענען ווארים מאכן [דען דער מנהיג וואס איין ירא שמים איז מוס אויף דען אלען זארגען דאמיט זאלכעס זאל ניכט פראורזאכן בייא מאנכע נשים קצינות דיא לייכטזיניג זינד צו טוהן וואס מאן ניכט טוהן זאל] אונ דאס ער זאל אופזיכט האבן דאס קיין מכשול רבים זיין זאל פון איסור נבילות דאס דיא שוחטים יראי שמים זיין זאלן . דען ווען גלייך דאס דער שוחט איין מומחה אין דיא הרגשה איז [ווען אבער דיא אמתדיגע יראת שמים פעהלט נעהמליך דאס ער שרעקן אונ ציטערן זאל אונ אין גרוס אנגסט אונ פורכט זיין דאמאל ווען ער דאס סכין בודק איז . דאס ער זיך אלע זיינע גדאנקען צו זאמען נעהמן זאל געניוי אויף דיא בדיקה אכט צו געבן דאס ער זאל מרגיש זיין וואס מעגליך איז דאס ער זאל חלילה קיינעם מכשיל זיין . איז זעהר לייכט דאס ער מכשיל זיין קאן] איז ניכט גענוג ווען ניכט דאבייא אויך יראה איז . אונ דאס ער אופזיכט האבן זאל אויך שמירות שבת . אונ אויף שמירות דת יאהדות . אד"ג. דען פון זאלכע צבועים געפערבטע איז נור מייסטענס איהר תוכחה אויף גמילות חסדים וצדקה , זאנסט ניכטס - פרגעסט איהר דען דאס איין יום הדין עקזעסטירט. אונ דיא יעניגע דיא וואס פראורזאכט האבן איין מנהיג רע אויף צו נעהמן אונ דאדורך פיהלע מצות פון דיא תורה ניכט געהעריג געהאלטן ווארדן זינד . ווערדן אויף דען

אלען

*) דארום אין אזו מדינה וויא תקנות עזרא געהאלטן ווירד דאס אלע מענער זעהר אפט דיא מקוה בעזוכן אונ דאדורך קאן מאן זעלבסט פערשטעהן דאס זיא ניכט געהעריג ריין זיין קאן . פיעל מעהר אין דיא גראסע קהילות . איז איין גראסע שולדיגקייט אויף דיא פיהרער פון דיא קהלה וואס יראת שמים בעזיצן . דאס זיא אלעס מעגליכע טוהן זאלן ווען עס נאך אזו פיל געלד קאסט . איינע ריינע ווארמע מקוה אהער צו שטעלן . וואס נור פיר נשים אליין געאייגענט זיין זאל .

# כלל ח ט שאלה עז

אלען מיסען רעכענשאפט געבן . דען ווען איין מענש זינדיגט פיר זיך אליין האט ער נאך האפנונג ווען איבער איהם קאמן ווערדן דיא אלטערס צייט אדער יסורים . אונ ארמוטה . קענען זיא ביא איהם ווירקען דאס ער תשובה וויערד טוהן . הער אבער וואס גורם איז משחית אונ מחטיא רבים צו זיין - וואס פיר איין האפנונג האט דער - דארום בין איך אייך מתרה טוהע אייך וואהרנען ח״ס וח״ס ער נפשכם גיבט אכט אוף אייער נשמה אונ זעהט אלם מעגליכע צו טוהן מתחרט צו זיין זא לאנג דיא חרטה אין אייער האנד איז (. -

שאלה

(. אונ אין זאלכע געגענדען וויא שאן דיא הילף פון השי״ת זיך אנגעפאנגן האט דען פסוק מקיים צו זיין וכל קרני רשעים אגדע דיא הערשאפט פון דיא רשעים ווערדע איך אב שניידן . אונ ניכט במשול רשע יאנח העם ווען דער רשע רעגירט זיפצט דאס פאלק . דאס דיא מאכט אונ דיא גבורה פון דיא פארטשריטס פארטייא צערבראכן אונ נידער געריסן ווארען איז דאס זיא קיינע ממשלה האבן אוף איהרע אנדערע ברידר דיא נאך ערליכע יידען זיין ווילען איהנן ניכט אין היגזיכט אמונה אונ דת אין גרינגסטן הינדערן צו קאנן . קאמע איך אייך דיא איינעגע אפיגע רער מזהיר צו זיין אונ התראה צו טוהן אונ צו ווארנען דיא געמעסיגטע פארטייא דאס זיא זיך ניכט אונטערשטעהן זאלן צו אינטערדריקן אונ משפיל צו זיין צו ערנידריגן דיא אמתיגע ערליכע יידען דיא וואס עס ווערדן גערופן דיא אלטע יידען וואס איהר ווילען איז דיא יידישקייט געניי אונ טרייא צו האלטן אהנע ענדערונג וויא זיא מקובל האבן מימות עולם פון פריגע צייטן אין אלע הינזיכטן אהנע אום נאמע דאס זיא זיא ניכט צווינגן זאלן דאס זיא זאלן מיסען מסכים איינשטימיג זיין אוף זאלכס וואס זיא ווינשן . וויא דאס שפריכווארט אין מדרש זאגט מאן דאחמי לן בעילאי יחמי לן בתתאי מי ישרע מן הראשונים יפרע מן האחרונים דער וואס אינז געהאלפן האט פון דיא ערשטע דיא וואס דיא יידישקייט אונטער דריקן וואלן . דער ווירד אונז אויך העלפן פון דיא צווייטע וואס זאלכס טוהן ווילען . דען ווען איהר לוסט האט ע״ז בשיתוף צו דינען וויא דער דרך פון דיא געמעסיגטע פארטייא פפלעגט צו זיין . איין זאלכען רב אוף צו נעמען דער מילכיג אונ פליישיג איז . ווען אויך דאס ער איין ערליכער ייד זיין מוס . אבער דאך זאל ער געבילדעט זיין -- אונ ווען אויך דאס ער איין גדול בתורה זיין זאל דאמיט דיא שטאט ווייטער דען פראכט אונ כבוד האבן וויערד דאס ער תופש ישיבה זיין ווירד . אבר דאך מוס ער בקי זיין בחכמות

היצוניות

# כלל ט אום אני חומה ובו י״ג שו״ת

**שאלה עח** וועלכעס איז דער גרונד און דער עקשיין וואס דאדורך די גאנצע יודישקייט בעפעסטיגט ווירד ·

**תשובה** דער מדרש ערצעהלט איין מין האט גזאגט צו איין תנא צו בווּאונדערן איז וויא גרוס דאס שאף איז וואס זיך שאהן אזו לאנגע צייט ווידען טוהט צווישען זיבציג וועלף און דאך זיך ערהאלטען קאן · זא האט איהם דער תנא תשובה געגעבן עס איז קיין וואונדער · וויל דער שומר דער היטער פון דען שאף איז זעהר גרוס א) פון דיזען איז ארוס צו נעהמן דאס ווען ניכט וועהר אוף איהן די אופזיכט און דער שוטץ פון שומר ישראל · זא העטן ישראל ניכט אוף די וועלט עקזיסטירן קענן · דאריבער מיסען מיר זיך בשתדלן זאלבע מעשים צו טוהן דאס דאדורך זאל די אהבה פון השי״ת אוף ישראל אימער פעסט און שטארק זיין · און ווען מיר ווילען וויסן וועלכן וועג מיר געהן זאלן און וועלכע מעשים מיר טוהן זאלען די זאלבעס פראוהזאבן קענן דאמיט ווען די צייט קאמט דאס מיר שוטץ און הילף ברויכן · דאס מיר זאלן קענען זאגען מיר זינד דיינע שאף · דיא ביזט אונזער היטער · מיר זינד דיינע קינדער דוא ביזט אונזער פאטער · אזו איז דיא עצה מזקנים נתבונן פון די אלטע איין מוסטער צו נעמען שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך פרעגע זאלבעס נאך דיין פאטער ווירד ער דיך אונטערריכטען מיסען מיר זיך אב לערנן

---

חיצוניות — דאמיט דאס ער מיבה אפיקורסת זיין זאל . זא קאנט איהר עס יא טוהן פיר איך אליין · אבר יענע זאלן זיך נעמן איין אזו מנהיג וואס ניכט פון די מורכבים איז · וואן איהר אבער זאלבעס ניכט נאך פאלגן ווירד · דעו חטאתכם אשר תמצאו אתכם ואלט איהר וויסן דאס דער צאר טאג קאמן ווירד ·

א) דאס הייסט דא די ישראל דורך איהרע תורה ומצות אין אלע הינזיכטען פון אלע פעלקר ערווייטערט זינד · זא מוס יא דאס פעראורזאכן דאס איהרע הערצער ניכט נור געטיילט זאנדערן זעהר פרעמד צו אונז זיין זאלען · ווען אוך דאס עס גיבט פיל אומות מ״מ איהרע מלכים וואס אנשי חסד זינד און מדות טובות בעזיצן ·

# כלל ט שאלה עח

לערנען פון דיא פיהרונג פון אונזר פאטר יעקב דר וואס האט געוואהנט צוואנציג יאהר ביא לבן הרשע אונ דאצו האט ער זיך גערימט תרי״ג מצות שמרתי איך האבע ניכט אב געלערענט פון זיינע שלעכטע מעשים. אונ האבע דיא מצות פון דיא תורה גענוי מקיים געוועזן. דא אבער זאלכעס איין געפערליכר שריט איז דאס מאן מיט רשעים צוזאמען קאמן זאל אונ דאך ביא דיא יראת שמים בלייבן. וויא דער פסוק זאגט ורע כסילים ירוע. בהתחברך לרשע פרץ ה׳ מעשיך דער וואס חברותא מאכט מיט רשעים ווירד צו לעצט אויך איין רשע. ווירד דיר אוף פאלענד זיין וויא דאס מעגליך איז. זאלכט דוא וויסען דיא אורזאך דאפון איז. וייל יעקב האט זיך ערוויטערט פון אידם מיט אלען מעגליכן. אונ ווען גלייך דאס לבן איז געוועזן איין מלך אין חרן. קאן יא איין יעדער פרשטעהן צו וויפידל שררות אונ גדולות ער העט געקענט זוכה זיין. יעקב אבער האט זיך פעסט געהאלטן אין דעם פסוק טוב מעט ביראת ה׳ בעסער אין נידריגן שטאנד צו שטעהן אונ יראת שמים צו בעזיצן מאוצר רב ומהומה בו אלס גרוס הערשאפט אונ רייכטוהם צו בעזיצן אונ דאדורך דיא יידישקייט גשוואכט צו זיין. אונ האט זיך איבערלעגט ווען איך ווערדע האבן כבוד. וגדולה. ועושר. אונ איין גרוס התמנות אמט. דאס אלעס איז יא נור אזו הנאה אונ נחת וואס איין חיי שעה איז. ווען דאס זאל מיר גורם זיין מיין נשמה צו פרזינדיגען. מיין חיי עולם צו פרלירען. צו וואס זאל עס מיר. דען ווען איך העטע געוועזן ביא לבן איין יועץ האפראהט אדער איין שר צבא פעלד הער. העטע איך דאך געמוסט פיהלע מאהל מיט איהם התחברות והתקרבות האבן צו זאמען קאמען מיכען ביא איינע סעודה. אדער ביא איינע פרזאמלונג. אד״ג אונ דאדורך העטע איך ניט מיינע יידישקייט גענוי קענן האלטען. איבער דען ציגע איך ליבער פאר מיין וועלט צו פרלעבן אין געמיינן שטאנד דאמיט איך דאדורך אונגעהינדערט איין ערליכער ייד זיין קאן אלס איך האבן זאל עושר וגדולה אונ דיא יידישקייט דאדורך שוואכן. איבער דען האט ער געזאגט גרתי איך האבע ביא לבן ניט געוואלט זיין קיין שר. קיין חשוב. נור איין גר. אונ וועגן דען בין איך פון

איהם

איהם ערוויטערט געוועזן דאס מאן מיך צו גאר קיין שמחה און אסיפה פערזאמלונג געלאדענט האט . און דאדורך גרתי האבע איך געקאנט האלטען תרי"ג א) [ווען אוך דאס איך דאדורך ביא לבן און זיינעם גלייכען פראבטעט און פערהאסט וואר] ב) - דיזעם זאלן מיר זיך בכל דור ודור צו יעדער צייט פיר איין מוסטער נעהמען . נור דען ווענ צו געהן און נימאלם אוים צו טרעטן . זא ווירד דיזעם איין אבן פנה איין עקשטיין זיין דאס דיא יידישקייט נימאלם פרקירצט ווערדען זאל --

**שאלה עט** אב מאן שולדיג איז כבוד און גדולה פון עולם הזה ביא צו זייטיגן ווען דאדורך דיא יידישקייט גשעדיגט ווערדן קאן :

**תשובה** דאמאלם וויא אונזערע אבות זינד אוף מצרים געקאמן . וואר מצרים איין גברת ממלכות איין הויפט רעגירונג אזו דאס פרעה מולך בכיפה געוועזן איז . דאס ער דיא גאנצע וועלט בהערשט האט . און דיא חכמים און דיא חרטומי מצרים שווארץ קינסטלער . ווארן דיא גרעסטע אין דיא וועלט . און דאך האט פרעה גזאגט צו יוסף הנמצא כזה וכו' אין נבון וחכם כמוך דאס קיינר אזו געשייט און פערנינפטיג איז אלם דוא - נון האבן מיר שין בשטעטיגט פון אלע חכמים אין דיא וועלט דאס יוסף דער חכם און דער נבון מעהר אלם אלע מענשן וואר . און וויא זיינע ברידר האבן געוואלט נאך מצרים געהן וייל ער האט געוויסט דאס זיא זיין חכמים גיבורים האט ער מורא

---

א) דאס זאלכם אמת איז. בעווייזט יא וואס מיר זעהן מעשים בכל יום אלטעגליך וויא זעהט דען דיא יידישקייט אום ביא זאלכע לייט דיא צו איין שררה און גדולה געקאמן זינד. און ווען זיא אליין נאך עטוואס יידישקייט בעזיצן. וויא זעהט אבער אום דיא פיהרונג פון איהרע קינדר -- זיא שעהמן זיך יא שאן דאס זיא אונטערטעהניג זיין זאלן צו דיא תורה און מצות. אוי לאותה בושה להחליף עולם עומד בעולם עובר וועהע אזו שאנד . צו פערטוישן איינע עוויגע וועלט פיר איינע פערגענגליכע --

ב) איבער הויפט וואס דיא תורה אונז ערצעהלט ויבא יעקב שלם דאס ער און זיין גאנצע פאמיליע וואר אום געצייכענט מיט שם . לשון . מלבוש . דאס זיא נור מיט יידישע נעמן גרופן ווערדן זאלן . און נור אן דיא יידישע שפראך זיך פעסט געהאלטן . וויא אוך וואס מעגליך וואר . ווארן זיא אום געצייכענט נור יידישע מלבושים צו טראגן. דען דיא דרייא זינד דיא ווארצלן און דער גרונדשטיין דיא יידישקייט פעסט צו בעהאלטן -- .

# כלל ט שאלה עט פ

מורא געהאט דאס פרעה ווירד זיא וועלן געבן כבוד אונ גדולה דאס זיא עטוועד אן נעמן זאללן . אונ דאדורך מיט דיא מצרים פילע צוזאמענקינפטע אונ פריינדונג האבן ווערדן זא האט ער פאר אום געזעהן דאס זאלכעס קאן איהנן שפעטער היען דיא יידישקייט שעדליך אונ געפערליך זיין . וויל באמת קיין אנדערר וועג עקזעסטירט דאס מיר דיא תורה טרייא האלטן זאלן . נור ווען מיר געטרענט פון אנדערע פעלקר זינד . זא האט ער דיזע אלע הצלחות אונ עושר וואס זיא העטן האבן קענן . בייא געזייטיגט . אונ האט זיא איין עצה געגעבן דאס זיא זאלען זיך אליין מבזה זיין אונ צוריק זעצן . נעמליך ווען פרעה אייך פרעגן ווירד מיט וואס איהר אייך באשעפטיגט . זאלט איהר זאגן (רועה צאן) שאף היטער . דאדורך ווירד איהר פון דיא מצרים פעראבשייט אונ ערווייטערט זיין אונ ווירד קאנן וואהנען אין איין אפגעזאנדערט שטיקל לאנד וואס גושן גענענט ווירד אונ אייער אמתדיגן תכלית אונגעהינדערט פארט ארבייטן . נעמליך תורה אונ מצות מקיים צו זיין . טרייא בלייבן -- אבער ניכט וויא מאנכע פון דען דור האחרון היטיגען דור פון דיא הוי חכמים בעיניהם וואס זיך פיר קלוג האלטען אונ באמת טפשים וכסילים דום אונ נארן זינד . דאס וועגן איין נזיד עדשים געריכט לינזען צו ערלאנגען פרקויפען זיא דיא בכורה . עס איז בייא איהנען גלייכגילטיג פילע מצות אונ אזהרות פון דיא תורה מבטל צו זיין צו פערהינדערן . אונ צו פערנאכלעסיגען אום דאדורך איין כבוד המדומה . איין זאלכען כבוד וואס נור איינע פאהרשטעלונג איז . צו ערלאנגען . אוי לשכלם הדל והסרוח וועהע איהר נארישן אונ פרשטינקענן שכל .

**שאלה פ** דיא מצוה דאס מיר פון יעדע אומה אין שם . אונ לשון . אונ מלבוש . אום געצייכענט זיין זאלן . אב דיזעס איין גרונדשטיין איז דיא גאנצע יידישקייט צו בפעסטיגען אודער ניכט --

**תשובה** דער ריינער אמת איז דאס דיא חומה מויער וואס אין איהר כח שטעהט צו בעשיצן אונ צו בפעסטיגען דיא גאנצע יידישקייט אין כלל אונ אין דען פרט . אונ זיא איין קשר אמיץ פעסטער בונד איז דאס מיר איין עם הי זינד אונ זיין ווערדען עד עולם ביז אוף עוויג איז . דאס מיר אויסגצייכענט זיין זאלן פון אנדרע פעלקר מיט שם . ולשון . ומלבוש . מיט דען נאמען . אונ שפראך . אונ קליידונג . אונ דאדורך פון זיא גאנץ אב געזאנדערט אונ גטיילט זיין ווערדן . וויל ווען יידען דיא אייגענע שפראך האבן אלס וויא דיא אומות העולם נעמליך דאס מאן זאל מקפיד זיין אבט געבן געגען

דיא

דיא ריינע שפראך אזו צו רעדן אהנע שום שינוי וגרעון ענדערונג . דאס הייסט קיין שפראך פעלער וויא זיא רעדן . דאס פערא״הרזאכט שפעטר היען דאס דיא אמונה אונ דער דת אויך זיך פעראיינגט . דאריבר דא אונזערע אבות אין מצרים זאלכעס פאר אום גזעהן האבן דא זיא יעצט ניכט מעהר זינד איין עם לבדד ישכון איין אב געזאנדערט פאלק וויא פריער אין ארץ העברים אין דען לאנד פון עברים . זאנדערן זיא מיסן שוין האבן פילען פרקער אונ פרוויקלונג מיט אומות העולם דיא אנדערע אמונות ודתות גלויבן אונ געברייכע בעזיצן . אונ דאדורך דיא יידישקייט געשוואכט ווערדן קאן . דארום אים דאס צו פרהיטן האבן זיך אלע פערזאמלט אונ האבן איינשטימיג כורת ברית געווען איין בונד גמאכט דאס זיא ניכט פערלאסן ווערדן דיא יידישע שפראך . אונ דאס זיא ניכט לערנן ווערדן דיא שפראך פון דיא מצרים אום זיך צו ערווייטערן פון דיא דרכי ע״ז [וויל אבער דיא קינדר דיא דארט געבארן אונ ערצאגן ווערדן . איז יא ניכט מעגליך דאס זיא זיך צוריק האלטן קאנן פון דיא שפראך וואס זיא תמיד הערן . זא האט מאן מיט כוונה אונ מיט אבזיכט איהר לשון משבש גוועזן גפעלשט אויף צווייערלייא ארט . ע ר ש ט ע נ ס . דאס מאן פערמישט אין צווישן פילע ווערטר פון לשון הקודש אונ תרגום ׳ וויא צום ביישפיעל אפשר חלילה . איין שעה . האלבע שעה . ברכה זאגן . ח״ו . בלי נדר . מזל טוב ׳ חתימה טובה . שנה טובה . בעוה״ר . חרטה . אד״ג ׳ צ ו ו י י ט ע נ ס דאס מאן דיא ווערטר זעלבסט פרדערבט אונ אנדערס אום שפריכט פאטר פאטר . גראס פאטער . דעדע . בראט ברויט ׳ אד״ג . דאמיט איז מאן שון ניכט אין דען כלל פון פורץ גדר ישכנו נחש דער וואס איין זאלכען צוים [וואס מאן גמאכט האט דיא יידישקייט צו היטן] איינרייסט . זאל פון איינע זאלכע שלאנג געביסן ווערדן וואו ער קיינע הילף מעהר האבן קאן . פון דען קבלות ברית פון אונזערע פאר עלטערן וויל דער נכרי דער פון זיינער יוגענד נור ריינע דייטשע שפראכע רעדעט . פרשטעהט יא ניכט אונ איז איהם יא אויך עקעל דיא יידיש טייטשע שפראך וויל זיא פרדארבן גרעדעט ווירד . אונ פרעמדע ווערטר דאבייא פרמישט זינד . דאדורך ווען גלייך דאס זיא איין

שפראך

# כלל ט שאלה פא

שפראך רעדן . . זינד זיא דאך זעהר ערווייטערט אייגר פון דען אנדערן] אונ דאמיט דיא יודישע אמונה אונ דאס דת נימאהלס פערקירצט ווערדן זאל . אויך דען אליהו הנביא האט עדות געזאגט דאס דיזער קבלות ברית איז ביא השי"ת זעהר אנגענעהם אונ טייערר אלס פיעלע אנדערע מצות . וויא אויך וועגן דיא אמונה אונ דת צו בפעסטיגן האבן זיא אויך זיך געגאמן דאס זיא איהרע יודישע נעמן אינ מלבושים ניכט פרוועכסלן אונ פרטוישן ווערדן מיט זאלכע נעמן דיא . דיא אומות העולם גערופן ווערדן . דיא מענער זאלען נור גערופן ווערדן ראובן , שמעון . אונ דיא ווייבער נור צפורה . ומרים . אד"ג' ניכט אנדערסט . דיזעם האט זיא ביא גטראגן דאס ווען גלייך דאס זיא זינד געוועזן אין גלות ביא דיא מצרים דיא שטופי זמה אום שוויפענד זינד . אונ אייגע צייט לאנג פון (רד"ו שנה) צוויא הונדערט אונ צעהן . זינד זיא דאך געבליבן איין עם קדוש הייליג פאלק . דאס השי"ת האט עדות געזאגט אויף איהר יחוס . דאס זיא איינגעציימט אונ ערווייטערט פון עריות אונ זנות געוועזן זינד .

## שאלה פא

אב דיא אזהרה בחוקותיהם לא תלכו דאס מאן ניכט געהן זאל אין דיא געברייכע אונ פיהרונג פון אנדערע פעלקר . פון דיא וויכטיגע לאוין פון דיא תורה זינד אודר ניכט --

## תשובה

ניכט נור דאס דיזע מצוה וויכטיג איז . זאנדרן אייגם פון דיא חומות ושומרי התורה מויערן וואס דיא תורה בעזיצן איז . דען וייל דער יצר הרע סט"א זאלבעם ווייס אונ גוט פרשטעהט דאס נור דיא אבינע דרייא דיא גרונדשטיינער פון דען דת אונ שומרי אונ מחזיקי התורה וואס דיא תורה פערשטערקן זינד אונ זען מיר געטיילט אונ ערווייטערט אין הינזיכט אמונה אונ דת פון דיא אומות העולם זינד . דאס פערזאודרזאכט דאס מיר אונגטיילט אין דיא אהבת ה' אונ אהבת התורה זינד . [אונ ווען מאן דען גרונד שטיין פון ארט ריקט אונ איהם שוואך אונ שלאף מאכט . זא איז דאס גורם דאס דאס בנין געביא דאר זיך ניכט פון לאנגן דויער איז] דאריבר בשמרעבט ער זיך אלעס מעגליכע צו טוהן אונ מסית

צו זיין צו איבער רעדן דיא ערוויטערונג פון דיא אומות העולם צו
פארקלענערן אונ צו פערוועניגערן מיט דען א ו י ף ר ו ף מי
פתי יסור הנה ווער איז דער נאר דער זאלבעס נאך פאלגן
ווירד [געמליך זאלכע מענשן וואס ביא איהנן דיא יראת שמים וועהר
קאלט איז. אונ דער קבלות ברית פון אונזערע אבות אין מצרים
אין קליינען ווערט שטעהט דא זיא שוין יעצט פילע מצות פון דיא
תורה פערלאזטען אונ פערענדערן. פילמעהר דאס זיא זיך ניכט
בעקימערן צו זארגן דאס דיא יידישקייט אין דיא צוקונפט ניכט
געשוואכט ווירד] זאל דען ניכט דיא ערשטע פפליכט זיין דאס מיר
איין לשון צח ונקי איינע ריינע שפראך רעדן זאלן. וויא אויך דאס
מיר מיט דיא אומות העולם גלייך זיין זאלן אין שינוי שם. אונ
מלבוש. [אונ דאדורך וועניגער פערהאסט זיין ווערדן. דאס איז
יא קיין אזוי גראסעס אונרעכט] האט מאן איהם שוין מיט דען נאך
געפאלגט דאס שאהן איינע צייט לאנג זאלכעס איינגעפירט ווארדן איז
זא געהט ער ווייטער דאס זעלבסט דיא תוכחה אונ מוסר וואס דער
דורש אין שוהל זאגן טוהט זאל אויך זיין אויף דיא שפראך פון דיא
אומות העולם. אום דאמיט צו געווינן דאס איהר אהבה צו אונז
פערשטערקט ווירד. דאן געהט ער ווייטער אב צו שאפן פילע תקנות
אונ מנהגי ישראל יידישע איינפירונג אום זיך צו נעהרן צו דיא
מנהגים אונ פירונג פון דיא אומות העולם. געמליך דאס דיא חופה אונ
סידור קדושין אין שוהל זיין זאל. דאמיט מיר זאלן ניכט פערענדערט
זיין פון דיא גוים. ווייל ביא דיא אומות העולם אזוי דער געברויך
איז. א ו נ ווען מאן איהם דאס אויך בעוויליגט האט אן צו נעמן
זא געהט ער נאך ווייטער דאס עס איין יושר איז אזו וויא דיא כומרי
אומות העולם גלחים. גייסטליכע. ביא דיא פערבינדונג ביא איין
חתונה וואס עס ווירד אן גערופען קיפעלירן זיך פיהרט. זאל דער
יידישער רב אויך אזו טוהן. נעהמליך דאס ער זאל מוסר השכל מענין
התנהגותם באהבה ובאחוה ומהות ענין הקידושין [איהנען איינע אויף
קלערונג פון מוסר זאגען זאל וואס דער אינהאלט פון קידושין איז.
אונ וויא אזו זיא זיך פיהרען זאלען דאס אימער איניגקייט אונ צו
פרידענהייט ביא איהנען הערשען זאל] איהנען זאגען וואס עס ווירד

# כלל ט שאלה פא

גערופען טרויאונגס רעדע - אונד דאן געהט ער נאך ווייטער • דא מיד שאהן אונז נאך דיא פיהרונג פון אומות העולם ריכטען אונ ניכט מעהר איין אוס געצייכענט פאלק זיין ווילען • זא ברוכבען מיר שאהן ניכט מעהר דען קענצייכען צו האבען בושת פנים צו בעזיצן • דאריבער געביהרט זיך דאס מאן דען אלטען מנהג אוך אום ריימען זאל דאס מאן האט נור דיא כלה בדעקט מיט איין זיידענעם טוך וויא מאן האט ניכט געקאנט איהר אין פנים זעהן • זאנדערען מיט איין פלאר • אונ דא מאן שאהן איין פלאר נימט זא געבידרט עס זיך גאנץ צו געהן בחוקותיהם [דען ווען ניכט • איז מאן יא קיין ייד • אונ קיין גוי] נעהמליך דאס מאן אוך איהר דען קראנץ מאכען זאל וויא ביא דיא אומות העולם - אונד ווען שאהן דער (סט״א יצר הרע) זעהט דאס איהם זיין וועג בגליקט • זא געהט ער נאך ווייטער צו פערלאנגען דאס זעלבסט דיא יידישע שוהל וואס אן גערופען ווירד איין קליינעם בית המקדש זאל נאך דען אייגענען פארים אונ גאנץ נאך דען אייגענען שטאטור פון אינווענדיג אונ אויסווענדיג זא ערבויעט אונ אהער געריכטעט ווערדען וויא איהר בעט הויז • נעהמליך דיא בימה אלעמער צו שטעלן נעבען דיא מזרח וואנד • אונ דיא מחיצה וואנד צווישן עזרת נשים לעזרת אנשים מעגער אונ ווייבער שוהל גאנץ וועק צו געהמן • אדער ווענינגסטענס עס זאל פיהל נידערער זיין • דען דאדורך דאס איינער דיא אנדערע זעהן קאנען ווירד - זא ווירד יא דאדורך דער שוהל גאנג אום פיהל גרעסער זיין - ) וויא אוך דאס דער שליח ציבור הזן זאל האבען מלבושים מיוחדים

---

י) שומו שמים על זאת היכל שטונט אוף דען • זייט איהר דיא זעהנע פון אברהם • יצחק • ויעקב • זייט איהר טעכטער פון שרה • רבקה • רחל • ולאה • דיא צדיקים אונ צדקניות געוועזן זינד • אונ בושה אונ צניעות בעזיצט האבן • אודר זייט איהר מזרע עמלק ימ״ש אבקימנונג פון עמלק • המערת פריצים היה הבית הזה איז דען דאס הויז וויא מאן קאמט מתפלל זיין צו השי״ת • איינע העלע וויא דארט צוזאמען קאמען אויס גלאסענע שלעכטע מענשען -- עס נימט מיך גראס וואונדער ווען ניכט זאלכע שודלן ווערן פערקערט ווערדן צו בתי זונות •

מיוחדים בעת התפלה דאצו געאייגענט קליידונג ווערענד דיא תפלה . וואס אזו געמאכט זינד וויא דיא מלבושי הכומר - וויא אוך דאס ער האבן זאל איין מצנפת בדמות ובצורה שתי וערב מיצע וואס געמאכט איז דען פארים וויא איין צלם . אונד לימים ידועים אין געוויסע טעג מוס ער אוך האבען מנעלים לבנים ווייסע שוך . אונ דיא אלע בריעות אונ השתחויות נידער בייגונגען. אונ דיא ניגונים וואס מאן זינגט . זאל אלעס נור אזו זיין וויא עס איז בבית תפלתם אונד ווען דער רבי דען פרעדיג זאגט מוס ער זיך אן ציגען איין דאצו בעשטימטעס שווארצעס קלייד אלס וויא דער כומר . אונד וויא אוך עס זאל ניכט מעהר געמעלדעט ווערדן דער נאהמן יידישע שוהל . אין דען ווארט איז פערשטאנען דאס פון נון אן ניכט מעהר קיין אונארדענונג זיין זאל ודער שרייעט. אונ דער ברימט. אונ דער זינגט . אונ דער קרעכצט. אונ דער זיפצט. אונ דער וויינט . אונ דער קלאטשט. אונ דער טאנצט. אונ דער שרייעט אחד דאס מאן ערשרעקט *) אונ מאן מוס אוף דען זעצען איין קאמיםער אדער טעמפעל דינער . אונ ווען מאן דאס ספר תורה נימט . זא מוס ער עס נעהמען מיט זיינע צוויא הענד געגען דען פנים איבער. אזו וויא דער כומר דען צלם טראגט. אונ ביא איין לויה פון איין מת מוס זיך דער רבי אן ציגען איין ווייסעס העמד אוף זיינע מלבושים אונ זאגען ויהי נועם מיט דיא צוועלף דאצו בעשטימטע קינדער מיט דען ניגון פון קאהר . אונ דאס מאן זאל טראגען פאר דען מת איינע הויכע שווארצע שטאנג וויא דארט אוף געשריבען איז דער נאהמן פון דען פערשטארבענען . דא מיר קיין שתי וערב צלם האבן . זאל ווענגסטענס דאס דער ערזאץ זיין

---

*) וויא קאן דען דער אורדענטליכער געבילדעטער מענש מיט אהנען אין איינע שוהל געהן . ער קאן יא ניכט דיא אלטע פיגורען מיט מאכן -- ער איז ניכט געאייגנעט דאצו . זא ווירד ער יא מבולבל פערווירט פון דיא כוונת דתפלה דאס ער ניכט דאווינען קאן -- אבער ווען ער איין עקסטערע גערעגעלטע שוהל האט . זא קאן ער שאהן דאווינען ווען ער וויל --

# כלל ט שאלה פא

זיין • דאמיט דאס ביא אונז גאר ניכט פעהלען זאל פון אלע פירונג פון דיא אומות העולם • אונ ביא דיא הקפות פון הושענא רבה אונ שמחות תורה זאל מאן טראגען צווישען דיא ספרים ליכט וואס עס זינד געשמיקט אונ געציהרט מיט זייערנע בענדער וויא זיא עס טוהן אן איהרען יום אד פייער טאג • אונ דאדורך ווירד צווישען דיא אומות העולם אונ ישראל הערשען אהבה • אונ אחוה • אונ שלום • ורעות גרוסע ליב אונ אייניגקייט - דאריבער בין איך דיך מזהיר מיינע זוהרענען אונצעהליגע מאהל דאס דוא דיר גוט אונ געניי אכט געבען זאלסט דאס דוא דיך ניכט פערפיהרען זאלסט לאסען פון דיא עוברי ישראל • פון דיא מחדשים וואס יידישע קינדער בעטריבען וועלען • אונ ערגייערונגען ווינטשען • דאס מאן קאן דיא יידישקייט טרייא בלייבען ווען מאן אויך אין שם • אונ לשון • אונ מלביש • אונ אנדערע מנהגים מיט דיא אומות העולם אייניג אין [וויא אויך דאס דוא דיך נימאלס אין געשפרעך הערייין לאסען זאלסט פון זאלכע ענינים געגענשטאנדע צו רעדען] דען ניכט נור דאס דיזעס אלעס איין זעהרעס פיר זיך אליין גרוסע עבירות זינד אונ פון דיא תורה אום אם שטרענגסטען פערבאטען זינד • זאנדערן אויך ווען מאן זיא עובר איז• איז דיא גאנצע יידישקייט אין געפאר • ווייל זיא זינד דיא חומות פון דיא שמירות התורה *) - אונ דער גרעסטער בעוויז דארויף איז

דא

---

*) דאס כל דברי חבו"ל אמת זינד • איז ביא מיר קיין ספק • אונ ווען איך עס אויך ניכט פערשטעהע אזו זאג איך דאס מיין שכל שוואך אונ קורץ איז • דא אבער אינו דומה שמיעה לראיה דען ווען איין מענש איין זאכע זעלבסט איין זעהט דאס עס איין אונרעכט איז • זא איז ער ווייט פיעל מעהר גזהר דאפון אלס ווען דאס צדיק האלטען דאפון נור ביא איהם איין קבלת אבותיו אונ איין חק איז ווייל ער עס פון זיינע עלטערן אזו געזעהן האט • דארום פערלאנגע איך דאס דוא מיך איין וועניג אויף קלעהרסט אונ בעווייזן זאלסט וויא אזו דאס קאמט דאס ווען מאן דיא יידישע שפראך פערלאסט אונ זיך געוועהנט רייין דייטש צו רעדען • דאס צו לעצט קאמט עס אזו ווייט צו פעראורזאכען פיעל הריסות התורה פילע זאכען פון דיא תורה נידער צו רייסען • וויא אויך כפירה אן פילע ווארצלען פון דיא אמונה •

דא דיא פערלאנגסט איין אויף קלעהרונג אונ בעוויז • איין אויף

קלערונג:

## דא מאן זאלבעם צור יעדער צייט פיר אויגן זעהט - -

### שאלה

קלערהרונג הייסט איינע זאכע וואס מאן נור מיט דיא עינים רוחניים עיני השכל אויגן פון דען פערשטאנד זעהן קאן: דאס קאן איך דיר ניט איינוויליגן צו געבן. אונ ווען איך עס אוך דיר געבן וויל. איז עס ניט שטארק אונ פעסט גענוג דארוף צו בויען. דען דען מענשענס פערשטאנד איז קורץ אונ אירט זיך פיעל מאהל -- איין בעווייז אבער. דאס איז וואס מאן מיט דען עין גשמיי אויג וואס ניר אום פרייש איז. זעהט. אונ איז מפורסם לכל פיר איין יעדען אפענבאר. אונ אוף איין אזו זאך וואס מאן אויגענשיינליך זעהט דאס עס אזו איז. אוף דען לאסט זיך ניכט מעהר שטרייטן אודר צווייפלען. דאס וויל איך דיר געבן. יהן הן המדריגות. ערשט פעראכטעט ער דיא יידישע שפראך. אונ פערשפאטעט זיא אונ געוועהנט זיך דיא ריינע דייטשע שפראכע צו רעדן -- אונ דא ער שאן איין שטיק צייט זיך אזו געוועהנט האט. געהט מאן דאן ווייטר אב צו שאפן דען יידישען נאמן קלונימוס אונ איהם צו פערענדערן אונ פערוועכסלן מיט דען גוישען נאמען קארל -- אודר מיט דען ביא נאמן איכע נבוים. דימא גם אד"ג. דאס נור דער יידישער נאמן ניכט מעהר אוף איהם גערופן ווערדען זאל -- דען ווייל ער שאן יעצט דיא פעראכטעטע יידישע שפראך פערלוירן האט אונ צו שכל געקאמן איז דיין דייטש צו רעדן -- זא איז שאן ניכט מעהר פאסענד דאס יצחק אודר קלונימוס נאך זיין נאמן זיין זאל. דען דאס וועהרע יא צמי ופשתים. מין בשאינו מינו צווייערלייא זאכען וואס ניכט גלייך זינד -- זאנדערן איגנאץ. קארל -- אונ דאן איז איהם דער יצר הרע מסית צו מדות הגאוה. דאס ער מקפיד זיין זאל זיין גוף צו צירען אונ צו פערשענערן בכל מיני קישוט מיט אלערלייא שמוק הן בבגדיו שיהיו מהודרים בכל מיני יופי דאס זיינע קליידונג אוף דיא שענסטע ארט זיין זאלען. דען קאפף צו ריכטן דאס דיא האר געטיילט זיין זאל כדרך השחצנים וויא דיא שטאלצע אונ פרעכע. ווען אוך דיא תורה מזהיר געוועזן האט ולא יחפש גבר שמלת אשה דאס איין מאן זיך ניכט צירן דארף -- דען אזו לאנג דאס זיין נאמען יצחק וואר. אונ פערדארבן יידיש גערעט האט. אזו האט דער שעהנער אן צוג נור נאך לעצט מאדע. אונ דער געוואשענער געפיצטער קאפף ניכט מעכב נאטווענדיג געוועזן. אבער יעצט ווייל ער שאן איגנאץ הייסט. אונ נור איין גערעגעלטע שפראך רעט. זא מעכט יא דאס איין חילול השם זיין ווען דער קאפף ניכט געהעריג צו געריכט איז. ווען ער אוך ווענן דען זאלטע עובר ק"ש זיין - ניין ווען ער שאן איין שטיק צייט דיזע נייע פיהרונג זיך געוועהנט האט. אונ דיא עצה פון דען יצה"ר האט מצליח געוועזן דאס ער איהם שאן איין שטיק וועג פון

# כלל ט שאלה פב

**שאלה פב** אב עס איינען יעדען ערלויבט איז נאך צו פארשטעהן אויף טעמים פון מצות. און תקנות. מנהגים. אודר ניכט.

**תשובה** איין גרוסער װארצעל פון דיא יידישקייט האלטען איז װען מיר װינשען דאס מיר מיט אונזערע קינדר און ביז שפעטערע דורות דיא

---

דיא יידישע נאם פערפירט האט. אזו געהט ער ווייטר איהם צו איבר רעדן דאס ער זיך דיא לאנגע פיאות ענטוועדר גאנץ אב שניידען אודר זיא אזו צו ריכטען דאס זיא נור אונטר דיא אהרן געזעהן ווערדן. דען װען דיא לאנגע פיאות ניכט אב געשאפט זינד. זא איז יא דיזעם אלם אומזאנסט. װאס ניצט דען דאס דוא דיין דייטש רעדעסט און דיין נאמען איגנאץ איז. און דען נאמען יצחק פערװארפן האסט. װען דיין שטאטור נאך הייטע אום ווייזט דאס דוא דער אלטער יצחק ביזט -- ווען דוא אבער זיא ריכטעסט אונטער דיא אהרן. און דיא תורה האט מזהיר געוועזן בחוקותיהם לא תלכו דאס מאן אין דיא פיהרונג פון אנדערע פעלקער ניכט געהן זאל. דאן װירד פערפעסטיגט דיין נאמען איגנאץ. װיא דער מדרש ילקוט זאגט (משלי סימן כ״ו) אמר ר׳ אמי ווען דער יצה״ר האט שאן דען מענשען אזו ווייט געבראכט דאס ער זיך פיצט אין פערשענערט דיא אויגען. און ריכטעט און ציהרט דיא האר. און דיא גאוה װירד ערקענט אן זיינע שריטע. דאמאלס זאגט דער יצה״ר הדין דידי איך האפע דוא ביזט שאן גאנץ אין מיין האנד אלעס נאך צו פאלגען װאס איך פערלאנגן ווערדע. און דאמיט דאס ער בקי ורגיל גוט בקאנט זיין זאל אין דיא גוייש דייטשע שפראך. זא מוס ער זיך געוועהנן זיך אפט צו בשעפטיגן מיט ביכער לעזן דאמיט ער דאדורך פיעל פרעמדע ווערטר איינגען האבן זאל. און זאלכע פעראורזאכן ביא דען מענשען צו ערוועקן דיא ליידענשאפטן דען יצה״ר דאס ער מהרהר בעריות מסתכל בעריות איז נאך דענקען און זעהן אויף עריות טוהט. שפעטר היען קריבה דגילוי עריות זיך געהערן צו עריות -- ביז צו לעצט -- און נון דא ער שאן זיין הערץ און זיינע אויגען שאן מטמא פעראונרייניגט האט. זא שפאטעט מאן שאן אום אלע ספרי מוסר ויראה. און איז זיך פון דיא תורה גאר גאנץ פורש טוהט זיך אבזאנדערן. און איז זיך מדבק בעהעפט זיך אן ספרים החיצונים ביכער לעזן. ניכט נור װענן דיא שפראך צו פערבעסערן. זאנדערן ווייל ער ממאס פעראכטעט דיא תורה וכל באיה לא ישובון דער װאס זיך מיט ביכער בעשעפטיגט איז אונמעגליך דאס זיין יידיש הערץ גאנץ בלייבען זאל - די זעע זינד איהם גורם דאס ער איין כופר אן אלע עיקרי אמונה איז. אודר װעניגסטענס איין מסתפק איז. צווייפלט דאראן זעהע דיך נור גוט אום און בעטראכטע דיר זאלכע מענשען. ווירסט דוא זעהן דאס אמת יהגה חכי דאס מיינע רעד וואהר זינד.

דיא אידישקייט טריא בלייבען זאלען אונ אלע מצות געהעריג וויא זיך געבוהרט מקיים
צו זיין - זא איז איין שולדיגקייט דאס מיר אויף אונזערען שכל זעהר וועניג בויען
אונ רעכענען זאלען - וויא דוד געזאגט האט בהמות הייתי עמך דאס איך מיך אין
פערשטאנד אזו שוואך אונ קורץ זיכטיג האלטע אלס איך נור איין בהמה ווערה -
אונ דיזעס ווירד פראורזאכען דאס עס ווירד נימאלס איינע צייט קאמען קענען וויא
איהם איין פאלען זאל אויף מאנכע מצוה אדער אויף מאנכע תקנה אונ מנהג צו
פרעגען וואס איז דער טעם אונ שורש פון זיא - אונ ווען ער עס ניכט פערשטעהן
ווירד - אונ זיין שכל זאלבעס ניכט בגרייפט - ווירד ער עס גאנץ מבטל זיין -
פרהינדערען ווייל ער ווייסט דאס אונזער פערשטאנד געגען דיא דורות ראשונים
אום זעהר פיהלע מדריגות גידריגער אונ וועניגער איז - אונ ווען איהר מדריגה
וואר אזו גרוס אלס וועהרן זיא מלאכים - זא איז אונזער מדריגה געגען איהנען
נור אלס מענשען צו בטראכטען - אונ ווען איהר מדריגה וואר נור צו בעטראכטען
אלס מענשען - זא זינד מיר געגען איהנען חמורים -

## שאלה פג

אב דער שלום אונ הצלחה פון דיא וועלט אבהענגיג איז פון
דיא שמירות דתורה אודר ניכט -

## תשובה

ווייל וועגען ישראל וואס זיא זינד מקיים דיא היילינגע תורה - איז
דיא וועלט ערשאפען געווארדן - דארום ווייל נור זיא דיא תכלית
הבריאה דער צוועק פון דיא ערשאפונג זינד - דאריבער העננט אב אלע ערייגניסע
פון דיא וועלט - רעב - שובע - שלום - מלחמה - הונגער - זאט - פרידען -
קריג - געזונד - קראנק - אד"ג - פרמעג וויא זיא זינד נזהר - געבען אכט אן
דען קיום התורה - דען האלטען זיא דיא תורה פינקטליך אונ געהעריג - זא
קאמט וועגען איהנען אויף דיא וועלט פיהלע טובות אינ ברכות - והצלחות - אריכות
ימים - דאס קיינער שטערבט ביז זיינע זיבציג יאהר זיך ערפילען - בריאות הגוף
דאס זיך נימאלס קיינע קראנקהייטען ערייגענען - ואין בהם עקר ועקרה ומשכלה
קיינער איז נפרוכטבאר - קיינער וואס איהרע קינדער בגראבען ר"ל - אונ דאס
געוועקס פון אלע יאהרן איז נור מיט ברכה אונ שובע פרבינדען קיין שדפון -
קיין ירקון קיין ווינד וואס דיא תבואה אום קלאפט אדער פטריקענט - קיין ברד
האגעל - אונ זאלבעס אימער תמידין כסדרן איין יאהר נאך דען אנדערן איז -
וואס איין יעדער איינזעהן מוס דאס נור זאלבעס זיין קאן ווען אויף אונז איז
דיא אויפזיכט פון השי"ת וואס איבער נאטירליך איז - אונ געניסען זאלכם אויך
דיא שבעים אומות זיבציג פעלקער וועגן ישראל (דא זיא גור זיבען מצות גבאטען
זינד ניכט תרי"ג וויא ישראל) וויא דער מדרש זאגט ווען דיא אוה"ע מעכטען
וויסען וויא גרוס דיא טובות אונ שלות פיר איהנן איז ווען ישראל געניי אונ
טריא דיא אידישקייט האלטען אונ היטען - זא העטען זיא זיך געוויס בשמרעכט
פיר איין יעדן אידען צו שטעלן שומרים אונ אויפזעהערס דאס זיא דיא היילינגע

תורה און מצות אמתדיג מקיים זיין זאלן. ווען אבער חלילה ישראל פון די דרכי התורה אום טרעטן זא ווירד לייעדער די שפע און הצלחה נתמעט פרוועניגערט דאס אויף איהנן איז געזאגט געווארן אוי לבנים שגלו מעל שלחן אביהם וועהע זאלכע קינדער וואס פון איהר פאטערס טיש פערטריבן זינד. און דער שלום פון די וועלט ווירד געשטעהרט. און ווייל יותר ממה שהעגל רוצה לינק פרה רוצה להניק די קיהע ווינשט מעהר צו זייגן צו געבן. אלס דאס קאלב זייגן וויל געביהרט זיך דאס מאן זאל נור אין דען וועג פון יראת שמים געהן און דאמיט השי"ת נחת רוח צו מאכן. דאס ער זיינע קינדער געבן קאנן זאל כל טוב.

**שאלה פד** וועלכע מצוה האט דען כח צו פעראורזאכן דאס די גאנצע יידישקייט דורך איהר פעסט בלייבן זאל.

**תשובה** אזו לאנג דאס יידען די מצות פון די תורה טריי און ערליך האלטן. שטעהט זיא דער זכות ביי דאס קיין אומה ולשון איהנן שלעכטעס טוהן קאן ' ווייל דאמאלס דער פאטער אין הימעל. דער שומר ישראל איז -- ווייל דער סט"א זאלכס פערשטעהט. און ווינשט דאך איהנן צו דריקען און ליידעס צו טוהן. דארום זעהט ער צו פעראורזאכן דאס מאן זיא איבער רעדן זאל דאס זיא פון די תורה אום טרעטן זאלן. און דאדורך ווערן זיא ביי השי"ת פערהאסט זיין. און דאמאלס ווען זיא פון איהם איהר שוץ פערלארן האבן. קאן איין יעדער מיט זיא טוהן וואס ער וויל. דא ער אבער וועהרענד דען אריכות הגלות לאנגען גלות שאן מעהרערע מאל זאלכעס פראבירט האט. ער האט אבער קיין מאל מצליח געוועזן בגליקט. ווייל דער גאמן פון יידישע קינדר איזט שולמית דאס זיא גאנץ אין איהרע אמונה זינד. און ווען אויך דאס עס זינד שאן געוועזן צייטן דאס זיא מרוטת לחי מיט יסורים געפייניגט ווארען. דענאך איז איהר נאמן חייטר גבליבן חבוקה ודבוקה בך בהעפט אן השי"ת און זיין תורה -- עס איז אבר צו בעוואונדערן דא נור ישראל אין גלות צו איין שה פזורה פערשטרייטעס שאף געגליכען זינד. און אין פילע לענדער גאר צו איין שה אובד פעראירטעס שאף. און פילע רדיפות פערפאלגונגן און צרות איהנן שאהן געטראפן האט. דורך וואס האבען זיא זיך געקענט מתחזק

ומתגבר

ומתגבר זיין שטערקען אונ מוטה בעדאלטען דאס זיא ביא אללען אין דיא יידישקייט פעסט געבליבען זינד . איז דיא מצוה פון ק״ש דיא איין יעדער ייד צווייא מאהל אין טאג מקיים איז .

דען עס וואר שאהן איינמאהל איין זאלכע צייט וויא דיא אומות העולם האבען געוואלט יידישע קינדער מסית ומדיח זיין . אייבר רעדן אונ פערפיהרען דאס זיא פון דיא תורה אום טרעטן זאלען מיט דעןווארט ווען איהר אייער תורה טרייא בלייבען ווירד אונ דאדורך פון אנדערע אומות אב געזאנדערט אונ ערווייטערט זיין ווירד . זא ווערדען מיר אויך אייך לעגן פיהלע מסים אונ ארנוניות פערצאהלונגען אונ שטייערן . דאס דאדורך אייער פרנסה אונ געשעפט פיהרען זעהר שווער אונ בעדרענגט זיין ווירד . ווען איהר אבער איין וועניג פון דיא תורה נאך לאסען ווירד . אונ מיט אונז זיך פעראייניגען . אזו ווירד איהר פון אלע מסים פרייא געשטעלט זיין . וויא איינער פון דיא חורי הארץ היימישע בירגער - זא וואר דיא תשובה פון יידישע קינדער . דא מיר זאגען טעגליך ואהבת ה׳ בכל מאדך דאס מיר השי״ת זיינע היילינע תורה אונ מצות ליב האבען זאלען מיט אונזער גאנץ פערמעגן . אונ דאריבער זאלכעם געלד אונ רייכטודם אונ הצלחה וואס אונז בייא הילפיג איז דיא יידישקייט טרייא צו האלטען איז בייא אונז פיר איין עושר גליך גערעכנט . אבער זאלכעם פערמעגען אונ הצלחה וואס מיר דאדורך פון דיא יידישקייט אין גאנצען אדער עטוואס געהינדערט ווירד . דאס איז בייא אונז קיין הצלחה . אונ מיר ווינטשען עס גאר ניכט ודיזעס איז מיין תשובה ווען אויך דאס דער אמת מעכטע זיין דאס ווען איך פון דיא תורה אום טרעטן ווערדע . זא ווערדע איך איין איש מצליח גליקליכער מענש זיין פון עושר ונכסים . אונ ווען איך מיין תורה טרייא בלייבן ווערדע . זא ווערדע איך מיסען כל ימי חיי מיט עניות אונ חיי צער ארמוטה אונ נאמה פערלעבן - דער אמת ברור ריינר אמת איז אבער . דאס אייער גאנצע הכתה איבער רעד אויף פאלשע יסודות גרינדע געבויעט זינד . וייל נור השי״ת אליין ארים אונ רייך מאכט . אונ גלייך בשעת יצירה אין דיא צייט ווא ער ערשאפען ווירד זאלכם אויף איהם גוזר איז . נון ווען השי״ת האט אויף מיר גוזר געוועזן דאס איך

איין עושר זיין זאל . זא ווערדע איך דורך דיא פיהלע מסים אונ ארנונות ניכט פֿאראימן . איז אבער חלילה מיר עניות בשמים זא ניצט מיר ניכט אייערע פֿרייהייטן פֿון דיא מסים אונ שטייערן .

עס וואהרן אוך אנדערע צייטען וויא מאן האט זיא געוואלט געווינן. דאס ווען זיא פֿון דיא תורה אום טרעטן . ווערדן זיא מיט פֿיהל כבוד אונ גדולה בעשענקט . גלייכשטעלונג. עמאנציפירט . אד״ג . ווען איהר אבער אונז זאלבעס ניכט איינוויליגט זא ווירד איהר נאך מיט פֿיהלעס צו ריק געזעצט ווערדן . נון בעדענקט אייך דאס איהר אייך ניכט אליין שונאים זיין זאלט - זא וואר דיא תשובה פֿון יידען דא מיר אונז מעולם ביא השי״ת פֿרבינדן האבן מיט דיא מצות ק״ש זיינע היילינע תורה טרייא צו בלייבן בכל לבבך מיט אלע תאות אונ ליידענשאפֿטען דיא איהר וואהנפֿלאטץ אין הערץ איז . נעהמליך איין זאלכע תאוה . איין זאלכע גדולה וכבוד . איין זאלכס פֿרגעניגן וואס מיר פֿון דיא תורה ניט פֿרבאטען איז . דיא וויל איך געניסן . אבער ניכט דיא יעניגע דיא מיר פֿון דיא תורה אום ניכט ערלויבט זינד ודא ביא איינען יעדן טוישהאנדעל מיסען דיא ביידע זאכן עטוואס איין השתוות גלייכהייט האבן ניר איינעס האט עטוואס מער חשיבות טייערן ווערט אלס דאס אנדערע . אבער ניכט ווען זיא זיך גאר ניכט עהנליך אונ גלייך זינד : נון וויא קאמט דער כבוד וגדולה פֿון עולם הזה צו דען נחת רוח אונ הנאה פֿון עולם הבא . דא דער שכר פֿון עולם הבא אזו גרוס איז דאס איין שעה צו געניסן בעולם הבא פֿון דען תענוג רוחני איז וייט מעהר אלס אלע תענוגים צו זאמען דיא וואס אוף דיא וועלט עקזעסטירן . דאריבער קאן איך גאר ניכט פֿערשטעהן וויא איז אייער שכל דאס איהר מיר איין זאלכעס געשעפֿט צו טוהן אן טראגן קאנט . אונד דא דער (סט א) געזעהן האט דאס דיזעס אלעס ניכט גניצט האט , זא האבען זיך שאהן צייטען גטראפֿן דאס ער האט פֿראורזאכט דאס דיא אוהע זיא אין מאנכע לענדער געדראהט האבן דאס ווען זיא ווייטער הארטנעקיג בלייבן זיך ניט מיט אנדערע אומות צו פֿרמישען אונ צו פֿרשווענערן . דאס עס איהר לעבן קאסטען ווירד . נון זייט ניכט איבער אײלט . אונ איבער לעגט אייך גוט וואס איהר צו טוהן האט. זא וואר דיא תשובה.

ווייל מיר אונזער לעבן · געהמליך דאס חיי נצחיי עוויגע לעבען ליב האבן אונ עס ביא אונז אין גרויסען ווערט שטעהט · דאריבער קאנן מיר אייך ניכט נאך געבן אונ בלייבען ביא אונזער ווארט דיא תורה טרייא צו האלטען כל ימי חיינו וויא מיר זאגען אין ק"ש בכל נפשך מיר האבן ליב השי"ת מיט דען גאנצן לעבן · דען וויא איז דער שכל אונ פערנונפט דאס מאן זיך בשטרעבן זאל איין קליינעס פייער צו לעשען ווען דאדורך זיבער ענטשטעהן ווירד איין גרעססערעס פייער וואס ווייט ברענענדער אונ פלאמענדער זיין ווירד · דען איהר קאנט נור ממית זיין איין מיתות הגוף דאס מיר דאס חיי שעה פערגענגליכעס לעבען פערליהרן קאנן · ווען מיר אבער אייך נאך פאלגן וועהרן אונ דאדורך טוהן מיר ביא השי"ת אונזרע נשמה פרשולדען דאס זיא מיט מיתה אונ אבדון עולם · אוף אימער פרלארן ווירד · בשטראפט ווירד · וויא אוך וויפיל שלוחים האט השי"ת דאס ער בשטראפן קאן דאס מיר אוך חיי עולם הזה פרליהרן קאנען (ד . –

שאלה

ד) ווייל אזו זאך וואס דער מענש מיט דען מעשה בפועל ·טוהט מאכט ביא איהם מעהר איינדרוק אלס ווען ער עס נור מיט ווארטן גזאגט העטע · דארום האט אונז דיא תורה געבאטען זאלכע דרייא מצות געמליך תפילין של יד של ראש · מזוזה · דאס דורך איהן דיא דרייא מצות געשטערקט וועהרן דען ווען השי"ת דען מענשן עושר גיבט · זא רעגט ער זאלכעס אין זיין הויז אונ אין זיינע חדרים צימערן זא האט דיא תורה גזאגט דאס איהם ניכט זיין גראס פערמעגן פערפיהרן זאל דאס ער גאוה אונ האכמוטה האבן זאל אונ דאדורך דיא מצות פון דיא תורה גרינג צו שעצן · זיא ניכט מקיים צו זיין · אודר זיך פון דיא פערבאטענע עבירות מאנכעס ערלויבען זאל · דאריבער איז דיא מצוה פון מזוזה דען מענשן צו עראינערן בכל מאודך · דאס ער האט זיין גאנצעס פערמעגן צו השי"ת זיין תורה אונטערטעניג גמאכט דאס ער עס זיך וויל נור בעדינען אוף זאלכע וועג דיא · דיא תורה האט מתיר געוועזן · אונ זיך בעשטרעבן דאמיט מצות מקיים צו זיין · אונ דאריבער דיא מזוזה אן דען פתח הבית איינגאנג פון דען הויז פערפעסטיגן זאל דאס ער (רען איינהאלט דאפון נעמליך עול מלכות שמים אונ עול מצות דאס יאך פון השי"י אונ זיינע מצות טרייא צו בלייבען) עס תמיד ביים ארין אונ ארויס געהן פיר דיא אויגען האבן זאל · אונ ווייל אלע תאות לייטענשאפטן פון דען מענשן אהבת כבוד · גדולה · ממשלה · ניצוח · אכילה ושתיה אד"ג · דיא קוועלין פון דען הערץ · דאריבער איז דיא מצוה פון תפילין של יד דאס מאן זיא

רעגען

# כלל ט שאלה פה

**שאלה פה** אין דעם לאנד וואו מיר מיט אנדערע פעלקער גלייכגעשטעלט זיינד. אב מיר עס דארפען אלס פאטער לאנד בעטראכטען אודר ניכט.

**תשובה** דא אונזער איינציגע הצלחה אונ עשירות איז נור דאס מיר עבדי ה׳ זיינד. אונ האלטען דיא הייליגע תורה אונ אידרע מצות והיא חיינו ואורך ימינו אונ זיא איז אונזער לעבען אונ פערגעניגען. אונ דאס געאייגענטע לאנד צו דיא תורה וואס מאן דארט אידרע אלע מצות מקיים זיין קאן. איז נור ארץ הקדושה דאס הייליגע לאנד דא אין אנדערע לענדער זעהר פיהלע מצות התורה זיינד דיא מיר ניכט מקיים קאנן זיין. אונ דאדורך אונזער חיי נצחיי עוויגעס לעבען. דיא מיר זיך דורך דיא תורה אייגען מאכן זאלן פערקלענערט אונ פערקירצט איז. דאריבער איז איין גרוסע פפליכט אונ שולדיגקייט פיר איין יעדן יידן אין אלע לענדר וויא מיר אינדען גלות צערשטרייעט זיינד. זעדר אפט צו געדענקען אן דעם פסוק אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני ווען איך דיך ירושלים פערגעסע אזו ווערדע איך פערגעסן אן מיינע רעכטע האנד. אונ דאס מיר זארגן זאלן דאס אלע אונזערע פיהרונג זאל נור זיין אויף אזו וועג דאס מיר אימער מצויינים אוים געצייכענט זיין זאלן וואס נור מעגליך איז. אונ ניכט פרמישט זיין מיט אנדערע פעלקער. איבער הויפט מיט שם. ולשון. ומלבוש. דא ווען דיא דרייא אין דיא יידישע הערצר איינגעווארצעלט זינד. אזו זינד זיא אים שטאנד פיהלעם גוטעם בייא צו טראגען וואס צו דיא בעפעסטיגונג דער יידישקייט ניצליך איז. אונ איין יעדער דער דען יידישען גלויבען טרייא איז. מוס זעהר געווארענט זיין דאס ער ניכט זאגען זאל דאס דאס לאנד וויא מיר יעצט וואהנען וייל מיר דארט געבארן אונ ערצויגן זינד. דאס דאס אונזער פאטער לאנד איז -- וועגן צווייא טעמים. ערשטענס. איז ער כופר דאמיט אן

דיא

---

לעגען זאל געגען דעם הערץ דאמיט דעם מענשן צו ערמאנגען דאס דאס הערץ נור זאלכע תאות געניסען קאן וואס דיא תורה איהם ערלויבט) געמליך עול מלכות שמים עול מצות וואס אין דיא פרשה פון תפילין געשריבן שטעהט. אינ געגען בכל נפשך. איז דיא מצוה פון תפילין של ראש וייל דארט דער פלאטץ פון דעם מענשענס לעבן איז (סכ״ג) ..

דיא גאולה אונ ביאת משיח! ווייל יעדר ערליכר ייד מוס זיך צו יעדר צייט אונ צו יעדר מינוט בערייט האלטן דאס קול מבשר . דיא שטים וואס דיא בשורה ברינגען ווירד . צו הערען . בא ישועה לעולם . בא טובה לעולם . בא שלום לעולם . דיא הילף . אונ דאס גוטע . אונ דער פרידען . איז געקאמען אויף דיא וועלט . דאס מיר דיא זכייה האבען זאלען ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים דאס אונזערע אויגען זעהן זאלען ווען מיר אין דיא שטאט ציון צוריק קעהרען ווערדען . דאס מיר דארפט אונגעהינדערט השי"ת דינען צו קאנען איין זאלכע עבודה וואס עס איז איין עבודה תמה . איין עבודה שלימה דאס אונזער דינסט צו השי"ת זאל גאנץ אונ אונפעהלבאר זיין . דאריבער זינד מיר נור אין אונזערע אויגען פיר גרים פיר געדולדעטע אין אנדערע לענדער בעטראכט ווען אויך דאס מיר אין מאנכע לענדער צווישען מלכי חסד אונ תושבי חסד . זאלכע קעניגע אונ איינוואהנער וואס מיט אונז פיהל גוטעס טוהן . וואהנען . דאס מיר ניכט נור ניכט געדריקט זינד זאנדערען אויך אלע פרייהייטען האבען אונ מטוב הארץ געניסן קאנען! וויא דיא תפלה געהט גלינו מארצינו ונתרחקנו מעל אדמתינו ואין אנו יכולים לעשות רצונך וכו׳. ואיך נשיר שיר ה׳ ווייל מיר פון אונזער לאנד פערטריבען אונ ערווישערט זינד . קענען מיר ניכט דען ווילען פון השי"ת טוהן וויא זיך געביהרט . אין וואס פיר איין קליין איכות איז אונזער השגות התורה דען בגריף פון דיא וויסענשאפט פון דיא תורה . אזו לאנג דאס מיר אויף אדמת נכר פערמערן באדען וואנדען -- צווייטענס ווען מיר אונז פיר לאנדעס קינדער בעטראכטען אונ מתושבי ארץ היימישע בירגער זינד . זא קאן זאלכעס פראוהרזאכען דאס מיר זיך מיט אנדערע פעלקער פראייניגן *)

אונ

---

*) דאס וואס דיא תורה אונז געבאטען האט הן עם לבדד ישכון דאס מיר זאלען אבגעזאנדערט זיין פון אנדערע פעלקער . איז דיא איהרזאך דאפון ווייל איין מענש איז גענייגט מיט דיא מענשן דיא ער פיהלן אומגאנג האט לערענט ער זיך אב פון איהנן איהרע וועג אונ איהרע פיהרונג . אונ ווייל מיר אין אונזר תורה געבאטען זינד אויף תרי"ג מצות אונ זינד אויך דאביי פיהלע אזהרות צו דיא איין מענש גרוסן לוסט אונ רייץ האט . אונ אוה"ע זינד נור געבאטען אויף זיבן מצות . דאריבער איז דאס התחברות פערבינדונג ימיט זיא

זעהר

# כלל ט שאלה פו

און פון דיא שמירות התורה מעט מעט בעאבאכטונג פון דיא תורה נאך און נאך אום צו טרעטען - אין אנפאנג נור זאלכע אזהרות אב צו שאפען דאס מיר ניכט דורך איהנן זעהר זעהר ערווייטערט זיין זאלן. שפעטער הין אויך זאלכע אב צו שאפען דאס מיר דאדורך ניכט ערווייטערט זיין זאלן. און נאך שפעטער דאס מיר קרובים און לעם אחד זעהר נאהע. און צו איין פאלק זיין זאלען הלילה! ואבער וואס אנבעלאנגט און עס בעריהרט דאס מיר טרייע אוהבים פריינדע צו אונזערען מלך יר"ה און שרי מדינותינו לאנד הערן זיין זאלען. זינד מיר ניכט וויא גרים געדולדעטע. זאנדערן וויא איינהיימישע. דא מיר פון דיא הייליגע תורה געבאטען זינד אני פי מלך שמור דאס מיר גענוי דיא געזעצע פון דיא רעגירונג בעפאלגען זאלען. דרשו את שלום העיר. הוי מתפלל בשלומו של מלכות איהר זאלט מתפלל זיין וועגען דעם פרידען פון דיא רעגירונג) דא מיר אבער אונז פיר גרים און געדולדעטע בעטראכטען. און אימער האפען און גליסטען אין אונזערן אייגענען לאנד צו קאמען. איז נור וועגען דיזען גרונד וויל מיר ווינשען אמתדיגע עובדי ה' צו זיין. דיזעם ווירקט און פעראורזאכט דאס מיר דיא שמירות התורה אין אלע הינזיכטען טרייא בלייבען. און דאמאלס קאנען מיר האפען דעם שוטץ פון דעם גדול הרועה השומרן פון השי"ת דער אונזער היטער איז אונז צו בעוואכען. און ווען אויך ווען מיר דיא תורה גענוי היטען. זינד מיר פון אלע פעלקער זעהר ערווייטערט און דאדורך פערהאסט. זאלען מיר דאך געזיכערט און רוהיג זיין דאס שומר מצוה לא ידע דבר רע דאס דורך זאלכע ערווייטערונגען דיא אונז דיא תורה פעראורזאכט. ווירד ניכטס שלעכטעס קאמען. וויל מיר דאמאלס רעכענען קענען אויף דיא אהבה פון דעם שומר ישראל. אבער יענע דיא פון דיא תורה אום טרעטען און דאדורך זיך פערהאסט מאכען ביי דעם גדול הרועה השומרן) וויל זיא גלויבען דאדורך זיך מעהר מק"ב צו געהערען צו דיא אוה"ע און דאדורך איהר אהבה צו געווינען. צו לעצט ווערדען זיא פון איהנען

פערהאסט

---

זעהר געפעהרליך פיר דיא יודישקייט דאס מאן אוס דיא תורה אום טרעטען קאן. אום דיזען גרונד זינד מיר געבאטען ובגדים לא יתחשב דאס מיר איין אב געזאנדערט פאלק זיין זאלן.

פערהאסט אונ פערפאלגט ווייט מעהר אלס דיא יעניגע דיא איהר תורה טרייא געבליבען זינד . וויא דער פסוק זאגט אם ה׳ לא ישמור עיר - -

**שאלה פו** אוף וועלכע ארט זאל דער דאנק זיין דיא מיר דען מלך אונ דיא שרים אוף דיא גלייכשטעלונג שולדיג זינד :

**תשובה** דיא תורה האט אונז מזהיר געוועזן דאס מאן זאל ערקענטליך זיין אונ ניכט אונדאנקבאר דען מענשען דער איהם איין טובה געטוהן האט נעמליך דאס ער איהם פיהל מאל דאנקען זאל . אונ ווען זיך איינע צייט ערייגענט וויא דער יעניגער איהם בענעהטיגט זא זאל ער געוויס אלעס מעגליכע טוהן מיט איהם מטיב צו זיין גוטעס צו טוהן וויא ער איהם געטוהן האט . ווען מאן וויל אבער ערקענטליך אוף איין טובה זיין . זא מוס ער ערסט דיא טובה וואס ער פון זיין חבר גענאסען האט אב וועגן אין כמות אונ איכות וויא גרוס אונ אין וואס פיר איין ווערט זיא ביי איהם שטעהט . אונ וויפיהל זיא איהם גענוצט האט . דאן ווירד ער וויסען וויפיהל דאנק ער איהם שולדיג איז . דען ווען ער זאלכעס ניכט טוהט קאן זיין ווען אוך דאס ער איהם פיר דיא טובה גדאנקט האט . דאס ער דאך איין כפוי טובה אונדאנקבאר איז . דען וויל ער מיינט דאס דיא טובה נור איין קליינען ווערט האט . זא האט ער איהם פרמעג דען ווערט גדאנקט . וויל דיא טובה אבער באמת אין גרוסען ווערט שטעהט אונ דען קליינען דאנק דיא ער איהם געגעבען האט ניכט הינלענגליך גענוג איז . זא איז ער יא ווייטער איין כפוי טובה דען וואס איז דער אונטערשיהד ווען איינער דען אנדערן איין דאנק שולדיג איז אונ ער דאנקט איהם ניכט . אדער ווען ער שולדיג איז איהם צעהנמאל צו דאנקען אונ ער דאנקט איהם נור פינף מאהל . דארום ווען מיר נור בעטראכטען דיא טובה אונ חסד וואס דער מלך ושרי המדינה מיט אונז געטוהן האבען מיט דיא גלייכשטעלונג דאס מיר יעצט אלערלייא געשעפט אונ גווערב בעטרייבען קאנען אונ הייזער אונ פעלדער קופען . אד״ג פרייהייטען אין באטרעף פון עולם הזה דאס דאדורך אונזער לעבען אונ ערהאלטונג אוף איינע גרינגע ארט אונ לייכטערע ווייזע זיין ווירד . ווען אוך דאס זאלכעס אוך איין גרוסען דאנק פרדינט . ניכט נור דאס מיר ניכט מיט זאלכען דאנק אונזער שולדיגקייט אונ פפליכט געטוהן האבען . זאנדערן נאך באמת אונדאנקבאר זינד . דען זאנדערן מיר מיסען איינע זאלכע בטראכטונג געוועהן וויא מיר דאפון זיך ארום גענעמן אונ זעהן קאנען דאס דער מלך מיט דען חסד זעהר פיהל מיט אונז מטיב געוועזן האט אונ דאדורך מיר איהם שולדיג זינד איינע זאלכע הודאה דאנק וואס ווייט גרעסער אונ כפולה ומכופלת פיהל פרדאפעלט איז . נעהמליך וויל דער תכלית צוועק פון דען מענשען פון

זיין

# כלל ט שאלה פו

זיין לעבן אויף דיזער וועלט איז היום לעשותם דאס ער זאל זיך באשטרעבן דיא מצות פון דיא תורה אונאויפהערליך מקיים צו זיין אונ דאדורך מאכט ער זיך פרדינט איין שכר וואס אונענדליך איז אויף דיא עוויגע וועלט . אונ דאריבער איז דאס טייערסטע אין דער וועלט דען מענשענס לעבענסצייט וייל מאן קאן זיך אין איינע שעה עולם הבא קויפען . ווייל מאן אבער דאך נור בלוט אונ פלייש איז אונ פילע זאכען בענעהטיגט צו זיין הויז ברוך דאס ער דאדורך לעבען אונ עקזעסטירן קאנען זאל -- זא מוס ער זיך פון זיינע טייערע צייט נעמן (ווען ער אויך ניכט וויל) אום זאלכעס צו ערדייכען . נון דא אונז יעצט אלערלייא געוועדב אונ געשעפט צו בעטרייבן ערלויבט איז . בעזאנדערס נחלאות פעלדער צו קויפען . אונ דאדורך זיין פרנסה מיט וועניגער צייט צו פערשווענדן ערלאנגן קאן . זא געווינט ער פיהל צייט וואס ער זיך בעדינען קאן אויף עניני עולם הבא צו פערגרעסערן זיין חיי נצחיי עוויגעס לעבען - נון דא זאלכעס ווירקען קאן אונזר חיי נצחיי אונ שכר עוה״ב צו פערגרעסרן . וויא פיעל תודות . וויא פיעל שבחות והילולים דאנק אונ לויב זינד מיר שולדיג למלכנו אונ לשרי מדינותינו אונזערן קעניג אונ לאנדעס העררן .

ווייל דער פסוק זאגט משלם רעה תחת טובה לא תמוש רעה מביתו דער יעניגע דער וואס איינע טובה מיט איינע רעה בצאהלט, זאלן פון זיין הויז צרות אונ רעות ניכט אב טרעטן . דארום פינדע איך מיך שולדיג אייך צו ווארענען (אונ איהר זאלט מיינע רעד אויף דיא טאוועל פון אייער הערץ מיט איין אייזערנע פעדער אויף שרייבן דאמיט עס לעולמי עד אין דיא עוויגקייט בלייבען אונ לעזע באר זיין) דאס עס זאל ניכט איינע צייט קאמן וויא איהר זאלכע וועג אונ מעשים אשר לא יעשה שלעכטע פיהרונג אונטער נעמן ווירד דאס דאדורך ניכט נור דאס איהר דען מלך מיט דיא שרים אויף זיינע טובה קיין דאנק געבען ווירד . זאנדערן איהר ווירד נאך פערארזאכען דאס דער מלך פון זיינע טובה פיעל מורת רוח אונ עגמת נפש פערדרוס אונ הערץ קרענקונג האבען ווירד . אונ דאן איהר דען נאמען פערדינט משלם רעה תחת טובה -- דען ווען אויך דאס דיא טובה גראס אונ חשוב איז. ווען אבער דער מקבל הטובה דער דיא טובה בעקאמט ניכט קלוג איז אונ דיא צוקונפט ניכט פאהר אוס זעהט . קאן דיא טובה גורם זיין איין זאלכען הפסד שאדן וואס עס קאן פעראורזאכען פיר דיא נשמה אבדון ומיתה נצחיות דאס דיא נשמה אויף אימער פערלארן ווערדן קאן . וייל דאס איין דבר ידוע געוויסע זאכע איז . דאס מיר דען נאמן שולמית גאנץ אונ טרייא אין דיא אמונה זינד ; נור דאבען קענן ווען מיר אב געזאנדערט זינד פון אנדערע פעלקער . זא באלד אבער דאס ויתערבו בגוים דאס מיר זיך מיט איהנען מקרב זיין ווילען . זא קאמט עס צו לעצט וילמדו מעשיהם דאס מאן פון דיא תורה אוס טרעט . דאס איז יא איין דבר ידוע דאס איין מענש פילעס טוהט ווען בושה דאס ער ניכט אום געצייכענט אונ פערענדערט זיין זאל געגן אנדערע מענשן ווען זיא אויך נור זיינעם גלייכען

זינד

זינד . פיעל מעהר געגען זאלכע מענשן דיא גדולים וחשובים ממנו ווייט גרעסער אונ אכטונגס ווערט פון איהם זינד . נון וואס טוהט מאן ערסט צו ליב זאלכע מענשן דיא איהם האבן מרומם געוועזן ערהאבן אונ טובות געטוהן -- ווען ער מיט איהנען אפט צוזאמן קאמט איז יא קיין ספק דאס זאלכעס איהם דאצו ברינגען קאן זיינע יידישקייט נאך אונ נאך צו פערלירען . דארום זאג איך אייך דאס איהר אייך גוט אכט געבן זאלט אונ אימער פארזיכטיג זיין דאס דיא טובה ניכט פערארזאכן זאל איין הירוס נידער צו רייסען . אונ השחתה פערדערבן אין דיא אמונה אונ אין דעם דת . נעמליך ווען אייך דיא צייט גינסטיג איז דאס איהר זעהר רייך זיין ווירד אונ ווירד אייך גיטער קויפען אונ זעהר פיעל פעלד בויא האבן ווירד . זאל אייך ניכט אייער געלד פערפיהרען דאס איהר גאוה אונ האכמוטה האבן זאלט אונ אייך ניכט צו דעם עול תורה אונטערווערפן שבת געהעריג צו האלטען . אודער ווען מאן אייך פערעהרן ווירד מיט איין התמנות אמט דאס איהר שטוהלריכטער . פאהרשטעהר . זיין זאלט . זאלט איהר גענוי נזהר זיין דאס דיא גדולה אונ שלוה אייך ניכט דאצו ברינגען זאל דיא יידישקייט צו שוואכן ווייל דאמאלס ווירד איהר פיעל אומגאנג אונ פערבינדונג מיט אנדרע שרים האבן דאס איהר אייער מויל ניכט פעראונרייניגן זאלט מיט זאלכענע מאכל אונ משתה עסן אונ טרינקן דיא . דיא תורה פערבאטען האט . ווען איהר אבר זאלכעס ניכט טוהן ווירד . אונ דיא גלייכשטעלונג ווירד ביא אייך ווירקן אייערע יידישקייט צו פערגעסן אונ ווירד פערטוישען איין שכר אונ פערגעניגען פון איין וועלט וואס עוויג דויערט מיט זאלכן פערגעניגן וואס באלד אונ געשווינד פאראיבר געהט . זארט איהר וויסן דאס צו לעצט ווירד עס פיר אייך ביטער זיין . עס ווירד קאמן איין צייט וויא איהר אייך ווירד זעהן אין גרוסע צרות אונ עלענד . דאן ווירד איהר געזיים מתחרט זיין אונ ווירד שרייען וועהע אונז איבער דיא גלייכשטעלונג . אך אונז איבער דיא עמאנציפאציאן . העטען מיר ליבער זאלכעס ניכט ערלעבט . ווייל זיא אונז פערארזאכט האט אונזער נשמה פון דעם עץ החיים צו פרשניידען . נון ווען בעולם הנצחיי . בעולם הגמול אוף דיא עוויגע וועלט וואו מאן דארט געצאהלט אונ בעשטראפט איין יעדען מענשן נאך זיין פערדינסט . וויא דארט דער צוזאמענקונפט פון אלע מענשען איז . ווען מלכנו החסיד פראמער קעניג ווירד דיין טרויריגען שטאנד זעהן אונ דיינע גראסע אויסעראָרדענטליכע עונשים . זא ווירד ער גראס פערדרוס אונ פיעל מיטליידונג האבען . ווייל ער אייך זאלכם גורם געוועזן האט (ווען אויך דאס דער וואס אלע הערצער פריבט ווייסט דאס זיין אבזיכט אונ גוטעס הערץ וואר נור לטובה . דעננאך איז ער זיך מצער וואורום ער זאלכעס געטוהן האט) וויא דען . איהר זאלט אייך אכט געבן אורח חיים פן תפלס דאס איהר ביא אייערן גראסן רייכטוהם דאך נזהר זיין זאלט דעם לעבענסוועג פון דיא תורה אם גרינגסטען ניכט אום צו טרעטן . נעמליך דאס איהר יעדען טאג איינע געוויסע צייט עטוואס תורה לערנען זאלט פערמעג אייערע וויסענשאפט אין דער תורה . איבער היופט

ספרי

# כלל ט שאלה פו פז

ספרי מוסר אויף לשון הקודש אודער יידיש טייטש. דען נור דאס איז דיא ווארצעל פון דיא גאנצע יידישקייט. אונ נימאלס זיך מתחבר צו בעהעפטען מיט זאלכע מענשען דיא דיא יידישקייט פערלאכען -- אונ אויף דיא שמירה פון שבת זאלט איהר אויך אזו אכט געבען אלס אויף אייערן אויג אפעל -- אונ אייערע קינדער נור ערציהען אויף דיא שוים פון תורה אונ יראת שמים אונ צניעות -- אונ ווען מאן אייך מכבד וויערד זיין מיט איינע שטעלע. זאלט איהר אייך זעהר ערוויטערן פון גאוה אונ ניכט פערגעסן דאס אייער פאטער אברהם האט גזאגט ווערענד זיינע אויסערארדענטליכע גראסע גדולה אנכי עפר ואפר איך בין נור שטויב אונ אשען. אונ זאלט ערב ובוקר פריא אונ אבענד אין שוהל געהן. דאן וויערד דורך אייערע פיהרונג דער כבוד שמים דער כבוד פון השי"ת אונ דיא יידישקייט פערגרעסערט ווערדען. ווייל דאמאלס דער געמיינער המון עם זאגן וויערד ווען איהר ביא אייער גדולה אונ שלוה אזו פיעל יראת שמים בעזיצט וואס זינד מיר ערסט שולדיג צו טוהן ---

**שאלה פז** אויף וועלכע ארט דער דאנק צו השי"ת אויף דיא גלייכשטעלונג זיין זאל.

**תשובה** עס וואר איין מלך וואס זיין קעניגרייך זעהר גרוס וואר אונ ער האט געהאט איין איינציגן זאהן דער נאך זיין אב לעבן דיא מלוכה רעגירונג איבער נעהמן זאל. עס איז אבער איבער דען זאהן איין רוח שטות נארישן שכל געקאמן דאס ער דען דרך הישר פרלאסט האט אונ האט זיך בהעפט מיט שלעכטע מענשן אונ ווען אויך דאס דער מלך ושרים איהם האבן זעהר אפט מוכיח גוועזן אונ צו רעכט געוויזן. עס האט אבער ניכט גענוצט. ביז צו לעצט האט ער זיך דורך זיינע שלעכטע פיהרונג פרהאסט גמאכט ביא אלע שרים אונ גדולי המדינה אדעל אונ מאגנאטן. זא וייט דאס ווען ער ביא זיינע שלעכטע וועג בלייבן וויערד דאס מאן דיא רעגירונג ניכט אין זיינע האנד געבן קאנן וויערד. דאמאלס האט איהם דער מלך פיהל תוכחה גזאגט אונ פיר איהם געוויינט מיט דען ווארט זעהע נור וואס דוא דיר אליין טוהסט. מיין רייכטוהם, מיין כבוד, אונ מיין גדולה. דיזעס אלעס קאן יא אין דיינע האנד קאמען. געהע נור פון נון אן אין דרך הישר -- ווייל אבער דיזעס אלעס ביא איהם ניכט גווירקט האט. זא האט דער מלך זיך מיט זיינע חכמים אונ יועצים בראטן דאס זיא איהם זאגן זאלן אב

נאך

נאך איין מיטעל פרהאנדן איז דאס זיינע רעגירונג ניכט אין פרעמדע הענד קאמן זאל . זא וואר איהר עצה דאס מאן איהם וייט פערשיקן זאל אין איינע פרעמדע מדינה אונ אין איינן דארף ביא איינן כפריי בויער . זאל זיין וואהנונג זיין . אונ זיין עסן אונ טרינקן אונ אנדרע צרכים זאכן דיא ער בנעהטיגט זאל אלעם נור זיין אויף דיא גמיינע ארט . וויא עס געוועהנליך ביא דען כפריי זיך פיהרט . פילייכט ווען ער זיך ווירד זעהן אין אזו ארמען עלענדן שטאנד . ווירד זיין פרשטאקט הערץ גדעהמיטיגט ווערדן אונ ווירד אויף זיך נעהמן אין גיטען וועג צו געהן . זא האט דער מלך אזו געטוהן . אונ וויא ער שאהן דארט וואר איינע צייט לאנג אונ האט זיך גוועהן אין אלע היגזיכטן דאס ער אין איינע גרוסע צרה איז . פרטריבן פון זיין לאנד . אונ פון זיין פאטערס הויז . אונ אנשטאט דאס ער פריהער געוועהנט וואר דירות מלכים וואהנונגן . וויא זיך פיר איין קעניג פאסט . אונ שולחן מלכים קעניגליכע טאוויל צו האבן . אונ יעצט לעבט ער חיי צער עלענדס לעבן בדרענגט אונ געדריקט מיט אלען וואס איהם מר ממות ביטר אלס דער טוט איז . זא האט איהם זאלכם פראוהרזאכט דאס ער וויינענד מיט צערבראכן הערץ צו זיין פאטער געשריבן האט דאס ער אויף זיך נעהמן וויל אין דרך הישר צו געהן . אונ דיזעס האט ער מערערע מאהל געטוהן . ער האט אבר פון זיין פאטער קיין תשובה ערהאלטן - וויא אבר שאהן זעהר פיהלע לאנגע יאהרן פרפלאסן וואהרען דאס ער איין גר בארץ נכריה איין גדולדעטר אין איין פרעמדן לאנד וואר - זא האט זיך זיין אלטער פאטער איבר איהם ערבארמט דאס ער איהם זיין צער אונ עלענד אונ יגון ואנחה קומער אונ זיפצען איין וועניג פרגרינגערן אונ פרלייכטערן וויל . זא האט ער בעפאלן דאס מאן זאל צו זיין זאהן הין שיקען אלערלייא בעלי מלאכות דיא איהם דארט איין הערליך אוסגעצייכענט שעהנעם שלאס אויף בויען זאלן מיט פרשידענע דאצו געהעריגע איינריכטונגן . אונ וויא אויך האט ער איהם געשיקט עבדים קנעכט דיא איהם בדינען זאלן דאמיט דאס ער דיא צייט וואס ער נאך דארט פרווייאלן מוס דאס ער ניכט זא פיהל גקוועהלט אונ גקרענקט זיין זאל . וויא דער זאהן זאלכם געזעהן האט . זא האט ער מיט איין טרויריגע שטימע געשריגן הנה לשלום

# כלל ט שאלה פו

לשלום מר לי מר דורך דיא בשורה טובה איז מיר זעהר ביטער ·
אונ דיא פאלגענדע קאנצעפט האט ער דען פאטר געשריבן אלס דאנק·
מיין טייערער פאטר מיט וואס קאן איך דיר דען גרוסן דאנק אבצאהלן
דען איך דיר שולדיג בין [ווייל ביז יעצט מיין וועלט מיינע לעבנס צייט
מיר זעהר פרדונקעלט אונ פרפינסטערט וואר · ווען איך מיך ערינערט
האבע פון מיין שלוה אונ הצלחה וואס איך מעודי פון מיין יוגענד
געוועהנט וואר · אונ איך יעצט לעבן מוס חיי צער · חיי עוני אונ
עסן לחם מגואל איינע גראבע קאסט · אונ צו וואהנן אין איין
דירה סרוחה פרשטינקענע וואהנונג · זא ווייט האט מיך זאלכעס
געשמערצט דאס איך מיר פיהל מאל געוואונשן האבע טוב מותי מחיי
בעסר מיין שטערבן וויא דאס לעבן] דא איך זעהע דאס דיינע רחמי
האב על הבן פעטערליכע ליבע נאך ניכט פרלאשן איז דאס דוא
ווינשט דיא צרות פון מיינע ימי הגירות פון דיא צייטן וואס איך
אין דיא פרעמד בין צו פרגרינגערן - אבר ל י י ד ע ר ·
ל י י ד ע ר · פון איין אנדערע זייט אום · איז מיר מיין מורע
יעצט ווייט מער פרגרעסערט ווארדן אלס פריער - דען ביז
הייטע ווען אוך דאס איך מיט גרוסע צרות געלעבט האבע --
האבע איך דאך יעדן טאג האפענונג געהאט פון מיין פאטר איין
בשורה צו בקאמן דאס ער מיך צוריק נעהמן וויל אין זיין לאנד
אין זיין בית מלכות זיינע בורג · אונ דיזע האפענונג וואר ביא
מיר תמיד איינע האלבע טרייסט· אונ דאס האט מיך ערהאלטן
אין דיא פיהלע יאהרן דיא איך מיט יגון ואנחה פרלעבט האבע·
דא איך אבר יעצט זעהע דאס דוא אויף מיר איין הון עתיק מפזר
איין גרוסעם רייכטוהם צרשטרייעסט · פיר מיר איין בית מלך צו
בויען · פון דען איז ארום צו נעהמן דאס דיין וואונטש איז דאס
איך נאך מוס פרוויילן פיהלע יאהרן אין דען עלענדן פרעמדן לאנד·
אוי לי על שברי · וועהע מיר איבר מיין בראך · ולא יום בשורה
היום דער הייטיגר טאג איז קיין טאג פון איין בשורה · דען ווען איך
מיר פיר אויגן נעהמע דאס איך פון מיין לאנד · פון מיין געבורטס
ארט · פון מיינע רעגירונג וועק געווארפן בין · אונ איך ניכט דיא
זכייה האבע דאס איך מקבל פנים פון מיין פאטר זיין זאל · למה לי חיים

צו

צו וואס זאל מיר דאס לעבן . דארום נא נא איך בעט דיך זעהר . דאס דיא איינינע צייל[ן] דיא מיט הייסע טרערן געשריבן ווארען זינד . זאל מעורר זיין ערוועקן דיינע בארימהערציגקייט דאס דוא מיט מיר חסד טוהן זאלסט מיך פון דעם פינסטערן גלות צו בפרייען אונ דאס איך באלד אונ אונגעזיימט מבני ביתך ואוכלי שולחנך פון דיינע הויז לייטע אונ טאוויל זיצער זיין זאל -

דאס נמשל איז . דער מלך איז השי"ת . דער זאהן איז ישראל הבן יקיר לי אפרים - עס וואר אבער דיא צייט וויא זיא וועגן גרוס שלוה . אונ הצלחה . אונ גדולה . פון דיא תורה אום גטרעטן זינד . השי"ת ברוב רחמיו וועגן זיינע גרוסע בארימהערציגקייט האט איהנן געשיקט פיהלע נביאים דיא איהגן צו רעכט וויזן זאלן . עס וואר אבער אלעס אומזאנסט . וויא דער פסוק שרייבט חכמה ומוסר אוילים בזו דער נאר דער פראכט אונ איז איין שונא דעם יעניגן דר איהם מוכיח איז . ביז דעם צארן פון השי"ת אזו גרוס געווארדן איז דאס ער זיא אין פרעמדע לענדר געווארפן האט וויא זיא דארט למשל ולשנינה ולקלעג ולקלס צו שאנד אונ שפאט געוועזן זינד . דא אבער שאהן פיהלע יאהרן פון דיא שנות צער פרפלאסן זינד . זא זינד זיא זיך שאהן אוף דעם שכל גקאמן דאס זיא גפעהלט האבן . אונ קיין אנדערער איהנן העלפן קאן נור השי"ת אליין . געהמליך ווען זיא איהם מיט עהרענסטע אמתדיגע תשובה אן רופן ווערדן . אונ זיא האבן שאהן זאלכם פיהלע מאל געטוהן - אבר בעוה"ר גם כי אזעק ואשוע שתם תפלתי ווען איך נאך אזו פיהל שרייע אונ בין מתפלל . ווירד מיין תפלה דאך ניכט געהערט . אונ ניכט נור דאס קיינע הילף גקאמן איז . זאנדערן בכל יום קללתו מרובה משל חבירו ועמידתנו דלים ורקים אונ יעדן טאג איז דיא קללה גרעסר אלס געסטערן . אונ אונזער שטאנד איז זעהר ארים אונ גמיין . וויא עס אבר וואר נאך איינע זעהר לאנגע צייט וויא שאהן פון דיא ימי הגלות פערפלאסן זינד זיבצעהנהונדרט פינף אונ זעכציג יאהר . האט השי"ת מיט אונז מטיב געוועזן אונ האט מסבב געוועזן . פראורזאכט דאס הערץ פון דעם מלך אונ דיא שרים דאס זיא אונז געבן זאלן דרור וחירות פרייהייטן . באמת דאס מיר השי"ת אוף דעם איין דאנק שולדיג

זינד

זיינד . אבער וועהע אונ אך . דען דיא צרה אונ שבר בראך . פון דיא טובה איז וייט גרעסער אלס דיא טובה זעלבסט . וויל פון דען איז ארום צו נעהמען דאס דער ווילען פון השי"ת איז דאס מיר נאך בארץ נכריה אין פרעמדען לאנד איינע צייט לאנג פערוויילען מיסען . איינע זאלכע שמחה . איינע זאלכע הצלחה . וואס ניצט זיא מיר ווען מיך מיין הערץ [וואס פערקניפט אן דיא אהבת השם אונ זיינע היילינגע תורה אונ מצות איז] פרעגט איה דבירך מקום ההיכל . ואיה הדר ארון והמזבחות . איה חצרך . מתי ישובון ויבואו בתוך אהליך המתאוים שכון תחת מעונך . לבי יאוה לחבק זרועות עפר ארציך . ואחשוק בפי נשוק אבניך . עד מתי קץ הפלאות כי לא יזנח לעולם ה' נצח ישראל לא ישקר . והיה לעת ערב יהיה אור -

הדור ראו ווען דאמאלס האט דער צדיק (רבן של ישראל רשכבה"ג בעל חת"ם זללה"ה) וויינענד געשריען אונ מיט טרויער זאלכעס גזאגט מיר אין דען דור האחרון וויא שאהן נאך פינף אונ דרייסיג גלות יאהרען פערפלאסען זינד . אונ וועהרענד דיא צייט איז אונזער דור זעהר פעראָרמט דא דיא אמתדיגע צדיקים ליידער זעהר וועניג זינד . אונ תורה לערנען איז נתמעט פערוועניגערט װאָרדען . אונ דיא צבועים פון פערשידענע קלאסען זיך פערמערט האבען דיא באמת שלוחים פון סמ"א זינד . דיא גורם זינד בייא יידישע נפשות תורה לערנען צו פערוועניגערן אונ דיא אמתדיגע יידישקייט צו שוואכען -- נון אין וועלכען מרורינן טאהן זינד מיר שולדיג צו וויינען ווען שאהן יעצט פערפלאסען זינד פון דיא ימי הגלות אכטצעהנהונדערט יאהר אונ אונזער שטאנד אין הינזיכט תורה אונ יראה אונ צניעות אונ בושה זעהר נידריג איז . אונ ווען דיא נאך דאצו הייטע אונז פרייהייטען געבען טוהסט נעמליך דאס מיר נאך לענגער פערויילען בארץ נכריה זאלען . וואס ווירד אונזער סוף זיין . וויא ווירד אונזער אחרית אין תורה אונ יראת שמים אויס זעהן -

## שאלה פח

דען שריט צו מאכען זיך אין גראסע שטעדט צו בעזעצען. אב עס לאנגזאמע איבערלעגונג ערפאדערט אודער ניכט :

תשובה

**תשובה** דא פילע מענשן וויל זיא גלויבן איהר פרנסה דאדורך צו פרבעסערן איז בייא זיא איינע קליינינגקייט דאס זיא פערלאסן איהר וואהנפלאטץ פון מקומות הקטנים קליינע שטעדט. וועי אוזו דאס דארט נאך זיך אלעס אוף דען יידישן וועג פיהרט אין אלע היענזיכטן. אום זיך צו בזעצן אין דיא גרויסע שטעדט ווען אוך דאס דארט שוין פיעל פון דיא יידישקייט פרגעסן איזט. זאלכע איז צו בעדויערן. דא זיא מיט דען צוויא גרוסע עבירות מוהן גמליך דאס זיא כופר זינד אן דיא אויפזיכט פון השי"ת דאס ער נור אליין רייך אונ ארים מאכט. אונ ווען ער העלפן וויל דען מענשן צו בערייכערן. איז יא בייא איהם קיין צוריק האלט אין דען. אבער אין יענם ארט. וועןאויך דאס מיר פינדן משנה מקום משנה מזל איז נור דיא כוונה דאס מאן דאס ערשטע ארט פרלאסן זאל. אבער ניכט דאס מאן יוסט אין יענעם וואהנען זאל. צווייטענס דא דוא פיר אויגן זעהסט דאס דיינע חברים וואס זאלכעס געטוהן האבן אין איינע צייט פון איינגע יאהר וויא בייא זיא פרענדערט אונ פרגעסן געווארדן איז דיא יידישקייט. ניכט נור דאס זיא שם ולשון ומלבוש פרענדערט האבן. זאנדערן זיא האבן מרים יד געוועזן זיך פערגריפן אן דיא עיקרי וגופי תורה וואר צלען פון דיא תורה. שבת מחלל צו זיין. גרינג צו שעצן איין כשר הויז צו פיהרן. מבטל צו זיין מצות נדה. נון זאג מיר נון ווען עס מעכט גאר דער אמת אזו זיין וויא דוא מיינסט דאס דארט ווירד דיין מזל וייט מעהר אונ גרעסער זיין. דא דוא אבער זעהסט דאס דוא דארט דיינע נשמה משחית פרדערבען ווירסט. אונ ווירסט דיין עולם הבא פרלירן. ברינגט דען דאס דיין שכל מיט דאס דוא זאלסט פערטוישן אונ פרוועכסלן איין תענוג אונ נחת רוח וואס עס איז קיים לעולמי עד דויערט אימר אונ עוויג פיר איין תענוג וואס נור איין חיי שעה איז. פיעלמעהר דאס דוא דאדורך פערוהרזאכסט דאס דיין נאמן פערלאשן אונ אויס גמעקט זיין זאל. דא דיינע קינדר אונ קינדס קינדר דיא תורה איהר וועג אין גאנצן פערלאסן ווערדן. ווען דוא אבער זאגן ווירסט וייל דיא בחירה וואהל איז בייא איין יעדן מענשן פרייא. זא קאן מאן יא אין דיא גרוסע שטעדט אוך אין דען ערליכן יידישן וועג געהן. וואס באמת מיין גאנץ

פָאר נֶעמֶן אַזוֹי אִיז · דִיא אִיבֶּערְצֵייגוּנְג דַאס דִיזֶעס נִיכְט אִיז זִינְד פוּן דֶעם חָכָם · אוּנ נָבִיא · אוּנ תַּנָא · אוּנ מַעֲשִׂים בְּכָל יוֹם אַלְטֶעגְלִיךְ · דֶער חָכָם זָאגְט הוֹלֵךְ אֶת חֲכָמִים יֶחְכָּם וְרוֹעֶה כְּסִילִים יֵרוֹעַ וֶוער אָפְט מִיט חֲכָמִים צוּזַאמֶען קָאמְט · ווִירְד עֶר אוֹיךְ קְלוּג · קָאמְט עֶר אָבֶּער צוּזַאמֶען מִיט רְשָׁעִים ווִירְד עֶר אוֹיךְ אֵיין רָשָׁע · דֶער נָבִיא זָאגְט בְּהִתְחַבֶּרְךָ לְרָשָׁע פָּרַץ ה׳ מַעֲשֶׂיךָ ווייל דוּא דִיךְ הָאסְט בַּהֶעפְטְ מִיט אֵיינֶעם שְׁלֶעכְטֶען מֶענְשֶׁען זִינְד דֵיינֶע מַעֲשִׂים פֶערְדָארְבֶּען · דֶער תַּנָא זָאגְט הַרְחֵק מִשָּׁכֵן רָע וְאַל תִּתְחַבֵּר לָרָשָׁע טוּהֶע דִיךְ עֶרְווייטֶערֶען פוּן אֵיין שְׁלֶעכְטֶען שָׁכֵן · אוּנ מַאכֶע קֵיין חַבְרוּתָא מִיט דֶעם רָשָׁע · מַעֲשִׂים בְּכָל יוֹם גֶעהֶע נוּר אִין דִיא · אָדֶער אִין יֶענֶע שְׁטָאט אוּנ זֶעהֶע דִיךְ אוּם בְּחוּצוֹתֶיהָ אִין דִיא גַאסֶען דַאס פִילֶע פוּן אִיהְרֶע אֵיינְוואוֹהְנֶער וָואס שׁוֹין בַּאלְד גַאנְץ פַרְגֶעסֶען הָאבֶּען דַאס זִיא יוּדֶען זִינְד · אוּנ שׁוּלְדִיג זִינְד מִצְוֹת פוּן הַשִׁי״ת צוּ בֶּעפָאלְגֶען · ווֶען אוֹיךְ דַאס פָאר אֵיינִיגֶע יָאהְר ווֶען זִיא נָאךְ אִין דִיא מְקוֹמוֹת הַקְּטַנִּים גֶעווָאהְנְט הָאבֶּען וָוארֶען זִיא פוּן דִיא שׁוֹמְרֵי הַתּוֹרָה וְהַיִרְאָה זִינְד זִיא דֶעם ווֶעג פוּן דִיא תּוֹרָה אוּנ יִרְאַת שָׁמַיִם טְרֵייא גֶעבְּלִיבֶּען · אוּנ אִיהְרֶע אָבוֹת זִינְד גֶעוֶועזֶען פוּן דִיא צַדִיקֵי הַדוֹר הַמְּפוּרְסָמִים אוּם גֶערוּפֶענֶע צַדִיקִים · נוּן ווֶען דוּא זָאלְבָּעם פִיר אוֹגֶען זֶעהְסְט · וִויא קָאנְסְט דוּא דִיר אַלֵיין דָאס צוּ טְרוֹיֶען שֶׁענְקֶען דַאס דוּא דָארְט דִיא יִידִישֶׁע פִירוּנְג טְרֵייא בְּלֵייבֶּען ווִירְסְט · נוּן ווֶען זִיא זִיךְ שׁוֹין אַזוֹ ווייט זִיךְ פַרְגֶעסֶען הָאבֶּען · ווִיא ווַייט קָאן נָאךְ דִיא פֶערְגֶעסֶענְהֵייט קָאמֶען בֵּייא אִיהְרֶע קִינְדֶער אוּנ קִינְדֶס קִינְדֶער :

**שאלה פט** אָב פִיר דִיא אָמֶתְדִיגֶע עֶרְלִיכֶע יִידֶען (דִיא גֶערוּפֶען ווֶערְדֶען אָרְטָאדָאקְסִישֶׁע פַּארְטֵייא) גֶעפֶערְלִיכֶער אִיז דִיא פָארְטְשְׁרִיטְס פַּארְטֵייא · אָדֶער דִיא גֶעמֶעסִיגְטֶע פַּארְטֵייא ·

**תשובה** אִיךְ מַאכֶע דִיר ווִיסֶען דַאס יֶענֶע מְקוֹמוֹת וָואס אוֹיף אֵיינְמָאהְל אֲנָשִׁים בְּנֵי בְלִיַעַל אוֹיף גִשְׁטַאנֶען זִינְד אוּנ הָאבֶּען מֵרִים יָד בְּפַרְהֶסְיָא זִיךְ פְרֵייא פֶערְגְרִיפֶען אַן דִיא יִידִישְׁקֵייט · אוּנ הָאבֶּען זִיךְ פוֹרֵשׁ גֶעוֶועזֶען אָבְּגֶעזָאנְדֶערְט פוּן דִיא כְּשֵׁרֵי יִשְׂרָאֵל עֶרְלִיכֶע יִידֶען אֵיין קָאהָר שׁוּהְל צוּ מַאכֶען אוּנ פִילֶע הִתְנַהֲגוֹת פוּן יִידִישְׁקֵייט צוּ פַרֶענְדֶערֶען · דַאס יֶענֶע עֶרְטֶער פִיעל ווֶענִיגֶער צוּ בֶּעדוֹיעֶרֶען זִינְד אַלְס

יענע

יענע מקומות וויא דער סט״א דארט ווייט גרעסער אונ שטערקער איז
דא ער אליין פערראוהרזאכט האט דאס מאן דיא יעניגע וואס איין
קאהר שוהל גמאכט האבן אלערלייא הינדערונגן געטוהן האט דאס
זיא זיך אוף גלעזט האט. ער האט זיא אבער מפתה ומסית געוועזן.
פערפיהרט דאס זיא משנה לשון ישראל זיין זאלן. דיא יידישע שפראך
צו פערענדערן. אונ זאלן זיך נעמן איין פרעדיגר אונ דאדורך דיא
יראת שמים מעט מעט נאך אונ נאך אב נעמן ווירד. אונ דער אמת
אונ תורה לערנן פערוועניגערט ווערדן ווירד. אונ איהרע קינדער
נור ערצויגן מיט חכמות חיצוניות פרעמדע קענטניסע. אונ דאס
פערראוהרזאכט שפעטר היען אלעם צו טוהן דאס מאן זיך צו דיא
אוה״ע פערגלייכן זאל. ביז אין איניגע יאהר דא מאן שון געוואהנט
איז פון דיא תורה מעהרערעם אוים צו טרעטן אונ אב צו שאפן.
נון דאן ווען זיא ווערדן זיך וועלען איין קאהר שוהל מאכן זא ווירד
אלעם דאצו איינשטימיג זיין. ווען אבער ער העטע דאמאהלם דיא
קאהרשוהל ניכט פערשטעהרט וויא נאך דיא גאנצע שטאט געוואהנט
וואר איינע יידישע דרשה צו הערן אונ דאמאהלם וואר נאך פיעלע
יראים ושלמים אין דיא שטאט. זא העטן יא געוויס פיעלע געזאגט
דאס מיר ווינשן ניכט צו ענדערן מנהג אבותינו פיעלמעהר דאס מיר
ניכט איינשטימיג זינד צו איינע קאהרשוהל וייל זיא איז פרבאטען
דורך פיעלע לאוין פון דיא תורה. זא העטן יא געוויס פילע מענשן
אין דיא גאס פרייא געשריען דאס דאס איין בית תועבה איין בית ע״ז
א״ז. אונ דער יעניגע וואס אין איין זאלכע שוהל אריין געהט דער
פרדינט דען נאמן פושע גערופן צו ווערדן. דאריבר האט זיך דער
סט״א דאמאהלם אין איין פארם פון איין צדיק פרקליידעט זאלכם
צו פרהינדערן ביז ער זיא נאך אונ נאך געוועהנן ווירד פיעלם פון
דיא תורה אוים צו טרעטן אונ אום צו ענדערן אונ דאך זאלכם פיר
קיין עבירה צו בעטראכטן. ביז דיא צייט קאמן ווירד דאס דיא
אהבת השם אונ דיא אהבת התורה זא שוואך אונ געזונקן איז דאס
ווען מאן ווירד איין קאהרשוהל מאכן וועלן דאס דער געגן קיין
פוצה פה ומצפצף קיינער קיין איינווענדונג מאכן ווירד. אונ כולה
דהפך לבן זיין ווירד. דאס איז דער בעטרוג פון דעם יצה״ר וואס

קליפות

קְלִיפּוֹת נוֹגַה גֶערוּפֶן ווִירְד . וְוִיא דִיא טוּמְאָה זִיךְ אִין דִיא קְדוּשָׁה פַּרְקְלֵיידֶעט . אוּנ דֶער וֶועג אִיזְט וַוייט גְפֶעהְרְלִיכֶער אַלְס דֶער עֶרְשְׁטֶער -- .

**שאלה צ** וֶוען מִיר אוּנ אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער דִיא יִידִישֶׁע אֱמוּנָה אוּנ דַת בִּיז אִין דִיא עֶווִיגְקֵייט טְרַייא בְּלֵייבֶּן ווִילֶען . ווֶעלְכֶע וֶועג מִיסֶען מִיר אוּנְז נֶעמֶן .

**תשובה** דִיא וֶועלְט בֶּעקַאנְט צוּ מַאכֶן דַאס דִיא גֶעמֶעסִיגְטֶע מִיט דִיא פָּארְטְשְׁרִיטְס פַּארְטֵייא קְרוֹבִים אוּנ גְלֵייכֶע בְּרִידֶער זִינְד . אוּנ אֵיינֶער דֶען אַנְדֶערְן אוּנְטֶערְשְׁטִיצְט אוּנ בֵּייא הִילְפִיג אִיז . אוּנ דַאס דִיא פָּארְשְׁרִיטְס פַּארְטֵייא דַאנְק שׁוּלְדִיג זִינְד דִיא גֶעמֶעסִיגְטֶע פַּארְטֵייא . מִיט וֶועלְכֶע וָוארְט וֶוען נִיכְט דִיא גֶעמֶעהסִיגְטֶע פַּארְטֵייא זָא הֶעטֶן מִיר נִיכְט עֶרְלֶעבְט אוֹיף דִיא וָועלְט צוּ קָאמֶן [וֶוען אוֹיךְ וֶוען מַאן זִיא מִיט דֶען עַיִן גַשְׁמִיי בֶּעטְרַאכְט זָא זִינְד זִיא אֵיינֶער פוּן דֶען אַנְדֶערְן זֶעהְר עֶרְווֵייטֶערְט . דַא יֶענֶע מְחַלֵל שַׁבָּת בְּפַרְהֶסְיָא אוּנ יֶענֶע שׁוֹמְרֵי שַׁבָּת זִינְד . דִיא נָשִׁים . פוּן יֶענֶע פֶערְוֶוערְפֶן דַת מֹשֶׁה וְיַאהֲדוּת אוּנ יֶענֶע זִינְד צְנוּעוֹת אוּנ שׁוֹמְרֵי נִדָה . יֶענֶע לֶעגֶן קֵיינֶע תְּפִילִין . קֵיין תְּפִלָה . קֵיין בְּרָכוֹת . אוּנ יֶענֶע זִינְד מִתְפַּלֵל אוּנ מְבָרְכִין בְּרָכוֹת אוּנ פִילֶעס דֶערְגְלֵייכֶען . וֶוען מַאן אָבֶּער זִיא מִיט דִיא עֵינֵי הַשֵּׂכֶל בֶּעטְרַאכְטֶעט זָא ווִירְד מַאן פֶערְשְׁטֶעהֶן דַאס דֶער וֶועג פוּן בֵּיידֶע דַרְכֵי מָוֶת זִינְד . אוּנ דַאס זִיא פֶערְאוּרְזַאכֶן דִיא יִידִישְׁקֵייט צוּ פֶערְנִיכְטֶען אוּנ דִיא קִינְדֶער פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִין דִיא הַאנְד פוּן סִטְרָא אַחֲרָא צוּ אִיבֶּער גֶעבֶּן חָלִילָה) דֶען הָאסְט דוּא דֶען אֵיינְמָאל גְזֶעהֶן אָדֶער זָאלְכֶם פוּן זְקֵנִים גְהֶערְט עֶרְצֶעהְלֶן אָב זִיךְ זָאלְכֶעס גֶעטְרָאפֶן הָאט דָאס אֵיין מֶענְשׁ דֶער פוּן יוּגֶענְד אוֹיף נוּר אִין יִידִישֶׁען וֶועג ווִיא עֶם דִיא תּוֹרָה ווִינְשְׁט עֶרְצָאגֶען וָוארְדֶן אִיז . אוּנ כָּל יָמָיו אֵיין אָמֶתְדִיגֶער עֶרְלִיכֶער יִיד וָואר דַאס עֶר נִימָאל פוּן דִיא דַרְכֵי הַתּוֹרָה וְהַיִרְאָה אוּנ פוּן דִיא אַזְהָרוֹת פוּן סִפְרֵי מוּסָר אוּם גֶעטְרֶעטֶן אִיז . אוּנ הָאט אוֹיךְ אֵיינֶע שְׁטְרֶענְגֶע אוֹפְזִיכְט אוֹיף זֵיינֶע קִינְדֶער אוּנ הוֹיז לֵייטֶע גֶעהַאט זִיא צוּ אוּנְטֶערְוֵוייזֶען דַאס זִיא גֶענוֹי דִיא יִידִישְׁקֵייט וְעֶם זֵייא אִין הִינְזִיכְט מִצְוֹת מְקַיֵים זַיין . אָדֶער זִיךְ פּוֹרֵשׁ פוּן אַלֶע

עבירות

עבירות צו זיין] נאך צו פאלגן אונ זיינע גאנצע עבודה צו השי"ת תפלה · ק"ש · ברכות · ברכות המזון וואר אלעס אוף דיא פיינע עדלע ארט · געהמליך מיט לוסט · מיט שמחה · מאהבה פייעריג · אונ אלע זיינע הנאות וואס ער געניאסען האט פון תענוגי עולם הזה וואר אלעס נור בבחינות צדיק אוכל לשובע נפשו דער צדיק געניסט נור פון דיזע וועלט דאס ער זאל לעבען ערהאלטען קענען זאל · אונ אלע זיינע מדות · גאוה · כעס · ענוה · אכזריות · נדיבות כילית · וואר אלעס אבגעוואגען דאס זיא נור קודש להי הייליג צו השי"ת זיין זאלען · אונ אחר כל זאת נאך דיזען אלען אין איינע קורצע צייט זיך פערקעהרט האט כופר צו זיין אן השי"ת אונ זיין תורה · זא ווערדען זיא געווים זאגען דאס מעולם זאלכעס ניכט געוועזען איז · אונ ווירד ניכט זיין · דען דער וואס הייטע איין כופר איז אן השי"ת אונ זיין תורה · איז געווים דאס שאהן פיהלע יאהרען פריער אין זיין הערץ איינגעווארצעלט וואהרען דעות מזוייפות שלעכטע גרונדזעצע וואס דיא אמונה אונ דת שעדליך איז אונ דאס איז איהם געקאממען ענטוועדער וויל ער האט זיך מחבר געוועזען בעהעפט מיט רשעים · אדער דאס ער האט זיך בעשעפטיגט ספרי מינים גוישע ביכער צו זעהן · אדער דאס ביי איהם איינע תאוה רעה איבער האנד גענאממען האט גאוה · כבוד · משגל · אוהב בצע · אוהב שררה · וואס איהם גורם האט געוועזען זאלכעס צו טוהן דען ווען דיא עלטערען כשרים אונ יראים זינד · וויא אזו קאן זיך ערייגענען דאס איהרע קינדער כופרים ווערדען אונ טוהן אום דען דת ישראל אוסצערטען · איז · ווען ער איהם אין דיא יונגע יאהרען ניכט צו איין מלמד ירא שמים גיבט דער איהם ערציגען זאל על ברכי התורה והיראה אוף דיא שוים פון תורה אונ יראת שמים · זאנדערען צו איין מורה דער איין אפיקורס איז · ניכט נור דאס ער דארט קיין יראה אונ מוסר לעהרנט · זאנדערן זאלכע זאכען דיא איהם פעראוהרזאכען אונ געלעגענהייט געבען דאס ער שפעטער הין דיא השגחות הי' דיא אופזיכט פון השי"ת · אונ אנדערע ווארצלען פון דיא אמונה פערלאסען ווירד · וייל ער איהם נור מהדיך איז אונטערריכט דאס ער זיך גוט בעשטרעבען זאל ווען עליות הגוף דען גוף צו ערהעבען אונ צו פרענדערן דיא יידישע שפראך ·

דאמיט

# כלל ט שאלה צ

דאמיט ער ראוי אונ פעהיג זיין זאל צו שטודירן [ווייל די א מ ו ר כ י ם די א ג ע מ ע ס י ג ט ע פ א ר ט י י א זאגן . מאן קאן איין ערליכער ייד זיין ווען מאן אויך פון זאלכע מלמדים אינטערריכט ווירד אונ ווען מאן אויך שטודירט האט . אינ מאן מוס זיך ניכט אזו שטרענג האלטען אן דען מוסר פון די מחז״ל . אינ מאן ברויך ניכט די חכמי הש״ס מיט אלען דאס צו טרויען צו שענקען . וויא געוועהנליך די רעד פון די פרייע כופרים זינד] דער יעניגער אבער וואס רואה את הנולד איז . וואס די צוקונפט פאר אוים זעהט . דער זעהט שאהן עצט פון די ערציהונג די קינדער פון די ג ע מ ע ה ס י ג ט ע פ א ר ט י י א . דאס זיא שפעטער הין צו די פ א ר ט ש ר י ט ס פ א ר ט י י א זיך אן שליסען ווערדען .

דער תכלית המבוקש דען צוועק וואס מאן ווינשט פון די אביגע רעד איז . דאס ניכט נור דאס עס זיך געביהרט . זאנדערן דאס עס איינע גרויסע שולדיגקייט איז דאס די ערענסטע אברהם אבינו זיינע קינדער אנשים ונשים . נער וזקן . מענער ווייבער יונגע אלטע בכל הארצות ובכל מקומות מושבותיהם אין אלע לענדער אונ אלע שטעדט וויא זיא וואהנען . פילמעהר אין יענע לענדער וויא מאן זעהט דאס די אפיקורסים זיך בעשטרעבן די יידישקייט פון דען כלל ישראל צו פערוועניגערן . וואס איהר הערץ נאך גליסט צו השי״ת אונ צו זיינע אמתדיגע תורה דאס זיא זאלען זיך איינער זען אנדערן דערוועקן אונ איינער דען אנדערן וועגן אונטערשטיצונג די האנד געבן דאס זיא די מצות פון די היילינגע תורה מיט אלע סייגים גדרים . תקנות . מנהגים . וויא זיא עס מקובל האבן פון די ערשטע דורות געטריי האלטען ווילן אהנע שום פערענדערונג אונ ניכט דאס גרינגסטע אום צו טרעטען . מיט אלען איהרען כח . מיט אלען איהרען פערמעגן -- ו ו י א א ו ך איהרע נשים דאס זיא דאס דת יאהדות זעהר שטרענג היטען זאלן קיינע בגדי פריצות זאלכע קליידער וואס אויף איינע פרעכע ארט גמאכט זינד צו טראגן . קיין גילוי שער דאס קיינע האר געזעהן ווירד . קיין גילוי בשר דאס זיא ניכט געבלעהזט געהן זאל . זעלבסט דאס תכשיט וואס עס ווירד גערופן ש י י ט ע ל אום וועלכען שטאף אימער זאל ביא

אידהנן

איהנען ניכט גזעהן ווערדן . פילמעהר דאס זיא גענויא אכט געבן זאלן אויף זאלכע זאכן וואס עס האט גורם געווען דיא גאולה . נעהמליך קיין יידישע נעהמן אונ שפראך צו פערענדערן . קיין יידישע מלבושים צו פערענדערן . דאס זיא זאלן דאדורך פון עריות איינגעצייטט אונ זעהר ערוויימערט זיין . דאס חלילה ניטאלס ענטשטעהן זאל איין תערובות אנשים ונשים בחורים ובתולות איין צוזאמענקונפט פון מענער אונ ווייבער . פיהל ווייניגער אויף קיין טאנץ צוזאמען קאמען . אונ דאס מאן זאל ברבים אלע טאג אין דיא בתי כנסיות עטוואס תורה לערנן . זאלכע תורה וואס דאדורך דיא יראת שמים אונ מדות טובות פערשטערקט אונ בעפעסטיגט ווירד . דען דיזעס אלעס איז איהנן אין מצרים ביא געשטאנען דאס זיא ערלעזט ווארדען זינד [אונ דאמיט דאס דיא מהרסים ומחדשים נעאלאגען . אונ געמעהסיגטע . אין שפעטערע צייטן ביא איהנן קיין שום איינפלוס האבן זאלן] אונ זא פעסט אונ שטארק זאל איהר פארנעמען אונ הסכמה זיין דאס זיא זיך פעראייניגן זאלן אונ זאלן בילדן איין עקסטערע חברה דיא איהרן נאמן פיהרן זאלן "דיא אלטע יודן" — וויא דיא תורה זאגט עס לבדד ישכון [איינע בעזאנדערע שוהל . איין מקוה . רב . שו"ב . מלמד . בית חיים] אזוי דאס דער יעניגע וואס ניכט מיט דען אלען מיט איהנן איינשטימיג זיין וויל . דאס ער דאדורך פון איהר קיבוץ ואגודה פערזאמלונג אונ פעראיין אוס געשלאסן זיין זאל . ניכט מיט איהם משדך צו זיין . ניכט איהם צו מנין אונ מזומן מצרף צו זיין . אד"ג *) אונ

דאס

---

*) ניכט דאס מיר איהם איבער זאלכעס פיר איין כותי אונ צדוקי בעטראכטען אונ דאס ער שאן פון דיא יידישע נאם אוס געשלאסן זיין זאל אונ זיין נאמן ישראל אודער יודא פערלארן האט -- חלילה וחלילה . דאס מיר זאלכעס דענקן זאלן . דא מיר זעהן פיר אויגען דאס פילע פון איהנען טייערע יידען זינד . אונ אויך מאנכע מצות מסירות הנפש האבן אום זיא מקיים צו זיין נור וייל מיר אונז איינע הסכמה גמאכט האבן . אונ אונזער גאנצער טייערער וואונש איז דאס מיר דיא הייליגע תורה בכל פרטיה ודקדוקיה גאנץ גענוי אונ שטרענג נור זא נאך פאלגן ווילן וויא אין דיא צייטן פון דיא

ראשונים

# כלל ט שאלה צ

דאס זיא אירע קינדער נור ערציגן ווילן אויף דיא שוס פון תלמידי חכמים יראי ה' דאס זיא דיא חכמות חיצוניות ערווייטערן אונ אויס ווייכן זאלן. חוץ כתב והמכתב וואס מצות המלך יר"ה איז. אונ דיזעס זאל מאן אויך נור לאסן לערנן ביא איין נכרי. נעמליך דאס ער געוויסע שעות אין זיין הויז בעזאנדער אונטערריכטן זאל. ניכט אין דיא שוהל צווישן ילדי נכרים גוישע קינדר. אונ דאס זיא אירע קינדר אויף זאלכע ישיבות ניכט שיקען לערנן זאלן וויא דער רב איין גוישער יוד איז. נעמליך דאס ער לשון יאהודות משנה איז. אויך פון זאלכע ישיבות וויא דער רב קיין השגחה האט אויף זיינע תלמידים דאס ער זיא מזהיר זיין זאל דאס זיא קיינע ביכער לעזען זאלן' וויל יענע תורה ביא השי"ת ניכט נור קיין ווערט האט. זאנדערן אויך פעראכט איז. דער בעוויז דארוף איז דואג אונ אחיתופל. אונ דאס זיא געוויס בכל תוקף ועוז זעהר שטרענג האלטן ווילן דיא אלע תקנות קבועות פעסט געזעצטע תקנות. פון דען פסק ב"ד (משנת תרכ"ו). פילמעהר דיא ערשטע תקנה דאס זיא אירע אהרן ניכט מטמא זיין פראונריינגן זאלן פון איהרן מנהיג איינע זאלכע דרשה אונ פארטראג צו צו הערן ווען ער דיא יידישע שפראך אים גרינגסטן פרוועכסלט אונ פערענדערט. דען ווען דיא אפיקורסים וועגן שרירות לבם הרע איהר

מיטוויליגעם

---

ראשונים אודר אלטען דור. דאריבער ווען מיר איין זאלכען אננעמן דער ניכט מיט אונז מיט אלעם איינשטימיג איז. וויא מעהר יראת שמים אונ צדקות דאס ער בעזיצט. דעסט מעהר שעדליך אונ געפערליך איז ער אונז -- אונ קאן שפעטער היען פעראורזאכן דאס אונזר גאנצעם פאהרנעמן צערשטערט ווערדן קאן חלילה -- ווען ער אויך נור פון אונזער חברה פעראיין. איין מיטגליד איז. פיעל מעהר ווען איין זאלכער שפעטער היען איין ראש הקהל פארשטעהער זיין ווירד. וואס פיר איין רב. וואס פיר איין שו"ב. אונ שליח צבור. וואס פיר איין מלמד ווירד ער אויף נעמן וועלן. אונ וויא פיעל ערנייערונגען אין הינזיכט מנהגי ישראל ווירד ער ווינשען איינצוריכטען. אונ וויל דיזעס אלעס געגען אונזערן גרונדזאצץ איז. זא ווירד דיזעס חלילה ביא אונז פעראורזאכן אימער מחלוקת אונ געטיילטע הערצער. זא איז בעסר אונ ניצליכר דאס קיין שום חשש שעטנז ביא אונז פערמענגט אונ פערמישט זיין זאל -- זאנדערן כל עורב למינו איין יעדער צו זיינעס גלייכען --

מוטוויליגעם שלעכטעם הערץ מאכן זיך חברות און אגודות זיך איינר דען אנדערן צו שטערקן דאס זיא כח האבן זאלן איהרע מחשבות רעות שלעכטע גדאנקן אום צו פיהרן זיך פורש צו זיין צו ערווייטערן פון תורה און יראת שמים . און פון דיא אלטע יידישע פירונג . וואס זינד ערסט ערליבע יידישע קינדר מחויב שולדיג צו טוהן וועגן אונזר חיי עולם עוויגעם לעבן . וועגן אונזער תורת אמת . דאס מיר זאלן אלעם מעגליבע זעהן צו טראכטן דאס דיא יידישקייט פון אונז און פון אונזערע קינדר ניכט פרגעסן ווירד לדורות עולם ביז אין דיא עוויגקייט . נון וועז ערליבע יידישע קינדר אונז נאך פאלגן ווערדן דאס דער פירוד דיא טיילונג אויף איין זאלכן אופן זיין ווירד . דאן איז איין פתח תקוה איין גרוסע האפענונג פיר דיא פליטה הנשארת איבער רעסט . דאס זיא עולמית ערליבע יידישע קינדר זיין ווערדן . און דען נאמן פרדינן כולך יפה רעיתי ומום אין בך . דאס זיא דיא יידישקייט גאנץ טרייא נאך פאלגן אהנע פעלער י) .

# כלל י הצל לקוחים למות ובו יא שו"ת

**שאלה צא** ווייל עס זינד פערשידענע וועג דיא איהר נאמן טוב ומועיל גוט און ניצליך . איז . ערב ונעים זיס און אנגענעם איז ווינטשע איך מיר זאלכעם אויף צו קלעהרן .

**תשובה** וועהרענד דיא גאנצע לעבענסצייט פון דען מענשן אויף דיזער וועלט האט ער פיר זיך צווייא עבודות מיט דיא ער זיך בשעפטיגן מוס . פון איין עבודה איז איהר נאמן טוב ומועיל . גוט און ניצליך . דאס הייסט דער תכלית דער סוף דאפון איז

---

י. והיה כי יאמרו אליכם בניכם מה העבודה הזאת לכם ווען דיא געפאלאנגען און געמעסיגטע זאגן ווערדן וואס פיר איין נייעס מאכט איהר -- ווארום טרענט איהר אייך -- ווארום טיילט איהר אייך -- אף אתה הקהה את שיניו . מיט דען ווארט איהר זייט דיא מחדשים ווייל איהר דיא הייליגע תורה פערענדערט און אום טרעטן ווילט . אונזער פעראיין און חברה איז אבער נור . דאס מיר ווילען דיא אלטען בלייבען --

# כללי שאלה צא

איז זעהר גוט אבער פיר יעצט איז עס ניכט אנגענעהם . אונ פון דיא אנדערע איז דער גאמן ערב אונ נעים . זיס אונ אנגענעהם . דאס הייסט וועהרענד מאן עס געניסט איז מאן פערגעניגט דאפון . אבער שפעטער היען איז עס הבל הבלים ניכטס אונ ווידער ניכטס .

דיא אויף קלערונג דאפון איז . דא הש״ת האט אונז געגעבן דיא הייליגע תורה דאס איין יעדער מענש ווען ער וויל שטעהט עס אין זיין מאכט דאס ער דורך דיא תרי״ג מצות ווען ער זיא מקיים איז וויא זיך געבוהרט . זיינע רמ״ח אברים אונ שס״ה גידים רוחניים מטהר ריינגן אונ מקדש אונ מזכך הייליגן אונ טעסטעליגן קאן . אונ דאס ער זיך ערווערבן קאן דען שכר פון רב טוב הצפון פון עולם הבא וואס זעהר אונענדליך גרוס איז . דאס וויד אנגערופן טוב אונ מועיל . אבער זיס אונ אנגענעהם פיר יעצט איז עס ניכט . ווייל ווען מאן דיא מצות פון דיא הייליגע תורה ערליך האלטן וויל . זא ערפאדערן זיא דאס מאן זיך פון אלע תענוגי עולם הזה פערגעניגונגען פון דיזע וועלט . אכילה שתיה . אונ מלבוש . שינה . אד״ג . וואס אונטער זיין ווארט מותרות [וואס מאן ניכט האבן מוס אונ נור איבערפליסיג איז] פערשטאנן איז זיך פורש זיין אונ צוריק האלטן מוס . דאס זעלבסט אויך איין איבריג ווארט האט דיא תורה מזהיר גוועזן געווארנט ודברת בם ולא בדברים בטלים דאס דיין רעדן זאל נור זיין פון תורה אונ יראת שמים אונ וואס מאן צום גשעפט בנעהטיגט . אבער ניכט לעהרע אונניצליכע רעד . דאריבער איז עס ניכט אנגענעהם אונ ניכט זיס ווייל ער שולדיג איז אלע זיינע הנאות אב צו ווענן . אונ נור צו געניסן דען הכרח . זאנסט ניכט מעהר . אבער גוט אונ ניצליך איז עס . ווייל ער שון יעצט וויים דאס צו לעצט אונ שפעטער היען איהם זאלכעס משמח זיין ווירד -- אונ זיך צו בשעפטיגן דיא גאנצע לעבענסצייט צו ערלאנגן כבוד . גדולה . ועושר . אונ זיין גוף מפטם ומעדן צו זיין פעט צו מאכן אונ איהם צו פערגעניגן מיט אלערלייא תענוגים . זאלכעס איז לפי שעה זיס אונ אנגענעהם ווען ער אבער שון רוב ימיו דיא מערהייט פון זיינע יאהר פרלעבט האט אונ ער האלט שון ביי דיא ימי ירידה דאס ער זעהט דאס דער בנין הגוף זיינע קרעפטן זיינע זעפטן טאג טעגליך אב נעמן

אונ

אונ שְׁוואַכֶער אונ וָוענִיגֶער וָוערְדֶן · דַאס עֶר פוּן דֶען שָׁאדְהֶן יָעצְט אַיין זֶעהְט דַאס דִיא צַייט רִיקְט זִיךְ נֶעהֶר אונ נֶעהֶר וַויא זִיךְ דִיא גאַנְצֶע הַהַרְכָּבוֹת הַגוּף צוּזַאמֶען זֶעצוּנְג פוּן דֶען גוּף · זִיךְ אוֹיף לֶעזֶן ווירד · אַזוֹ דַאס עֶר אַיינְזֶעהֶן טוּהְט דַאס וָועגֶען דֶען וָואס עֶר הָאט זִיךְ כָּל יָמָיו גִפְלָאגְט נֶעמְלִיךְ אוּם רַייכְטוּהְם צוּ זַאמְלֶן דַאס עֶר נַארִישׁ גֶעהַאנְדֶלְט הָאט · דַא עֶר יֶעצְט בַּייא זַיין הָאכֶע עֶלְטֶער מִיט זִיךְ רֶעכֶענֶן טוּהְט דַאס דַאדוּרְךְ וואס עֶר הָאט זִיךְ נוּר בֶּעמִיהְט וֶועגֶען הַצְלָחוֹת עוֹלָם הַזֶה הָאט עֶר זֶעהְר וָוענִיג גֶעזָארְגט זִיךְ צוּ עֶרְוָוערְבֶּן מַעֲשִׂים טוֹבִים דַא עֶר יֶעצְט זֶעהְט דַאס נוּר זִיא אַלַיין אִיהְם מְלַוֶה זַיין בֶּעגְלַייטֶן וָוערְדֶן · זָא אִיז עֶר זִיךְ שְׁרֶעקְלִיךְ מְצַער אונ אִיז מִתְחָרֵט דַאס עֶר אוּם דֶען טָפֵל אַיין עִיקָר גֶמַאכְט הָאט · אונ דַאדוּרְךְ דֶער עִיקָר נוּר אַיין טָפֵל גֶעבְּלִיבֶּן אִיז] אָבֶער טוֹב אונ מוֹעִיל אִיז עֶס נִיכְט גוּן וֶוען מַאן זִיךְ גוּט אוּם זֶעהְן וויל אוֹף דֶען מַעֲמָד וּמַצָב שְׁטַאנְד פוּן דֶען דוֹר צַייט אַלְטֶער דַאס עֶס זֶעהְר אָרִים אונ גֶעמַיין אִיז אִין תִיעֶנְזִיכְט יִידִישְׁקַייט נִיכְט נוּר דַאס מַאן אִין דִיא יוּנְגֶע יָאהְרֶען דֶען עָרֵב אונ נָעִים פָאר צִיגֶען טוּהְט פִיר דֶען טוֹב אונ מוֹעִיל. דֶען זֶעלְבְּסְט אִין דִיא שְׁפֶּעטֶערֶע עֶלְטֶערֶע יָאהְרֶען קָאמְט מַאן אוֹךְ נָאךְ נִיכְט צוּ שֵׂכֶל · זָא דַאס לַיידֶער מוֹתַר הָאָדָם מִן הַבְּהֵמָה אֶין דַאס דֶער מֶענְשׁ קַיין פָארְצוּג פוּן דִיא בְּהֵמָה הָאט · דַאס זִיא ווינְשְׁט נוּר וָואס זִיא אונ אַנְגֶענֶעהְם אִיז · דַאס זִיא קַיין שֵׂכֶל הָאט זִיךְ צוּ אִיבֶּער לֶעגֶן וָואס זִיךְ שְׁפֶּעטֶר פוּן דֶען עֶרְאַייגֶענֶן ווירד ·

עֶס אִיז אָבֶר קַיין סָפֵק וָוען עֶס מֶעכְטֶען זַיין אִין אַיין יֶעדֶן אָרְט אַייניגֶע אַנְשֵׁי אֱמֶת וָואס אִיהְר הֶערְץ אִיז נֶאֱמָן לה׳ מִרַייא צוּ הַשִׁי״ת · אונ אִיהְר שְׁטְרֶעבֶּן אוֹף דִיא וֶועלְט אִיז נוּר לְהָשִׁיב לֵב בָּנִים לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָׁמַיִם יִידִישֶׁע הֶערְצֶר. צוּ דֶען הִימְלִישֶׁען פָאטֶר צוּרִיק צוּ פִיהְרֶען · דַאס זִיא זָאלְכֶע מֶענְשֶׁן בִּימֵי זִקְנוּתָם אִין אִיהְרֶע אַלְטֶערְם צַייט עֶרְוָועקֶן מֶעכְטֶען אונ זִיא עֶרְאִינֶערְן מִיט שֶׁעהְנֶע אוֹף קְלֶערוּנְג · אונ ווַייכֶע רַייד בִּיז זִיא אִיהְרֶע אוֹגֶן עֶפִינֶען דַאס זִיא זֶעלְבְּסְט פַרְשְׁטֶעהֶן זָאלֶן דַאס דִיא אָבִיגֶע רֶעד אֱמֶת וְצֶדֶק זִינְד · ווייז פִיעל מֶעכְטֶעז אִיהְנֶן צוּ הֶערֶן אונ נָאךְ פָאלְגֶן · פִיעלְמֶעהְר וָוען שׁוֹין אַיינֶער אוֹיף עֶרֶשׂ דְוַי קְרַאנְקְעוּנְבֶעט לִיגְט · אונ וָוען מַאן אִיהְם דַאמָאלְס אָן זָאלְכֶם

עֶראִינֶערְן

# כלל ישאלה צא צב

ערזאינערן טוהט אונ איהם דאביא זאגן דאס אלעס ווענט זיך נור אחר החתום דאס ווען מאן אויך נור צו לעצט עהרנסט תשובה טוהט קאן מאן מיט דען מתקן זיין אויס בעססערן וואס ער כל ימיו מקלקל געוועזן פערדארבן אונ געפעהלט האט. איז יא בודאי קיין ספק ניכט נור דאס ער איהם פאלגן ווירד. אונ ווירד בלב נשבר ונדכא מיט איין צערבראכן צערשטויסן הערץ וויינען צו השי״ת דאס ער איהם מוחל זיין זאל דיא אלע וועג וואס ער איהר גגאנגן איז׳ זאנדערן ער ווירד איהם נאך טויזענד דאנק דאפיר געבן דאס ער איהם אויף זאלכעס ערמונטערט אונ ערוועקט האט.

דאריבער איז מיט ליידונג צו האבן אויף דיא עניי הצאן ארמע לעמער אין פילע ערטער דאס זיא כשה אובד וויא איין פרווירטעס שאף זינד. דאס זיא קיינר ערוועקט. אונ וויינען צו השי״ת דאס ער זאל שוין מקיים זיין דען פסוק ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחילה איך ווערדע אייך ערליכע ריכטר אונ פיהרער איינזעצען וויא אין דיא פרירגע צייטן׳

**שאלה צב** אב מאן דאס פאר הויז שענער פערציהרן זאל אלס דאס שלאס.

**תשובה** אויף זאלכע מענשן דיא אוס דען טפל איין עיקר מאכן אונ פון דען עיקר נימאהל איין טפל מאכן. איז מאן שולדיג אויס מיט ליידונג צו שרייען וועהע איבער אייער פרשטאנד. אך איבער אייער פערנונפט. פינסטער אייער שכל. וואריום זארגט איהר ניכט פיר אייער נשמה דיא עוויג לעבט. אונ נור וועגן איהר זיא צו פרשענערן אונ צו פרהערליכן וואר דער גאנצר צוועק דאס איהר ערשאפן זינד ווארדן. וויא איהר זארגט פיר אייער גוף וואס נור כלה ובלה נאס זיך אויף לעזן אונ פערפוילן ווירד. אונ פערגענגליך איז. דען ווען איינער נאך זא רייך איז אונ מיט פילע גיטער. פאבריקען. מאשינען׳ בשעפטיגט איז אויף דיא אלע ער מוס אופזיכט האבן. איז יא איהם געווים דיא צייט זעהר טייער. ווען זיך אבער ערזייגנט דאס ער קראנק איז

אוּנ דִיא רוֹפְאִים זָאגֶן דַאס עֶר מוּס גֶעהְן אִין אַיין בָּאד וָואס גָאר אִין אַיין אַנְדֶערֶע מְדִינָה אִיז · אָדֶער עֶר מוּס גֶעהְן אִין אַזוֹי לַאנְד וְוִיא דָארְט דִיא לוּפְט פִיעל רַיינֶער אוּנ גֶזוּנְדֶער אִיז · וָועז גְלַייך דַאס עֶר זֶעלְבְּסְט וַויים דַאס דֶער רוֹפֵא נִיכְט אִיהְם פַּרְזִיכֶערְן קָאן דַאס עֶר דָארְט אַיין רְפוּאָה הָאבֶּן וֶוירְד . לִיגְט אִיהְם דָאךְ נִיכְט אוֹיף קֵיין גֶעלְד הוֹצָאוֹת · קֵיין צַייט · וְוִיא אוֹיךְ וָוען אוֹיךְ מַאנְכֶע רוֹפְאִים אִיהְם זָאגֶן דַאס עֶס אִיהְם אוּנְנִיצְלִיךְ אִיז · אִיז דִיא אַהֲבָה פוּן זַיין לֶעבִּן אוּנ גֶעזוּנְד אַזוֹי גְרוֹיס דַאס עֶר אָפְּפֶערְט אַלֶס וָוען נוּר אַיין וַויטֶערֶער פַאל זַיין זָאל זִיךְ הַיילֶן צוּ קָאנֶן וָוען גְלַייךְ דַאס עֶר זֶעלְבְּסְט וַויים וָוען עֶר אוֹיךְ יֶעצְט גֶעזוּנְד וֶוירְד · וֶוירְד עֶר דָאךְ נִיכְט עֶווִיג לֶעבִּן אַפִילוּ הֶיעגִן סָפֵק אוּנ סְפֵק סְפֵיקָא פוּן חַיֵי שָׁעָה אִיז אִיהְם גְלַייכְגִילְטִיג זַיין הַאלְבֶּעס פַרְמֶעגִן מְפַזֵר צוּ זַיין אוּם צוּ גֶעבִּן · אוּנ דִיא רְפוּאוֹת פִיר דִיא נְשָׁמָה גֶעהְמְלִיךְ דִיא מִצְוֹת גֶענוֹי מְקַיֵים צוּ זַיין אוּנ פוּן דִיא עֲבֵירוֹת זִיךְ שְׁטְרֶענְג צוּרִיק צוּ הַאלְטֶן דַאס מַאן דַאדוּרְךְ קָאן זִיךְ עֶרְוֶוערְבֶּן אַיין תַּעֲנוּג אוּנ אַיין נַחַת רוּחַ וָואס זֶעהְר גְרוֹס אוּנ אוּנֶענְדְלִיךְ אִיז אוֹיף דִיא עֶווִיגֶע וָועלְט · אוֹיף דֶעם אִיז יָא קֵיין סָפֵק אוּנ קֵיין צְוַויפֶעל דָא דִיא תּוֹרָה זָאלְבֶעס פַרְזִיכֶערְט לְמַעַן יִיטַב לָךְ וְהַאֲרַכְתָּ יָמִים וֶועגִן דַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים וֶוירְסְט דוּא עֶרְלַאנְגֶן אַיין עֶווִיגֶעס לֶעבֶּן אוּנ אַיין זֶעהְר גְרוֹסֶן שָׂכָר · יַעֲשֶׂה אוֹתָם הָאָדָם וָחַי בָּהֶם בְּעוה״ב לְיוֹם שֶׁכּוּלוֹ אָרוֹךְ · זִינְד זִיא טְרֶעהְג אוּנ פוֹיל אוּנ קַארְג גֶעלְד אוּנ צַייט צוּ פַרְוֶוענְדֶן אוּם זָאלְבֶעס זִיךְ אַיינֶן צוּ מַאכֶן - וָוארוּם וֶוירְטְשַׁאפְט אִיהְר וָוארוּם הַאנְדֶעלְט אִיהְר נִיכְט מִיט דִיא אַיינְרִיכְטוּנְג מִיט דִיא פֶערְצִיהְרוּנְג · מִיט דִיא פֶערְשֶׁעהְנֶערוּנְג פוּן דֶען אֶמְתְדִיגֶען הוֹיז · וְוִיא אִיהְר אַייךְ פִיהְרְט מִיט דֶען פָארְהוֹיז · אוּנ וָוען אַיינֶר אַיין עוֹשֶׁר אִיז אוּנ בּוֹיעט זִיךְ אַיין הוֹיז · זֶעהְט עֶר אַלֶעם מֶעגְלִיכֶע צוּ טוּהְן דַאס עֶס אוֹיף דֶער בֶּעסְטֶע אוּנ פַיינְסְטֶע אַרְט צוּ גֶערִיכְט זַיין זָאל · אוּנ דַאס עֶס פוּן פַייעֶר שָׁאדֶן גֶעשִׁיצְט זַיין זָאל · בֶּעדֶעקְט עֶר דָאס דַאךְ מִיט קוּפְּפֶערְנֶע פְּלַאטֶן · אוּנ אוּם עֶס אוֹיךְ צוּ פַרְהִיטֶן פוּן אַיינֶען זֶעלְטֶענִן שָׁאדֶן · נֶעמְלִיךְ פוּן פַייעֶר דוּרְךְ דָאנֶער אוּנ בְּלִיטְץ · אִיז עֶר נִיכְט קַארְג גָאהְ גֶעלְד צוּ פֶערְהֶעגִן עֶס צוּ בְּשִׁיצֶן מִיט אַיין וֶועטֶער לֵייטֶער · דַאמִיט דַאס עֶס פָאלְקָאמֶן

אהער

# כללי שאלה צב

אדהער געשטעלט זיין זאל —

מאכע דיינע אויגן אויף . ווען דוא דיך אזוי בשטרעבסט איין הויז וואס באמת נור איינע סוכה איז . וואס דוא נור איינע געוויסע צייט בעוואהנן ווירסט . אזוי צו פרציהרן אונ צו פרשעהנערן . וואס ביזט דוא ערשט שולדיג צו טוהן פיר איין זאלכעם הויז וואס דוא עוויג בעוואהנן ווירסט — .

# איין אויף רוף

## פיר יידישע קינדר דאס זיא דיא זיבען פאלגענדע מצות געטריא אונ טרייא האלטן אונ היטען זאלן :

(שבת)

דא דיא צייט ליידער גקאמן איז דאס דאס דור אין הינזיכט ידיעות התורה וויסענשאפט דער תורה זעהר געמיין אונ ארים איז דאס אין פיהל געגענדן דיא שכחה פרגעסענהייט פון דיא תורה אזו ווייט איבר האנד גנאמען האט . דאס זעלבסט זאלכע זאכן וואס דייטליך אין דיא תורה מפורש לאיסור איז . צו פרגעסענהייט גקאמן . וויא אוך זאלכע מצות וויא מאנכע דאפון דאס געוויכט געגן דיא גאנצע יידישקייט האבן . אונ מאנכע וויא דיא גאנצע קדושה היילינקייט פון ישראל . דאפון אבהענגיג איז — נון וויל דער נביא זאגט הרימו מכשול מדרך עמי צופה נתתיך דאס אוף איין יעדן דיא שולדיגקייט איז צו זעהן דיא שטראס פון דיא יידישקייט צו פרבעסערן דאס דיא רייזענדע אונגעהינדערט איהרן וועג מאכן קענן זאלן --- דארום פינדע איך מיך שולדיג צו ערוועקן יידישע הערצער . מענער ווייבער . בחורים . ובתולות . דאס זיא פון איהרן שלאף ערוואכן זאלן --

ישראל ישראל איך מאכע אייך צו וויסן אונ ווארנע אייך דאס ניכט דיא שלעכטע גדאנקן אין אייער זין קאמן זאל . דאס וויל דער וועג פון מאנכע רשעים זעהר גליקט . אונ דער עונש אוף איהרע גרוסע עבירות פרווײלט אונ ניכט באלד איינטרעפט . דאס דיא תורה אונ יידישקייט האלטן זיך שאהן אוף הערן ווירד . אונ דאס איין יעדר טוהן קאן וואס ער נור אליין וויל - חלילה וחלילה . דאס איהר זאלכס זאגן אדר דענקן זאלט - דא השי"ת מיט דיא תורה דברים אחרים איינס איז . אונ דער

נביא זאגט אני די לא שניתי איך השי"ת בין ניכט פערענדערט . זא קענע אויך ביי די תורה קיין ענדערונג איינטרעטן ווייל זיא ניט דיא צייט אונטערליגט . זאנדערן השי"ת איז לאנגמיטהיג . צו לעצט אבער קאמט דיא איינקאסירונג אויף אלען וואס זיך דער מענש איינגעשולדיגט האט (זעלבסט אין דיא גרויסע שטעדט מקומות המתפרצים וויא מאן זיך אן דיא תורה זעהר פיהל פערגרייפט . וויא דיא יראת שמים זעהר גשוואכט איז . דאס זיך פיהלע פרייא ערלויבן צו טוהן וואס זיא ווילן ווען עס אויך געגן דיא תורה איז . דאס פיהלע פון דען המון עם גמיינן פאלק וואס עניי הדעת אונוויסענד זינד. זיך נור דארום אין זאלכע שטעדט בזעצן אונ דארט איהר וואהנונג נעהמן דאמיט זיא אונגעהינדערט טוהן קענן זאלן וואס איהר הערץ וויגשט . באמת אבר איז דארט אויך איינע גענויע אופזיכט פון דען אויג וואס אלעס זעהט) - גדע גקע נור דיא פריערינע צייטן וויא אונזערע אבות איין איינענעם לאנד בעוואהנט האבן אונ עס וואר אזו שטארק בפעסטיגט דאס זיך קיינער אין דיא וועלט העטע גלויבן קענן דאס עס פון פיינד איינגענאמן ווערדן קאנן זאל . דאצו דאך ווייל זיא דיא יידישקייט פרלאכט האבן אונ פון דיא תורה אום גטרעטן זינד . האט השי"ת מסבב געוועזן פעראורזאכט דאס זיא זינד פון איהרן לאנד פערטריבן ווארדן אונ אלע קללות פון דיא תוכחה איהנן גטראפן האט . הייטע ליידער דא מיר נור באמת אין דיא גאנצע וועלט צווישן אלע פעלקר צערשטרייעט וויא איין פראירטעס שאף בעטראכטעט זינד . דען ווען אויך דאס השי"ת האט גענייגט דאס הערץ פון דען מלך מיט דיא שרי המדינה מיט אונז מטיב צו זיין גוטעס צו טוהן . אין גרונד אבער זינד מיר גאר דאך גרים אונ גולים פערמדלינגע אונ געדולדעטע -- נון זאגע מיר נור ישראל . אויף וועלכע שטיצע פערלאזט איהר אייך דאס איהר אייך ערלויבט אן השי"ת מורד צו זיין צו ווידערשפענסטיגן . ווען אייך אייערע גרוסע שלוה אונ דאס פיהלע רייכטום דאצו בעוועגט . וויא בלינד זינד איהר . וויא פערשטאקט איז אייער הערץ . הלא יום להי על כל גאה ורם . ולא יועיל הון ביום עברה ווען דער צאהלטאג אויף דיא שטאלצע אונ הויכמיטהיגע קאמן ווירד . אזו איז קיין רייכטוהם פערהאנדן וויא מאן זיך דאמיט לויז קויפען קענן . ווייסט איהר דען ניכט דאס עס וואר שאהן איינמאל איין זאלכע צייט וויא זיא וועגן גרוסע צרות איהר גאלד אונ זילבר אויף דיא גאסען געווארפן האבן --

עס איז צו שטוינן אונ צו פערוואונדערן ווען איהר אייך פון אייערע זקנים ערצעהלן לאסט ווערהרענד דיא לאנגע צייט וואס מיר אין גלות זינד . וויפיהל שמדות . גזירות . גירושין . אונ אלערלייא יסורים האבען יידישע קינדר סובל געווען געדולדעט אונ ערטראגן אום ניכט איהר אמונה אונ דת צו פערטוישען אונ אויך ניכט צו פערשוואכן אונ צו פערקירצן אונ איהר גאהמען עולמות אימער געבליבן איז אום אני חומה איין אזו פאלק וואס איהר ליב צו דיא תורה אונ

# כלל י שאלה צג

צו השי״ת איז אזו שטארק אלס איינע אונאיינעהמעבארע פעסטונג . ווען אוך דאס זיא דעספאטען וואר מרוטה לחי פיהל יסורים דאריבר געליטן האט . אונ לוסרת יראתך אימער וועהרענד מיט תורה אונ יראת שמים זיך בשעפטיגט ווען אוך דאס זיא ווארן כבושה בגולה זעהר אונטערדריקט אין דען גלות . האבן זיא דיזעס אלעס סובל געוועזן אום איהר היילינע תורה ניכט צו פרלאסן . אונ הייטע צו טאג דא מיר וואהנן צווישן זאלכע פעלקער דיא אנשי יושר ויראי השם זינד רעכטשאפענע מענשן אונ דיא זיך פיר השי״ת פירכטן . זינד . אונ אונזער תורה אם גרינגסטען ניכט בריהרן . זיא אליין אום מוטווילן דיא יידישקייט שוואכן אונ פערענדערן . וועהע אזו דור וואס זיך זאלכם אין זיינע צייט עראייגנט . דא שמירות שבת שקול איז דאס געוויכט האט געגן דיא גאנצע תורה . אונ וויפיהל אונ וויא גרוס זיין דיא מכשולים וואס מאן זיך אין פיהלע מקומות ערלויבט מחלל שבת בפרהסיא צו זיין מיט אלערליא געשעפטען דאס ניכט ערקענט ווירד צווישן שבת אונ וואכענטעגן אזו דאס דער חילול השם ביא דיא אומות העולם זעהר גרוס איז . מיט דען ווארט ווען איהר אן דען אמתדיגן בורא בשעפר גלויבט . אונ איהר זיין תורה האט מקבל געוועזן . וויא איז איער אמונה דאס איהר וועגן געשעפטן פיהרן מחלל שבת זייט . נאך מעהר איז צו בעדויערן דיא בעלי חיות געוועלבר דאס זיא איהר נשמה ברינגען לבאר שחת על לא דבר אין פינסטערן גיהנם . וועגן איין קליינן אונבעדייטענדן געווין . אונ קיין שכל האבן דאס זיא רעכענען זאלן שכר עבירה כנגד הפסדה דיא איינקונפט פון דיא עבירה געגן איהר פרלוסט . דא ביא איהנן איינע קליינינקייט איז פיר דען קונה קייפער זיין איינקויף צו פאפיער צו שטעלן וואס עם ווירד גערופען רעכנונג . ווען אוך דאס דער גאנצער בטרעף נור איז צעהן גולדן . וויא ער נור דאביא מרויח איז געווינט איין גולדן . נון איבר לעגע דיר נור . דא דער דין איז ווען איינער אם שבת צוויא בוכשטאבן שרייבט . זא איז ער גורם פיר זיין נשמה מיתות כרת דאס זיא פרשניטן פון עולם הבא ווירד . אונ ביים בית דין של מטה איז ער חייב סקילה איהם צו פרשטיינן ביז צום טוט . אונ ווען דיא רעכנונג נאך אזו קליין איז . ווערדן זיך דאך אין איהר מינדען צוויא הונדערט בוכשטאבן . וויא קאן דען איין מענש אזו משוגע ותסר דעת פערשטאנד דאז זיין דאס וועגן איין גרייצער האט ער זיך אונ זיין נשמה מוסר למיתה געוועזן זיין לעבן פריא געגעבן אויף יענע אונ דיא היינטיגע וועלט . אונ דיזעס הונדערט מאהל פערדאפעלט ביא איינע רעכנונג אהנע דען וואס ער וועגן פערזיגלען אונ סחורה אב שניידען עקסטערע מחלל שבת איז .

אזו אוך איז צו שרייען וועהע אונ אך אוף דיא בעלי מלאכות וואס שבת ארבייטן אונ זיא דענקן ניכט דאס זיא וועגן צוויא תפירות צוויא שטיך נעהען כרת אונ סקילה איהר נשמה מחייב זינד . אונ ווען אויך דאס ארבע מיתות

בשבי

בטלו דאס מיר הייטע קיין תקיפות האבן די עוברי עבירה צו בעשטראפן . אבער דער דין ארבע מיתות פון דען ב"ד שלמעלה אבערלאנדעס געריכט דאס איז אונאויסהערליך -- וויא דיא גמרא זאגט ועגן דיא עבירה פון חילול שבת ווערדן מענשן ח"ו פערוועניגערט . אונ זאלכע שטראפען וואס עס זינד געוועזען פון פיעלע רייזענדע בלעבט . ווערדן פערוויסט -- וויא אויך מאנכע ועגן איהר תאוה למלאות בטנם ליידענשאפט איהר בויך צו פילען דאס (מאכל) עססען בעסר אונ פיינער זיין זאל איז מאן זיך דאריבער מתיר שבת מחלל צו זיין פייער צו לעגען אונ פריש צו קאכן -- אונ אויסר דען עונש פון עולם הבא דא מיר אין דען פינסטערן גלות וויא איין עיר פרוצה ואין חומה זינד . וויא איין אפענע שטאט וואס קיין מויער בפעסטיגט . אונ אוך נוד דיא מצוה פון שבת האלטן אונזער פעסטונג אונ אונזר שוטץ איז . וויא קאן מאן זיך זאלכעס ערלויבען דאס מאן פאגעל פרייא זיין זאלל חלילה . . .

תורה

דא השי"ת דיא אוים גצייכענטע טייערע מצוה פון תורה לערנן נור אונז ישראל אליין צו געטיילט האט . אונ דיא מצוה אזוי גרוס איז דאס זיא איינס פון דיא דרייא עמודי העולם זיילען פון דיא וועלט איז - אונ דאס מיר אונזערע יאהרן מיט געזונד אונ נחת פערלעבן זאלן . קאן זיא נור בייא טראגן - אונ דאס אונזר זכרון פיר השי"ת אימר לטובה זיין זאל . דאס איז נור דורך איהר - אונ דאס מיר אונ אונזערע קינדר צו אריכות ימים ושנים זוכה זיין זאלן - דאס איז נור דורך איהר זכות - אונ דאס מיר קיינע צ"ות פון שונאים זאלן האבן דאס קאן זיא נור אונז בעשיצן - אונ דאס מיר פון השי"ת בריוח גשפייזט ווערדן זאלן . דאס קאן זיא נור פעראורזאכן - אונ דיא גאולה העתידה קינפטיגע ערלעזונג וואס מיר האפען טאג טעגליך . דאס האבן מיר נור בזכות תורה לעהרנן צו ערווארטען - נון איז צו בעוואונדערן וויא קאן מאן פערגרינג האלטן איין אזוי גרוסע מצוה וואס אין איהר כח שטעהט דער יעניגע וואס זיא מקיים איז דאס ער צו דיא אלע טובות זוכה זיין זאל (דא ליידער זאלכע בתי מדרשים דיא אין פריערינע צייטן ווא מאן תורה בעיון ובפילפיל גלעהרנט האט קיין ליכט פערלאשן וואררן איז . יעצט זינד זיא וויסט אונ מענשן לעהר . אונ דיא אנדערע וויא פערשיעדענע אגודות אגודות גזעלשאפטן צוזאמן געקאמן זינד צו לערנן לימוד גמרא . ש"ע . מדרש . זוהר . ספרי יראה תהלים מעמדות . זינד זעהר פערקלענערט . זעלבסט איין שעה אין טאג קובע עתים לתורה צו זיין איז מאנכען צו פיעל . אונ וייל דיא תורה ביים המון עם אין איין נידריגן ווערט שטעהט זא בעשטרעבט מאן זיך ניכט דאס מאן דיא עניי ארמע לומדי תורה אונטערשטיצן זאל -- וויא אוך דיא קינדר ערציהונג איז ניכט נאך דיא פארטריפט פון דיא תורה דאס דער צוועק נור יראת שמים זיין

# כלל י שאלה צג

זיין זאל) ווען איהר אבער זאגען וויר דא מיר יעצט גליי כגעשטערט װאָרדען זינד אונ ניכט מעהר אין איין לאנד פון שונאים װאָהנען . ווארום בענעהמען מיר שוין ניכט דען שוטץ פון תורה לערנען -- דאריבער טוהע איך אייך װאָהרנען דאס איהר אייך אליין מיט דיא פעראכטונג פון דיא תורה קיינע ארמוטה אונ יסורים דורך פערפאלגונגען פון שונאים צו ציגען זאלט (דא דיא מצות פון דיא היילינע תורה קיינע צייט אונטערלינט) אונ מאכע אייך וויסען דאס דאס אמט וואס איבער אלע עמטער איז . אין זיין האנד איז דאס הערץ פון דעם מלך אונ דיא שרים . ער לענקט עס וואו היען ער ווינשט . אונ דאדורך ביים רייכסראט . אונ לאנדטאג . נור ער דער פריזעדענט איז -- אונ ווען ער בנוכח געגענווערטיג קיין ביא זיצער אונ ניכט זיכט באר איז . איז ער עס דאך נעווים בנסתר ובנגלם אין פערבארגען . אונ דער וואס דיא תורה פעראכט . צו לעצט ווירד דער פון שונאים פערפאלגט . אונ יענעם דור אין חזקיה צייטען איז נור פון דען יאך פון סנחריב בעפרייעט געווארדען וועגען דעם עהל וואס מאן האט געברענט אין דיא בתי מדרשים דאביא תורה צו לערנען

(נדה)

דא אונזר נאמן מעולם איז עם קרובו נעמליך דאס השי״ת צו אונז נאהע איז אונזערע תפלות צו צו הערען . וויא אויך ווערדען מיר גערופען תולעת יעקב וויא דער ווארים נור זיין כח אין דעם מויל שטעהט . זא איז דער כח פון ישראל נור דורך איהר תפלה . הייטע אבער ליידער זינד מיר ערווייטערט פון השי״ת וויא דער זוהר זאגט וועגען דיא עבירה פון נדה דיא מאן ניכט געהעריג היטען טוהט . מוהן פילע עלענדע מענשען ווייגען אונ שרייען צו השי״ת אונ איהר שטים ווירד ניכט ערהערט . אונ דיא מצוה פון שמירות אונ זהירות נדה וואס נור זיא איז דיא ווארצעל פון דיא קדושה פון ישראל -- ליידער וויא איז זיא געשוואכט (דען אהנע דעם דאס עס איינע גראסע עבירה איז ווען איין אשה אייגענע האר טראגט אונ פערשורזאכט צרות אויף דעם מאן אונ אויף דיא קינדער . איז נאך דאביא צו בעפירכטען דאס ניכט עבירה גוררת עבירה זיין זאל . דען ווען איין מישהו פון איהרע האר ניכט ווערענד דיא טבילה אין וואסער קאמט . זא איז דאדורך איהר טבילה אונגילטיג אונ נאך ווייטער איהר נאהמען נדה איז) דאס אין מאנכע מקומות קיין מקוה איז . אודר דאס מאן זיא ניכט ווארים מאכען קאן אונ דאדורך פילע מכשולים ענטשטעהן . אונ פילע וואס דיא מצות טבילה גאנץ פערלאסען . זיא פערגעסען אבער דאס זיא דאדורך דיא לעבענס יאהר פון זיך אונ מענער אונ פון איהרע קינדער פערשניידען (אונ דיא יעניגע ניכט וויסען אונ ניכט פערשטעהן דאס איין געהעריגע מקוה וויא זיך נעבירט איז ווייט נאטווענדיגער אונ פארציגליכער אלס איינע שוהל צו בויען *) אונ אהנע דעם דיי״ן דער עונש פון נדה איז כר״ת

אונ

---

*) צו בעדויערן זינד אבער אין יענע ערטער זאלכע דיא ביא איהנען דיא יידישקייט האלטען

און עריר צו זיין קינדר לא; און זיינע יאהר צו פערשניידען. איז נאך מעהר צו בעפירכטען דאס דורך דען דאס ער האט זיין נשמה פעראונרייניגט מיט דיא טומאה פון נדה דאס ער ניכט דאדורך קאמען זאל צו דיא גאנצע ווירקליכע כפרה און שמד -- (רמב"ן) --

(עריות)

אין דיא פריהערע צייטען וואר דער נאמען פון ישראל עם קדוש היילינ פאלק דא זיא זינד געוועזען צנועים און פון אלע ערווייטערונג פון עריות איינגעצייםט וואהרן -- וויא איז אבער היינטע צו טאג איהר גלאנץ פערלאהרן דאס עם ליידער אין פילע געגענדען אזו ווייט געקאמען איז דאס עזות און פריצות דאס הסתכלות על עריות צו זעהן אויף נשים און קריבה דגילוי עריות אנדערע געהערונג חיבוק ונישוק און מחולות נעשה להם כהיתר. וויל מאן שאן גאר אין מאנכע מקומות ערטער זא ווייט געקאמען איז זיך צו ערלויבען עובר צו זיין בגופן של עריות דאס זיא רועי זונות זינד. דאס מאן ליידער צו זיכען האט בחורי ישראל יונגע מענשען דיא ניכט פוגם ברית קודש געוועזען האבען. דען ברית קודש פעראונרייניגט האבען. איבער לעגע דיר נור וויא גראס און טייער דיא מצוה איז ווען יידען איינגעצייםט פון עריות זינד. וועלכען שיטץ און שמירה דער כלל ישראל האט דאדורך צו פערהאפען. דא דיא תורה בעשטעטיגט דאס בלעם דער חכם און דער נביא פון אומות העולם איין שתום העין וואר. דאס זיין און ווייט געזעהן האט. וויא דער תרגום זאגט דשפיר חזי דאס ער האט זיך פיר בלק פערטיידיגט דאס ער קיין כח און יכולת האט יידישע קינדר צו שעלטען. וויל מי מנה עפר יעקב וויא פיל נערים ובחורים יונגע קינדר דיא איהרן ברית קודש טרייא בלייבען ווערענד איהרע גאנצע לעבענס צייט -- נון דיא יעניגע זינד רוצחי נפשות ואכזריים אויף איהר גאנץ דור און אויף זיך זעלבסט. זעהע נור וויא שארף און וויא גראס דיא תורה האט מזהיר געוועזען געווארנט דאס מאן קיין אלמנה ויתום ניכט מצער זיין און קרענקען זאל מיט דען ווארט והרגתי אתכם בחרב וכו' -- נון איבר לעגע דיר נור ווען זיא שאן פון לאנג אלמנות ויתומים זינד. דענגאך דער וואס זיא מצער איז. איז זיין עונש אזו ביטער. זאלכע מענשען דיא וואס מיט איהר עזות און פריצות און עון זרע לבטלה פערורזאכען דאס יונגע מענשען אין איהרע בעסטע יאהרן וועק געריסען ווערדן (וויא דיא גמרא זאגט וועגן דיא עבירה פון גיבול פה קאמט אויף דיא וועלט גראסע צרות וגזירות קשות. יונגע מענשען שטארבן

האלטען נאך אין טייערן ווערט שטעט און איהרע נשים געווים דיא מצוה גענוי היטען. וועהע און אך איהר נשמה דא מאן זיא ביים יום הדין מיט פירכטערליכע עונשים אלם בועלי נדה בשטראפען וויררד. וויל זיא זיך ניכט בעשטרעבט האבען צו טראכטען דאס אין איהרען ארט ניכט נור איין מקוה בשירה. זאנדערן איינינע זיין זאלען --

# כלל י שאלה צג

שטארבן) און דאדורך עלענדע צוריק געבליבענע יתומים און אלמנות שרייען און וויינען . ווען איהר צאלטאג קאמן ווירד . וויא אונענדליך ווירד איהר עונש אויס זעהן -- און אויך ווענן משמח צו זיין חתן וכלה ווען דער אונטרהאלט אויף איינע זאלכע ארט איז . וואס גענן דיא תורה איז. לשמחה מה זו עושה צו וואס זאל איין זאלכע שמחה --

(שעטנז)

דא דיא עבודת הקרבנות איינס פון דיא עמודי עולם איז . און הייטע צו טאג בעוה"ר דא דאס בהמ"ק חרב איז . און דיא קרבנות זיך אויף געהערט האבן . זא איז דער ערזאטץ פון דיא קרבנות אונזערע תפלות . און דער סט"א דער יצה"ר ווינשט דיזעס אויך פון יידען צו פערלירן . זא האט ער פעראורזאכט דאס בייא דען המון עם געמיינען פאלק דיא עבירה פון שעטנז זעהר גרינג זיין זאל . דאס זיא פערטיג געוואנט קויפען פון נכרים אודר פון זאלכע ישראלים דיא חשוד אויף שעטנז זינד דאס אהנע דען דאס וועהרענד ער דאס געוואנט אויף זיך טראגט בכל רגע ורגע יעדען אויגן בליק אויף דען לאו פערבאט פון כלאים עובר איז. איז נאך דיא עבירה גורם דאס דיא אלע תפלות וואס ער מתפלל איז וועהרענד דאס ער זאלכע בגדים אויף זיך האט . ווערדען צוריק געוויזן און פערווארפן . און דער (רמב"ם) זאגט איינע זאלכע עבירה ווא איין מענש קיין תאוה ליידענשאפט האט דיא איהם דאצו בעוועגן זאל דיא עובר צו זיין . איז דער עונש דאפון זעהר גראס .) דארום יידישע קינדר דא איהר צווייא מאל אין טאג ק"ש זאגט וויא דארט אין דען פסוק לעבדו בכל לבבכם מיר גבאטן זינד טעגליך פאר השי"ת מתפלל צו זיין . גיבט אייך גוט אכט דאס איהר כשרה בגדים האבן זאלט . און טוהט אייך ניכט פערזינדיגן מיט דיא עבירה פון שעטנז און כלאים --

## מאכלות איסורות

עס איז צו קלאגען און צו טרויערן דאס דיא יידישקייט אין מאנכע געגענדען זעהר אב גענאמן האט און זאלכע זאכן וואס מאן אין דיא פריהערע צייטען האט זיך גליקליך געשעצט און שבח והודיה דאנק און לויב השי"ת גגעבן מיט דעןווארט אתה בחרתנו מכל העמים וקדשתנו במצותיך דוא האסט אונז אויס ערוועהלט פון אלע פעלקער און האסט אונז געהייליגט מיט דיינע מצות דאס מיר דיא זכיה האבן זיינע עבדים דינער צו זיין און דיא הייליגע מצות צו האלטן . היטע

---

.) מאן מוס דיא וועלט בעקאנט מאכן דאס אהנע דען וואס מאן אכט געבן מוס אויף דיא בגדים דאס זיא ניכט מיט זאלכען פאדעם וואס שעטנז איז . גענעהט ווערדן -- מוס מאן הייטע צו טאג נאך איין אנדערע השגחה אויף זיכט האבן . דא עס זינד פערהאנדן סחורות וואס זיא זעלבסט שעטנז זינד דאס דער איינשלאק מיט דען דורך ווארף צמר ופשתים איז . זיא ווערדן גערופן טי פעל-פעלץ שטאף -- ראפאלעט -- פארמעסטאן הנקרא ענגליש .

היימע ליידער איז זאלכעס ביי מאנכע גלייכגילטיג און גרינג געשעצט -- דא דיא עבירה פון מאכלות איסורות אהנע דען וואס מאן אויף איין יעדען כזית עובר איז אויף איין לא תעשה . און איז חייב מלקות . און זיין נאמן רשע איז . עקסטרע איז ער זיך גורם איין רעה גדולה גראסעס אונגליק דא זיין גוף איז נתגדל באיסור ווייל דיא אונרייניגע שפייזען איהם קרעפטען און זעפטען געבען . און דאדורך ווירד זיין נשמה פערראונרייניגט . און עבירה איז גוררת עבירה דאס איהר זעהר שווער פאלט יידישקייט מקיים צו זיין דאס זיא ערלאנגען זאל דען לעבענסוועג מורא און אהבה פאר השי״ת צו האבען און איהם אמתדיג צו דינען . און דאך זינד זיא מזלזל במאכלות איסורות . מאנכע וואס איהר גאנץ הויז ניכט בכשרות געפירט ווירד . און מאנכע ווען אויך דאס איהר הויז ווירד כשר געפירט . אבער דיא עבירה איז ביי איהנען זעהר גרינג . דאס ווען זיא אויף דען באהן אודר אויף דיא דאמפף שיף זינד . זיך זאלכעס ערלויבען . וועהע און אך איהר פערשטאקט הערץ . ווען זיא אין איין צרה און פערלעגענהייט קאמען ווערדען . ווערדען זיא קענען שרייען צו השי״ת -- ווירד איהנען השי״ת צו הערען -- דא דיא נוסח פון דיא תפלה בימים הקדושים איז אנו צאנך ואתה רועינו מיר זינד דיינע שאף און דוא ביזט אונזער היטער . אנו בניך ואתה אבינו מיר זינד דיינע קינדר און דוא ביזט אונזר פאטר . און דיא יעניגע וואס זיך מטמא ומשקץ זינד טוהן פערראונרייניגען מיט נבילות וטריפה . אויף דיא זאגט השי״ת לא עמי אתה איהר געהערט ניכט צו מיר . וויא דיא תורה זאגט ואנשי קודש תהיון לי ובשר בשדה טריפה לא תאכלו זאגט רש״י ווען איהר קדושים און פרושים זייט אייך ניכט משקץ צו זיין מיט נבילות וטריפות . הרי אתם שלי געהערט איהר צו מיר . ואם לאו ווען אבער ניכט . אינכם שלי . זייט איהר ניכט דיא מייניגע .

נון דער וואס זיינע עיני השכל אפען האט . דער פערשטעהט און זעהט איין ווען יידען עקזעסטירען אהנע דיא אויף זיכט פון דען שומר ישראל דאס זיא זינד וויא איין פעראירטעס שאף חלילה וחלילה --

(תפילין)

דא השי״ת יידישע קינדער ליעב האט און ווינשט זיא מזכה צו זיין דאס איין יעדער אהנע אוים נאהמע זיך דאס עוויגע לעבען און שכר עולם הבא קויפען קענען זאל (דא דיא מצוה פון תלמוד תורה איז כנגד כולם און איין יעדר קאן זיא דאך ניכט מקיים זיין) זא האט ער איהנען געגעבען מצות תפילין וואס איין טייערע אוים געצייכענטע מצוה איז . און דער וואס זיא געהעריג מקיים איז ווירד איהם גערעכענט אלס העטע ער אכט מצות מקיים געוועזן . און דער וואס זיא גרינג שעצט און מבטל איז . ווירד ער גערופען פושע ישראל בגופו . (וואס קיין מצוה מעהר עקזעסטירט וויא דער עבירה אזו גערופען ווירד) און דער יעניגער וואס גזהר איז און זיך גוט אכט גיבט זיא מקיים צו זיין וויא זיך געבירט . ווירד איהם ביי השי״ת גערעכענט אלס העטע ער מקיים געוועזן

# כלל י שאלה צג

והגית בו יומם ולילה גלייך ער תורה געלעהרנט העטע טאג אונ נאכט • אונ איהר סגולה איז דאס זיא ברינגט אריכות ימים ושנים פיר דען מענשן • אונ דאס זיא פיר דען כלל ישראל איין שילד אונ שוטץ איז פיר צוררים אונ שונאים - אונ ווען מאן זיך בעטראכט וויא שוואך אונ שלאף בייא דען המון עם דער קיום פון דיזע טייערע מצוה שטעהט . זא פעראורזאכט דער צער פון דען עניי ודלות הדור געמיינען אונ עלענדען שטאנד פון דען דור דאס דיא אויגען טרען נידערן זאלען • וייל אין פילע געגענדן זינד זיא אין היענזיכט יידישקייט צו בעטראכטן וויא יתומים דיא קיין פאטר האבן דער זיא אונטעריכטען זאל • דאס איין יעדער וויסן זאל דען פלאץ וויא דיא תפילין ליגען מיסן נעמליך דאס דאס גאנצע בית פון דיא תפילין של ראש זאל ליגען אויף דען קאפף וויא דיא האר וואקסען אונ דער סוף פון דען בית וואס עס ווירד גערופן קציצה זאל ליגען וויא דיא האר אנפאנגען צו וואקסען • אונ דער קשר פון דיא תפילין של ראש זאל ליגען אן דען סוף פון דען עצם הגלגולת עטוואס העכער פון דען פלאץ וואס עס ווירד גערופען גריבעל אונ וייל דיא תפילין אונ רצועות ליגען נור בגובה הראש אויף דען שפיץ פון דען קאפף זא איז שכיח ורגיל טרעפט זיך אפט דאס זיא זיך פון דען געהעריגען ארט וועק רוקען • זא מוס מאן השגחה אונ אופזיכט האבען דאס ווענינגסטענס ווערענד מאן ק"ש זאגט דאס זיא אויף איהרען געהעריגען פלאטץ ליגען זאלן • מאן מוס אויך נזהר זיין דאס מאן ניכט תפילין קויפען זאל פון דיא עוברי אורח דורך רייזענדע • אדער פון זאלכע מוכרי ספרים דיא וואס פון איין יעדען תפילין נעמן ווען זיא אויך ניכט איבערצייגט זינד דאס דער סופר איין ירא שמים איז • מאן מוס אויך אכט געבן דאס דיא תתורא דער פלאטץ מושבו של תפילין אונטער זאטץ אונ דיא תפירה נאהט געניי פיער עקיג זיין זאל • וויא אויך דאס בית למעלה זאל אויך פיר עקיג זיין • דען דאס איז זעהר שכיח דאס דיא קצוות דיא עקין פון דען בית פערבאגען ווערדן אונ דאדורך איז דיא ריבוע נתקלקל איז עס ניכט מעהר פיר עקיג • וויא אויך אין יענע געגענדען וויא מאן תפילין פון שני עורות לעגט • מוס מאן גרוס השגחה האבן דאס אזו באלד דאס דער דיבוק פון דען ליים זיך אויף לעזען טוהט • אונ דיא עורות ווערדן געטרענט • דאס דיא תפילין שוין פסול זינד אונ דאס איז זעהר שכיח • אונ דאס דיא רצועות מיסן שווארץ זיין • ווען ניכט זינד זיא פסול . וויא אויך מוס מאן מודיע זיין בקאנט מאכן דיא עוברי דרכים רייזענדע דאס מאן קיינע אום געליהענע תפילין לעגען זאל • וייל מענשן ניכט גלייך זינד • דען ווען זיא פיר דען איינגעטימעד זא געריכט זיין דאס זיא אויף דען געהעריגען פלאטץ ליגען זאלען • אבער פיר איין אנדערן זינד זיא צו קליין אדער צו גרוס •

נון יידישע קינדער דא דער אינהאלט פון מיינע רעד נור איז דיא הייליגע תורה צו בעקרעפטיגען אונ זעלבסט דאס • דאס איך אייך ערוועקן טוהע •

האמו

האט אויך די תורה בעפאלן מיט דעם ווארט הוכח תוכיח את עמיתך אפילו תלמיד לרב . דארום רחצו הזכו וואשט אייך . רייניגט אייך פערלאסט אייערע שלעכטע וועג . אונ זייט נוהג כבוד אן השי"ת געמליך תשובה צו טוהן . דורך תשובה קאמט איין רפואה פיר דיא קראנקע . דורך תשובה ווערדן דעם מענשענס יאהר פערלענגערט . דורך תשובה ווערדן מיר באלד דיא גאולה שלימה ערלעבן .

## שאלה צג

וואס איז אלעם פערשטאנען אין דיא מצוה הצל לקוחים למות רעטע זאלכע מענשען דיא מאן הארגנן טעטן וויל --

## תשובה

מאן איז שולדיג מפרסם צו זיין דאס יידישע קינדר [דיא נאך אהבה צו השי"ת אונ צו זיין תורה האבן] וויסען זאלן דאס מיר אין דעם היינטיגן פינסטערן דור אין איין גרוסע מבוכה פערווירונג אונ אין איין עת צרה זינד . דאס עס איז צווישן יידען איין גזירות שמד דאס יידישע קינדער זאלן פערטווישען איהר אמונה אונ איהר תורה אונ זאלן לייקענן חלילה אן השי"ת אבער ניכט נור איין אזו גזירות שמד וויא אין דיא צייטן פון מלכות יון הרשעה געוועזן איז . זאנדערן פיהל ערגער . דעם דאמאלס איז מאן גקאמן צו איין יידען פרייא מיט דעם ווארט דוא מוסט דינען ע"ז . אדער דוא מוסט מחלל שבת זיין . ווען ניכט ווירד עס דיין לעבן קאסטן . זא האט איין יעדער פערשטאנן אונ געוויסט דאס מאן וויל איהם זיין חיי עוה"ב פערלירן מאכן אונ מאן וויל איהם צווינגן דיא אמתדיגע אמונה צו פערטווישן . דאריבער האבן פיהלע מוסר נפש געוועזן וויא דער פסוק ערצעהלט כי עליך הורגנו כל היום וועגן דיינע יידישקייט צו האלטן האבן מיר אונזר לעבן פרייא הין געגעבן . אזו דאס דער כלל ישראל טרייא געבליבן איז דיא הייליגע תורה אונ דיא אמונה . אבער הייטע לייַדר איז דיא גזירה אויף זאלכע זאכן וואס דער המון עם ניכט איינזעהט אונ ניכט פערשטעהט דאס דאס דיא אמונה שעדליך זיין קאן אונ דאריבער לאסן זיך פיהלע פערפיהרן אונ זינד ניכט מוסר נפש [ווייל מלכות רביעית איז גגליכן צו איינע נחש שלאנג דיא גור דעם מענשן אויף דעם עקב פערשט פון דעם פוס בייסט אונ דער וואס געביסן ווארדן איז מאכט זיך וועניג דאפון אונ שרעקט ניכט צו איילן וועגן רפואות . ווייל דער פוס איין זאלכעס גליד איז וואס

# כללי שאלה צג

נימאלם גפערליך זיין קאן . ווען ער אבר אין איין קורצע צייט זעהט דאס דער גיפט שאהן געשטיגן איז ביז צו דיא גדערם אונ ביז צום הערץ אונ דער טויט איהם שאהן געגן איבר שטעהט . דאן שרייט ער יעמערליך אונ ביטער וועגן הילף . עס איז אבר שאהן אומזאנסט אונ צו שפעהט] געהמליך דאס מאן זיא פרפיהרט אונ איבר רעדעט צו פרענדערן שם . לשון . מלבוש . אונ זיך צו פיהרן מיט אלע התנהגות פירונג וויא דיא גוים . זעהע דיך נור איין וועניג אום אונ בעטראכטע דיר פיהלע שטעדט וויא איהר אום זעהן אונ פיהרונג איז היימיגן טאג אין היגזיכט יידישקייט האלטן . אין תורה אונ יראה - אין אמונה אונ צניעות . דאס בייא פיהלע נשים דת משה ויאהדות פרגעסן איז. אונ אמונה דאס תורה משמים איז . שכר ועונש . אונ השגחה פרלאשן איז . אונ דענקע דאן צוריק וויא איהר אוים זעהן וואר פאר פינפציהן יאהר . זא ווירסט דוא זעהן דאס זיא (מאגרא דמא לבירא עמיקתא) פון איין זעהר הויכן שטאק אין איין טיפן גרוב גפאלן זינד . אונ דער ראשית הפרצה אנפאנג פון דיא תורה אום צו טרעטן וואר נור דאמאלס בייא איהנן דאס זיא מיט שם . ולשון . ומלבוש . גלייך זיין ווילן מיט דיא אומות העולם . אונ דיזעס האט זיא שפעטר היין פראורזאכט אן דיא שורשי תורה ווארצלן פון דיא תורה צו לייקענן . אונ דאס זיא איהרע קינדר צו איין זאלכן מלמד געגעבן האבן דער איין כופר ואפיקורס איז . דאמיט זיא ערצויגען ווערדן זאלן מיט שינוי לשון . אונ לימוד חכמות חיצוניות . דען דאס קינד וואס אין זיינע יונגע יאהר זאלכע חלב ארמיי גיפטיגע מיליך געזויגט האט . דאס ווירקט בייא איהם שפעטר היין דאס ער כופר לייקענט אן דיא עיקרי אמונה ווארצלען פון דיא אמונה . אונ פרשפאטעט אלע מצות פון דיא תורה . מיט דען ווארט צו וואס] זאל מיר דיא יידישע צערמאניען - ווען דער אלטר נאמר דאס הערט . רייסט עס איהם דאס הערץ [וואס פיר איין קדיש ער ווירד האבן בייא זיין אב לעבן] ווארום ער גיכט דעם רב צו געהערט האט זאלכע מלמדים פון זיין הויז צו ערווייטערן -

ווייל דער יצר הרע זיין אבזיכט איז נור פון דיא וועלט אום צו ראטען יידישע קינדער הלילה . דארום זעהט ער אלס מעגליכע צו

טוהן

טוהן · זיא צו איבער רעדן פון דעם וועג פון דיא תורה אום צו מרעטן אונ דורך דען מאכט ער זיא ביא השי"ת פרהאסט אונ דאדורך ווירד ער פון דען אבערן גריכט איין כח אונ רשות בעקאמן זיא צו פרטיליגן חלילה · דאריבער זעהט ער זיך צו בשטרעבן דיא חומות התורה דיא פעסטונגם מויערן פון דיא תורה גאנץ מהרס צו זיין איין צו רייסען · אדער וועניגסטענס משפיל צו זיין זיא צו ערנידריגן געהמליך דאס נשים צדקניות דיא איהרע קינדער אונ מענער ביא הילפיג זיין זאלן צו תורה אונ יראת שמים זעהר וועניג אונ זעלטן זיין זאלן · וויא אוך מיט אלע זיינע קרעפטן זיך צו בשטרעבן דאס יידען זאלן האבן התחברות פרבינדונג אונ התדמות זיך צו פרגלייכן צו אומות העולם מיט שם · ולשון · ומלבוש · אונ דורך דען ווערן אוך דיא יסודות התורה דיא גרונדשטיינער פון דיא תורה גשוואכט · וויא אוך זעהט ער צו פראורזאכן דאס דיא אמתדיגע עהרנסטע צדיקי הדור וואס איהר גאנצער צוועק אונ שטרעבן נור איז יידישע קינדער צו ערוועקן דאס זיא נור אין דעם וועג פון תורה אונ יראת שמים געהן זאלן · זעהר וועניג זיין זאלן · אונ דיא וועניגע וואס נאך עקזיסטירן זעהט ער מיט אלערלייא עלילות אונ שקרים צו טראכטן דאס זיא מבוזה פראכט זיין זאלן אונ דאדורך איהר תוכחה אונ הדרכה אונטערריכט ניכט אנגענאמן ווערדן זאל · איבר הויפט איז ער זיך מתחכם תורה צו לערנן צו פראכטן אונ צו פרווענינגרן דאמיט דאס ליכט פון דיא תורה איהנן ניכט אין דען גיטען וועג פיהרן זאל · ואחרון הכביד אונ דאס לעצטע איז ערגער אלס אלעם · דאס דורך דען דאס ער איהנן פרפיהרט צו לערנן חכמות חיצוניות איז ער גורם דאס ביא יידישע קינדער דיא אמונה גשוואכט ווירד · אונ דאדורך אלע צרות שלא תבוא ניכט בהשגחות הי' זינד · נור איין צופאל · אונ וועגן דען ווירקען זיא ניכט ביא איהנן תשובה צו טוהן [הען זעלבסט אין דיא מקומות וויא מאן זיא עלענד גדריקט אונ געפלינדערט האט · זינד זיא נור גגאנגן צו דיא שרי העיר הייפטלינגע פון דיא שטאט דאס זיא · זיא שיצען זאלן · אונ האבן ניכט גדענקט דאס דער שר העולם דער הער פון דיא וועלט זאלכעס איבער זיא געשיקט האט · ווייל זיא דיא יידישקייט ניכט געהעריג

האלטן

# כלל י שאלה צג צד

האלטן . ואם ה' לא ישמור עיר שוא שקד שומר ווען השי"ת אליין ניכט דיא שטאט היטן וויל. איז אומזאנסט דיא שוטץ פון דען וועכטער]- נון זאג מיר ישראל וועלכע האפנונג איז דיר נאך צוריק געבליבן דאס דוא תשובה טוהן ווירסט . איז נור אונזער גאנצע שטיצע אוף דיא הבטחה פרשפרעכן פון השי"ת דא ער אונז מיט זיין ווארט פרזיכערט האט דאס עס ווירד איינע צייט קאמן ווא ער ווירד איהר פרשטאקט הערץ בשניידן דאס זיא אונ איהרע קינדר צו השי"ת צו ריק קעהרן . אונ צו זיין היילינע תורה גרוס אהבה האבן ווערדן -

**שאלה צד** וויא וייט בייא איינען יעדן ירא שמים דאס שפלות הדור נידעריגן שטאנד פון דען דור איין טיפען הערצענס דרוק בעווירקען זאל :

**תשובה** ווייל דער סט"א ווייס דאס נור תורה לערנן ווען זיא מיט יראת שמים פרבינדן איז . איז אונזער שמירה אונ הגנה בעוואכונג אונ שוטץ אין ביטערן גלות . דארום האט ער גזעהן מסית צו זיין צו איבר רעדן מאנכע פון דיא תופשי ישיבות דיא וואס מיט תלמידים לערנן דאס זיא מיט איהרע תלמידים פאר דען שיעור קיין מוסר אונ יראת שמים לערנן זאלן . אונ וויא אויך זיא ניכט מוכיח זיין דאס זיא עס אליין טוהן זאלן . אונ דיזעס האט פראורזאכט דאס אוף דיא וועלט פיהל קלות לייכט זין געקאמן איז - ווייל דאס תבלין דען יצה"ר צו אונטערדריקן איז נור דיא ספרי מוסר וואס עס זינד געבויט אוף דיא אגדות פון מאמרי חכמז"ל אונ דאדורך איז עס זא וייט גקאמן דאס זיא האבן דיא תורה פראכטעט אונ זיא מרכיב צו זיין צו זאמען צו געהמן מיט חכמות חיצוניות פרעמדע קענטניסע . אונ דיא מנהיגים האבן פון דען מעלים עין געוועזן קיינע אופזיכט געהאט ביז דאס צרעת איז נתרבה געווארדן האט זיך פרמערט . ביז שפעטער הין עבירה גוררת עבירה דאס עס ליידר אזו וייט גקאמן איז דאס מאן אין ווילן האט בייא איינע יעדע גרוסע ישיבה זאלכע בתי אפיקורסת צו מאכן . אונ דארט פראפיסארן אן צו שטעלן [ווייל דער יצר הרע זאלכם תורה לערנן וואס אוף יראת שמים געבויט איז . אין גאנצן עוקר אום רייסן וויל . אונ אין גרעסטן טהייל ווירד דאס

תורה

תורה לערנן פארט גפלאנצט דורך דיא בני עניים ארימע קינדער · אונ וען שאהן איינער פון זיא ווינשט פון דיא תורה אום צו טרעטן · אום חכמות זרות צו לערנן · ער מוס עס אבר צוריק לאסן ווייל ער קיין פרמעגן ראצו האט דאס ער קאנן זאל נאך ווין · פראג · פאדוע · געהן ] דאמיט דאס אויך דיא ארמע קינדר איין פרייען וועג האבן זאלן דיא תורה צו פרלאסן אונ אפיקורסים אונ כופרים צו ווערן ~ וועהע אונ אך זאלכע מנהיגים דיא זאלכעס ווינטשן · אדער דיא ניכט מיט אלען איהרע קרעפטן אונ פרמעגן שטרייטן זאלכם צו פרהינדערן · פינסטער איז איהר שכל · דא זיא אין דען גדלות דיא גרעסהייט פון דיא תורה פיהלע מיילן פון ירבעם בן נבט צוריק זינד · אבר אין הינזיכט פון מחטיא רבים אונ היילינע נשמות פון דיא קינדער פון אברהם · יצחק · יעקב · צו פערזינדן אונ אין באר שחת צו שטירצען · זינד זיא ירבעם זעלבסט --

אונ פרמעג וויא זיך דיא בחורים פון דיא ישיבה פיהרן · נאך דען ריכטן זיך נאך דיא תינוקת של בית רבן דיא קינדר וואס אין חדר לערנן . אונ דיא בעלי בתים ביא דיא זיא אין קוואטיר זינד · נון דא דער דין איז ווען איינער שטעהט ווערענד דיא יציאות נשמה פון איין ישראל · איז ער שולדיג זיך קורע צו זיין · ווייל איין יעדר ייד בזיצט תורה אונ מצות · אונ ביא זיין לעבן דאדורך נחת רוח צו השי"ת מאכט · ווייל אבר יעצט זיין לעבן שאהן אוים איז אונ דער כבוד שמים פרווענינערט איז · זא מוס מאן וועגן דען קורע זיין · נון ווען מאן זיך איבר לעגט אונ זעהט זיך גוט אום מיט דיא עיני השכל אויגן פון פרשטאנד וויא מיר גפאלן זינד פון איין זעהר הויכן שטאק אין איין טיפן גריב [ראס דיא צדיקי גדולי הדור פרווענינערט זינד אין כמות דאס זיא גור אחד בעיר ושנים במשפחה איינר אין איין שטאט צוויא פון איין פאמיליע זינד · אונ אין איכות דאס דיא אמתדיגע אהבת הי ואהבת תורתו ליב צו השי"ת אונ צו זיין תורה ביא איהנן ניכט זא פייעריג אונ ברענענד איז וויא פריער · פיהל ווענינר דאס זיא ניכט מוסר נפש על קדושת השם ועל תורתו זינד · דאס זיא זיך ניכט גאנץ הין געבן וועגן דיא היילינע תורה צו פרהערליכן · אונ דאדורך

# כללי שאלה צד צה

וויא איז איהר אופזיכט אונ הדרכה אונטערריכט אין הינזיכט יידישקייט אויף דעם המון עם ה' וואס תחת דגלם וואס אונטער איהרע פאהן שטעהט · אונ וויא איז איהר השגחה אופזיכט אויף איהרע תלמידים · אונ וויא ווייט דאס צניעות אונ בושה געפאלן איז ביי דיא בנות ישראל יידישע טעכטער) זא זינד יא ליידער אלע אונזערע בגדים קליידער ניכט הינלענגליך געננוג וועגן אלערלייא פרשידענע קרעים · (קיין יראה · קיין מידות טובות · קיין צניעות · קיין בושה · קיין אמתדיגע תוכחה אונ הדרכה) וואס מאן שולדיג איז זיך קורע צו זיין ווען מאן פאר אויגן זעהט דאס מאן נפשות ישראל בחורי חמד יידישע נשמות וואס מסוגל פעהיג צו תורה ויראת שמים זינד · זיא פיהרט צו אפיקורסת אונ כפירה אונ דאדורך זיא הרגין טוהט בעולם הנצחיי ‒

**שאלה צה** אב מאן וועגן פערטיידיגונג מאנכעס מאל לאנד שטורם מאכן מוס ·

**תשובה** ווען דיא פעלד הערן אונ קריעגס פיהרער איינזעהן דאס איהרע מאנשאפט שוואך איז דאס לאנד צו פערטיידיגן · זא איז דאס געזעץ צו רופן לאנדשטורם דאס אללעס געהן מוס אין דיא מלחמה דאמיט דאס זיא איהר פאטערלאנד ניכט פרלירן זאלן · נון וויל אונזר גוועהר אונ געשיטץ אונ רייטעריי איז נור אונזער תפלה · אונ ליידער דאס הייטע צו טאג איין עת צרה ביטערע צייט איז פיר יידישע קינדר (דא דיא מלחמה פון סט"א אונ איהרע שלוחים ערב רב איבער האנד גנאמן האט) דיא איהר אמונה אונ דת טרייא בלייבן ווילן דאס זיא זעלבסט אדער דאס קינפטיגע דור פון דיא אנשי רשע שלעכטע מענשן פון סט"א ניכט פערפיהרט ווערדן זאלן וויא זיא דאדורך איהר פאטער לאנד דאס ארץ החיים וירוממך לרשת ארץ דאס הייסט איהר עולם הבא פרלירן קאנן · דארום איז איין שולדיגקייט (ווען אויך דאס דיא גופות זינד ערווייטערט אונ עם שטעהט ניכט אין אונזער מאכט דאס מיר אלפים רבבות ישראל פילע טויזענדע צוזאמן קאמן קאנן אונ באגודה אחת אין איינע פרזאמלונג מתפלל זיין מעורר רחמים צו

זיין

זיין צו ערוועקן דיא ערבארמונג . אבער דיא הערצר זינד קרובים געהנט . ווייל נשמות ישראל אלע נור איין שורש ווארצעל האבען] דאס אין איין יעדע געגענד אונ אין איין יעדן ארט דיא אמתדיגע ערליכע יודן וואס דאס פייער צו דיא אהבת ה׳ אונ צו דיא יידישקייט ברענענד אונ פלאמענד איז . דאס זיא לראש אשמורת פארטאג אויף שטעהן זאלן אונ זאלן זיך מתאמץ זיין בשטרעבן מיט איהר תפלה איין יעדר פרמעג זיין השגה אונ פערשטאנד דאס דער המון עם פון דיא מנהיגים רעים שלעכטע פיהרער (אין איין יעדע געגענד אין איין אנדערן פארים --] ניכט פערפיהרט ווערדן זאל . דאס תורה לערנן אונ יראת האמת ניכט נור ניכט פרגעסן ווערהן זאל . זאנדערן אויך ערהאבען ווערדן זאל . נון ווען זאלכעס קול פון צאן קדשים וואס עס איז חשוב וויא איין קרבן . מיט זאלכע נסכים פון ברען הייסע טרערן וואס פון צערבראכענע הערצער נידערן למעלה אין הימעל געהערט ווערהן ווירד . אונ פאר דען כותן לבבות וצופה נסתרות דער דיא הערצר פריוות אונ דאס פרבארגענע זעהט : פאר קאמן ווירד דאס ער זעהן ווירד דאס דיא תפלה אונ דמעות קיין אנדערע אינטרעסע האבן נור ווען כבוד שמו הגדול וכבוד תורתו שיתעלה ויתנשא דאס זיין הייליגר נאמן אונ זיין תורה ערהאבן ווערדן זאל · ווען אין דיא צייטן פון דיא גזירה פון המן הרשע האט דיא תפלה אונ דאס ווייגן פון דיא כ״ב אלף ילדים צווייא אונ צוואנציג טויזענד קינדר געווירקט מכניע צו זיין צו דעהמיטיגען אלע מקטריגים אונ דיא גזירה מבטל צו זיין . ווען אויך דאס איהר וויינען איז געוועזען דאס מאן זיא ניכט הרגנין זאל] דא מיר יעצט וואהנען צווישן מלכי החסד אונ אנשי יושר אונ בעלי מדות . אונ קיין דרוק אונ האס פון איהנען ליידען אונ אונזר תפלה איז נור דאס מיר אונ אונזערע קינדר אונ קינדס קינדר עד עולם ביז אין דיא עוויגקייט ערליכע יודען זיין זאלן קאנן . דאס קיין פריץ ומהרס פון דיא מחדשים דאס קיין איינבריך פון דיא ערנייערונגען אונז ניכט בערירן זאל . זא האבן מיר יא אונצעליגע מאהל מעהר צו האפן דאס דער פסוק מקוים ווירד ווערדן (קרוב ה׳ לכל קוראיו לכל אשר יקראוהו באמת) השי״ת איז נאהנט צו איין יעדן דער איהם אמתדיג אנריפט .

אונ

# כללי שאלה צה צו

אוּנ וָועדְהֶרֶענְד אוּנְזֶערֶע תְּפִלָּה מִיסָן מִיר הַשִּׁי״ת אוֹיף אֵיינֶע זַאכֶע מְעוֹרֵר זַיין ׃ נֶעמְלִיךְ אִידְם צוּ זָאגֶן דַא דוּא אַיין בּוֹחֵן לְבָבוֹת בִּיזְט ׃ אוּנ פָאר דִיר גָלוּי וְיָדוּעַ אָפֶּענְבַּאר אִיז דַאס אוֹךְ אִין דִיא מְקוֹמוֹת הַמִּתְפָּרְצִים שְׁלֶעכְטֶע גֶעגֶענְדֶן זִיךְ פִיעל כְּשֵׁרָה נְשָׁמוֹת גֶעפִינֶן ׃ דַאס וֶוען דִיא דָארְטִיגֶע אַנְשֵׁי רֶשַׁע אוּנ מַנְהִיגִים רָעִים הֶעטֶן נִיכְט זָאלְכֶעס צוּרִיק גֶהַאלְטֶן ׃ עֶס הֶעטֶע פְרֵייא גְוֶועזְן דַאס אַנְשֵׁי אֱמֶת הֶעטֶן אִין אַיין יֶעדֶן אָרְט כֹּחַ גֶעהַאט מִיט אִיהְר תּוֹרָה אוּנ תּוֹכָחָה צוּ עֶרְוֶועקֶן יִידִישֶׁע קִינֶדר דַאס זִיא בָּנִים לַמָּקוֹם טְרֵייֶע קִינְדֶר צוּ הַשִּׁי״ת זַיין זָאלֶן ׃ אוּנ וִויא אִיהְר פִירוּנְג הֶעטֶע זָאלֶן זַיין ׃ אוּנ וִויא זִיא בֶּאֱמֶת אִיז ׃ אוּנ דַאס אַיינֶע צֵייט קָאמֶן ווִירְד ווִיא זִיא אוֹיף אִיהְרֶע מַעֲשִׂים מִתְחָרֵט זַיין וָוערְדֶן ׃ עֶס ווִירְד אָבֶּער שׁוֹין קֵיין חֲרָטָה נִיצֶן ׃ אד״ג דִבְרֵי כִּבּוּשִׁים אַיינְדְרִינְגֶענְדֶע תּוֹכָחָה רֶעד ׃ ווִיא פִיעל מֵאוֹת הוּנְדֶערְטֶע הֶעטֶען אִיהְר פֶערְשְׁטָאקְט הֶערְץ מַכְנִיעַ גְוֶועזְן אוּנ הֶעטֶען דֶען אֱמֶת עֶרְקֶענְט מִיט ווִידוּי אוּנ דְמָעוֹת ׃ אוּנ דִיא אוּרְזַאךְ דַאס זָאלְכֶעס נִיכְט גְשֶׁעהְט אִיז ׃ ווַייל זִיא מֵעוֹלָם פוּן אִיהְרֶע יוּגֶענְד אַיין פַּרְאִירְטֶעס שֶׁאף זִינְד ׃ דִיא קֵיין רוֹעֶה נֶאֱמָן טְרֵייֶען הִיטֶער הָאט ׃ נוּן דַא דוּא אֵיין אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל בִּיזְט ׃ אֵיין אֶמְתִּדִיגֶר גָאט דֶער קֵיין אוּנְרֶעכְט טוּהְט בִּיזְט ׃ אִיז דֶער יוֹשֶׁר וָוען דוּא אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת אוּנ דְמָעוֹת צוּזַאמֶן נֶעמְן טוּהְסְט ׃ בִּיזְט דוּא שׁוּלְדִיג פוּן יֶענֶע אִיהְרֶע דְמָעוֹת אוּנ הַייסֶע תְּפִלּוֹת [אַלְס הֶעטֶען זִיא ווִירְקְלִיךְ בֶּאֱמֶת אוֹךְ מִיט מִתְפַּלֵּל גְוֶועזְן] אוֹיךְ דַאצוּ מְצָרֵף צוּ זַיין צוּ פֶערְאַיינֶען ׃ דֶען וָואס זָאלֶן דִיא עֲנִיֵּי הַצֹּאן טוּהְן וֶוען זִיא נִימַאנְדֶן הָאבֶן דֶער זִיא עֶרְוֶועקֶן זָאל ׃

## שאלה צו

אוֹיף וָועלְכֶע אַרְט דִיא קְרִיגְס פִיהְרֶער מִלְחָמוֹת הָאֻמּוֹת פִיהְרֶען זָאלֶן ׃ אוּנ אַיינֶע גֶענוֹיֶע אוֹיף יִיכְט אוֹיף אִיהְרֶע אַרְמֶעע הָאבֶּן מִיסֶען ׃

## תשובה

מַאן אִיז שׁוּלְדִיג זִיךְ אַיין מוּסָר צוּ נֶעמֶן ׃ וָואס טוּהְן אַלֶעס דִיא אַנְשֵׁי הַצָּבָא וְשָׂרֵי הַחַיָּלִים קֵייזֶערְלִיכֶע טְרוּפֶּען אוּנ דִיא פֶעלְד הֶערְן אִין קְרִיעגְס צֵייטֶן ווַייל זִיא אִיהְר שְׁבוּעָה טְרֵייא הַאלְטֶען ווִילֶן אוּנ אוּם צוּ עֶרְלַאנְגֶן תִּפְאֶרֶת וּגְדוּלָה ׃ אַיין אוֹיסְצֵייכְנוּנְגְס מֶעדַאלְיֶע ׃ וָוען אוֹיךְ דַאס דִיזֶעס אַלֶעס נוּר כָּבוֹד

המדומה

המדומה איז . דאס זיא פיר איהרן מלך מיט אלען מעגליכן טרייא זינד דאס זיא זיך וועהרענד דען שטרייט אין גרעסטען געפאהר העריין לאסען אונ פרגעסן דאדורך אהבת נשיהם ובניהם דיא ליעב צו איהרע ווייבער אונ קינדר . נון וואס זינד מיר ישראל [דא מיר מושבעים ועומדים פון הר סיני זינד . כי לי בני ישראל עבדים כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע דא מיר פון בארג סיני בעשווארן זינד דיא תורה גענוי נאך צו פאלגען אונ צו השי"ת טרייע דיענער צו זיין . אונ דער בורא ב"ה צאהלט איין זעהר גרוסן שכר דער וואס איהם טרייא אונ אמתדיג דיענט] שולדיג צו טוהן אין דען היינטיגען זמן צייט דא דער געפערליכער בליטיגער קריעג וויא מאן זיין חיי נצחיי עוויגעם לעבן פרלירען קאן אין מאנכע געגענדען זיך צינדעט . אונ אין מאנכע שוין פלאמענד אום געבראכן איז . דא מיר פאר אונזערע אוגען זעהן דאס דאס ערב רב פרעמדע געזינדעל דיא יידישקייט פרווענינגערן וויל . אונ פיעלעם פון דיא תורה שאהן פרשטעהרט האט . אונ זעהר פיעלע אונוויסענדע וואס זיך פערפיהרן לאסן . וויא פיעל איז מאן שולדיג דאס זיך איין יעדר ירא שמים אלם גיבור אום ריסטען זאל אונ אלעם מעגליכע צו טוהן מחזק צו זיין צו שטערקן דיא יידישקייט . אונ אין דיא הערצר פון דען המון עם איין צו פרעגען אונ איין צו ווארצלען יראת השם אונ אמונה דאמיט דאס קיין פורץ איינרייסר מאכט האבן זאל איהנען פון דען אמת וועג צו פרפיהרן . אונ וייל דיא שולדיגקייט זאלכעם צו טוהן זעהר גרוס אונ נאטהווענדיג איז . וויא איז דען פערהאנדען אין דיא וועלט רדיפות . בזיונות . פערפאלגונגען אונ פעראכטונגען הפסידות . יסורים . געלד שאדן . ווען זיא נאך אזוי גרוס זינד אדער זיין קענן דאס ער זיך וועגן זיא צוריק שרעקן זאל לאסען דאס ער זיך ניכט אנגעמן זאל מלחמות ה' צו שטרייטן אונ דען כבוד פון דיא תורה הקדושה צו ערהעבן אונ אונשולדיגע יידישע נפשות פון באר שחת מציל צו זיין - .

זאלכע אבער וואס וועגען איהרן כבוד [דאס זיא ניכט אין מאנכע א פ י ק ו ר ס י ש ע  ב ל ע ט ע ר פערשפאטעט אונ פרלאכט ווערדן זאלן] אדער געלד אינטרעסע [דא זיא פון מאנכע אפיקורסם

# כלל י שאלה צו צו

אִיהְרֶע הַכְנָסוֹת אוּנ נְדָבוֹת נִיכְט פֿרְלִירֶן װִילֶען] זִיךְ מִתְעַצֵל פֿויל זִינְד · אָדֶער גַאנְץ פֶֿערְלָאסֶען זָאלְבְּעס צוּ טוּהְן · אִיבֶּער לֶעגְט אַייךְ גוּט · וִויא אִיז אַייֶער חָכְמָה · וִויא אִיז אַייֶער תְּבוּנָה · וָואס וֶוירְד אִיהְר בַּיים יוֹם הַדִין תְּשׁוּבָה גֶעבֶּען קָאנֶן · מִיט וָואס וֶוירְד אִיהְר אַייךְ בַּיים יוֹם הַגְמוּל פֶֿערְטַיידִיגֶען קָאנֶן · וֶוען מַאן אַייךְ פְֿרֶעגֶן וֶוירְד · פִֿיר דֶעם אֶמֶת צוּ שְׁטְרַייטֶען אוּנ מְקַדֵשׁ שֵׁם שָׁמַיִם צוּ זַיין אוּנ דַאדוּרְךְ מַצִיל צוּ זַיין מֶעהְרֶערֶע יִידִישֶׁע נְפָשׁוֹת [דַאס וֶוען מַאן נוּר אַיין נֶפֶשׁ מְקַיֵים אִיז · אִיז דִיא מִצְוָה אַזוֹ גְרוֹס אַלְס עֶר הֶעטֶע מְקַיֵים גֶעוֶועזֶן אַיין עוֹלָם מָלֵא פֿאלֶלֶע וֶועלְט] הָאט אִיהְר אַייךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטֶן וֶועגֶן מוֹרָא אוּנ בּוּשָׁה פֿוּן דִיא רְשָׁעִים כּוֹפְרִים דִיא בֶּאֱמֶת נוּר פְּגָרִים מֵתִים טוֹטֶע לֵייבֶּען זִינְד · דַאס אִיהְר נִיכְט פֿוּן זִיא פֶֿערְאַכְטֶעט אוּנ פַֿרְשֶׁעמְט זַיין זָאל — דַאס אָבֶּער אַייֶער צַייט קָאמֶן וֶוירְד דַאס אִיהְר אַייךְ שֶׁעמֶן וֶוירְד אוּנ אַייֶער פְּנִים מִיט שַׁאנְד בֶּעדֶעקְט זַיין וֶוירְד פִֿיר דֶען יוֹצֵר כֹּל בָּשָׂר פֿוּן אַלֶע אוּנ פִֿיר כָּל בָּאֵי עוֹלָם אַלֶע מֶענְשֶׁן קִינְדֶר · אוּנ פִֿיר אַלֶע צַדִיקִים פֿוּן אַיין יֶעדֶען דוֹר דִיא וָואס תָּמִיד גֶעשְׁטְרִיטֶען הָאבֶּען אוּם נוּר דֶען גְלַאנְץ פֿוּן דִיא תּוֹרָה צוּ עֶרְהֶעבֶּען · וֶוען מַאן אַייךְ דַאמָאלְס צוּ רֶערֶע שְׁטֶעלֶן וֶוירְד וָוארוּם זִינְד אִין אַייֶערֶע צַייטֶען פִֿיעלֶע פֿוּן דִיא צֹאן קָדָשִׁים פֶֿערְלָארֶן · פֶֿערְאִירְט . גֶעפְֿלִינְדֶערְט · אוּנ צוּ גְרוּנְד גֶעגַאנְגֶן · פִֿיר דִיא חֶרְפָּה אוּנ זָאלְכֶע בּוּשָׁה הָאט נִיכְט בַּייא אַייךְ גֶעוִוירְקְט דַאס אִיהְר אַייךְ מִתְחַזֵק שְׁטֶערְקֶן זָאלְט מְשַׁבֵּר מַלְתְּעוֹת עָוֶל צוּ זַיין · צוּ צֶערְבְּרֶעכֶן דֶעם כֹּחַ פֿוּן דִיא שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשֶׁן ·

**שאלה צו** וִויא אַזוֹ זִיךְ דִיא יִרְאֵי הַשֵׁם גַייסְט אוּנ מוּהְט פֶֿערְשַׁאפֶֿן זָאלֶן · גֶעגֶען דִיא מְהַרְסִים וָואס וִוינְשֶׁען עֶרְנֵייעֶרוּנְגֶן מִלְחָמוֹת ה׳ צוּ שְׁטְרֵייטֶען ·

**תשובה** גֶדֶענְק אוּנ פַֿרְגֶעסֶע נִיכְט דֶען אָרְמֶען עֶלֶענְדֶען שְׁטַאנְד פֿוּן דִיא יִידִישְׁקַייט פֿוּן אוּנְזֶערֶע אָבוֹת אִין מִצְרַיִם דַא זִיא נוּר פֿוּן מִצְרַיִם אַרוֹס גֶעגַאנְגֶען זִינְד דַאס פִֿינְפְֿצִיגְסְטֶע טֵייל · וָואר דַאמָאהְל דָאס דוֹר אַזוֹ פָּרוּץ אַזוֹ אוֹיסגֶעלַאסֶען דַאס אַיין יְרֵא שָׁמַיִם וָואר פֶֿערְמִישְׁט אוּנ אוּמְגֶערִינְגֶעלְט פֿוּן נַיין אוּנ פֿוּפְֿצִיג רְשָׁעִים

אוּנ

און אפיקורסים (ווייל זיא קיין אמונה געהאט האבען זינר זיא אין דיא שלשת ימי אפילה אין דיא דרייא פינסטערע טעג אום געשטארבען) נון איבער לעגע דיר גוט ווייל דיא וועניגע ערליכע יידן זיך געזעהן האבען פארשליינגען צווישען דיא רשעים ווייל זיא דיא גרויסע מערהייט זינד. און נאך דאצו זעהר פעראכט און נידריג אין איהרע אויגען זינד. וויא העטע זאלכעם ביא איהנען פעראורזאכען זאלען דאס איהר כח און מאכט שוואך און שלאף זיין זאל. און דאס זיא איהרען מוטה און גייסט פארלירען. און דאדורך איהר אמונה און דת אויף געבען זאלען. אדער וועניגסטענס פערקירצען און זיך מיט דיא רשעים פעראייניגען דאס דאדורך איהר דרוק און גלות ניכט אזוי הארט און שווער זיין זאל. דעננאך ווייל זיא געוויסט האבען דאס איהר אמונה אמת וצדק איז. און דאס זיא זאלכעם בירושה און בנחלה האבען פון איהרע אבות הראשונים. דארום האבען זיא זיך געשטערקט מיט אלערלייא התחזקות דאס זיא פון איהר יידישקייט דאס מינדעסטע ניכט אבטרעטען זאלען. ביז צו לעצט דא השי"ת איהר אמתדיגע אמונה געזעהן האט. האט ער זיך אויף איהנען מרחם געוועזן צו ערלעזן און האבען זוכה געוועזן צו דען מעמד הנבחר דען אויסגעצייכענטען פערעהרטען שטאנד פון מתן תורה. וויא דער פסוק ערצעהלט אויס וואונדער השמע עם קול אלהים חיים האט זיך דען זייט דיא וועלט שטעהט שוין איינמאהל זאלכעם געטראפען דאס מענשען זאלן זוכה זיין צו איין זאלכע גרויסע מדריגה דאס זיא דאס קול פון השי"ת הערן רעדן זאלן פון פייער.

דיזעם זאל דינען פיר איין מוסטר צו שטערקן דען כח און דיא הערצר פון יידישע קינדר אין פיהלע געגענדן אין דען היימיגן דור. וויא זיא וועגן איהרע יידישקייט פון דיא רשעים אפיקורסים מיט אלערלייא עלילות געדריקט זינד. דאס זיא דעסוועגן חלילה ניכט איהר גייסט פארלירן זאלן און זאלן נור איהר אמונה און דת עהרליך און טרייא בלייבען אהנע דיא גרינגסטע פערקירצונג. און ניכט קיין פורכט און פחד האבען און ניכט צוריק שרעקן. דען דער יעניגע ישראל דער צווייא מאל אין טאג ק"ש זאגט. און אויף זיך נימט דאס יאך פון דיא אמונה און דיא הייליגע

תורה

# כלל י שאלה צז

תּוֹרָה פֶּעסְט צוּ הַאלְטֶן מִיט דֶען גַאנְצֶן הֶערְצֶן · אוּנ לֶעבֶּן · אוּנ פַּרְמֶעגֶן · דֶער מוּס בֶּערֵייט זַיין · אוּנ יֶעדֶע שָׁעָה אוֹיף דֶען קְרִיגְס פּוּס גֶערִיסְטֶעט זַיין צוּ שְׁטְרֵייטֶען מִלְחָמוֹת ה׳ [אָבֶּר נִיכְט זָאלְכֶע מִלְחָמָה שְׁלֶעגֶערֵייֶען · אָדֶער מֶענְשֶׁן צוּ פַּרְוָואוּנְדֶן · פִּיהל וֶוענִיגֶר צוּ טֶעזְטֶן · חָלִילָה וְחָלִילָה] זָאנְדֶערְן אִין דֶען וָוארְט מִלְחָמָה אִיז נוּר פֶּערְשְׁטַאנֶגן אוּנ בַּגְרִיפֶן דַאס עֶר פוּן דִיא צְבוּעִים · אַפִּיקוֹרְסִים · רְשָׁעִים · מִסִיתִים · אָנֶער · פְרֶעדִיגֶערְס · רַאבִּיס · זִיךְ נִיכְט פַּרְפִיהֶרֶן זָאל לָאסֶן · אוּנ דֶען אֶמֶתְדִיגֶן דַת גֶענוּי בֶּעפָאלְגֶן וִויא עֶר פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּנ פָאר עֶלְטֶערֶען גֶזֶעהֶן הָאט · אוּנ וֶוען עֶר אוֹיךְ דַאדוּרְךְ פִיהְלֶע מָאהְל חֶרְפּוֹת · בִּזְיוֹנוֹת · אוּנ אַנְדֶערֶע צָרוֹת לֵיידֶעט · זָאל עֶר זִיךְ זָאלְכֶס פִיר אֵיינֶע גְרוֹסֶע הַצְלָחָה אוּנ כָּבוֹד אוּנ גְדוּלָה הַאלְטֶן · מִיט דֶען וָוארְט וֶוען דִיא צֵייט פוּן מֵיינֶן אָב לֶעבֶּן קָאמֶען ווירְד אוּנ וֶוען מַאן מִיךְ טְרָאגֶן ווירְד פוּן מֵיין הויז אוֹיף דֶען בֵּית הַחַיִים אוּנ מֵיינֶע אָהרֶן הֶערֶן וֶוערְדֶן דָבָר מַאחֲרֵיי דִיא רֶעד וָואס מַאן נָאךְ מִיר זָאגֶן ווירְד דַאס דִיא מְלַווִין וָואס מִיךְ בַּגְלֵייטֶן וֶוערְדֶן · וֶוערְדֶן מֵיין שֶׁבַח עֶרְצֶעהְלֶן דַאס אִיז דֶער יֶענִיגֶר וָואס וֶועגֶן דִיא אַהֲבַת הַתּוֹרָה · וְאַהֲבַת הָאֱמֶת אוּנ וֶועגֶן דֶען דַאס דֶער כְּבוֹד שָׁמַיִם נִתְרַבֶּה פַּרְמֶערְט וֶוערְדֶן זָאל · אוּנ וֶועגֶן לְקָרֵב לֵב בָּנִים לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם צוּ זַיין · צוּ נֶעהֶנֶן דִיא הֶערְצֶר פוּן יִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ אִיהְרֶן פָאטֶער אִין הִימֶעל · הַאט עֶר סוֹבֵל גֶוֶועזֶן פִילֶע חֵירוּפִין · גִדוּפִין · וּבִזְיוֹנוֹת · וַעֲלִילוֹת · אוּנ דֶענְנָאךְ הָאט עֶר נִיכְט דַאס גְרִינְגְסְטֶע פוּן זַיין אוּנְטֶער נֶעהְמֶען צוּרִיק גִלָאסְט · אוּנ אִיז כָּל יָמָיו דִיא תּוֹרָה אוּנ אִיהְרֶע מִצְוֹת מְרַייא גֶעבְּלִיבֶּן פִיר אִיהְר צוּ שְׁטְרֵייטֶען אוּנ צוּ פֶעכְטֶן אוּנ דֶען אֶמֶת צוּ עֶרְהֶעבֶּן · אוּנ דֶען שֶׁקֶר מַשְׁפִּיל צוּ זַיין צוּ עֶרְנִידְרִיגֶן · וּמֵת בְּתוּמוֹ אוּנ אִיז גִשְׁטָארְבֶּן אִין זַיינֶע פְרָאמִינֶגְקֵייט · דִיזֶעס אִיז חֶלְקִי מִכָּל עֲמָלִי דִיזֶעס אִיז דַאס מֵיינִיגֶע וָואס אִיךְ מִיר פוּן גַאנְץ עוֹלָם הַזֶה מִיט נֶעהְמֶן וִויל -

אָבֶּער נִיכְט וִויא מַאנְכֶע וֶוען זִיא אוֹיךְ יְרֵאִים זִינְד דִיא אִין יֶענֶעם אוּנ אִין דִיזֶען גֶעגֶענְד וָואהְנֶן וֵוייל זִיא זֶעהֶן דִיא מְסִיתִים וּמַדִיחִים פַּרְפִיהְרֶער דַאס זִיא פִיהל בְּכַמוּת זִינְד אוּנ אוֹיךְ בְּאֵיכוּת · דַאס מִיט אִיהְנֶן אִין פַּרְבִּינְדוּנְג שְׁטֶעהְט פִיהְלֶע לוֹמְדֵי תּוֹרָה · אִין מַאנְכֶן אָרְט

אוּ:

אויך דער רב . ווען עס ניכט איינגעלליך . וועניגסטענס אייסערליך . אין מאכן ארט נאך ערגער דאס דער רב אינערליך אונ אייסערליך פערקניפט איז . אונ אין מאכן ארט נאך ערגער ווי דער רב אינערליך פערקניפט איז אונ ניכט אייסערליך . זא געהן זיא געביינט אונ האבן קיין מוטה דען המון עם איין אמתדיגע תוכחה אונ הדרכה צו געבן . דאריבער פינדע איך מיך שולדיג מיט איינע גרויסע התראה, איהר הערט צו ערוועקן דאס זיא אנשי חיל קריגס העלדן זיין זאלן . אונ פיר קיינן צוריק שרעקן . דען ווען אין איינע מלחמה וויא איין חיל געגן דען אנדערן העפטיג שטרייט אונ קעמפט דאס דער זאנען שיין פערדונקעלט איז . פאר דען גרוסען קאנאנען דאנער אונ מעכטיגען רעגן פון פייער קוגלין אונ בלייא דאס דער שלאכט זעהר בלוטיג אונ געפעהרליך זיין קאן . ווען איינער פון דיא שרי עשרות (דער קאפראל גערופען ווירד) דער שאהן פיהלע שלאכטן ביא געוואהנט אונ מיט געמאכט האט . אונ דאדורך אין דיא חכמות תכסיסי מלחמה בקאנט אונ פראקטעצירט איז . ווען ער זעהט דאס איינער פון דיא גרוסע שרים פאלש אונ מיט בעטרוג קאמאנדירן טוהט . אונ פערשטעהט דאדורך ברור כשמש אזו ריין אלס דיא זון דאס ער דען מלך אונטרייא איז אונ ווינטשט דיא גאנצע ארמע אין דיא האנד פון שונא צו איבער ליפערן . אונ דאדורך פיהל אונשולדיג בלוט פערגאסען ווערהן קאן . איז דען איין יושר אדער איין דרך ארץ . אדער מענשהייט דאס ער שווייגן זאל ווייגן דאס ער ניכט דען קאמאנדאנט בליידיגן זאל ווייל ער איין גרעסער שר וחשוב אונ נכבד איז . זאנדערן דא ער זאלכעס פערשטעהט . זא מוס ער גוואלט בכח זיין קול ערהעבן . איינע פערשווערונג . איינע פערשווערונג . אונ דען גאנצן חיל איילענד צו וויסן מאכן . מיט דען ווארט . ווילט איהר דיא שבועה פיר איירען מלך טרייא בלייבן . זאלט איהר דאס בפעהל פון דען מערדער ניכט נאך פאלגן (ווען ער אבר זאלכעס ניכט טוהט . זא ווירד אלעס פערגאסענע בלוט איהם צו געשריבן . דאס ער איינס דארוף פעראנטווארטליך זיין ווירד) נון ווען זאלכעס איין שולדיגקייט איז צו טוהן ביא איינע זאלכע מלחמה וויא עס זיך נור האנדעלט דאס חיי שעה צו פערלירן -

נון

# כללי שאלה צו

נון ווען עס זיך האנדעלט ביא איינע זאלכע מלחמה וויא מאן דאס חיי עולם חיי נצחיי פערליערן קאן . וואס איז מאן שולדיג דאמאלס צו טוהן . דאס מאן קיינעם נושא פנים זיין זאל . ווען ער אויך איין תלמיד חכם . אדער איין גדול איז . אדער גאר איין זקן ושבע ימים . דען וואס איז דען . דען מענשנס כבוד גאכטעט געגן כבוד שמו יתעלה אונ כבוד התורה . כי במקום שיש חילול השם אין חולקין כבוד לרב וויא איין חילול השם איז וויא דיא תורה אונ יידישקייט צוריק געזעצט ווירד . איז ניכט דיא צייט דאס מאן כבוד צו מהיילען זאל איין רב ווען ער נאך אזוי גרוס איז . דא ליידר אין פיהלע מקומות דיא מנהיגי הדור וואס עס זאלען דיא אויף זעהר זיין . בלינד זינד , וויא אויך פיהלע זקנים דיא שאהען איין קנקן ישן זינד אונ יראת שמים פון איין קנקן חדש ניכט האבען . דאס ווען זיא זעהען איהר זאהן אדער איהר אייניקעל דאס ער אין דרך אפיקורסת געהט . דען בארט געשטיצט . דיא פאות אונטער דיא אוהרין . אונ גויישע שפראך רעדעט . אזו זאגט ער נחת ש מחה בלבי עם פרייעט מיך דאס ער זאלכעס ערלעבט האט . אונ ווען ער עס אויך ניכט פרייא זאגט , זא איז עס אזו געוויס אין זיין הערצן ווייל דיא בשטעכונג זיינע אויגן פערבלענט אונ האפט דאס דיא מחדשים איהם אונטערשטיצן ווערדען דאס ער ממלא מקומו זיין ווירד זיינע שטעלע בקאמען ווירד . דאריבער איז ער איהנען אונ איהם ניכט ניכט מוכיח . וועהע איהר נשמה . פינסטער איז איהר שכל . וועגען דאס זיא איהר כבוד ערהעבען . זינד זיא מעלים עין האבען זיא קיין אופזיכט . אונ דאדורך זינד זיא גורם דאס יידישע קינדער איבער געגעבען ווערדען להריגה ולאבדון עולם אין דיא האנד פון (סמ"א ר"ל) —

ווייל מיר מעולם דען נאמען האבען עזין שבאומות דיא פריעכע צוווישען דיא פעלקער . זא זאל מאן עס זיך בדינגען , זאלכע מהרסי תורה מבזה צו זיין בכל מיני בזיונות אונ לויט צו שרייען צו דען המון עם הי . ער וועקט אייך פון אייער שלאף אונ טוהט אבווייבען פון דיא אהלי אנשים רשעים דיא וואהנונגען פון דיא שלעכטע מענשען . אונ בעפאלגט ניכט איהר

הדרכה. אונ איהנן פרשטעהן צו געבן אונ אויך צו קלעהרן דאס זיא פון דען ארץ החיים לאנד פעררעטר זינד אונ במלכות שמים. אונ וועגן איהר כבוד. אונ עושר. זינד זיא מאבד נפשות ישראל ר"ל ריכטין זיא צו גרונד יידישע נפשות ר"ל –

**שאלה צח** וואס איז מאן אלעס שולדיג כולל צו זיין אין דיא תפלה פון רוממות קרן התורה והיראה.

**תשובה** ווייל דיא צבועים ווייט געפעהרליכר זינד אלס דיא פרייע פושעים. דאריבר דער אמתדיגער ערליכער ייד דער וואס זיך זעהר אפט מצער איז אויף דען געמיינען שטאנד פון דען דור אונ בעטעט וויינענד תרוממנה קרנות צדיק עס זאל שאהן ערהויבן ווערדן דער גלאנץ פון דיא צדיקים. איז ער שולדיג דאס ער אין זיין תפלה דייטליך אויך בעטען זאל רבש"ע מאכע סיבות [דאס יענע צבועים דיא אין פרבארגענן קלי הדעת לייכטזיניג זינד אונ פיר דען מענשן זיך פרקליידן אונ פרמענטלן אלס צדיקים] איז מעגליך זיא צו בוועגן צו תשובה צו טוהן הלואי והלואי. ווען ניכט דאס זיא פרייע אונ אפענע רשעים אונ בני בליעל זיין זאלן. דען אזו לאנג דאס דער סמ"א איז גובר דאס זיא ביא דיא וועלט פיר שומרי התורה דיא דיא תורה מרייא היטען אונ צדיקים גערופען ווערדען. נור זיא שטרייטען מיט דיא אמתדיגע צדיקים דאס יענעם אדער דיזעס קיין עבירה איז. זא ווערדן פיהלע פון דען המון עם פרפיהרט. ווען זיא אבר פרייא זאגן דאס עס פון דיא תורה פרבאטן איז. נור מי אדון לנו. ווער האט מיר צו בפעהלן בשרירות לבי אלך איך וויל טוהן וואס מיין הערץ ווינשט. דאמלס ווירד זיך דער ערליבער המון עם פון איהם פורש זיין אונ אבזאנדערן –

**שאלה צט** ווער זינד דיא יעניגע דיא היטע צו מאכן ירושלים מחריב זינד אונ דיא ירושלים ערבויען.

**תשובה** שלמה המלך זאגט אין קהלת אויף דען פסוק מלך לשדה נעבד דאס השי"ת בעלאנט מיט איין גראסן שכר דער וואס זיך בעשטרעבט ציון אונ דיא חרבות ירושלים אויף צו בויען אונ בעשטראפט דער וואס זיא פערוויסטעט אונ איינרייסן טוהט. כום מאן דיא וועלט צו פערשטעהן געבן

# כללי שאלה צט

(וואו אונ ווער איז דער . דער געגענווערטיג בויעט אודר איינרייסט . העטע ער נור זאלן זאגן דער וואס אין דיא צו קונפט ווירד אוף בויען . אודר דער וואס ער האט עס איינגעריסן אונ פערוויסט) אין דען אמת אבר זינד צו יעדע צייט פילע אונ פילע מענשן דיא ווירקליך ירושלים מיט איהרע חרבות אוף בויען . וויא אויך זינד אנדערע דיא תמיד זיא איינרייסען אונ פערוויסטען טוהן . עס זינד אויך אמצעים איינע מיטלערע קלאס מחייבים זינד זיא ניכט . אבער ביא דען בויען זינד זיא טרעהג אונ פויעל . דען דער יעניגער וואס אוף דיא חרבות ירושלים טרויערט אונ איז זיך משתתף האט מיטליידונג פון איהר עלענד אונ צער אונ מעכטע גערן אלעס מעגליכע דאצו טוהן זיא צו ערבויען . אדער ווען ניכט אליין . ווענינגסטענס פון דיא מיט העלפער זיין . מוס פריהער דאריבער גוט נאך דענקן . אונ זעהר במתינות לאנגזאם . ניכט איבער אילט . אונ וויא אויך מיט מעהרערע זיך דאריבר בעראטען אוף וועלכע ארט . אוף וועלכן וועג זאלכעס מעגליך אום צו פיהרן איז . זא איז דאס ערשטע דאצו . דאס איין שולדיגקייט איז דאס מאן זיך גוט ערקונדיגען אונ נאך פארשן זאל וואס פראורזאכט האט דאס עס נידער געריסען אונ פערוויסט איז געווארדן . אונ דאן דיזעס אלס אום צו ווארצלן . דאס מאן דאדורך געזיכערט זיין זאל ווען זיא ערבויעט ווירד דאס עס איין בנין עולם עוויגעס געביידע זיין זאל . אזו וויא דער רופא דער דען קראנקן בהאנדעלט אונ דאביא קלוג איז . אזו ווירטשאפט ער מיט איהם מתון מתון . געהמליך ווען גלייך דאס ער שליסט פון זיין תואר פנים פון דיא פארב פון זיין געזיכט . אונ פון זיינע אונגערייניגטע צינג . אונ פון דען שנעלן גאנג פון דען דפק פולס . אונ פון זיינע גרויסע שוועכע דאס ער דיא אדער יענע קראנקהייט האט . דענגאך גימט ער זיך ניכט באלד דאצו איהם צו געבן דיא געוויסע מיטעל דיא גאייגענט זינד יענע קראנקהייט צו בעהעבן . דא ער ווינשט איהם אויך צו העלפן דאס ער גאנץ געגעזן זיין זאל . אונ דאס ער פון דיא קראנקהייט ניט מעהר איבער פאלן ווערדן זאל . אזו ערקונדיגט ער זיך געני וויא אזו אונ דורך וועלכע אורזאך דיא קראנקהייט ביא איהם איינגעטרעטן איז . האט ער זיך ערקיהלט . אדער ערהיצט . אדער פון פיהלען כעס דאס ער זיך גיצערנט האט . אדער פון פיהלע אנשטרענגונגען אין זיין ארבייט . אדער דאס ער מעהר גגעסן האט וויא געווענליך . אונ זא באלד דאס איהם דיא אורזאך בעקאנט איז . זא זעהט ער פריהער דיא שלעכטע ווארצלן דיא דיא קראנקהייט פראורזאכט האבן אום צו רייסן (געהמליך איז עס פון פילן עסען אזו גיבט ער איהם זאלכע מיטעל דיא דען מאגען ריינינגן . אונ דאביא מזהיר זיין איהם צו ווארענן דאס ער גאר ניכט פיר יעצט געניסן זאל . פון פיהלען ארבייט . זא מוס ער איינע צייט לאנג גאנץ רוהיג זיין אהנע דיא גרינגסטע אנשטרענגונגען אונ בעוועגונג אז־וו) . אונ דאן גיבט ער איהם דיא מיטלען דיא קראנקהייט צו בעהעבן —

נון ווען מיר ווילן נאך דענקן אונ קלערן ווער ירושלים האט מחריב גוועזן

ווער

ווער איהרע פעסטע שטארקע מויערן צו גרונד געריכטעט האט . אונ ווער דיא ישראל פון איהרן לאנד פערטריבן . דאס מיר זאגן זאלן דאס דיזעס אלעס האבן דיא כשדיים געטוהן וויא דער פסוק אין מלכים אונ אין ירמיה ערצעהלט . דיזעס איז יא איין שקר מוחלט ריינער שקר . דא דער פסוק זאגט לא האמינו כל מלכי ארץ כל יושבי תבל כי יבוא צר ואויב בשערי ירושלים קיינע רעגירונג אין דיא וועלט העטע גלויבן קענען דאס ירושלים פון איין שונא איינגענאמן ווערדן קענן זאר . מוס יא זיין דאס ירושלים וואר אוף אזו איין ארט פערשטערקט אונ בפעסטיגט דאס אין נאטירליכן וועג וואר ניכט פערהאנדען קיינע מעגליכקייט זיא איין גנעדמן צו קאנען : דאס מיר זאגען זאלן דאס השי״ת אליין האט זאלכס אלעס פראורזאכט וויא דער פסוק זאגט ממרום שלח אש בעצמותי וירדנה פון הימעל האט מאן פייער געשיקט אוף מיינע בייגער . דאס קאן יא ניכט זיין . דא דער פסוק זאגט מאתו לא תצא הרעות פון איהם קאמט ניכט שלעכטס . פילמער אוף איין זאלכן צער אוף איין זאלכע צרה דיא דיא גאנצע אומה הקדושה היילינג פאלק בעדירט . דא דיא אהבה פון השי״ת אוף יידען איז אזו גרוס דאס ער זיך משתתף בצערם איז מיט איהנן מיטליידונג האט . נון וויא קאן דען זיין דאס ער דיא שטאט וואס כלילת יופי אינ משוש כל הארץ דיא קראהן פון דיא שונהייט . אונ דיא פרייד פון דיא גאנצע וועלט איז . זעלבסט צערשטעהרן אונ פרניכטען ווירד . מוס נור דאך זיין דא דיא אהבה פון השי״ת אוף יידישע קינדער איז נור דאמאלס ווען זיא געהן אין דען וועג נאך פארשריפט דער היילינגע תורה . אונ איהרע מצות געניי צו בעאבאכטען . אונ ווייל דאס דור אין צייטן פון ירמיהו האבן זיך געגן דיא מצות התורה ואזהרותיה זעהר פרשולדעט . דאדורך האבן דיא חטאים פראורזאכט (ניכט נור דיא אהבה פון השי״ת אוף יידען צו שוואכן . זאנדערן גאר איין פיינד איהנן געווארדן איז) דיזע אלע צרות . וויא דער פסוק זאגט חטא חטאה ירושלים על כן לנדה היתה ירושלים האט געזינדיגט דארום האבן מיר איינוואהנר אין גלות געמוסט געהן . נון זינד שאהן אלע פסוקים אמת . ירושלים וואר ניכט מעגליך דאס מאן עס כובש זיין זאל איינעהמן קענן . דיא כשדיים אבר וואון דאך דיא שלוחים עס נידער צו רייסן ווייל השי״ת ממרום שלח אש . ווארום אבר אונ וועגן וואס השי״ת זאלכס געטוהן האט . ווייל זיא האבן דיא תורה פרלאסט . נון דא דיא גמרא זאגט אזו דור וואס נאך ניכט זוכה האט גוועזן דאס בית המקדש ערבויעט צו זעהן מיסען זיא זיך צו שרייבן דאס איהרע עונות האבן פראורזאכט עס מחריב צו זיין . ווייל דאס . דאס ירושלים מיט איהרע הרבות נאך ניכט ערבויט זינד . איז ניכט דער צוריק האלט פון דיא זייטע פון השי״ת (דא ער באמת זאלכס טוהן קאן אין איין רגע) זאנדערן דאס אונזער דור ליידער דיא אלע עונות פון יענען דור אדער וועניגסטענס מאנכע דאפון נאך היטע בזיצן . דאריבער איז דיא שולדיגקייט דיא אלע עונות פון דען דאמאליגן דור זיך תמיד פיר דיא אוגן צו שטעלן אונ אלעס מעגליכע צו טוהן דאס מיר

# כלל י שאלה צט

אונז אויף אזו שטאנד ברענגן זאלן דאס מיר איין זאלבן וועג געהן זאלן דאס מיר אונז פון דיא אלע פעהלער בעפרייעט זעהן זאלן · געהמליך דאס ער זיך בעשטרעבן זאל מיט אלע זיינע כוחות זיינע קינדער צו ערציגען אויף דען וועג פון יראת שמים · אונ דאס זיא זאלען נור תורה לערנן · דא דאמאלס האבן זיא מבטל געוועזן תינוקת של בית רבן דיא קינדער פון חדר פון תורה אונ יראה · נוי א אויך זיא זאלן שעצען אונ אכטען דיא הייליגע תורה אונ דאריבער ואלכע תלמידי חכמים דיא אמתדיגע יראת שמים האבן פיר זיא ערפורכט האבן · אונ איהרע תוכחה אונ אונטערדריכט גענוי נאך פאלגען · דען דער חורבן ירושלים וואר ווייל זיא פעראכט האבן תלמידי חכמים · אונד איין יעדער זאל זיך בשטימען געוויסע צייטן ווא ער עטוואס תורה לערנן זאל איין יעדען טאג איין יעדער נאך זיין פרשטאנד · איבער הויפט זאלכע תורה וואס צו יראה פיהרט (חיי אדם · אדער קיצור שלחן ערוך) דאס ער וויסען זאל ביא איין יעדע מצוה דען דין דאפון · אונ ספרי מוסר אויף לשון הקודש (דען נור דאס הייסט תורה לשמה לומד על מנת לעשות) ער לערענט תורה וועגן דען דאס ער וויסען זאל דיא מצוה געהעריג מקיים צו זיין · והמון עם שאינם תורגים דער געמיינער מאן וואס קיין לשון הקודש קאן בלשון אשכנז יידיש טייטש פון דיא מאן יראת שמים לערענט (דען תורה לערנן אהנע יראת שמים איז איין סם המות) דאס דער חורבן ירושלים וואר וועגן ווייל זיא האבן תורה לערנען מבטל געוועזן -- וויא אויך דאס איין יעדער זאל נזהר זיין גענוי דיא טייערע אויסגעצייכענטע מצוה פון ק"ש (מיט דען זיך דיא תורה שבע"פ אנפאנגט) געהעריג מקיים צו זיין · געהמליך אין דיא בשטימטע צייט ולא יאחר אונ ניכט צו פרשפעטיגן פון (ש"ע סימן נח) · אונ מיט דיקדוק התיבות דייטליך איין יעדעס ווארט ארוס רעדן · אונ מיט גרויסע שמחה והתלהבות דאמיט ער דורך זיין ק"ש זאגען איילענד אונ איינגעשלעפערט זיך ניכט פיר איין שקרן מאכט ווייל ער פריהער גזאגט האט גליקליך זינד מיר יידען אונ וואהל אונז דאס מיר דיא זכיה האבן דיא מצוה פון ק"ש צווייא מאהל אין טאג מקיים צו זיין (מאן ווירד יא איינגסט צו איהם זאגן דוא שקרן וויא האסט דוא דיא חוצפא פיר השי"ת ליגען צו זאגען) דען ווען דאס ביא דיר דער אמת איז דאס דוא דיך גליקליך שעצט דאס דוא האסט דיא זכיה צווייא מאהל אין טאג אויף דיר מקבל צו זיין דאס עול מלכות שמים אונ דאס עול מצות ווארום זאגסט דוא ק"ש אויף אזו איין ארט דאס מאן ביא דיר קיין חשקות ושמחות המצוה לוסט אונ פרייד צו דיא מצוה זעהט · דען ווען דיא רשפי אש פון אהבת ה' דאס פייער פון דיא ליב צו השי"ת אינגערליך עזה כמות איז זעהר שטארק ברענט · זא איז יא ניכט מעגליך דאס מאן ביא דיא אייסערליכע אברים זאלבעס אין גרינגסטען ניכט במערקען זאל · דען דאמאלס חרבה ירושלים ווייל זיא האבן מבטל געוועזן ק"ש שחרית וערבית · נוי א אויך דאס זיא זיך זעהר גוט אכט געבן זאלן שבת קודש גענוי צו היטען · דאס זיך דיא קינדער ניכט קעמן זאלן · קיין זאגען שירעם פארסאר

שבת

שבת טראגן . ניכט ארבייטען לאסען דורך משרתים . קיין גראז לאסען שניידען
פיר די בהמה . קיינע שטיוועל וויקסען צו לאסען . פיהלמעהר דאס זיינע
בהמות ניכט ארבייטען זאלען . דען דאמאלס האט דער חילול שבת גורם געוועזען
ירושלים מחריב צו זיין . און ניכט נור אויף מלאכות גמורות . זאנדערן אויף
געשעפטען פיהרען זאגט דער פסוק והצתי אש בשערי ירושלים דאס איך ווערדע
צינדען פייער אין די טויערען פון ירושלים : וויא אויך זאלכע די זיך
מיט פעלד בויא בעשעפטיגען . אדער מיט ברענעריען .
גראלניע . זאלען זיך אכט געבען דאס זיא ניכט שבת ארבייטען זאכען אויף
היתרים די מאנכע געבען -- דען דער חילול השם דאפון
איז אונבעשרייבליך די גרינגשעצונג פון דען הייליגען שבת די דאפון אהער
קאמט -- און זאלכע היתרים האבען דאמאלס פעראורזאכט ירושלים
צו פערוויסטען און זיא צו פערטרייבען פון זייער פאטער לאנד ; און בלאז פיסיג
צו געהען אלס געפאנגענע צווישען זייערע שונאים . וויא די גמרא זאגט לא
חרבה ירושלים אלא שהעמידו דבריהם על דין תורה --

דא אונזער דור לײדער איין גראס דור יתום איז דאס דער המון עם ווייניג
בעגריף פון ידיעות התורה האט . און דער אמת איז זעהר פערקלײנערט . און
די פרצות הדור פון די תורה קרעים קרעים רעפארמען צו מאכען . אום זיא צו
פערקירצען און צו פערוויניגערן . איז לײדער מעשים בכל יום אלטעגליך ---
נון ווען מאן האט זיך ערלויבט אין די צייטען פון יוונים . דא דער חילול
שבת דאמאל שכיח וואר · איין מענשען צו הארגנען און אונשולדיג בלוט צו
פערגיסען . ווייל ער אם שבת אויף איין פערד געריטען איז . און באמת איז נור
זיין געהעריגער שטראף דרייצעהן שטאק שטראף. ווייל זיא איינגעזעהן האבען
דאס דאדורך די שמירה פון שבת בעפעסטיגט און פערשטערקט זיין ווירד --
נון וואס זיינד מיר אין אונזערן פינסטערן . ארמען . עלענדען דור שולדיג (דא
מיר שאן זעהר פילע מדריגות אין הינזיכט תורה און יראה ווייטער געזונקען זינד
דא אין פילע מקומות שבת דחויה און הותרה איז ביד רמה בפרהסיא מחלל צו
זיין . מיט לא תבערו אש . פריש קאכען שבת . פרייען האנדעל פיהרען . נון ווען
אויך אין די מקומות הכשרים מיר קיין סייג און גדר און איינהאלט מאכען ווערדען
זא ווירד יא שפעטער היען חלילה תפוג תורה מישראל ווירד זיך אויף הערען די
תורה) די שמירה פון שבת צו בעפעסטיגן און ניכט מעמיד דבריהם על דין תורה
צו זיין . פיעל מעהר דאס דער בעטרעף איז נור וואס געלד אנבעלאנגט. ניכט
מענשענס לעבען . זיא קאנען זיכער זיין די אלע וואס זיך נאך דען היתר
נאך ריכטען דאס איהר פערמעגען ווירד בלה ואבד צו גרונד
געהען און אויף געריבען ווערדען דורך רעות רבות וצרות..
דען איין חילול השם פערשטויסט הונדערט פרנסות פיעל מעהר דער חילול השם
פון חילול שבת דא די מצוה פון שבת האט דאס געוויכט נעגען די גאנצע
תורה -- זעהט דען ניכט יעדער דער וואס אפענע אויגען האט איין . די רעה

# כלל י שאלה צט

כפולה ומכופלת פערדאפעלטע עבירות וואס פון דען אהער קאמט. ערשטענס דער אייגענער דער וואס זיך זאלבע היתרים נימט. פיהרט זיך נור דער נאך איין קורצע צייט - אבער שפעטער הייען איז מאן זיך שאן אליין מורה היתר -- אונ ווען אויך מאנכעס מאל שאן דער פאל איז . דאס ער אימער נאך פאלגען וויל . אבער דיא קינדר דאס יונגע דור וואס שאן מעהר דור דעה איין אויף גקלערטעס דור איז איז ניכט צו פרידען דאמיט . אונ זיא האבען יא זעהר רעכט. ווען זיין פאטר אין דיא יונגע יאהרן האט נור פאר זיך גזעהן ביי זיינעם פאטר אלע גשעפטען צו פערשפערין אונ דען גאנצן שבת טאג נור בעשעפטיגט צו זיין מיט תהלים . מעמדות . אונ מנורת המאור (אונ ווען מאן העטע זאלכעס דאמאלס גזעהן העטע ער יא פון דען המון עם פרשטייניגט ווארדען מיט דען גשרייא מומר כופר) איז ער יא דאך אזו פיעל צום פערשטאנד געקאמען פ א ר ט ש ר י ט ע צו מ א כ ע ן דאס מאן קאן זינגען י ו ם ש ב ת ק ו ד ש ה ו א . אונ דאך אלע גשעפטען זוייטער פיהרן -- ווען מאן נור איין ש ט ר מ כ י ר ה ש ר י י ב ט . נון זאל דען דיא שפעטערע צייטען דא דיא וועלט אימער געשייטער אונ פערנינפטיגער זוירד -- ניכט זא פיעל וויקען דאס מאן איין זעהן זאל דאס ד ע ר ש ט ר מ כ י ר ה ש ר י י ב ן ניכט נור אוננעהטיג . זאנדערן איינע דומהייט איז -- כיון שניתנה רשות למשחית -- ופוק חזי -- צוויטענס וואס דאדורך נעמן זיך פילע פון דען המון עם איינע ראיה מזלזל צו זיין גרינג צו שעצען שבת צו ארבייטן אהנע שום היתר. ווייל זיא זאגן דאס דאס גאנצע נור איין בעטרוג אונ פאפערייא איז. ו ו י א אויך דאס זיא זאלען זעהן דאס איהר אמונה צו השי"ת אמתדיג זיין זאל . געמליך דאס ער איין עין רואה איין אויג וואס אלעס זעהט איז. אונ קיין פליִאץ פערהאנדען איז וואו מאן קאן זיך פיר איהם פערבערגען . אונ דאס אלע זאכען דיא זיך ערייגענען אויף דיא וועלט גדולה . שפלות . עושר . עוני . אד"ג . אלעס נור ער דער פערארזאכער איז . דען דאמאלס איז ירושלים חרוב געווארדן וויל פסקו אנשי אמונה ווייל ביי זיא דיא אמונה אב גענאמן האט . ו ו י א א ו י ך דאס מאן זאל אכט געבן אויף בחורים ובתולות דאס זיא צנועים וגדורים מעריות בעשיידן אונ איינגעצוימט פון עריות זיין זאלען . דאס זיא ניכט מטמא זיין פעראונרייניגען זאלען איהר הערץ מיט הרהורים רעים שלעכטע געדאנקען. אונ איהרע אויגען מיט הסתכלות על עריות צו זעהן אויף עריות . דא דיא עבירה פון גרויסע וויכטיגקייט איז . דאריבער זינד מיר געבאטען צוויא מאל אין טאג צו זאגן ולא תתורו וכו' אונ דאמאלס האט דער חטא פערארזאכט גלות אונ חרבן וויא דער פסוק זאגט נחמים באלים . סוחטי הילדים .

אין הינזיכט פון יראת שמים אונ מקיים צו זיין דיא מצות. זינד פערשידענע מדריגות . דאס מאנכער פערדינט זיך דורך זיין עבודה ווען זיא אויך נור געמיין אין איכות איז. איין גראסן שכר בעולם הבא -- אונ דער אנדערער וואס דיא נעמליך עבודה טוהט . ווירד דארוף געשטראפט . נעמליך ווען ער לערנט פון תורה איז דאס ער נור אין דארף ערצאגען ווארדן איז . אונ האט נימאלס עטוואס גרעדעט . דאס ער נימאר רעכט מתפלל זיין קאן אהנע פעהלער. זיין הערץ איז

אבר

אבער דאך ערנסט אונ ערליך צו השי"ת דאס ער איהם ווינטשט צו דינען בכל כוחו זא איז זיין עבודה ביא השי"ת טייער אונ חשוב . אבער זאלכע מענשן דיא גלערנט האבן אונ פערשטעהן וויא איין אמתדיגע עבודת ה' אוס צו זעהן בראך . נור וייל ביא איהנען דיא יראת שמים שוואך איז . זא איז ביא איהנען דער קיום המצות גרינג געשעצט אונ גלייכגילטיג . נעמליך ווען ער איז מתפלל אודר מברך ברכת המזון ער בענטשט . אודער וואס פיר איין מצוה אימער . זא איז ער ניכט מדקדק זיך צו בעשטרעבן דיא מצוה מקיים צו זיין על צד היותר טוב אוף דיא שענסטע אונ בעסטע ארט . וויא מיר געבאטען זינד דאס מאן שולדיג איז זיין עבודה פיר השי"ת צו ציהרן אונ מקשט צו זיין מיט אלען מעגליכן צו פערשענערן . אונ צו פערהערליכן . זאנדערן ער וויל נור יוצא זיין . דא דיא מצוה אוף איינע געמיינע ארט אוך כשר איז . זא איז ער שאן צו פרידען דאמיט . אוף זאלכע איז השי"ת ברוגז אונ איז זיא מעניש טוהט זיא בעשטראפן וויא דיא תורה שרייבט (דאס זאלכע עבודה האט דאמאלס גורם געוועזן דאס זיא זינד פערטריבן געווארדן אין גלות) תחת שלא עבדת בשמחה ובטוב לבב וכו' . וייל דוא האסט ניכט השי"י געדינט מיט איין פרעהליך הערץ .

נון דיא יעניגע דיא איהרע קינדער ערציגען אוף תורה אונ יראה . אונ זינד קובע עתים לתורה נעמן זיך יעדן טאג צייט עטוואס תורה צו לערנען . אונ זינד מכבד תלמידי חכמים ושותים בצמא את דבריהם ותוכחתם טוהן תלמידי חכמים עהרן אונ טוהן נאך פאלגן איהר אונטערריכט . אונ זינד נזהר מקיים צו זיין מצות ק"ש בזמנה כראוי אין דיא געהעריגע צייט . אונ זינד נזהר בכל יכולתם מיט אלען מעגליכן בשמירות שבת אב צו היטן . אונ איהרע אמונה איז אמתדיג צו השי"י . אונ איהרע עבודת ד' איז נור מיט שמחה אונ חשקות . זיא זינד געגענווערטיג באמת דיא בוניה וואס ירושלים אוף בויען . דא דיא אורזאך פון דען חרבן וואר נור דאס מאן האט אוף דען אלען עובר געוועזן . אונ זיא דאס אלעס מקיים זינד אונ דיא אנדערע וואס אויך דיזען אלען נאך יעצט עובר זינד . דיא זינד געגענווערטיג דיא מחריבים וואס ירושלים איינרייסען -- אונ דא השי"ת עיניו פקוחות לכל דרכי בני אדם לתת לאיש כדרכיו וכפרי מעלליו דיא אויגען פון השי"י גריכטעט זינד אוף איין יעדען מענשענס וועג איהם פערמעג זיינע פיהרונג צו צאהלען . אונ זעהט וויא פיעל מאנכע אין פערבארגענען דמעות פערגיסן וועגן כבוד שמים אונ רוממות קרן התורה דאס דער גלאנץ פון דיא תורה ערהויבן ווערדן זאל . דאס מיר שאן איינסט ערלעבן זאהן שיקודש שם שמים וידע כל פעול כי אתה פעלתו דאס איין יעדער וויסן זאל דאס נור השי"ת אליין רעגירט דיא וועלט . אוף דיזע ארע איז ער מלך לשדה נעבד כנ"ל --

## שאלה ק

אוף וועלכע ארט דאס מיר אוף ירושלים טרויערן זאל . אונ אום וועלכע אורזאך מיר האבן זיא באלד ערבויעט צו זעהן .

### תשובה

# כלל י שאלה ק

**תשובה** אויף דען חורבן ירושלים אונ דאס יידען פון איהר היילגען לאנד פערטריבען זינד צווישן אומות העולם . דאס פראוהרזאכט איין יעדען צו טרויערען אונ צו וויינען אויף צווייערליי ארט . דער ערשטער איז זעהר גוט . דאס ער אויף דען טרויערן בעקאמט שכר דאס זאלכם וויינען איז ביא השי"ת אזו חשוב אונ טייער דאס דער פסוק זאגט שימה דמעתי בנאדך הלא בספרתך צעהלע מיינע טרערן אונ טהע זיא אויף בעוואהרען - אונ דער צווייטער איז אויך גוט . אבער ניכט וויא דער ערשטער . דיא אופקלעהרונג דאפון איז . דא דער תכלית פון דען מענשן דאס ער אויף דיזער וועלט ערשאפן איז וואורדען . איז זעהר טהייער אונ גרוס דען ווען גלייך דאס דער מענש נור איין קצר ימים איז איין קורצעס לעבען האט ורק שבעים שנה ימי שנותינו אונ אונזער לעבען באשטעהט נור אום זיבציג יאר . אונ דיא אייגען אויך באלד פראיבער וויא דער פסוק זאגט ימינו כצל עובר אונזערע טעג זינד וויא איין שאטען דער באלד פראיבער געהט - דענאך קאן ער פאר זיך פיהל ווערקן . אונ קאן זיך ערווערבען רב טוב הצפון איין אונענדליכען שכר אשר לא ראתה וואס נאך קיין אויג ניכט גזעהן האט . דאריבער איז זיינע לעבענסצייט ניט נור דיא יאהרן אונ חדשים אונ וואכן . אונ טעג יקרים מאד זעהר טייער . זאנדערן אויך דיא שעות . וויל יפה שעה אחת במעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא איין שעה אויף דיזע וועלט אין היגזיכט מעשים טובים זיך צו ערווערבען איז זעהר חשוב . ויש קונה עולמו בשעה אחת מאנכער קאן זיך עולם הבא קויפן אין איין שעה . נון ווען איין מענש האט זוכה געווען זיינע יאהר דיא שבעים שנה זינד גליקליך צו פרלעבען געהמליך דאס ער איז אימער איבער זיך זעלבסט הערר געוועזן [אונ ניכט וויא מאנכע דיא אונטערליגן דיא תאות עולם הזה אונ ביא איהנן פרקויפט זינד אלם עבדים געהמליך דאס דיא ליידענשאפטן בהערשן זיא זא וויט דאס זיא זיך בשטרעבן מיססען אלם צו טוהן איז עם רעכט אדער אונרעכט . אונ פיהלע מצות צו פרלאסן אום נור צו ערפילן דאס דיא ליידענשאפטן ערפאדערן . כבוד . גדולה . גאוה . געלד רייץ . זנות . זולל וסובא . אד"ג . וואדורך איהנן דער מענש זיין עולם הבא זעהר לייכט פרלירן קאן] ער איז נור אימער גנאנגען

אזו וועג דיא היילינגע תורה פאר שרייבט . אונ זיין גאנץ שטרעבן וואר נור נאך צו פאלגן וואס דיא תורה בפעלט דאס זיין צייט איז ניט ביא איהם אומניצליך פערפלאסן . דא ער זיך מיט יעדער צייט מעשים טובים איינגען גמאכט האט . נון ווען ביא איינעם זאלכען מענשען דיא שעה פון זיין יום אחרון . שטערב טאג ריקט נעהער אונ נעהער דא ער פון דיא פערגענגליכע עולם השפל נידריגע וועלט . צו דען געימות עולם הקיים והנצחיי צו דיא עוויגע אנגענעהמע וועלט אבערייזן ווירד [אונ ווען אוך דאס עולם הזה איז איבערהייפט מיט טרדות אונ פגעים ורעיון רוח אלערליא צופעללע . דענגאך האט איהם זיין רייגעס הערץ פראורזאכט דאס ער דאדורך דאך ניכט פערגעסען האט דאס היום לעשותם דאס דיא וועלט איין יומא דשוקא איין גרוסער יריד איז . אזו דאס ער איין גרוסען אונגעהייערען איינקויף מיט זיך ברינגט] עס שטעהט אין מדרש דאס וועהרענד דיא פטירה פון דיא צדיקים ווייזט זיא הקב״ה איהר גרוסען שכר דען זיא זיך פערדינט גמאכט האבן . אזו זינד זיא דאדורך זעהר פרעהליך ולפי כבוד הנכנסים הם היוצאין וויא פיהל כתות פון מלאכי שרת . וויא פיהל חברות פון צדיקים דיא איהם ענטגעגן געהן מקבל פנים זיין ולברכו . אונ איהם צו בגריסען מיט פסוקי שלום . נון זאלכעס עושר אונ הצלחה אונ דער יקר אונ תפארת אונ גדולה מה שאין הפה יכול לדבר וואס דאס מויל ניכט דען קראפט האט עס צו ערצעהלן . אין דיא וואס ער זיך דאמאלס זעהט אונ פרשטעהט דאס דאס האט איהם אלעס דיא היילינגע תורה פראורזאכט . זא דאס איהם דאדורך זיין הערץ בוועגט מיט זאלכע גרוסע שמחה אונ ששון ובפיזוז ובכרכור שפרינגן אונ טאנצן צו זאגען כל נוסח ברוך אלקינו שבראנו לכבודו וכו׳ געלובט איז השי״ת דאס ער אונז ערשאפען האט וחיי עולם נטע בתוכינו ונתן לנו תורת אמת אונ האט אונז געגעבן איין אמתדיגע תורה וואס מיר זיך דורך איהר דאס עוויגע לעבן איינגען מאכן קענען וואס אונבעשרייבליך איז —

אבער וויא טייערער . וויא פיינער . וויא עדלער דיא זאכע איז . זיא מעהר השגחה אונ אופזיכט מוס מאן האבן דארויף דאס עס קיין חסרון אונ פגם פעהלער בקאמן זאל . דען איין פיינעס זיידענע

# כללי שאלה ק

געוואנט יוען נור איין וועניג אונריינעם וואסער דארוף קאמט . זא ווירד עס שאהן בפלעקט . דען וועגן אוך דאס דען מענשענס תכלית בעולם הזה איז נור דאס ער זיין נשמה משלים אום פערטיגן זאל דורך תורה אונ מעשים טובים . האט דאך דיא חכמה עליונה גוזר געוועזן דיא נשמה מתלבש צו זיין צו בקליידן אונ אהער צו שטעלן בעולם הזה אין איין פארים פון איין מענש דער זיין שטאף פון ערדע איז . דאריבער אלע רמ״ח אברים ושס״ה גידים פון דען מענשען וייל זיא מגושם פרגראבט זינד . האבן זיא גרוסען רייץ נור צו ווינשען תאות עולם הזה והענוגיו ליידענשאפטן אונ פרגניגונגן אינ פראכטן אונ איז איהנען צור לאסט זיך צו בשטרעבן וועגן תורה אונ עבודה . אונ דאס ער זאל זיך אוך איהנן מתגבר זיין שטערקען איהנן גאר ניכט נאך צו געבן דאס ער זאל זיך גאנץ פון עניני עולם הזה פורש זיין . איז יא ניכט מעגליך . דער מענש מוס יא זיך דאך בשעפטיגן אין פיהלע ענינים פון עניני עולם הזה דאמיט ער זיך דאדורך זאל קענן מכין זיין פאר ברייטן צדה לדרכו תורה ומעשים טובים . דאס ברוך אבר גרום השגחה אונ זריזות אונ איבר הויפט סייעתא דשמיא הילף פון השי״ת דאס ער זיך אזו וייט אום ארבייטן קענן זאל אוף אזו מדריגה שטאנד צו קאמן . דאס ער נור עסן זאל דאס ער געזונד זיין זאל וועגן תורה אונ עבודה . אונ ווען ער מאנכם מאל זיך כדי שביעה זאט עסט . איז עס נור וייל ער ווינשט מקיים צו זיין דיא מצוה פון ברכת המזון . אונ נושא אשה צו זיין נור וועגן הצלות החטא אונ מצות פרו ורבו . אונ מו״מ צו פיהרן אום זיך געלד צו ערווערבן . נור אום דיזען גרונד וייל ער מעכטע גערן גמילות חסדים טוהן אונ מהדר במצות זיין אזו״ו . דען וועגן עניני אכילה ושתיה . אונ אהבת נשים . אונ אהבת ממון אונגעצעהמט אונ אונבעגרענצט איז . זא איז ער יא באמת פיר זאלכע דיא עיני השכל האבן איין גזלן אונ רוצח אוף זיך זעלבסט . דען אין דיא טייערע צייט וואס ער העט קענן זיך איינקויפן איין חיי נצחיי איז ער פרנארט אונ פרשווענדעט זיא פיר הבל הבלים הכל הבל . אונ דאס איין מענש זאל זיין אים שטאנד אימער צו געהן אין דרך הישר אונ דען לעבענס וועג ניע אום צו טרעטן . האט דיא תורה איין עצה טובה געגעבן קנה לך חבר דאס איין יעדר מענש איז שולדיג זיך צו

פרבילדו

פרבינדן אונ צו פרקניפען מיט איין חבר דער איין גרוסער ערליכר ייד איז. ווייל איין יעדער מענש זיך גערן אונ ליב האט. דאדורך איז אהבה מקלקלת השורה זעהט ער נור דיא פעהלער פון איינן אנדערן זיינע אבר ניכט. דארום איז איין שולדיגקייט דאס ער איין חבר האבן זאל. זאגט דער רמב"ם דאס דער הויפט אורזאך פון דען חבר איז דאס ער זאל איהם ערוועקן אונ ערמינטערן אין הינזיכט יראת שמים -

אין יענע צייטען ווען ירושלים איז גוועזן ערבויעט אונ האט דען נאמן געפיהרט דיא פרייד אונ שמחה פון דיא גאנצע וועלט [ווייל דיא אמת'דיגע שמחה אונ פרייד איז נור ווען מאן דיא זכיה האט צו האבן געוויסענס רוהע אונ איין לב טהור ריינעס הערץ. מיט זיך צו פרידן צו זיין] אונ דיעזע היילגע שטאט האט דיזעס אלעס פעראורזאכט. האבן מיר איין מצוה געהאט עולה רגל צו זיין דרייא מאהל אין יאהר מקבל צו זיין פני אבינו שבשמים. אונ סמוכים צו זיין על שולחנו נאהנט צו זיין אוף זיין טיש. אונ פערמעג וויא ער זיך מכין איז צו קאמן מיט תשובה אונ מעשים טובים. אזו בקאמט ער פון השי"ת השגות התורה. אהבת השם. טהרות הלב. על דרך אדם מקדש עצמו מעט מקדשין אותו הרבה ווען איין מענש זיך היילגט וועניג העלפט איהם השי"ת זיך פיעל היילגען צו קענן. ווען אוך דאס איינס פון דיא ווארצלען פון דיא אמונה איז דאס מלא כל הארץ כבודו אונ עס איז יא קיין פלאץ פרהאנדן אין אלע עולמות ווא זיך איין מענש פערבערגן קאן דאס איהם השי"ת ניכט זעהן זאל. אונ דאדורך פעראורזאכט דיא אמונה דאס צו יעדער צייט ווען אימער אונ אין איין יעדן אקלים. אונ אין איין יעדן לאנד. אונ אין איין יעדן ארט. עס זייא ימים. יבשה. מדברות. דאס אויך דען מענשן מורא שמים זיין זאל. ווייל ער ווייס דאס ער תמיד אונטער דיא אויפזיכט פון דען עין רואה שטעהט -- ע ם ז י נ ד אבער דאך פרשידענע מדריגות אין הינזיכט יראת שמים אונ אהבת השם. אין דען ארט. אין דיא צייט. אין דיא מענשן — א י ן ד י א צייט. דען דיא זעקס וואכען טעג ווען גלייך דאס מאן זיא זיך בעדינן קאן אונ זאל זיא בענוצן צו עבודת ה'. זינד דאך

# כלל ישאלה ק

דיא טעג פון ראש חודש אונ חה"מ אין איינע העכערע מדריגה . אונ דאדורך איז דיא שולדיגקייט זיך אבט צו געבן דאס דיא עבודת ה׳ דאמאהלס באיכות וייט פיינער אונ בעסער זיין זאל - וויא איך דיא טעג פון דיא ימים טובים זינד נאך וייטער אין דיא מדריגות הקדושה . אונ דיא ימי השבתות נאך מעהר ׳ אונ דאדורך מוס דיא עבודת ה׳ דאמאהלס באיכותה וייט פיינער זיין דאס זא וייט זיין דביקות לה׳ בהעפטן זיין זאל . ווען ניכט כל תנועותיו אלע זיינע בעוועהגונגען ווענינסטענס רובם קודש לה׳ גרעסטן טייל היילינ צו השי"ת זיין זאל -- אין דען אדם . וויא דיא משנה זאגט ארץ ישראל איז געהייליגטער פון אלע לענדר · ירושלים וייט מעהר געהייליגטער . אונ זא וייטר . הר הבית . חיל . עזרה . אונ יעמעהר דאס דער פלאטץ מקודש געהייליגט איז , זא מוס דיא עבודה דיא דער מענש דארט טוהט . מעהר מיט ערפורכט . מעהר מיט ציטערן - אונ צוריק שרעקונג מרוממות גדולתו פון זיינע ערהובענע גראסהייט זיין -- אין דיא מענשן . ווען איך דאס דיא גאנצע אומה הישראלית גערופן ווירד ממלכת כהנים וגוי קדוש זינד יא דאך צווישען זייא פערשידענע מדריגות יראי שמים . קליינע . גראסע צדיקים . עובדי מאהבה . הקדושים . אז"וו -- נון בערעכנע דיך גוט אונ שטעלע דיר פאהר ווען איין זאלכר מענש דער אהבת ה׳ אונ אמתדיגע יראת שמים ווינשט אונ זוכט . ווען ער זוכה זיין קאן דאס ער אן דיא אלגעהייליגטע צייט . אונ אין דען אלגעהייליגטען ארט זיך מצטרף זיין קאן . אונ פעראיינינט ווירד מיט זאלכע צדיקים אונ קדושים דיא מבחר היצורים דיא אויס געצייכענטע צדיקים זינד . מיט איהנן פעראייניגט עובד ה׳ צו זיין . וויא וייט . וויא גראס . זינד בייא איהם דאמאהלס דיא פלאמען פייער צו דיא אמתדיגע אהבה צו השי"ת אונ צו זיין היילגע תורה -- נון ווען דיא צייט קאמט דאס דיא ימי אלול שוין ניכט וייט זינד . דא דאמאלס זיך דער מענש צו הערצן נימט דאס אין איינע קורצע צייט ווירד ער זיך מיסען רייזע פערטיג מאכן לראות ולהראות לאביו שבשמים צו ערשיינען צו דען הימלישן פאטר . זא ווירד יא זיין הערץ אין איהם צו שמאלצן דאס ער מיט זיך רעכענט אונ זוכט נאך זיינע

פערפלאסענע

פערפלאסענע פעהלער מיט דיא ער זיך פערשולדעט האט . זעהט
ער געווים אלעם מעגליכע צו טוהן מיט כיבוס אחר כיבוס וליבון
אחר ליבון פילע מאהל צו וואשן אונ צו ריינגען דאס ער פון זיא
געריינגט זיין זאל דאס ער ניכט בעשמוצט אונ בעזידעלט צו שולחן
אביו צו זיין פאטערס טיש קאמן זאל . אונ ווען שוין דיא צייט קאמט
דאס ער מיט זיינע חברותה דיא רייזע אנגעטרעטן האט . ווען זיא
בגעגענען אויף דעם וועג איין גרוסע מענגע פון איהרע ברידר דיא
מיט גרוס געזאנג שירים ושבחים לוב אונ דאנק זאגן אונ דארונטער
שיר המעלות שמחתי בית ה' נלך איך טוהע מיך פרייען ווען איך
אין דען הויז פון השי"ת געהע . אונ זיא בעגריסען זיא אונ פרעגען
זיא וואו היען זיא געהן . אזו זאגן זייא בקול גדול ורם בשמחה
עצומה ברוך אלקינו מיט איינע הויכע שטימע . מיט
איין גראסע פרייד . געלויבט איז השי"ת דאס מיר האבן
ערלעבט דיא צייט דאס מיר זוכה זינד צו בעמיהן אונזערע פיס אונ
צו פלאגען צו געהן מקבל צו זיין פני אבינו שבשמים דאס מיר סוכות
זמן שמחתינו יושבים על שולחנו זיינע טאוועל זיצער זיין ווערדן -
מיט וויא פיל שטיפות ורחיצות פון הייסע טרערן האבן מיר זיך
בעמיהט אונזער הערץ צו ריינגען דאס מיר דאדורך זוכה זאלן זיין
בייא שמחת בית השואבה בייא דיא שמחה וויא מאן אויף דעם
מזבח וואסר מנסך איז . מקבל צו זיין איין רוח טהרה דאס מכח
דען זאלן מיר זוכה זיין דאס אונזער השגה אין תורה לערנן אונ אין
היענזיכט יידישקייט האלטן איין גאנצעס יאהר יותר זכה אונ ברורה
אונ צלולה ריינער אונ לויטערער אונ טעסטעלירטער זיין זאל . אונ
דאס מיר זאלן זוכה זיין אויף אזו מדריגה צו קאמן אונ צו אזו לב
טהור וויא דיא אהבת ה' אין זאלכע פראמן ברענגט דאס מאן
דאמאהלס פערשטעהט אונ שפירט מה יפית ומה נעמת אהבה
בתענוגים . וטוב לי תורת פיך וכו' . וויא שעהן . וויא אנגענעהם
איז דיא ליעב צו השי"ת אונ זיין תורה מעהר אלס אלע תענוגים .
אונ ווינשן מיר צו פערלאנגן פון השי"ת דאס דיזעס אלעס זאל זיין
בבחינות אש תמיד תוקד על המזבח אונאויפהערליך ניכט נור בסירוגין
צור צייטען מאנכעס מאהל - דארום וואנדערט אונז אויף איער

# כללי שאלה ק

פראג וואו היען מיר געהן - זאל מאן דען ניכט דען וועג מאכן - פרדינט דען ניכט די טייערע מצוה דאס מאן זיך דען גאנצען וועג אויף די ערד וועלצען זאל -- אונ דאס מאן די שטיינער פון דען הייליגען ארט מיט הייסע טרערן בעגיסען זאל אונ קישען · דא די הייליגע תורה חיינו ואורך ימינו איז · אונ זאלבער נחת רוח אונ פערגעניגען ווען מאן די זכיה האט תורה צו לערנן אונ מצות מקיים צו זיין בבחינות עזה כמות אהבה · איבער וועגט דען דאס ניכט איבער אלען נחת אונ אלע פערגעניגען פון אלע מלכי מזרח ומערב וואס אלע מאנארכען אין די וועלט געניסען · זאל מאן דען ניכט געהן — ברינגט דען ניכט די אמתדיגע אהבה צו השי"ת מיט דאס מאן זאל על כל פסיעה ופסיעה דמעות של שמחה אויף איין יעדן שריט פריידיגע טרערן פרגיסן · אונ דאביי זינגען אתה בחרתנו מכל העמים דוא האסט אונז ערוועהלט צווישן אלע פעלקר אנו בניך ואתה אבינו · אנו צאנך ואתה רועינו דוא ביזט אונזר פאטער מיר זינד דיינע קינדר · מיר זינד דיינע שאף · דוא ביזט אונזער היטער · אונ דאביי שליסן ווען שוין דאס פייער אין גראסען גראד איז במה אקדם ה' זיכער פאטער מיט וואס קאנן מיר דיר דאנקן דאס דוא אונז די זכיה האסט געגעבן דאס מיר קאנען ערליכע יידן זיין אונ די הייליגע תורה מקיים זיין · נון דא אהנע היען איהר הערץ צמאה נפשי לאלקים איז · זעהר שטארק געליסט צו השי"ת · ווען מאן נאך דאצו זאלכע הייסע רירענדע רעד הערט · אום וויא פיעל מעהר ווירד ביא איהנן דאדורך פרגרעסערט דאס פייער פון די אהבת ה' · דאס איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק דאס איינר דען אנדערן אונטערשטיצט דאס זיא צוזאמן שירים ותשבחים זאגן ווייט גרעסר באיכות אהבה אלם פריעהער · דען וויא מעהר · וויא גרעסער · דער קיבוץ פון יידן צוזאמן איז · זא ווירקט די קדושה פון דען קיבוץ רבים דאס התלהבות פון די אהבת ה' דער פלאם פון די ליעב צו השי"ת ביא איין יעדן בעזאנדער ברענענדער אונ גרעסר איז · אלם דאס פייער ווען זיא נור וועניג זינד ·

ווייל די מצוה פון עולה רגל זיין איזט נור צו פים צו געהן דאדורך

דאדורך דוויערט דיא צייט פון דיא נסיעה רייזע איינגע וואכן אונ דאדורך בעגעגענן אונ טרעפן זיך צו זאמן כמה רבבות אלפים מישראל פילע צעהנטויזענדע כולם אהובים כולם ברורים לעשות רצון קונם דיא אלע פייעריגע אמתדיגע ערליכע יידען זינד. אונ וועהרענד איהר גאנצע רייזע איז נור איהר בשעפטיגונג בקרבת אלהים ודביקתם כו זיך אן השי"ת אונ זיין תורה צו בהעפטן [אונ איהרע גראסע אהבה צו השי"ת איז איהנן גורם אונצופרידענהייט דאס אימער איהרע געדאנקן זינד מתי נזכה שיגיעו מעשי למעשי אבות עולם ווען ווערדן מיר זוכה זיין דאס אונזערע מעשים טובים גרייכן ווערדן צו דיא מעשים טובים פון אונזערע אבות] דאדורך ווען דיא צייט פון תפלה וקריאת שמע קאמט. אזו זעהט איין יעדער ביא זיין חבר זיינע פיהרונג. זיינע פייעריגע יראה. אונ וויא ער מדקדק איז ביא דען קיום המצות. עד שמכח כל עצמותיו תאמרנה אדם מניחו בזויות זו ומצאו בזויות אחרת. אונ ווען זיא תורה לערנן אזו זינד זיא זעהר וייט פון גאוה. פון תפארת. נור הכנעה אונ שפלות דעמיטטיגונג אונ נידריגקייט. אזו דאס איין יעדער דיבור תורה וואס זיא רעדן איז נור לכבוד שמו וועגן השי"ת. אונ דיא כוונה פון איין יעדן איז נור זיין חבר מעמיד על האמת צו זיין. דען אמת צו פערשטעהן צו געבן. אונ דאדורך זינד זיא זוכה דאס השי"ת איז זיא חונן דעת אונ איז מאיר עינים שלהם ער לייכט איהרע אויגען. דאס זיא משיג זינד ערלאנגן אין דיא תורה השגה נפלאה איין זעהר וייטען בעגריף. צו זאלכע דברים שלא שמעת אוזן מעולם וואס דאס אוהר פון איין מענשן נאך ניכט געהערט האט. אונ דיזעס פעראורזאכט אונ טראגט זעהר פיעל ביא דאס איהר אהבת ד' זעהר פיעל פערגרעסערט ווירד. אונ איהר שולחן איז ניכט נור איין דוגמא פערגלייך פון איין מזבח. זאנדערן איין מזבח זעלבסט. אונ איהר אכילה איז ניכט וויא חטאת ואשם זאנדערן וויא איין קרבן עולה וואס כולו כליל להי' וואס גאנץ צו השי"ת געאפפערט איז. ווען איין יעדער פון זיין חבר זאלכעם זעהט. זא וויינט זיין הערץ צו השי"ת מיט גרום חשקות אונ לוסט ווען ווערדע איך זוכה זיין צו קאמן אויף אזו מדריגה דאס אויך מיין עבודה זאל אזו אמתדיג אונ פייעריג זיין. נון ווען דער תואר ודמות געשטאלט אונ

# כלל י שאלה ק

פארם פון דעם קיבוץ פון די נסיעה װעהט אזו אום אין די ערשטע װאך. װיא װירד איהר דמות אונ מראה אונ יופי תפארתה פרעכטיגע שאנהייט זיין אין די צװייטע דריטע אונ פירטע װאך ביז זיא אין גבול ירושלים איינטרעפן װערדן. װען זיא אויף אזו ארט מיט זאלכע בעשעפטיגונגן צוזאמען רייזן. זא װירד יא איהר מדריגה אזו װייט קאמן דאס זיא פערדינן װערדן דעם טיטעל כולך יפה רעיתי ומום אין בך וכעדר הרחלים שעלו מן הרחצה וכו׳. נון װען אנשים כאלו פערװיילן אין ירושלים איין צייט לאנג [דען װען אויך דאס די מצוה פון עולה רגל איז נור איין שולדיגקייט סוכות אליין אין ירושלים צו זיין. אבער מי הוא זה ואיזה הוא דאס איהם זיין הערץ ניכט בעװיליגן זאל דאס ער ר״ה װיו״כ װייל זיא ימי הדין אונ ימים נוראים זינד שאן דאמאלס אין ירושלים צו זיין] אונ בעטראכטן זיך הודה והדרה ויפיה דאס מאן געפינט אין איהר פיער הונדערט אונ איין אונ אכטציג בתי מדרשים װיא תורה ברבים געלערנט װירד. שמונים אלף פרחי כהונה װאס משרתים אין בהמ״ק זינד. װיא אויך די צעהן נסים הנעשים אין בהמ״ק. ועל כולם דאס זיא זעהן אן יו״כ דעם חוט השני דער װייס געװארדן איז. דאדורך מאן איבער צייגט איז דאס מיר מרוצה אונ בנים אהובים למקום זינד בעליבט צו השי״ת. אונ װערענד די צייט פון די תפלה אין בהמ״ק זעהן זיא זיך זעלבסט מיט איהרע עיני הבשר עומדים צפופים ומשתחוים רוחים װען אויך דאס זיא זעהר ענג אונ געדרענגט שטעהן. דענאך ביי איהרע תפלה װען זיא זיך גאנץ נידער לעגן. האבען זיא פלאץ אונ רוים גענוג. איז דען דאמאלס מעגליך דאס די התלהבות פון אש אהבת ד׳ אין דעם הערץ פון איין יעדן בעזאנדער זאל זיך נור צינדן אחת אחת. מעט מעט איינציגװייז — זאנדערן עס איז יא געװיס דאס דער גודל אש התבערה בוקעת כל הלבבות בפעם אחת. דאס דאס גרויסע פייער אין איהרע הערצר אויף איינמאל אויף פלאמט. װען ער אויך פריער איין לב האבן שטיינע הערץ האטע. דאס ער מוס װערן צערבראכן אונ צערשפליטערט כשבר נבל מפחר הדר גאונו׳

נון װען ער מיט אזו אהבה װאס עזה כמות איז. אונ מיט אזו הערץ דאס די חולת אהבה אזו װייט געהט דאס נפשו יצאה בדברו זיך

זיך משתחוה איז מיט פישוט ידים ורגלים צו דיא עבודה . וואס איז דאמאל פון השי"ת זיין פערלאנגן . וואס איז זיין תפלה . גיב מיר דיא זכייה בעגינסטיגע מיך דאס איך כל ימי חיי ניכט נור דיא מדריגות אהבה וואס איך האבע יעצט צו דיר . דאס זיא נימאלס פערקלענערט אונ פערוועניגערט ווערדען זאל . זאנדערן דאס דוא מיר געבען זאלסט איין לב פתוח איין אפענעם הערץ . אונ מיר מיינע עיני השכל צו עפענען דאס איך זאל משיג זיין השגה אחר השגה אונ מיין עבודה אונ קיום המצות זאל תמיד זיין בבחינות גדלות . אונ דא השי"ת איז קרוב לכל קוראיו לכל אשר יקראהו באמת זא ווירד יא געווים זיין געזוך אונ זיין פערלאנגן באלד בעוויליגט אונ בעשטעטיגט . נון בייא זיין צוריק רייזען איז ניכט דיא שיבה וויא דיא ביאה זיין צוריק געהן וויא זיין היען געהן . דען דורך דיא גרוסע השגה אין אהבת ה' ולתורתו דיא ער האט זוכה געוועזן צו ערלאנגן וואס דאדורך זיין נפש נתעלה ערהויבן געווארדן איז . אונ זיין גוף דער פריער מגושם פערגרעבט וואר . זעדר פיעל נכנע געדעמיטיגט אונ זעהר וויט נזדכך טעסטעלירט אונ נתקדש געווארדן עד שנהפך לאיש אחר ופנים חדשות באו לכאן ער איז גיט מעהר דער יעניגער וואס ער פריהער וואר - דאס פעראורזאכט (בייא אידם ווען ער פון דען פערפלאסענן רגל ביז צום קינפטיגן יושב בביתו איז) אונ ווירקט דאס זיין עבודה אין היניזיכט קיום המצות פון נון אן זעהר תמה גאנץ אהנע פעהלער איז . אונ זיין תפלה זכה וברה לויטער אונ ריין אהנע פרעמדע גדאנקן אונ רצויה איז . אונ זיין לימוד התורה זעהר נתעלה איז . אונ דאס ער אוף זיך משגיח איז דאס אלע זיינע שריט אונ בוועהגונגן אב געוואגן אונ אב געמאסטן זיין זאלן נור על פי דרכי התורה והיראה אונ דאס ער ניכט נור זעהר גענוי אכט געבן זאל אויף פתיחות פיו ומוצא שפתיו אוף זיין רעדן . זאנדערן אוף זיינע מחשבות דאס ער דובר אמת בלבבו זיין זאל . נון ווען ער דיא גאנצע צייט פון סוכות ביז פסח אוף דיזע ארט עובד ה' איז . דא השי"ת האט מבטיח געוועזן אדם מקדש עצמו מעט מקדשין אותו הרבה נון ווען איין מענש זיך מקדש הרבה איז . וויא פיל איז איהם השי"ת דאמאהלס מקדש . קאן מאן שוין זעלבסט פערשטעהן

# כלל י שאלה ק

כַּיַד הַמֶּלֶךְ -- אוּנ וֶוען פְּרוֹס הַפֶּסַח קָאמְט דָאס אִיז דִיא צַייט וָוא מַאן וִוידֶר עוֹלֶה רֶגֶל אִיז . מִיט וָואס פִיר אַיין יוֹפִי אוּנ מִיט וָואס פִיר אֵיין הַדְרַת תּוֹאַר פָּנִים קָאמְט עֶר דַאמָאהלְס לִרְאוֹת פָּנִים -- אוּנ אַזוֹ וִויא עֶר הֵיילִיגְט זַיין בִּנְיַן הַגּוּף דוּרְךְ דֶעם קִיוּם תרי"ג אוּנ טוּהט זִיךְ מֵכִין זַיין דָאס עֶר פֶעהִיג אִיז מְקַבֵּל צוּ זַיין קְדוּשָּׁה אוּנ הַשָּׂגוֹת הַתּוֹרָה דַאס השי"ת אִיז צוּ פְרִידֶן אוּנ הָאט נַחַת רוּחַ מִיט דִיא רְאִיָה דַאס עֶר אִיהְם אִין אַזוֹ חָשׁוּב מַרְאֶה זֶעהְט . אַזוֹ אִיז עֶר גֶעווִיס זוֹכֶה לִרְאוֹת דַאס אִיהְם השי"ת מוֹסִיף אִיז הַשָּׂגָה אוּנ קְדוּשָּׁה דֶען תַּיַר ה' תִּקְצָר -- נוּן וֶוען פֶערְמֶעג דֶען עֶרֶךְ פוּן דִיא קְדוּשָּׁה אוּנ הַשָּׂגָה דִיא עֶר יֶעצְט נִתְגַדֵל פַארְגְרֶעסֶערְט אִיז גְוָוארְדֶן אוּנ דַאדוּרְךְ זַיין אַהֲבַת ה' נִתְרַבֶּה פַארְמֶערְט אִיז גֶעווָארְדֶן . לֶעהְרֶנְט עֶר תּוֹרָה אוּנ אִיז מְקַיֵים זַיינֶע מִצְוֹת . וִויא וַוייט גֶעדְט דַאמָאהְל זַיין עֶרֶךְ פוּן צְדָקוֹת אוּנ זַיין עֶרֶךְ פוּן הַשָּׂגוֹת הַתּוֹרָה . פִיעל מֶעהְר וֶוען עֶר אוֹיף דִיזֶע אַרְט מַתְמִיד בַּעֲבוֹדָתוֹ פְלֵייסִיג אִיז זַיין עֲבוֹדָה אִיז אוּנ דַאדוּרְךְ אִימֶער הָלוֹךְ וְגָדוֹל אִיז . בִּיז דִיא צַייט פוּן סָמוּךְ לַשְׁבוּעוֹת קָאמְט זָא ווִידֶער דִיא מִצְוָה פוּן עוֹלֶה רֶגֶל קָאמְט . אוּנ ווַייל עֶר שׁוֹן יֶעצְט מִיט אֵיין וַוייט גְרֶעסֶערֶע הַכָּנָה קָאמְט לִרְאוֹת . זָא וִוירְד יַא גֶעווִיס דַאס וָואס עֶר קָאמְט לִרְאוֹת אוֹךְ ווַייט גְרֶעסֶער אוּנ מֶעהְר זַיין .

נוּן בֶּערֶעכֶנְע דִיךְ דַא בֶּאֱמֶת דִיא הַשָּׂגוֹת הַתּוֹרָה אִיז אֲרוּכָּה מֵאֶרֶץ מִדָּה וּרְחָבָה מִנִי יָם וֶוען אֵיין מֶענְשׁ אִיז זוֹכֶה דַאס עֶר אוֹיף דִיזֶע אַרְט פַארְלֶעבְּט זַיינֶע זִיבְּצִיג יָאהְר . וִויא פִיהְל מַעֲשִׂים טוֹבִים הָאט עֶר אִין כַּמוּת אוּנ וִויא פִיהְל אִין אֵיכוּת . דוּרְךְ זַיין אַהֲבָתוֹ הָעַזָה אֶל ה' . וִויא וַוייט אִיז זַיין גְדוּלָה אוּנ זַיין מַדְרֵיגוֹת נְשָׁמָה אִין דִיא יְדִיעוֹת הַתּוֹרָה אִין נִגְלֶה . אוּנ וִויא גְרוֹס אִיז זַיין הַשָּׂגָה אִין סוֹדוֹת הַתּוֹרָה וְרָזֶיהָ . נוּן וֶוען אֵיין מֶענְשׁ דֶער אֵיין יְרֵא ה' בֶּאֱמֶת אִיז אוּנ עֶר וֵויס בַּייא זִיךְ דַאס עֶר מֶעכְטֶע גֶערְן אִימֶער דֶעם ווִילֶען פוּן השי"ת טוּהְן . אוּנ אִין גֶעווִיסֶע צַייטֶען וֶוען עֶר מִמְרָא דְחוּשְׁבְּנָא אִיז לְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו מַאכְט עֶר זִיךְ הַסְכָּמוֹת נוּר אִין אֱמֶת וֶועג צוּ גֶעהְן וּלְתַקֵן מַעֲשָׂיו הֵן אִין לִימוּד הַתּוֹרָה דַאס עֶר נוּר לֶערְנֶען וִויל לִשְׁמָהּ וֶועגֶען יִרְאַת שָׁמַיִם הֵן בְּעִנְיָנֵי הַתְּפִלָּה דַאס עֶר זָאל וֶועגִינְסְטֶענְס נִזְהָר זַיין דַאס עֶר זָאל קֶענֶען דַאוֶונֶען -- מִיט

כוונת

כוונת פירוש המלות . וויא אוך דאס ער מעכט געהרן אלעם מעגליכע טוהן דאס ער זיך בעסערן אונ פרפיינערן זאל אין מידות . קיין גאוה . קיין כעס . קיין אהבת הכבוד . קיין אוהב בצע ורדיפות הממון יותר מדאי . וויא אויך ענין שמירות הברית ועינים אונ פה ולשון דאס אינצעהליגע מאל דאס ער אוף זיך גענאמן האט אוף דען אלען אכט צו געבן . אונ דעננאך אין איין קורצע צייט ווירד ער נכשל אוף זאלכם ווידער עובר צו זיין עד שלבו עליו דוי ונפשו עליו תאבל דאס זיין הערץ דאריבר פרצאגט איז אונ זיין נשמה דארויף טרויערט אונ זאגט וויינענד מה יהיה בסופי וואס ווירד מיין סוף זיין - דא שאהן מעהר אלס מיינע העלפטע יאהרן פאריבר זינד . אונ ווען ח"ו מיינע איבריגע יאהר זאלן אוך נור אזו פאריבער געהן אלס וויא דיא ערשטע . מר לי מר . איז מיר זעהר ביטער ומה אעשה לנפשי העליבה מיט וואס ווערדע איך מיין ארמע נשמה קאנן פרזארגען באורחא רחיקא אם זוודא קלילא דא דער וועג זעהר וייט . אונ צדה לדרך נאך וועניג איז . אונ דיא סיבה פון דען אלען איז דאס מיר אויף אדמת נכר ארץ הטמאה אין איין פרעמדעם אונרייןם לאנד זינד . אונ ציון דורש אין לה . וייל דער אמת נעדרת איז . אונ דיא חנופה אונ שקר האט איבערהאנד גענאמן . אונ זאלכע תלמידי חכמים דיא זיך בעשטרעבן זאלן לשם שמים דיא מענשן צו ערוועקן אונ צו ערמינטערן . זינד זעהר וועניג אונ דאצו טרדות הזמן צו זוכן טרף אונ פרנסה פיר זיין הויז . דען ווען ער העטע זוכה געוועזן צו זיין אין דורות ראשונים בחברת צדיקים צווישן תלמידי חכמים אנשי אמת דאס זאלכעם צוזאמן קאמן העטע ביא איהם געווירקט דאס ער דאדורך העט זיך זיינע מעשים בעטראכט דאס ער נאך זעהר וועניג צום שלימות געטוהן האט . אונ העט זעלבסט איינגעזעהן דאס ער איז שולדיג צו זארגן אונ זיך מטריח צו זיין מוסיף והולך צו זיין צו תורה אונ יראה . פילמעהר להשתחוות על רצפת עזרה אונ אום צו גיסען זיין הערץ לפני אביו שבשמים במקום המקודש . כמה ימים היה לי שהיה שלי ממש וויא פיעל טעג פון מיין לעבענס יאהר העטע איך דאדורך מעהר אייגען געהאט אלס יעצט . אונ נור על דברים באלו הוא . עיקר בכייתו וצערו ואבלו ווען ער מאכט

תיקון חצות אונ איז מקונן אוף חרבן ירושלים . דאס איז דער ערשטער וועג וואס ער איז גוט ומובחר . דער אנדערער דרך איז דאס נור איהר צער אונ מרויער אויף דען גלות אונ האפן אוף די גאולה פון משיח . איז נור דא זיא זיך יעצט זעהר עלענד אונ געדריקט זעהן אין אלע הינזיכטן פון ענייני עולם הזה אונ דאמאהלס ווערן זיא שלוה אונ הצלחה אונ גדולה וכל טוב האבן . דאס ווארטען אונ די האפנונג אוף משיח אוף דיזער ארט . איז זעהר געמיין דאס ער אזו געמיין אין פערשטאנד אונ אונוויסענד איז דאס ער זיך בעקימערן זאל דאס דאס דור אזו פערארמט איז . די תורה איז נתמעט . דער אמת איז נעדרת . דאס עזות אונ חוצפא האט איבער האנד גענאמן . קיין מנהיג . קיין מוכיח איז דא דער אמתריג אונטערריכטן אונ אונטער ווייזן זאל . אונ דאדורך זיין תיות בעולם הזה דא עס נור באמת איז וועגן ער זאל זיך קונה זיין חיי נצחיי פערפליסן זיינע יאהר לריק ולתוהו ולהבל - אונ ניכט נור כאשר בא בן ילך וערום ישוב שמה ער איז נאך מעותד ביים יום הדין הגדול צו זיין לחרפות ולדראון עולם . דיזעם אלעם אינטערעסירט איהם ניכט דאס ער מיט איין לב נשבר וויינען אונ מתאבל זיין זאל - אבער וועגן די צרכי הגוף הכלה והבלה דאס זיא איהם פעהלן . מאכט ביי איהם מעהר איינדרוק -- אויף זאלכע האט דער נביא מקונן געוועזן ראה ה׳ והביטה כי הייתי זוללה .

נון דאס מיר שאהן אזו וויט שחה לעפר נפשינו זינד . איז שוין צייט קומה עזרתה לנו :

## שאלה קא

וועלכעס זינד די זאכען וואס מיר זיך טרעסטן קענן דורך איהנן די גאולה שלימה באלד צו ערלאנגען :

## תשובה

ווען אויך דאס שטאנד פון אונזער דור אין דער יעציגן צייט זעהר געמיין אונ ארעם איז . אונ אין פילע געגענדן אויך עלענד אונ פינסטער איז . האבן מיר דאך אונזערע האפנונג ניכט פערלוירן דאס השי״ת וועט אונז העלפן ווירד אונ העלפן מוז . דאס מיר דען בטחון צו די ישועה האבן וועגן דריי זאכן

נור

נור דאס איין יעדר מבין וזוהע פרשטענדיגער שולדיג איז איין יעדן פון דען המון עם אויף צו קלערן אונ צו פרשטעהן געבן זאל וויא גרוס דיא עת צרה הייטע איז דאס דער סט"א אויף איהרן לעבן דאס חיי נצחיי לאז געהט . אונ דאס דיא הייטיגע צייט דיא וואהרע גזירות שמ"ד איז . אונ ווען שון דער המון עם זאלכעס פרשטעהן אונ וויסן ווירד . ווירד ער געוויס אלעס זעהן צו טוהן וואס נור אין זיין מאכט שטעהט זאלכעס צו פ"היטן . אונ וויל השי"ת כביר לא ימאס איינע זאלכע תפלה וויא רבים דאביי א בעטייליגט זינד ווא דאס געשרייא פון רוב עם קאמט . ווירד ניכט צוריק געוויזן . דאריבער איז איין שולדיגקייט עם זאלן אין איין יעדן ארט צוזאמן קאמן אין איהרע בתי כנסיות אנשים ונשים בחורים וזקנים וואס זאלן מתפלל זיין איין יעדר נאך זיין פרשטאנד . אונ מעמקי לבבם פון טיפונג זיין הערצן וויינען דאס דיא הייליגע תורה וואס שוין פילע טויזענדע יאהרן ביי א אונז יידען איינע ירושה איז . ניכט פרקלענערט אונ ניכט פערוועניגערט ווערדן זאל . אונ דא דיא תורה שרייבט מי כה' אלהינו בכל קראינו אליו . פיעלמעהר איין תפלות רבים וואס פון אלפי רבבות הייסע טרערן דורך געווירקט איז דאס זיא געוויס ניכט חוזרות ריקם זיין ווירד לעהר צוריק געהן ווירד כי שערי דמעות לא ננעלו דיא טויערן פון טרערן זינד ניכט פערשלאסן . דאס איז דאס ערשטע .

וויל מיר יידען זינד געגליכן צו איין געפן ווינשטאק . אונ דער טעם דאפון איז וויא דער ווינשטאק ווען גלייך דאס ער איין חיות בעזיצט נעמליך דעם כח הצומח דען קראפט דאס ער וואקסט אין זיך האט . דענאך איז ער געשטיצט אויף דיא טויטן נעמליך דאס ער ווירד געבינדן אויף איין שטעקן וואס שוין אבגעשניטן איז אונ קיין חיות אין זיך האט אונ ניכט מעהר פון דיא ערד יונק איז זוינט . אזו זינד אוך דיא ישראל דאס איהר שטיץ אונ סמיכה איז אויף דען זכות פון דיא צדיקים דיא וואס שוין לאנג געשטארבן זינד דאריבער זאל מאן געהן אונ זיך נידער ווערפן אויף דיא קברים פון דיא צדיקים מפורסמים [דא דיא צדיקים ווען זיא געשטארבן זינד נייט גרעסר אונ חשוב זינד ביי א השי"ת אלס וויא ביי א איהרן

# כלל י שאלה קא

לֶעבְּן) דַאס זִיא מְעוֹרֵר רַחֲמֵי שָׁמַיִם זֵיין זָאלֶן מִיט אִיהְרֶע תְּפִלָּה
דַאס יִידִישֶׁע קִינְדֶר פוּן דִיא זֵאבֵי עֶרֶב אָבֶּעגְד וֶועלְף שְׁלוּחִים פוּן
סט״א נִיכְט הִיעֶן גֶערִיסֶן וֶוערְדֶן זָאלֶן. אוּנ דַאס זִיא פָאר הַשי״ת
מַזְכִּיר זֵיין זָאלֶן דַא אַבְרָהָם אָבִינוּ כָּל יָמָיו זִיךְ בֶּעמִיהְט אוּנ גֶערֵיְזָאגְט
דָאט הָעם כְּבוֹד שָׁמַיִם אוּנ כְּבוֹד הַתּוֹרָה צוּ פַּרְגְרֶעסֶערְן אוּנ צוּ
פֶערְמֶעהְרֶן. אוּנ אַזוֹ גְרָאס וָואר בֵּייא אִיהְם דִיא אַהֲבַת ה׳
דַאס וֶועגְן דִיא מֶענְשֶׁן צוּ אוּנְטֶערְרִיכְטֶען דִיא וַואהְרֶע אֱמוּנָה אוּנ
דַת. הָאט עֶר צְוֵוייא מָאהְל מוֹסֵר נֶפֶשׁ גְוָועזְן. בֵּיים כִּבְשַׁן הָאֵשׁ
אוּנ בֵּייא מִלְחָמוֹת הַמְּלָכִים. נוּן זָאל דֶעוְ נִיכְט זֵיין זְכוּת הַיְענִלֶעגְלִיךְ
אוּנ אַזוֹ פִיעל זֵיין דַאס עֶס בֵּייא שְׁטֶעהְן זָאל זֵיינֶע קִינְדֶר דַאס זִיא
נִיכְט מִיט פִיסֶען גֶעטְרֶעטֶען וֶוערֶדֶן זָאלְן אוּם אִיהְנֶן פוּן דִיא הֵיילִיגֶע
תּוֹרָה צוּ פֶערְפִירֶן. זָאל דֶען מֶסְגְלִיךְ זֵיין דָבָר שֶׁנִּצְטַעֵר בּוֹ אוֹתוֹ
צַדִּיק יִכָּשֵׁל בּוֹ זַרְעוֹ חָלִילָה. דַא עֶר כָּל יָמָיו זִיךְ בֶּעשְׁטְרֶעבְּט הָאט
אוּנ זִיךְ מְבַטֵּל גְוֶועזְן. אוּנ זֵיין נְשָׁמָה מְקַצֵּר גְוֶועזְן פוּן הַשָּׂגוֹת הַתּוֹרָה
אוּם דַאדוּרְךְ פִילֶע מֶענְשֶׁן הֶעוְ אֶמְתְרִיגְן דַת אוּנ דִיא יִרְאָה אוֹיךְ
צוּ קֶלֶערְן גֶעבִּיהְרְט זִיךְ יַא דַאס עֶס זָאל נִיכְט קָאמֶן אַזוֹ צֵייט דַאס
זֵיינֶע קִינְדֶר וֶועגְן חִסָּרוֹן פוּן מַנְהִיגֵי אֻמָּה אִין תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם
פֶערְאָרְמְט וֶוערְדֶן זָאל.

וִויא אוֹיךְ דֶען רוֹעֶה נֶאֱמָן רַבָּן שֶׁל יִשְׂרָאֵל
מְעוֹרֵר צוּ זֵיין מִיט דֶען וָוארְט. מֹשֶׁה אוּנְזֶער טְרֵייֶער
רוֹעֶה. דַא דֵיינֶע אַהֲבָה צוּ יִשְׂרָאֵל אַזוֹי גְרוֹיס וָואר דַאס אוּם
דַאס זִיא זָאלֶן נִיצוֹל וֶוערְדֶן פוּן מִיתָה. הָאסְט דוּא וֶועגְן אִיהְנֶן
צְוֵוייא מָאל מוֹסֵר נֶפֶשׁ גְוֶועזְן מִיט דֶען וָוארְט מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ
הָרְגֵנִי נָא הָרוֹג. וֶוען אוֹיךְ עֶס אִיז נוּר גְוֶועזְן אֵיין מִיתוֹת עוֹלָם
הַזֶּה. אֵיין מִיתָה זְמַנִּיּוֹת. (אוּנ וִויא דֵיין זְמַן פְּטִירָה אוּנ סִילוּק אִיז
גֶקָאמֶן אוּנ דוּא הָאסְט פָאר אוֹיס גֶעזֶעהְן דִיא צֵייט פוּן אַרִיכוּת הַגָּלוּת
הָאסְט דוּא מִתְפַּלֵּל צוּ הַשי״ת גֶעוֶועזְן מִיט דֶען וָוארְט הַגִּידָה לִּי
שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי אֵיכָה תִרְעֶה. ר׳ בֶּרֶכְיָה אָמַר הוֹדִיעֵנִי מַה רוֹעִים
תַּעֲמִיד עֲלֵיהֶם בִּימֵי מַלְכִיּוֹת מַאכְּע מִיר צוּ וִויסֶען וֶוערֶענֶע דֶען
פִינְסְטֶערֶן גָלוּת. וָואס פִיר אֵיין מַנְהִיגִים דוּא אִיהְנֶן זֶעצֶן אוּנ גֶעבְּן
וִוירְסְט. נוּן דַא מִיר אִין דֶען דוֹר הָאַחֲרוֹן זֶעהְר פֶערְאָרֶמְט זִינְד.

צדיקים

צדיקים אנשי אמת זעהר וועניג - דיא תורה איז פערבראכט . אונ נאך שלעכטער דאס ביא פילע מנהיגים מרביצי תורה . לילית הרשעה קליפות נוגה זיך מיט איהנן פעראייניגט האט . דיא תורה מיט חכמות זרות גוישע ביכער אונ לשונות העמים גוישע שפראך צו פרבינדן וואס זאלכעס נאך ווייט ערגער אונ שלעכטער איז אלס מאן העטע קיין תורה גאר ניכט געלעהרנט . אונ ווענן דען הבל פיו פון תינוקת של בית רבן דיא וועלט צו גרונד געהן מוס . דען ווער זינד איהרע מורים איהרע לעהרערס -- ווייל ווער איז דער משגיח אונ מורה אוף איהרע מורים -- אונ עס גיבט אויך מקומות ווא איהרע מנהיגים רעים זעהן פילעס צו טוהן בפועל אונ בקום ועשה דאס זיא דיא תורה אונ יראת האמת פרגעסן מאכן זאלן . ניין דא עולמית דיין תפלה וואר וויא איין צווייא שניידיג שווערט דאס עס פילעס דורך געבראכן האט . ניין איז דיא פראג דא דיא עהרנסטע קינדר פון אברהם יצחק ויעקב . דיא תורה אונ יראת שמים טרייא בלייבן ווילען . זיך זעהן אין איינע גרוסע צרה אונ מבוכה אונ הושך ואפילה . וויא זינד דיא פירות דיא פריכטן פון דיין תפלה אוף אונז האס תמנו לגוע -- זאלן מיר דען גאנץ פערלארן זיין חלילה -- דיא תורה האט יא מבטיח גוועזן לא תשכח מפי זרעו . כי שחה לעפר נפשינו קומה עזרתה לנו! ניין דא יעצט בעקבות משיחא דיא מנהיגים רעים פון ערב רב מאכן אלער האנד סיבות יידישע קינדר צו פרפירן פון דיא היילינגע תורה אונ דאדורך צו פעראוהרזאכן איהנן אונ איהרע קינדר איין מיתות עולם הי"ו .) ווארום ביזט דוא

דיך

---

.) דיא משנה ערצעלט ווייל זיך איינמאל ערייגנט האט דאס וועלף אין דיא מדינה פון עבר הירדן צווייא קינדר אוף געפרעסן האבן . זא האט מאן וועגן דען גוזר תענית גוועזן . דא זיא נור האבן פערלארן איהר חיי עולם הזה וואס נור איין חיי שעה איז . האבן זיא דאך איינגעזעהען דאס עס איין רעה אונ צרה איז . אונ פערדינט דאס מאן דאפיר גוזר תענית זיין זאל --

ליידער ליידער . דא מאן זעהט אין מאנכע געגענדען טאג טעגליך וואס דיא חיות רעות נביאי שוא יידישע קינדער פערפירן אונ איהנן פעראורזאכען איינע מיתה נצחיות . אונ נאך דאצו דאס דיא מכה איינע מכה מהלכת איז : איינע מכה וואס ווייטר געהט אונ צינדעט . וויא פיעל תעניתים

זינד

# כלל י שאלה קא

דיך ניכט משתתף בצערינו האסט ניכט מיטליידונג מיט אונזר צער דא אונז וואהל בעקאנט איז דאס דיין אהבה צו יודישע קינדר נאך ניכט פערלאשן איז. דאס דוא מבקש רחמים זיין זאלסט אויף די שארית הפליטה איבער רעסט. דא שאהן ליידער פילע מקומות זינד וואס וועגן דען אריכות הגלות אונ בעזאנדערס מאשריך מתעים שלעכטע פיהרער. וואס שוין ביי איהנען די גאנצע יודישקייט כמעט פערגעסן ווארדן איז.

וויא אויך זאלסט איהר מעורר זיין די היילגע תורה ווארום האט זיא דאמאהלם אין די עת צרה פון המן זיך אין בגדי אלמנות געקליידעט אונ האט איהר קול ערהאבן מיט גרוס וויינען דאס דאדורך האבן זיך אויך די מלאכי שרת מעורר געוועזן צו וויינען מיט דען ווארט ווען ישראל זאלן בטל ווערדן צו וואס זאלן מיר אויף די וועלט זיין. וויא די חמה אונ לבנה האט זאלכעס געהערט חגרו שקים ונתנו קולם בבכי. שמים וארץ האבען געטרויערט מיט דען ווארט זאלען דען ישראל זיך אויף הערען. די וואס עס געהן ממקום למקום תורה לערנן אונ זיין סובל פיהלען דריק אונ צרות דאס זיא שבת געהעריג האלטן קענן זאלן -- וויא אויך זיין זיא סובל וועגן מצות מילה] אונ ווארום קאן זיא יעצט אונזער גרוסן עלענד רוהיג צו זעהן. דא מיר וועהרענד די גאנצע צייט פון אכטצעהנהונדערט יאהר וואס מיר אין דען ביטערן גלות זינד. וויא פיהל גרוסע שוואלן. וויא פיהל דאנער אונ בליטץ. וויא פיהל גרוסע שטורם ווינדען די איבער אונז אריבער גגאנגן זינד. דאס הייסט ניכט נור דורך יסורים אונ צרות האט מאן ביי אונז געוואלט ווירקן די תורה צו שוואכן. אונ מיר זינד אבער דאך ביי אלען די יודישקייט טרייא געבליבן. זאנדערן אוך וויא פיהל מזבחות. וויא פיהל עקידות פון אונזער בלוט אונ פלייש פון אונזערע קינדר. האבען מיר געמאכט

וועגן

זינד מיר שולדיג אויף די צרה גדולה גוזר צו זיין. וועהע אונ אך אונזער דור דאס זעלבסט די יראי השם זינד מעלים עין מאכן זיך ניכט זעהן. אונ לעגן די האנד אויף דען מויל. עס ווירד אבער באלד די צייט קאמן וויא דער דורש דמים אותם זכר. ודם עבדיו יקום --

וועגן די יידישקייט דאס זיא ניכט פערקירצט ווערדן זאל וויא דער פסוק זאגט כי עליך הורגנו כל היום . כל זאת באתנו ולא שכחנוך . נון האבן מיר דען ניכט פערדינט דאס אין די הייטיגע עת צרה דאס דוא דיך אונזערער אנגעהמן זאלסט . מיט אלען מעגליכן ביהילפיג צו זיין . וועין דאמאלס דאס זיא נור זיבציג יאהר אין גלות וואהרן פערמישט צווישן די אומות . אונ האבן נאך געהאט נביאים וואס האבן זיא מדריך געוועזן . האסט דוא דאך אויף זיא אין די עת צרה ממליץ געוועזן דאס זיא פילעס סובל זינד וועגן שבת אונ מילה אד"ג . בעטראכטע הייטע אונזער דור יתום וויא די יראת שמים איז פערראכטעט . מוסרים ואפיקורסים זינד זעהר פיהל . אונ מנהיגי אמת זעהר ווייניג זינד . אונ ביא דען אלען דריק זינד יידישע קינדער דאך לומדת יראתך וטועגת עולך . ווען אויך דאס זיא דאדורך מרוטת לחי ונתונים למכים . נון וויא פיהל המלצות געבוהרט זיך דאס דוא הייטע צו טאג אויף יידישע קינדער ממליץ זיין זאלסט . דאס איז דאס צווייטע .

(עיין ילקוט ישעיה סימן נ׳) אין די צייט ווען יידישע קינדער זיין אין איינע עת צרה זאגן זייא צו השי"ת טוהע אונז אום לעזן . זאגט השי"ת צו זייא איז צווישן אייך איין צדיק דער איין גרוסער ירא שמים איז . זאגן זייא אין די פריערינגע צייטן פון משה . פון יושיע . דוד . שמואל . הייטע אבער מחשבות לנו והולכת איז ביא אונז אין דער הינזיכט זעהר פינסטער . זאגט השי"ת האבט איהר בטחון אויף מיין הייליגן נאהמען דער ווירד אייך ביא שטעהן . דען איין יעדער דער וואס בוטח בשמי איז . וואס זיך אויף מיין נאהמען פערלאסט אני מצילו טוהע איך רעטען . עיין (ילקוט איכה) משה רבינו האט גזאגט צו השי"ת שמא אין חזרה לבנים פילייכט איז שאהן די האפענונג פון יידען פערלארען דאס זיא אין איהר לאנד צוריק געהן ווערדן . האט השי"ת גזאגט יש דור שמצפה למלכותו מיד הם נגאלים עס ווירד קאמען אזו דור וואס עהרנסט האפען אונ ווינשען ווירד דאס עס זאל שאהן ערהאבן ווערדן דער כבוד פון מלכות שמים . זא ווערדן זיא באלד ערלעזט ווערדן .

נון גדענק נור די דמעות וואס פרגאסען ווירד (תשעה באב

# כלל י שאלה קא

אונ (יוֹם כִּיפּוּר) פוּן דָעַן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. אונ פון יְחִידֵי סְגוּלָה אונ פון בְּנֵי עֲלִיָּה וָואס פֶערְגָאסֶן וֶוערֶן טָאג טֶעגְלִיךְ. אונ נוּר אום דִיזֶען גְרוּנְד דַאס דֶער כָּבוֹד הַתּוֹרָה אונ דֶער קֶרֶן הָאֶמֶת עֶרְהָאבֶּן וֶוערְדֶן זָאלֶן אונ דַאס זִיא דִיא זְכִיָּה הָאבֶּן זָאלֶן אוּנְגֶעהִינְדֶערְט השי"ת צוּ דִינֶען וִויא זִיךְ גֶעבִּיהרְט. דַא אִיהר גַאנְץ שְׁרֵייעֶן אונ וֵוייְנֶען הוֹשַׁעְנָא אִיז נוּר מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹקִים. וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ. נוּן דַא דַיין נָאהְמֶן אִיז אֲנִי ה'. אִיז דֶער זִין דַאס עֶר מְאַמֵּת דְּבָרָיו אִיז זֵיין וָוארְט בַּשְׁטֶעטִיגְט אונ טְרֵייא צוּ הַאלְטֶען טוּהְט. אונ וְדָבָר אֶחָד מִדְּבָרָיו לֹא יָשׁוּב רֵיקָם אונ אַלֶע זֵיינֶע צוּזֶעגְרוּנְג זִיךְ אֵיינְטְרֶעפֶען. נוּן דַא דוּא הָאסְט גֶעזָאגְט בִּמְחוּ בִּשְׁמִי. אונ הָאסְט אוֹךְ גְזָאגְט וֶוען עֶס ווירד קָאמֶן אַזוֹ דוֹר וָואס עֶס וִוירְד הָאפֶען לְמַלְכוּתוֹ. וֶוערְדֶן זִיא בַּאלְד עֶרְלֶעזְט וֶוערֶען. אִיז דֶען נָאךְ נִיכְט הִינְלֶענְגלִיךְ גֶענוּג אִין דֶען אֵיכוֹת אונ אִין דֶען כַּמּוֹת. דַאס גֶעשְׁרֵייא [וָואס עֶס קָאמְט צוּ דִיר מִכָּל פִּינּוֹת הָעוֹלָם פוּן אַלֶע עֶקֶען דֶער וֶועלְט וֶועגֶן תּוֹרָה. אונ עֲבוֹדָה. אונ אֱמֶת. וָואס הוּשְׁלַךְ אַרְצָה צוּ דִיא עֶרְד גֶעוָוארְפֶען אִיז וְעַל כְּבוֹד שִׁמְךָ הַמְחוּלָּל וֶועגֶן דֵיין נָאהְמֶען וָואס עֶנְטְוֵויהֶעט אִיז] דַאס דוּא זָאגֶן זָאלְסְט מַה קוֹל הַצֹּאן הַזֶּה בְּאָזְנַי. מִנְעִי קוֹלֵךְ מִבֶּכִי. הַאלְטֶע צוּרִיק דֵיין שְׁטִים פוּן וֵויינֶען. כִּי יֵשׁ תִּקְוָה לְאַחֲרִיתֵךְ. וְשָׁבוּ בָנִים לִגְבוּלָם. אִיהר הָאט גְרוֹס הָאפֶענוּנְג אִין אֵייעֶר לַאנְד בַּאלְד צוּרִיק צוּ קֶעהְרֶען --

## תם

---

הרוצה להשיג הספר **עת לעשות** כ' חלקים על ע"ט וגם **משכיל אל דל** ד' חלקים וספר **שירי משכיל** שילחו עד עתה מתחת מכבש הדפוס ישיגם אצלי תחת אדרעסע שלי:

**ברוך בענדיט ליכטענשטיין** אין **קאלאמעא**

כל ספר שאין עליו החתימה שלי לגניבה יחשב